STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11039

GESHIKHTE

Aleksei Isaevich Gukovskii

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אי. גוקאָווסקי אונ אָ. ו. טראַכטענבערג

געשיכטע

די עפּאָכע פונ פעאָדאַליזמ

לערנבוך פאַר דער מיטלשול

6—7 לערניאָר

2-טע אופלאגע

פונ רוסישנ לערנבוך, וואָס איז דערלויבט פונ דער קאָלעגיע
פונ פאָלקאָמבילד רספסר. איבערגעזעצט נ. ל ע וו י נ

דער טעקסט פונ דער איבערזעצונג איז באשטעטיקט
פונ פאָלקאָמבילד רספסר

פארלאג „עמעס“
מאָסקווע
1934

קאפיטל I

די אָפּשטאמונג פונעמ פעאָדאַליזמ אינ מײַרעוו-אייראָפּע

1. די צעפאַלונג פונ דער שקלאַפנ־באַזיצערישער אָרדענונג פונ דער רוימישער אימפּעריע

אינ די ערשטע יאָרהונדערטער פונ אונדזער צײַטרעכענונג איז דער גאנצער דאָרעמ אונ קימאט דער גאנצער צענטראַלער טייל פונ מײַרעוו־אייראָפּע, דאָס גאַנצע צאָפנדיקע ברעגלאַנד פונ אפריקע, סיריע, קליינ־אַזיע, טראַנסקויקאַז, מעסאָפּאָטאַמיע אַרײַנגעגאנגענ אינ באשטאנד פונ דער רוימישער אימפּעריע. אירע גרענעצנ האָבנ זיכ אויסגעשפּרייט פונ דעמ מײַרעוודיקנ ברעגלאַנד פונ די בריטישע אינדזלענ ביזנ פּערסישנ אײַנגוס אונ פונ גיבראַלטאַר ביזנ דניעסטער.

אינ וואָס פאַר א צושטאַנד האָט זיכ געפונענ אָט די ריזיקע שקלאַפנ־באַזיצערישע מעלוכע?

זי האָט איבערגעלעבט א ביז גאָר האַרבנ קריזיס.

אָנהייבנדיק פונעמ III יאָרהונדערט פילט זיכ אומעטומ א ווירטשאַפטלעכע ירידע, וועלכע לאָזט זיכ באַזונדערס מערקנ אינ די מײַרעוו־טיילנ פונ דער רוימישער אימפּעריע. עס ווערנ אָפּגעשוואַכט די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגענ צווישנ די פאַרשיידענע טיילנ אימפּעריע. עס ווערט אַלצ קלענער די באַוועגונג פונ די סכוירע־פּראַכטנ איבער די פּילצאָליקע רוימישע וועגנ. עס פאַרקלענערט זיכ שטאַרק דער האַנדלאומזאַצ. עס ווערט צעשטערט אונ עס פאַלט די געלט־צירקוליאַציע. דאָס שטאָטישע לעבנ שטאַרבט אָפּ. די באַפעלקערונג פונ די שטעט פאַרקלענערט זיכ, פיל אײַנוווינער גייענ אוועק אינ דאָרפ. די שטעט ווערנ פאַרוויסטעט. אומעטומ לאָזט זיכ מערקנ די ירידע פונ דעמ רוימישנ האַנדל. אינ גאַליע, אינ צאָפנ־אַפריקע, אינ גריכנלאַנד, אינ מאַקעדאָניע, אינ קליינ־אַזיע הייבנ איצט אָנ די רוימישע סאָכרימ, די אַמאָליקע מאָנאָפּאָליסטנ, צו שפּילנ אַלצ א קלענערע אונ קלענערע ראָליע.

די הויפּט־שטאָט פונ דער אימפּעריע — רוימ — הערט ביסלעכווײַז אופ צו שפּילנ די ראָליע פונ א קאָלאָסאַלנ אַדמיניסטראַטיוונ צענטער, פונוואַנענ ס'איז געגאַנגענ די אָנפירונג מיט דער גאנצער אימפּעריע. די באַפעלקערונג פונ רוימ ווערט אינ עטלעכע מאָל פאַרקלענערט. עס פאַלט אויכ די קולטורעלע באַדײַטונג פונ רוימ.

רוימ הייבט אָנ באַמערקבאַר פאַראָרעמט צו ווערנ. די הערשנדיקע קלאַסנ ווילנ זיכ פונדעסטוועגנ ניט אָפּזאָגנ פונעמ לוקסוס־לעבנ, און די רײַכטימער, וואָס זײַנענ געווענ אָנגעזאַמלט פונ דורעסדיקנ רויב, ווערנ איצט פאַרשווענדט אונ גייענ אוועק אָפּ צו באַצאָלנ פאַר די לוקסוס־זאַכנ, וועלכע מע שאַפט אײַנ געוויינלעכ אָפּ די

מיזרעכ־מערק. די מיטעלע שיכטנ פונ דער באפעלקערונג ווערנ אבער רוינירט. דער קריזיס לאזט זיכ פילנ אינ אלע געביטנ פונ געזעלשאפטלעכנ לעבנ. אומעטומ פילט זיכ א יערידע. „אנ אלגעמיינע פאראָרעמונג, א פארערגערונג פונ די פארקער־וועגנ, א יערידע פונ דער האנטווערקעריי, פונ דער קונסט, א פארקלענערונג פונ דער באפעלקערונג, א יערידע פונ די שטעט, א צוריקטריט פונ דער ערדארבעט אפ א נידעריקערער שטופע, — אט דאס איז דער ענד־רעזולטאט פונ דער רוימישער וועלט־הערשאפט״.

מיט די דאזיקע ווערטער מאלט ע נ ג ע ל ס דאס יערידע־בילד פונ דער רוימישער אימפעריע. די דאזיקע יערידע ווערט פארשנעלערט מאכמעס די שטענדיקע אופשטאנדנ פונ די שקלאפנ. די דאזיקע אופשטאנדנ זיינענ געווענ רעוואליוציעס, וואס פלעגנ צעשטערנ די שקלאפנ־באזיצערישע געזעלשאפט אונ פלעגנ אפרייניקנ דעמ וועג פאר א נייער געזעלשאפטלעכער ארדענונג. „די רעוואליוציע פונ די שקלאפנ האט ליקווידירט די שקלאפנ־באזיצער אונ האט אפגעשאפט די שקלאפנ־באזיצערישע פארמ פונ עקספלואטירנ די ארבעטנדיקע. אבער אנשטאט שקלאפנ־באזיצער האט זי אוועקגעזעצט לייבייגנטימער אונ די לייבייגנטימערישע פארמ פונ עקספלואטירנ די ארבעטנדיקע. איינ מינ עקספלואטאטערס איז פארביטנ געווארנ מיט אנ אנדער מינ עקספלואטאטערס. בא דער שקלאפעריי האט דער „געזעצ״ דערלויבט די שקלאפנ־באזיצער דערהארגענענ שקלאפנ. בא דער לייבייגנטימערישער ארדענונג האט דער „געזעצ״ דערלויבט די לייבייגנטימער „בלויז״ צו פארקויפנ די לייבייגענע״. *

קאלאנאט

מיט א באזונדער קראפט האט זיכ דער קריזיס פונ דער שקלאפנ־באזיצערישער ארדענונג געלאזט מערקנ אינ דער לאנדווירטשאפט. די אלגעמיינע ווירטשאפטלעכע יערידע, די צעשטערונג פונעמ האנדל אונ די פארוויסטונג פונ די שטעט פארשוועריקנ דעמ פארקויפ פונ לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטנ. די ריזיקע לאטיפונדיעס, וואס האבנ זיכ באזירט אפ שקלאפנ־ארבעט, הערנ אופ צו געבנ האכנאסע. איצט קאנ זיכ בארעכטיקנ בלויז א דריבנע ווירטשאפט. דעריבער ווערט איינ מאיאנטעק נאכנ צווייטנ צעטיילט אפ קליינע באלאקימ, אזוי־גערופענע „פארצעלעס״. די דאזיקע ערד־באלאקימ פארדינגט מענ פרייע יערושע־ארענדאטערס, אדער אזעלכע, וואס גיבנ אפ יערלעכ דעמ ערד־אייגנטימער א באשטימטנ טייל גערעטעניש. אפטער ווי אלצ ווערנ די פארצעלעס איבערגעגעבנ די ק א ל א נ ס. די קאלאנס זיינענ געווענ צוגעפעסטיקט צו דער ערד אונ מע האט זיי געקאנט פארקויפנ צוזאמענ מיט דער פארצעלע. די קאלאנס האבנ אבער געפירט זייער אייגענע ווירטשאפט אונ דערמיט האבנ זיי זיכ אונטערשיידט פונ שקלאפנ.

ווי ענגעלס זאגט, „האט זיכ די אנטיקע שקלאפעריי אויסגעלעבט״. די שקלאפנ־ארבעט פארלירט איר פריערדיקע באדייטונג. עס פארבייט זי אינ א באדייטנדיקער מאס דער קאלאנאט.

דער קאלאנאט האט איינגעשלונגענ ניט נאר די געוועזענע שקלאפנ. ער האט

---

* פונ כ׳ סטאלינס רעדע אפנ I צוזאמענפאר פונ די קאלווירטניקעס־שלאגלער דעמ 19־טנ פעווראל 1933 יאר.

זיך פאַרשפּרייט אַלץ ברייטער און האָט אַרומגעכאַפּט די קליינע פּויערים, וואָס זיינען נאָך ניט לאַנג געווען פריי. פאַר ניט־אַריינטראָגן דעם אָרענ־דע־אָפּצאָל, אָדער פאַר ניט־אײַנצאָלן כּוֹבֿות וועלן די פּויערים אָפּהענגיק פון די גרויסע ערד־באַזיצער, פאַרלירן ביסלעכווײַז די פרייהייט און ווערן קאָלאָנס.

פאַט־אַנאַט

דאָס, וואָס איז ביז אַהער געזאָגט געוואָרן, איז שייך אין דער ערשטער ריי צו די צענטראַלע טיילן פון דער רוימישער אימפּעריע, אין די גרענעצן פון דער איצטיקער איטאַליע. דער קאָלאָנאַט האָט זיך אָבער אויך פאַרשפּרייט אין פיל פּראָווינצן, באַזונדערס אין גאַליע, וועגן וועלכער ס'איז באַ אונדז מער פון אַלץ פאַרבליבן ידיעות. צוגלייך מיט די קאָלאָנס זיינען דאָ געווען, עמעס, שוין זייער ווינציק פרייע קליינע פּויערים. זייער לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע. „קעדיי צו באַוואָרענען זיך, — לייענען מיר באַ עטלעכע, — פון די גוואַלדטאַטן פון די באַאַמטע, ריכטער און פּראָקוראַטאָרן פון די ..., פלעגן זיי אָפט אָנקומען צו שוץ (אָדער, ווי מע פלעגט דאַן זאָגן, צום פּאַטראָנאַט) פון וועמען ניט איז פון די מעכטיקע הערשער. אַזוי פלעגן האַנדלען ניט בלויז איינצלנע פּויערים, נאָר אויך גאַנצע געמיינדעס... צי האָבן אָבער געפונען שוץ די, וואָס האָבן זי געזוכט? דער פּאַטראָן פלעגט שטעלן די פּויערים באַדינגונגען, אַז זיי זאָלן אַריבערפירן אויף אים דאָס אייגנטום־רעכט אויף זייערע ערד־באַלאַקים, און פאַר דעם פלעגט זיי דער פּאַטראָן זיכערן אַ לעבנסלאַנג באַנוץ פון די דאָזיקע באַלאַקים".

דער פּאַטראָנאַט האָט געגעבן די ערד־מאַגנאַטן און די סאַמע הויכע באַאַמטע אַ קאָלאָסאַלע קראַפט. זיי באַוואָפנענען זייערע קליענטן (אַזוי פלעגן הייסן די, וואָס פלעגן זיך איבערגעבן אונטער דער מאַכט פון דעם פּאַטראָן) און, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זיי, פאַרגרעסערן די פּאַטראָנען זייער עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מעכטיקייט.

די פּאַרציעטיקע אוטערס, וואָס שטאַמען פון די קליינע און מיטלע ערד־באַזיצער, זשאַלעווען ניט קיין פאַרב באַם באַשרייבן דעם ווילקיר פון די פּאַטראָנען. „די פּאַטראָנען, — לייענען מיר באַם שרייבער ליבאַני, — ברענגען די שכנים שאָדן און צאָרן, אָפּנעמענדיק די ערד, אויסהאַקנדיק די ביימער, אָוועקרויבנדיק דאָס פי, קעדיי צו ברענגען עס פאַר אַ קאָרבן, צעהאַקן און אויפעסן. צוזעענדיק דאָס אַלץ, וויינען די אייגנטימער און יענע זיינען זיך מעכאַבעד, זיי לאַכן און זיינען אַזוי ווייט פון מוירע, עמעצער זאָל זיך וועגן דעם דערוויסן, אַז זיי דראָען צו ניט שאַנעווען אויך דאָס איבערגעבליבענע".

דער פּאַטראָן ווערט אַ פולמעכטיקער הערשער איבער די מענטשן, וואָס זיינען פון אים אָפּהענגיק. ער שאַפט באַ זיך ניט בלויז באַוואָפנטע אָטריאַדן, נאָר אויך אַן אייגענעם געריכט, בויט אַן אייגענע טורמע, — מיט איין וואָרט, ער פאַרוואַנדלט זיין הויף אין אַ מין קלייניקער זעלבשטענדיקער מעלוכע. די אימפּעראַטאָרישע באַאַמטע קאָנען גאָר ניט צוקומען צו אַ שטאַרקן פּאַטראָן. ער יאָגט אַרויס די שטייער־זאַמלער, און אַלץ, וואָס מע קאָן נאָר אַראָפּשניידן פון דער באַפעלקערונג, נעמט ער צו פאַר זיך.

ס'איז קיין וווּנדער ניט, וואָס די אימפּעראַטאָרס האָבן מיט אַלע מיטלען געקעמפט קעגן דער פאַרשפּרייטונג פון אַזעלכע פּאַראַטרקעס. זיי גיבן אַרויס ספּעציעלע דעקרעטן, וואָס פאַרבאָטן אַפן סאַמע שטרענגען אויפן דעם פּאַטראָנאַט און

דראַען די שולדיקע מיט גרויסע שטראָפנ. אזעלכע באַפעלנ זײַנענ געווענ זייער פיל. דאָס דערווײַזט אָבער בלויז, אז דער פאַטראָנאַט האָט זיכ זייער שטאַרק פאַרשפרייט, אונ אז די באַפעלנ האָבנ, ווײַזט אויס, ניט דערגרייכט זייער ציל, אניט וואָלט מענ זיי נימ געדאַרפט אזוי אָפט איבערכאַזערנ.

פויערשע אופשטאַנדנ

די פאַרערגערונג פונ דער לאַגע פונ די פויערימ אונ דאָס פאַרוואַנדלענ זיי אינ לײַבייגענע האָט געבראַכט צו אופשטאַנדנ. די אופשטאַנדנ פלעגנ זיכ צעפלאַקערנ אינ פאַרשיידענע ראַיאָנענ פונ דער אימפעריע: אינ איטאַליע גופא, אינ אפריקע, אינ גאַליע.

אינ גאַליע האָט מענ דאַנ די אופגעשטאַנענע פויערימ גערופנ באַגאַודנ (אָדער באַגאַדנ). וועגנ דעמ, וואָס עס האָט די פויערימ געשטויסנ צו שטעלנ זיכ אינ די רייענ פונ די באַגאַודנ, דערציילט זייער גוט דער פאַרצײַטיקער שרײַבער ס א ל וו י א נ:

„איצט וועל איכ ריידנ וועגנ די באַגאַודנ, וואָס זײַנענ בארויבט, באַזיגט, פאַרניכטעט דורכ די שלעכטע אונ אכזאָריעסדיקע הערשער.

וואָס דענ אנדערש האָט געשאַפנ די באַגאַודנ, אויב ניט אונדזער אומרעכט אונ די ניט-ערנטלעכקײַט פונ די הערשער, אויב ניט זייער גזוילע אונ רויבערײַ. דאָס אופמאַנענ טשינש פאַרזעענדנ זיי פאַר זייער אייגנצ אונ די שטײַער-האַכנאָסעס האָבנ זיי געמאַכט פאַר זייער רויב. ניט באַנוגענענדיק זיכ, פונקט ווי גאַזלאָנים, בלויז מיט דעמ אָנגערויבטנ פאַרמעגנ פונ די מענטשנ, פרעסנ זיי אופ, אזוי צו זאָגנ, די מענטשנ; זעטיקנ זיכ אָנ מיט זייער בלוט. אונ אָט, אזוי איז עס געשענ, אז דערשטיקטע אונ פאַרפײַניקטע דורכ דער רויבערײַ פונ די הערשער, זײַנענ זיי געוואָרנ באַרבאַרנ, ווײַל מע האָט זיי ניט דערלויבט צו זײַנ דאָס, וואָס זיי זײַנענ פריִער געווענ; אונ זיי זײַנענ געווענ געצוווּנגענ צו פאַרטיידיקנ לעכאָלאַפאָכעס זייער לעבנ נאָכ דעמ, ווי זיי האָבנ דערזענ, אז זיי האָבנ אינגאַנצנ פאַרלאָרנ די פרײַהײַט...

די סאָנימ זײַנענ פאַר זיי מילדער, ווי די שטײַערנ-זאַמלער, אונ די ווירקלעכקײַט דערווײַזט דאָס: זיי לויפנ צומ סויגע, קעדיי אויסצומײַדנ די לאַסט פונ די שטײַערנ. דערבײַ וואָלט דאָס אופמאַנענ די שטײַערנ — כאָטש דאָס איז שווער אונ האַרב — געווענ ניט אזוי פײַנלעכ אונ טרויעריק, ווענ די לאַסט דערפונ וואָלט זיכ געליגט אופ אלעמענ גלײַכ. עס איז אָבער ביז גאָר אומדערלאָזבאַר אונ מאַרבראָכעריש, וואָס די אלגעמיינע לאַסט טראָגנ ניט אלע: פאַרקערט, די שטײַערנ פונ די רײַכע דריקנ די אָרעמעלײַט אונ די שוואַכערע טראָגנ די לאַסט פונ די שטאַרקערע. אונ די איינציקע סיבע, פאַרוואָס זיי קאָנענ דאָס ניט אויסהאַלטנ, איז דאָס, וואָס די לאַסט פונ די אָרעמע איז גרעסער פונ זייער פאַרמעגנ.

אויב מע זאָל א קוק טאָנ, וואָס זיי צאָלנ, קאָנ מענ מיינענ, אז זיי האָב איבעריקס; אונ אויב מע זאָל א קוק טאָנ, וואָס זיי האָבנ, וועט מענ דערזענ, אז זיי זײַנענ נויט-באַדערפטיק. קענ מענ דענ געפינענ א מאָס פאַר אזא אומרעכט? זיי קומט אויס צו טראָגנ אופ זיכ צאָלונגענ פונ נגידימ אונ אָרעמקײַט פונ קאַפצאָנימ. דאָס איז פיל שטאַרקער דערפונ, וואָס איכ קאָנ אויסדריקנ מיט ווערטער“...

אָנגעהויבנ האָט זיכ די באַגאַודנ-באַוועגונג פונ איינצלנע אָפגעזונדערטע ארויס-טרעטונגענ. די פויערימ פלעגנ אָנפאַלנ אופ גרויסע גיטער, צעגראַבירנ זיי, דער-הארגענענ די פריצימ אָדער זייערע אָנגעשטעלטע פאַרוואַלטערס. צו די אופגעשטאַ-נענע פויערימ פלעגנ זיכ פאַרייניקנ די קנעכט. ביסלעכווײַז האָט זיכ די באַווע-גונג פאַרברייטערט אונ האָט באַקומענ א מער אָרגאַניזירטנ כאַראַקטער. פונ די אופגעשטאַנענע האָבנ זיכ אויסגעטיילט טאַלאַנטפולע פירער — א מ א נ ד אונ ע ל י א נ. די אופגעשטאַנענע פלעגנ זיכ שוינ ניט באַנוגענענ מיט רויבנ אונ

צעשטערן. זיי פלעגן פאַרכאַפּן שטעט און פלעגן זיך באַמיִען צו פאַרפעסטיקן זייער מאַכט. אין די יאָרן 283—285 פון אונדזער ערע האָט די באַוועגונג פון די באַגאַודן דערגרייכט איר העכסטן פונקט. אין די הענט פון די אויפגעשטאַנענע האָבן זיך געפונען פיל שטעט פון צענטראַל־גאַליע, און די אַנטיקע מיליטער־גאַרניזאָנען זײַנען ניט אימשטאַנד געווען צו ספּראַווען זיך מיט דער באַוועגונג. דאַן איז צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד אַרויסגעשיקט געוואָרן אין גאַליע א שטאַרקע אַרמיי רעגולערע מיליטער מיטן אימפּעראַטאָר מ אַ ק ס י ם אין דער שפּיץ. אין א גרויסער שלאַכט זײַנען די הויפּט־קרעפטן פון די אויפגעשטאַנענע צעקלאַפּט געוואָרן, און בלויז א קליינע גרופּע מיט זייערע אַמאַנדן און געליִאַנען אין דער שפּיץ זײַנען געבליבן אין א פאַרפעסטיקטן לאַגער. איר האָט זיך אָבער ניט אײַנגעגעבן צו ראַטעווען זיך. נאָך א פאַרביסענער שלאַכט זײַנען זיי אַלע ביז איינעם אויסגעהרגעט געוואָרן.

די מיליטערישע צעגראָמירונג פון דער באַגאַודן־באַוועגונג האָט אָבער ניט באַטײַט, אַז די באַוועגונג איז אינגאַנצן ליקווידירט געוואָרן. אין פאַרלויף פון א סאַך יאָרן פלעגן די באַגאַודן ווידער און ווידער זיך אויפהייבן, און אָפטמאָל מיט גרויס דערפאָלג. ס'איז פאַרבליבן אַ דאָקומענט, וואָס דערווײַזט, אַז נאָך אין V יאָרהונדערט האָט די באַגאַודן־באַוועגונג ווידער באַקומען א גרויסן פאַרנעם.

די אויפשטאַנדן פון די באַגאַודן זײַנען געווען די גרעסטע באַוועגונגען פון די רויִנירטע פּויערים אין די לעצטע יאָרהונדערטער פון דער עקזיסטענץ פון דער רוימישער אימפּעריע. און גאַליע איז ווײַט ניט געווען דער איינציקער צענטער פון די אויפשטאַנדן. אויפשטאַנדן פלעגן אויסברעכן אויך אין פיל אַנדערע פּראָווינצן.

די פּאָליטישע צעפאַלונג פון דער רוימישער אימפּעריע

דער טיפער עקאָנאָמישער קריזיס פון דער רוימישער שקלאַפן־באַזיצערישער געזעלשאַפט האָט געבראַכט צו א פּאָליטישער צעפאַלונג. מיר האָבן שוין געזען, אַז מאַכמעס דעם פּאַטראָנאַט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די צענטראַלע מעלוכישע מאַכט. די איינהייט פון דער גראַנדיעזער רוימישער אימפּעריע האָט אָנגעהויבן צעטרייסלט ווערן. אין צאָפן רײַסן זיך אָפּ פון רוים זײַנע גרויסע פּראָווינצן, וועלכע עס פאַרכאַפּן די גערמאַנישע שוואָטים, וואָס האָבן זיך א לאָז געטאָן אין קאָלאָסאַלע מאַסן אויף דער רוימישער טעריטאָריע; אין מיזרעך וואַקסט די באַוועגונג פאַר אָפּטיילן פון רוים אַלע קליין־אַזיאַטישע און שכייניִשע מיט זיי פּראָווינצן.

די קענטיקע אָפּשוואַכונג פון די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען צווישן די מײַרעוודיקע און מיזרעכדיקע טיילן פון דער רוימישער אימפּעריע גרייט צו דעם באָדן פאַר דער פּאָליטישער צעטיילונג. שוין אין III יאָרהונדערט לעבן די פּראָווינצן מיט א גאַנץ זעלבשטענדיקן פּאָליטישן לעבן, קימאַט אַן אומאָפּהענגיק פון רוים. עס קומען פאַקטיש אויף אַפילע צוויי אימפּעראַטאָרס. דער אימפּעראַטאָר ד י אָ ק ל ע צ יִ אַ ן פירט אַריבער אין סאָף III יאָרהונדערט זײַן רעזידענץ (וווינאָרט) אין איינער פון די מיזרעך־פּראָווינצן — אין ניקאָמעדיע (קליין־אַזיע), און אין רוים פאַרבלײַבט אין דער זעלבער צײַט זײַן מיטהערשער מאַקסימיִאַן. דערבײַ רופן זיי זיך ביידע „אויגוסט“.

דערמיט אָבער באַגרענעצט זיך ניט די צעברעקלונג פון דער רוימישער אימפּעריע. אי באַ דיאָקלעציִאַנען אי באַ מאַקסימיִאַנען קומען אויף אָפּהענגיקע פון

זיי הערשער מיטנ טיטל „צעזאַר". צו יעדערנ פונ אָט די צעזאַרס גייט אַריבער א באַדײַטנדיקער טייל טעריטאָריעס, אונטער דיאָקלעציאַנס דירעקטער מאַכט פאַרבלײַבנ בלויז די מיזרעכ־פּראָווינצנ. זײַנ צעזאַר באַקומט אילירִיע און גריכנלאַנד. אווגוסט מאַקסימיאַנ הערשט איבער איטאַליע און אַפריקע, און זײַנ צעזאַר — איבער גאַליע, שפּאַניע און בריטאַניע. עס גייט אַריבער נאָכ א געוויסע צײַט, און אינ 395 יאָר ווערט אויסגעפורעמט די ענדגילטיקע צעטיילונג פונ דער רוימישער אימפּעריע אפ צוויי זעלבשטענדיקע מעלוכעס: מײַרעוודיקע אימפּעריע און מיזרעכדיקע אימפּעריע. די הויפּט־שטאָט פונ דער ערשטער פאַרבלײַבט רוים, די הויפּט־שטאָט פונ דער צווייטער ווערט קאָנסטאַנטינאָפּאָל (די פּאַרצײַטיקע ביזאַנץ) — איינע פונ די רײַכסטע שטעט, וואָס שטייט אפנ קרייצפּונקט פונ א סאַכ האַנדל־וועגנ.

די מיזרעכדיקע (אָדער די ביזאַנטישע) אימפּעריע האָט עטלעכע יאָרהונדערטער נאָכ אײַנגעהיט און אפילע פאַרגרעסערט איר פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדײַטונג. וואָס איז שײַעכ דער מײַרעוודיקער רוימישער אימפּעריע, איז נאָכ דער צעטיילונג איר יערידע אוועק נאָכ שנעלער.

פראַגעס:

אינ וואָס האָט זיכ אויסגעדריקט דער קריזיס פונ דער שקלאַפנ־ווירטשאַפט?

פאַרוואָס איז פאָרגעקומענ די צעגלידערונג פונ די גרויסע לאַטיפונדיעס אפ קליינע פּאַרצעלעס?

מיט וואָס האָט זיכ אונטערשיידט די לאַגע פונ די קאָלאָנס פונ דער לאַגע פונ די שקלאַפנ?

איבער וואָסערע סיבעס האָט באַקומענ א פאַרשפּרייטונג דער פּאַטראָנאַט? דערציילט, וואָס ווייסט איר וועגנ דעמ אופשטאַנד פונ די באַגאַודנ.

2. די צעפאַלונג פונ דער שטאַמ־אָרדענונג און די אַנטשטייונג פונעמ פעאָדאַליזמ בא די גערמאַנער

די צעפאַלונג פונ דער שקלאַפנ־באַזיצערישער אָרדענונג אינ דער מײַרעוודיקער רוימישער אימפּעריע האָט זיכ פאַרשנעלערט צוליב דעמ, וואָס אינ די גרענעצנ פונ דער רוימישער טעריטאָריע האָבנ זיכ אַרײַנגעריסנ שוואַרעמס פונ די פּאַרצײַטיקע גערמאַנער. אונדזערע ערשטע, מער־ווייניקער זיכערע, ידיעות וועגנ די גערמאַנער געהערנ צו יענער צײַט, ווענ די גרונטמאַסע זייערע האָט זיכ געפונענ אפ די ברעגנ פונעמ דײַטשישנ און באַלטישנ יאַמענ, אינ די גרענעצנ פונעמ איצטיקנ צאָפנ־דײַטשישנ נידערלאַנד, באַמ דונײַ און בײַ די קאַרפּאַטנ. ביסלעכווײַז האָבנ זיי זיכ צעשפּרייט אפ מײַרעוו און אפ דאָרעמ און זײַנענ געקומענ אינ באַרירונג מיט די צאָפנדיקע רוימישע פּראָווינצנ. שוינ אינ די לעצטע יאָרהונדערטער פונ דער אַלטער ערע האָבנ די גערמאַנער אָנגעהויבנ אַרײַנדרינגענ אפ די טעריטאָריעס, וואָס זײַנענ געווענ אינ באַשטאַנד פונ דער רוימישער מעלוכע. די גערמאַנער פלעגנ ניט בלויז ברענגענ מיט זיכ נײַע געזעלשאַפטלעכע פּאָראַנדקעס, נאָר

זיי פלעגנ אויכ אלײנ איבערנעמענ יענע פארהעלטענישנ, וואס האבנ עקזיסטירט צווישנ דער אַרט־געבירטיקער באפעלקערונג.

וואס פאר א לעבנ־באדינגונגענ זײנענ דאס געווענ בא די פארצײַטיקע גערמאנער?

אונדזערע ידיעות וועגנ די פארצײַטיקע גערמאנער

מיר האבנ ווייניק ידיעות וועגנ די פארצײַטיקע גערמאנישע שווּאטימ. אזעלכע ידיעות גיבנ אונדז די ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגענ, די לינגוויסטיק (די לערע וועגנ שפראכנ), אונ אויכ ליטעראַרישע קוועלנ. דאָס איז, פריִער פאר אלצ, די באשרײַבונג פונעמ לעבנ פונ די גערמאנער, וועלכע עס האָט אונדז איבערגעלאָזט קײַסר יוליוס צעזאר, דער באוווּסטער מיליטער־פירער, וואס איז דערנאָכ געווארנ דער הערשער פונ דער רוימישער אימפעריע. צעזאר האָט געשריבנ וועגנ די גערמאנער אינמיטנ ערשטנ יאָרהונדערט ביזנ אָנהייב פונ אונדזער ערע. אינ אנדערהאלבנ הונדערט יאָר ארומ האָט א גענויע באשרײַבונג פונעמ לעבנ פונ די גערמאנער געמאכט דער רוימישער היסטאָריקער טאציט. צולעצט, דערוויסנ מיר זיכ וועגנ די גערמאנער פונ א שפּעטערדיקער עפּאָכע פונ די זאמלונגענ געריכט־מינהאָגימ, פונ די אזוי־גערופענע „בארבארישע רעכט". די דאָזיקע זאמלונגענ האָבנ אָנגעהויבנ צו דערשײַנענ אינ א געשריבענער פאָרמ, אָנהייבנדיק פונ V יאָרהונדערט, אָבער זיי רײדנ וועגנ מינהאָגימ, וואס האָבנ זיכ אײַנגעשטעלט אינ מער אלטע צײַטנ. דעריבער קאָנענ מיר טיילווײַז זיכ באנוצנ מיט די דאָזיקע דאָקומענטנ אפ צו כאראקטעריזירנ דעמ שטייגער פונ די גערמאנער פונ די פאָריקע צוויי—דרײַ יאָרהונדערטער.

לאָמיר זענ, וואס זאָגנ וועגנ די גערמאנער די קוועלנ, וואס מיר האָבנ דאָ אויסגערעכנט.

דאָס געזעלשאפטלעכע לעבנ פונ די גערמאנער אינ דער עפּאָכע פונ צעזאר

„א ביסל דערנערנ זיי זיכ מיט ברויט, — שרײַבט אינ זײַנע „שריפטנ וועגנ דער גאלישער מילכאָמע" יוליוס צעזאר, — דערהויפּט אָבער דערנערנ זיי זיכ מיט מילכ אונ רינדער־פלייש. פיל צײַט פארברענגענ זיי אויכ אפ יאָגד". ווײַזט אויס, אז ערדארבעט האָט נאָכ אינ צעזארס צײַטנ ניט געשפּילט די הויפּט־ראָליע אינ דער ווירטשאפט פונ די גערמאנער. אינ יענער צײַט האָבנ זיי זיכ פארנומענ דערהויפּט מיט פיצוכט אונ האָבנ נאָכ ניט געפירט קײנ פולשטענדיק אײַנגעזעסענעמ ארט לעבנ.

לויט ווי צעזאר שרײַבט, „האָט קײנער פונ זיי ניט קײנ באשטימטנ פעלדבײַלעק אָדער אייגענע גרענעצנ. זייערע אָנפירער אונ עלטסטע טײַלנ אויס פאר די שטאמענ אונ די בונדנ פונ די קרויווימ, וואס לעבנ צוזאמענ, אזויפיל פעלד, וויפיל אונ ווו זיי ווילנ, אונ זיי צווינגענ זיי אינ א יאָר ארומ אריבערצוגיינ אפ אנ אנדער אָרט". ווײַזט אויס, אז צו יענער צײַט איז נאָכ בא די גערמאנער ניט געווענ קײנ פריוואט־אייגנטומ אפ ערד. די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ פונ די גערמאנער האבנ זיכ אינ צעזארס צײַטנ געפונענ אפ דער שטופע פונ דער שטאמ־אָרדענונג. בא זיי האָט נאָכ עקזיסטירט ניט בלויז געמיינדע־אייגנטומ אפ ערד, נאָר אויכ א געמיינזאמע באארבעטונג פונ דער ערד.

ווי ענגעלס זאָגט, „האָט אינ צעזארס צײַטנ, יעדנפאלס, א באדײַטנדיקער

טייל גערמאנער, — געמלעכ דער שייוועט סוועוונ, וואָס האָט זיכ נאָכ ניט פעסט באזעצט,—באארבעט די ערד געמיינזאם. פאָרגעקומען איז דאָס, אויב מע זאָל אורטיילנ לויט דער אנאלאָגיע מיט אנדערע פעלקער, אפ אזא אויפנ: די באזונדערע שטאמענ, וואָס האָבנ אינ זיכ איינגעשלאָסנ עטלעכע קרוווישע משפּחות,* פלעגנ געמיינזאם באארבעטנ די ערד, וואָס איז זיי געגעבנ געוואָרנ. אונ וואָס פלעגט פונ יאָר צו יאָר איבערגעטיילט ווערנ, אונ די פּראָדוקטנ פלעגנ פאנאנדערגעטיילט ווערנ צווישנ די משפּחות".

שפּעטער איז די געמיינזאמע ערד־באארבעטונג אינ באזונדערע שטאמענ פארביטנ געוואָרנ אפ א געמיינזאמער ערד־באארבעטונג אינ די „גרויסע משפּחות". די צאָל מיטגלידער פונ אזא „גרויסער משפּחה" פלעגט הערגרייכנ עטלעכע צענדליק מענטשנ אונ אלע, וואָס זיינענ ארייג אינ באשטאנד פונ דער „גרויסער משפּחה", פלעגנ געמיינזאם באארבעטנ זייער כיילעק ערד. די דאָזיקע כאלאָקים פלעגנ פאר זיי אויסגעטיילט ווערנ דורכנ איבערפארטיילנ די ערד.

אזוי־ארום האָבנ די גערמאנער נאָכ אינעם I יאָרהונדערט פונ אונדזער ערע געלעבט אינ די באדינגונגענ פונ דער משפּאָכע־געמיינדע. אכוץ דעם פלעגנ עטלעכע שכיינישע „גרויסע משפּחות" באנוצנ זיכ געמיינזאם מיט ניט קיינ צעטיילטער ערד: מיט געמיינזאמע פאשע־ערטער פארנ פי אונ מיט וואלדפלעצער. אָט די געמיינזאמע ערד־פּלעצער האָבנ געהייסנ „מארק".

די גערמאנער אינ טאציטס עפּאָכע

סאָפ ערשטנ יאָרהונדערט פונ אונדזער ערע, אינ טאציטס צייטנ, האָבנ זיכ די ווירטשאפט אונ די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ בא די גערמאנער שטארק געענדערט. גרויסע דערפאָלגנ האָט, פריער פונ אלץ, געהאט די ערדארבעט. אָבער אויכ אינ אָט דער עפּאָכע בלייבט די פיצוכט זייער א וויכטיקער ווירטשאפט־צווייג בא די גערמאנער. טאציט שרייבט וועגנ דעם אזוי: „פי פארמאָגנ זיי בעשעפע, כאָטש אינ גרעסטנ טייל קליינוווקסיק, דערביי האָבנ אפילע די אָקסנ ניט קיינ הערנער — זייער ערע אונ רום. די גערמאנער פרייענ זיכ, ווענ זיי האָבנ אזוי פיל פי: אינ דעם באשטייט דער איינציקער אונ דער סאמע אָנגענעמער פאר זיי מינ רייכקייט". מיט די אָקסנ פלעגנ זיכ די גערמאנער באנוצנ ניט בלויז ווי פיצוכטלער, נאָר אויכ ווי ערדארבעטער. אכוץ א סאָכע פלעגנ זיי שוינ באנוצנ א פלוג, אונ אינ פלוג פלעגנ זיי איינשפּאנענ אָקסנ. זיי פלעגנ זייענ קערנער־קולטורנ: קאָרנ, האָבער, גערשטנ, פאָלבע, הירזש; זיי האָבנ אויכ געוווסט פונ פארשיידענע גאָרטנ־קולטורנ. שפּעטער, שוינ נאָכ טאציטנ, האָבנ די גערמאנער איבערגענומענ בא די רוימער אויכ סעדערײַ. אזוי־ארום, איז דער יעסאָד פונ דער ווירטשאפט בא די פארצייטיקע גערמאנער פונ טאציטס עפּאָכע געווענ — איינגעזעסענע ערדארבעט, פארייניקט מיט פיצוכט.

די גערמאנער האָבנ געקאָנט איניקע מעלאָכעס אונ דאָס ארויסנעמענ מעטאלנ.

---

* דאָ האנדלט זיכ וועגנ די אזוי־גערופענע „גרויסע משפּחות", ווו עס פלעגנ לעבנ געמיינזאם עטלעכע דורעס: ברידער, זייערע זינ אונ טעכטער, די קינדער פונ אָט דעם צווייטנ דאָר מיט זייערע ווייבער אונ קינדער.

זילבער און קופער פלעגן זיי ארויסבאקומען אין פיל ערטער. זיי האָבן, ווארשײַנ־לעך, אויך געקענט ארויסבאקומען גאָלד, דורכשווענקענדיק טײַכזאמד (אפן ריין). זיי האָבן געקענט שמעלצן טשוהון און אויסדרעמפּן זאלץ. פון מעלאָכעס האָבן זיי געקענט מעטאל־ארבעט, קעראמיק, וועבערײַ, האָלץ־שניצערײַ.

אזא איז געווען די ניט־קאָמפּליצירטעווירטשאפט פון די פארצײַטיקע גערמאנער.

פונקט אזוי ניט־קאָמפּליצירט איז אויך געווען זייער היימישער שטייגער.

דער היימישער שטייגער פון די פארצײַטיקע גערמאנער

לאָמיר זיך פאָרשטעלן א דאָרף פון איינעם פון די פארצײַטיקע גערמאנישע שוואָטים. אפן אָפענעם פלאץ לעבן וואלד שטייען עטלעכע שטיבלעך. לאָמיר צוגיין נעענטער צו איינער פון די דאָזיקע וווינונגען. א פירקאנטיק שטיבל מיט א הויף, ארומגערינגלט מיט א הילצערנעם פארקאן. צום שטיבל זײַנען צוגעבויט עטלעכע ווירטשאפטלעכע געבײַדעס: א שטאל, א שפּײַכלער. אינווייניק אין שטוב איז געווייגלעך פאראן א פאָדערצימער, און צוויי — דרײַ אָפּטיילונגען. אין שטוב איז פּראָסטע מעבל: א טיש, עטלעכע שטולן, אָפט אזעלכע, וואָס לייגן זיך אָפּ. דאָס מעבל איז געמאכט פון האָלץ, כאָטש גראָב געמאכט, אָבער פעסט. אייניקע זאכן זײַנען באצירט מיט שניצערײַ. דאָס געשיר באשטייט דערהויפּט פון פאַרשיידענע ליימענע קיילים. ספּעציעלע קיילים ווערן באנוצט אויך אלס לײַכטער, אָפּטער אָבער ווערן די וווינונגען באלויכטן מיט סאָסנע־קין. זייערע מאלבושים פלעגן די גערמאנער נייען, דערהויפּט, פון גראָבע וואָל־געוועבן, געמאכט פון שעפּסן־וואָל, הירשענע און אָקסענע האָר. זעלטענער פלעגן זיי באנוצן לײַוונט. שטארק איז בא זיי געווען פארשפּרייט פוטערוואַרג. די גערמאנער פלעגן טראָגן ברייטע פּלודערן, זאָקן און א קורץ וואָלן אָדער לײַנען העמד אָן ארבל, וואָס אף דעם פלעגט מען נאָך אָנטאָן אן אויבערבעגעד. דאָס שוכוואַרג איז געווען ענלעך צו לאפּטיעס. די מאלבושים, דערהויפּט די פרויענקליידער, פלעגן זײַן געפארבט אין פארשיידענע קאָלירן און באפּוצט מיט אלערליי העקלעך און קיטלעך, געמאכט פון בראָנזע אָדער זילבער. מע פלעגט דאן אויך טראָגן גלעזערנע האלדזבענטער מיט זילבערנע און גאָלדענע באצירונגען.

די שפּײַז פון די גערמאנער איז געווען: מילך, פלייש, ברויט, ווילדע אויפּס, פארשיידענע גרינוואַרג (לינדזן, ארבעס, באָב, ציבעלע, קנאָבל, מערן, ריבן).

דאָס סאמע פארשפּרייטע געווער פון די גערמאנער איז געווען א וואַרפשפּיז מיט אן אײַזערנעם שפּיץ און א הילצערן פירקאנטיק שילד, וועלכע מע פלעגט אמאָל אויך באצירן מיט לעדער. שווערדן, פאנצירס און העלמס פלעגט מען בא זיי טרעפן זעלטן.

די פאָלק־פארזאמלונג און די מיליטערישע פירער

אין טאציטס צײַטן האָט יעדער שטאם־בונד געלעבט מער אָדער ווייניקער א זעלבשטענדיק לעבן. די העכסטע מאכט האָט דאָ פאָרמעל געהערט צו דער פ אָ ל ק ־ פ א ר ז א מ ל ו נ ג.

אין דער ווירקלעכקײַט אָבער האָבן די פּריסטער, די שטאם־עלטסטע, די מיליטערישע פירער געהאט אן אנטשיידנדיקן אײַנפלוס אפן גאַנג פון דער פאָלקספארזאמלונג און האָבן שטענדיק געקענט זיך דערשלאָגן אזא באשלוס, וואָס זאָל פאַר זיי לוינען. אף דער פארזאמלונג פלעגן קומען אלע געמיינדע־מיטגלידער, וואָס קענען טראָגן געווער. קיין ריכטיקע אָפּשטימונג פלעגט מען ניט דורכפירן. די פארזאמלונג פלעגט אויסדריקן איר ווילן מיט א גערויש פון אומצופרידנקײַט אָדער מיט געשרייען פון באגײַסטערונג און מיטן געקלאַנג פון געווער. די פאָלקספארזאמלונג פלעגט לייזן אלע וויכטיקסטע לעבנספראגן פון דער געמיינדע. זי פלעגט גלײַכצײַטיק אויך מישפּעטן. אהער פלעגט מען קומען מיט פארשיידענע אָנקלאָגעס, און דאָ גופא פלעגט מען זיי פאנאנדערקלײַבן.

א גרויסע ראָליע אינעמ לעבנ פונ די פאַרצייַטיקע גערמאַנער האָבנ געשפּילט די מיליטערישע פירער. דער אָנפירער פונעמ מיליטער האָט בא זיי געהייסנ הערצאָג. לעכאַטכילע פלעגט מענ וויילנ די הערצאָגנ צו יעטווידנ קריגמאַרש אונ בלויז אפ דער צייַט פונ די מילכאָמע-אָפּעראַציעס. ביסלעכווייַז ווערנ די הערצאָגנ די סאַמע איַינפלוסרייַכע מענטשנ צווישנ די גערמאַנער. אַרומ זיי פלעגט זיכ גרופּירנ א קריגמאַנשאַפט, וואָס איז שטענדיק געווענ גרייט צו שטיצנ איר מיליטערישנ פירער. דאָס האָט נאָכ מער פאַרשטאַרקט דעמ איַינפלוס פונ דעמ הערצאָג. דעמ הערצאָגס מאַכט פאַרבלייַבט שוינ אויכ אינ פרידנ-צייַט, צווישנ די קריגמאַרשנ. ביסלעכווייַז ווערנ די הערצאָגנ שטענדיקע, אונ דערנאָכ יערושעדיקע שייוועט-פירער אונ שטויסנ אַוועק אַלצ מער אונ מער אינ הינטערגרונט די אַלטע שטאַמ-אַריסטאָקראַטיע.

ווענ די קליינע גערמאַנישע שוואָטימ האָבנ זיכ פאַראייניקט אינ גרעסערע אונ אינ גאַנצע שוואָטימ-בונדנ, האָבנ זיכ בא זיי אויכ באַוויזנ פירער פונ אַט די שוואָטימ-בונדנ — די אַזויגערופענע קאָנונגענ (קיניגנ).

עקאָנאָמישע אומגלייַכהייַט

שוינ אינ צעזאַרס צייַטנ הייבט אָנ אַרייַנדרינגענ צווישנ די גערמאַנער די עקאָנאָמישע אומגלייַכהייַט. איינ „גרויסער מישפּאָכע" פלעגט זיכ איַינגעבנ פאַרכאַפּנ א מער פרוכטבאַרנ ערד-כיילעק, די צווייטע האָט געהאַט א גרויסע צאָל אַרבעט-הענט אָדער א בעסערנ אינווענטאַר, אַנ אַנדערע, ווידער, האָט געהאַט מער פי. צולעצט, האָבנ אייניקע געהאַט שקלאַפנ. אָבער שקלאַפנ האָבנ די גערמאַנער געהאַט ניט קיינ סאַכ, אונ זייער לאַגע האָט זיכ ווייניקוואָס אונטערשיידט פונ דער לאַגע פונעמ קלאַס האַלבפרייַע (ליטנ). אי די אי יענע פלעגנ באַקומענ אַנ ערד-כיילעק, פאַר וועלכנ זיי פלעגנ צאָלנ נאַטוראַלנ טשינש.

מיט דער צייַט פאַרגרעסערט זיכ די עקאָנאָמישע אומגלייַכהייַט. אינ II—III יאָרהונדערט הויבנ אָנ די פאַרמעגלעכערע מישפּאָכעס, וואָס באַזיצנ בעסערע ערד, א גרעסערע צאָל שקלאַפנ, פי אונ אינווענטאַר, אונטערצוואַרפנ אונטער זייער ווירקונג די שכייניש(ע), שוואַכערע ווירטשאַפטנ. דערייַנ העלפט מיט א שלעכטע גערעטעניש, א פי-מאַגייפע אונ אַנדערע ווירטשאַפטלעכע אומגליקנ. די אָרעמע נעמענ האַלוואָעס בא די רייַכע. פאַר דעמ גענומענעמ פי אָדער טווע קומט אויס צו צאָלנ גרויסע פּראָצענטנ: מיט א טייל גערעטעניש אָדער פי-צוקומ. גאַנצ געוויינלעכ פלעגט אויסקומענ פאַר דער גענומענער האַלוואָע אַרבעטנ פאַר דעמ קרעדיטער — בא אימ אינ פעלד, באַמ פאַרזיי, באַמ שניט אָדער אויספילנ וועלכע-ניט-איז אַנדערע ווירטשאַפטלעכע פאַרפליכטונגענ.

באַגלייַכ מיטנ פאַרוואַנדלענ די פרייַע פויערשע באַפעלקערונג אינ אַנ אָפּהענגיקער האָט אויכ געענדערט איר כאַראַקטער די פרייע דאָרפ-געמיינדע. עס פלעגט זייער אָפט פאָרקומענ די אַזויגערופענע קאָמענדירונג פונ די דאָרפישע געמיינדעס, וואָס פלעגנ זיכ אָפּגעבנ אפ באַראָט פונ א שטאַרקנ שכייניש(נ) ערדבאַזיצער אונ פלעגנ דערבייַ ווערנ פולשטענדיק אָפּהענגיק פונ אימ.

דעמ גרעסטנ קלאַפ באַקומט די פרייַע דאָרפ-געמיינדע פונעמ אָפּנעמ פאַרכאַפּנ געמיינדע-ערד. אַזעלכע פאַרכאַפּונגענ האָבנ די גרויסע ערדבאַזיצער ברייט פּראַקטיקירט.

א גרויסע באַדייטונג פאַר דער פאַרטיפערונג פון דער עקאָנאָמישער אומ־גלייכהייט צווישן די גערמאַנער האָט געהאַט דאָס, וואָס די גערמאַנישע שוואָטים פלעגן איבערוואַנדערן אף גרויסע מעהאַלעכס, און, באַוועגנדיק זיך פון צאָפן צו דאָרעם, פלעגן זיי זיך באַזעצן אף די טעריטאָריעס פון דער רוימישער אימפּעריע. געווייגלעך פלעגן די גערמאַנער אָפּנעמען בא דער אָרטנגעבירטיקער באַפעלקערונג ביז $^{2}/_{3}$ ערד און פלעגן צעטיילן די דאָזיקע ערד צווישן זיך, ווי ענגעלס שרייבט, „איז אָט דאָס צעטיילן פאָרגעקומען אין העסקעם מיט די פּאָראָנהקעס פון דער שטאַם־אָרדענונג; בא דער פאַרהעלטנישמעסיק ניט־גרויסער צאָל פון די דעראָבער־דער זיינען באַדייטנדיקע שטעטעכס געבליבן ניט צעטיילט אין רעשום טיילווייז פון דעם גאַנצן פאָלק, טיילווייז פון באַזונדערע שוואָטים און שטאַמען. אין די ראַמען פון יעטווידן שטאַם פלעגט די אַקער־ערד און די לאָנקעס צעטיילט ווערן דורך גוירל וואַרפן אף גלייכע כאַלאָקים צווישן באַזונדערע ווירטשאַפטן... דער וואַלד און די פּאַשע־פעלדער פלעגן בלייבן ניט צעטיילט, אין געמיינזאַמען באַנוץ".

מיט דער צייט האָבן זיך די גערמאַנער ענדגילטיק באַזעצט אף די פּאַרנומענע ערטער. דאָס האָט באַהעפט די איינוווינער פון איין דאָרף, און *די שכייני־שע פאַרבינדונגען האָבן אָפּגעשטויסן אין הינטער־גרונט די שטאַם־פאַרבינדונגען.*

דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו דער צעפאַלונג פון די אַלטע שטאַם־און געמיינ־דע־פאַרהעלטענישן בא די פּאַרצייטיקע גערמאַנער. אַנערעך צום V יאָרהונדערט איז די גערמאַנישע מישפּאָכע־און שטאַם־געמיינדע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שכייניש־געמיינדע. דאָס הייסט, אַז איצט האָט די געמיינדע פאַראייניקט די מענטשן שוין ניט לויט זייער קרויוועשאַפט, נאָר לויט דער געמיינזאַמקייט פון זייער טעריטאָריע. „דער שטאַמבונד איז אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א געגנט־לעכן", „דער שטאַם פלעגט אויפגעלייזט ווערן אין דעם מאַרק" (ענגעלס).

אינעם פעריאָד, ווען עס האָט זיך אויסגעבילדעט די שכייניש־געמיינדע, איז די צאָל מיטגלידער פון באַזונדערע „גרויסע מישפּאָכעס" אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז ס'איז געוואָרן אוממעגלעך צו פירן א געמיינזאַמע ווירטשאַפט בא די דעמאָלטיקע פּראָדוקציר־באַדינגונגען. דעריבער ווערן די פעלדער און די לאָנקעס צעטיילט „צווישן די באַזונדערע הויזווירטשאַפטן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט, לעבאַט־בילע צייטווייליק און שפּעטער איינמאָל פאַר אַלעמאָל, בעיס די וועלדער, פּאַשע־פעלדער און וואַסערן זיינען געבליבן געמיינזאַמע" (ענגעלס).

די אַנטוויקלונג פון פּריוואַט־אייגנטום אף ערד

אָט אַזוי איז אַנטשטאַנען פּריוואַט־אייגנטום אף ערד. וועגן דעם, ווי שטאַרק דאָס האָט זיך פאַרשפּרייט, דערציילן גאַנץ קלאָר די מינהאָגים־זאַמלונגען פון VI און VII יאָרהונדער־טער.

„אויב עמעצער וועט קויפן בא איינעם א הויף, א ווייַנגאָרטן אָדער א וועל־כע־ניט־איז אַנדער ערד, זאָל ער קומען מיט איידעס צום איבערגעבונג־פּונקט און זאָל ער אין זייער אַנוועזנהייט באַצאָלן דעם פּרייז און איבערנעמען דאָס אייגנס". אַזוי איז געשריבן אין „ריפּואַרער רעכט" פון VII יאָרהונדערט. און אין דער דאָזיקער זאַמלונג, פּונקט ווי אין אַנדערע „באַרבאַרישע רעכט", האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט פיל עלטערע מינהאָגים. דעריבער דאַרף מען רעכענען, אַז שוין אין

VI יאָרהונדערט, און עפּשער אויך אין V יאָרהונדערט, איז דאָס קויפן און פאַרקויפן ערד, און הייסט עס אויך דאָס פּריוואַט־אייגנטום אף ערד, געווען שטאַרק פאַרשפּרייט.

אין די „באַרבאַרישע רעכט" איז פאַראַן זייער פיל אָנווייַזונגען אף דער טיפער עקאָנאָמישער צעגלידערונג פון דעם גערמאַנישן דאָרף. פון אָט די „רעכט" דערוויסן מיר זיך וועגן גווירים, וואָס פאַרמאָגן גרויסע שטעטעכס ערד און שקלאַפן, און אויך וועגן אָרעמעלייַט, וואָס „האָבן ניט פון וואָס צו לעבן און מיט וואָס צו צאָלן די אויסקויף־געלטער און די געריכט־שטראָפן און וואַנדערן אום איבער די וועלדער".

א באַזונדערס גרויסע באַדייַטונג פאַר דער פאַרטיפערונג פון דער עקאָנאָמישער אומגלייַכהייט האָבן געהאַט די מילכאָמעס. פאַר די גערמאַנישע שוואַטים, מיט זייער אָפטן איבערוואַנדערן, איז מילכאָמע געווען א געוויינלעכע דערשייַנונג.

ביים א מילכאָמע פלעגן די קיניגן און הערצאָגן פאַרכאַפּן א קאָלאָסאַלן כייַלעק פונעם רויב. זיי פלעגן צונעמען פאַר זיך פון דעם אָנגעראַבעטן דאָס בעסטע פיראַסיקע פערד, קאָסטבאַר געווער. די גאַנצע ערד פון די באַזיגטע פלעגט דערקלערט ווערן אלס אייגנטום פונעם קיניג. א טייל פון דער פאַרכאַפּטער ערד פלעגט בלייַבן דירעקט אין רעשוס פון די קיניגן, און אייניקע פון זיי האָבן פאַרמאָגט פיל צענדליקער און אפילע הונדערטער גרויסע גיטער. אָבער דעם גרעסטן טייל ערד פלעגן די קיניגן איבערגעבן דער מיליטער־אַריסטאָקראַטיע, די פירער פון דער קריגמאַנשאַפט.

די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן

אזוי־אַרום האָט דאָס באַזעצן זיך פון די גערמאַנער אף דער טעריטאָריע פון דער מערעוודיקער רוימישער אימפּעריע מיטגעהאָלפן דער צעפאַלונג פון דער געמיינדע־אָרדענונג, ווייַל דאָ, אין דער רוימישער אימפּעריע, האָט שוין פון לאַנג געהערשט דאָס פּריוואַט־אייגנטום אף ערד, דאָ האָט זיך שאַרף אָנגעמערקט די קלאַסן־דיפערענציאַציע.

דאָס אלץ האָט פאַרשנעלערט דעם פּראָצעס פון אויסבילדן געזעלשאַפטלעכע קלאַסן בא די גערמאַנער. אין VIII—VII יאָרהונדערט האָבן זיך בא זיי שוין פולשטענדיק אויסגעבילדעט צוויי קעגנזעצלעכע קלאַסן: גרויסע ערדבאַזיצער, בעראָש מיט די קיניגן און הערצאָגן, און עקספּלואַטירטע פויערים, וואָס זייַנען געזעסן אף פּריצישע ערד און האָבן אויסגעפילט א גאַנצע ריי פאַרפליכטונגען. דאָס זייַנען געווען די גרונט־קלאַסן פון דער דעמאָלטיקער מיטעלעוראָפּייִשער געזעלשאַפט. צוגלייַך מיט זיי זייַנען נאָך אויך געווען שקלאַפן („סערווען"), וואָס זייַנען ביסלעכווייַז אריבער אין שטאַנד פון אָפּהענגיקע פויערים, אכוץ דעם זייַנען נאָך פאַרבליבן אויך פרייַע קלייניקע ערדבאַזיצער, זייער צאָל אָבער פלעגט זיך קעסיידער פאַרקלענערן, זיי פלעגן ווערן רויִנירט, פאַרקנעכטעט און אָפּהענגיק.

וועגן דער לאַגע פון די פויערים פון איינעם פון די גערמאַנישע שוואַטים (פראַנקן) לייענען מיר בא ענגעלסן:

„די פרייַע פראַנקישע פויערים זייַנען געקומען צו דער זעלבער לאַגע, ווי זייערע פאָרגייער, די רוימישע קאָלאָנען. רויִנירטע דורך די מילכאָמעס און רויבערייַען, האָבן זיי געמוזט אָנקומען נאָך שוץ צו דער אַריסטאָקראַטיע אָדער צו דער קירכע, ווייַל די קיניגלעכע מאַכט איז געווען צו שוואַך אָפּצוהיטן זיי; אָבער די

דאָזיקע שוץ פלעגט זיי קאָסטנ זייער טײַער. פונקט ווי פריִער די גאַלישע פויערימ, האָבנ זיי געמוזט איבערגעבנ דעמ באַשיצער דאָס אייגנטומ־רעכט אַפ זייער ערד־בײַלעק, באַקומענדיק אימ צוריק אַפ פאַרשיידענע באַדינגונגענ, וואָס פלעגנ זיכ ענדערנ, אָבער שטענדיק באַמ באַדינגונג צו טראָגנ געוויסע פליכטנ און צאָלנ טשינש; זײַנענ זיי שוינ אַרײַנ אינ אַזאַ מינ אָפּהענגיקײַט, פלעגנ זיי ביסלעכווײַז פאַרלירנ אויכ זייער פערזענלעכע פרײַהײַט; אינ עטלעכע דוירעס אַרומ זײַנענ זיי אינ דער מערהײַט פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ לײַבייגענע" (ע נ ג ע ל ס).

די אויסבילרונג פונ די גערמאַנישע מעלוכעס

די צעגלידערונג פונ דער געזעלשאַפט אַפ קלאַסנ האָט געבראַכט צו דער אַנטשטייונג פונ דער מעלוכע.

די מעלוכע עקזיסטירט ניט פונ אייביק אָנ. אינ דער פאַרקלאַסעווער געזעלשאַפט איז קיינ מעלוכע ניט געווענ. קאָלזמאַנ עס האָבנ ניט עקזיסטירט קיינ קלאַסנ, קאָלזמאַנ עס איז ניט געווענ קיינ קלאַסנקאַמפ, האָבנ די מענטשנ ניט געוווּסט פונ קיינ מעלוכע: ס'איז ניט געווענ קיינ נייטיקײַט דערינ. נאָר אָט ווערט געבוירנ אַ קלאַס עקספּלואַטאַטערס. ער שטרעבט מיט אַלע מיטלענ אײַנצוהיטנ און פאַרפעסטיקנ די נײַ־געשאַפענע פּאָראַנדקעס. די פאַרצײַטיקע פאָרמענ פונ דער געמיינדישער זעלבסטפאַרוואַלטונג באַפרידיקנ אימ שוינ ניט. די עקספּלואַטאַטערס מוזנ פאַרכאַפּנ אינ זייערע הענט וואָס מער מאַכט. און צוליב דעמ דאָזיקנ ציל טאַקע שאַפנ זיי דעמ ספּעציעלנ מאַכט־אַפּאַראַט — ד י מ ע ל ו כ ע.

אַ מעלוכע — דאָס איז, פריִער פונ אַלצ, אַ באַוואָפנטע קראַפט; דאָס זײַנענ קאַוואַלעריי באַאַמטע, שטײַערנ־זאַמלער, ריכטער. די מעלוכע קומט אויפ צוזאַמענ מיט דער אויסבילדונג פונ געזעלשאַפטלעכע קלאַסנ. „פונ אַנ אָרגאַניזאַציע פונ שטאַמ אַפ צו פאַרוואַלטנ מיט זייערע אייגענע ענינימ ווערט די אַלטע שטאַמ־אָרדענונג פאַרוואַנדלט אינ אַנ אָרגאַניזאַציע פונ רויב און אונטערדריקונג" (ע נ ג ע ל ס).

באַ די גערמאַנישע שוואַטימ פלעגנ אינ דעמ פעריִאָד, ווענ ס'האָבנ זיכ געבילדעט די געזעלשאַפטלעכע קלאַסנ און ס'איז אַנטשטאַנענ די מעלוכע, פאָרקומענ גראַנדיִעזע קריג־מאַרשנ.

אינ אָט די מאַרשנ פלעגנ זיכ באַטייליקנ גאַנצע שוואַטימ און שוואַטימ־בונדנ, וואָס פלעגנ, זוכנדיק בעסערע ערד, דורכמאַרשירנ הונדערטער און טויזנטער קילאָמעטער און פלעגנ זיכ, סאָפּ־קאָלסאָפּ, באַזעצנ אַפ נײַע ערטער * אינ די גרענעצנ פונ דער רוימישער אימפּעריע. די געקומענע פלעגנ זיכ אָדער צונויפגיסנ מיט דער אָרטגעבירטיקער באַפעלקערונג אַפ אַ פרידלעכנ אויפנ, אָדער זיי פלעגנ זי אײַנעמענ מיט דער קראַפט פונ געווער.

די באַרבאַרישע קיניגרײַכנ

אינעמ פעריִאָד פונ די איבערוואַנדערונגענ פונ די גערמאַנישע שוואַטימ פלעגנ אויפקומענ די אַזויגערופענע „באַרבאַרישע קיניגרײַכנ".

דאָס ערשטע האָט זיכ געבילדעט דאָס טולוזער קיניגרײַכ פונ די וועסטגאָטנ.

* די איבערוואַנדערונגענ פונ די גערמאַנישע שוואַטימ, וועגנ וועלכע דאָ האַנדלט זיכ, רופט מענ „די גרויסע איבערוואַנדערונג פונ די פעלקער".

אָנהייב V יאָרהונדערט האָבנ די גרענעצנ פונ דעמ דאָזיקנ קיניגרײַכ ארײַנגענומענ אקוויטאניע (דאָרעמ־מערעוודיקער טייל גאַליע צווישנ די פּירענייענ, די סעווענ, דעמ טײַכ לואַרא און דעמ אַטלאַנטישנ אָקעאַנ), נאָר אינגיכנ האָט דאָס קיניגרײַכ אויכ פאַרכאַפּט א טייל פּירענייער האַלבּ־אינדזל. אינ VI יאָרהונדערט זײַנענ די וועסטגאָטנ ארויסגעשטויסנ געוואָרנ פונ אקוויטאניע דורכ די פראַנקנ — א צווייטנ גערמאַנישנ שייוועט, און זייער קיניגרײַכ איז נאָכדעמ באַגרענעצט געוואָרנ בלויז מיט דעמ פּירענייער האַלבּ־אינדזל. אינ V יאָרהונדערט איז אויפגעקומענ די מערהײַט אַנדערע באַרבאַרישע קיניגרײַכנ: דאָס בורגונדער — אינ באַסיינ פונ דעמ טײַכ ראָנא, אינ דער דאָרעמ־מיזרעכדיקער גאַליע; דאָס פרענקישע, וואָס איז אינגיכנ געוואָרנ א מעכטיק גערמאַניש קיניגרײַכ, אינ צאָפנ גאַליע; עטלעכע קיניגרײַכנ פונ די אַנגלאָ־זאַקסנ אינ בריטאַניע; דאָס וואַנדאַלער קיניגרײַכ — אינ צאָפנ־אַפריקע און, לעסאָף, דאָס אָסטגאָטער קיניגרײַכ — אינ איטאַליע. שפּעטער פונ אַנדערע, אינ VI יאָרהונדערט, איז אויפגעקומענ דאָס לאַנגאָבאַרדער קיניגרײַכ אינ צאָפנ־און מיטל־איטאַליע, וואָס האָט אײַנגעשלאָסנ אינ זײַנ באַשטאַנד א טייל קיניגרײַכ פונ די אָסטגאָטנ, וועלכנ עס האָט ביז דעמ כאָרעוו געמאַכט די ביזאַנטישע אימפּעריע.

דער גורל בײַ די דאָזיקע קיניגרײַכנ איז געווענ ניט איינער און דער זעלבער. די מערהײַט פונ זיי האָט עקזיסטירט ניט לאַנג. דאָס וואַנדאַלער, בורגונדער און אָסטגאָטער קיניגרײַכנ זײַנענ זייער שנעל אײַנגעשלונגענ געוואָרנ פונ זייערע שטאַרקערע שכײנים, דאָס לאַנגאָבאַרדער און וועסטגאָטער האָבנ זיכ געהאַלטנ צוויי—דרײַ יאָרהונדערטער, און בלויז דאָס קיניגרײַכ פונ די אַנגלאָזאַקסנ און דאָס פרענקישע קיניגרײַכ האָט געהאַט לענגערע יאָרנ.

די דריבנע מעלוכעס פונ די אַנגלענ און זאַקסנ האָבנ אינ VI יאָרהונדערט זיכ צונויפגעגאָסנ אינ דרײַ גרעסערע: נאָרדומבריע — אינ צאָפנ, מערסיע — אינ צענטער און וועסעקס — אינ דאָרעמ. שפּעטער (אינ IX יאָרהונדערט) האָבנ זיכ אָט די דרײַ קיניגרײַכנ צונויפגעגאָסנ אינ איינ ענגליש קיניגרײַכ.

וואָס איז שײַכ דעמ קיניגרײַכ פונ די פראַנקנ, איז געווענ א צײַט, ווענ דאָס דאָזיקע קיניגרײַכ איז זיכ גאָר שטאַרק צעוואַקסנ. בעראָש פונ אימ זײַנענ געשטאַנענ די קיניגנ פונ דער דינאַסטיע מ ע ר אָ ו ו י נ ג ע נ (ביז העלפט VIII יאָרהונדערט), און נאָכ זיי די ק אַ ר אָ ל י נ ג ע נ. סאָפ VIII יאָרהונדערט האָט דאָס ק י נ י ג ר ײַ כ פונ די פראַנקנ ארומגעכאַפּט מיט זײַנ הערשאַפט קימאַט גאַנצ מײַרעוו־אייראָפּע און דערמיט ווי אויפגעשטעלט די גרענעצנ פונ דער רוימישער אימפּעריע. דעמלט טאַקע (800 י.) האָט דער פרענקישער קיניג ק אַ ר ל ד ע ר ג ר וי ס ע ר אָנגענומענ דעמ טיטל אימפּעראַטאָר. דאָס איז געווענ דער מאָמענט פונעמ גרעסטנ אויפבלי פונ דער פרענקישער מעלוכע.

די גרענעצנ פונ דער אימפּעריע האָבנ זיכ אויסגעשפּרייט פונעמ אַטלאַנטישנ אָקעאַנ ביזנ טײַכ עלבּע; אינ דאָרעמ האָבנ זיי זיכ געצויגנ איבערנ ברעג פונעמ מיטללענדישנ יאַמ און אויפנ פּירענייער האַלבּ־אינדזל ביזנ טײַכ עבראָ. אָבער אינ דער קאַראָלינגענ־אימפּעריע האָט ניט געקאָנט זײַנ קיינ פולע און פעסטע מעלוכישע איינהײַט. דעמ קיניגס מאַכט איז בלויז טיילווײַז געווענ פאַרשפּרייט אַפ אַלע טעריטאָריעס. אַפ די ערטער זײַנענ די פאַקטישע הערשער געווענ די גראַפנ און די מאַרקגראַפנ (מאַרקגראַפנ האָבנ געהייסנ די הערשער פונ די גרענעצ־געגנטנ). אינגיכנ, אינמיטנ IX יאָרהונדערט, איז זיכ די אימפּעריע צעפאַלנ אַפ עטלעכע זעלבשטענדיקע מעלוכעס: דײַטשלאַנד, איטאַליע, לאָטאַרינגיע (אָדער בורגונדיע) און פראַנקרײַכ. און שפּעטער איז נאָכ מער צעבראָקלט געוואָרנ די קאַראָלינגענ־אימפּעריע. אינ און אויסער די גרענעצנ פונ דער אימפּעריע, אינ גאַנצ מײַרעוו־אייראָפּע, האָבנ זיכ געשאַפנ פיל קליינע מעלוכעלעכ. זיי פלעגנ ווערנ אָפּהענגיק איינע פונ דער אַנדערער, פלעגנ קעסיידער ענדערנ זייערע גרענעצנ, צײַטנווײַז פלעגנ זיי זיכ גאַנצ גרויס צעוואַקסנ און נאָכדעמ פלעגנ זיי ווידער צעפאַלנ אַפ קליינע טיילנ.

אינ פארלויפ פונ V—VII יאָרהונדערטער האָט זיכ אינ מײַרעוו-אײראָפּע געבילדעט א נײַע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג — דער פעאָדאַליזמ. ער איז אויסגעוואָקסנ, פונ איינ זײַט, אפ דער באַזע פונ דער צעפאַלונג פונ דער שקלאַפנבאַזיצערישער אָרדענונג פונ דער רוימישער אימפעריע, און פונ דער צווייטער זײַט — אפ דער באַזע פונעמ וווּקס פונ דער עקאָנאָמישער אומגלײַכהײַט און קלאַסנ-דיפערענציאַציע פונ די פאַרצײַטיקע גערמאַנער.

פראַגעס:

פונאַנדערשפּרייט מיר אונדזערע ידיעות וועגנ דער ווירטשאַפט און דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג בא די פאַרצײַטיקע גערמאַנער.

באַשרײַבט די ווירטשאַפט פונ די פאַרצײַטיקע גערמאַנער אינ צעזאַרס און טאַציטוס צײַטנ און ווײַזט אָנ די ענדערונגענ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ אינ דער ווירטשאַפטלעכער אָרדענונג, אָנהייבנדיק פונ צעזאַרס עפּאָכע ביז טאַציטוס צײַטנ.

וואָס פאַר א געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג איז געווענ בא די פאַרצײַטיקע גערמאַנער?

ווײַזט אָנ אפ דער קאַרטע די גרענעצנ פונ די „באַרבאַרישע קיניגרײַכנ".

קאַפּיטל II

די פעאָדאַלע אָרדענונג אינ מײַרעוו-אײראָפּע (IX—XI יאָרהונדערטער)

3. די פעאָדאַלע ווירטשאַפט און די לאַגע פונ די פויערימ

די לאַגע פונ די פויערימ

אינ דעמ פריִקנ קאַפּיטל האָבנ מיר שוינ געזענ, וויאַזוי עס האָבנ זיכ אינ די לענדער פונ מײַרעוו-אײראָפּע געבילדעט די גרונט-קלאַסנ פונ דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט: די ליבנ־יגענע פויערימ און די פעאָדאַלנ (די פריצימ).

מיט וואָס כאַראַקטעריזירט זיכ די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע לאַגע פונ דעמ ליבייגענעמ פויער?

אפ דער דאָזיקער פראַגע וועט זײַנ לײַכטער פונ אַלצ צו ענטפערנ, ווענ מיר וועלנ א קוק טאָנ, וואָס איז דער אונטערשייד צווישנ דעמ ליבייגענעמ פויער און דעמ שקלאַפ, און ווענ מיר וועלנ צוליב קלאָרקײַט פאַרגלײַכנ דעמ און יענעמ מיטנ הײַנטצײַטיקנ קאַפּיטאַליסטישנ אַרבעטער.

סײַ דער שקלאַפ סײַ דער ליבייגענער סײַ דער קאַפּיטאַליסטישער אַרבעטער פאַרמאָגנ איינ אַלגעמיינע אייגנשאַפט: זיי ווערנ עקספּלואַטירט פונ אַנדערע מענטשנ — פונ דעמ שקלאַפנ־באַזיצער, דעמ פּאָריץ, דעמ אונטערנעמער. ס'איז אָבער אויכ פאַראַנ צווישנ זיי א קאָלאָסאַלער אונטערשייד.

דער הײַנטצײַטיקער אַרבעטער פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז

פ ע ר ז ע נ ל ע כ פרײַ. ער איז אָבער אין דער זעלבער צײַט „באַפרײַט“ אויך פון אַלע מינים געצײַג און פּראָדוקציר־מיטלען; אַלץ, וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער אַרבעטער פאַרמאָגט, — דאָס איז זײַן אַרבעטס־קראַפט, וועלכע ער איז געצוווּנגען, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז פרײַ, צו פאַרקויפן דעם באַזיצער פון די פּראָדוציר־מיטלען, דעם קאַפּיטאַליסט, ווײַל אַנדערש וועט ער ניט האָבן קיין מיטלען צום לעבן, און עס וועט פאַר אים שטיין די געפאַר פון הונגער־טויט. דערבײַ איז ווײַט ניט שטענדיק געלינגט אים צו פאַרקויפן זײַן אַרבעט־קראַפט. די אַרבעטלאָזיקייט, וואָס איז באַזונדערס אומדערבאַרעמדיק אין קריזיס־צײַטן, נעמט בײַ אים אַפט צו אויך די דאָזיקע מעגלעכקייט.

אַזוי אַרום ווערט דער קאַפּיטאַליסטישער אַרבעטער עקספּלואַטירט מיט דער קראַפט פון עקאָנאָמישן צוואַנג. ניט אַזוי האַלט עס מיטן שקלאַף אָדער מיטן לײַביגענעם מענטשן. אי דער אי יענער פלעגן ווערן אונטערדריקט ניט בלויז עקאָנאָמיש, נאָר אויך דורך אויסער־עקאָנאָמישן צוואַנג.

דאָס הייסט, אַז פּערזענלעך זײַנען זיי ניט געווען פרײַ, אַז דער שקלאַפן־באַזיצער אָדער דער פּאָרעץ דער לײַביגנטימער פלעגט זיי צווינגען צו אַרבעטן. דער שקלאַף האָט זיך גערעכנט ווי עפּעס אַ כייפעץ פונעם באַלעבאָס, וועלכער האָט געקענט מיט אים זיך שאַפן, ווי ס'פלעגט זיך אים גלוסטן.

געוויינלעך פלעגן די געזעצן קימאַט ניט באַשיצן דעם שקלאַף, און דער באַלעבאָס האָט אים געקענט באַשטראָפן, פאַרקויפן און אַפילו דערהאַרגענען. דערבײַ פירט ניט דער שקלאַף קיין אייגענע ווירטשאַפט און פאַרמאָגט ניט קיין שום אייגנטום. אין אַן אַנדער לאַגע געפינט זיך דער לײַביגענער: אים האָט מען „אײַנגעטיילט“ אַ ביסעלע ערד, ער פאַרמאָגט פּראָדוציר־מיטלען און פירט זײַן אייגענע ווירטשאַפט. בלויז אַ טייל פון זײַן צײַט אָדער אַ טייל פון די פּראָדוקטן, וואָס ער האָט מיט זײַן מי באַקומען, איז ער געצוווּנגען אָפּצוגעבן דעם פּאָרעץ.

פאַנשטשינע און טשינש

אַנדערש גערעדט, די פעאָדאַלע פּויערים האָבן געאַרבעט פאַנשטשינע פאַרן פּאָרעץ און האָבן אים געצאָלט טשינש.

די פאַנשטשינע האָט זיך אויסגעדריקט, פריער פון אַלץ, אין פעלד־אַרבעט: אַקערן, זייען, אָראָפּנעמען די גערעטעניש, דרעשן אאַוו. אַחוץ דעם פלעגן די פּויערים אין אָרדענונג פון פאַנשטשינע מוזן מאַכן און פאַרריכטן וועגן, רייניקן דעם פּאָרעצס סאַזשלקעס, פּאַשען דעם פּאָרעצס פי, באַוואַכן דעם פּאָרעצס שלעסער אאַוו.

אָבער פונדעסטוועגן איז אין IX—XI יאָרהונדערטער די פאַנשטשינע נאָך ניט געווען זייער שווער, ווײַל דער פּאָרעץ האָט דעמאָלט נאָך ניט געפירט קיין גרויסע אייגענע ווירטשאַפט. אָבער שטײַערן פאַרשיידענע און טשינשן איז געווען זייער פיל, און זיי האָבן שטאַרק געדריקט דעם פּויער.

אָט איז, צום בײַשפּיל, אַ צעטל שטײַערן, וואָס זײַנען געווען אַרויפגעלייגט אויף די פראַנצויזישע פּויערים אין XI יאָרהונדערט. מע קאָן זיי גרופּירן אין פיר גרונט־קאַטעגאָריעס: 1) שטײַערן, וואָס פלעגן גענומען ווערן פון געפעס, קאָפּ־שטײַערן; 2) שטײַערן פונעם פאַרמעגן; 3) אומדירעקטע שטײַערן, אָדער פאַשלינעס און 4) מאָנאָפּאָליעס אָדער באַנאַליטעטן. צו די קאָפּשטײַערן האָבן געהערט: א) „שעוואַזש“ — ניט קיין גרויסער אָפּצאָל, וואָס האָט געהאַט פאַרן פּאָרעץ אַ באַ־

דײַטונג ניט אזוי אלס האכנאָסע, ווי אלס סימענ פונ דעמ פויערס פּערזענלעכער אָפּהענגיקײַט און ב) „טאליע" — דער גרונטיקער קאָפּשטײַער; די גרייס פונ דעמ דאָזיקנ שטײַער איז געווענ א פארשיידענע, ער איז אָבער געווענ א קוואל פונ קאָלאָסאלע האכנאָסעס פארנ פּאָרעצ. צו די שטײַערנ אפנ פארמעגנ האָבנ געהערט: א) „צענז", ד.ה. ארענדע־אָפּצאָל, לעכאָטכילע אינ נאטור, דערנאָכ מיט געלט; 2) „שאמפּאר", ד.ה. א טייל גערעטעניש, אונ ג) פארשיידענע שטײַערנ פונ דער ווײַטונג, פונ פי, פונ אויפּעס אונ אזוי ווײַטער. שטײַערנ האָט מענ געצאָלט פאר דורכפירנ פּראכטנ איבער די וועגנ אונ טײַכנ, פאר האנדלענ אפ די מערק אאוו. וואָס איז שײַעכ די מאָנאָפּאָליעס אָדער באנאליטעטנ, זײַנענ דאָס געווענ דעמ פּאָרעצ׳ס רעכט צו פאָדערנ פונ די פויערימ, זיי זאָלנ מאָלנ די טווע אינ זײַנ מיל (פאר געצאָלט, פארשטייט זיכ), די ווײַנטרויבנ פּרעסנ אינ זײַנ ווײַנקעלטער, דאָס מעל באקנ אינ זײַנ בעקערײַ.

צו די דאָזיקע שטײַערנ געהערט אויכ דעמ פּאָרעצ׳ס מאָנאָפּאָלישע רעכט צו האנדלענ מיט זאלצ, וואָס האָט זייער שטארק געדריקט די פויערימ. צולעצט, האָט דעמ פּאָרעצ אויכ געהערט דאָס רעכט צו מישפּעטנ די פויערימ, ער האָט געהאט דאָס רעכט אלײנ ארופלייגנ אפ די פויערימ פארשיידנערליי פּאָשלינעס אונ שטראָפנ, אונ דאָס האָט זיכ געלייגט ווי א שווערע לאסט אפ די פויערימ. אָט דאָס זײַנענ געווענ די „געזעצלעכע" שטײַערנ־האכנאָסעס פונ די פּריצימ. די פּעאָדאלנ האָבנ אָבער געהאט גענוג קראפט צו בארויבנ די פויערימ אויכ העכער פונ אָט די „געזעצלעכע" נאָרמעס.

מיר האָבנ נאָכ ניט דערמאָנט וועגנ דעמ, אז די פויערימ זײַנענ אויכ געווענ פארפליכטעט צו געבנ דעמ פּאָרעצ „סטאנציע אונ שפּײַז", ד.ה. אויסהאלטנ דעמ פּאָרעצ אינ דער צײַט פונ זײַנע רײַזעס. דאָס איז געווענ זייער א שווערע לאסט, ווײַל דער פּאָרעצ פלעגט געוויינלעכ ארומפאָרנ מיט א גאנצער כאָפּטע באדינער, מיט זײַנע שטוב-מענטשנ אונ מיט געסט. די פויערימ זײַנענ, אזויארומ, געווענ געצוווּנגענ צו קאָרמענענ א גאנצע כאליאסטרע, אונ דערלאנגענ האָט מענ דאָכ געמוזט פונ דעמ בעסטנ, וואָס איז נאָר געווענ צו קריגנ אינ דאָרפ.

אונ וויפל שאָדנ פלעגט ברענגענ די פויערימ דעמ פּאָרעצ׳ס רעכט צו פאָרנעמענ זיכ מיט יאָגד אפ זייערע פעלדער! בישכײַנעס פונ די באארבעטע פעלדער פלעגט דער פּאָרעצ אײַנאָרדענענ פאר זײַנ פארגעניגנ הויפנ פאר הירשנ, פאר ווילדע כאזייריִמ, האזנ, פויגלענ. די פויגלענ אונ כײַעס פלעגנ אָפּט פארניכטנ דעמ פויערישנ פארזיי, אונ די פויערימ האָבנ ניט געטאָרט אָנרירנ דעמ פּאָרעצ׳ס באלעכײַמ, אניט האָט זיי געדראָעט די טליִע. אונ אכוצ דעמ, וואָס עס פלעגנ צעשלעפּנ דעמ פּאָרעצ׳ס באלעכײַמ, פלעגנ נאָכ קומענ די יעגער אונ רויבנ: זיי פלעגנ אָנפאָרנ א גאנצע כאָפּטע אונ פלעגנ מיט די פערד אונ מיט די הינט צעטרעטנ דעמ פארזיי.

צו דעמ אלצ דארפ מענ נאָכ צוגעבנ, אז די פויערימ זײַנענ אינ דער מערהײַט זייערער געווענ פּערזענלעכ ניט־פרײַ, זיי האָבנ ניט געהאט קיינ רעכט פרײַ אריבערצוגייִנ פונ איינ פּאָרעצ צומ אנדערנ, אונ זייערע רעכט אפ ערד זײַנענ אויכ אָפּט געווענ באגרענעצט: לויטנ אזויגערופענעמ רעכט פונ דער „טויטער האנט" האָבנ זיי געמעגט איבערגעבנ זייערע ערד־סאלאָקימ בעיערושע בלויז מיט

דער האַבקאָמע פֿונ פּאָרעצ. אונ דער יוירעש האָט געדאַרפֿט צאָלנ „אויסקויפֿ" (גע־ווײַנלעכ פּלעגט עס זײַנ דאָס בעסטע שטיקל פֿי).

אַזאַ איז געווענ די לאַגע ניט בלויז פֿונעם פֿראַנצויזישנ פּויערטום, נאָר בײַ־כלאַל פֿונ די פּויערימ אינ דער פֿעאָדאַלער עפּאָכע. אויב אינ אַנדערע לענדער

די קיכ פֿונ אַ פֿעאָדאַל

האָבנ די פֿליכטנ פֿונ די פּויערימ אָדער „די רעכט" פֿונ די פֿעאָדאַלנ געהייסנ אַנדערש, האָט זיכ דער טאָכ אָבער דערפֿונ ניט געענדערט.

אַפֿ די פּויערימ האָבנ די פֿעאָדאַלנ געקוקט ווי אַפֿ אַ מינ לאַסט־אייזלענ, שוצ־לאָזע אונ רעכטלאָזע. דעמ פֿעאָדאַלס קוק אַפֿנ פּויער דריקט זייער גוט אויס דאָס דײַטשישע פֿעאָדאַלע שפּריכוואָרט. „דער פּויער איז דער זעלבער אָקס, נאָר אָנ הערנער".

די לעבנ־באַדינגונגענ פונ די פעאָדאַלע פויערימ

דעמ פויערס אַרט לעבנ האָט זיכ ווייניק וואָס אונטערשיידט פונעמ לעבנ פונ באַלעכײַמ. עס איז גענוג זיכ פאָרצושטעלנ דעמ פויערס וווינונג — א קליינ שטיבעלע, געמאַכט געוויינלעכ פונ ליימ, מיט א דאַכ פונ שטרוי אָדער פונ אַטשערעט. פײַער פלעגט מענ מאַכנ אינ שטוב גופא, און דער רויכ פלעגט אַרויסגיינ דורכ דער אָפענער טיר אָדער דורכ א לאָכ אינ דאַכ. קיינ פענצטער איז אינגאַנצנ ניט געווענ, אָדער דאָס זײַנענ געווענ פּאָשעטע לעכער אָנ שויבנ, וואָס מע פלעגט ביימ די קעלט פאַרשטאָפּנ מיט שמאַטעס. אינ אַזעלכע וווינונגענ, ענגע, שמוציקע און פאַדויכערטע, פלעגנ זיכ זייער גרינג פאַרשפּרייטנ קאָלערליי קראַנקייטנ.

קעדיי מיר זאָלנ האָבנ א פולע פאָרשטעלונג וועגנ דער לאַגע פונ די דעמאָלטיקע פויערימ, דאַרפנ מיר נאָכ האָבנ אינזינענ, אַז די טעכניק פונ דער לאַנדווירטשאַפט איז אינ יענע צײַטנ געווענ זייער א נידעריקע. די ערד פלעגט מענ באַאַרבעטנ אַפ א פאַרצײַטיקנ אויפנ, און זי פלעגט שנעל אויסגעמאָגערט ווערנ. אינ רעכטנ ברעג פונ דער פעלד־אַרבעט פלעגט דער פויער אָפט זײַנ געצוווּנגענ גיינ אַרבעטנ פּאַנשטשינע. דאָס פאַרזייענ און אַראָפּנעמענ פונ פעלד ניט צו דער צײַט האָבנ נאָכ מער פאַרקלענערט די אַזוי אויכ נישטיקע גערעטעניש. דאָס ביסל, וואָס דעמ פויער פלעגט זיכ שוינ אײַנגעבנ אַראָפּנעמענ פונ פעלד, פלעגט טיקעס אוועקגיינ אינעמ גרעסטנ טייל אָפּצאָלנ די שטײַערנ און אַלטע כויוועס. דאָס איבערגעבליבענע ברויט פלעגט אימ אַפילע אינ די גערעטנסטע יאָרנ קוימ קלעקנ ביז דער נײַער גערעטעניש, וועגנ זאַפּאַסנ איז שוינ אָפּגערעדט.

דעריבער פלעגט די קלענסטע אומגערעטעניש אויסוואַקסנ אינ א געפערלעכנ אומגליק — אינ א הונגער. אינ פראַנקרײַכ, צומ בײַשפּיל, זײַנענ געווענ אינ XI יאָרהונדערט בײַ 70 הונגער־יאָרנ. די כראָניק־ביכער פונ יענער צײַט האָבנ אונדז איבערגעלאָזנ דערשיטערנדיקע באַשרײַבונגענ פונ די הונגער־יאָרנ. מענטשנ האָבנ זיכ גענערט מיט גראָז, מיט קאָרע פונ ביימער, מיט געוויילע, מיט מענטשנ־פלייש. מע האָט געפּרוּווט עסנ ליימ. עס פלעגט טרעפנ, אַז מע פלעגט אַפילע צערײַסנ קוואָרימ און אויפעסנ די טויטע. מע פלעגט הארגענענ קינדער אָדער איינער דעמ אַנדערנ און אויפעסנ די געהאַרגעטע. עס האָט פּאַסירט, אַז מע האָט אַרויסגעטראָגנ מענטשנ־פלייש צו פאַרקויפנ... אינ איינעמ א כראָניק־בוכ ווערט דערציילט אַזוי: „אַזאַ הונגער איז געווענ (860 י.), אַז איינ מענטש פלעגט דערהאַרגענענ דעמ אַנדערנ און פלעגט אימ ווי א כײַע צערײַסנ מיט די ציינער”.

א צווייטער כראָניק־שרײַבער (1005 י.) שרײַבט:

„אינ דער צײַט איז געווענ זייער א גרויסער הונגער, וואָס האָט געדויערט פינפ יאָר. עס איז ניט געווענ קיינ געגנט, ווו עס זאָל זיכ ניט פילנ א מאַנגל אינ ברויט. א מאַסע מענטשנ, אויסגעצערטע פונ ניט־עסנ, איז אומגעקומענ. דער שוידערלעכער הונגער האָט דאַנ אינ פיל ערטער פונ דער וועלט געצוווּנגענ צו באַנוצנ פאַר שפּײַז ניט בלויז דאָס פלייש פונ אומרייִנע כײַעס און רעפּטיליעס, נאָר אויכ דאָס פלייש פונ מענער, פרויענ און קינדער; אונטער דער ווירקונג פונ נויט האָט מענ פאַרגעסנ אַפילע די קרויווישע געפילנ. וואָדעמ די ליידנ פונ הונגער זײַנענ געווענ אַזוי שרעקלעכ, אַז א דערוואַקסענער זונ פלעגט אויפעסנ זײַנ מוטער, און א מוטער פלעגט פאַרגעסנ די מוטערליבע און פלעגט דערמאָרדנ איר אייפעלע”.

די הונגער־אומגליקנ פלעגנ באגלייט ווערנ מיט א שטארקער פארשפרייטונג פונ אנשטעקיקע קראנקייטנ. פונ פעסט, צומבײשפיל (מע האט זי גערופנ „שווארצער טויט“), פלעגנ אויסשטארבנ גאנצע דערפער, פלעגנ פארוויסט ווערנ קאלאסאלע געגנטנ.

אחוצ הונגער אונ קראנקײטנ איז געווענ נאכ א פלאג — די אומענדלעכע מילכאמעס צווישנ די פעאָדאלנ. אינ דער צײט פונ אט די מילכאָמעס פלעגט דער פעאָדאל פאָדערנ, מע זאל אים צושטעלנ ברויט אונ אנדערע פראָדוקטנ א סאכ מער, ווי אינ דער געוויינלעכער צײט, אונ די אנפאליענ פונ די פעאָדאלנ פונעם אנדער לאגער פלעגנ פארניכטנ אלצ אפנ וועג.

די טעכניק פונ דער לאנדווירטשאפט

לאָמיר זיכ איצט באקענענ עטוואָס גענויער מיט דער טעכניק פונ דער לאנדווירטשאפט פונ מערעו־אייראָפּע אינ XI—IX יאָרהונדערטער.

אפילע אינ די פארהעלטענישמעסיק גרויסע גיטער איז געווענ גאנצ ווייניק לאנדווירטשאפטלעכער אינווענטאר. ס'איז געווענ ווייניק פלוגנ, באָראָנעס אונ סערפּנ. אינ די דאקומענטנ פונ יענער צײט ווערט דערמאָנט, אז אינ א גרויסנ גוט איז געווענ איינער אָדער צוויי פלוגנ. ווײזט אויס, אז צוגלײכ מיטנ פלוג איז דאנ נאָכ פארבליבנ די באארבעטונג פונ דער ערד מיט דער האנט: מע האָט באנוצט ניט בלויז פלוגנ, נאָר אויכ גראָבײזנס, מאָטיקעס, קירקעס.

אינ דער לאנדווירטשאפט פונ מערעו־אייראָפּע אינ XI—IX יאָרהונדערטער איז נאָכ וו־ניט־וו פארבליבנ די ב ר ו כ פ ע ל ד־ס י ס ט ע ם. דאָס איז אזא סיסטעם פונ ערד־באארבעטונג, ווענ מע אקערט אופ אונ מע פארזייט איינ אונ דעמ זעלבנ ערד־פלאצ עטלעכע יאָר נאָכאנאנד (3—4 יאָר, אמאָל 5), אזוי לאנג, ווי דער ערד־ביילעק גיט א מער־ווייניקער גענוגנדיקע גערעטעניש. ווענ דער דאָזיקער ערד־ביילעק ווערט אויסגעצערט, לאָזט מענ אימ „רוענ“ אונ מע נעמט זיכ פאר א נײעמ, נאָכדעמ נאָכ פאר איינעמ אאוו. עס גייט דורכ 20—25 יאָר. פאר דער צײט באווײזט דער ערשטער ערד־ביילעק זיכ „אָפּצורוענ“ אונ איז גרייט צו א נײעמ פארזיי, דאנ נעמט מענ זיכ צו אימ ווידער. אזויארום פלעגט בא דער ברוכפעלד־סיסטעם שטענדיק „רוענ“ זייער א סאכ ערד — $^{3}/_{4}$ אָדער $^{4}/_{5}$.

אינ XI יאָרהונדערט איז די ברוכפעלד־סיסטעם אינ א באדײטנדיקער מאָס ארויסגעשטויסנ געוואָרנ פונ דער צוויפעלד־אונ דרײפעלד־סיסטעם, וואָס איז אינ XI יה. שוינ געווענ ברייט פארשפרייט. בא דער דרײפעלד־סיסטעם צעטיילט מענ די אקער־ערד אופ דרײ טיילנ: אפנ ערשטנ זייט מענ ווינטער־טווּע, אפנ צווייטנ — זומער־טווּע, אונ דעמ דריטנ לאָזט מענ אפ „ברוכ“. דערבײ „רוט“ בלויז ⅓ ערד. דאָס איז שוינ געווענ א גרויסער שריט פאָרויס אינ פארגלײכ מיט דער ברוכפעלד־סיסטעם אונ צוויי־פעלד־סיסטעם.

אָט אזא איז זי געווענ די טעכניק פונ דער פעאָדאלער לאנדווירטשאפט.

דער פעאָדאלער הויפ

איצט לאָמיר זיכ באקענענ מיט דער אינערלעכער אײנאָרדענונג פונ א פעאָדאלנ הויפ.

אָט איז פאר אונדז א פארצײטיקער פלאנ פונ א ענגלישנ פעאָדאלנ הויפ.*

* דאָ ווערט געבראכט א פינקטלעכע רעפּראָדוקציע פונ דעמ דאָזיקנ פלאנ מיט די ענגלישע דערקלערונג־אופשריפטנ.

אינ צענטער פונ דעם הויפ געפינט זיכ דעם פּאָרעצס הויז. דאָ וווינט דער פּעאָדאל אליינ אָדער זײַנ פּארוואלטער. ארומ דעם הויז איז א פרוכט־גאָרטנ, בלו-



א פּלאנ פונ א ענגלישנ הויפ (מענאָר)

מענ-בייטנ, א פּארק, גערטנער. נעענטער צו דעם וועג געפינענ זיכ די קלענערע געבײַדעס. דאָ וווינענ די הויפ־מענטשנ אונ דאָ געפינענ זיכ די פארשיידענע ווירט־שאפטלעכע געבײַדעס: פערד־שטאלנ, דער פי-הויפ, שײַערס, שפּײַכלערס, אויפעס־

שטײנער, א קוזניע אונ אנדערע האנטווערקערישע ווארשטאטנ. פונ פארנט פארנ פארעצעס הויז איז געמאכט געווארנ א סאדזשאלקע. דערעמ־צו פונ הויפ געפינט זיכ א פויעריש דארפ. די דארפ־הײַזקעס זײַנענ אויסגעשטעלט אפ בײדע זײַטנ וועג. מיט־ תעווזײַט, פונעמ דארפ געפינט זיכ דאס געמײנזאמע פיטער-פעלד פאר די פי. דאס פעלד ציט זיכ פונעמ וועג ביזנ סאמע טײַכ. מיר זעענ אפנ פלאנ אויסגעמאלט קי אונ פערד. דא דערבײַ אפנ טײַכ לעבנ בריק געפינט זיכ א וואסערמיל. די ווינטמיל אבער שטײט ווײַט, אפנ אנדערנ עק פלאנ, הינטער דער אקער־ערד, אינ פרײַענ פעלד. מיזרעכ־צו פונעמ דארפ ליגנ די פויערשע גערטנער, וואס זײַנענ אפנ פלאנ צעטײלט אפ כאלאקימ: A, B, C, Д. צאפנ־צו ציט זיכ די אקער־ערד. אונ נאכ ווײַטער, אינ מערעוו אונ אינ צאפנ, ציענ זיכ לײדיקע פלעצער, אונ, צולעצט, באמ סאמע ראנד פונעמ פלאנ זעט מענ דעמ אנהײב פונעמ וואלד. איבערנ וועג צומ וואלד-צו רײַט א גרופע יעגער מיט הינט.

לאמיר זיכ איצט צוקוקנ צו די אקער־ערדנ. אפנ פלאנ איז גוט קענטיק די צעפאסעוועטקײַט, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פארנ פעאדאלנ דארפ. די גאנ־צע אקער־ערד איז צעטײלט אפ דרײַ גרויסע פעלדער. זײ הײסנ — „דאס מערעוו־דיקע פעלד", „צאפנדיקע" אונ „מיזרעכדיקע". אײנ פעלד איז פארזײט מיט ווײץ אדער מיט קארנ, דאס צווײטע — מיט האבער אדער גערשטנ, דאס דריטע פעלד איז געבליבנ אפ ברוכ. יעדעס פעלד, ווידער, איז צעטײלט אפ גענג,* אונ די גענג — אפ פאסנ צו 1—1½ אקער** יעדער פאס. די פאסנ זײַנענ אפגעטײלט אײנער פונעמ אנדערנ מיט מעזשעס, ד.ה. מיט פאסיקלעכ ניט-צעאקערטער ערד, די מעזשעס פלעגנ פארנעמענ ניט ווייניקער ווי 5%—6% פונ דעמ גאנצנ שעטעכ ערד, וואס טויג צומ אקערנ. דאס גרעסטע בײז איז אבער געווענ דאס, וואס אפ די מעזשעס פלעגט וואקסנ ווילדגראז אונ פלעגט פארמיסטיקנ די דערבײַיקע פעלדער. די פאסנ זײַנענ געווענ ניט פונ אײנ אונ דער זעלבער קוואליטעט. דעריבער פלעגט מענ זײ, צוליב גלײַכקײַט, אײַנטײלנ צווישנ די פויערימ אזוי, אז יעדנ פויערס כײַ־לעק זאל באשטײנ פונ עטלעכע באזונדערע פאסנ אינ יעדנ פעלד פונ די דרײַ. אלע פויערימ האבנ באדארפט באארבעטנ זײערע ערד־פאסנ, רעכענענדיק זיכ מיטנ זײ־פארקער פונ זײערע שכײנימ.

נאטורעלע ווירטשאפט •

אינ אונדזער הויפ־פלאנ איז דעמ פעאדאלס אקער־פעלד פאר־העלטענישמעסיק ניט קײנ גרויסע. דאס איז געווענ א געווײנלעכ־כע דערשײַנונג. דער פעאדאל אינ מערעוו־אײראפע פונ IX—XI יארהונדערטער פלעגט זעלטנ פארמאגנ העכער א פערטל פונ זײַנ ערד. די גאנצע איבעריקע ערד איז געווענ אינ באנוצ בײַ די פויערימ. קײנ אײגענע גרויסע ווירטשאפט האט דער פארעצ ניט געפירט. דאס ברויט איז ניט געווענ וווּ צו פארקויפנ, ווײַל די איבערוועגנדיקע מערהײַט באפעלקערונג האט זיכ פארנומענ מיט ערדארבעט אונ האט זיכ ניט געניטיקט אינ געקויפטנ ברויט אונ אנדערע פראדוקטנ.

די ווירטשאפט האט געהאט א נ א ט ו ר ע ל נ כאראקטער. דאס הײסט, אז די הויפט־מאסע לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטנ, וואס זײַנענ פראדוצירט געווארנ

---

* גאנג — א שטיק ערד פונ באשטימטער קוואליטעט.

** אנ אקער באטרעפט בײַ $^2/_5$ העקטאר.

אינעמ הויפ, פלעגט ניט פאַרקויפט ווערנ, נאָר דער פעאָדאַל, זײַנ מישפּאָכע, די פּילצאָליקע הויפ־מענטשנ, געסט, פלעגנ עס פאַרברויכנ בא זיכ אינ הויפ.

דער הויפ איז געווענ ניט בלויז א נאַטורעלער, נאָר אויכ א פאַרשלאָסענער. אינדוסטריעלע זאַכנ פלעגנ אויכ אויסגעאַרבעט ווערנ אינ א באַדײַטנדיקנ טייל אינ הויפ גופע דורכ די היימישע האַנטווערקער.

אָט, צומבײַשפּיל, וואָס עס ווערט דערציילט אינ איינער א אינסטרוקציע, וואָס איז פאַרבליבנ פונ XI יאָרהונדערט וועגנ פאַרוואַלטנ מיט די קיניגלעכע גיטער.

„זאָל יעדער פאַרוואַלטער האָבנ אינ דערווירטשאַפט גוטע האַנטווערקער, דהי. שמיטנ, וואָס זײַנענ באַקאַנט אויכ מיט גאָלד־אונ זילבער־אַרבעט, רימער, שניצער, טעסלער, באָנדערס, פישער, פייגל־פאַנגער אונ פייגל־ציכטלער, זייפ־קאָכער, קוואַס־קאָכער, בעקער צומ באַקנ ווײַסברויט פאַר אונדזער טיש; מענטשנ, וואָס פלעכטנ נעצנ פאַר יאַגד, פישפאַנג אונ פייגל־פאַנג, — אויכ אַנדערע מײַסטערס, וואָס אויסרעכענענ זיי וואָלט'א סאַכ צײַט פאַרנומענ".

אַלזאָ, דער פעאָדאַל האָט געשטרעבט צו האָבנ בא זיכ אינ הויפ אַלע נייטיקע האַנטווערקער אונ סײַדנ, אַז ס'איז שוינ געווענ לעסברייזרע, פלעגט ער אָנקומענ צו די וואַנדערנדיקע פרײַע האַנטווערקער, וואָס פלעגנ אַרומגיינ פונ הויפ צו הויפ. קויפנ פלעגט אויסקומענ בלויז אייניקע אַרטיקלענ פונ דער האַנטווערקערישער פּראָדוקציע, וואָס מע פלעגט ניט קאָנענ אויסאַרבעטנ בא זיכ אינ דער היימ. מע פלעגט קויפנ, צומבײַשפּיל, געווער, זאַלצ אונ אייניקע אַנדערע פּראָדוקטנ.

די רײַכערע פעאָדאַלנ פלעגנ קויפנ געווער אונ קאָלערליי לוקסוס־זאַכנ, וואָס מע פלעגט ברענגענ פונ ווײַטע מיזרעכ־לענדער. אייניקע זאַכנ פלעגט מענ קויפנ בא די וואַנדערנדיקע סאָכרימ, אייניקע אַפ די זעלטענע מערק אינ די שטעט, וואָס זײַנענ דעמלט אַנטשטאַנענ.

אַזוי־אַרומ איז פאַר דער פעאָדאַלער ווירטשאַפט פונ מײַרעוו־אייראָפּע אינ IX—XI יאָרהונדערטער כאַראַקטעריסטיש די גוטבאַזיצערישע אָרדענונג, בא וועלכער דער גרויסער פריצישער ערד־באַזיצ פאַרט זיכ צונויפ מיט דער קליינער פויערישער ווירטשאַפט. דער פעאָדאַל, דער ערד־אייגנטימער פלעגט זיכ צוייגענענ דעמ מער־פּראָדוקט, וואָס פלעגט באַקומענ ווערנ אינ דער פויערישער ווירטשאַפט, אַנווענדנדיק, אינ דער ערשטער ריי, מיטלענ פונ אויסער־עקאָנאָמישנ צוואַנג. די מעלאָכע איז נאָכ ניט אָפּגעזונדערט פונ דער לאַנדווירטשאַפט. די גאַנצע פעאָדאַלע ווירטשאַפט האָט געהאַט אַנ אײַנ־געשלאָסענעמ נאַטורעלנ כאַראַקטער, דער אויסטויש איז געווענ זייער ניט קיינ באַדײַטנדיקער.

פראַגעס:

וואָס איז דער אונטערשייד אינ דער עקאָנאָמישער לאַגע פונעמ שקלאַפ, לײַב־אייגענעמ אונ קאַפּיטאַליסטישנ אַרבעטער?

וואָס פאַר א פאַרפליכטונגענ האָבנ די פויערימ געטראָגנ בא דער פעאָדאַלער אָרדענונג?

באשרײַבט די טעכניק פונ דער לאנדווירטשאפט אינ דער פעאָדאלער עפּאָכע.
וואָס איז אזוינס די דרײַפעלד־סיסטעם אונ די דרײַפעלד־סיסטעם?
וואָס איז אזוינס די נאטורעלע ווירטשאפט?
אינ וואָס האָט זיכ אויסגעדריקט דער אײַנגעשלאָסענער כאראקטער פונ דער פעאָדאלער ווירטשאפט?

4. די פעאָדאלע מעלוכע

די פויערים־אופשטאנדנ

די פעאָדאלנ האָבנ געוווינט אינ פארפעסטיקטע שלעסער. די ווענט פונעם שלאָס האָבנ אָפּגעהיט די באלעבאטים פונ אָנפאלנ מיצאד אנדערע פעאָדאלנ. גלײַכצײַטיק האָט דער פעאָדאל זיכ פארטיידיקט אויכ פונ די פויערים־אופשטאנדנ. פארצווייפלטע פונ זייער



א ריטער־שלאָס

האָפענונגלאָזער לאגע, פלעגנ די פויערים אָפט מאכנ אופשטאנדנ. אָבער ווי נים גלײַכ זײַנענ געווענ די קרעפטנ! א קלײנינקער באוואָפנטער מיט שארפ געווער אָט־ריאד פונ 20—30 רײַטער קריגס־לײַט, גוט געשולטע אינ מיליטער־וועזנ, האָט זיכ גרינג געקענט ספּראווענ מיט א ניט־אָרגאניזירטער, קוימאט אומבאוואָפנטער כאפּטע פויערים פונ עטלעכע הונדערט מאנ.

אונ פונדעסטוועגנ, ניט געקוקט אפ דער קימאט פולשטענדיקער האָפענונגלאָזי־קײַט, זײַנענ די סטיכיישע פויערים־אופשטאנדנ קעגנ די פעאָדאלנ געווענ א געוויינ־לעכע דערשײַנונג אינ דער פעאָדאלער עפּאָכע. צומאָל פלעגנ די הויזיקע אופשטאנדנ ארומכאפּנ גאנצע ראיאָנענ.

באזונדערס באדײַטנדיק איז געווענ דער אופשטאנד פונ די נאָרמאנדישע פויערים, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ 1100 י. דער דאָזיקער אופשטאנד ווערט, אגעוו, באזונגענ אינ א באריםטער פאָלק־פּאָעמע פונ XII יאָרהונדערט, וואָס איז האָנ געווענ ברייט פארשפרייט אינ פיל לענדער פונ מײַרעוו־אייראָפּע — אינ דעם אזויגערופענעם „ראָמאנ וועגנ ראָלאָנענ". אינ דער דאָזיקער פּאָעמע ווערט איבערגעגעבנ א ליד, וואָס עס פלעגנ זינגענ די אופגעשטאנענע פויערים,

מיר זײַנענ מענטשנ, פונקט ווי זיי,
די זעלבע גלידער האָבנ מיר, ווי זיי,

און דער קערפּער אונדזערער איז פון דער זעלבער גרייס,
און, פּונקט ווי זיי, מיר קאָנען ליַידן.
מע דאַרף נאָר האָבן דרייסטקייט.
לאָמיר זיך באַהעפטן מיט אַ שווּע
און באַשיצן זיך און אונדזער גוטס
און האַלטן זיך צוזאַמען אַלע.
אויב זיי ווילן גיין אויף אונדז,
איז קעגן יעדן ריטער
אונדזערע דריַיסיק—פערציק פּויערים,
שטאַרקע און גרייטע צום שלאַכט.

געוויינלעך פלעגן זיך די אויפשטאַנדן ענדיקן דערמיט, וואָס מע פלעגט אַן ראַכ־מאָנעס אָפּרעכענען זיך מיט זייערע אָנטיילנעמער. אַ פראַנצויזישער כראָניק־שריַיבער דערציילט, ווי די פעאָדאַלן האָבן אָפּגעהאַקט די הענט און פיס בײַ נאָר־

אַ ריטער־דועל

מאָנדישע פּויערים, וואָס האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד אין אָנהייב XI יאָרהונ־דערט, — קעדיי אָנצולערנען די לאַנדסליַיט פון די אויפגעשטאַנענע, „אַז זיי זאָלן אָפּהאַלטן זייערע אָנהענגער פון אַזעלכע פּרוּוון און זאָלן ווערן קליגער, אויס מוי־רע צו באַקומען נאָך אַ שווערערע שטראָף". וועגן אַ צווייטן אויפשטאַנד ווערט דערציילט אַזוי: „די צעבונטעוועטע פּויערים האָבן זיך געשטעלט קעגן זייערע האַרן, אָבער די אַדעליקע האָבן זיך פאַרייניקט מיטן גראַף אַלען, פאַרנומען די פּויערשע פעלדער און האָבן צעמיימעסט, צעטריבן און פאַרפאָלגט די אויפגעשטאַ־נענע וואָס האָבן אָנגעהויבן די שלאַכט אָן פיַיער און אָן געווער".

די פעאָדאַלע מעלוכע

קעדיי צו צווינגען די פּויערים אַרבעטן פאַר זיי, קעדיי צו דער־שטיקן דעם מינדסטן פּרוּוו צו פּראָטעסטירן, קעדיי צו האַלטן די מאַסן אין שטענדיקער בלינדער אונטערטעניקייט, האָבן די פעאָדאַלן זיך געניטיקט אין אַ גרויסער קראַפט.

אין זייער רעשות האָבן די פעאָדאַלן געהאַט ניט בלויז פאַרפעסטיקטע שלעסער און די באַוואָפנטע לײַב־וואַך, זיי האָבן פולשטענדיק געהאַלטן אין די הענט אויך די גאַנצע דעמלטיקע מעלוכע.

בײַ דער פעאָדאַלער אָרדענונג איז די פאַרבינדונג פונעם הערשנדיקן קלאַס פעאָדאַלן מיט דער מעלוכע געווען זייער בוילעט. צו וועמען ס'האָט געהערט די ערד, צו יענעם האָט געהערט די מאַכט. דער פעאָדאַל אַלײן איז, פריִער פון אַלץ, געווען אַ קריגסמאַן, זייער גוט באַוואָפנט, שטענדיק גרייט צו לאָזן אין גאַנג זײַן קראַפט. ער איז, אַחוץ דעם, אויך געווען דער ריכטער, ער איז אַפילו אַלײן געווען דער טורמע־אויפזעער, וואָס פלעגט אַרײַנזעצן די „געזעצברעכער“ אין די טורמעס און געהיימע קעלערס פון זײַן שלאָס. ער איז געווען דער פאַקטישער קייסער אין די גרענעצן פון זײַנע גרויסע גיטער. די פויערים האָבן געמוזט זיך אונטערוואַרפן זײַן געריכט און זײַן שטראָף, אַפילו אויב זיי זײַנען ניט געווען זײַנע שקלאַפן אָדער לײַביײגענע.

אָפּהענגיק פון דער גרייס פון זייער ערד־באַזיץ זײַנען די פעאָדאַלן געווען צעטיילט אין עטלעכע קאַטעגאָריעס. ווי אַף אַ מין לייטער זײַנען זיי געווען אויסגעשטעלט איינער איבער דעם אַנדערן, און זייער קעגנזײַטיקע אָפּהענגיקייט האָט זיך אָנגערופן פעאָדאַלע יעראַרכיע. העכער פון אַלעמען איז געשטאַנען דער פעאָדאַלער קיניג. נידעריקער פון אים — די הערצאָגן, פירשטן, גראַפן. נאָך נידעריקער — די וויקאָנטן, באַראָנען. די נידעריקסטע שטופע האָבן געבילדעט די ריטערס.* די פעאָדאַלן פון דער נידעריקער שטופע זײַנען געווען אָפּהענגיק פון די פעאָדאַלן פון העכערן ראַנג. די דאָזיקע אָפּהענגיקייט איז געווען צוזאַמענגעבונדן מיטן אײַנטיילן ערד אין באַדינגלעכן באַזיץ.

באַדינגלעכער באַזיץ

אין יענער עפּאָכע, בײַ דער הערשאַפט פון דער אײַנגעשלאָסענער נאַטורעלער ווירטשאַפט, איז געווען אוממעגלעך צו פירן אַ גרויסע ווירטשאַפט. אַחוץ דעם פלעגן די קיניגן און די פירשטן, וועלכע זײַנען געווען די סאַמע גרויסע ערד באַזיצער, מוזן אויסהאַלטן זייערע פילצאָליקע מיליטער־געהילפן. און בײַ דער באַדײַטונג, וואָס די ערד האָט אָנגעהויבן באַקומען אין יענער צײַט, בײַ דעם נישטיקן סכום געלט, וואָס איז געווען אין פאַרקער, איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, וואָס די פעאָדאַלן האָבן גענומען טיילן ערד אַלס געצאָלט פאַר מיליטערישער דינסט. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט עס הייסן, אַז מע „שענקט“ ערד פאַר דער פאַרפליכטונג צו טראָגן ווײַטער די מיליטער־דינסט.

א ריטער פון XII יאָרהונדערט

אָט אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט דער באַדינגלעכער ערד־באַזיץ, וואָס איז געווען איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס

---

* דאָס וואָרט „ריטער“ ווערט דאָ באַנוצט אין אייגנטלעכן, לעכאַטכילעדיקן זין און באַצייכנט אַ קליינעם פעאָדאַל, וואָס האָט אויסגעפילט זײַן מיליטער־דינסט אַלס רײַטער (ריטער — רײַטער).

האָט זיכ האָנ אײַנגעשטעלט. די דאָזיקע אָרדענונג האָט באַקומענ איר נאָמענ — פעאָדאַליזמ — פונ דעמ וואָרט „פעאָד", וואָס באַטײַט א בײַלעג ערד, וועלכנ מע באַקומט אינ באַדינגלעכנ באַזיץ פאַר דער דינסט.

די ערד, וואָס מע פלעגט באַקומענ אינ באַדינגלעכנ באַזיץ, האָט לעכאַטכילע געהייסנ „בענעפיציע". די פּערזאָנ, וואָס פלעגט באַקומענ א „בענעפיציע", פלעגט ניט ווערנ פולשטענדיקער באַלעבאָס פונ דער ערד און פלעגט ניט טאָרנ איבערגעבנ זי בעיערושע.

אָבער שוינ אינ XI יאָרהונדערט ווערנ די בענעפיציעס יערושע־פעאָדנ און אָפּנעמענ זיי ווערט קימאַט אוממעגלעכ. דערבײַ האָט דער פעאָד־באַזיצער, ווי פריִער, געטראָגנ אָפּ זיכ די פליכט פונ מיליטער־דינסט.

די פעאָדאַלנ פלעגנ באַקומענ ערד אינ באַדינגלעכנ באַזיץ ניט בלויז דירעקט פונעמ קיניג. א שטאַרקער און רײַכער פעאָדאַל, וואָס האָט געהאַלטנ ערד פונעמ קיניג, פלעגט „שענקענ" א טייל פונ זײַנ פעאָד די וויניקער שטאַרקע און רײַכע פאַר זייער דינסט. עס פלעגט טרעפנ, אַז אויכ פעאָדאַלנ פונ צווייטנ ראַנג פלעגנ איבערגעבנ א טייל פונ זייער ערד נאָכ קלענערע פעאָדאַלנ. אָט אַזוי האָט זיכ אינ לעצטנ סאַכאַקל צונויפגעשטעלט דער שוינ באַקאַנטער פעאָדאַלער לייטער, וואָס אויפ זײַנע טרעפ האָבנ זיכ אויסגעשטעלט פעאָדאַלנ פונ פאַרשיידענעמ קאַליבער, פונ פאַרשיידענער מעכטיקײַט.

יעדער גליד פונ די דאָזיקע שטאַפּלענ איז אינ באַצוג צומ גליד פונ דעמ העכערנ שטאַפּל, פונ וועמענ ער פלעגט באַקומענ ערד און פונ וועמענ ער איז געווענ אָפּהענגיק, געווענ א „וואַסאַל"; דער העכערער פעאָדאַל איז אינ באַצוג צו די אָפּהענגיקע פונ אימ נידעריקערע פעאָדאַלנ געווענ א „סעניאָר": אַזוי אַרומ האָט יעדער פעאָדאַל געקאָנט זײַנ אינ איינ און דער זעלבער צײַט אי א וואַסאַל, אי א סעניאָר.

וואָס מער דער פעאָדאַל האָט פאַרמאָגט אָפּהענגיקע פונ אימ פויערימ, וואָס ברייטער עס איז געווענ זײַנ ערד־באַזיץ, אַלץ שטאַרקער איז געווענ זײַנ פּאָליטישע מאַכט און אַלץ לײַכטער האָט ער געקאָנט פאַרנעמענ אַנ אומאָפּהענגיקע לאַגע בענעגייע צומ קיניג. די דאָזיקע אומאָפּהענגיקײַט פלעגט אָפט פאַרקערפּערט ווערנ אינ דער פאָרמ פונ א ספּעציעלנ אָפּמאַכ — „אימוניטעט", — ווי דער קיניג פלעגט זיכ אָפּזאָגנ פונ שיקנ צו די פעאָדאַלנ זײַנע באַאַמטע־מעכטיקטע צו זאַמלענ שטײַערנ און דורכפירנ א געריכט־אַקציע אָדער ער פלעגט געבנ דעמ פעאָדאַל אַנדערע פּאָליטישע להאַטעס און רעכט.

גאָר גרויסע פעאָדאַלנ פלעגנ זיכ דערשלאָגנ פונ די קיניגנ א פולשטענדיקע אימוניטעט און פלעגנ אַזוי אַרומ פאַרוואַנדלט ווערנ אינ אַבסאָליוט זעלבשטענדיקע קייסאָרימ (זיי פלעגנ אויסגיסנ אייגענע מאַטבייעס, שליסנ אָפּמאַכנ מיט אַנדערע מעלוכעס אאַוו.). פאַרנ קיניג האָבנ זיי בלויז געטראָגנ אָפּ זיכ די פליכט פונ מיליטער־דינסט.

אָבער אויכ אָט־די פליכט פונ מיליטער־דינסט פלעגנ זיי ניט שטענדיק אויספילנ. א גרויסנ פעאָדאַל, וואָס האָט איבער געוויסע סיבעס ניט געוואָלט געבנ דעמ קיניג מיליטער־הילפ, איז זייער שווער געווענ צווינגענ דערצו. צו שטאַרק איז ער געווענ, מע זאָל אימ קענענ צווינגענ.

ס'פלעגט אויכ טרעפנ, אז די קיניגנ פלעגנ אינגאנצנ אראפ פונ דער סצענע, אונ די מעלוכע פלעגט צעברעקלט ווערנ אפ א ריי פולשטענדיק זעלבשטענדיקע קליי־נע פעאדאלע הערשאפטנ.

די פעאדאלע הערשאפטנ אינ פראנקרײַכ

ווי שטארק עס איז געווענ צעברעקלט די פעאדאלע מעלוכע קאנ מענ זיכ לײַכט פארשטעלנ, ווענ מע גיט א קוק אפ א פעאדאלער פאליטישער קארטע. די קארטע איז צעטיילט אפ א סאכ קליינע קעמערלעכ אונ איז ענלעכ אפ א דעקע, צונויפגעשטוקעוועט פונ שטיקלעכ. אינ דער הינזיכט איז שטארק כאראקטעריסטיש די קארטע פונ פראנקרײַכ פונ XII יאר־הונדערט. אפ דער קארטע איז אנגעצייכנט עטלעכע צענדליק פעאדאלע הערשאפטנ, דאס זײַנענ די גרעסטע פונ זיי. וואס איז שײַכ די קליינע, מער-ווייניקער זעלבשטענדי־קע, הערשאפטנ, פלעגט די צאל זייערע דערגרייכנ, אמווייניקסטנ, ביז הונדערט טויזנט.

פונ די גרעסטע פעאדאלע הערשאפטנ אינ פראנקרײַכ לאמיר באצייכענענ דאס נארמאנדישע הערצאגטום, די גראפשאפטנ ווערמאנדוא אונ שאמפאנ אפ צאפנ פונעמ לאנד. צווישנ זיי האבנ זיכ געפונענ די הערשאפטנ פונעמ פראנצויזישנ קיניג (די דאמענענ): דאס אזויגערופענע פראנצויזישע הערצאגטום — איל־דע־פראנס. צו צאפנ־מײַרעוו האט זיכ געפונענ דאס ברעטאניער הערצאגטום אונ די גראפשאפט פו־אטו. ווײַטער צו דארעמ צו איז געווענ דאס אקוויטאניער אונ גאסקאנער הערצאג־טום. אפ מיזרעכ זײַנענ די גרעסטע הערשאפטנ געווענ דאס בורגונדער הערצאגטום אונ די גראפשאפט דאפינע.

אט־די אלע הערצאגטומס אונ גראפשאפטנ זײַנענ אינ זייער א קנאפער מאס געווענ אונטערגעוואָרפנ דעמ קיניג פונ פראנקרײַכ. אינ די הערשאפטנ פונ זייערע סעניארנ האבנ די פראנצויזישע קיניגנ א צײַט לאנג געהאט דאס רעכט צו זאמלענ שטײַערנ אדער צו באשטימענ זייערע ריכטער בלויז מיט דער האסקאמע פונעמ סענ־יאר; אינ זייערע אייגענע דאמענענ נאר זײַנענ די פראנצויזישע קיניגנ געווענ פולמעכטיקע קייסאָרימ.

דאס פעאדאלע ענגלאנד

א מער צענטראליזירטע מעלוכע איז געווענ די ענגלישע. די דרײַ קיניגרײַכנ, פונ וועלכע מיר ווייסנ שוינ, — נאטרומבריע, מערסיע אונ אועסעקס,—קעמפנ פאר באקומענ די אויבערהאנט, אועסעקס, דאס מער עקאנאמיש אנטוויקלטע קיניגרײַכ, האלט אפ אינ דעמ דאזיקנ קאמפ א ניצאכנ אונ אינ אנהייב IX יארהונדערט האבנ די אועסעקסער קיניגנ באהערשט קימאט דאס גאנצע לאנד.

די געאגראפישע באדינגונגענ פונעמ לאנד האבנ מיטגעהאלפנ, אז ענגלאנד זאל לײַכט פאליטיש פאראייניקנ זיכ. די ניט־גרויסע טעריטאריע (אינעמ דעמאלטיקנ ענגלאנד זײַנענ ניט ארײַנ שאטלאנד, אירלאנד אונ אועלס), וואס האט באטראפנ אומגעפער א דריטל פונ פראנקרײַכ, די אפוועזנקײַט פונ גרויסע נאטור־מעכיצעס אי־נעמ לאנד גופע, די אנוועזנקײַט פונ א גרויסער צאל טײַכנ, דער יאמ מיט זײַנ געשלענגלטער ברעג-ליניע, די אלטע יאבאָשע־וועגנ, צולעצט, די געאגראפישע פאר־נאנדערטיילונג פונ דער ערדהארבעט אונ דער פיצוכט צווישנ די דארעמ־מיזרעכדי־קע אונ די צאפנ־מײַרעוודיקע געגנטנ, — דאס אלצ האט מיטגעווירקט אי דעמ אי־נערלעכנ אויסטויש אי דער פאליטישער פאראייניקונג.

די דאזיקע פאראייניקונג פונ ענגלאנד איז פארגעקומענ נאכ לײַכטער דערפאר,

ווײל אָנהייב IX יאָרהונדערט האָט דאָס לאַנד אָנגעהויבנ צו לײַדנ פונ די דעראָבערונג־אָנפאַלנ מיצאַד די דענער. די ענגלישע קיניגנ האָבנ אינ צוזאַמענהאַנג דערמיט באַקומענ אַ מעכטיק געווער אַפּ צו פאַרשטאַרקנ זייער מאַכט. זיי האָבנ



קאַרטע פונעם פעאָדאַלנ פראַנקרײַכ (XII יה.)
(מיט נומערנ זײַנענ באַצייכנט די צווייטראַנגיקע פעאָדאַלע הערשאַפטנ)

אַרופגעלייגט אַנ אָפּצאָל אַפּ אַלע פעאָדאַלנ — דאָס אַזויגערופענע „דענישע געלט", וואָס לעכאַטכילע פלעגנ זיי עס נעמענ אַפּ פאַרטיידיקנ זיכ אָדער אויסצוקויפנ זיכ פונ די דענער אונ דערנאָכ האָבנ, ווי דאָס אָנגעהויבנ מאָנענ צוליב קאָלעקטיוו־אַנ־דערע אויסעראָרדנטלעכע הויצאָעס. אינ XI יאָרהונדערט (1066 י.) האָבנ ענגלאַנד

פארכאפט די נאָרמאנער,* וואָס האָבנ געהאט איבערגעוואנדערט קיינ צאָפנ־פראנקרייכ; דער קריגס־פירער זייערער איז געווענ דער הערצאָג ווילהעלמ, וואָס האָט באקומענ דעמ נאָמענ דער אָבערער.

ווילהעלמ איז געוואָרנ קיניג פונ ענגלאנד אונ האָט צעטיילט דעמ גרעסטנ טייל ענגלישע ערד צווישנ די ערדלאָזע פעאָדאלנ, וואָס זײַנענ מיט אימ געקומענ פונ פראנקרײַכ. די ערדבאזיצנ פונ די פעאָדאלנ זײַנענ געווענ צעטיילט אפ קלײנע גיטער, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אינ פארשיידענע ראיאָנענ. דאָס האָט אפגעשוואכט די קראפט פונ די פעאָדאלנ, וואָס דאָ זײַנענ זיי אלע אָנ אויסנאמ געווענ אונטערגע־וואָרפנ דירעקט דעמ קיניג, אונ האָבנ אימ געשוואָרנ טרײַהײַט ניט ווי אינ אנדערע פעאָדאלע לענדער, ווו די קליינע פעאָדאלנ זײַנענ געווענ אָפּהענגיק ניט פונעמ קיניג, נאָר פונ זייערע נאָענטסטע סעניאָרנ. געפינענדיק זיכ דערבײַ ווי אינ קריגצושטאנד אינ א דעראָבערטנ לאנד, זײַנענ די נאָרמאנישע פעאָדאלנ געוואָרנ ווירקלעכ אָפּהענ־גיק פונעמ קיניג. צוליב די דאָזיקע סיבעס האָט זיכ אינ ענגלאנד, אינ קעגנזאצ דער־צו, וואָס עס איז געווענ אינ דער גאנצער איבעריקער אייראָפּע, שוינ אינ יענער צײַט אויסגעבילדעט א פארהעלטנישמעסיק שטארקע קיניגלעכע מאכט.

די פעאָדאלע הערשאפטנ אינ דײַטשלאנד אונ די „הייליקע רוימישע אימ־פעריע פונ דער גער־מאנישער נאציע“

אויב אינ ענגלאנד איז אינ XI—IX יאָרהונדערטער, אינ אונטערשייד צו פראנקרײַכ, די מאכט פונ די באזונדערע פע־אָדאלנ געווענ פארהעלטנישמעסיק א שוואכע, איז זי אינ דײַטשלאנד געווענ באזונדערס גרויס.

די גרעסטע הערשאפטנ אינעמ באשטאנד פונ דעמ פעאָדאלנ דײַטשלאנד זײַנענ געווענ — זאקסנ, טיורינגענ, פראנקנ, שוואבנ, אונ בײַערנ. אינ פארלויפ פונ XI—X יאָרהונדערטער פירנ די קיניגנ פונ דײַטשלאנד א קאמפ קעגנ די רעשטלעכ פונ דער שטאמ־אונ שייוועט־אָרדענונג אינ פערזאָנ פונ די שייוועט־הערצאָגנ. די קיניגנ באמיִענ זיכ צו צעגלידערנ די הערצאָגטומס אפ קלענערע טיילנ. אפ אזא אופנ שטרעבנ זיי צו באזײַטיקנ די שייוועט־הערצאָגנ. די הערצאָגנ גייענ טאקע אראָפּ פונ דער ארענע, אונ דאָס פארגרעסערט צײַטווײַליק די באדײַטונג פונ די דײַטשישע קיניגנ. אָבער מיט דער אנטוויקלונג פונ די פעאָדאלע פארהעלטענישנ וואקסט אויס די באדײַטונג פונ די גרויסע פעאָדאלנ, אונ אינ XII—XI יאָרהונדערטער, ווענ עס האָט זיכ שוינ פולשטענדיק אויסגעבילדעט די פעאָדאלע אָרדענונג, האָט מענ שוינ אינ דײַטשלאנד געקענט אָנציילנ ביז עטלעכע הונדערט באזונדערע פעאָדאלע הערשאפטנ.

באזונדערס א סאכ הערשאפטנ האָבנ געהאט די קלויסטער־פעאָדאלנ. די ארציבי־שאָפנ, אבאטנ (עלטסטע פונ די מאָנאסטירנ) באקומענ פונ די דײַטשישע

---

* די נאָרמאנער — סקאנדינאווער — דאָס זײַנענ די אײַנוווינער פונ די לענדער, וואָס גייענ ארײַנ אינ באשטאנד פונ שוועדנ, נאָרוועגיע אונ דענעמארק. די נאָרמאנער זײַנענ געווענ טיפּישע סאָכרימ־רויבער; זיי פלעגנ אָנפאלנ אונ פאַרוויסטנ די ברעג־לאנד־ערטער פונ אייראָפּע אונ פלעגנ אָנשפארנ אפ זייערע גרינגע שיפלעכ אינ די סאמע ווײַטע לענדער. עס זײַנענ פאראנ, אשטייגער, ידיעות, אז שוינ צומ סאָפ X יאָרהונדערט (דה. א סאכ פריִער פאר קאָלומבוסנ) זײַנענ שוינ די נאָרמאנער געווענ אינ אמעריקע. אינ X יה. האָבנ די נאָר־מאנער פארכאפט דעמ צאָפנ־מערעוודיקנ טייל פונ פראנקרײַכ.

קיניגנ זייער א ברייטע אימוניטעט, אונ זיי, פונ זייער זײַט, שטיצנ ענערגיש די דײַטשישע קיניגנ אינ זייער קאמפ קעגנ די שייועט-הערצאָגנ. די סאמע העכסטע אונ סאמע האכנאָסעדיקע מעלוכע-אמטנ באַקומענ די באַאַמטע אינ פריסטער-קליידער. די קיניגנ גיבנ דער קירכע אלץ נײַע אונ נײַע להאָטעס, אָבער אינ דער זעלבער צײַט באַמיִענ זיי זיכ אלץ מער אונטערצוווארפנ די קירכע אונטער זיכ. קעדיי צו פארפעסטיקנ די אויבערהאנט איבער דער קירכע, לאָזט זיכ אוועק איינער פונ די דײַטשישע קיניגנ אָטאָנ I אינ א מאַרש אפ רוימ. דאָ באַקומט ער אינ 962 י. דעמ טיטל אימפעראַטער. די נײַע מעלוכע האָט באַקומענ דעמ נאָמענ „די הייליקע רוימישע אימפעריע פונ דער גערמאנישער נאציע". אינעמ באשטאנד פונ דער דאָזיקער אימפעריע איז, אכוץ די דײַטשישע לענדער, ארײַנ גאנצ צאָפנ אונ מיטל-איטאַליע אונ עטוואָס שפּעטער (אינמיטנ XI יאָרהונדערט) אויכ בורגונדיע. דערמיט, וואָס עס האָט זיכ געשאפנ די אימפעריע, איז אָבער קלאַל ניט באַזײַטיקט געוואָרנ די צעשטויבטקײַט פונ דער פעאָדאלער מעלוכע.

אינ אלע לענדער פונ מײַרעוו-אייראָפּע האָט אפ אזא אויפנ דאָס אײַנשטעלנ זיכ פונ פעאָדאלע פארהעלטענישנ אינ דער אָדער יענער מאָס געבראכט צו דער צעברעקלונג פונ דער מעלוכע-מאכט. דאָס אייגנטומ אפ דער ערד איז צוזאמענגעבונדנ געוואָרנ מיט דער פאָליטישער מאכט. די גרויסע פעאָדאלנ זײַנענ פארוואנדלט געוואָרנ אינ זעלבשטענדיקע קייסאָרימ.

מעלוכע-פארוואלטונג, געזעצגעבונג אונ געריכט

דער מעלוכע-אפּאראט פונ די גרויסע פעאָדאלע פירשטנטומס פלעגט קימאט אינגאנצנ צוזאמענפאלנ מיט דער פּערזענלעכער ווירטשאפט פונ דעמ פעאָדאל פירשט. זײַנע מעקוראווימ, וואָס האָבנ אָנגעפירט מיט פארשיידענע געביטנ פונ דער מעלוכישער פארוואלטונג, זײַנענ געווענ, פריער פונ אלצ, דעמ פעאָדאלס פערזענלעכע דינער. זיי האָבנ, פריִער פונ אלצ, פארוואלטעט מיטנ פעאָדאלס שלאָפציִמער, מיט זײַנ גארדעראָב, מיט זײַנ טיש, ווײַנענ, מיט דער פערדשטאל אונ דערנאָכ שוינ, פארבלײַבנדיק בא די דאָזיקע לעכאטכילעדיקע פליכטנ, הייבנ זיי אָנ צו פארוואלטנ מיט די פינאנצנ, מיטנ געריכט, מיטנ מיליטער. מיט די דאָזיקע דרײַ געביטנ שעפנ זיכ אויס אלע זײַטנ פונ דער מעלוכישער פעאָדאלער פארוואלטונג. אזויארומ האָבנ זיכ די פארשיידענע מעלוכע-אמטנ אַנטוויקלט פונ די פאלעצ-אמטנ. דער מעלוכע-אפּאראט איז געווענ אומצעטײַלעכ פארבונדנ מיטנ פאלעצ.

פונ באזונדערע צווײַגנ פונ דער פעאָדאלער מעלוכישער פארוואלטונג וועלנ מיר ספּעציִעל באצייכענענ די געזעצגעבונג אונ דעמ געריכט. מיר ווייסנ, אז שוינ אינ דער עפּאָכע פונ דער שטאמ-אָרדענונג האָט מענ שוינ אָנגעהויבנ פארשרײַבנ די מינהאָגימ. די פארשריבענע מינהאָגימ פלעגנ אויפגעזאמלט ווערנ אינ זאמלביכער, אונ לויט זיי פלעגנ די געמיינדע-געריכטנ מישפּעטנ אונ שטראָפנ. אזעלכע זאמלביכער פונ שטייגער-רעכט זײַנענ געווענ די שוינ באַקאַנטע „באַרבאַרישע רעכט" פונ די גערמאנישע שוואָטימ.

מיט דער פארשטארקונג פונ דער פעאָדאלער אָרדענונג האָבנ די גרויסע פעאָדאלנ אָנגעהויבנ ארויסלאָזנ, צוגלײַכ מיט די דאָזיקע זאמלביכער, ספּעציִעלע פאראָרדענונגענ. אזעלכע פאראָרדענונגענ פלעגט מענ ארויסלאָזנ אינ יענע פאלנ, ווענ די

אַלטע מינהאָגים פֿלעגנ ווידערשפּרעכנ די אינטערעסנ פֿונ די פּעאָדאַלנ. געוויינלעכ פֿלעגט די פֿאַראָרדענונגענ אַרויסלאָזנ ניט דער קייסער אַליינ, נאָר אַ צוזאַמענפֿאָר פֿונ די וואַסאַלנ. די דאָזיקע צוזאַמענפֿאָרנ פֿלעגנ זיכ אופֿקלײַבנ ניט רעגולער, נאָר ווענ ס'איז געווענ נייטיק. אינעם גרעסטנ טייל פֿלעגנ אַפֿ די דאָזיקע צוזאַמענפֿאָרנ זיכ צונויפֿקומענ בלויז די הויפּטוואַסאַלנ אונ נאָר אינ זעלטענע פֿאַלנ פֿלעגנ זיכ צונויפֿאָרנ מער ברייטע קרײַזנ וואַסאַלנ.

כאַראַקטעריסטיש איז די אָרגאַניזאַציע פֿונ דעמ פּעאָדאַלנ געריכט. דער געריכט איז, פֿריִער פֿונ אַלצ, געווענ אַ האַכנאָסע־אַרטיקל פֿאַרנ פּעאָדאַל. די פּעאָדאַלנ האָבנ זייער ברייט פּראַקטיקירט פֿאַרשיידענע קאָנפֿיסקאַציעס אונ געלט־שטראָפֿנ, שוינ אָפּגערעדט פֿונ די געריכט־אָפּצאָלנ פֿאַרנ מישפּעטנ. די זאַמלביכער פֿונ די פּעאָדאַלע געזעצנ האָבנ אונדז איבערגעלאָזנ פֿילצאָליקע צעטלענ פֿונ קאָלערליי געלט־שטראָפֿנ. אינ פֿיל פֿאַלנ פֿלעגט די געלט־שטראָפֿנ צאָלנ די גאַנצע געמיינדע אַפֿנ גרונט פֿונ קעגנזײַטיקער אָרוועס, כאָטש אויווער געווענ אַפֿ געזעצ האָט איינ מיטגליד פֿונ דער געמיינדע. די קיניגנ פֿלעגנ אַרויסגעבנ געזעצנ, וואָס האָבנ געגעבנ דעמ ריכטער דאָס רעכט אָפּצומאָנענ געלט־שטראָפֿנ קימאַט אינ אַלע פֿאַלנ, ווענ דער איניענ פֿלעגט באַהאַנדלט ווערנ אינ געריכט. דאָס האָט געגעבנ ברייטע מעגלעכקײַטנ די פּעאָדאַלנ אונ זיי פֿלעגנ זיכ אַזוי שטאַרק קליגנ אונ פֿלײַסנ אינ זייער ריכטערישער „אַרבעט", אַז גאַנצ אָפֿט פֿלעגנ די געריכט־האַכנאָסעס פֿאַר זיי זײַנ גרעסער פֿונ אַלע אַנדערע האַכנאָסעס. דאָס רעכט צו מישפּעטנ פֿלעגט דעריבער געשענקט ווערנ ווי אַ באַזונדער גנאָד, אַלס בענעפֿיציע, אונ פֿלעגט אַריבערגײנ בעירושע.

דער פּעאָדאַלער ריכטער פֿלעגט אָנווענדנ זייער אייגנאַרטיקע מיטלענ אַפֿ פֿעסטצושטעלנ די שולדיקײַט אונ אַפֿ צו לייזנ אַ שטרײַט. אָפֿטער פֿונ אַלצ פֿלעגט דער געריכט פֿעסטשטעלנ דעמ עמעס אַפֿ אַ טרעפֿערישנ אופֿנ. עס זײַנענ געווענ פֿאַרשיידענע טרעפֿערישע מיטלענ. שטאַרק פֿאַרשפּרייט איז געווענ דער געריכט־מינהאָג צו זוכנ דעמ גערעכטנ מיט דער הילפֿ פֿונ אַ דועל. דער גערעכטער פֿלעגט בלײַבנ דער, ווער עס פֿלעגט זיגנ. דער זיגער פֿלעגט געווינענ דעמ איניענ, אונ דער באַזיגטער, אַכוצ דעמ, וואָס ער פֿלעגט פֿאַרשפּילנ דעמ איניענ, האָט נאָכ געמוזט צאָלנ שטראָף.

מיר וועלנ דאָ ברענגענ אַלס אילוסטראַציע די באַשלוסנ וועגנ אַ געריכט־דועל, וואָס האָט זיכ אײַנגעהיט אינ איינעמ פֿונ די זאַמלביכער פֿונ דער דײַטשישער פּעאָדאַלער געזעצגעבונג.

„יעדערער קאָנ זיכ אָפּזאָגנ צו שלאָגנ זיכ מיט אַזאַ, וואָס שטאַמט פֿונ אַ קלענערנ יִכעס... דער ריכטער דאַרפֿ געבנ צוויי אײדעס־באַהעלפֿער יעדערנ פֿונ די, וואָס וועלנ זיכ שלאָגנ, אונ זיי גיבנ אַכטונג, אַז די קריגער זאָלנ זיכ אָנטאָנ אונ באַוואָפֿענענ לויטנ רעכט אונ לויטנ מינהאָג. לעדער אונ לײַוונט קענענ זיי אָנטאָנ אַפֿ זיכ וויפֿל זיי ווילנ. דעמ קאָפּ אונ די פֿיס דאַרפֿנ זיי האַלטנ פֿונ פֿאָרנט ניט צוגעדעקט אונ אַפֿ די הענט — גאָרנישט, אַכוצ ניט קיינ דיקע הענטשקעס. אינ די הענט — אַנ אַנטבלויזטנ שווערד; אַכוצ דעמ קאָנענ זיי זיכ אונטערגאַרטלענ מיט איינעמ אָדער צוויי שווערדנ — ווי זיי ווילנ. אינ דער צווייטער האַנט — אַ קײַלעכדיק שוצ־שילד בלויז פֿונ האָלצ אונ פֿונ לעדער, אונ אינמיטנ קאָנ, פֿאַרשטייט זיכ, זײַנ אַנ אויסגעבויגענער דיסק פֿונ אײַזנ. פֿונ אויבנ אַ קאַמזויל — אָנ אַרבל. יעדערנ פֿונ זיי גיט דער ריכטער אַ מענטשנ, וואָס זאָל אימ האַלטנ דעמ שטאָק,* דער דאָזיקער מענטש טאָר זיי אינ קיינ זאַכ ניט שטערנ, סײַדנ עמעצער פֿונ זיי

* אַ סימבאָל פֿונ באַשיצונג, וואָס האָט געדינט אַפֿ פֿאַנאַנדערצונעמענ די קריגער.

וועט פאלנ, דאנ דארפ ער אימ באשיצנ מיטנ שטאָק, אָדער ווענ עמיצער פונ זיי וועט פאר־יונגערט ווערנ, אָדער ער וועט בעטנ אליינ, מע זאָל אימ באשיצנ מיטנ שטאָק, אָבער ארײַנ־מישנ זיכ אינ שלאכט דארפ ער ניט אָנ דער דערלויבעניש פונ דעמ ריכטער.

פאר דער שלאכט דארפנ די צדדימ זיכ אויסשטעלנ פארנ ריכטער אינ פולער באוואָ־פענונג אונ שווערנ: איינער שווערט, אז די באשולדיקונג, וועלכע ער האָט ארויסגעשטעלט קעגנ דעמ אנדערנ, איז אַנ עמעס, אונ זאָל אימ גאָט העלפנ; דער אנדערער שווערט, אז ער איז ניט שולדיק, אונ זאָל אימ גאָט העלפנ. צו דער זונ דארפ מענ זיי ביידע שטעלנ אינ איינ אונ דער זעלבער לאגע, ווענ זיי קומענ זיכ צונויפ צומ ערשטנ מאָל; אויב עס וועט באזיגט ווערנ דער, וועמענ מע האָט באשולדיקט, — דאנ ווערט ער באשטראָפט; אויב אָבער ער וועט בײַקומענ, דאנ ווערט ער באפרײַט פונ קנאס אונ פונ שטראָפ“

אכוצ דעמ דועל פלעגט דער געריכט אָנווענדנ נאָכ א טרעפערישנ מיטל. די אזוי־גערופענע „אָרדאליעס”. דער באשולדיקטער פלעגט אינ דעמ פאַל מוזנ אײַנטונקענ די האנט אינ זודיקנ וואסער אונ אָנעמענ א צעגליט אײַזנ. נאָכדעמ פלעגט מענ די האנט אפ א געוויסער צײַט איבערבינדנ. אונ אויב נאָכנ אָפּבינדנ פלעגט אפנ האנט ניט איבערבלײַבנ קיינ בוילעטע שפורנ פונ א ברענ־וווּנד, פלעגט דער באשולדיקטער בלײַבנ דער גערעכטער.

5. די פעאָדאלע קירכע אונ די אידעאָלאָגיע

די עקאָנאָמישע ראָליע פונ דער קירכע

אינ דער פעאָדאלער עפּאָכע האָט די קירכע געשפילט א קאָ־לאָסאלע ראָליע אי אינ ווירטשאפטלעכנ אי אינ פּאָליטישנ אי אינ גײַסטיקנ לעבנ פונ דער געזעלשאפט. די קירכע איז גע־ווענ זייער א גרויסער פעאָדאל, דער רײַכסטער ערדבאזיצער. די רײַכטימער פונ דער קירכע פלעגנ זיכ צוזאמענשטעלנ פונ פארשיידענע קוועלנ. די קיניגנ, אונ אנדערע גרויסע פעאָדאלנ, פלעגנ ברייט אָנווענדנ די פּראקטיק פונ שענקענ דער קירכע ערד, אונ דערבײַ פלעגט די דערוואָרבענע ערד פעסט פארבלײַבנ אינ די הענט פונ דער קירכע, ווײַל די קירכע־גיטער פלעגנ, אלס קלאל, ניט טאָרנ אָפּגענומענ ווערנ, מע האָט זיי ניט געטאָרט ניט אוועקשענקענ, ניט פארקויפנ.

אָט איז א מוסטער פונ א קיניגלעכער מאטאָנע לעטוויוועס דער קירכע, וואָס געהערט צומ XI יה.

„אונ זאָל זײַנ באוווּסט אלעמענ, וואָס זײַנענ געטרײַ קריסטוסנ אונ אונדז, די, וואָס לעבנ איצטער, אונ די קינפטיקע דורות, אז איכ, פונ גאָטס גנאָד דער רוימישער קייסער קאָנראד, צוזאמענ מיט דער געמאלנ אונדזערער, דער קייסערנ גיזעל, גיבנ איבער, קעדיי צו ראטעווענ אונדזער נעשאָמע, אינ אייגנטומ פונ דעמ דאָזיקנ טעמפּל, וואָס מיר האָבנ אויס־געבויט פאר גאָטס ליוב אונ רומ, פונ אונדזער פאמיליע־באזיצ 8 דערפער אינ ניזער־פאלצ לעבנ וואָרעמס, צוזאמענ מיט אלע ארטיקלענ, נעמלעכ: מיט די קנעכט, מיט די הויפנ, גע־בײַדעס, ערד באארבעטע אונ ניט באארבעטע, אקער־פעלדער, לאָנקעס, פּאשע־פעלדער מיט די וואסערנ, טײַכנ, מילנ, פיש־פאנגערײַענ, פעלדער, וועלדער, מיט דעמ יאגד, מיט די גרענעצנ אונ מעזשעס, וועגנ אונ שטעגנ, מיט דעמ, וואָס דאָרט איז דאָ אונ וואָס דאָרט וועט זײַנ שפּעטער, מיט אלע נוצנ, וועלכע מע קאָנ נאָר פארשרײַבנ אָדער אָנרופנ, קעדיי דער אבאט פונ דעמ דאָזיקנ אָרט זאָל מיט דער זעלבער מאכט אונ נוצ ווי מיר ווײַטער פרײַ באזיצנ די דאָזיקע ערד אונ אלצ, וואָס ער וועט דערפונ באקומענ, זאָל ער פארווענדנ פאר די נויטנ פונ דער קירכע אונ פונ איר כעווורע. אונ קעדיי דער געשאנק אונדזערער זאָל פאר־בלײַבנ אינ שטענדיקער אונ פעסטער קראפט, האָבנ מיר פאראָרדנט צוזאמענשטעלנ די דאָ־זיקע בארטיע אונ אייגנהענטיק באשטעטיקט זי, צולייגנדיק אונדזער שטעמפּל”.

אזעלכע געשאנקענ זײנענ געװענ א שטארק פארשפרײטע דערשײנונג. זײ האָבנ שטארק מיטגעהאָלפנ דער באַרײַכערונג פונ דער קירכע.

די רײַכטימער פונ דער קירכע פלעגנ צוזאמענגעשטעלט װערנ אױכ אפ אנדערע אופאנים. בײם די אָנצאָליקע פעאָדאלע מילכאָמעס איז אנטשטאנענ דער מינהעג אָפצוגעבנ אינ דער קירכע אפ צו פארהיטנ פארשײדענע װערטפולע זאכנ. פיל מענטשנ האָבנ געשאָנקענ דער קירכע גרױסע סומעס אפ „האזקאָרעס נעשאָמעס" אונ צוליב פארשײדענע אנדערע צװעקנ.

מע מאָנט „מײַסער"

די קירכע האָט אינ אירע גיטער עקספלואטירט די פױערימ אונ האָט פונ זײ ארױסגעפרעסט נאָכ מער געניט אונ מיט מער אקשאָנעס, װי די װעלטלעכע פעאָדאלנ, פארשײדענע האכנאָסעס. אכוצ דעמ האָט נאָכ די קירכע פארמאָגט „ספעציִעלע" האכנאָסעס. דאָס איז געװענ, אינ דער ערשטער רײ, דער אזױגערופענער „מײַסער" (צענט־כײלעק). די פױערימ האָבנ געמוזט אָפגעבנ דער קירכע אײנ צענטל פונ זײערע האכנאָסעס. װײַטער פלעגט זײ אױסקומענ צו צאָלנ פאר פארשײדענע קלױסטער־צערעמאָניִאלנ: דער פױער האָט כאסענע, אָדער עס װערט בא אימ געבאָרנ א קינד, אָדער עס שטארבט בא אימ עמעצער אינ דער מישפאָכע, — אָנ דעמ גאָלעכ קאָנ מענ זיכ ניט באגײנ. די געזעצנ אונ די מינהאָגימ האָבנ געפאָדערט דורכצופירנ אינ די אלע פאלנ א קלױסטער־צערעמאָניִאל. נאָר דערמיט זײנענ נאָכ ניט געװענ אױסגעשעפט די האכנאָסעס פונ די גאלאָכימ. זײ פלעגנ נאָכ אױכ באקומענ פאר „טפילעס, אז גאָט זאָל געבנ א גערעטעניש", אָדער פאר „אױסהײלנ פונ א קרענק", אונ אזױ װײַטער אָנ א סאָפ.

פירנדיק זײער װירטשאפט פיל פײַקער, װי די װעלטלעכע פעאָדאלנ, אונ ארױספרעסנדיק פונ די פױערימ מער פראָדוקטנ, האָט די קירכע אָנגעהױבנ פריִער פונ אנדערע פעאָדאלנ פארקױפנ פראָדוקטנ פונ איר װירטשאפט. די ערשטע פע־

אַדאַלע מערק זײַנענ אָרגאַניזירט געוואָרנ בײַ די מאָנאַסטירישע ווענט. די דאָזיקע מאַרק-טעג פֿלעגנ פֿאָרקומענ בײַם פֿאַרשיידענע קלויסטער-יאָנטעווים, אונ ניט אומזיסט באַטײַט דאָס דײַטשישע וואָרט Die Messe גלײַכצײַטיק אי אַ יאַריד אי אַ גאָטעסדינסט. דעריבער איז ניט קיינ ווּנדער, וואָס די קירכע טרעט אינ יענער צײַט אַרויס אַלס באַשיצערינ פֿונעם האַנדל אונ פֿונ די אינטערעסנ פֿונעם סאָכרימטום. אינ דער עפּאָכע, ווענ די צאָל פֿעאָדאַלע מילכאָמעס, רויבערײַענ אונ אָנפֿאַלנ פֿונ פּיראַטנ איז געווענ באַזונדערס גרויס, פּרוּווט זיך די קאַטוילישע קירכע אײַנצופֿירנ דעמ מינהעג פֿונ „גאָטס פֿרידנ", וואָס האָט גענומענ אונטער אַ ספּעציעלער שוץ דאָס קלויסטער-פֿאַרמעגנ אונ די וואַנדערנדיקע סאָכרים, אונ האָט אויך פֿאַרווערט אינ די אינטערעסנ פֿונ האַנדל וואָסערע-ניט-איז מילכאָמע-אַקציעס אינ באַשטימטע טעג: פֿונ שאַבעס פֿאַרנאַכט ביז מאָנטיק אינדערפֿרי, אינ די טעג פֿונ גרויסע יאָנטעווימ אָדער גרויסע טאַנייסים.

די פּאָליטישע ראָליע פֿונ דער קירכע אונ פֿונעמ פּויפּסטנטום

צוזאַמענ מיטנ מאַטעריעלנ רײַכטום איז אויך געוואַקסנ די פּאָליטישע באַדײַטונג פֿונ דער קירכע. די קלויסטער-גיטער האָבנ אָנגעהויבנ באַקומענ פֿונ די קיניגנ אימוניטעטנ אונ זײַנענ געוואָרנ אומאָפּהענגיק אַפֿנ געביט פֿונ שטײַערנ, אַדמיניסטראַציע אונ געריכט.

די געריכטלעכע אומאָפּהענגיקײַט פֿונ דער קירכע האָט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָליע פֿאַרנ וווּקס פֿונ איר אויטאָריטעט. בײַ דער אַלגעמיינער יערידע פֿונ דער צענטראַלער מעלוכע-מאַכט אונ בײַ דער בונטקײַט פֿונ די געריכטלעכע פּראָצעדורעס, וואָס האָבנ זיך פּראַקטיקירט אױפֿ די ערדנ פֿונ די וועלטלעכע פֿעאָדאַלנ, האָט די קירכע אויסגעאַרבעט אַ איינהײַטלעכ קירכע-רעכט (דאָס „קאַנאָנישע"). דאָס דאָזיקע רעכט האָט מיט זײַנ אויסגעהאַלטענער סיסטעמ פֿיל מיטגעהאָלפֿנ דער פֿאַרשטאַרקונג אונ דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿונ דער קירכע-אָרגאַניזאַציע. דאָס קאַנאָנישע רעכט האָט מיט דער צײַט אָנגעהויבנ פֿונקציאָנירנ אויך ווײַטער פֿונ די גרענעצנ פֿונ דער קירכע. אַלע פֿאַרברעכנס קעגנ דער קירכע, קעגנ דער רעליגיע, ווי אויך אייניקע ציווילע אונ קרימינעלע איניאָנימ פֿלעגנ געמישפּעט ווערנ לויט דעמ דאָזיקנ רעכט. צוזאַמענ דערמיט האָט זיך די קירכע דערשלאָגנ, אַז אַלע פֿאַרברעכנס, וואָס ווערנ באַגאַנגענ פֿונ די קלויסטער-דינער, זאָלנ געהערנ בלויז צו דעמ קלויסטער-געריכט.

די קלויסטער-פֿעאָדאַלנ זײַנענ געשטאַנענ אינ רעכטנ אויבנאָנ פֿונעמ פֿעאָדאַלנ לייטער. באַזונדערס רוקט זיך אַרויס אייגער פֿונ די קאַטוילישע בישאָפֿנ — דער בישאָפֿ פֿונ רוימ (פֿונעמ IV יאָרהונדערט אָנ הייסט ער פּויפּסט). דער אויטאָריטעט פֿונעמ פּויפּסט וואַקסט ביסלעכווײַז. עס באַפֿעסטיקט זיך די איבערצײַגונג, אַז דער רוימישער פּויפּסט איז אַ פֿאַרטרעטער פֿונ דעמ הויפּט-„הייליקנ" — פֿונ פּעטערנ, וואָס האָט, קלוימערשט, געגרינדעט די רוימישע קירכע. די דאָזיקע לעגענדע האָט מענ שטאַרק אונטערגעהאַלטנ, ווײַל זי האָט אויסערגעוויינלעכ אויפֿגעהויבנ דעמ אויטאָריטעט פֿונעמ פּויפּסט אונ האָט געהאָלפֿנ צוזאַמענשליסנ די גאַנצע קאַטוילישע קירכע אינ אַ איינהײַטלעכער צענטראַליזירטער אָרגאַניזאַציע.

אַנ אָנגעזעענע ראָליע האָבנ די פּויפּסטנ געשפּילט אינ דער צײַט, ווענ די גערמאַנער האָבנ פֿאַרכאַפּט די רוימישע טעריטאָריע (אינ V—VI יאָרהונדערט).

אָדער דורכ מילכאָמעס אָדער דורכ דיפּלאָמאַטישע מיטלענ, שיקנדיק מיסיאָנערנ, קעדיי ארויבערצוציענ די געהמאַנער אינ קריסטוסעס גלויבנ, האָבנ זיכ די פויפּסטנ דערשלאָגנ צו גאָר א באַזונדערער לאַגע. דער קאַטאָליציזמ האָט ארומגעכאַפּט אַלע לענדער פונ מײרעוו-אייראָפּע, אונ דער רוימישער פויפּסט איז געוואָרנ דער הויפּט פונ דער גאַנצער מײרעוו-קירכע.

לעבאַטכילע האָבנ די פעאָדאַלע קיניגנ געשטיצט דאָס פויפּסטנטומ אונ האָבנ מיטגעהאָלפנ, דאָס פויפּסטנטומ זאָל זיכ דערהייבנ. אינ VIII יאָרהונדערט גיט איבער דער פראַנקישער קיניג פּ י פּ י נ דער ק ו ר צ ע ר דעמ פויפּסט אינ דירעקטער פאַרוואַלטונג א באַדייטנדיקנ טייל פונ מיטל-איטאַליע, וואָס די פראַנקנ האָבנ דעראָבערט, — די אַזוי-גערופענע פויפּסט-געגנט. דאָס איז געווענ א מאַטאָנע דעמ פויפּסטנטומ פאַר די געפעליקייטנ, וואָס עס האָט געגעבנ דעמ פראַנקישנ קיניג פּיפּינ דעמ קורצנ, וועלכער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט דורכ א ריי מאָרדנ אונ אַנדערע פאַרברעכנס. דער פאָרשטייער פונעמ פויפּסט האָט „געזאַלבט“ פּיפּינענ פאַר א קיניג. אינ 800-טנ יאָר איז פּיפּינ דעמ קורצנס זונ — ק א ר ל ד ע ר ג ר ו י ס ע ר — מיט גרויס פראַכט געקרוינט געוואָרנ אינ רוימ אונ פּראָקלאַמירט געוואָרנ אַלס אימפּעראַטער.

דער קאַמפּ צווישנ דער וועלטלעכער אונ גייסטלעכער מאַכט

אָט אַזוי איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ דער בונד צווישנ דער קירכע אונ דער מעלוכע, וואָס האָט געפונענ זײַנ אויסדרוק אינ דער קאַראָלינגער אימפּעריע. שפּעטער אָבער הייבט זיכ אָנ צווישנ די פויפּסטנ אונ די באַזונדערע פעאָדאַלע מאָנאַרכנ א פאַרביסענער קאַמפּ פאַר דער פּאָליטישער אויבערהאַנט. ווענ נאָכנ טויט פונ קאַרל דעמ גרויסנ האָט די מאַכט פונ די פראַנקישע קיניגנ אָנגעהויבנ שטאַרק צו פאַלנ, האָבנ די פויפּסטנ זיכ צוגעאײַלט אויסצונוצנ עס, קעדיי צו פאַרפעסטיקנ זייער אויבערהאַנט. מע האָט ארויסגעלאָזט א גאַנצע סעריע געפעלשטע דאָקומענטנ (זייער פאַלשקײַט איז דערוויזנ געוואָרנ ערשט אינ XV יאָרהונדערט). אינ די פאַלסיפיקאַטנ האָט זיכ גערעדט וועגנ דעמ, אַז דער פויפּסט איז דער הויפּט פונ דער גאַנצער וועלט, אַז די מאַכט איבער רוימ אונ איבערנ גאַנצנ מײרעוו האָט די פויפּסטנ איבערגעגעבנ נאָכ אינ VI יאָרהונדערט דער אימפּעראַטער ק אָ נ ס ט אַ נ ט י נ, אַז דער פויפּסט אַליינ איז ניט פאַראַנטוואָרטלעכ פאַר קיינ שומ געריכט, אַז די בישאָפנ קאָנענ געמישפּעט ווערנ נאָר פונ פויפּסטס געריכט, אָבער בעשומויפנ ניט פונעמ וועלטלעכנ, אַז די קירכע איז אַבסאָליוט אומאָפּהענגיק פונ דער מעלוכע, אונ די מעלוכע האַרפּ זאָרגנ, אַז אירע געזעצנ זאָלנ ניט ווידערשפּרעכנ די געזעצנ פונ דער קירכע, אַז דאָס פאַרמעגנ פונ דער קירכע איז אומבאַרירלעכ אאַוו.

שטיצנדיק זיכ אויפ אָט די געפעלשטע דאָקומענטנ, שטרעבנ די רוימישע פויפּסטנ אַלצ מער צו פאַרשטאַרקנ זייער מאַכט אונ באַמיִענ זיכ צו פאַרוואַנדלענ די קאַטוילישע קיניגנ אינ זייערע וואַסאַלנ. אונ וואָס מער עס איז צוזאַמענ מיט דער אַנטוויקלונג פונ די פעאָדאַלע פאַרהעלטענישנ געפאַלנ די מאַכט פונ די פעאָדאַלע קיניגנ, אַלצ מער פלעגנ זיכ די פויפּסטנ סטאַרענ דערשלאָגנ זיכ די אויבערהאַנט איבער דער וועלטלעכער מאַכט. אָבער די קירכע האָט אויכ געהאַט אירע שוואַכע פונקטנ. די בישאָפנ, ווי עכטע פעאָדאַלנ, האָבנ ניט געוואָלט פולשטענדיק זיכ אונטערוואַרפנ דעמ פויפּסט. דעריבער האָבנ די בישאָפנ אינ דעמ קאַמפּ פונ דער קי-

ניגלעכער מאכט קעגן די פויפסטן ניט זעלטן אונטערגעהאלטן די קיניגן און פלעגן דערפאר באקומען פון די קיניגן נײַע להאָטעס און פריווילעגיעס.

א קאָלאָסאלע הילף האָבן געגעבן דעם פויפסטנטום די קאטוילישע אָרגאניזאציעס — די מאָנאסטירן און זייערע פאראייניקונגען, וואָס האָבן געהייסן „קאָנגרעגאציעס" אָדער „אָרדענס". צווישן די דאָזיקע „אָרדענס" זײַנען געווען באזונדערס באַרימט די בענעדיקטינער, שפּעטער (פון XIII יאָרהונדערט אָן) די דאָמיניקאנער און די פראנציסקאנער.

די מאָנאסטירן האָבן פארמאָגט קאָלאָסאלע ערד־רײַכטימער, זיי האָבן געפירט א פּאָרגעשריטענע, גוט־אוועקגעשטעלטע ווירטשאפט, זיי פלעגן געשיקט האנדלען מיט קאָלעריי סכוירעס: מיט זאלץ, ברויט, ווײַן, פיש, מיט האנטווערקערישע אויסארבעטונגען. אין די גרויסע גוט־אוועקגעשטעלטע מאָנאסטירישע ווירטשאפטן האָבן זיך שטענדיק געפונען האנטווערקער פון פארשיידענע פּראָפעסיעס. וועגן דעם פארנעם פון דער מאָנאסטירישער האנטווערקער־פּראָדוקציע קען מען אורטיילן לויטן סען־גאלענער מאָנאסטיר, ווו עס איז אין אָנהייב IX יאָרהונדערט, ווי עס דערציילט איינע פון די שריפטן פון יענער צײַט, געווען פארפּראָיעקטירט אויסצובויען א גרויסע געבײַדע פאר יוועלירן, שמידן, וועבער, רימער, טאָקער, בעקער און ביר־ברײַער. דעריבער איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די מאָנאסטירן זײַנען געווען א געשמאקער ביסן, און וואָס אי די קיניגלעכע מאכט אי די בישאָפן האָבן אף זיי געקוקט מיט גרויס זשעדנעקײַט. אי די אי יענע האָבן געשטרעבט צו באהערשן די מאָנאסטירן. די מאָנאסטירן האָבן אָבער בעסער געוואָלט אונטערוואַרפן זיך דירעקט דעם רוימישן פויפסט.

א גרויסן ניצאָכן אין קאמף קעגן דער וועלטלעכער און גײַסטלעכער מאכט האָלט אָפּ דאָס פויפסטנטום אין דער צווייטער העלפט פון XI יאָרהונדערט. אין דער דאָזיקער צײַט איז דער אימפּעראטאָר ה יי נ ר י ך IV, נאָך א לאנגן אקשאָנעסדיקן קאמף קעגן דעם פויפסט ג ר י ג אָ ר י VII ה י ל ד ע ב ר א נ ד, געווען געצוואונגען זיך ביז גאָר שטארק צו דערנידעריקן פארן פויפסטנטום. די לעגענדע דערציילט, אז אין א יאנוואר־פראָסט האָט זיך היינריך א באָרוועסער אין טשוווע־קליידער אוועקגעלאָזט צום פויפסט אין דעם שלאָס קאנאָסא אין צאָפן־איטאליע (פונדאנען שטאמט דער אויסדריק „גיין אין קאנאָסא", דה. אונטערוואַרפן זיך, אונטערגעבן זיך, גיין אף א דערנידעריקונג) און האָט געבעטן בא אים מעכילע. אין דער דאָזיקער צײַט איז דער אײַנפלוס פון דעם פויפסטנטום געווען אויסשליסלעך גרויס. די קאטוילישע קירכע האָט געהערשט איבער די מויכעס פון דער גאנצער פעאָדאלער וועלט.

די פעאָדאלע אידעאָלאָגיע

די ברייטע מאסן פון דער באפעלקערונג האָבן זיך געפונען אונטער דער פולער אפּעטראָפּסעס פון דער קירכע. די רעליגיע האָט, ווי אָפּיום, פארסאמט דעם באוווסטזײַן פון דער געזעלשאפט, די וואָרצלען פון דער הערשאפט פון דער רעליגיעזער אידעאָלאָגיע האָבן געשטעקט אין די עקאָנאָמישע לעבנס־באדינגונגען פונעם פעאָדאלן פויערטום, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די קאָלאָסאלע מערהײַט פון דער באפעלקערונג. די אָנצאָליקע שטײַערן און די אונטערדריקונג פון די פעאָדאלן, די קעסיידערדיקע אומגערעטענישן און הונ־

גער, די אָפּטע עפּידעמיעס, — דאָס אַלצ האָט געשפּײַזט די טרוימענ וועגנ אנ אנדערער, א בעסערער, א מער יוישערדיקער אונ גליקלעכער וועלט.

אונ די קאטויִלישע קירכע נוצט אויס זייער געשיקט אונ פלינק דעמ פאָלק־טרוימ וועגנ א בעסערנ לעבנ. זי שטרעבט אָפּצוציִענ די פאָלק־מאסנ פונ קאמפ פארנ פארבעסערנ זייער לאגע. קעדיי עס זאָל לײַכטער זײַנ צו האלטנ די מאסנ אינ בלינדער אונטערטעניקײַט, האָט די קירכע געווענדט אַלע געדאנקענ פונעמ מענטשנ אפנ „אוילעמהאבע“, וואָס ווײַטער פונעמ „וועלטלעכנ געפּילדער“. דעמ נידערשלאָגענעמ, אומגליקלעכנ פויער האָט מענ שטענדיק אַרײַנגעקלאפּט אינ מויעכ דעמ געדאנק, אז ער דארפ אָפּקומענ „אפ דערוועלט“, ווײַל דאָס איז דאָס בעסטע מיטל צו פארדינענ „יענע־וועלט“. דעמ פויער האָט מענ געלערנט, אז ער דארפ פאסטנ, אז ער דארפ זיכ אָפּזאָגנ פונ דעמ סאמע נייטיקנ, קעדיי צו ראטעווענ זײַנ נעשאָמע. אנדערש גערעדט, די קירכע האָט שטארק געפּריידיקט די אידייענ פונ אסקעטיזמ.

אונ אינ דער זעלבער צײַט האָבנ די גאלאָכימ אונ די מאָנאכנ אַלײנ געפירט א לײדיקגײערישנ אויסגעלאסענעמ ארט לעבנ פונ שיקורימ אונ פרעסערס.

קאטאָליציזמ — די פעאָדאלע רעליגיע

צוזאמענ דערמיט, ווי די קאטויִלישע קירכע איז פארוואנדלט געווארנ אינ א גאַר גרויסנ פעאָדאל, איז די קריסטלעכע רעליגיע געווארנ א טיפּישע פעאָדאלע רעליגיע. די וועלט פונ די געטער אונ הייליקע איז געבויט געווארנ לויטנ מוסטער אונ געשטאלט פונ דער ערדישער פעאָדאלער וועלט. אינ דער שפּיצ פונ דעמ הימלשנ קיניגרײַכ שטייט א „הרײַ־אײניקײַט“: גאָט — דער פאָטער, גאָט — דער זונ, גאָט — דער הײליקער גײַסט. עטוואָס נידעריקער געפינט זיכ די מוטער פונ גאָט דעמ זונ. זי איז די „באשיצערנ פונ די אונטערדריקטע“, די „גוט־בעטערנ“ פאַר זיי בא איר זונ. די הײליקע זײַנענ געגליכנ צו די פעאָדאלע וואסאלנ. זיי זײַנענ אויסגעשטעלט אפנ יעראַרכיע־לייטער: אפריִער גייענ די אפּאָסטאָלנ, דערנאָכ די גרויס־מארטירער, אונ צולעצט, די געוויינלעכע מארטירער. אינ א שטרענגער סיסטעמ זײַנענ אויסגעשטעלט לויט פאשיידענע קאטעגאָריעס די מאלאָכימ. די צעבערעקלטקײַט פונ דער פעאָדאלער געזעלשאפט האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט אויכ אפ דער קריסטלעכער לערע. יעדער קרײַז מענטשנ, יעדע פּראָפעסיע האָט געהאט אירע באזונדערע הײליקע — באשיצער, וואָס זײַנענ אירע גוטבעטער פאַר דער העכסטער גאָטהײַט, די יאָנטויווימ פונ אָט די אָרטיקע הײליקע האָט מענ געשעצט זייער הויכ.

דער קאטאָליציזמ טוט אַלצ, וואָס איז מעגלעכ, קעדיי צו פארשטארקנ זײַנ ווירקונג. ער באווירקט די פּסיכיק פונ די פינצטערע מאסנ מיטנ פּראכט פונ דער קלויסטערישער „גאָטעסדינסט“. מע בויט קלויסטערס, וואָס ווערנ זייער שיינ באַפּוצט, די קלויסטער„טפילעס“ ווערנ דורכגעפירט מיט דער גרעסטער פײַערלעכקײַט: דער קלויסטער ווערט באלויכטנ מיט זייער פיל ברענענדיקע ליכט, די גאלאָכימ קליידנ זיכ אינ פּראכטפולע קליידער, די „טפילעס“ ווערנ באגלייט מיט מוזיק אונ געזאנג, אונ די האוונער פלעגנ ניט ווילנדיק פארבלענדט ווערנ פונ דעמ גלאנצ, וואָס האָט זיי ארומגערינגלט.

אָנהייבנדיק, אומגעפער, פונ XI יאָרהונדערט, ווערנ אינ דער גאָטעס־דינסט אײַנגעפירט דראמאטישע אינסצעניִרונגענ — די אזויגערופענע מיסטעריעס; לעבאַט־

בילע פלעגט מענ די האָזיקע מיסטעריעס דורכפירנ אינ קלויסטער גופע, דערנאָכ האָט מענ זיי אָנגעהויבנ שפּילנ אפנ גאַנעק פונ דער קירכע, אונ נאָכ שפּעטער אפנ שטאָט־פּלאַצ. די האָזיקע אינסצעניראונגענ, וואָס פלעגנ באַווייזנ פליִענדיקע מלאָכים, וואָס פלעגנ פאָרשטעלנ דעמ „גאַניידנ", דעמ „גענעמ" אונ די פאַרשיידענע ניסימ, האָבנ געדאַרפט נאָכ מער פאַרשטאַרקנ די רעליגיִעזע שטימונג בא די צושויער.

איר אווטאָריטעט האָט די קירכע, פאַרשטייט זיכ, זייער גוט אויסגענוצט פאַר איר אייגננוצ. מע האָט אַנטוויקלט א לערע, אַז אינ די פאַרשיידנאַרטיקסטע געשאַנקענ לעטויוועס דער קירכע ווערט אויסגעדריקט די ליבע צו גאָט, אַז די עצעמ מעגלעכקייט צו ברענגענ א געשאַנק איז א רעזולטאַט פונ גאָטס א באַזונדער גנאָד, ווייל מיט דער הילפ פונ דעמ געשאַנק קויפט אויס דער מענטש אַלע זיינע זינד אונ דורכ דעמ קאָנ ער לייכטער פונ אַלצ דערגרייכנ דאָס אייביקע גליק אפ יענער־וועלט. אפ דעמ דאָזיקנ באָדנ איז אויפגעקומענ דער מינהעג פונ פאַרקויפנ די אַזוינערופענע „אינדולגענציעס", ד.ה. קאָפּאָרעס פאַר זינד. פאַר געלט פלעגט די קאַטוילישע קירכע „מויכל זיינ" קאָלערליי זינד אונ זי פלעגט דערפונ מאַכנ קאָלאָסאַלע רייכטימער (דאָס פאַרקויפנ אינדולגענציעס האָט זיכ ברייט פּראַקטיקירט אינ מיזרעכ־אייראָפּע, אָנהייבנדיק פונ XI יאָרהונדערט). מע האָט פאַרשפּרייט נאָכ א טעאָריע, לויט וועלכער די גאַנצע ערד האָט באַשאַפנ גאָט, אונ דעריבער געהערט זי טאַקע צו אימ; דערפאַר הייסט דאָס אוועקשענקענ ערד לעטויוועס דער קירכע ניט מער, ווי אומקערנ דאָס פאַרמעגנ דעמ עמעסנ באַלעבאָס.

די פעאָדאַלע וויסנשאַפט

די פאַרשלאָסענע נאַטוראַלע ווירטשאַפט פונעמ פעאָדאַליזמ האָט זיכ באַנוגנט מיט א באַגרענעצטנ קרייז פּראַקטישע געוווינהייטנ אונ האָט זיכ קימאַט ניט גענייטיקט אינ טעאָרעטישע קענטעניש. די אומבאַווענלעכקייט אונ פאַרגליווערטקייט פונ דער טעכניק האָבנ ניט געקאָנט שאַפנ קיינ באָדנ פאַר דער אַנטוויקלונג פונ דער וויסנשאַפט, וואָס שטרעבט צו דערקענענ אונ באַהערשנ די נאַטור. מע האָט געהאַלטנ, אַז גאָט האָט אינ דער „הייליקער טוירע" אונ אינ די „ווערק פונ די הייליקע פאָטערס" איבערגעגעבנ די גאַנצע קענטעניש, וואָס איז צוטריטלעכ פאַרנ מענטשנ. דער וויסנשאַפטלעכער געדאַנק איז געווענ קימאַט איינגעשלאָסנ אינעמ קרייז פונ דערלערנענ די הייליקע ספאָרימ, די הויפּטוויסנשאַפט איז געוואָרנ טעאָלאָגיע. די „וועלטלעכע" וויסנשאַפט (דעמלט האָט זי געהייסנ „פילאָסאָפיע"), האָט מענ דערקלערט פאַר א „דינסט פונ דער טעאָלאָגיע". דאָס אַלצ האָט געבראַכט צו א יערידע פונ יענע קענטענישנ, וואָס די פעלקער פונ מיזרעכ־אייראָפּע האָבנ באַקומענ פונ אוראַלטנ רוימ אונ גריכנלאַנד. יעטווידעס וויסנ באַקומט א גייסטלעכנ כאַראַקטער, ווערט איינגעהילט אינ סוידעספולע פאָרמענ.

אפילע די אַריפמעטיק ווערט פאַרוואַנדלט אינ א לערע וועגנ די סוידעספולע אייגנשאַפטנ פונ די צאָלנ.

די קירכע האָט געשאַפנ א באַזונדערע „וויסנשאַפטלעכע" סיסטעמ — די סכאָלאַסטיק. די סכאָלאַסטיק האָט מיט אַבסטראַקטע כקירעס וועגנ „יענזייטיקע" דערשיינונגענ, פאַרופנדיק זיכ אפנ אווטאָריטעט פונ דער גאָטהייט, געפרווט באַרעכטיקנ די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג אונ פאַרפעסטיקנ די הערשאַפט פונ דער קירכע גופע. דעמ מענטשלעכנ געדאַנק האָט מענ זאָרגזאַמ אָפּגעצוינגנ ניט בלויז

פֿון פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע קלאַסן, נאָר אויך פֿון פּראַקטישע אינטערעסן. די „געלערנטע“ האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן דערלערנען די אייגנשאַפֿטן פֿון דער „גאָטהייט“ און האָבן זיך טיפֿזיניק געקריגט וועגן דעם, אַשטייגער, וויפֿל מלאָכים קענען זיך אַרופֿזעצן אויפֿן שפּיץ פֿון אַ נאָדל.

די שול און די בילדונג

די שול האָט זיך אין יענע צייטן געפֿונען אין די הענט פֿון די גלחים, און זיי האָבן געלערנט די קינדער לייענען די „הייליקע“ ביכער און זינגען טילים, אָבער אַפֿילו אַזעלכע שולן זײַנען אויך געווען זעלטן. דעריבער האָט מען אַפֿילו צווישן די פֿעאָדאַלן זעלטן געקענט טרעפֿן שרײַבקענעוודיקע; וואָס איז שוין די פּויערים, איז פֿאַר זיי די שרײַבקענעוודיקייט געווען אַבסאָלוט ניט צוטריטלעך. אַפֿילו דאָס לייענען די „הייליקע ביכער“ האָט בײַ די גלחים און פֿעאָדאַלן אויסגעזען ווי אַ „געפֿערלעכע“ שפּיל, ווײַל דאָס האָט צו־געוווינט צום לייענען און, הייסט עס, צו אַ געוויסער מאָס טראַכטן, און פֿאַר דעם האָבן די עקספּלואַטאַטאָרן — די פֿעאָדאַלן — מורא געהאַט מער פֿון אַלץ. און אויב שוין יאָ לייענען ביכער אין קלויסטער, איז אויף אַזאַ שפּראַך, וואָס די דאָרטיקע האָבן ניט פֿאַרשטאַנען. דעריבער איז דאָס הערן די טפֿילות פֿאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכאַנישער, זינלאָזער, דאָס הייסט — ניט געפֿערלעכער זאַך.

די קירכע האָט אַרויסגעלאָזן ספּעציעלע פֿאַרשריפֿטן, ווו ס'איז געווען געשריבן:

„מיר פֿאַרבאָטן די וועלטלעכע מענטשן צו האָבן בײַ זיך די ביבל און די עוואַנגעליע... די דאָזיקע ביכער פֿאַרבאָטן מיר אויך צו האָבן אין אַן איבערזעצונג אויף דער פֿאָלקשפּראַך“. און דער פּויפּסט אינאָקענטי III שרײַבט אין זײַן ווענדונג „צו אַלע, וואָס זײַנען געטרײַ קריסטוסן“: „די סודותפֿולע טיפֿעניש פֿונעם גלויבן קען מען דאָך ניט אויס־דערציילן פֿאַר אַלעמען און אומעטום, ווײַל ניט אַלעמען זײַנען זיי פֿאַרשטענדלעך... און דעריבער איז געזאָגט געוואָרן אין דעם געטלעכן געזעץ, אַז אויב אַ בהמה וועט זיך אָנרירן אָן באַרג, וועט זי דערהאַרגעט ווערן פֿון אַ שטיין. אַזוי איז אויך אַ פּאַשטעטער מענטש, און זאָל ער בעסער ניט פּרוּוון צו באַרירן די הייכן פֿון די הייליקע שריפֿטן“.

אָט אַזוי האָט די קירכע געלאָזן אין גאַנג די גאַנצע קאָלאָסאַלע קראַפֿט אירע, כּדי צו העלפֿן די פֿעאָדאַלן ווי ווײַט מעגלעך מער צו עקספּלואַטירן די פּויערים, כּדי צו האַלטן די פּויערים אין שטענדיקער אונטערטעניקייט.

פֿראַגעס:

א) וואָס פֿאַר אַן אויפֿן איז אויפֿגעקומען די עקאָנאָמישע מעכטיקייט פֿון דער קאַטוילישער קירכע?

ווי אַזוי איז פֿאָרגעקומען די דערהייבונג פֿונעם פּויפּסטנטום?

וואָסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן מיטגעהאָלפֿן דער אויסבילדונג פֿון דער פֿעאָדאַלער רעליגיעזער אידעאָלאָגיע?

קאפיטל III

די פעאָדאלע שטאָט

6. די אנטוויקלונג פונ דעמ שטאָטישנ לעבנ

די האנטווערקערײַ ווערט אויסגעטיילט פונ דער לאנדווירט־שאפט

אינ דעמ פאָריקנ קאפּיטל האָבנ מיר קלאָר געמאכט, אז אינ IX—XI יאָרהונדערטער איז אינ מערבֿ־אייראָפּע געווענ זייער ווייניק שטעט אונ אז די ראָליע זייערע אינ דער ווירט־שאפט איז געווענ ניט קיינ גרויסע. אינ יענער צײַט איז אויכ געווענ קנאפּ אנטוויקלט די האנטווערקערישע פּראָדוקציע. עמעס, נאָכ אינ די גאָר פעאָדאלע צײַטנ האָבנ זיכ שוינ געהאט באזונדערע מינימ־ספּעציאַליסטנ, וואָס האָבנ זיכ פארנומענ בלויז מיט האנטווערקערײַ, — צומ בײַ־

צעכישע האנטווערקער

שפּיל, שמידנ אָדער טעפּער. נאָר פונדעסטוועגנ איז, אומגעפער, ביזנ XI יאָרהונ־דערט די האנטווערקערײַ געווענ שוואַכ אָפּגעשיידט פונ דער לאנדווירטשאפט.

וואָס ווײַטער הייבט זיכ אָנ דאָס בילד צו ענדערנ. די פארפולקומונג פונ דעמ ארבעט־געצײַג אונ פונ די מיטלענ צו באארבעטנ רוי־מאטעריאלנ פירט צומ אויס־טיילנ נײַע האנטווערקערישע ספּעציאַליטעטנ. דאָס, וואָס עס פלעגט פריִער ווערנ אויסגעארבעט אינ יעדער פויערישער ווירטשאפט, צוגלײַכ מיט פארשיידענע לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטנ, הייבט אָנ צו ווערנ א ספּעציעל פּראָ־דוקציע־צווײַג.

זייער פיל איז דאָ געווענ אָפּהענגיק פונ דער פארשפּרייטונג פונ מעטאלנ. קופּער, בראָנז אונ באזונדערס אײַזנ ווערנ די גרונט־מאטעריאלנ פארנ אויסארבעטנ ארבעט־געצײַג, געווער אונ פארשיידענע הויז־געשיר. אָבער דאָס באארבעטנ מעטאל־

פּאָדערט שוין א געוויסע געניטקייט און פיל ספּעציעלע קענטעניש („פּראָדוצירסוידעס“). אַט דאָס ברענגט טאַקע צו דעמ, אז ס'פּאַרגרעסערט זיך די ראָליע פונ די האַנטווערקער. אָבער אינ די הענט פונ די ספּעציאַליסטנ־האַנטווערקער ווערט קאָנצענטרירט ניט בלויז די אויסאַרבעטונג פונ מעטאַלענע זאַכנ. מיל־אַרבעט, פעל־באַאַרבעטונג, שפּינערײַ, וועבערײַ, האָלצ־באַאַרבעטונג, שוסטערײַ און שנײַדערײַ, יוועלירנאַרבעט און פיל אַנדערע מינימ פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע ווערנ ביסלעכווײַז אויסגעטיילט אינ ספּעציעלע מעלאָכע־צווײַגנ.

דאָס, וואָס די האַנטווערקערישע פּראָדוקציע האָט זיך אָפּגעשיידט פונ דער לאַנדווירטשאַפט, האָט באַטײַט א ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג אינ דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעטצעטיילונג.

מיט דעמ האָזיקנ וווּקס פונ דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט־צעטיילונג דאַרפ מענ דערקלערנ דאָס, וואָס אינ XI יה. און דערהויפּט אינ XII און XIII יה. יה. איז אינ די לענדער פונ מיטעל־אייראָפּע אויפגעקומענ א גרויסע צאָל נײַע שטעט.

אזוי איז געגאַנגענ די אַנטוויקלונג פונעמ שטאָטישנ לעבנ. מיר האָבנ אָבער נאָכ גאָרנישט געזאָגט וועגנ דעמ, וויאַזוי די שטעט זײַנענ אַנטשטאַנענ. קעדיי צו ענטפערנ אַפ דער דאָזיקער פראַגע, וועט אונדז אויסקומענ אומצוקערנ זיך עטוואָס צוריק.

די אַנטשטייונג פונ די שטעט

אינ רוסיש באַטײַט דאָס וואָרט «Город» (א שטאָט) א פאַרפעסטיקט אָרט, אַרומגערינגלט מיט א וואַנט, «Городить» — הייסט אַרומרינגלענ מיט א וואַנט; דערפונ נעמט זיך «Город», וואָס באַטײַט, פריער פאַר אַלצ, א צאַמ אַרומ א וווינונג, אַנ אָרט באַפעסטיקט מיט ווענט. דאָס דײַטשישע וואָרט «Burg» האָט די זעלביקע באַדײַטונג, וואָס דאָס רוסישע «Город».

פריער פונ אַלצ פלעגנ פאַרפעסטיקט ווערנ די מיליטערישע לאַגערנ, וואָס האָבנ זיך געפונענ דערהויפּט בא די גרענעצנ פונ דער טעריטאָריע, וועלכע עס האָבנ פאַרנומענ די אײַנגעזעסענע שוואָטימ. דערנאָכ, פאַרטיידיקנדיק זיך פונ אָנפאַלנ, פלעגט דער פעאָדאַל אַרומצאַמענ זײַנ הויפ, דאָס זעלבע האָבנ זיך באַמיט צו טאָנ באַזונדערע יישוווימ.

א מערקווירדיקער פאַל פונ דער אַנטשטייונג פונ א שטאָט איז באַשריבנ אינ איינעמ א פאַרצײַטיקנ דאָקומענט. ס'האַנדלט זיך וועגנ דער פלאַנדרישער שטאָט ברויגע.

„...נאָכדעמ האָבנ זיך צוליב די באַדערפעניש פונ די שלאָס־אײַנוווינער גענומענ אויפזאַמלענ צו די טויערנ פונ דעמ שלאָס־בריק הענדלער אָדער פאַרקויפער פונ מער ווערטפולע זאַכנ, דערנאָכ אויכ קרעמער. ווײַטער האָבנ די אייגנטימער פונ די אַכסאַניעס, קעדיי צו געבנ עסנ און אַנ אָפּדאַכ די האַנדל־מענטשנ, אָנגעהויבנ בויענ הײַזער און אײַנאָרדענענ האָטעלנ, ווו עס פלעגנ זיך געפינענ די, וואָס האָבנ ניט געקאָנט ווווינענ אינעווייניק אינ שלאָס. און ס'איז בא זיי געוואָרנ א מינהעג צו זאָגנ: „לאָמיר גיינ צומ בריק“. דער יישעוו האָט זיך דאָ אזוי צעוואַקסנ, אַז אינגיכנ האָט זיך אויסגעבילדעט א גרויסע שטאָט, וואָס טראָגט אַפּנ פּאַשעטנ לאָשנ אויכ איצט דעמ נאָמענ בריק, — אַפ זייער דיאַלעקט הייסט „ברויגע“ — א בריק“.

דאָס ארומגעצאמטע, באשיצטע אָרט איז געווען בלויז דער אָנפאנגלעכער עמבריאָן, פון וועלכן עס האָט זיך דערנאָך גענומען אנטוויקלען די שטאָט. דער גאנג פון דער דאָזיקער אנטוויקלונג איז אינגאנצן געווען אָפהענגיק דערפון, וואָס פאר אן אָרט דאָס איז געווען. אויב דאָס איז געווען אן אָרט, וואָס האָט זיך געפונען ווײט פון האנדל־וועגן, האָט זיך דערפון קיין שטאָט, אין עכטן זין פון וואָרט, ווי א צענטער פון האנדל און אינדוסטריעלער פראָדוקציע, ניט געשאפן; אויב אָבער די פארפעסטיקטע פונקטן זײנען אנטשטאנען אפ באקוועמע פארקער־וועגן

דער שלאָס לאָש און דער אויסגעוואָקסענער יישעוו ארום אים

אָדער, נאָך בעסער, אפ דער איבערקרייצונג פון פארקער־וועגן, דאן פלעגט זיך אין זיי שנעל אָנהייבן אנטוויקלען דער האנדל. דער האנדל איז, אין דער ערשטער ריי, פארגעקומען אפ די פעריאָדישע יארידן. פון יאָר צו יאָר פלעגן זיך אפ די יארידן צונויפפארן סאכרים. זיי פלעגן דאָ אײנאָרדענען זייערע סכוירע־סקלאדן און פלעגן ניט זעלטן אויסוויילן דעם דאָזיקן פונקט אלס זייער שטענדיק וווינאָרט. דאָ פלעגן זיך אויך באזעצן האנטווערקער פון פארשיידענע ספעציאליטעטן, ווײל דער אָפזאץ פון זייער פראָדוקציע איז דאָ געווען בעסער געזיכערט, ווי ערגעץ אנדערש ווו. א קליינער באפעסטיקטער פונקט פלעגט זיך ביסלעכווײז צעוואקסן אין אן עכטער שטאָט. די אָנקומענדיקע באפעלקערונג פלעגט זיך שוין באזעצן הינטער די ווענט פון דער ערשטער גרונט־פעסטונג, און ניט זעלטן פלעגט טרעפן, אז ארום דער אויסגעוואָקסענער שטאָט פלעגט מען נעמען בויען א נײעם רינג ווענט.

פיל שטעט פון מיזרעך־אייראָפע זײנען אנטשטאנען נאָך אין די צײטן פון דער רוימישער אימפעריע אלס האנדל־פונקטן און אלס קריגס־פעסטונגען. איר מיליטערישע באדײטונג האָט די שטאָט ניט אָנגעוואָרן אויך אין דער פעאָדאלער עפאָכע. וועגן דעם ריידן די רעשטלעך פון די שטאָטישע אלטע געבײען, וואָס זײנען איבערגעבליבן ביז אונדזער צײט: געמויערטע ווענט, גראָבנס, וואכ־טורעמס, שטארקע,

שווערע טויערן. בילדער פון אַזעלכע שטעט געפינען מיר, אַחוץ דעם, אַף אַ סאַך פּאַרצייַטיקע געמעלן.

אָבער אַזעלכע פעסטע און קאָמפּליצירטע שטאָטישע געבייַען פלעגן אויפגעשטעלט ווערן בלויז אין גרויסע און רייַכע שטעט. קלענערע שטעט האָבן אין בעסטן פאַל געהאַט גראָבנס און אַן ערד־וואַל הינטער די גראָבנס. אַזעלכע שטעט האָבן זיך אויסערלעך ווייניק וואָס אונטערשיידט פון אַ דאָרף. די זעלבע פּאַשעטע שטיבלעך, סעדער און גערטנער אַרום זיי. באַלד הינטערן שטאָט — די פּאַשע־לאָנקעס פאַרן פי, וואָס געהערן די שטאָטלייַט. דאָ האָט זיך אויך געפונען די אַקער־ערד.

האַנטווערקעריי

ווי געזאָגט, האָט די האַנטווערקעריי געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אינעם לעבן פון דער פעאָדאַלער שטאָט. דער האַנטווערקער, אַחוץ אייניקע אויסנאַמען, אַרבעט מיט די הענט (דערפון נעמט זיך דאָס וואָרט „האַנטווערקער"). די טעכניק פון דער האַנטווערקעריי איז פאַרגליווערט. דאָר־אייַן, דאָר־אויס באַנוצן די האַנטווערקער אין פאַרלויף פון צענדליקער און הונדערטער יאָרן איינע און די זעלבע, געוויינלעך זייער פּאַשעטע, אינסטרומענטן; עס ענדערן זיך אויך ניט די מעטאָדן פון דער אַרבעט. דערפאַר אָבער פאַרגרעסערט זיך און דערגרייכט צו אַבסאָליוטער פולקומקייט די פלינקייט און געניטקייט פון באַזונדערע מייַסטערס. זייַענדיק נאָך אַ לערנייִנגל אָדער אַ געזעל, דערלערנט שוין דער קינפטיקער מייַסטער פולקום עפּעס אַ געביט פון דער פּראָדוקציע. סאָפּקאָלסאָן ווערט ער אָפט אַן אַרטיסט פון זייַן מלאָכה.

צוזאַמען דערמיט וואַקסט אויך די צאָל האַנטווערקערישע ספּעציאַליטעטן. צווישן די באַזונדערע שכייניש מלאָכה־צווייגן ווערט איינגעשטעלט אַן אַרבעט־צעטיילונג: צום בייַשפּיל, שיך הייבן אָן צו באַאַרבעטן אַפּריער די רויוואַרג־לעדערניקעס, וואָס גרייטן צו לעדער־רויוואַרג. דערנאָך קומען די גאַרבער, שטעפּער, שוסטער. אָבער אינעווייניק אין יעדן וואַרשטאַט באַזונדער איז קימאַט ניטאָ קיין אַרבעט־צעטיילונג. דאָס זייַנען די טעכנישע באַדינגונגען פון דער האַנטווערקעריי.

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן, וואָסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָט געהאַט די שטאָטישע האַנטווערקעריי.

דער האַנטווערקער איז אַן אייגנטימער פון דעם פּראָדוציר־געצייַג. צומאָל געהערן אים אויך די רוימאַטעריאַלן, האָגאָם אָפטער פון אַלץ גיט די דאָזיקע מאַטעריאַלן דער באַשטעלער. דער האַנטווערקער זעצט אָפּ זייַנע אויסאַרבעטונגען דעם געברויכער זעלבשטענדיק, אָן קיין שום פאַרמיטלער. ער אַרבעט פאַרן באַשטעלער. אָדער ער פאַרקויפט אַליין זייַנע אויסאַרבעטונגען, אין וואַרשטאַט גופא אָדער אַפן מאַרק.

די שטאָטישע האַנטווערקעריי איז געווען אַ ס כ ו י ר ע ־ פּ ר אָ ד ו ק צ י ע. אין דער הינזיכט איז דאָ צווישן דעם פעאָדאַלן פּויער און דעם שטאָטישן האַנטווערקער אַ וועזנטלעכער אונטערשייד. אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע פּראָדוצירט דער פּויער טוויע, קעדיי אויסצופילן זייַנע פאַרפליכטונגען פאַרן פעאָדאַל און פאַרן פערזענלעכן געברויך. אַחוץ זעלטענע אויסנאַם־פאַלן, ווערן די פּראָדוקטן פון זייַן אַרבעט ניט אויסגעטוישט אַף אַנדערע פּראָדוקטן, נאָר זיי גייען דירעקט אין געברויך — פאַר אים פערזענלעך אָדער פאַרן פעאָדאַל. באַקומענדיק פונעם פּויער אַלס טשינש פּראָדוקטן, פלעגט דער פעאָדאַל אים דערפאַר גאָרנישט ניט געבן.

און דעריבער איז צווישן דעם פויער און דעם פעאָדאַל ניט געווען קיין שום אויסטויש.

גאָר אַנדעריש איז עס בײַ דער פּראָדוקציע פון די שטאָטישע האַנטווערקער. זייערע אויסאַרבעטונגען גייען ווייניקער פון אַלץ אויף צו באַפרידיקן זייער פערזענלעכן געברויך, אָדער דעם געברויך פון זייער מישפּאָכע (דערפון נעמט זיך דאָס ווערטל: „אַלע שוסטער גייען באָרוועס"). אַ טייל אויסאַרבעטונגען פון די שטאָטישע האַנטווערקער גייען אַוועק, פונקט ווי די פויערישע פּראָדוקטן, אַלס טשינש פאַרן גײַסטלעכן, אָדער פאַרן וועלטלעכן פעאָדאַל, וואָס רעגירט מיט דער שטאָט, אָבער די הויפּטמאַסע פון זײַנע פּראָדוקטן אַרבעט דער האַנטווערקער אויס אַלס סכוירעס. אַזוי־אַרום איז דער שטאָטישער האַנטווערקער געווען אַ קלײנער זעלבשטענדיקער סכוירע־פּראָדוצירער.

אין דער זעלבער צײַט האָט זיך די שטאָטישע האַנטווערקערײַ באַזירט אויף דעם פעאָדאַלן פּראָדוצירן־אויפן. דער האַנטווערקער, דער אייגנטימער פון אַ קלײנעם וואַרשטאַט, עקספּלואַטירט זײַנע געזעלן און לערנייִנגלעך, און דערבײַ ווענדט ער אָן אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס מיטלען פון אויסער־עקאָנאָמישן צוואַנג.

די פרײַהײַט פון די לערנייִנגלעך און געזעלן איז געווען שטאַרק באַגרענעצט. זיי האָבן געוויינלעך ניט געהאַט קיין רעכט אוועקצוגיין פון זייערע באַלעבאַטים פריִער פאַרן אײַנגעשטעלטן טערמין. זיי זײַנען געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דעם מײַסטער און האָבן באַהאַלטן דורכוים אים פאָלגן, אַפילו אין זייער טאָג־טעגלעכן פערזענלעכן לעבן.

די ראַיאָנע מערק

כאָטש פיל שטאָטישע אײַנוווינער האָבן נאָך ניט אינגאַנצן איבערגעריסן מיט דער לאַנדווירטשאַפט, אָבער די וויכטיקסטע באַשעפטיקונג פון די שטאָטלײַט איז שוין געוואָרן ניט די לאַנדווירטשאַפט, נאָר די האַנטווערקערײַ. און דאָס האָט טאַקע אויסגעטיילט די שטאָט פון דאָרף.

צווישן דער שטאָט און די אַרומיקע דערפער ווערט אײַנגעשטעלט אַ שטענדיקער אויסטויש. אויף די שטאָטישע מערק ווערן פאַרקויפט די אויסאַרבעטונגען פון די האַנטווערקער: געווער, קליידונג, היטלען, געוואַנט, שיכוואַרג, כאָמעטן, וועגענער, טעפּ, טרונעס. דאָ גופא האָט מען אויך געקענט קויפן די פּראָדוקטן, וואָס עס פלעגן ברענגען צופירן פון די נאָענטע גיטער סײַ די פעאָדאַלן, סײַ די פויערים אַלײן: פי, אויפעס, פיש, ברויט, היי, האָלץ, הערינגס, יאַגדעס, שוועמלעך. אין שטאָט, ווידער, האָט מען געהאַנדלט מיט ווײַן און מיט זאַלץ. אַזוי־אַרום פלעגט אויפקומען ניט קיין גרויסער ראַיאָנער מאַרק.

דער ראַיאָן, וואָס פלעגט אַרומגעכאַפּט ווערן פון אַזאַ מין אויסטויש, איז געוויינלעך געווען ניט קיין גרויסער, קימאַט אין גאַנץ דײַטשלאַנד האָט דער פויער אַפילו פון ווײַטע יישובֿים געקאָנט פאַרשלעפּן זיך פאַר איין טאָג צום שטאָטישן מאַרק, און אינאָווענט אומקערן זיך אַהיים. אין ענגלאַנד פון XII יאָרהונדערט האָבן זיך די שטעט געפונען איינע פון דער אַנדערער דורכשניטלעך אויף אַ מעהאַלעך פון 10 קילאָמעטער.

די באַפעלקערונג פונ די פעאָדאַלע שטעט

די שטעט זײַנענ אינ גרעסטנ טײל געווענ ניט קײנ גרויסע. אָפט פלעגט א שטאָט פארמאָגנ ניט מער ווי עטלעכע הונדערט אײַנוווינער. א שטאָט מיט א באַפעלקערונג פונ 2—3 טויזנט מאנ האָט מענ שוינ געהאלטנ פאר א גרויסער שטאָט; נאָר אײנצלנע שטעט אינ מיטל-אײראָפּע, אשטײגער, לאָנדאָנ אונ פּאריזש, האָבנ געהאט צו צווײ-דרײַ צענדליק טויזנט אײַנוווינער.

די קלײנצאָליקײט פונ דער באַפעלקערונג אינ די שטעט האָט אנטשפּראָכנ זײער שטארק לאנגזאמענ וווקס, ניט געקוקט דערױף, וואָס אינ די שטעט פלעגנ איבערפּאָרנ די ארומיקע דאָרפישע אײַנוווינער, ווײַל דאָס לעבנ איז אינ שטאָט געווענ א סאַך פרײַער אונ געזיכערטער. די שטערבלעכקײט אינ די שטעט האָט באַדײַטנדיק איבערגעשטיגנ די געבורטנ. דאָס דערקלערט זיכ מיט די זײער שלעכטע סאניטארע באַדינגונגענ פונ די שטעט: די מיסט פלעגט מענ ארויסוואַרפנ פונ די הײַזער אינ טײַכ ארײַנ, אָדער פּאַשעט אויפנ גאס. ס'איז גאָר שווער פאָרצושטעלנ זיכ, וואָס פאר א שמוץ עס איז געווענ אינ די דאָזיקע שטעט. דער אימפּעראַטאָר פרידריכ III איז, דורכפאָרנדיק אינ 1485 יאָר איבער די גאסנ פונ דער שטאָט ריוטלינגענ, שיר ניט דערטרונקענ געוואָרנ צוזאמענ מיט זײַנ פערד אינ דעמ שמוץ. דער אנטיסאניטארער צושטאַנד אינ די שטעט פלעגט ברענגענ דערצו, אז עס פלעגנ זיכ אָפט פארשפּרײטנ פארוויסטנדיקע עפּידעמיעס. צומאָל פלעגט טרעפנ, אז אינ פארלויפ פונ עטלעכע זומער-כאָדאָשימ פלעגט אויסשטארבנ א צענטלעך אָדער אפילע א פערטלעך פונ דער גאנצער שטאָטישער באַפעלקערונג. דאָס פלעגט פאָרקומענ אפילע אינ יענע יאָרנ, ווענ עס איז ניט געווענ קײנ אלגעמײנע עפּידעמיע. בא גרויסע עפּידעמיעס פלעגנ אויסשטארבנ שיר ניט גאנצע שטעט.

די עפּידעמיעס, די אָפטע מילכאָמעס, די ניט-געניטע דאָקטוירימ אונ די לײַב-שטראָפנ האָבנ געשאפנ א קאָלאָסאלע צאָל אויביקע קראנקע אונ קאליקעס. אפילע קימאט אינ יעדער קלײנער שטאָט זײַנענ געווענ ספּעציעלע אנשטאלטנ פאר לעפּרא-קראנקע (לעפּראָזאָריעס). אינ פראנקרײַכ איז אינ XIII יאָרהונדערט געווענ בא 2.000 לעפּראָזאָריעס. ווײַטער זײַנענ געווענ בלינדע, אָנהענטיקע אונ אָנפוסיקע. זײער גרויס איז געווענ די צאָל פּסיכיש-קראנקע. דאָס אלץ איז געווענ א ניטארבעטפײַיקע באַפעלקערונג. מע קאָנ רעכענענ, אז דורכשניטלעכ האָט אויפ יעדערע 10 מענטשנ אײנער געלעבט פונ נעדאָווע.

דער אויסערלעכער אויסזענ פונ די שטעט איז געווענ זײער אנ אָפּשטויסנדיקער; ס'זײַנענ געווענ פיל פּוסטע פלעצער אונ כאָרעווע געבײַדעס. די הײַזער האָט מענ געבויט ווײַט אײנס פונעמ צווײטנ. די גאסנ זײַנענ געווענ ניט ברוקירט, אָרעמע כאַלופּקעלעכ, דערהויפט הילצערנע, געדעקט אָפטער פונ אלץ מיט שטרוי. בלויז די פּילצאָלקע סעדער אונ לאָנקעס פלעגנ עטוואָס באַפּוצנ דאָס אלגעמײנע בילד.

7. די אָרגאניזאציע פונ דער שטאָטישער באַפעלקערונג

די סאָכרישע גילדיעס

א גרויסע ראָליע אינעמ לעבנ פונ דער פעאָדאלער שטאָט שפּילנ די אָרגאניזאציעס פונ די סאָכרימ אונ האנטווערקער. פריִער פונ אלצ אָרגאניזירט זיכ דאָס סאָכרימטומ. אינ מערבֿ-אײראָפּע זײַנענ די ערשטע גילדיעס (אזוי האָבנ געהײסנ די סאָכרישע אָרגאניזאציעס) אויפגעקומענ אינ ענגלאנד (אינ X יאָרהונדערט), דערנאָכ זײַנענ זײ אנטשטאנענ אינ נאָרוועגיע, איטאַליע, פראנקרײַכ אונ אנדערע לענדער, שפּעטער אינ דײַטשלאנד. אינ XIV יאָרהונדערט זײַנענ זײ שוינ געווענ אומעטום.

לעכאַטכילע איז די באַזע, אויפ וועלכער עס האָבנ זיכ געשאפנ די גילדיעס, געווענ די געמײנזאַמע האנדל-רײַזעס פונ די סאָכרימ. די סאָכרימ פלעגנ זיכ אװעקלאָזנ אויפנ יאָריד גאנצע קאראוואנענווײַז, אונ אינ יאָמ-רײַזעס פלעגנ זײ זיכ אוועקלאָזנ ניט אויפ באַזונדערע שיפנ, נאָר מיט א גאנצער פלאָטיליע, ווײַל די רײַ-

זעם זײַנענ שטענדיק געװענ פאַרבונדנ מיט א ריזיקע, ס'איז שטענדיק געװענ א גע־פאַר פונ אַנ אָנפאַל אונ באַרױבונג. אפ די װעגנ האָבנ געראַבעװעט סײַ פילצאָליקע גאַזלאָנישע באַנדעס סײַ באַזונדערע פעאָדאַלנ סײַ זײערע קריג־לײַט. אפנ יאַמ האָבנ געבאַלעבאָטעװעט די פּיראַטנ. לעכאַטכילע פלעגנ זיכ די סאָכרימ פאַרײניקנ ספּעציעל צוליב יעטװידער רײַזע, אָבער ביסלעכװײַז אַנטשטײענ אױכ שטענדיקע סאָכרימ־פאַר־באַנדנ. די איטאַליענישע סאָכרימ האָבנ געגרינדעט א ברײטע קאָרפּאָראַציע (גע־זעלשאַפט) אונטערנ נאָמענ „פאַרבאַנד פונ די איטאַליענישע סאָכרימ, װאָס באַ־זוכנ די יאַרידנ פונ שאַמפּאַנ אונ פראַנקרײַכ". די דאָזיקע קאָמפּאַניעס פלעגנ דינ־גענ א באַװאָפנטע װאַכ אפ צו באַגלײטנ דעמ קאַראַװאַנ. זײ פלעגנ זיכ צונױפרײדנ מיט די פעאָדאַלנ, דורכ װעמעס ערדנ עס פלעגט זײ אױסקומענ דורכצופאָרנ מיט זײערע קאַראַװאַנענ, װעגנ דער גרײס פונ דער פּאָשלינע, זײ פלעגנ זיכ דערשלאָגנ א צוזאָג, אז די פּעק פונ די סאָכרימ װעלנ ניט אױפגעעפנט װערנ אַװו.

די ערשטע צײַט האָבנ די גילדיעס פאַרײניקט הענדלער, װאָס האָבנ געפירט א צװישנפעלקערלעכנ הורט־האַנדל. דער אַרײַנטריט אינ די דאָזיקע פאַרבאַנדנ איז אינ יענער צײַט געװענ פרײַ. יעדער אײנציקער האָט געקענט צושטײנ צו א גרו־פּע סאָכרימ, װאָס פלעגט זיכ אָװעקלאָזנ אינ דעמ אָדער יענעמ לאַנד. װאָס מער מענטשנ עס איז געװענ אינעמ קאַראַװאַנ, װאָס מער שיפנ עס פלעגנ זיכ אָװעק־לאָזנ אינ װעג אַרײַנ, — אַלצ זיכערער איז געװענ די אונטערנעמונג. אָבער די זעלביקע סאָכרימ פלעגנ, אומקערנדיק זיכ צוריק, פאַרקױפנ זײערע סכױרעס ניט בלױז אינ הורט צו אַנדערע הענדלער, נאָר אױכ אינ אײנצל־פאַרקױפ דירעקט די גע־ברױכער. באַ דעמ דאָזיקנ אײנצל־האַנדל איז שױנ ניט געװענ קײנ ריזיקע, דאָ האָט מענ אױכ ניט געדאַרפט קײנ גרױסע קאַפּיטאַלנ, דעריבער טאַקע איז דאָ פרי־ער פונ אַלצ אַנטשטאַנענ די קאָנקורענצ.

די אָרגאַניזאַציעס פונ די הענדלער שטעלנ שױנ איצט פאַר זיכ גאָר נײַע אױפגאַבעס — *קאַמפ קעגנ דער קאָנקורענצ*. דער אַרײַנטריט אינ די גיל־דיעס װערט שטאַרק פאַרשװעריקט. איצט נעמט מענ שױנ צו אינ זײ בלױז אַזעל־כע, װאָס געהערנ צו דער הערשנדיקער נאַציאָנאַליטעט אינ דעמ געגעבענעמ לאַנד, אַזעלכע, װאָס האָבנ א געװיסנ פאַרמעגנ. עס װערנ געשטעלט אױכ אַנדערע באַ־גרענעצונגענ. די גילדיעס קעמפנ אָבער ניט בלױז קעגנ דער קאָנקורענצ פונ די סאָכרימ, װאָס גײענ ניט אַרײַנ אינ די אָרגאַניזאַציעס, זײ פירנ אױכ א קאַמפ קעגנ דער קאָנקורענצ צװישנ זײערע אײגענע מיטגלידער. צוליב דעמ װערנ אײַנ־געשטעלט פעסטע פאַרקױפ־אונ קױפ־פרײַזנ, פעסטע טעג אונ שאָענ פונעמ האַנדל אַװו. צוזאַמענ דערמיט נעמענ אפ זיכ די גילדיעס דעמ איניענ פונ קעגנזײַטיקער הילפ. אױב מיטנ סױכער פלעגט טרעפנ אַװעלכער־ניט־איז אומגליק (א באַרױבונג, א סרײפע, א קראַנקײַט אַװו.), פלעגט אימ די אָרגאַניזאַציע קומענ צו הילפ. ניט קײנ קלײנע ראָליע האָבנ די גילדיעס געשפּילט אױכ אינעמ פּאָליטישנ לעבנ. זײ האָבנ אָנגעפירט מיטנ קאַמפ פונ די שטעט קעגנ די פעאָדאַלנ. דאָס סאָכרימטומ האָט געשטרעבט צו פאַרקלענערנ די שטײַערנ, װאָס זײ פלעגנ דאַרפנ צאָלנ די פעאָדאַלנ, אונ, יעדנפאַלס, אײַנשטעלנ א פעסטע שטײַער־נאָרמע. צוליב דעמ גע־מענ אפ זיכ די גילדיעס, פריִער פאַר אַלצ, די אױפגאַבע צו זאַמלענ פונ זײערע מיטגלידער אַלע שטײַערנ פאַרנ פעאָדאַל אונ די פאַראַנטװאָרטלעכקײַט פאַר דעמ,

אז די צאָלונגענ וועלנ אימ אריינגעטראָגנ ווערנ צו דער צייט, דאָס האָט געלוינט ביידע צדאָדימ, און דער פעאָדאל האָט גערנ געשטיצט דעמ איינפלומ פונ די גילדי־שע אָרגאַניזאַציעס. אינ דער זעלבער צייט האָט דאָס אויכ שטאַרק באַהעפט די מיטגלידער פונ דער גילדיע, וויל זיי האָבנ געטראָגנ א קעגנזייטיקע אַחריות. איצט הייבנ זיכ שוינ אָנ די גילדיעס צו אינטערעסירנ אויכ מיטנ פּערזענלעכנ לעבנ פונ זייערע מיטגלידער, זיי פאָדערנ פונ די מיטגלידער, אז זיי זאָלנ פירנ א „ליייטישנ" אָרט לעבנ. אינ דער זעלבער צייט שפּילנ זיי אויכ א ראָליע פונ אייגנטאַרטיקע קלובנ, אינ וועלכע עס ווערנ רעגולער אָרגאַניזירט הוליאַנקעס און מע מאַכט א שנאַפּס. צוליעב דער מענ פאַרצייכענענ, אז די גילדיעס האָבנ גענומענ דעמ סאַמע טעטיקנ אָנטייל אינ אָרגאַניזירנ די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג, ווענ די שטעט פלעגנ זיכ, אינ דער אָדער אינ יענער מאָס, דערשלאָגנ אומאָפּהענגיקייט פונ די פעאָדאַלנ.

אינ דער שפּיצ פונ דער גילדיע איז געשטאַנענ א ראַט, וואָס פלעגט אויסגע־ווילט ווערנ אָפּ די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגענ פונ די גילדיע־מיטגלידער. אכוצ דעמ האָט יעדע גילדיע נאָכ דערצו געהאַט עטלעכע געווייילטע אַמט־פּערזאָנענ: אַנ עלטסטנ, א קאַזנאַטשיי און אַנד.

די האַנטווערקער־צעכנ

די אָרגאַניזאַציעס פונ די האַנטווערקער (געוויינלעכ הייסנ זיי צעכנ) זיינענ אופגעקומענ עטוואָס שפּעטער ווי די סאָכ־רישע גילדיעס. אינ איטאַליע האָבנ די צעכנ אָנגעהויבנ אַנטשטיינ אינ X—XI יה., אינ פראַנקרייכ — אינ XI—XII יה., אינ ענגלאַנד — אינ XII—XIII יה., אינ דייטשלאַנד — אינ XIII יה. אינ מיטעלאייראָפּע זיינענ די אָרגאַניזא־ציעס פונ די האַנטווערקער אומעטומ געווענ זייער צאָלרייכ, און האָבנ געהאַט א גרויסנ איינפלומ. וואָס מער די האַנטווערקעריי האָט זיכ ספּעציאַליזירט און איז צע־גלידערט געוואָרנ אָפּ פיל קליינע זעלבשטענדיקע פּראָפעסיעס, אלצ גרעסער איז גע־וואָרנ די צאָל־צעכנ. וועגנ דער פאַרשפּרייטקייט פונ דער צעכישער אָרגאַניזאַציע־פאָרמ קאָנ מענ אורטיילנ לויט דעמ, וואָס אינ באַזונדערע צעכנ פלעגנ זיכ פאַריי־ניקנ אַפילע אַזעלכע ספּעציאַליטעטנ, וואָס קאָנענ בעשומויפנ ניט אָנגערופנ ווערנ האַנטווערקערישע אינ געוויינלעכנ זינ פונ וואָרט. אָפט פלעגט מענ קענענ טרעפנ צעכנ פונ בעטלער, פונ כאַלפאַנימ, נאָטאַריוסנ, דאָקטוירימ און.

די הויפּט־אויפגאַבע פונ די צעכנ איז געווענ — באַזייטיקנ די קאָנקורענצ צווישנ באַזונדערע האַנטווערקער און איינשטעלנ די אויסשליסלעכע הערשאַפט פונעמ געגעבענעמ צעכ אָפנ מאַרק. צוליב דעמ פלעגנ זיי אויסאַרבעטנ פּילצאָלי־קע קלאָלימ, וואָס פלעגנ געוויינלעכ פאַרשריבנ ווערנ אינ זאַמלביכער — אינ די „צעכישע סטאַטוטנ". די צעכנ האָבנ געשטרעבט אוועקצושטעלנ אלע מייסטערס אינ איינע און די זעלבע באַדינגונגענ און האָבנ שטרענג רעגולירט אלע קלייני־קייטנ פונ דער פּראָדוקציע, אָנגעהויבנ פונ איינקויפנ רויוואַרג און געענדיקט מיטנ אָפּזאַצ פונ פאַרטיקע פאַבריקאַטנ. רויוואַרג האָט מענ געמעגט קויפנ נאָר אָפנ מאַרק, אָבער בעשומויפנ ניט אָפנ וועג צומ מאַרק. יעטווידער מייסטער האָט געדאַרפט פּערזענלעכ קויפנ די נייטיקע פאַר אימ פּראָדוקטנ, און דערביי בלויז פאַר זיכ אַליינ, אָבער בעשוימויפנ ניט אָפּ צומ איבערפאַרקויפנ. פאַרקויפנ די סכוי־רעס האָט מענ געדאַרפט אינ וואַרשטאַט, בלויז אינ באַשטימטע שאָענ און טעג, אָדער נאָר אָפנ מאַרק. דער מייסטער האָט ניט געהאַט קיינ רעכט צו לויבנ זיינ

סכוירע אונ צו פארופנ צו זיכ קוינימ. עס איז אויכ געווענ פארווערט אריבערצו־ציִענ א קוינע פונ קלייט פונ א צווייטנ מײַסטער. א באזונדער אופמערקזאמקײַט איז געווענ געווענדט אפנ פּראָדוציר־פּראָצעס גופע. דער האנטווערקער האָט געמעגט האלטנ בלויז איינ ווארשטאט. ס'איז אויכ געווענ באגרענעצט די צאָל אינסטרומענטנ פארנ ווארשטאט. באמ דינגענ לערנייִנגלעכ אונ געזעלנ זײַנענ די מײַסטערס ווידער



אינעמ ווארשטאט פונ א געווער־מײַסטער

געווענ אוועקגעשטעלט אינ איינ אונ די זעלבע באדינגונגענ. זיי האָבנ ניט געהאט קיינ רעכט צו העכערנ דעמ ארבעטלוינ, וואָס איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ פונ די צעכנ, אונ אזוי־ארומ אריבערציִענ צו זיכ די מער געשיקטע געזעלנ. די צאָל לערנ־ייִנגלעכ אונ געזעלנ איז געווענ שטרענג באגרענעצט. די טעכניק פונ דער פּראָדוקציע איז געווענ פּינקטלעכ באשטימט. די סכוירעס האָט מענ פארגעשריבנ אויסצוארבעטנ בלויז פונ דעמ אײַנגעשטעלטנ מאטעריאל, אפ א באשטימטנ אויפנ אונ פונ איינ אונ דער זעלבער גרייס.

אויב עמעצער פונ די מײַסטערס פלעגט ברעכנ אָט די אלע באשטימונגענ, פלעגט מענ בא אימ קימאט שטענדיק קאָנפיסקירנ זײַנ אויסארבעטונג אונ ארופּ־לייגנ אפ אימ א געלט־שטראָפ. בא די פאריזשער וועבער, צומבײַשפּיל, איז גע־ווענ א קלאל, אז „קיינ איינ וועבער, וואָס פאר א געוואנט ער זאָל ניט וועבנ, טאָר ניט איבערלאָזנ בא ביידע זײַטנ פונ געוועב מער ווי 20 פּוסטע צײַנדלעכ.

אויב אָבער ער וועט איבערלאָזן מער ווי 20 פּוסטע ציינדלעך, האָט צאָלט ער פֿאַר יעדן ציינדל שטראָף".

אַלס אילוסטראַציע דערצו, וויאַזוי די צעכן פֿלעגן זיך אַרײַנמישן אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּראָדוקציע און אין דעם אָפּזאַץ פֿון די האַנטווערקערישע פֿאַבריקאַטן, ברענגען מיר אויסצוגן פֿון די קלאָלים וועגן אויסאַרבעטן געוואַנט, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער שטאָט שאָלאָן אין 1244 יאָר:

„לויט אַ פֿאַרשטענדיקונג פֿון די בירגער — געוואַנטמאַכער פֿון שאַלאָן — איז פֿאַרשריבן, אָפּגעמאַכט, באַשטימט און אָנגעוויזן געוואָרן פֿאָלגנדיקס:

מע טאָר ניט מאַכן קיין געוואַנט קיין גרינעם, קיין ברוינעם, קיין בלויען און קיין רויטן; אין וואָל ווערן די דאָזיקע פֿאַרבן ניט דערלויבט.

מע טאָר ניט אויסאַרבעטן קיין שום געוואַנט ניט בײַ זיך אין שטוב.

קיינער טאָר ניט און דאַרף ניט פֿאַרקויפֿן קיין אַרטיקעל וואָל פֿאַר ענגלישע...

מע טאָר ניט האַלטן קיין אַרבעטער אָדער אַרבעטערן, וואָס געפֿינען זיך אָפּ דינסט בײַ אַ צווייטן. מע טאָר ניט פֿאַרקויפֿן קיין שום געוואַנט נאָך דעם, ווי עס ענדיקט זיך דער יאַריד. מע טאָר ניט פֿאַרקויפֿן קיין געוואַנט און ניט אַרויסשטעלן עס צום אָנקוקן ערגעץ אַנדערש ווו, ווי נאָר אינעווייניק אין דער מאַרק־געבײַדע. מע טאָר בעשומויפֿן ניט גיין מיט פֿעטער אין שפּײַכלער באַנאַכט, ווען ס'איז דאָ אַ יאַריד, חוץ דאָס טוט דער באַלעבאָס אַליין, און די לאַדן טאָר קיינער ניט פֿאַרמאַכן, אַחוץ די באַלעבאַטים אַליין. מע טאָר ניט פֿירן אָפּן יאַריד קיין געוואַנט, אויב עס איז ניט אײַנגעפּאַקט לויט דער אײַנגעשטעלטער פֿאָרם. מע טאָר ניט פֿאַרקויפֿן קיין דאַרפֿישן געוואַנט פֿאַר שאַלאָנער. דאָס געוואַנט, וואָס מיר פֿאַרקויפֿן אין שאַלאָן, פֿירן מיר אײַנערגעץ ניט אַרויס אָפּ קיין יאַרידן..."

אויב די צעכאָרגאַניזאַציעס האָבן געווענדט אַזויפֿיל אויפֿמערקזאַמקייט אָפּן קאַמף קעגן דער קאָנקורענץ צווישן די מיטגלידער פֿון צעך גופֿא, האָבן זיי אָבער נאָך מער געזאָרגט וועגן ליקווידירן די קאָנקורענץ פֿון אויסן. האָבנדיק די שטיצע מצד די פֿעאָדאַלן און מצד די שטאָטישע זעלבסטפֿאַרוואַלטונגען, האָבן די צעכן פֿאַרווערט אַלעמען, וועמען עס איז ניט אַרײַן אין זייער באַשטאַנד, צו פֿאַרנעמען זיך מיט דעם אַנטשפּרעכיקן געווערב. שפּעטער האָבן די צעכן אָנגעהויבן באַגרענעצן די צאָל מיטגלידער פֿון יעדן צעך און שטעלן אַ ריי שטערונגען בײַם פֿאַרנעמען די ערטער פֿון מײַסטערס, וואָס פֿלעגן זיך באַפֿרײַען.

אַ וועזנטלעכע אויפֿגאַבע אינעם לעבן פֿון די צעכן איז געווען די קעגנזײַטיקע הילף און אויך דאָס רעגולירן די קעגנזײַטיקע באַציִונגען מיט די פֿעאָדאַלן. די צעכן פֿלעגן די דאָזיקע אויפֿגאַבע פֿאַרווירקלעכן, פּונקט ווי די סאָכרישע גילדיעס, אַמאָל מיט דער הילף פֿון אָפֿענעם קאַמף, אַמאָל מיט דער הילף פֿון אויסקויפֿגעלט. די צעכן פֿלעגן אָפּ זיך נעמען דאָס אַרײַנטראָגן די שטײַערן די פֿעאָדאַלן. פּונקט ווי די גילדיעס, האָבן זיי גאַראַנטירט דערפֿאַר, אַז די דאָזיקע שטײַערן וועלן אַרײַנגעטראָגן ווערן צו דער צײַט, און, אַדאַנק דעם, האָבן זיי באַקומען אַ געוויסע שטיצע מצד די פֿעאָדאַלן. קאָלזמאַן ס'איז געגאַנגען אַ קאַמף, פֿלעגן די צעכן גערן פֿאַרגרעסערן זייער צאָל מענטשן. ווען די לאַגע זייערע איז אָבער געוואָרן פֿעסטער, פֿלעגט זיי שוין ניט לוינען צו האָבן אַ גרויסע צאָל מענטשן אין צעך, ווײַל דאָס פֿלעגט אַרויסרופֿן אַ קאָנקורענץ. דאַן הייבן אָן די צעכן אָנצונעמען מיטלען קעגן דער קאָנקורענץ.

אונדז בלײַבט איבער צו זאָגן נאָך וועגן איין זײַט פֿון דער טעטיקייט פֿון די צעכן. פּונקט ווי די גילדיעס, זײַנען אויך די צעכן געווען פֿאַר זייערע מיטגלידער

א מינ קלוב. דער קלויסטער און דער שענק זיינען געווען יענע ערטער, ארומ וועלכע עס פלעגט זיכ גרופירנ דאָס לעבנ פונ די צעכנ. דאָס איינאָרדענען גאַנ־טעסדינסטנ, קירכנ־פּראָצעסיעס, רעליגיעזע יאָנטויוויים, ווי אויכ דאָס אָרגאַניזירנ אינ די שענקענ רעגולערע הוליאַנקעס און שנאַפּסנ — דאָס אַלצ האָט אײנעמ לעבנ פונ די צעכנ, פּונקט ווי בא די גילדיעס, פאַרנומענ ווײַט ניט דאָס לעצ־טע אָרט.

מע דאַרפ באַמערקנ, אז די צעכנ האָבנ באַשיצט די אינטערעסנ בלויז פונ די זעלבשטענדיקע האַנטווערקער. די געזעלנ אָבער און די לערנייִנגלעכ זײַנענ בא דער צעכ־אָרדענונג געווענ אינ אַנ אונטערטעניקער לאַגע. זייער לאַגע איז, עמעס, געווענ א בעסערע, ווי די לאַגע פונ די קאַפּיטאַליסטישע ארבעטער, אָבער אויכ זיי פלעגנ עקספּלואַטירט ווערנ מיצאַד די אייגנטימער פונ די האַנטווערקער־רישע ווארשטאַטנ. און דאָס פלעגט ברענגענ צו א ווידערשפּרוכ צווישנ די אינ־טערעסנ פונ די באַלעבאַטימ און געזעלנ. דאָס פלעגט שפּײַזנ דעמ אופקומענדיקנ קלאַסנקאַמפּ.

פראגעס:

וואָס איז געווענ די באַזע פאַר דער אנטשטייונג פונ די סאָברישע גילדיעס?
וואָסערע אופגאַבעס זײַנענ געשטאַנענ פאַר די גילדיעס?
אינ וואָס איז באַשטאַנענ די טעטיקײַט פונ די צעכנ?
פאַרוואָס פלעגנ זיכ די צעכנ אריינמישנ אינ דער אינערלעכער אָרדענונג פונ דער האַנטווערקערישער פּראָדוקציע?

8. דער קאַמפּ פונ די שטעט קעגנ די פעאָדאַלנ

די שטערונגענ פאַרנ האַנדל

די שטעט האָבנ זיכ געפונענ אינ באַזיצ פונ די וועלטלעכע אָדער גייסטלעכע פעאָדאַלנ, וועלכע ס׳האָט זייער שטאַרק געלוינט צו האָבנ אונטער זייער מאַכט די רײַכע שטעט, ווײַל די פאַר־שיידענע שטײַערנ פונ דעמ שטאָטישנ האַנדל האָבנ אריינגעבראַכט דעמ פעאָדאַל גאָר ניט קיינ קליינע האַכנאָסעס.

אָבער די פעאָדאַלנ האָבנ מיט די אייגענע הענט אונטערגעהאַקט דעמ צווײַג, אויפ וועלכנ זיי זײַנענ געזעסנ. זיי האָבנ געשטרעבט ארויסצוציִענ פונ דעמ האַנדל וואָס מער נוצנ, און דעריבער פלעגנ זיי ארופלייגנ אויפ די הענדלער א גרויסע צאָל פאַרשיידענע האַנדל־שטײַערנ. דאָס איז געווענ די שטאַרקסטע שטערונג פאַר דער אנטוויקלונג פונ דעמ האַנדל.

דעמ סויכערס יעטווידער טריט, וואָס איז געווענ פאַרבונדנ מיטנ האַנדל, פלעגט ספּעציעל באַשטײַערט ווערנ. די דערפינדערישקײַט פונ די פעאָדאַלנ אינ דער הינזיכט איז געווענ בעעמעס א מערקווירדיקע. די סאָבריִמ האָבנ געמוזט צאָלנ שטײַערנ באַמ אריבערפאָרנ יעטווידנ גרענעצ, פאַר פירנ סכוירעס איבער די טײַכנ, איבער בריקנ און וועגנ, פאַרנ רעכט צו האַנדלענ, פאַר אָפּשטעלנ זיכ אינ וועג אאַוו., אאַוו.

אינ אייניקע ערטער פונ מיטעל־אייראָפּע האָבנ די פעאָדאַלנ געמאָנט ספּע־ציעלע שטײַערנ פאַר דעמ שטויב, וואָס די סאָברישע פורנ פלעגנ אופהייבנ אויפנ

וועג, פאַר די רעדער פונעמ וואָגנ, אָדער פאַר זײַנ דײַקסל, פאַר צעטראָטענע גראָז אאַוו.

אָבער ניט בלויז די גרענעץ־אָפּצאָלנ און די שטײַערנ האָבנ טאָרמאָזירט דעמ האַנדל. אינ יעטווידער איינציקער קאַרליקאָווער פעאָדאַלער מעלוכע זײַנענ געווענ אירע אייגענע געריכט־פּאָראַנדקעס, ניט זעלטנ אויכ אַנ אייגענע געלט־סיסטעמ, אייגענע מאָס און וואָג. אַכוץ דעמ האָט די צעשטויבטע פעאָדאַלע מאַכט אַבסאָ־ליוט ניט באַוואָרנט די זיכערקײַט פונ דעמ האַנדל; די וועגנ זײַנענ געווענ פול מיט רויבער, און די פעאָדאַלנ אַליינ האָבנ זיכ אויכ גאַנצ אָפט ניט געשעמט צו באַרויבנ א דורכרײַזנדיקנ רײַכנ סוחר.



מע מאָנט בריק־פּאָשלינע באַמ ארײַנפאָרנ אינ שטאָט

דעריבער איז קיינ וווּנדער ניט, וואָס בא אַזעלכע באַדינגונגענ האָבנ די שטעט געשטרעבט צו באַפרײַענ זיכ פונ דער מאַכט פונ די פעאָדאַלנ. דעריג האָט זיי געשטיצט די קיניגלעכע מאַכט, ווײַל די קיניגנ האָבנ געשטרעבט צו פאַרגרעסערנ זייער אייגענע מאַכט אפנ כעזשבנ פונ די מעכטיקע פעאָדאַלנ — די געפערלעכע קאָנקורענטנ זייערע.

אָט האָבנ מיר פאַר זיכ א מעהקווירדיקנ דאָקומענט וועגנ דעמ, וויאַזוי די קי־ניגנ און די שטעט האָבנ איינע די אַנדערע קעגנזײַטיק געשטיצט אינ דעמ קאַמפּ

געגן די פעאָדאַלן. דער פראַנצויזישער קיניג ל ו י IX (לודוויק) (לויטן צונאָמען „דער הייליקער") * האָט איבערגעלאָזן זײַן זון אַ צוואָה, אין וועלכער עס ווערט געשריבן:

„מײַן געליבטן פֿאַר פֿולים, מײַן גרוס און פּאַטערלעכן ליבע.

...היט אָפּ פֿלײַסיק אָפּ דײַן עדד די פֿאַרשיידענע סאָרטן מענטשן... זע, אַז אַלע דײַנע אונטערטאַנען זאָלן אָפּגעהיט ווערן און געניסן גערעכטיקײַט און רו... היט אײַן די גוטע שטעט פֿון דײַן קיניגרײַך אין דעם זעלבן צושטאַנד און מיט די זעלבע להאַטעס, ווי עס האָבן זיי דיר איבערגעגעבן דײַנע פֿאַרגייער, און אויב מע דאַרף עפּעס וואָס פֿאַרבעסערן, איז פֿאַרבעסער און פֿאַריכט אויס און האַלט זיי אויף אין גנאָד און אין ליבשאַפֿט. וואָרעם די קראַפֿט און דאָס רײַכטום פֿון דײַנע גוטע שטעט וועלן שטערן די פֿרעמדע און די פּריוואַטע פֿעראָנען, באַזונדערס די גרויסע וואַסאַלן און די באַראָנען, אַז זיי זאָלן שטעלן זיך אין אַ ניט-אָנגענעמער לאַגע. איך דערמאָן זיך מיט פֿאַרגעניגן וועגן פּאַריז און וועגן די גוטע שטעט פֿון מײַן קיניגרײַך, וועלכע האָבן מיר געהאָלפֿן קעגן די באַראָנען, ווען איך בין נאָר וואָס געקרוינט געוואָרן".

די קיניגן פֿלעגן געבן די שטעט פֿאַרשיידענע להאַטעס. אַשטייגער, מע פֿלעגט אָפֿט לאָזן מעלדן, אַז דאָס וווינען אין פֿאַרלויף פֿון אַ באַשטימטער צײַט אין שטאָט וועט געבן דאָס רעכט צו באַפֿרײַען זיך פֿון דעם צושטאַנד פֿון אַ לײַביגענעם און ווערן אַ פֿולשטענדיק פֿרײַער מענטש. ס'איז געווען אַפֿילו אַ שפּריכוואָרט אַזאַ: „די שטאָטישע לופֿט מאַכט דעם מענטשן פֿרײַ".

די ראָזיקע להאַטעס זײַנען געווען ניט בלויז אַ רעזולטאַט פֿון דעם פּרײַוויליקן „געשאַנק" מיצאַד דעם קיניג, נאָר אויך פֿון דער שטרעבונג מיצאַד די שטאָט-בירגער צו דערשלאָגן זיך אָ וואָס גרעסערע אומאָפּהענגיקײַט. צווישן די פֿעאָדאַלן און די שטאָט-בירגער פֿלעגט אָפּ דעם ראָזיקן באָדן זייער אָפֿט אַנטשטיין אַ קאַמף, וואָס אין רעזולטאַט פֿלעגן זיך די גרויסע שטעט אין אייניקע פֿאַלן דערשלאָגן אומאָפּהענגיקײַט און זיך פֿאַרוואַנדלען אין זעלבסטפֿאַרוואַלטנדיקע קאָמונעס.

די געשיכטע פֿון דער לאַנער קאָמונע

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אײַנקורצן אָפּ דער געשיכטע פֿון דער לאַנער קאָמונע.

די שטאָט לאַן, וואָס געפֿינט זיך אין צפֿון-פֿראַנקרײַך, האָט אין סאָף XI יאָרהונדערט געהערט צו די סאַמע באַדײַטנדיקע שטעט פֿונעם פֿראַנצויזישן קיניגרײַך. אין דער ראָזיקער שטאָט איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט די האַנטווערקערישע פּראָדוקציע און דאָרט האָט זיך לויט יענע צײַטן געפֿירט אַ גרויסער האַנדל. די מאַכט איבער לאַן האָט געהערט צו אַ בישאָף, וואָס פֿלעגט אַרויסציִען פֿון דער שטאָט זייער גרויסע האַכנאָסעס. פֿון דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג פֿלעגט מען בײַ יעדער געלעגנהייט מאָנען הויכע שטײַערן; מע האָט געהאַלטן אין איין שלעפּן די שטאָט-בירגער אין געריכט און אַרויפֿלייגן אָפּ זיי קאָלעריי שטראָפֿן.

דאָס געלט, וואָס מע פֿלעגט אָפּ אַזאַ אויפֿן אַרויסבאַקומען, פֿלעגט צעטיילט ווערן צווישן די מאַגנאַטן פֿון דער קירכע און צווישן די אַדעליקע. מע האָט זיך אָבער ניט באַגרענעצט בלויז מיט שטײַערן און שטראָפֿן. באַוואָפֿנטע אַדעליקע פֿלעגן באַפֿאַלן

* געשטאָרבן אין 1270 יאָר.

די שטאָט־בירגער, פּלעגן זיי באַרויבן, אָדער פּלעגן מיט גוואַלד זיי פֿאַרשלעפּן אין זייערע שלעסער און פֿאַרדערן אויסלייזגעלט פֿאַרן באַפֿרײַען זיי.

די שטאָט־בירגער האָבן באַשלאָסן אויסצוקויפֿן זיך פֿונעם ווילקיר פֿונעם בישאָף און פֿון זײַנע נאָענטע פֿעאָדאַלן אין גאַלאַכישע און וועלטלעכע קליידער. זיי האָבן פֿאַרגעלייגט א גרויסע סומע געלט פֿאַרן רעכט צו אָרגאַניזירן א שטאָטישע קאָמונע. די דאָזיקע סומע האָט צערייצט די פֿעאָדאַלן און זיי האָבן אײַנגעשטימט צו אָרגאַניזירן די קאָמונע. מיט גרויס פֿײַערלעכקײַט, אין קלויסטער, האָבן די גײַסטלעכע, די אָדעליקע און די שטאָט־בירגער אָפּגעמאַכט, אַז אין שטאָט וועט אײַנגעפֿירט ווערן א קאָמונע. די גערעכטלעכע און פּאָליציייִשע מאַכט איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אויסגעווייִלטן מער און 12 געשווירענע. זיי האָבן באַקומען דאָס רעכט דורך א גלאָקן־קלאַנג צונויפֿצורופֿן די אײַנוווינער אויף אן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג אָדער צו פֿאַרטיידיקן זיך פֿון א אָנפֿאַל. די אויסגעווייִלטע פֿון די שטאָטבירגער האָבן געדאַרפֿט באַטראַכטן אַלע אינייִנים וועגן פֿאַרברעכנס, וואָס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן פֿון די בירגער אין דער שטאָט גופֿא אָדער אין די פֿאָרשטעט. זיי האָבן אַלייִן באַדאַרפֿט אויספֿירן די אָנגענומענע אורטיילן. דער קאָמונע איז אויך געווען דערלויבט אײַנצושאַפֿן זיך א שטאָטישע פֿאָן, ווי א סימבאָל פֿון רעכט אויף זעלבסטפֿאַרוואַלטונג און א באַזונדערן שטעמפּל אויף צו שטעמפּלען אַלע אורטיילן און פֿאַרשיידענע אַנדערע באַשלוסן, וואָס די קאָמונע וועט אָננעמען. גלײַכצײַטיק איז געווען אָפּגערעדט, וואָסערע שטײַערן די שטאָט־בירגער וועלן ווײַטער דאַרפֿן צאָלן זייער סעניאָר.

די דאָזיקע אַלע באַשלוסן זײַנען אָנגענומען געוואָרן, ווען דער לאָנער בישאָף איז ניט געווען אין שטאָט. און אָנשטאָט אים זײַנען אַרויסגעטראָטן זײַנע מעקוראָוויִם, וואָס האָבן באַקומען פֿון די שטאָטלײַט די סומע, וואָס איז געווען פֿאָרויסגעזען אין דער פֿאַרשטענדיקונג. ווען אַלץ איז שוין געווען פֿאַרענדיקט, האָט זיך אומגעקערט דער בישאָף און האָט ניט געוואָלט באַשטעטיקן די באַשלוסן. איז אויסגעקומען צו באַצאָלן אים א נײַע סומע געלט, און ערשט נאָכדעם האָט ער אונטערגעשריבן דעם באַשלוס וועגן גרינדן די קאָמונע. איצט איז נאָך געבליבן צו באַקומען די באַשטעטיקונג פֿון דעם קיניג. פֿאַר א סאָלידער סומע געלט איז די שטאָט־בירגער אויך דאָס געלונגען צו דערשלאָגן זיך. די קאָמונע איז, אַזוי אַרום, אָרגאַניזירט און באַשטעטיקט געוואָרן.

עס זײַנען אַריבער עטלעכע יאָר. די בישאָפֿן, די גאַלאַכים און די אָדעליקע האָבן פֿאַרשוווּנדן דאָס געלט, וואָס זיי האָבן באַקומען פֿון די שטאָט־בירגער. דאַן האָבן דער בישאָף און די אָדעליקע באַשלאָסן צו ברעכן דעם אָפּמאַך. צוליב דעם האָבן זיי זיך געווענדט צום קיניג און צו זײַנע האָפֿגעבער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן א דינגעניש. דערוויסנדיק זיך וועגן די אונטערהאַנדלונגען מיט דעם קיניג, האָט זיך דער שטאָטמער צוגעײַלט לאָזן אין גאַנג דעם זעלבן זיכערן אַרגומענט. ער האָט צוגעזאָגט דעם קיניג 400 ליווער אין זילבער (דאָס איז געווען א קאָלאָסאַלע סומע), אויב די רעכט פֿון דער קאָמונע וועלן ניט פֿאַרניכטעט ווערן. אָבער דער בישאָף, א צענדליצטער פֿון זשעדנעקײַט נאָך פּראָפֿיטן, האָפֿנדיק צו באַקומען צוריק די פֿאַרלאָרן געגאַנגענע האַכנאָסעס פֿון באַרויבן די שטאָט־בירגער, האָט פֿאָרגעלייגט דעם קיניג נאָך א גרעסערע סומע — 700 ליווער אין

זילבער, עמעס, ער האָט די דאָזיקע סומע ניט פארמאָגט, אָבער ער האָט געהאָפט זי ארויסצורײסנ פונ די שטאָט־בירגער, ווענ די קאָמונע וועט פארניכטעט ווערנ. דער קיניג אונ זײנע מעקוראָווימ האָבנ זיכ לאנג ניט געוואקלט. 700 ליווער איז געווענ זייער א רייצנדיקע זאכ, אונ דער קיניג האָט „באפרײט" זיכ אליינ אונ דעמ בישאָפ פונ דער שווּע, וואָס זיי האָבנ געגעבנ די שטאָט־בירגער. דערנאָכ איז אינ נאָמענ פונעמ קיניג אונ פונ דעמ בישאָפ ארויסגעלאָזנ געוואָרנ א באפעל צומ מער אונ צו די געשווירענע אומצוקערנ דעמ שטעמפל אונ די שטאָטישע פאָנ. דער דאָזיקער באפעל האָט אויכ פארווערט צונויפצורופנ די שטאָט־פארזאמלונג. די קאָמונע איז פארניכטעט געוואָרנ.

די שטאָט־בירגער האָבנ זיכ אָבער ניט אונטערגעוואָרפנ. זיי האָבנ באשלאָסנ צו באשיצנ די קאָמונע מיט דער קראפט פונ געווער. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אויפשטאנד: באוואָפנטע מיט שטעקנס, מיט העק, מיט פײל אונ בויגנ אונ מיט שפיזנ זײנענ די שטאָטלײט באפאלנ דעמ בישאָפס שלאָס, האָבנ פארכאפט דעמ קלויסטער, דערמאָרדעט דעמ בישאָפ, די מער פארהאסטע גאלאָכימ אונ אדעליקע. אפ א געוויסער צײט איז דער סוינע געבראָכנ געוואָרנ. די שטאָט־בירגער האָט זיכ אָבער ניט אײנגעגעבנ אײנצוהאלטנ די קאָמונאלע זעלבסטפארוואלטונג. אײניקע האָבנ זיכ פונ גאנצנ קרײז צונויפגעקליבנ זייער פיל גוט באוואָפנטע אדעליקע. האָבנ באראבעוועט די שטאָט אונ אויסגעהארגעט די פירער פונעמ אויפשטאנד.

נאָכ דעמ האָט דער קיניגלעכער געריכט פאָרמעל דורכגעפירט די פארניכטונג פונ דער קאָמונע. אינ דעמ אורטייל פונ דעמ געריכט ווערט געזאָגט: „מיר דערקלערנ די אויבנ דערמאָנטע בירגער, דעמ מער, די געשווירענע, די עשעווענעס* אונ אלע אנדערע שטאָטישע מאכטאָרגאנענ פונ לאנ פאר שולדיקע אינ די אויסגערעכנטע טאטנ אונ מיר נעמענ בא זיי אָפ מיט אונדזער דאָזיקנ באשלוס אלע רעכט אפ א קאָמונע אונ אפ אנ אלגעמיינער פארזאמלונג אונטער וואָס פאר א נאָמענ דאָס זאָל ניט זײנ, מיר נעמענ אָפ בא זיי אינגאנצנ אונ אפ שטענדיק זייער גלאָק, דעמ שטעמפל, די געזעלשאפטלעכע קאסע, די כארטיעס, די פריווילעגיעס, אלע געריכטלעכע סטאטוטנ, די געריכטפירונג, דעמ געריכט, דעמ אינסטיטוט פונ עשעווענעס, פונ געשווירענע אונ אלע אנדערע קאָמונאלע רעכט".

די געשיכטע פונ דער לאנער קאָמונע דערלויבט אונדז צו אורטיילנ וועגנ די להאָטעס, פונ וועלכע די שטאָט־קאָמונעס האָבנ גענאָסנ. די דאָזיקע געשיכטע באווײזט אונדז אויכ, אז די להאָטעס האָבנ אָבער ניט שטענדיק גאראנטירט די שטאָט־בירגער פונ אָנפאלנ אונ פרעטענזיעס מיצאד דעמ קלויסטער אונ די פעאָדאלנ.

פ ר א ג ע ס:

אפ וואָס פאר אנ אויפנ פלעגנ די פעאָדאלנ קריגנ נוצנ פונעמ האנדל?
פארוואָס האָבנ די קיניגנ געשטיצט די שטעט אינ זייער קאמפ קעגנ די פעאָדאלנ?
וואָסערע להאָטעס האָבנ די קיניגנ געגעבנ די שטעט?

---

* ע ש ע ו ע נ — דאָס איז א מיטגליד פונ שטאָטראט, וואָס פלעגט אויספילנ די ראָליע פונ א ריכטער.

קאפיטל IV

די אנטוויקלונג פונעמ פעאָדאלנ האנדל

9. ביזאנצ און די אראבער

דער וווקס פונ דער ביזאנטישער מעלוכע

נאָכ דעמ, ווי די רוימישע אימפעריע האָט זיכ צעטיילט אפ דער מײַרעוודיקער און מיזרעכדיקער, רוקט זיכ ארויס קאָנסטאנטינאָפאָל — די הויפטשטאָט פונ דער מיזרעכדיקער רוימישער אימפעריע — אלס צענטער פונ א קאָלאָסאלער מעלוכע. לעכאטכילע איז אינ באשטאנד פונ דער ביזאנטישער (מיזרעכ־רוימישער) אימפעריע אריינגעגאנגענ גריכנלאנד, מאקעדאָניע, פראקיע, דאקיע, קליינ-אזיע, סיריע, פאלעסטינע, צאָפנ־מעסאָפאָטאמיע, צאָפנ־מײַרעוודיקע אראביע און עגיפטנ.

ווײַטער האָבנ די גרענעצנ פונ דער דאָזיקער מעלוכע זיכ נאָכ מער צעשפרייט אפ מײַרעוו. די מאקסימאלסטע פארברייטערונג פונ איר הערשאפט האָט ביזאנצ דערגרייכט אינ VI יאָרהונדערט. אינ דער דאָזיקער עפאָכע האָט ביזאנצ צײַטווײַליק געוועלטיקט איבער איטאליע, איבערנ מיזרעכ־טייל פונ צאָפנ־אפריקע, איבער די אינדזלענ פונ מיטללענדישנ יאמ און איבער דער דאָרעמ־מיזרעכדיקער שפאניע.

די דאָזיקע קאָלאָסאלע מעלוכע איז אויכ געווענ א פעאָדאלע. אָבער צוליב דער באדײַטנדיקער אנטוויקלונג פונ די סכויריש־פינאנציעלע פארהעלטענישנ איז די צענטראלע מעלוכע־מאכט אינ ביזאנצ געווענ שטארקער, איידער אינ דער פעאָדאלער מײַרעוו־אייראָפע.

קאָנסטאנטינאָפאָל — די הויפטשטאָט פונ דער ביזאנטישער אימפעריע — האָט פארנומענ אנ אויסשליסלעכ באקוועמע געאָגראפישע לאגע פאר דער אנטוויקלונג פונ האנדל. דורכ קאָנסטאנטינאָפאָל איז דורכגעגאנגענ איינער פונ די סאמע באקוועמע וועגנ פונ מײַרעוו אפ מיזרעכ — אינ די לענדער פונ לעוואנט.* געפינענדיק זיכ אפנ ברעג פונ באָספאָר, האָט קאָנסטאנטינאָפאָל אויכ געהאלטנ אינ זײַנע הענט די שליסלענ פונ די טויערנ פונעמ מיטללענדישנ און שווארצנ יאמענ. דאָס האָט געגעבנ קאָנסטאנטינאָפאָל די מעגלעכקײַט צו געוועלטיקנ אי איבערנ מיטללענדישנ אי איבערנ שווארצ יאמ. אינ קאָנסטאנטינאָפאָל פלעגנ זיכ צונויפקומענ סאָכרימ אי פונ צאָפנ, אי פונ דאָרעמ אי פונ מײַרעוו אי פונ מיזרעכ: בולגארנ, רוסנ, ארמענער, אראבער, איטאליענער. די אייראָפייִשע סאָכרימ פלעגט מענ ניט דורכלאָזנ דורכ די גרענעצנ פונ דער ביזאנטישער מעלוכע אינ די מיזרעכ־לענדער, און אלע מיזרעכדיקע סכוירעס פלעגט מענ זיי צווינגענ צו קויפנ אינ קאָנסטאנטינאָפאָל. דאָס האָט געשטעלט קאָנסטאנטינאָפאָל אינ אנ אויסערסט־באקוועמער מאָנאָפאָל־לאגע. דעריבער איז קיינ וווּנדער ניט, וואָס קאָנסטאנטינאָפאָל האָט זיכ פארוואנדלט אינ א קאָלאָסאלנ האנדל־צענטער, צו וועלכנ עס איז אריבער נאָכ דער יערושע פונ רוימ די ערשטע ראָליע אינ דעמ האנדל אפנ מיטללענדישנ יאמ. קאָנסטאנטינאָפאָל איז אָבער געווענ ניט בלויז א האנדל-צענטער,

---

* לעוואנט — דאָס איז דער פארצײַטיקער געאָגראפישער נאָמענ פונ די לענדער פונ דאָרעמ־מײַרעוודיקער אזיע, וואָס געפינענ זיכ באמ מיטללענדישנ יאמ.

גאָר אויכ א גרויסער קולטורעלער צענטער. ער האָט, קאָנ מענ זאָגנ, געיאַרשנט די אוראַלטע קולטור פונ די מיזרעכדיקע פעלקער אונ די קולטור פונ די העלעניס־טישע לענדער. זינט קיינ ביזאַנצ איז אַריבערגעטראָגנ געוואָרנ די הויפּט־שטאָט פונ דער רוימישער אימפּעריע, האָט מענ אַהער אַנגעהויבנ ברענגענ די בע־סטע דענקמעלער פונ דער אַנטישער קונסט. קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז אַלצ רײַכער גע־וואָרנ אונ האָט געגלאַנצט מיט דער פּראַכטפולקײַט פונ זײַנע קלויסטערס אונ פּאַ־לאַצנ. ער איז געוואָרנ א צענטער פונ וויסנשאַפט אונ בילדונג. ווי אינ א קולטור־רעלנ צענטער, פלעגנ זיכ אַהינ צונויפאָרנ געלערנטע פונ פאַרשיידענע ספּעציאַ־ליטעטנ: אַסטראָנאָמענ, געאָגראַפנ, מאַטעמאַטיקער, דאָקטוירים אאוו. אינ די ביב־ליאָטעקנ פונ קאָנסטאַנטינאָפּאָל זײַנענ צונויפגעזאַמלט געוואָרנ גרויסע קאָלעק־ציעס זעלטענע פּאַרצײַטיקע מאַנוסקריפּטנ.

די קאָלאָסאַלע רײַכטימער, וואָס זײַנענ אינ פאַרלויפ פונ פיל יאָרהונדערטער אופ־געזאַמלט געוואָרנ אינ קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אונ די אויסשליסלעכע האַנדל־באַדײַטונג פונ אָט דער שטאָט האָבנ זי געמאַכט פאַר א געשמאַקנ ביסנ פאַר די שכיינים: דערפונ נעמענ זיכ די אָפטע אָנפאַלנ אופ קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אָבער די ביזאַנטישע מעלוכע האָט זיכ ניט בלויז פאַרטיידיקט פונ די אָנפאַלנ מיצאַד די שכיינים, נאָר זי פלעגט אַליינ אופ זיי אָנפאַלנ, שטרעבנדיק צו פאַרברייטערנ אירע גרענעצנ אונ צו פאַרכאַפּנ נײַע האַנדל־וועגנ.

צוליב דעמ איז געשאַפנ געוואָרנ א גרויסע שטאַרקע אַרמיי, וואָס איז אינ איר איבער־וועגנדיקנ טייל באַשטאַנענ פונ געדונגענע קריגער. צווישנ די דאָזיקע קריגער זײַנענ געווענ אויכ סלאַווגנ, וואָס זײַנענ באַזונדערס גוט געווענ באַוואָפנט. זיי פלעגנ טראָגנ שווערע אײַ־זערנע העלמס אונ רינג־פּאַנצערס, א ברייטנ שווערד, א לאַנגנ שפּיז, א קרומע האַק אונ א גרויסנ לענגלעכנ שוצ-שילד. אינ דער קאַוואַלעריע פונ דער ביזאַנטישער אַרמיי האָבנ זיכ געפונענ אונגאַרנ, פּעטשענעגנ, כאַזאַרנ.

מיט א באַזונדער מעכטיקײַט האָט זיכ אויסגעצייכנט דער ביזאַנטישער קריג-פלאָט. ער איז באַשטאַנענ, אומגעפער, פונ 3000 פאַרשיידענע מינימ שיפנ. דער יעסאָד פונעמ פלאָט זײַנענ געווענ די כ ע ל א ד י ע ס. דאָס זײַנענ געווענ גרויסע שיפנ מיט צוויי רייענ וועסלעס. די צאָל רודערער האָט זיכ געוואַקלט, אָפּהענגיק פונ דער גרייס פונ די שיפנ, פונ 100 ביז 250 מאַנ. אופ דער אויבערדעק פונ דער כעלאַדיע האָט זיכ געהויבנ א הילצערנער טורעמ, פונוואַנענ די סאָלדאַטנ פלעגנ פונ ספּעציעלע מאַשינעס באַשיסנ דעמ סוינע מיט פײַלנ אונ שפּיזנ. די כעלאַדיע האָט פאַרמאָגט נאָכ א מער מעכטיק געווער — דעמ אַזוי־גע־רופענעמ „גריכישנ, אָדער פליסעוודיקנ פײַער“. אופנ שפּיצ פונ דער שיפ איז געווענ אײַנגע־אָרדנט א לאָכ, אינ דער פאָרמ פונ אַנ אָפענעמ באַגילדטנ לייב-מויל, אָדער א מויל פונ אַנ אַנדער בהמע. פונ דער לאָכ פלעגט מענ אַרויסשטעקנ לאַנגע בייגעוודיקע רערנ, ענלעכ צו אונדזערע פײַערלעשער־קישקעס, אונ פונ די דאָזיקע רערנ פלעגט מענ בײַמ דער שלאַכט, ווענ די שיפנ פלעגנ צוגיינ נאָענט אָדער אפילע האַרט צומ סוינע, באַגיסנ דעמ סוינע מיט ברענענדיקער פליסיקײַט (דער באַשטאַנד פונ דער דאָזיקער פליסיקײַט איז געווענ א גרויסע געהיימניש).

אופ די סאָנימ פלעגט דאָס דאָזיקע ביזאַנטישע געווער אָנוואַרפנ אַנ אומבאַשרײַבלעכע שרעק.

די מילכאָמעס פונ ביזאַנצ

אירע קאָלאָסאַלע מיליטער־קרעפטנ האָט ביזאַנצ געהאַלטנ אינ שטענדיקער געשפּאַנטקײַט. זי האָט געפירט אַנ אומופ־הערלעכנ קאַמפ קעגנ אירע צאָפנדיקע אונ מיזרעכדיקע שכיי־נימ. אינ צאָפנ זײַנענ דאָס געווענ די שוואָטימ פונ די סלאַווגנ, אוואַרנ, בולגאַרנ; אינ מיזרעכ — די פערסנ, אַראַבער, טערקנ.

די מילכאָמעס מיט פערסיע זײַנען שוין אינ VI יאָרהונדערט געגאַנגענ שלימאַזל־דיק, אונ ביזאַנץ איז געווענ געצוווּנגענ צו נעמענ אַפ זיכ אַ פאַרפליכטונג, אַז זי וועט אינ פאַרלויפ פונ 50 יאָר אויסצאָלנ פערסיע אַ גרויסנ געלט־צינז. נאָכ טרויעריקער איז צוגעגאַנגענ אינ צאָפנ. דאָ האָבנ פונ הינטערנ דונײַ אַנגעגריפנ אַפ דער ביזאַנטישער אימפעריע די סלאַוונ, וואָס פלעגנ מאַכנ פאַרוויסטנדיקע אַנפאַלנ אונ פלעגנ אַרײַנדרינגענ טיפ אינ לאַנד אַרײַנ.

אָבער די אַנפאַלנ פונ די סלאַווישע שוואָטים אונ די ניט־געלונגענע מילכאָמעס האָבנ אַ לאַנגע צײַט ניט געקענט ברעכנ די מעכטיקײַט פונ דער ביזאַנטישער אימפעריע. אינ פאַרלויפ פונ עטלעכע יאָרהונדערטער פאַרבלײַבט ביזאַנץ די שטאַרקסטע וועלט־מעלוכע אונ לאָזט ניט אַרויס פונ אירע הענט דעם לעוואַנ־טישנ האַנדל, ד. ה. דעם האַנדל צווישנ די פעלקער פונ האַרעמ־מײַרעוודיקער אייראָפע אונ די לענדער פונ מיזרעכ. עס באַווײַזנ זיכ אָבער געפערלעכע קאָנקור־רענטנ אינעם האָזיקנ האַנדל: אינ מיזרעכ — די אַראַבער, אינ מײַרעוו — די צאָפנ־איטאַליענישע האַנדל־שטעט, אינ דער ערשטער ריי ווענעציע אונ גענוע, וואָס פרוווּנ זיכ מיט אַנ אַלץ שטײַגנדיקנ דערפאָלג אַנצוקניפנ דירעקטע האַנדל־פאַר־בינדונגענ מיט לעוואַנט.

די אַראַבער

דאָס געבורטלאַנד פונ די אַראַבער איז אַראַביע; די אַראַבישע שוואָטים זײַנענ דער געשיכטע באַקאַנט פונ טיפנ אַלטערטום אינ פאַרלויפ פונ עטלעכע יאָרטויזנטער; אָבער ביזנ VII יאָרהונדערט איז זייער באַדײַטונג ניט געגאַנגענ ווײַטער פונ די גרענעצ פונ דעם אַראַבישנ האַלב־אינדזל.

אינ VI יאָרהונדערט, אומגעפער, הייבט זיכ אָנ צו פאַרגרעסערנ זייער היס־טאָרישע ראָליע. די סיבע דערפונ איז אינ אַ באַדײַטנדיקער מאָס געווענ דאָס, וואָס דער האַנדל פונ אייראָפע מיט די מיזרעכ־לענדער איז געווענ שטאַרק אָפּהענגיק פונ די קאַראַוואַנענ־וועגנ, וועלכע זײַנענ דורכגעגאַנגענ דורכ אַראַ־ביע.

אינ VII יאָרהונדערט צעפאַלט זיכ דער שטאַמ־שײַוועטדיקער שטייגער פונ די אַראַבער, עס וואַקסט די עקאָנאָמישע אומגלײַכהײַט. עס הייבנ זיכ אָנ אויסצו־בילדנ קלאַסנווע פעאָדאַלע פאַרהעלטענישנ. דער האַנדל האָט אינ אָט די אַלע פראָצעסנ געשפילט אַ קאָלאָסאַלע ראָליע. דער האַנדל האָט נאָכ מער פאַרשטאַרקט די עקאָנאָמישע דיפערענציאַציע. ער האָט געפאָדערט אַ פאָליטישע אָרגאַניזאַציע, אַ מער מעכטיקע, ווי די שײַוועט־אָרגאַניזאַציע.

די אָפּגעזונדערטע שוואָטים פונ די אַראַבער הייבנ זיכ אָנ צו פאַראייניקנ אַרומ מעקאַ — דעמ וויכטיקסטנ האַנדל־צענטער פונ אַראַביע. באַלד נאָכ דעמ הייבנ אָנ די אַראַבער צו פירנ אַ קאַמפ פאַר באַהערשנ פולשטענדיק אַלע קאַראַוואַנענ־וועגנ, וואָס גייענ דורכ אַראַביע. עס הייבט זיכ אָנ אַ גאַנצע סעריע מילכאָמעס, וואָס ברענגענ, פריִער פונ אַלצ, צו דער פאַרפעסטיקונג פונ דער הערשאַפט פונ די אַראַבער אינ די גרענעצנ פונ דעמ אַראַבישנ האַלב־אינדזל.

דער איסלאַם

די געענדערטע לעבנ־באַדינגונגענ ליגנ אַרומ זייער שטעמפּל אַפ דער וועלט־אַנשויונג פונ די אַראַבער. עס באַפרידיקט זיי שוינ ניט די רעליגיע, וואָס האָט אַנטשפּראָכנ דעמ שטאַמיקנ לעבנשטייגער. עס

ווערט אויסגעאַרבעט אַ נײַע רעליגיע — איסלאַם אָדער דער מאַכ־מעדאַניזם.

דער איסלאַם איז געווען אַ מעכטיק געווער אין די הענט פון דעם אַראַבישן סקלאַווען־האַלטער־אַדל. דערוועקנדיק בײַ די מוסולמענער* דעם פאַנאַטיזם, האָט דער איסלאַם זיי געשטויסן אויף מיליטער־מאַרשן „פאַר אַלאַכס רום", צו זיגן איבער די „אומגלייביקע". די רופן צו אַ „הייליקער מילכאָמע" קעגן די „אומגלייביקע" איז געווען דער וויכטיקסטער מאָטיוו פון דער נײַער רעליגיע. אין איבעריקן האָט זיך די דאָזיקע רעליגיע ווייניק וואָס אונטערשיידט פון יודאַיזם און פון קריסטנטום, און נעמט בײַ זיי איבער די הויפּט־דאָגמאַטן (פּונקטן פון דער לערע). דער קאָראַן (אַזוי הייסט דער „הייליקער בוך" פון איסלאַם) הייסט דעם מוסולמענער גלייבן, אַז ס'איז ניטאָ קיין גאָט, אַחוץ אַלאַך און אַז מאַכמעד — איז דער נאָווי זײַנער. דער איסלאַם פאַרזאָגט אים, ער זאָל פינף מאָל אַ טאָג דאַוונען און זאָל פאַסטן אין פאַרלויף פון אַ גאַנצן חודעש (ראַמאַזאַן).** באַזונדערס רעקאָמענדירט דער איסלאַם די מוסולמענער, זיי זאָלן פאַרנעמען רײַזעס צו די „הייליקע ערטער" — קיין מעקאַ, ד. ה., — אַנדערש גערעדט, — אין צענטער פון נעם קאַראַוואַן־האַנדל.

אין דעם קאָראַן איז געווען באַשריבן דער „גאַניידן", וואָס איז אָנגעגרייט געוואָרן פאַר די „צאַדיקים", באַזונדערס פאַר די, וואָס זײַנען געפאַלן אין שלאַכט פאַרן איסלאַם. דער „גאַניידן" איז אַ פראַכטפולער סאָד, ווו ס'איז פאַרן מוסולמענער אָנגעגרייט ווײַן, וואָס איז אים פאַרווערט צו טרינקען בײַם לעבן, און קאָרעליי אַנדערע ערדישע פאַרגעניגנס. די „אומגלייביקע", אָבער, די, וואָס אָנערקענען ניט מאַכמעדס טוירע, דעראָוועט דער „געגעם", וואָס ברענגט זיי אייביקע ליידן.

די דעראָבערונגען פון די אַראַבער

אונטער דער פאָן פון איסלאַם, אין גייענדיק נאָך רויב און צו באַהערשן נײַע האַנדלוועגן, הייבן אָן די אַראַבער אַ גאַנצע סעריע דעראָבערונגס־מילכאָמעס. נאָך דעם, ווי זיי האָבן פולשטענדיק פאַרפעסטיקט זייער הערשאַפט אין אַראַביע, האָבן זיי אין פאַרלויף פון VII יאָרהונדערט אײַנגענומען פערסיע, אַרמעניע, סיריע מיט פאַלעסטינע, עגיפּטן און דאָס גאַנצע אַפריקאַנישע ברעגלאַנד ביז גיבראַלטאַר. די דאָזיקע קאָלאָסאַל־גרויסע מעלוכע איז אָנגערופן געוואָרן קאַליפאַט (פונעם וואָרט קאַליף — מאַהאָמעדס פאַרטרעטער).

דער צענטער פון קאַליפאַט ווערט אין דער דאָזיקער צײַט די אַלטע פאַרצײַטיקע האַנדל־שטאָט דאַמעסק. דער אַראַבישער קאַליפאַט פאַרברייטערט זיך אַלץ מער און מער. אין אָנהייב פון VIII יאָרהונדערט האָט זיך זײַן מעכטיקײַט באַזונדערס שטאַרק צעבליט. אין באַשטאַנד פון זײַנע באַזיצן איז אין מיזרעך אַרײַן דער צאָפן־מיזרעכדיקער טייל פון אינדיע, און אין מײַרעוו — דער פירענייִשער האַלבאינדזל.

* מוסולמענער הייסן די נאָכפאָלגער פון איסלאַם, וואָס די שאַפונג זײַנע ווערט צוגעשריבן דעם „נאָווי" מאַכמעד.

** אין פאַרלויף פונעם גאַנצן חודעש ראַמאַזאַן (אָדער ראַמאַדאַן) איז פון זונען־אויפגאַנג ביז זונען־אונטערגאַנג פאַרבאָטן צו עסן, טרינקען און רייכערן.

דער קאַליפֿאַט

די קאַליפֿן זײַנען געווען די קריג־פֿירער און הערשער בײַ די אַראַבער. דעראָבערנדיק קאָלאָסאַלע טעריטאָריעס, פֿלעגן זיי עם פֿאַנאַנדערטיילן צווישן זייערע נאָענטע מיליטער־געהילפֿן און דער שטאַם־אַריסטאָ־קראַטיע פֿון די באַזיגטע מיזרח־פֿעלקער, וואָס האָבן אָנערקענט דעם איסלאַם. די אָנפֿירונג מיט די באַזונדערע טיילן פֿון קאַליפֿאַט פֿלעגט איבערגעגעבן ווערן דעם קאַליפֿס אַגענטן, — די אַזוי־גערופֿענע עמירן אָדער וויזירן.* די פֿריערשע באַפֿעלקערונג פֿלעגט באַשטײַערט ווערן מיט אָפּצאָלן און שטײַערן, פֿלעגט פֿאַר־לירן די פּערזענלעכע פֿרײַהייט און פֿאַרוואַנדלט ווערן אין לײַבאייגענע.

אפֿן פּירענעיִשן האַלב־אינדזל, צומבײַשפּיל, האָבן די דעראָבערער — די אַראַבער — אײַנגעפֿירט, אַז די אָרטיקע פֿריערשע באַפֿעלקערונג זאָל צאָלן די נײַע פֿעאָדאַלן די מוסולמענער טשינש — פֿיר פֿינפֿטל פֿון אַלע פּראָדוקטן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט.

האָבנדיק באַהערשט דעם גאַנצן מיטללענדישן ים־באַסיין, האָבן די אַראַבער פֿאַרשפּרייט זייער עקאָנאָמישן אײַנפֿלוס ווײַט איבער די גרענעצן פֿונעם קאַליפֿאַט. זייערע האַנדל־וועגן האָבן דורכגעשניטן די גאַנצע אַלטע וועלט פֿונעם שטילן אָקעאַן ביזן אַטלאַנטישן. די אַראַבישע סאָחרים פֿלעגן אַרײַנדרינגען אין די סאַמע ווײַטע געגנטן, אַהין, וווּ ס'איז קיינמאָל פֿריִער ניט געלונגען אַרײַנצודרינגען די סאָחרים פֿון רוים. אָבער די עקזיסטענץ פֿונעם אַראַבישן אײנהייטלעכן קאַליפֿאַט דויערט ניט לאַנג. די אָפּוועזנקייט פֿון אַ פֿעסטער עקאָנאָמישער פֿאַרבינדונג צווישן די באַ־זונדערע טיילן פֿונעם קאַליפֿאַט, די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע און דינאַסטישע רײַבע־רײַען, — דאָס אַלץ ברענגט מיט דער צײַט צו דער צעגלידערונג פֿון דעם קאַליפֿאַט. אינמיטן VIII יאָרהונדערט ווערט ער צעטיילט אויף מיזרח־קאַליפֿאַט, מיט דער הויפּטשטאָט באַגדאַד (אפֿן טײַך טיגער), און מײַרעוו־קאַליפֿאַט — מיט דער הויפּטשטאָט קאָרדאָווע (אפֿן פּירענעיִשן האַלב־אינדזל). דערנאָך דערשלאָגט זיך אומאָפּהענגיקייט און ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ זעלבשטענדיקער מלוכה דער עגיפּ־טישער קאַליפֿאַט. נאָך שפּעטער האָט זיך אויך דערשלאָגן זעלבשטענדיקייט אַ באַ־דײַטנדיקער טייל פּערסיע. אין X יאָרהונדערט גייען די אַראַבער נאָך ווײַטער אפֿן וועג פֿון דער פּאָליטישער ירידה. זיי לײַדן זייער אַ סך מפּלות אין קאַמף קעגן ביזאַנץ, וואָס איז געווען זייער הויפּט־קאָנקורענט, און דערנאָך אויך אין קאַמף קעגן די טערקן — סעלדזשוקער. מיט דער צײַט פֿאַרלירן זיי אַלע זייערע ברעג־געגנטן אין מיזרח־טייל פֿון דעם מיטללענדישן ים, און סוף XV יאָרהונדערט ווערן זיי אַרויסגעשטויסן דורך די שפּאַניער פֿון דעם פּירענעיִשן האַלב־אינדזל.

די אַראַבישע קולטור

די עטלעכע יאָרהונדערט פֿון דער אַראַבישער הערשאַפֿט אין די לענדער פֿונעם מיטללענדישן ים האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ טיפֿן שפּור. די אַראַבער האָבן דערגרייכט צו זייער אַ הויכער שטופֿע פֿון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג.

האָבנדיק באַהערשט גרויסע טעריטאָריעס, אין וועלכע עס זײַנען פֿאַרבליבן פֿיל שפּורן פֿון דער גריכישער און רוימישער קולטור, האָבן די אַראַבער אַ סך געאַר־

---

* די וויזירן פֿלעגן אָפֿטער פֿון אַלץ רעגירן ניט מיט באַזונדערע טעריטאָריעס, נאָר מיט באַשטימטע געביטן פֿון דער מלוכה־פֿאַרוואַלטונג.

שנט פונ זייערע פארגייער, זייער פיל אליינ געשאפנ אונ האבנ זיכ אינ יענער צייט געפונענ אפ א סאכ א העכערער שטופע פונ קולטורעלער אנטוויקלונג, ווי ווער־ניט־איז אנדערש פונ זייערע שכיינימ. זייער וויסנשאפט (מאטעמאטיק, מעדיצינ, אסטראנאמיע, נאטורוויסנשאפט, געאגראפיע) האט זיכ געפונענ אפ אנ אומגעזעענער לויט יענער צייט הייכ. עס האט זיכ בא זיי פראכטפול צעבליט די קונסט, באזונדערס די ארכיטעקטור אונ די ליטעראטור. שטיצנדיק זיכ הויפטזאכלעכ אפ דער קונסט פונ די פערסנ, האבנ זיי געשאפנ א באזונדערנ, דעמ אזויגערופענעמ מאוריטאנישנ סטיל אינ דער ארכיטעקטור אונ אינ דער מאלערײַ; א מאנירלעכער סטיל מיט אנ אויסערסט־קאמפליצירטנ ארנאמענט.

די ליטעראטור פונ די אראבער, באזונדערס די פאעזיע, איז לויט דער צאל דענקמעלער, וואס זי האט איבערגעלאזנ, איינע פונ די רײַכסטע אינ דער וועלט.

דער אונטערגאנג פונ דער פאליטישער הערשאפט פונ די אראבער האט אבער ניט געמאכט קיינ סאפ צו זייער עקאנאמישער באדײַטונג, באזונדערס אינעמ מיזרעוו־טייל פונעמ מיטללענדישנ יאמ. דאס האט אויכ ניט באטײַט, אז עס איז איבערגעריסנ געווארנ דער קולטורעלער אײַנפלוס פונ די אראבער. זייער וויסנשאפט, די קונסט, די ליטעראטור האבנ געהאט א קאלאסאלע ווירקונג אפ א סאכ אייראפייִשע לענדער, באזונדערס אפ שפאניע אונ אפ הארעמ־איטאליע.

פראגעס:

געפינט אפ דער קארטע די געגנטנ, וואס זײַנענ ארײַנ אינ באשטאנד פונ דער ביזאנטישער אימפעריע.

וואס רופט מענ לעוואנטישער האנדל?

קעגנ וועמענ איז די אראבער אויסגעקומענ צו קעמפנ פאר דער אויבערהאנט אינעמ לעוואנטישנ האנדל?

געפינט אפ דער קארטע די געגנטנ, וואס זײַנענ ארײַנ אינ באשטאנד פונ דעמ אראבישנ קאליפאט.

וואס איז די קלאסנ־נאטור פונ דעמ איסלאמ?

10. דער מיטללענדיש־יאמישער האנדל אונ די קרייצ־צוגנ

די קרייצ־צוגנ

די קלעפ, וואס די אראבער האבנ באקומענ פונ די טערקנ, האבנ זיכ זייער קרענקלעכ אפגערופנ סײַ אפ ביזאנצ סײַ אפ די איטאליענישע שטעט, דאס הייסט, אפ אלע, וואס האבנ זיכ באטייליקט אינעמ מיזרעכ־האנדל, ווײַל די טערקנ האבנ פארכאפט אינ זייערע הענט דאס מיזרעכדיקע ברעגלאנד פונ דעמ מיטללענדישנ יאמ, דערינ אויכ פאלעסטינע — דעמ שליסל צו די טויערנ, וואס פירנ קיינ אינדיע.

דער קאמפ פאר דער הערשאפט אינעמ לעוואנטישנ האנדל איז איצט געווארנ באזונדערס אנגעשטרענגט. דער דאזיקער קאמפ האט זיכ אויסגעדריקט אינ א גאנצער סעריע רויבערישע מילכאמע, וואס זײַנענ באוווּסט אינ דער געשיכטע אונטערנ נאמענ „קרייצ־צוגנ". א שטוימ צו ארגאניזירנ די דאזיקע קרייצ־צוגנ איז געווענ די ביטע, מיט וועלכער ביזאנצ האט זיכ געווענדט צו מײַרעוו, מע זאל איר העלפנ קעגנ די טערקנ.

די הויפּט־איניציאַטערס פונ די קרייצ־צוגנ זײַנענ געווענ די רײַכע סאָכרימ פונ די צאָפנ־איטאַליענישע שטעט: פונ ווענעציע, גענוע, פיזע. זיי האָבנ אומ יעדנ פּרײַז געוואָלט אָפּרײַיסנ פאַר זייערע האַנדל־שיפנ דעמ וועג קיינ מיזרעכ און פאַרייננ ניסאַשער ווערנ פונעמ רויב אינ די דעראָבערטע לענדער. וועגנ מילכאָמע־רויב האָט אויכ געטרוימט די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע. צולעצט, איז זייער א גרויסע ראָליע אינ די קרייצ־צוגנ אויסגעקומענ צו שפּילנ דער קאַטוילישער קירכע. די רוימישע קירכע האָט געשטרעבט סײַ צו דעראָבערנ ערד סײַ אויכ צו פאַרשפּרייטנ די מאַכט פונ דעמ פּויפּסטנטומ אויפ דער מיזרעכדיקער קריסטלעכער וועלט.

דאָס פּויפּסטנטומ האָט אויפ זיכ גענומענ די ראָליע פונ אַנ אָרגאַניזאַטער פונ די קרייצ־צוגנ. אינ „נאָמענ פונ גאָט" רופנ די קאַטוילישע גאַלאָכימ אײַנצואָרדענענ א מאַרש אויפ די „אומגלייביקע" (מוסולמענער, טערקנ), וואָס האָבנ פאַרכאַפּט אינ זייערע הענט יערושאָלאַיִמ צוזאַמענ מיט זײַנ „הייליקײַט" — „גאָטס קיווער". דער פּויפּסט איז אַרומגעפאָרנ איבער די שטעט, האָט אײַנגעאָרדנט „אַסיפעס" און האָט גערופנ דאָס פאָלק „נעמענ דעמ קרייצ" (די אָנטיילנעמער פונ די מאַרשנ פלעגנ צונייענ אויפנ פּלייצע א קרייצ, דערפונ נעמט זיכ דאָס וואָרט „קרייצטרעגער") און אַוועקלאָזנ זיכ אינ מאַרש. דער פּויפּסט פלעגט צוזאָגנ „מויכל זײַנ די זינד" און „אייביקנ גליק אויפ יענער וועלט" פאַר די אַלע, וואָס זײַנענ מאַסקימ צו לאָזנ זיכ אינ א קרייצ־צוג, און, פאַרקערט, ער פלעגט פאַרשילטנ די, וואָס פלעגנ זיכ אָפּזאָגנ צו פאָלגנ אימ. דער רעליגיעז־קלויסטערישער כאַראַקטער פונ דער דעמאָלטיקער אידעאָלאָגיע האָט געבראַכט דערצו, אַז אָט די גאַלאָכישע אַגיטאַציע האָט געהאַט דערפאָלג, און די פּאָשעטע אָנטיילנעמער פונ די קרייצ־צוגנ, באַזונדערס די ערשטע, זײַנענ געווענ דורכגעזאַפּט מיט רעליגיעזער שטימונג. אָבער די צורופנ צו באַשיצנ דעמ „געלעסטערטנ גלויבנ" און צו באַפרײַענ „גאָטס קיווער" זײַנענ געווענ נייטיק, קעדיי צו פאַרמאַסקירנ די עמעסע צילנ פונ די קרייצ־צוגנ — דאָס באַרויבנ און פאַרניכטנ די האַנדל־קאָנקורענטנ.

אָט אַזוי איז געשלאָסנ געוואָרנ א פעסטער בונד צווישנ שווערד, קרייצ און טײַסטער. אינ די קרייצ־צוגנ זײַנענ אָבער אויכ געווענ אַרײַנגעצויגנ אַנדערע געזעלשאַפטלעכע קלאַסנ. די הויפּטמאַסע קרייצטרעגער זײַנענ געווענ ניט קיינ סאָכרימ, ניט קיינ גאַלאָכימ און ניט די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע. געטריבנ פונ רויבערישער זשעדנעקײַט און רעליגיעזנ פאַנאַטיזמ, האָט זיכ אינ די אָטריאַדנ קרייצטרעגער אַרײַנגעגאָסנ א קאָלאָסאַלע מאַסע קליינע און גאָר קליינע פעאָדאַלנ. אָט די ריטערס אויפ פערד, אינ רינג־פּאַנצערס, מיט שפּיזנ אינ די הענט — זיי זײַנענ געווענ דער רוקנבייג פונ דעמ „קרייצטרעגער־מיליטער". א טייל פונ זיי איז געגאַנגענ צופוס, כאָטש אינ דער מערהײַט זײַנענ די פוסגייער געווענ פּויערימ און שטאָט־בירגער, וועמענ עס האָט אַוועקגעיאָגט אינ מאַרש די נויט, די דראָנגענג פונ די פעאָדאַלנ און ווידער דער יעלביקער רעליגיעזער פאַנאַטיזמ.

דער ערשטער קרייצ־צוג

די קרייצ־צוגנ האָבנ געדויערט בא 2 יאָרהונדערטער. דער ערשטער קרייצ־צוג האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ 1095 י. און האָט זיכ פאַרענדיקט אינ 1099 יאָר. ווי די לעגענדעס גיבנ איבער, האָבנ אינ אימ אָנטיילגענומענ 100 טויזנט באַוואָפנטע רײַטער (ריטער) און 600 טויזנט פוסגייער. די דאָזיקע ציפער זײַנענ שטאַרק איבערגעטריבנ, אָבער די אַרמיי

קרייצטרעגער איז אַנ צוויישפּל געווענ אַ קאָלאָסאַל־גרויסע. ווי אַ מעכטיקע לאַווינע האָט זיכ אַט די אַרמיי געדרוקט אַפּ מיזרעכ אינ דרײַ גרויסע באַזונדערע שטראָמען: די פּראָוואַנסאַלער אונ די איטאַליענער זײַנענ געגאַנגענ דורכ איטאַליע, דאַלמאַציע אונ דורכ די עפּירער בערג; די דײַטשנ אונ די פראַנצויזנ פונ די צאָפנ־גראַפשאַפטנ האָבנ זיכ אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ־צו מיטנ שטראָם פונ דונײַ; אונ דער דריטער שטראָם קרייצטרעגער האָט זיכ אָוועקגעלאָזנ פונ דאָרעמ־איטאַליע אונ סיציליע, האָט דורכגעשניטנ אַפּ שיפנ דעמ אַדריאַטישנ יאַם אונ האָט זיכ געדרוקט ווײַטער דורכ עפּיר אונ פראַקיע. אַלע אַטריאַדנ קרייצטרעגער האָבנ זיכ פאַרייניט אינ קאָנסטאַנטינאָפּאָל אונ פונדאַנענ האָבנ זיי זיכ אָוועקגעלאָזנ ווײַטער אַפּ מיזרעכ. זיי זײַנענ אַריבערגעשווומענ באָספאָר, זײַנענ אַוועק דורכ קליינ־אַזיע, אונ נאָכ אַ לאַנגדויערנדיקער באַלאַגערונג האָבנ זיי אײַנגענומענ די גוט־פאַרפעסטיקטע אַנטיאָכיע. די רײַכע שטאָט איז צעראַבירט געוואָרנ. פיל אָרטיקע אײַנוווינער זײַנענ אויסגעהאַרגעט געוואָרנ, וועגנ די בעסטיאַלישע אַכזאָריעסקייטנ, וואָס זײַנענ דאָ באַגאַנגענ געוואָרנ, דערציילנ אונדז די קרייצטרעגער אַליינ. איינער אַנ אָנטיילנעמער פונעם מאַרש דערציילט אַזוי: „וואָס איז שײַכ די פרויענ, וואָס מיר האָבנ געטראָפנ אינ לאַגער, האָבנ די קרייצטרעגער זיי ניט געטאָנ קיינ שום אַנדער שאָדנ, אַכוצ דעמ, וואָס מע האָט זיי דורכגעשטאָכנ די בײַכער מיט שווערדנ“.

די דעראָבערונגענ פונ די קרייצטרעגער

בײַם דעמ ערשטנ קרייצ־צוג האָבנ די קרייצטרעגער פאַרנומענ קליינ־אַזיע, פּאַלעסטינע אונ אייניקע שכייניש געגנטנ. אינ די פאַרנומענע לענדער זײַנענ אָרגאַניזירט געוואָרנ עטלעכע מעלוכעס, לויטנ מוסטער פונ די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע פעאָדאַלע קיניגרײַכנ. די וויכטיקסטע פונ זיי זײַנענ געווענ: דאָס ירושאָלאַיִמער קיניגרײַכ, דאָס אַנטיאָכיער פירשטנטומ אונ די גראַפשאַפט טריפּאָלי. פיל ריטערס זײַנענ פאַרבליבנ אַפּ די נײַע ערטער, האָבנ זיכ אויסגעבויט שטאַרקע שלעסער, האָבנ באַלייגט מיט שטײַערנ אונ טשינש די אָרטיקע פויערישע באַפעלקערונג אונ האָבנ זיכ פאַרנומענ מיט רויבנ האַנדל־קאַראַוואַנענ. אַנדערע, ווידער, האָבנ זיכ אומגעקערט קיינ אייראָפּע, אָנגעלאָדענע מיט רויב, וואָס זיי האָבנ אָנגעראַבירט בײַסנ מאַרש.

דעמ גרעסטנ נוצ פונ דעמ ערשטנ קרייצ־צוג האָט באַקומענ דאָס איטאַליענישע סאָכרימטום. די סאָכרימ פונ ווענעציע, גענוע, פּיזע אונ אייניקע אַנדערע שטעט האָבנ געגעבנ די קרייצטרעגער זייערע שיפנ אונ דערפאַר האָבנ זיי באַקומענ זייער גרויסע פּאָליטישע פאָרצוגנ אונ האַנדל־פאָרצוגנ. אינ די אײַנגענומענע מיזרעכ־שטעט האָבנ די איטאַליענישע סאָכרימ באַקומענ אינ זייער פולנ רעשוס דעמ וויכטיקסטנ טייל שטאָט, ווו עס איז געווענ דער הויפּט־מאַרק, די בעדער, דער קלויסטער, די בעקערײַענ, די מאַגאַזינענ אאַוו. אַכוצ דעמ פלעגנ זיי דערבײַ באַקומענ דאָס רעכט אויסצולאָזנ סכוירעס אונ פירנ האַנדל אָנ גרענעצ־אָפּצאָלנ. דאָס פאַרוואַלטנ מיט די דאָזיקע קוואַרטאַלנ איז איבערגעגעבנ געוואָרנ אינ די הענט פונ איטאַליענישע גובערנאַטערס, וואָס זײַנענ ספּעציעל צוליב דעמ צוגעשיקט געוואָרנ פונ דער מעטראָפּאָליע.

אָבער די דעראָבערונגענ פונ די קרייצטרעגער אינ מיזרעכ זײַנענ געווענ ניט קיינ פעסטע. די טערקנ פלעגנ זיי ביסלעכווײַז אַרויסשטויסנ, אונ זיי פלעגנ פאַר־

לירנ איינ פאַרכאַפטע געגנט נאָכ דער אַנדערער. באַלד נאָכ ערשטנ קרייצ־צוג הייבט זיכ אָבער אופ אַ נײַע באַוועגונג פונ די קרייצטרעגער.

געוויינלעכ האַלט מענ, אַז אַרומ און אַרומ זײַנענ געווענ אָרגאַניזירט 8 קרייצ־צוגנ. דאָס איז ניט גאָר פינקטלעכ, ווײַל אינ דער צײַט צווישנ די גרויסע קרייצ־צוגנ פלעגט קימאַט אָנ אופהער פאָרקומענ אַ באַוועגונג אופ מיזרעכ.

ווי מיר האָבנ שוינ אָנגעוויזנ, זײַנענ די קרייצטרעגער געגאַנגענ ניט בלויז אינ פאַלעסטינע, נאָר אויכ אינ אַנדערע לענדער פונ דעמ נאָענטנ מיזרעכ. סיריע, גאַנצ קליינ־אַזיע, עגיפטנ — אַלע זײַנענ זיי געווענ אַנ אַרענע פונ פעאָדאַלע דעראָבערונגענ, רויבערײַענ אונ האַנדל־אָפעראַציעס פונ די קרייצטרעגער. אַכוצ אָט די מוסולמענישע לענדער האָבנ זיכ די קרייצטרעגער ניט געשעמט צו באַראַבעווענ אויכ קריסטלעכע לענדער. אַ באַזונדערס געשמאַקער ביסנ איז פאַר זיי געווענ די ביזאַנטישע מעלוכע. געפינענדיק זיכ אופנ הויפטוועג פונ די קרייצטרעגער, האָט ביזאַנצ אינ פאַרלויפ פונ אַלע קרייצ־צוגנ זייער פיל געליטנ פונ די באַוואָפנטע מיליטערישע באַנדעס, פלעגנ דורכ איר דורכגיינ. איינ קרייצ־צוג איז געפירט געוואָרנ ספעציעל קעגנ ביזאַנצ.

אינעמ אָרגאַניזירנ דעמ דאָזיקנ קרייצ־צוג (דעמ פערטנ) האָט באַזונדערס אַקטיוו אָנטייל גענומענ ווענעציע, דאָס סאָכרימטומ פונ ווענעציע האָט שוינ לאַנג געטרוימט וועגנ פאַרניכטנ זײַנ הויפט־קאָנקורענט אינ דעמ מיזרעכ־האַנדל. ביימ דעמ דאָזיקנ קרייצ־צוג איז קאָנסטאַנטינאָפאָל נאָכ אַ לאַנגדויערנדיקער באַלאַגערונג אײַנגענומענ געוואָרנ אונ איז מוירעדיק פאַרוויסטעט געוואָרנ (1204 יאָר). דער דאָזיקער אָנפאַל האָט זיכ פאַרענדיקט מיט אַ קאָלאָסאַלער סרייפע, וואָס האָט פאַרניכטעט אַ סאַכ קונסט־דענקמעלער, די „רעטער פונ גאָטס קייווער" האָבנ אינגאַנצנ באַרויבט די רײַכע שטאָט מיט אַלע אירע פילצאָליקע קלויסטערס. זיי האָבנ, אַגעוו, באַרויבט אונ אונטערגעצונדנ דעמ הויפט־קלויסטער פונ ביזאַנצ, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרנ אינ VI יאָרהונדערט, דעמ באַרימטנ מיט זײַנ אַרכיטעקטור סאָפיער קאַטעדראַל.

אַכוצ קאָנסטאַנטינאָפאָל גופע האָבנ די קרייצטרעגער דעראָבערט אויכ די גאַנצע ביזאַנטישע מעלוכע. אינ אירע גרענעצנ זײַנענ געגרינדעט געוואָרנ עטלעכע פעאָדאַלע פירשטנטומס, וואָס זײַנענ פאַראייניקט געוואָרנ אינ דער אַזויגערופענער **לאַטײַנישער אימפעריע**.

אינ אַ געוויסער צײַט אַרומ (אינ דער צווייטער העלפט פונ XIII יאָרהונדערט) איז ביזאַנצ ווידער אופגעשטעלט געוואָרנ. זי האָט שוינ אָבער פאַרלאָרנ איר פריערדיקנ באַטײַט אונ האָט זיכ ניט געקענט אומקערנ צו איר אַלטנ שטאַנד ביזנ סאָפ פונ איר עקזיסטענצ, ווענ די שטאָט אונ דאָס לאַנד האָבנ פאַרכאַפט די טערקנ אינמיטנ XV יאָרהונדערט.

די קרייצ־צוגנ האָבנ זיכ געענדיקט אינ דער צווייטער העלפט פונ XIII יאָרהונדערט מיטנ אַרויסשטויסנ די אייראָפייער פונ אַלע לעוואַנטישע לענדער.

די רעזולטאַטנ פונ די קרייצ־צוגנ

מער פונ אַלעמענ האָבנ געוווּנענ אינ רעזולטאַט פונ די קרייצ־צוגנ די צאָפנ־איטאַליענישע שטעט. די רעדלפירער פונ די קרייצ־צוגנ — די רײַכע סאָכרימ, די גרויסע פעאָדאַלנ אונ די פויפסטנ — פלעגנ צונויפזאַמלענ ביימ די מאַרשנ אַ רײַכנ רויב. זיי האָבנ מיט זיכ געבראַכט צוריק אַהיימ גאַנצע שיפנ, געלאָדענע מיט

ווערטפולע מיזרעך־סכוירעס. פארשיידענע געווירצן (מוסקאט, זאפרען, פעפער, אימ־בער), טייערע שטיינער, גאָלד, זילבער, זיידנס, טעפּעכער, פארשיידענע ארטיקלען פון העלפאנד־ביין און אנדערע לוקסוס־זאכן.

אין דער עפּאָכע פון די קרייץ־צוגן האָט זיך דער האנדל פון די איטאַליענישע שטעט מיטן מיזרעך שטארק פאנאנדערגעוואָקסן, ווייל דאָס איטאַליענישע סאָכ־רימסטום האָט באזייטיקט זיינע קאָנקורענטן.

די ווירקונג פון די קרייץ־צוגן האָט זיך ניט באגרענעצט בלויז דערמיט, וואָס עס האָט זיך אנטוויקלט דער האנדל פון די איטאַליענישע שטעט. עס האָט זיך גע־לאָזט פילן אן אויפלעבונג אינעם האנדל און אין דער אינדוסטריע אין גאנץ מערב־אייראָפּע. דער קאָלאָסאלער צופלוס פון מיזרעך־סכוירעס אין אייראָפּע, דערינ־אויך פון רויוואַרג, האָט ארויסגערופן צום לעבן פּראָדוקציע־צווייגן, אינגאנצן נייע פאר אייראָפּע: זייד־באארבעטונג, אויסארבעטונג פון סאמעט־געוועבן, פון גאָלד־שטאָף און פון טעפּעכער, די פּראָדוקציע פון איידעלע סאָרטן גלאָז (קרישטאָל) אאַו. גלייכצייטיק האָבן זיך באדייטנדיק פארברייטערט די אלטע אייראָפּייִשע פּראָדוקציע־צווייגן (צומביישפּיל, די פּראָדוקציע פון געוואנט), וואָס זיינען איצט באוואָרנט געוואָרן מיט אן אָפּזאַץ־מארק אין מיזרעך. די דאָזיקע אויפלעבונג פון האנדל און אינדוסטריע האָט זיך באמערקט, אחוץ איטאַליע, אויך אין שפּאַניע, פראנקרייך, דייטשלאנד, ענגלאנד; אין א קלענערער מאָס אין די סקאנדינאַווישע לענדער, טיילווייז אין רוסלאנד.

ווייטער, האָבן די קרייץ-צוגן געשפּילט א קאָלאָסאלע ראָליע אפן געביט פון פארברייטערן די געלט־צירקוליאציע. אין אייראָפּע איז געוואָרן זייער א גרויסער נאָכ־פרעג אף גאָלד און זילבער. די געלט־צירקוליאציע איז אין די שטעט געוואָרן א סאַך לעבעדיקער. נאָך מער, געלט האָט אָנגעהויבן אריינצודרינגען אין די סאמע פארוואָר־פנע דערפער, מיטהעלפנדיק דעם וווּקס פון דער סכוירעדיקער געלט־ווירטשאפט.

אָפּזייענדיק א געוויסע צייט אין די רייכע מיזרעך-לענדער, דערפילנדיק דעם גאנצן טאַם פון דעם מיזרעכדיקן לוקסוס, האָבן די פעאָדאלן באקומען נייע באַ־דערפעניִשן, וועלכע עס איז שווין געווען אוממעגלעך צו באפרידיקן אין די ראַמען פון דער איינפאכער נוטבאַזיצערישער ווירטשאפט. די פעאָדאלן האָבן שוין איצט געדארפט האָבן קאָלערליי געווירצן, איידעלע געוועבן, ווערטפולע שטיינער און אנדערע לוקסוס־ארטיקלען.

עס ענדערט זיך דער גאנצער לעבנשטייגער פון די פעאָדאלן. זיי הייבן אָן איינצושאפן זיך בעסערע און מער פארשיידנארטיקן געווער, טראָגן רייכע קליידער, בויען גרויסע רייך־באפוצטע שלעסער.

אָט איז, צומביישפּיל, א פעאָדאלער שלאָס, וואָס אזעלכע האָט מען אָנגעהויבן א סאַך צו בויען אין מערב־אייראָפּע נאָך דעם, ווי עס האָבן זיך געענדיקט די קרייץ־צוגן.

דער שלאָס איז אויסגעבויט אף א הויכן אָרט; ער איז ארומגערינגלט מיט א טיפן גראָבן, וואָס איז אָנגעפילט מיט וואסער. הינטערן גראָבן גייען הויכע געציינדלטע געמויערטע ווענט. ביים א באלאגערונג ליגן זיך אויס צווישן די ציינער פון די ווענט די פארטיידיקער פונעם שלאָס. פונדאנען גיסט מען אף די אָנפאלער הייסע סמאָלע, מע וואַרפט שטיינער פון ספּעציעלע שטיין־ווארפער, מע לאָזט פיילן און אייזערנע דרעטלעך. בא

די ווינקלענ פונ די ווענט דערהייבנ זיכ קײַלעכדיקע טורעמס מיט שמאָלע לעכער — שיסלעכער. אַזעלכע טורעמס זײַנענ אויכ פאראנ פונ ביידע זײַטנ פונ דעמ מאסיווּנ הילצערנעמ טויער, וואָס איז ארומגעשמידט מיט אײַזנ. איבערנ גראָבנ איז אריבערגעוואָרפנ א הענג-בריק, וועלכנ מע קענ בייס א סאקאָנע אויפהייבנ אויפ קייטנ אינ דער הייכ אונ אריבערציענ דורכנ טויער אינעווייניק. הינטער די ווענט איז פאראנ א הויפ, ווו עס געפינענ זיכ די ווירטשאפטלעכע געבײַדעס. טיפ אינ דעמ האָזיקנ גרויסנ הויפ, אויפ א הויכנ אָרט, איז פאראנ נאָכ א רינג ווענט, אונ אינ אינערלעכנ הויפ געפינענ זיכ שפּײַכלערס מיט זאפּאסנ פּראָדוקטנ, די געבײַדעס, ווו עס וווינט דער פעאָדאל, די קיכ, דער קלויסטער, די פערדשטאלנ, צולעצט איז דאָ פאראנ א הויכער טורעמ מיט זייער דיקע פעסטע ווענט — דאָס לעצטע אָרט, ווו דער פעאָדאל צוזאמענ מיט זײַנ מישפּאָכע אונ מיט זײַנ לײַבוואכ קענ זיכ אויסבאהאלטנ, אויב דער סוינע וועט זיכ דורכרײַסנ דורכ ביידע ווענט-רינגענ. ניט זעלטנ פלעגט פונעמ שלאָס זיכ ציענ אַנ אונטערערדישער גאנג פונ א קילאָמעטער אונ מער די לענג. די אונטערערדישע גאנגענ פלעגט מענ מאכנ צוליב דעמ, קעדיי מע זאָל, בייס א נויט, קענענ ארײַנברענגענ אינ דעמ באלאגערטנ שלאָס הילפ — מענטשנ אָדער פּראָדוקטנ.

די פארשיידענע לוקסוס-ארטיקלענ, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ צו פארנעמענ אַנ אָרט אינ דעמ פעאָדאלנ שטייגער, האָט מענ געקאָנט אײַנשאפנ זיכ פאר געלט אינ די גרויסע שטעט. דערפונ נעמט זיכ דעמ פאָרעצס שטרעבונג אריבערצופירנ זײַנע האָבנאָסעס אינ א געלט-פאָרמ. עס באפרידיקנ אימ שוינ ניט מער די נאטורעלע צושטעלונגענ פונ די פויערימ, ער הייבט זיי בעסער אָנ צו פארבײַטנ אויפ טשינש-געלט. דאָס, ווידער, צווינגט דעמ פויער צו זוכנ געלט אויפ צאָלנ די שטײַערנ אונ דעמ טשינש, אונ דעריבער פירט ער ארויס אויפנ שטאָטישנ מארק אלצ, וואָס ער קענ.

פראגעס:

וואָס איז אזוינס דער לעוואנטישער האנדל?

רעכנט אויס די גרונט-ארטיקלענ פונעמ האָזיקנ האנדל.

וואָס זײַנענ געווענ די סיבעס פונ די קרייצ-צוגנ?

שפּירט נאָכ אויפ דער קארטע די ריכטונג פונ די דאָזיקע מארשנ.

וועלכע קלאסנ האָבנ אָנטיילגענומענ אינ די קרייצ-צוגנ?

פארוואָס האָבנ די קרייצ-צוגנ מיטגעהאָלפנ דער צעפאלונג פונ דער נאטורעלער ווירטשאפט?

וועלכע געזעלשאפטלעכע קלאסנ האָבנ מער פונ אלצ געוווּנענ פונ די קרייצ-צוגנ?

11. דער האנדל אינ צאָפנ-מײַרעווודיקער אייראָפּע

אינ דער עפּאָכע פונ די קרייצ-צוגנ אונ אינ די ווײַטערדיקע יאָרהונדערטער איז געוואָקסנ דער האנדל אויכ אינ די צאָפנ-מײַרעווודיקע לענדער פונ צענטראל-אייראָפּע.

אינ די גרויסע שטעט, וואָס האָבנ זיכ געפונענ בײַ באקוועמע פארקערוועגנ, בײַ די שיפבארע טײַכנ, פלעגנ אײַנגעאָרדנט ווערנ גרויסע יארידנ. מע פלעגט אהער ברענגענ צו פירנ סכוירעס ניט נאָר פונ דעמ נאָענטסטנ ראיאָנ, נאָר אויכ פונ ווײַטע לענדער.

די יארידנ

פיל אייראָפּייִשע יארידנ האָבנ אינ יענע צײַטנ געפירט אזא ברייטנ האנדל, אז זיי האָבנ באקומענ א וועלט-באריממטקײַט.

דאָס ערשטע אָרט צווישנ די אייראָפּייִשע יארידנ האָט געהערט די באוווּסטע

שאמפאניער יארידנ. די שאמפאניער פראווינצ אינ צאפנ-פראנקרײַכ האט פארנומענ זײער א באקוועמע געאגראפישע לאגע אפ צו אנטוויקלענ דעמ יארידנ-האנדל. דא האבנ זיכ איבערגעקרײַצט די האנדלוועגנ פונ ענגלאנד אינ איטאליע אונ פונ פלאנדריע * אינ דײַטשלאנד. שאמפאנ איז געווענ פארבונדנ דורכ א סיסטעמ שיפבארע טײַכנ מיטנ מיטללענדישנ יאמ, מיט לאמאנש אונ מיטנ צאפנדיקנ אדער דײַטשישנ יאמ.

א סאכ גרויסע יארידנ איז, אכוצ דעמ, נאכ געווענ אינ דײַטשלאנד אונ אינ ענגלאנד.

אט איז א בילד פונעמ יאריד-האנדל אפ אײנעמ א גרויסנ ענגלישנ יאריד אינ אוינטשעסטער (XII יארהונדערט).

„דער יאריד האט געדויערט 16 טעג—פונעמ 31-טנ אווגוסט ביז 15-טנ סענטיאבער. דעמ 31-טנ אווגוסט אינדערפרי פלעגנ „די ריכטער פונ דעמ בישאפ-פאנוויליאנ“ פונ שפיצ בערגל דערקלערנ דעמ יאריד פאר געעפנט, דערנאכ פלעגנ זײ דורכפארנ רײַטנדיק איבער דער שטאט, בא די טויערנ פלעגנ זײ איבערנעמענ די שליסלענ פונ שטאט, פלעגנ איבערנעמענ אינ זײער פארוואלטונג די וואג אפנ שטאטישנ מארק אונ פלעגנ דערנאכ אינ דער באגלײטונג פונ דעמ מער ** זיכ אומקערנ צוריק צומ גרויסנ בײַדל, אדער אינ פאוויליאנ אפנ בערגל. דא פלעגנ זײ אינ נאמענ פונעמ בישאפ באשטימענ א ספעציעלנ מער אפ צו פארוואלטנ מיט דער שטאט אינ דער צײַט פונעמ יאריד. דאס בערגל איז אינגאנצנ געווענ באדעקט מיט רײענ הילצערנע קלײטנ. אינ אײניקע קלײטנ האבנ געהאנדלט פלאנדרישע סאכרימ, אינ אנדערע — נארמאנדישע סאכרימ, אינ אנדערע — בריסטאלער סאכרימ. דא האבנ זיכ אינ אײנ רײ אויסגעשטעלט יוועלירנ, דארט — געוואנט-הענדלער. דער גאנצער יאריד-פלאצ איז געווענ ארומגערינגלט מיט א הילצערנעמ פלויט. בא די טויערנ פונעמ פלאצ זײַנענ געשטאנענ וועכטער, קעדײ קײנער זאל זיכ ניט ארויסדרײענ פונ באצאלנ פאשלינעס. אינ אוינטשעסטער פלעגט מענ אפ 7 מײַל ארומ אינ דער צײַט פונ די יארידנ צווינגענ די ארטיקע אײַנוווינער איבעררײַסנ דעמ האנדל, אונ בא די בריקנ אונ בא אנדערע דורכגאנגענ פלעגט מענ צעשטעלנ א וואכ, אז זי זאל אכטונג געבנ, קײנער זאל ניט ברעכנ דעמ בישאפס האנדל-מאנאפאל. אויסער דעמ יאריד-פלאצ האט מענ בײסנ יאריד ניט געטארט קײנ זאכ פארקויפנ, אכוצ דערנערונג-פראדוקטנ, אונ אפילע די אוינטשעסטער האנטווערקער האבנ באדארפט אינ דער צײַט פונעמ יאריד אריבערקלײַבנ זיכ אפנ בערגל אונ דא ארבעטנ. די פאשלינעס אונ די אנדערע פארשײדענע אפצאלנ, וואס מע פלעגט מאנענ בײמ דעמ יאריד, האבנ מיט זיכ פארגעשטעלט א גאנצע סיסטעמ: אלע לאנדאנער אונ אוינטשעסטער סאכרימ, וואס פלעגנ קומענ צופארנ אינ פארלויפ פונ דער ערשטער וואכ, פלעגנ באפרײַט ווערנ פונ ארײַנפאר-אפצאלנ; נאכ דעמ דאזיקנ טערמינ פלעגנ אלע נײַ-אנגעקומענע, אכוצ די מיטגלידער פונ דער אוינטשעסטער גילדיע, מוזנ צאלנ פאשלינעס“.

די דײַטשישע האנדל-שטעט

א באזונדערס גרויסע באדײַטונג אינעמ אײראפײִשנ האנדל פונ XIII—XIV יארהונדערטער באקומט דער האנדל בא די ברעגנ פונ דעמ דײַטשישנ אונ באלטישנ יאמענ. דעמ דאזיקנ האנדל האט מיטגעהאלפנ די געדיכטע נעצ טײַכנ אונ די ריכטונג פונ זײער שטראמ. דאס גאנצע צאפנ-דײַטשישע נידערלאנד איז דורכגעשניטנ מיט פילצאליקע טײַכנ,

---

* פלאנדריע האט פארנומענ טײלנ פונ די איצטיקע בעלגיע, האלאנד אונ פראנקרײַכ.

** מער — דאס איז דער הויפט פונ דער שטאטישער זעלבסטפארוואלטונג.

ייערע לעפּצונגענע קומען זיך צונויף, ווי אין אַ קנופּ, בײַ די ברעגן פֿון דעם באַלטישן און דײַטשישן יאַמען, און אין דעם אויבערפֿלוס צעשפּרייטן זיך די דאָזיקע טײַכן, ווי אַ פֿאָכער, איבער דער גאַנצער צענטראַלער, מיזרעוודיקער און טיילווײַז אויך מיזרעכדיקער אייראָפּע. אָט זײַנען די נעמען פֿון די דאָזיקע טײַכן: מאַאַס, ריין מיט מאָזעל און מײַן, וועזער, עלבע, אָדער און אַנדערע.

דער וויכטיקסטער טײַך פֿון זיי — ריין — האָט געדינט אַלס פֿאַרבינדונג־אַרטעריע צווישן די צאָפֿנדיקע און האַרעמדיקע האַנדל־ראַיאָנען פֿון מיזרעוו־אייראָפּע. אין אָט דעם גאַנצן ראַיאָן זײַנען אויסגעוואָקסן פֿיל גרויסע, רײַכע האַנדל־שטעט: בריוגע, אַנטווערפּען, קעלן, נירנבערג, ברעמען, האַמבורג, ליובעק, דאַנציק און אַנד.

שוין אין XII יאָרהונדערט קומט פֿאָר אין די דאָזיקע קאַנטן אַ לעבהאַפֿטער האַנדל. פֿון מיזרעך פֿלעגט אַהער אָנקומען פּוטערוואַרג, לעדער, פֿעל, וואַקס, האָניק, האָלץ, וואַלד, סמאָלע, לײַן, קאַנאָפּליע, האָפּן, קאָרן; פֿון צאָפֿן (פֿון דעם סקאַנדינאַווישן האַלב־אינדזל) פֿלעגט מען אַרויספֿירן הערינג און שטאָקפֿיש, און פֿונעם מיזרעוו פֿון אייראָפּע פֿלעגט דורך די צאָפֿנדײַטשישע שטעט און דירעקט פֿון די דאָזיקע שטעט אַרויסגעפֿירט ווערן אויסגעצייכנטע געוואַנט (לעכאַטכילע פֿלאַנדרישע און צאָפֿן־דײַטשישע, שפּעטער ענגלישע), וועסטפֿאַלער לײַוונטן, פֿראַנצויזישע ווײַנען.

די האַנזע

באַזונדערס שטאַרק צעבליט זיך דער האַנדל פֿון די צאָפֿן־דײַטשישע שטעט אין סאָף XIII און אָנהייב XIV יאָרהונדערטער. די דאָזיקע שטעט הערשן אין צאָפֿנדיקן און באַלטישן יאַם. זיי דערשלאָגן זיך האַנדל־פּריווילעגיעס אין פֿראַנקרײַך, אין ענגלאַנד, און אין נאָווגאָראָד. אָבער אָנהייבנדיק פֿון מיטן XIV יאָרהונדערט ווערט די לאַגע פֿון די דײַטשישע שטעט פֿאַרערגערט, ווײַל עס הייבן אָן אויפֿקומען ערנסטע פֿאַר זיי קאָנקורענטן — די האָלענדישע און ענגלישע סאָכרים. די געפֿאַר פֿון אויסן צווינגט די דײַטשישע שטעט צו פֿאַראייניקן זיך, און אין רעזולטאַט דערפֿון ווערן געשאַפֿן עטלעכע שטעט־פֿאַרבאַנדן (מע האָט זיי גערופֿן „האַנזעס”), וואָס גיסן זיך אײַנגיכן צונויף אין מעכטיקסטן און רײַכסטן פֿאַרבאַנד, וואָס איז באַוווסט אונטערן נאָמען „די גרויסע דײַטשישע האַנזע”.

די אויספֿורעמונג פֿונעם דאָזיקן פֿאַרבאַנד איז פֿאָרגעקומען אין 1356 יאָר, ווען ס'איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון די דײַטשישע שטעט, וואָס האָט געדאַרפֿט זאָרגן וועגן אָפּשטעלן צוריק פֿאַרן דײַטשישן סאָכרימטום די פּריווילעגיעס, וועלכע פֿלאַנדריע האָט געבראָכן.

אָנהייבנדיק פֿון דער דאָזיקער צײַט, קומען גאַנץ אָפֿט פֿאָר די צוזאַמענפֿאָרן פֿון די שטעט און זיי שפּילן אַ ראָליע פֿון אַן אָנפֿירנדיקן אָרגאַן פֿון דער האַנזע. די צוזאַמענפֿאָרן פֿלעגן אַרויסגעבן געזעצן וועגן דעם סיידער פֿון האַנדל, וועגן סכוירע־לאַגערס, וועגן יאַם־שיפֿונג; זיי פֿלעגן באַשטימען די געלט־איינסן און די סיסטעם פֿון וואָג און מאָס; זיי פֿלעגן פֿירן אונטערהאַנדלונגען און שליסן אָפּמאַכן מיט מעלוכעס; זיי פֿלעגן דערקלערן מילכאָמעס און שליסן פֿרידן־אָפּמאַכן; זיי פֿלעגן, צווישן אַנדערן, אויך פֿאַנאַנדערקלײַבן שטרײַטן צווישן שטעט. אָבער דער צוזאַמענפֿאָר פֿון די שטעט האָט ניט געהאַט קיין שום אַפּאַראַט, וואָס זאָל זעלבשטענדיק קענען דורכ־

פירנ אינ לעבנ די דאָזיקע באַשלוסנ. די פאַרוווירקלעכונג פונ די דאָזיקע באַשלוסנ פלעגט מענ איבערגעבנ די שטאָטישע ראַטנ. דער צוזאַמענפאַר האָט אויכ ניט געהאַט ניט קיינ פלאָט, ניט קיינ מיליטער, ניט קיינ שטענדיקע אייגענע הכנסות. די מיליטער־קרעפטנ פונ דער האַנזע זײַנענ געווענ דאָס מיליטער אונ דער פלאָט פונ די באַזונדערע שטעט. דעריבער איז שווער געווענ צו צווינגענ אויסצופילנ די באַשלוסנ די שטעט, וואָס האָבנ זיכ ניט געוואָלט אונטערוואַרפנ, כאָטש די באַשלוסנ



סכעמע פונ די ברעג־פאַרבינדונגענ פונ דעמ האַנזייִשנ פאַרבאַנד

וואָס די מערהײַט אָנטיילנעמער פונ די שטעט־צוזאַמענפאָרנ פלעגט אָננעמענ, פלעגנ זײַנ אָבליגאַטעריש פאַר אַלעמענ.

אינעמ פעריאָד, ווענ די האַנזע האָט אַמשטאַרקסטנ זיכ צעבליט, איז אינ איר באַשטאַנד אַרײַנ באַ 90 שטעט. די רײַכטימער, וואָס פלעגנ זיכ צוזאַמענפליסנ אינ די דאָזיקע שטעט, האָבנ מיט דער צײַט געענדערט זייער אויסערלעכנ אויסזענ אונ לעבנשטייגער. די שטעט ווערנ ניט בלויז גרעסער, נאָר אויכ אויסערלעכ ווערנ זיי אַנדערש. די רײַכע סאָחרימ הייבנ אָנ צו בויענ פעסטע גערױמע הײַזער, וואָס זײַנענ גאָר ניט ענלעכ צו די אָרעמע הײַזקעס פונ די פאַרצײַטיקע שטעט. אייניקע סאָחרישע הײַזער זײַנענ געווענ עמעסע פאַלאַצנ, וואָס לויט זייער לוקסוס אונ

לויט זייער רײַכער באַפּוצונג זײַנען זיי גאָרניט ערגער פון די פּאַלאַצן פון די באַמע אָנגעזעענע פעאָדאַלן.



א טייל פון א גרויסער דײַטשישער שטאָט

נאָך פּראַקטישער זײַנען געווען די געזעלשאַפטלעכע געבײַדעס אין דער שטאָט. די קאַטעדראַלן און די ראַטהײַזער,* וואָס דאָס סאָכרימטום פלעגט בויען, צייכענען

* ראַטהויז — די געבײַדע פון דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

זיך אויס מיט אן אויסערגעוויינלעכער הערלעכקייט און גראַנדיעזקייט. די שטעט באַ־
קומען א סך אן אָנגענעמערן אויסזען. עס ווערן אײַנגעאָרדנט ברייטע פּלעצער, אַז
די פּלעצער ווערן אויסגעבויט געזעלשאַפטלעכע ברונעמס מיט קאָלערליי ארכיטעקטו־
רישע באַפּוצונגען. די גאַסן ווערן וו־ניט־וו ברוקירט מיט שטיינער. די שטאָטישע



א הויז פון א רײַכן בירגער

פעסטונגען ווערן איבערגעבויט פונדאַסנײַ: די ווענט און די טורעמס ווערן איצט גע־
מאַכט העכער און פעסטער, דער אויסערלעכער אויסזען זייערער ווערט שענער.

דאָך איז אין דער ווייל־אײַנאָרדענונג פון די שטעט פאַרבליבן א סך פונעם
אַלטן. זעלטן אין וועלכע הײַזער פלעגט זײַן וואַסערלייטונג. וועגן קאַנאַליזאַציע
האָט מען נאָך גאָרניט געוווּסט, די מיסט און אָפּפאַל פלעגט מען אַרויסוואַרפן פון
די פענצטער גלײַך אַפן גאַס אַרויס. דאָ פלעגן אויך אַרומשפּאַצירן באַזיירים, גענדז,
קאַטשקעס... בלויז די צענטראַלע טיילן פון שטאָט פלעגן געהאַלטן ווערן ריינער
און פלעגן אײַנגאָוונט בעסער באַלויכטן ווערן. אָבער עטוואָס ווײַטער פון צענטער
איז שוין קיין גאַסן־באַלויכטונג ניט געווען.

עס ענדערט זיך אויך דער היימישער שטייגער פון די שטאָט־בירגער. פאַר־
צײַטנס האָט די גרונטיקע שטאָטישע באַפעלקערונג, וואָס איז באַשטאַנען פון סאָב־
רים און האַנטווערקער, געלעבט, אומגעפער, אין איין און די זעלביקע באַדינגונגען —
מיט אַלץ באַוואָרגט, אָן לוקסוס. עמעס, אין די שטעט פלעגט מען טרעפן
זייער פיל בעטלער, וואָס האָבן געלעבט אין הונגער און נויט. און, פון דער צווייטער

צייט, זיינען געווען באזונדערע הייזער, וווהין דער לוקסוס האט שוין געהאט דורכ־
געמאכט א וועג פאר זיך. די דאזיקע אויסנאמען האבן אבער ניט געשטערט די
אלגעמיינע איינארטיקייט פונעם שטאטישן שטייגער.

מיט דער צייט ווערט דער שטאטישער לעבנשטייגער פילפארביקער. דאס לעבן
פון דער מערהייט האנטווערקער, פון זייערע געזעלן און לערניינגלעך, פון די קליי־
נע הענדלער און בירגער ווערט אלץ שווערער. דערפאר הייבן אן די רייכע סאכרים



דאס הויז פון דער דייטשישער האנזע אין אנטווערפן

מיט זייער גאנצן הויזשטייגער אלץ מער און מער צו דערהויבערן זיך פון די
ברייטע מאסן שטאטישע איינוווינער און דערנענטערן זיך צום לעבנשטייגער פון
די אריסטאקראטישע פעאדאלע פאמיליעס. אין די סאכרישע פאלאצן באווייזט זיך
פיין־געשניצטע מעבל, טייערע טעפעכער, פארשיידענע באפוצונגען, פילצאליקע יווע־
לירארטיקלען פון קאסטבארע מעטאלן און שטיינער, קאלערליי איידעלע געפעס. עס
ענדערט זיך שטארק אויך די קליידונג פון די אנגעזעענע טאקעפע סאכרים. זייערע
אנצוגן ווערן אויסגעארבעט פון די איידלסטע געוואנטן אדער פון די סאמע קאסט־
בארע סארטן סאמעט און זיידנס. באזונדערס פראכטפול און גלענצנדיק איז געווען
די קליידונג פון די אנגעזעענע שטאט־בירגער ביים פארשיידענע פייערלעכקייטן,
קארנאוואלן, רעליגיעזע צערעמאניעס און געזעלשאפטלעכע יאנטויוום.

אין XV—XIV יארהונדערטער איז די האנזע געווארן מעכטיק ניט נאר
עקאנאמיש, זי האט שוין מיט זיך פארגעשטעלט א סאלידע קראפט אויך אין פאלי־
טישער הינזיכט. אין דער צייט, ווען די האנזע איז אנטשטאנען, האט זי געצווונגען
פלאנדריע, דראענדיק מיט א בלאקאדע, צו באשטעטיקן די האנדל־פריווילעגיעס פון

דעמ דײַטשישנ סאָכרימטומ. אײַנגיכנ איז אפ דעמ זעלבנ באָדנ אנטשטאַנענ א שאַרפער קאָנפליקט מיט דענעמאַרק אונ מיט די סקאַנדינאַווישע לענדער. דאָס מאָל איז דערגאַנגענ ביז אַנ עמעסער מילכאָמע, דערבײַ האָט דער האַנזײַישער פלאָט אָפּגעהאַלטנ א גרויסנ ניצאָכנ איבער דעמ סוינע, אונ די האַנזע האָט זיכ ניט בלויז דערשלאָגנ, מע זאָל אַנערקענענ די פּריווילעגיעס פונ דעמ האַנזײַישנ סאָכרימטומ, נאָר זי האָט דערוואָרבנ אַפילע עטלעכע פעסטונגענ אינ דאַרעמ-סקאַנדינאַוויע. די האַנזע האָט אָפּגעהאַלטנ אויכ א רײ אַנדערע מיליטערישע אונ דיפּלאָמאַטישע ניצכוינעמ.

די באַדײַטונג פונ דער האַנזע איז אַלץ געשטיגנ, אָבער די ווידערשפּרוכנ צווישנ די באַזונדערע שטעט האָבנ צוגעגרייט דעמ באָדנ פאַר דער יערידע פונ אָט דעמ מעכטיקסטנ סאָכרישנ פאַרבאַנד. די סאַמע שאַרפע ווידערשפּרוכנ האָבנ זיכ צעוויקלט צווישנ די מיזרעכדיקע (פּרײַסישע) אונ מײַרעוודיקע (ווענדישע) שטעט אפנ באָדנ פונ די באַציִונגענ צו ענגלאַנד, וואָס האָט געשטרעבט צו פאַרברייטערנ דעמ אָפּזאַץ פונ זײַנע געוואַנטנ דירעקט אינ די פּרײַסישע שטעט. דאָס האָט אָבער אַרויסגערופנ ענערגישע פּראָטעסטנ מיצאַד די איבעריקע מיטגלידער פונ דער האַנזע. די פעסטקײַט פונ דער האַנזע איז אַלץ מער אָפּגעשוואַכט געוואָרנ.

א גרויסנ קלאַפּ האָט דער האַנזײַישער האַנדל באַקומענ פונ דעמ, וואָס די מאָסקווער מעלוכע האָט אײַנגענומענ נאָווגאָראָד. ענדגילטיק איז די האַנדל-באַדײַטונג פונ דער האַנזע אונטערגעריסנ געוואָרנ צוליב דעמ, וואָס די וויכטיקסטע וואַסער-וועגנ זײַנענ פונ די צאָפנדיקע אייראָפּײַישע יאַמענ אַוועק אינעמ אַטלאַנטישנ אָקעאַנ.

פראַגעס:

וואָס האָט מיטגעווירקט דער אַנטוויקלונג פונ דעמ יאַריד-האַנדל אינ דער צאָפנ-מײַרעוודיקער אייראָפּע?

באַצייכנט אפ דער געאָגראַפישער קאַרטע די האַנדל-ראַיאָנענ פונ דער גרויסער דײַטשישער האַנזע.

מיט וואָס האָבנ דערהויפּט געהאַנדלט די צאָפנ-דײַטשישע שטעט?

וואָסער אינערלעכע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט די האַנזע?

קאַפּיטל V

די פויערימ-אופשטאַנדנ פונ XIV יאָרהונדערט

12. דאָס פויערטומ אונ די צעפאַלונג פונ דער נאַטורעלער ווירטשאַפט אינ XIII—XIV יאָרהונדערטער

דער האַנדל מיט פּראָדוקטנ פונ דער לאַנדווירטשאַפט

צוזאַמענ מיט דער אַנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע אונ האַנדל צומ סאָפ XIII יאָרהונדערט פאַרשטאַרקט זיכ אינ די מער אַנטוויקלטע לענדער פונ מײַרעוו-אייראָפּע (איטאַליע, פראַנקרײַכ, ענגלאַנד אונ אַנד.) דער נאָכפרעג פונ די שטעט אפ פּראָדוקטנ פונ דער לאַנדווירטשאַפט. די שטאָט-אײַנוווינער האָבנ זיכ גענייטיקט אינ ברויט אונ אינ אַנדערע דערנערונג-פּראָדוקטנ. די האַנטווערקער-געווערבנ, ווי-

דער, האָבנ זיכ געניייטיקט אינ טעכנישנ רוויוואָרג. אפנ שטאָטישנ מארק האָט זיכ אָנגעהויבנ א לעבהאפטער האנדל מיט לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ. די פארקויפער זײַנענ געווענ די פריצימ אונ ניט זעלטנ אויכ די פויערימ. אָבער א באדײַטנדיקער טייל געלט, וואָס די פויערימ פלעגנ באקומענ, פלעגט זיכ ניט לאנג אײַנהאלטנ אינ זייערע קעשענעס אונ פלעגט גיכ אריבערגיינ צו די פריצימ.

אינ געיעג נאָכ פראָפיטנ פלעגנ זיכ די פעאָדאלנ אלצ מער אונ מער ארײַנ־ציִענ אינ דעמ האנדל.

עס פארגרעסערט זיכ דער דרוק אפ די פויערימ

די זאכנ, וואָס די שטאָטישע האנטווערקער פלעגנ אויסאר־בעטנ, פלעגנ זײַנ א סאכ בעסערע, ווי די, וואָס עס פלעגנ אויסארבעטנ די פויערימ. אונ די סכוירעס פונ יענער זײַט יאמ? אונ די זײַדנס, די סאמעטנ, דאָס פראכטפולע געווער, די פארפומענ, די געווירצנ, די ווײַנענ? דאָס אלצ האָט דער פעאָדאל געקאָנט קויפנ, ער האָט אָבער דערצו געדארפט האָבנ געלט, וווּשע זאָל ער נעמענ געלט? דאָס לײַכטסטע איז — בא די פארשקלאפטע פויערימ.

אונ אָט הייבט אָנ דער פאָרעצ צו פארגרעסערנ דעמ טשינש. ער הייבט אָנ פארקויפנ דעמ פויערשנ ווייצ אָדער לײַנ אפנ שטאָטישנ מארק, צונעמענדיק דאָס געלט פאר זיכ. דער טשינש „ווערט ארויסגעפרעסט" פונ דער פויערישער ווירטשאפט אפנ סאמע אומדערבארעמדיקנ אויפנ. דער פויער האָט אליינ געהונגערט, אונ אינ דער זעלבער צײַט פלעגט ער צושטעלנ דעמ פריצישנ הויפ אלצ מער אונ מער טווּע אונ רוויוואָרג.

ווײַטער הייבט אָנ דער פאָרעצ אריבערצופירנ דעמ טשינש דירעקט אפ געלט: אנשטאָט צושטעלנ פראָדוקטנ האָבנ שוינ די פויערימ געצאָלט דעמ פאָרעצ א באשטימטע סומע געלט. קעדיי אײַנצושאפנ געלט, פלעגנ די פויערימ ארויספירנ אפנ מארק די פראָדוקטנ פונ זייער ווירטשאפט.

דאָס שפריכוואָרט זאָגט: „דער אפעטיט קומט באמ עסנ". וואָס מער דער פאָרעצ פלעגט באקומענ, אלצ מער האָט ער געדארפט האָבנ געלט. אָבער די פויערישע ווירטשאפט איז געווענ זייער שוואכ, באזונדערס איז זי געווענ אָרעמ אינ געצײַג אונ ארבעטספי. וויפל מע זאָל ניט דריקנ אפ אזא ווירטשאפט, קאָנ מענ פונ איר קיינ סאכ בעמילע ניט באקומענ. צוליב דעמ פלעגט דעמ פאָרעצ אמאָל לוינענ אָנצוווענדנ אויכ אנ אנדער מיטל: פארשטארקנ די פאנשטשינע אונ מיט דער הילפ פונ אונטערטעניקער ארבעט באארבעטנ זײַנע פארברייטערטע אקערפעלדער. פארברייטערנ, ווידער, פלעגט דער פאָרעצ זײַנ באזיצ פארכאפנ־דיק די פויערשע געמיינדע־ערד.

וועגנ דער פארשטארקונג פונ דער פאנשטשינע זאָגט איינער א פאָרשטייער פונ די פויערשע אינטערעסנ: „ווער האָט געגעבנ די פריצימ אזא מאכט, אז מיר, די אָרעמעלײַט, דארפנ פארברענגענ אפ דער פאנשטשינע די בעסטע טעג אונ בא זיכ קאָנענ מיר ארבעטנ בלויז אינ א רעגנ, באגיסנדיק זיכ מיט בלוטיקנ שווייס? שטענדיק צווינגט מענ אונדז קאָסענ די לאָנקעס פונ די פריצימ, בא־ארבעטנ זייערע אקערפעלדער, זייענ, ארויסצופנ, רייניקנ, קנייטשנ, וואשנ, ברעכנ, קאמענ אונ שפינענ לײַנ, שיילנ ארבעס, אופזאמלענ מערנ אונ שפארגעל. פארשאָלטנ זאָל זײַנ זייער שענדלעכע מאכט אונ זייער רויבעריש רעכט!".

מיט דער אנטוויקלונג פונ די סכוירע־און געלט־פארהעלטענישנ פלעגט דעמ פעאָדאל גאנצ אָפט מער לוינענ צו באפרײַענ די פויערימ פונ פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר לײַבקנעכטשאפט. א באַ־דײַטנדיקער טייל פונ אזעלכע „באפרײַטע“, ניט האָבנדיק גענוג מיטלענ צו פירנ זעלבשטענדיק א ווירטשאפט, איז געווענ געצווונגענ צו פאר־דינגענ זיכ אפ ארבעט אינ דעמ פריצישנ הויפ פאר א נישטיקנ לוינ. די „פרײַ־געוואָרענע“ פויערשע ערד (די ערד, וואָס עס פלעגנ אוועקוואַרפנ די רויִנירטע באלעבאטימ) פלעגט דער פאָרעצ צונעמענ פאר זיכ. די דאָזיקע ערד פלעגט ער אָדער אָפּגעבנ אינ ארענדע די פויערימ, וואָס זײַנענ רײַכ געוואָרנ פונ האנדל, אָדער ער פלעגט זי באארבעטנ מיט דער הילפ פונ געדונגענע אר־בעטער.

דער אָנהייב פונ דער פויערימ־„באפרײַונג“

אלס רעזולטאט דערפונ ה י י ב ט ז י כ אָ נ, אינ אָנהייב XIV יאָרהונדערט, אינ איניקע עקאָנאָמיש מער אנטוויקלטע אייראָפּייִשע לענדער (איטאליע, ענג־לאנד, פראנקרײַכ אונ אנד.) א ב י ע ה א ד ר אָ ג ע ד י ק ב א פ ר ײַ ע נ ד י פ ו י ע־ר י מ פ ו נ פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר ל ײַ ב ק נ ע כ ט ש א פ ט.

די טעכניק פונ דער לאנדווירטשאפט

קעדיי צו פארגרעסערנ זייערע האכנאָסעס, האָבנ די פריצימ געפרווט וו־ניט־ווי פארבעסערנ די טעכניק פונ דער ערד־באארבעטונג. די דאָזיקע פרווונ האָבנ אָבער ניט געקאָנט געבנ קיינ גרויסנ עפעקט בא דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, וואָס האָט עקזיסטירט אינ יענער צײַט.

ביזנ XIV יאָרהונדערט האָט מענ אינ מײַרעוו־אייראָפּע געאַקערט מיט זייער א שווערנ האמעטנעמ פלוג אפ רעדער, אינ וועלכנ מע פלעגט מערסטנטייל אײַנ־שפּאַנענ אָקסנ. אָנהייבנדיק פונ XIV יאָרהונדערט אָנ האָט מענ אנשטאָט די אָקסנ אָנגעהויבנ שפּאַנענ אינ פלוג א פּאָר אָדער צוויי פּאָר פערד. אינ צוזאמענהאנג דער־מיט האָט זיכ אויכ עטוואָס פארפולקומט דער פלוג גופע: ער איז געוואָרנ לײַכטער אונ דירעוודיקער.

דאָס איז שוינ געווענ א שריט פאָרויס. אָבער צוגלײַכ מיטנ פלוג קאָנענ מיר נאָכ טרעפנ אינ אייראָפּע אינ XIV—XV יאָרהונדערטער, אז מע באארבעט די ערד מיט דער האנט, מיט א מאָטיקע. מיר ווייסנ, צומבײַשפּיל, אז אינ פראנקרײַכ האָט מענ אינ יענער צײַט געהאלטנ, אז א פלוג איז נייטיק צומ אופאַקערנ א פעלד פונ 20 הא. אזא גרויס פעלד האָבנ אָבער ניט פארמאָגט די באזונדערע פויערישע ווירטשאפטנ. אמאָל, אגעוו, פלעגנ די פויערימ וו־ניט־ווי קויפנ קאָלעקטיוו א פלוג, וואָס פלעגט ווערנ א געמיינדע־אייגנטומ. יענע קאנטנ, ווו מע פלעגט באארבעטנ די ערד מיט דער האנט, האָט מענ גערופנ „א גאנײַדנ פאר די פערד אונ א גענעמ פאר די מענטשנ“.

אינ יענער צײַט האָט געהערשט די דרײַפעלדער־סיסטעמ, וואָס פלעגט געפירט ווערנ אפ א פארשוועטערישנ אויפנ: פונ יאָר צו יאָר פלעגט מענ זייענ איינע אונ די זעלבע טווע־קולטורנ, וואָס פלעגנ אויסצערנ די ערד; קיינ פיטער־גראָזנ אדג. האָט מענ ניט געזייט. זייענ פלעגט מענ זייער שפּעט, די גראָזנ פלעגט מענ אויס־עטנ נאכלעסיק, דאָס ברוכפעלד פלעגנ אײַנטרעטנ די קי.

מע פלעגט אפ די פעלדער פארברענענ גראָז, בלעטער אונ טאָרפ צומ באמיס־

טיקן: קאָרמיכט פלעגן די בעהיימעס, וואָס האָבן זיך שלעכט געפיטערט, געבן וויי-
ניק. עס פלעגן אויסמעלן פאַשע־ערטער פאַר די קי, עסן פלעגט מען זיי געבן נאָר



פויערישע ארבעט

אַזויפיל, אַז זיי זאָלן נישט שטאַרבן פון הונגער. אין פאַרלויף פון ווינטער פלעגן די
קי אַזוי אויסגעצערט ווערן, אַז נישט זעלטן פלעגן זיי צו פרילינג־צו נישט האָבן קיין

קויעכ אויפצוהייבנ זיכ פונ אָרט; עס פלעגט זיי אויסקומענ אָנצובינדנ א שטריק צומ עק אונ שלעפנ אינ פעלד אַרײַנ.

זייער פיל שאָדנ האָבנ אויכ געבראַכט, ווי מיר ווייסנ שוינ, די רעליגיעזע פאַרורטיילנ. אָנשטאָט אָנצווענדנ ווירקלעכע קאַמפּ־מיטלענ, פלעגנ די פויערימ „אָפּשפּרעכנ" די שעדלעכע אינסעקטנ, פלעגנ „אַרײַנלייגנ אינ ביירעמ" יענע באַלעכייִימ, וואָס פלעגנ אָוועקפּאַטערנ די גרינס, אויסגעבנדיק דערויפ יעדנ יאָר א באַשטימטע סומע געלט; „פאַרנ געזונט" ווידער פונ די באַלעכייִימ, וואָס זײַנענ נוצלעכ דעמ ערדאַרבעטער, פלעגנ זיי אָפּריכטנ „טפילעס".

דער שטייגער פונ א דורכשניטלעכנ פויער אינ XIII—XIV יה.

דאָס לעבנ פונעמ פויער אינ דער דאָזיקער עפּאָכע איז, אומגעפער, געווענ דער זעלבער, ווי אינ די פריקע יאָרהונדערטער. די פויערימ האָבנ נאָכ אַלצ געבויט זייערע הײַזקעס פונ האָלצ אָדער פונ לײמ, וואָס מע פלעגט קאָנענ קריגנ בלויז מיט דער דערלויבעניש פונ דעמ פעאָדאַל. די דאָזיקע הײַזקעס, ווו דער ווינט פלעגט בלאָזנ פונ אלע זײַטנ, פלעגט מענ פאַרגלײַכנ מיט פויגל־נעסטנ. בויענ פלעגט מענ זיי זייער ניט פעסט. מע האָט געהאַלטנ, אז אויב „דרײַ מענטשנ מיט דרײַ לאָפּעטעס קאָנענ ניט אַראָפּטראָגנ די שטוב פונ אָרט", איז א סימענ, אז די שטוב איז גענוג שטאַרק. מע פלעגט די הײַזער אָפּט אַריבערפירנ פונ איינ אָרט אויפנ צווייטנ, אונ ווענ עס איז געווענ נייטיק, פלעגט מענ זיי אפילע אַריבערפירנ אינ שטאָט אַרײַנ. באַלײַכטנ פלעגט מענ די שטוב מיט קינעלעכ, אָדער מע פלעגט פאַנאַנדערלייגנ א פײַער אינמיטנ שטוב אפ דער הוילער ערד, וואָס האָט איינגענומענ א פּאָדלאָגע. אינ אָט דער הײַזקע פלעגט פאַרברענגענ דאָס גאַנצע לעבנ דאָס הויזגעזינד, צוזאַמענ מיטנ פי אונ מיט די אויפעס.

פונ וועש איז אפילע קיינ זכער ניט געווענ. א נאַכט־העמד האָט מענ אָנגעהויבנ צו באַנוצנ ערשט אינ XIV יאָרהונדערט, אונ אויכ דאַנ איז דאָס געווענ א זעלטנהייט, וואָס איז געווענ צוטריטלעכ בלויז פאַר רײַכע מענטשנ. דערנערט האָבנ זיכ די פויערימ מיט א שיטערנ גערשטענעמ אָדער קאָרנענעמ געקעכצ אונ מיט ברויט. אונ אויכ דאָס פלעגט גאַנצ אָפּט אויספעלנ, אונ דער הונגער איז געווענ א גאַנצ אָפּטער גאַסט אינ שטוב.

געוויס, ניט אלע פויערימ האָבנ אַזוי געלעבט. די אַנטוויקלונג פונ דעמ האַנדל אונ די „באַפרײַונג" האָבנ מיטגעהאָלפנ דער אָנגעהויבענער דיפערענצירונג פונ די פויערימ אפ אָרעמשאַפט אונ מיטלפויערימ, פונ איינ זײַט, אונ אפ רײַכע (באַלעגופימ) — פונ דער צווייטער זײַט. די באַלעגופימ, עקספּלואַטירנדיק די אַרבעט פונ די באַטראַקעס אונ אָרעמפויערימ, האָבנ געפירט א לעבהאַפטנ האַנדל אונ האָבנ מיט דער הילפ פונ די סאָכרימ פאַרפלאָנטערט די פויערימ אינ זייער וווכער־נעצ. גאַנצ אָפּט פלעגנ זיי אויכ אַרויסטרעטנ אינ דער ראָליע פונ איבערקויפער. די צאָל באַלעגופימ איז אָבער אינ יענער צײַט געווענ ניט קיינ גרויסע. די הויפּט־מאַסע דאָרפישע אײַנוווינער האָט געפירט אַזא לעבנ, וועלכנ מיר האָבנ דאָ נאָרוואָס באַשריבנ. קלאָר אָבער, אז די אינטערעסנ פונ אָט די אלע שיכטנ פויערטומ זײַנענ שוינ געווענ ניט איינע אונ די זעלבע, אונ דאָס האָט זיכ שוינ געלאָזט מערקנ אינעמ קלאַסנקאַמפ פונ יענער צײַט.

פראגעס:

פאַרוואָס האָבנ די אַלטע פאַרפליכטונגענ פונ די פויערימ אויפגעהערט צו באַפרידיקנ די פעאָדאַלנ?

באַשרײַבט די מיטלענ, מיט וועלכע דער פעאָדאַל פלעגט פּרווונ אַרויספּרעסנ וואָס מער געלט פונ דער פויערשער ווירטשאַפט.

וואָס האָט אַרויסגערופנ די (צײַטווײַליקע) באַפרײַונג פונ די פויערימ?

אינ וועמעס אינטערעסנ איז דאָס דורכגעפירט געוואָרנ?

13. דער פויערימ־אופשטאנד אינ פראנקרײַך

די „באפרײַונג" פונ די לײַבײגענע אינ פראנקרײַך

אינ פראנקרײַך פלעגט די „באפרײַונג" פארקומענ לויט ספּעציעלע „באפרײַונג־פאפירנ", וואס די פריצימ פלעגנ ארויסגעבנ די פויערימ פאר א הויכנ אפּצאל. אויסקויפנ זיך זײַנענ גאנצ אפט די לײַבײגענע ניט געווענ בעקויעך, אונ זיי פלעגנ זיך דערפונ אפּזאגנ. דאנ פלעגט מענ זיי מיט געוואלד צווינגענ צו צאלנ. אינ דעמ האט זיך בוילעט אויסגעדריקט דער עמעסער זינ פונ דעמ „באפרײַענ" די לײַבײגענע: די פעאדאלנ האבנ בארויבט אומ יעדנ פרײַז ארויספּרעסנ וואס מער געלט פונ דער פויערשער ווירטשאפט.

אויסקויפנדיק זיך, פלעגט דער פויער ווערנ פערזענלעך פרײַ, אבער קיינ באלעבאס פונ דער ערד, אפ וועלכער ער האט געארבעט, פלעגט ער געווײנלעך ניט ווערנ. די ערד איז נאך אלצ געבליבנ אנ אייגנטומ פונ דעמ פעאדאל אדער פונ דעמ קיניג, זי איז בלויז אפ געוויסע באדינגונגענ איבערגעגעבנ געווארנ אינ באנוצ דעמ, וואס האט זיך אפ איר באזעצט.

וואס פאר א באדינגונגענ זײַנענ דאס געווענ? פריִער פאר אלצ זײַנענ דאס געווענ פארשיידענע אונ גאנצ שווערע געלט־אפּצאלנ אונ שטײַערנ אונ אויך אייניקע אנדערע פארפליכטונגענ, וואס דער פארעצ האט ארופגעלייגט אפנ פויער. אינ דעמ גרעסטנ טייל ערטער פלעגנ די פויערימ דארפנ אויסקויפנ זיך פונ די אזויגערופענע „מיִעסע מינהאגימ", וואס האבנ געטראגנ א דערנידעריקנדיקנ כאראקטער. לויט אייניקע פונ די דאזיקע „מינהאגימ" זײַנענ די לײַבײגענע געווענ פארפליכטעט צו כאפּנ פליי אינ דעמ פארעצס בעטגעוואנט, שרעקנ די זשאבעס אינ די פריצישע סאזשלקעס (קעדיי זיי זאלנ מיט זייער קוואקענ ניט שטערנ דעמ פארעצ שלאפנ) אאוו.

עס פארבלײַבנ אונ ווערנ אפילו פארברייטערט די פארשיידענע טשינשנ, וואס פלעגנ בינדנ דעמ פויער די הענט אונ די פיס. וויל דער פויער פארקויפנ זײַנ טווע, — שטויסט ער זיך אנ אפ דעמ פארעצס אגענט, וואס רײַסט פונ אימ אראפ יאריד־אונ מארק־אפּצאלנ; פארט ער אריבער דעמ טײַך, — נעמט מענ פונ אימ וועג־שטײַער; דארפ ער צעמאלנ ברויט, מוז ער עס פירנ אפנ פארעצס מיל; גאנצ אפט פלעגט דער פויער ניט האבנ אפילו דאס רעכט אויסצובאקנ ברויט אינ זײַנ אייגענעמ אויוונ.

אט די אלע פארפליכטונגענ, אויסקויפ־געלט אונ צאלונגענ האבנ זיך ארופגעלייגט ווי אנ אומדערטרעגלעכע שווערע לאסט אפ דער שוואכער פויערשער ווירטשאפט. אונ די זשעדנעקײַט פונ די פריצימ צו געלט איז, צוזאמענ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער סכוירע־ווירטשאפט, אלצ געוואקסנ אונ געוואקסנ.

די „באפרײַונג" האט טײַער געקאסט דעמ הארעפּאשנעמ פויערטומ.

דער מאנגל אינ ארבעט־הענט אונ דער פרוּוו ווידער צו פארקנעכטנ די פויערימ

אינמיטנ XIV יארהונדערט האט זיך דעמ פויערס לעבנ נאך מער פארערגערט אינ פארגלײַך מיט דעמ, וואס מיר האבנ באשריבנ פריִער. עס האט זיך ווידער אנגערוקט די שקלאפערײַ פונ לײַבײגנטומ.

דער פארעצ האט ווידער א קער געטאנ אפנ וועג פונ פארקנעכטונג, וואס ער האט נארוואס פארלאזנ הערפאר, ווײַל דער דאזיקער וועג האט

פאַר אים ווייניקער געלוינט. די גרונט־סיבע פון דעם דאָזיקן קער איז געווען דער מאַנגל אין אַרבעט־הענט פאַר די פריצישע גיטער.

מיר ווייסן שוין, אַז אין יענער צייט זײַנען שטאַרק געוואַקסן די שטעט און ס'האָבן זיך אַנטוויקלט די שטאָטישע געווערבן. און אַ סאַך רויִנירטע פּויערים פלעגן אַוועק אין שטאָט, וואָרפנדיק דאָס מיעס געוואָרענע דאָרפישע לעבן און ראַטעווענדיק זיך פון דעם פעאָדאַלס שווערן יאָך. אין די שטעט פלעגן זיי זיך אײַנאָרדענען בײַ האַנטווערקערײַ אָדער בײַ האַנדל.

די רײַכע פּויערים, ווידער, פלעגן גיט פאַרדינגען זיך צום פּאַרעץ, נאָך מער, זיי פלעגן אַפילו קאָנקורירן מיט אים, דערמיט, וואָס זיי פלעגן אַליין דינגען באַטראַקעס.

דער „שווארצער טויט״

די לאַגע איז געוואָרן נאָך קאָמפּליצירטער, ווען עס האָט זיך דורכגעקײַקלט איבער אייראָפּע דער „שוואַרצער טויט״. דאָס איז געווען די אַזיאַטישע פּעסט אין דער סאַמע שווערער פאָרם. פון איר פלעגן מענטשן אַוועקשטאַרבן אין אַ טאָג־צוויי, און דער קערפּער זייערער פלעגט באַדעקט ווערן מיט שוואַרצע פלעקן.

אָט די געפערלעכע אַנשטעקנדיקע קרענק איז אַרײַנגעבראַכט געוואָרן פון מיזרעך אין 1347 יאָר אין די איטאַליענישע האַפן־שטעט צוזאַמען מיט די פּראַכטפולע געוועבן און טעפּעכער. זי האָט זיך שנעל געגומען פאַרשפּרייטן איבער אייראָפּע, אַריבערגייענדיק פון איטאַליע אין פראַנקרײַך, פון דאָרט — אין דײַטשלאַנד און אין ענגלאַנד, דערנאָך אַלץ ווײַטער צו צפון. גאַנצע יישובים און שטעט זײַנען אויסגעשטאָרבן, פעלדער זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וויסטעס. די גאַנץ־געבליבענע אײַנוווינער פלעגן אין גרויס שרעק זיך צעלויפן, צעטראָגנדיק אַלץ ווײַטער און ווײַטער די אַנשטעקונג.

מע האַלט, אַז דער „שוואַרצער טויט״ האָט געקאָסט אייראָפּע אַ 25 מיליאָן מענטשלעכע לעבנס. אין אייניקע לענדער איז אויסגעשטאָרבן ביז אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. ווי שטענדיק, האָבן די רײַכע געליטן פון דער עפּידעמיע ווייניקער, איידער די אָרעמע.

די הונדערטיאָריקע מילכאָמע און די רוּינירונג פון די פּויערים אין פראנקרייך

די פּויערישע ווירטשאַפט, וואָס איז אַזוי אויך געווען גענוג צעשטערט, איז נאָך מער אויסגעצערט געוואָרן דורך דעם מאַסן־אומקום פון די אַרבעטנדיקע. און צו די אַלע צאָרעס האָט פראַנקרײַך נאָך פון 1339 יאָר געפירט אַ מילכאָמע מיט ענגלאַנד. דאָס איז געווען די אַזוי־גערופענע „הונדערטיאָריקע״ מילכאָמע, וואָס האָט זיך געצויגן ביז דער צווייטער העלפט XV יאָרהונדערט. די גרונט־סיבע פון דער דאָזיקער מילכאָמע איז געווען דער קאַמף פאַר דער רײַכער פלאַנדריע מיט איר אַנטוויקלטער געוואַנט־אינדוסטריע. און אויסרייד פאַר דער דאָזיקער מילכאָמע זײַנען געווען די פּרעטענזיעס פון די ענגלישע קיניגן אויפן פראַנצויזישן טראָן.

לעמאַטכילע האָבן די ענגלענדער געהאַט גרויס דערפאָלג און האָבן פאַרכאַפּט אַ באַדײַטנדיקן טייל פון פראַנקרײַך. דאָס רירעוודיקע ענגלישע פוסגייער־

מיליטער, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַרבאַלעטניקעס* און שפּיזן־טרעגער, האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פֿון דער ניט־ריטערישער קאַוואַלעריע. אין איינער פֿון די שלאַכטן מיט די ענגלענדער (בײַ פּואַטיע) איז דער פֿראַנצויזישער קיניג צוזאַמען מיט פֿיל ייִכעסדיקע ריטער גענומען געוואָרן אין געפֿאַנגענשאַפֿט, און קעדיי אויסצוקויפֿן זיי, האָט מען אין פֿראַנקרײַך שטאַרק געהעכערט די שטײַערן און אַנדערע אָפּצאָלן. דאָס האָט זיך מער פֿון אַלץ אָפּגערופֿן אויף דער לאַגע פֿון די פּויעריִם, און טיילווײַז אויך פֿון די שטאָט־אײַנוווינער.

אין רעזולטאַט פֿון דער פּעסט, פֿון דער מילכאָמע, פֿון די אומדערטרעגלעכע שטײַערן, פֿון די רויבערײַען און אונטערדריקונגען מיצאַד די פֿעאָדאַלן זײַנען גאַנצע געגנטן פֿאַרוויסטעט געוואָרן, פֿאַרוואַקסן געוואָרן מיט וואַלד, מיט קוסטעס און ווילדגראָזן, און דאָרט, וווּ עס זײַנען גאָר ניט לאַנג געווען באַלעבאַטעווע ייִשוווים, פֿלעגן איצט אָפֿט אַרומשפּאַצירן בלויז ווילדע כײַעס. „די ענגלענדער האָבן פֿאַרזייט אין פֿראַנקרײַך וואַלד", — פֿלעגט מען דאַן זאָגן. „די ווײַנגערטנער, — שרײַבט איינער פֿון יענער צײַט, — פֿלעגן ניט באַאַרבעט ווערן; די אָקסן און די שעפּסן פֿלעגט מען ניט פּאַשען; די הײַזער האָבן אויף זיך אומעטום געטראָגן דעם שפּור פֿון פֿאַרניכטנדיקן פֿײַער און האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט טרויעריקע, טליִענדיקע רוינעס. דאָס אויג האָט זיך מער ניט געקוויקט, ווי פֿריִער, מיטן בילד פֿון גרינע לאָנקעס און געל ווערנדיקע פֿעלדער. אומעטום פֿלעגט זיך דאָס אויג נאָר אָנשטויסן אויף דערנער און ווילד־גראָזן. בלויז גלעקער פֿלעגן קלינגען אַליאַרעם, דערלאַנגענדיק די פּויעריִם אַ סיגנאַל צו אַנטלויפֿן, ווען עס פֿלעגט זיך דערנענטערן דער סוינע".

אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן די פּריצים, נייטיקנדיק זיך אין אַרבעטהענט, ווידער אָנגעהויבן אײַנצופֿירן די פּאָראָנדקעס פֿון לײַבאייגנטום. אין געיעג נאָך געלט פֿלעגן זיי אָפּנעמען בײַ די פּויעריִם די לעצטע נעבעכדיקע רעשטלעך פֿון זייער פֿאַרמעגן. „אומעטום, — דערציילט דער זעלבער שרײַבער, — האָט געהערשט די סאַמע שרעקלעכע נויט, און באַזונדערס צווישן די פּויעריִם, ווײַל די סעניאָרן האָבן איבערגעפֿילט דעם בעכער פֿון זייערע ליידן, אָפּנעמענדיק בײַ זיי זייער פֿאַרמעגן און אָרעמע לעבן. כאָטש די צאָל איבערגעבליבענע פֿי, גרויסע און קליינע, איז געווען נישטיק, האָבן די סעניאָרן געפֿאָדערט קאָלאָסאַלע אָפּצאָלונגען פֿאַר יעדער שטיק פֿי".

די זשאַקעריע

און אָט איז אין דער געגנט באָוועזי, ניט ווײַט פֿון פּאַריזש, אין מײַ 1358 יאָר אויסגעבראָכן אַ פּויעריִם־אויפֿשטאַנד, וואָס האָט באַלד אַרומגעכאַפּט דעם גרעסטן טייל פֿון צפֿון־פֿראַנקרײַך. די צאָל אויפֿגעשטאַנענע, וואָס צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן די קליינע האַנטווערקער און הענדלער, וועלכע האָבן געוווינט אין די דערפֿער, האָט באַלד דערגרייכט 100 טויזנט מאַן. דער דאָזיקער סטיכייִשער אויפֿשטאַנד, וואָס האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטן פּלאַן און אָרגאַניזאַציע, האָט באַקומען דעם נאָמען „זשאַקעריע" פֿון דעם פֿאַראַכטונג־נאָמען, מיט וועלכן מע פֿלעגט באַצייכענען אַ פּויער: „דער טאַמעוואַטער זשאַק".

---

* אַרבאַלעט (אַלוינשיסער) — דאָס איז אַ פֿאַרפֿולקומטער פֿײַלנבויגן, וואָס איז באַפֿעסטיקט אין אַ ספּעציעלן שטול, ווי בײַ אַ ביקס.

האָט וויאַזוי איינער א פאָרשטייער פונ די אינטערעסנ פונ דעמ אדל אינ יענער צײַט אונ א פאַרביסענער סוינע פונ די פויערימ, באַשרײַבט דעמ דאָזיקנ אופשטאנד:

אָנפאַל פונ די „זשאַקנ" אױפ א מיטלאַלטערלעכנ שלאָס

„עפּעס מענטשנ פונ די דערפער האָבנ זיכ צונויפגעזאמלט אָנ א פירער אינ באָוועזי. לעבאַטכילע זײַנענ זיי געווענ ניט מער ווי 100 מאנ. זיי האָבנ געטײַנעט, אז דער אדל פונעמ פראנצויזישנ קיניגרײַכ — די ריטערס אונ די געווערטרעגער — האָבנ פארשאַפט באַרפע אונ פאַראַטנ דאָס קיניגרײַכ אונ אז עס וואָלט געווענ דער גרעסטער ווױלטאַט צו פאַרניכטנ זיי. דערנאָכ האָבנ זיי זיכ אופגעקליבנ אונ האָבנ זיכ אוועקגעלאָזט אינ אומעדינונג, ניט האָבנדיק קײנ שומ געווער, אכוץ שטעקנס מיט אײַזערנע שפּיצנ אונ מעסערס, פריִער פונ אלצ, צומ הויז פונעמ נאָענטסטנ ריטער. זיי האָבנ צעבראָכנ אונ פארברענט דאָס הויז, אונ דעמ ריטער, זײַנ פרוי אונ זײַנע קינדער האָבנ זיי דערמאָרדעט. דערנאָכ זײַנענ זיי צוגעקומענ צו נאָכ איינעמ א פעסטנ שלאָס אונ האָבנ אימ אויכ צעבראָכנ. אינגאַנצנ האָבנ זיי פארברענט אונ צעבראָכנ אינ דער געגנט באָוועזי העכער 60 גוטע הײַזער אונ פעסטע שלעסער".

אינעמ גאנג פונ דעמ אופשטאנד האָט זיכ ארויסגערוקט אלס אָנפירער פונ די הויפּט-קרעפטנ פונ די פויערימ גיליאָמ קאל, וועגנ וועלכנ איינער פונ יענער

צײַט רופט זיכ אָפּ, ווי זעגנ „א מענטשנ, וואָס האָט געזענ א וועלט אפּ זײַנ לעבנ אונ איז געווענ א גוטער רעדנער". „דער דאָזיקער מענטש איז געווענ פּעסט גע־בויט, מיט א שיינעמ פּאָנעמ אונ האָט פּאַרזוכט דעמ טאַמ פונ מילכאָמע".

קעדיי צו דערשטיקנ דעמ פּויערימ־אופשטאנד, האָבנ די פראַנצויזישע אונ די ענגלישע פּעאָדאלנ אָפּ א געוויסער צײַט פּאַרגעסנ זייער קעגנזײַטיקע סינע אונ האָבנ מיט פּאַרייניקטע קרעפטנ זיכ ארופגעוואָרפנ אָפּ זייער אלגעמיינעמ קלאסנ־פּײַנט. די גוט־אָרגאניזירטע אונ באוואָפנטע ריטער האָבנ אינ פּאַרלויפּ פונ עט־לעכע וואָכנ זיכ ספּראווע מיט דעמ ניט־געשולטנ אונ שלעכט־באוואָפנטנ פּוי־ערימ־האמוינ. גיליאָמ קאלנ, וואָס האָט זייער פיל אופגעטאָנ צו אָרגאניזירנ די פּויערימ, האָבנ די ריטערס פּאַרנארט אינ זייער לאגער, מיטנ טערעצ, אז מע וועט מיט אימ פירנ אונטערהאנדלונגענ וועגנ וואָפנשטילשטאנד. דאָרט האָט מענ זיכ מיט אימ אכזאָריעסדיק אָפּגערעכנט, אפריִער האָט מענ אימ אלס פּויערשנ „קיניג" „געקרוינט", ארופלייגנדיק אימ אָפנ קאָפּ א צעגליטנ אײַזערנעמ רייפּ, אונ דערנאָכ האָט מענ אימ געקעפּט.

„די „זשאקנ" זײַנענ דערשטיקט געוואָרנ, אונ זייער אופשטאנד איז דערטרונקענ גע־וואָרנ אינ א יאמ בלוט. אונ מע האָט זיי (די פּויערימ) אָנגעהויבנ אויסצוהארגענענ, — שרײַבט איינער אנ אדעליקער פונ יענער צײַט וועגנ דער שלאכט בא דער שטאָט מאָ, — מע האָט זיי אויסגעהארגעט איינציקווייז אונ מאסנווײַז, מע האָט זיי אויסגעראָטנ ווי די שעפּסנ. אונ געטריבנ האָט מענ זיי אלעמענ פונ שטאָט ארויס אינ א פולשטענדיקער פּאניק אונ מעהומע, מע האָט זיי געהאלטנ אינ איינ פּאַרניכטנ אזוי לאנג, ביז די ריטערס אלייִנ זײַנענ געבליבנ אָנ קויכעס, אונ מע האָט זיי מאסנווײַז ארײַנגעשלײַדערט אינ טײַכ מארנע. מיט איינ וואָרט, מע האָט אינ דעמ דאָזיקנ טאָג אויסגעהארגעט העכער 7.000 מאנ. ווענ די אדעליקע האָבנ זיכ אומגעקערט, האָבנ זיי פּאַרברענט די „בארויִקטע" שטאָט אונ האָבנ גע־מאכט א טעל פונ דער שטאָט צוזאמענ מיטנ שטאָטישנ פּראָסטנ האמוינ, וועלכנ זיי האָבנ נאָכ דאָרטנ געקאָנט פּאקנ".

דער אופשטאנד פונ די שטאָט=בירגער

דער אופשטאנד פונ די פּויערימ איז פּאָרגעקומענ אינ דער זעלבער צײַט, ווענ די פּאריזשער שטאָט־בירגער זײַנענ ארויס־געטראָטנ קעגנ די פּעאָדאלנ אינ דער שפּיצ מיטנ סאָכרישנ עלטסטנ ע ט י ע נ מ א ר ס ע ל.

די סאָכרימ אונ אנדערע רײַכע שטאָט־בירגער זײַנענ געווענ אומצופרידנ מיט זייער רעכטלאָזיקײַט, מיט די גוואלדטאטנ פונ די פּעאָדאלנ אונ מיט דער אלגעמיינער רויִנירונג, וואָס די מילכאָמע אונ דער קריזיס האָבנ ארויסגערופנ. די האנטווערקער אונ באזונדערס די שטאָטישע אָרעמשאפט האָט, פּאַר־שטייט זיכ, געהאט נאָכ מער סיבעס צו זײַנ אומצופרידנ, ווײַל זייער לאגע איז געווענ א באזונדערס שווערע.

דער קיניג האָט זיכ דאנ געפונענ אינ געפאנגענשאפט . בא די ענגלענדער, אונ זײַנע פליכטנ האָט אויסגעפילט זײַנ יורעש — דער דאָפינ. די פּאריזשער סאָכ־רימ אונ די האנטווערקער, בעראָש מיט מארסעלנ, האָבנ ארויסגעשטעלט דעמ דאָפינ א פּאָדערונג, מע זאָל רעגולער צוזאמענרופנ א ספּעציעלע פּאָרשטייערשאפט (די גע־נעראלע שטאטנ), ווו דאָס אנטשיידנדיקע וואָרט זאָל געהערנ צו די ש ט א ט־ב י ר־ג ע ר. אָט די שטענדיקע פּאַרזאמלונג האָט באדאַרפט לייזנ די וויכטיקסטע פראגנ פונ דער פּאָליטיק אונ באשטימענ די שטײַערנ. לעבאטבילע איז דער דאָפינ אײַנ־

געגאנגענ אפ די פאָדערונגענ פונ די פאריזשער, דערנאָכ אָבער האָט ער צוריק־גענומענ אלע זײַנע האנאָכעס. דאנ האָט מארסעל, באוואָפענענדיק די האנטווער־קער אונ די קלײנהענדלער, זיכ ארײַנגעריסנ צוזאמענ מיט זײ אינ פאלעצ ארײַנ אונ האָט אויסגעהארגעט א סאכ אדעליקע, דעמ דאָפינס מעקורואָווים.

נאָכ דעמ, ווי דער דאָפינ איז אנטלאָפנ פונ פאריזש, האָט מארסעל גענומענ זוכנ א בונד מיט די אופגעשטאנענע „זשאקנ". קײנ ערנסטע רעזולטאטנ האָט דער דאָזיקער פרווו ניט געגעבנ, ניט געקוקט דערופ, וואָס די „זשאקנ" האָבנ שטארק געהאָלפנ די שטאָט־בירגער דערמיט, וואָס זײ האָבנ כאָרעוו געמאכט עט־לעכע פעסטונגענ, וואָס האָבנ געשטערט צוצושטעלנ פראָדוקטנ אינ פאריזש. סאָפ־קאָלסאָפ זײַנענ אי די פויערימ אי די שטאָט־בירגער באזונדערווײַז צעקלאפט גע־וואָרנ. מארסעל איז אומגעקומענ, אונ האָט זיכ גארנישט דערשלאָגנ.

דערקלערט האָט זיכ דאָס, פריִער פונ אלצ, דערמיט, וואָס די רײַכע בירגער האָבנ זיכ דערשראָקנ פאר דער ברײטער באוועגונג פונ די ארבעטנדיקע אונ זײַ־נענ פארעטעריש אריבער אפ דער זײַט פונ די פעאָדאלנ. אָט דער פאראט פונ די גרויסע סאָכרימ אונ פראָצענטניקעס האָט ענדגילטיק געלײזט דעמ גוירל פונ די בײדע אופשטאנדנ.

ניט געקוקט אפ דער מאפאָלע פונ דעמ אופשטאנד אונ אפ דער פארערגערונג פונ דער לאגע פונ די פויערימ נאָכ דער זשאקעריִע, האָט דער פרווו ווידער צו פאר־שקלאפנ די פויערימ ניט געקענט שוינ לאנג דויערנ. ענדע XIV יאָרהונדערט האָט זיכ ווידער אָנגעהויבנ דער פראָצעס פונ דער ביסלעכווײַזיקער באפרײַונג פונ די פוי־ערימ פונ פערזענלעכער לײַבקנעכטשאפט.

14. דער פויערימ־אופשטאנד אינ ענגלאנד

די צעפאלונג פונ דער
נאטורעלער ווירטשאפט
אינ דעמ ענגלישנ
גוטבאזיצ

העכער, ווי אינ 20 יאָר ארומ נאָכ דער זשאקעריע האָט זיכ צע־פלאקערט א שטארקער פויערימ־אופשטאנד אינ ענגלאנד. קעדײ צו פארשטײנ די סיבעס פונ דעמ אופשטאנד, לאָמיר פריִער פונ אלצ א קוק טאָנ, ווי האָט זיכ אָפגערופנ די צע־פאלונג פונ דער נאטורעלער ווירטשאפט אפ דעמ ענגלישנ מענאָר (מאיאָנטעק), וואָס האָט געהערט צומ לענדלאָרד.

בא דער אנטוויקלונג פונ דעמ האנדל האָבנ שוינ די ווירטשאפטלעכע פאר־העלטענישנ פונ דעמ מענאָר גיט אנטשפראָכנ מער די נײַע אונטערנעמע־רישע אינטערעסנ פונ לאָרד. אונ אָט, הײבט אָנ דער לאָרד צו פאָדערנ, מע זאָל אימ אָנשטאָט די פארשײדענע גאָבנ אינ נאטור אונ ארבעט בעסער צאָלנ מיט געלט, אונ פאר געלט פלעגט ער שוינ אלײנ דינגענ פרײַע ארבעטער פונ די אָרעמע אונ ערדלאָזע פויערימ. די ארבעט פונ די לוינארבעטער איז גע־ווענ פראָדוקטיווער אונ, אכוצ דעמ, פרײַ פונ די אלטע אײַנגעוואָרצלטע מינהאָגימ. די ערד, וואָס דער לאָרד פלעגט ניט וועלנ באארבעטנ מיט דער הילפ פונ לוינארבעטער, פלעגט ער געווײנלעכ פאר געלט אָפגעבנ אינ ארענדע. זעלבסטפאר־שטענדלעכ, אז דעמ ארבעטלוינ פלעגט דער לאָרד באשטימענ דעמ סאמע נידעריקנ, אונ ארענדע־געלט האָט ער, פארקערט, געפאָדערט זײער א סאכ אונ, נײטיקנדיק זיכ אינ ערד, האָט דער לאָרד גענומענ דירעקט בארויבנ די קלײנע פויערימ.

דער לאָרד שטרעבט, פריִער פונ אַלץ, אײַנגאַנצנ אָפּשנײַדנ זײַנ ווירטשאַפט פונ דער געמײנדע־ווירטשאַפט, אונ דערנאָכ פאַרכאַפּנ אײַנגאַנצנ אויכ די געמײנדע־ערדנ אונ ווערנ איבער זײ פולשטענדיקער באַלעבאָס. דערבײַ פלעגט דער לאָרד אַרומצוי־מענ אָדער אַרומרינגלענ מיט אַ גראָבנ די געוועזענע געמײנדע־פעלדער, אונ דערפונ האָט דאָס האַזיקע פאַרכאַפּנ באַקומענ דעם נאָמענ „אַ ר ו מ צ ו י מ ו נ ג ע נ”.

דעם בײַשפּיל פונעם לאָרד הײבנ אויכ אָנ נאָכצוטאָנ די רײַכערע פּויערים, אינ XIV יאָרהונדערט האָט זיכ דער פּראָצעס פונ „אַרומצוימענ” ערשטנ אָנגעהויבנ.

די סיבעס פונ דעם אופשטאַנד

אָבער אינעם אַנטוויקלענ זײַנ אונטערנעמערישע ווירטשאַפט האָט זיכ דער ענגלישער לאָרד אָנגעשטויסנ, נאָכ מער, ווי דער פראַנצויזישער סעניאָר, אָפּ אַ רײ שוועריקײַטנ.

אינ ענגלאַנד איז נאָכ דער פּעסט, — ווי עס האָט געשריבנ אײנער פונ יענער צײַט, — „אַלצדינג געוואָרנ צוויי מאָל טײַערער: אי געצײַג אי פּראָדוקטנ אי סכוירעס אי אַ ר ב ע ט ע ר אי ע ר ד אַ ר ב ע ט ע ר. אַנ אויסנאַם זײַנענ בלויז ערדפּלעצער אונ וווינונגענ, ווײַל דאָס, ווײַזט זיכ אַרויס, איז פאַראַנ צופיל. די ברויט־פרײַזנ זײַנענ געשטיגנ, די פריצים האָבנ פאַרכאַפּט פיל ערד, וואָס די פּויערים האָבנ אָוועקגעוואָרפנ”. האָט מענ ערשט געקענט פאַרברײטערנ די פּראָדוקציע אונ מיט פרעמדע הענט מאַכנ אַ פּאַרמעגנ, האָבנ אָבער אויסגעפעלט אַרבעטער. אַרבעט־הענט זײַנענ שטאַרק טײַער געוואָרנ.

פּרוּוונדיק קעמפנ קעגנ אָט דעם מאַנגל אינ אַרבעט־הענט אונ קעגנ וווּקס פונעם אַרבעטלוינ, האָבנ די פריצים זיכ דערשלאָגנ דערצו, אַז עס איז אַרויסגעגעבנ געוואָרנ אַ ספּעציעלער „סטאַטוט וועגנ אַרבעטער”, וואָס האָט אײַנגעשטעלט, אַז דער אַרבעטלוינ דאַרפ זײַנ ניט העכער ווי ער איז געווענ ביז דעם „שוואַרצנ טויט”. דאָס האָט געגעבנ די לאָרדנ דאָס רעכט צו נעמענ מיט גוואַלד אַפּ פעלד־אַרבעט אָרעמעלײַט, וועלכע פאַרמאָגנ ניט קײנ ערד אונ זײַנענ ניט פאַרנומענ בא קײנ שום פּראָדוקציע. אַ סאַכ לאָרדנ, ווידער, האָבנ גענויט זײערע געוועזענע לײַבײגענע צו דער פריִערדיקער צוואַנגאַרבעט.

אײַנצײַטיק האָט די מילכאָמע מיט פראַנקרײַכ אַרויסגערופנ אַ פאַרשטאַרקונג פונ דער שטײַערנ־לאַסט. ס'איז אײַנגעפירט געוואָרנ אַ נײַער קאָפּשטײַער, וועלכנ מע פלעגט אופמאָנענ מיט אַ מוירעדיקער אַכזאָריעס. דאָס איז געווענ דער לעצטער שטויס צו דעם מוירעדיקנ אופשטאַנד, וואָס האָט זיכ צעפלאַקערט אינ 1381 יאָר.

„דאָס פאָלק, — שרײַבט אײנער אַנ אַדעליקער פונ יענער צײַט, — האָט אָנגעהויבנ אופשטײנ אונ אופהײבנ זיכ, וואָרעמ מע האָט אים געהאַלטנ, ווי עס זאָגט, אינ אַ צו שווערער פאַרשקלאַפונג; אינ אָנהײב פונ דער וועלט זײַנענ דאָכ קײנע שום לײַבײגענע ניט געווענ; די פּויערים זײַנענ פונקט די זעלבע מענטשנ, ווי זײערע האַרנ, אונ באַגײנ באַגײט מענ זיכ מיט זײ, ווי מיט בעהײמעס; מער לײַדנ קאָנענ זײ דאָס ניט אונ ווילנ ניט. זײ ווילנ זײַנ יאַדאַכעס; אונ אויב זײ וועלנ אַקערנ אָדער טאָנ וועלכע־ניט־איז אַנדערע אַרבעט פארנ סעניאָר, ווילנ זײ דערפאַר באַקומענ געצאָלט”.

וואָס־זשע האָבנ די פּויערים געפאָדערט? די מער פאַרמעגלעכע אונ די מיטלע פּויערים האָבנ געפאָדערט אָפּצושאַפנ די לײַבײגענע אָפּהענגיקײַט, פאַרניכטנ די פּאַנ־שטשינע, אָפּשאַפנ דעם „סטאַטוט וועגנ די אַרבעטער” אונ אַריבערפירנ אַלע אַרבעט־

פליכטנ אינ געלט. די רײַכע לײַט האָבנ נאָכ צוגעגעבנ די פאָדערונג וועגנ פרײַע האַנדל. פאַר די אָרעמע גרופּנ אָבער איז דאָס ווּכטיקסטע געווענ די פראַגע וועגנ ערד: זיי זײַנענ באַשטאַנענ אַפּ דעמ, מע זאָל אומקערנ די ערד, וואָס די פּריציִמ האָבנ פאַרכאַפּט, און אָפּנעמענ און צעטיילנ די קירכנ־גיטער.

די לאָלאַרדנ

אינעמ צוגרייטנ און פאַנאַנדערוויקלענ דעמ ענגלישנ אופשטאַנד האָט אַ באַדײַטנדיקע ראָליע געשפּילט די סעקטע לאָלאַרדנ. באַזונדערס שטאַרק זײַנענ די לאָלאַרדנ געווענ אינ נאָרפאָלק — דעמ צענטער פונ דער ענגלישער וואָל־אינדוסטריע. זיי האָבנ אויסגעדריקט די אומצופרידנקײַט פונ די שטאָטישע געזעלנ און שוואַרצאַרבעטער מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, און די רעדעס זייערע זײַנענ געווענ געווענדט קעגנ פּריוואַט־אייגנטומ, אלס יעסאָד פונ דער געזעלשאַפטלעכער אומגלײַכהײַט.

די אַגיטאַציע פונ אַט די וואַנדערנדיקע פּריידיקער האָט געהאַט אַ גרויסנ דערפאָלג אויכ צווישנ דעמ אָרעמענ פּויערטומ און די באַטראַקעס. אַ באַזונדערס גרויסנ דערפאָלג האָט געהאַט די פּראַגע, וועלכע די לאָלאַרדנ־אַגיטאַטערס פלעגנ פאַרגעבנ: „ווענ אָדאָמ האָט געאַקערט און כאַווע האָט געשפּינט, איז ווער דאַנ געווענ פּאָרעץ?".

אַט וואָס עס פלעגט זאָגנ איינער פונ די פירער פונ די לאָלאַרדנ דזשאָנ באָל, דערקלערנדיק דעמ דאָזיקנ לאָזונג:

„גוטע מענטשנ, אינ ענגלאַנד קאָנ דאָס לעבנ ניט גייג גוט אַזוי לאַנג, ביז דאָס פאַרמעגנ וועט ניט ווערנ קיינ געמיינזאַמס און ביז עס וועט ניט ווערנ אויס פּויערימ און אויס אַדעליקע און ביז מיר אַלע וועלנ זיכ ניט אויסגלײַכנ. אַלע שטאַמענ מיר פונ איינע און די זעלבע עלטערנ, פונ אָדאָמענ מיט כאַווענ. מיט וואָס זײַנענ די, וואָס מיר רופּנ זיי סעניאָרנ גרעסערע פּריציִמ פונ אונדז? פאַר וואָסערע פאַרדינסטנ? פאַרוואָס האַלטנ זיי אונדז אינ שקלאַפערײַ? פאַרוואָס טײַנענ זיי, אַז זיי זײַנענ גרעסערע פּריציִמ פונ אונדז און מיט וואָס קענענ זיי דאָס דערווײַזנ? סײַדנ דערמיט, וואָס זיי צווינגענ אונדז צו אַרבעטנ און אַרויסבאַקומענ דאָס, וואָס זיי צעטרענצלענ. זיי זײַנענ אָנגעטאָנ אינ סאַמעט און אינ זײַדנס, אונטערגעשלאָגנ מיט הערמעטינ און פּיי, און מיר טראָגנ פּראָסטע געוואַנט. זיי האָבנ ווײַנ, געווירצנ און גוטנ ברויט. און מיר האָבנ קאָרנ, קלײַענ, מעקענע, און טרינקענ טרינקענ מיר וואַסער. זיי האָבנ פרײַע צײַט, זיי האָבנ פײַנע שלעסער, און פאַר אונדז איז פּײַנ און אַרבעט, רעגנ און ווינט אינ אָפענעמ פעלד; הייסט עס, פונ אונדז און פונ אונדזער מי האָבנ זיי געשאַפנ זיכ די דאָזיקע לאַגע".

אוואָט טײַלערס אופשטאַנד

דער אופשטאַנד איז אויסגעבראָכנ אינ 1381 יאָר גלײַכצײַטיק אינ אַ ריי ערטער פונ דאָרעמ־מיזרעכ־ענגלאַנד: אינ קענט, נאָרפאָלק און אַנד. אינ דער שפּיצ פונ דעמ סאַמע שטורמישנ — דעמ קענטער אופשטאַנד — האָט זיכ געשטעלט אַ בלעכער־אַרבעטער אוואָט טײַלער, אַ מענטש אַ דערפאַרענער אינ מיליטער־וועזנ. צענדליקער טויזנטער פּויערימ האָבנ זיכ באַוואָפנט מיט וואָס עס האָט זיכ נאָר געמאַכט אונטערנ האַנט און זיכ אַוועקגעלאָזנ צו לאָנדאָנ. זיי האָבנ גראַמירט אַפּנ וועג די מאַיאָנטקעס פונ די פעאָדאַלנ, פאַרברענגט די פעאָדאַלע אַרכיוונ און באַפרײַט די געפאַנגענע פונ די טורמעס. אינ פיל ערטער האָט די דאָזיקע באַוועגונג געשטיצט די דאָרפישע אָרעמשאַפט און די געזעלנ, וועלכע פלעגנ „אָפּהאַקנ די מײַסטערס די קעפּ און צושטיינ צומ אופשטאַנד".

אָנהייב יונ זײַנענ, ווי אײנע א כראָניק פונ יענער צײַט דערציילט, „די געמיינדעס פונ קענט צוגעקומענ צו בלעקהיז („טונקעלע לאָנקע”), דרײַ מײַל ווײַט פונ לאָנדאָנ, אינ דער צאָל פונ 50 טויזנט מאנ און האָבנ פאנאנדערגעוויקלט צוויי פאָנענ פונ דעמ הייליקנ געאָרגי אונ 40 קליינע פלאגנ. עס זײַנענ אָנגעקומענ פונ יענער זײַט וואסער אויכ די געמיינדעס פונ עסעקס—א 60 טויזנט מאנ, קעדיי צו העלפנ זיי אונ צו באקומענ אנ ענטפער פונעמ קיניג (אפ די פאָדערונגענ פונ די אופגעשטאנענע)”. ניט דערווארטנדיק זיכ אפנ ענטפער, האָבנ די אופשטענדלער, מיט דער הילפ פונ דער לאָנדאָנער שטאָטישער אָרעמשאפט, זיכ ארײַנגעריסנ אינ דער הויפט־שטאָט, אונ האָבנ פארברענט די פאלאצנ פונ די גרעסטע פעאָדאלנ אונ גווירימ אונ האָבנ דערמאָרדעט די מער פארהאסטע אונטערדריקער. דער קיניג האָט זיכ פארשפארט אינ דער לאָנדענער פעסטונג טאָוער. ער איז אָבער פונ דאָרט אײַנגיכנ אנטלאָפנ, אונ נאָכדעמ האָבנ די פעסטונג פארכאפט די אופגעשטאנענע.

דער איבערגעשראָקענער קיניג האָט אָנגעהויבנ פירנ אונטערהאנדלונגענ מיט די פויערימ אונ האָט פײַערלעכ אײַנגעשטימט אפ אלע זייערע פאָדערונגענ. ער האָט טייקעפ באפוילנ די שרײַבער, זיי זאָלנ צוגרייטנ די נייטיקע דאָקומענטנ, וואָס זאָלנ באשטעטיקנ זײַנע צוזאָגנ. אָבער ווענ דער גרעסטער טייל אופגעשטאנענע, גלייבנדיק אינ זײַנע צוזאָגנ, איז זיכ פאנאנדערגעגאנגענ אהיימ, האָט דער קיניג צוזאמענ מיט זײַנע מעקורעווימ פארעטעריש דערהארגעט וואָט טײַלערנ אונ אויסגעראָטנ א באדײַטנדיקע צאָל פויערימ, „וואָס זײַנענ ארומגערינגלט געוואָרנ, ווי שעפסנ אינ א זאהאָנ”. דערנאָכ האָבנ די פעאָדאלנ אונ גווירימ צונויפגעקליבנ א סאכ מיליטער, וואָס האָט גאנצ שנעל דערשטיקט דעמ אופשטאנד אונ האָט זיכ אָנגעהויבנ אָפרעכענענ מיט די אופשטענדלער.

דער קיניג האָט צוגעזאָגט מויכל צו זײַנ די, וואָס וועלנ אנידערלייגנ דאָס געווער. ווי־זשע האָט ער אויסגעפילט דעמ דאָזיקנ צוזאָג זײַנעמ? דערויפ ענטפערט די דערציילונג פונ איינעמ א מענטשנ פונ יענער צײַט: „אונ אָט איז לויטנ באפעל פונעמ קיניג אוועקגעשיקט געוואָרנ א ריכטער, קעדיי צו פירנ די אויספאָרשונג איבער די אופגעשטאנענע אונ קעדיי צו באשטראָפנ זיי. ער איז אומעטומ ארומגעפאָרנ. קיינעמ ניט געשאנעוועט אונ האָט א סאכ בלוט פארגאָסנ. ווײַל ער האָט אלעמענ, וועמ עס איז נאָר געווענ באשולדיקט, מיט רעכט אָדער פונ סינע, טייקעפ ארויסגעטראָגנ א טויט־אורטייל. אייניקע פלעגט ער באפוילנ אראָפצוהאקנ דעמ קאָפ, אנדערע פאָשעט צו הענגענ, אייניקע האָט ער באפוילנ שלעפנ איבער דער גאנצער שטאָט אונ דערנאָכ קעפנ זיי, פערטלענ אונ אופהענגענ אינ פיר עקנ שטאָט. בא אנדערע פלעגט ער באפוילנ ארויסלאָזנ די געדערימ אונ פארברענענ פאר זיי אינ די אויגנ, קאָלזמאנ זיי האָבנ נאָכ געלעבט”.

אָבער דער אופשטאנד, כאָטש ער איז ניט געלונגענ, האָט באוויזנ, אז די פויערימ קאָנענ ארויסטרעטנ ווי א גרויסע קראפט. ניט געקוקט דערויפ, וואָס דער אופשטאנד איז דערשטיקט געוואָרנ, זײַנענ די לײַבייגנטומ־פארהעלטענישנ אינ ענגלאנד פונדעסטוועגנ גאנצ שנעל ליקווידירט געוואָרנ. אינ XV יאָרהונדערט טרעפט מענ שוינ אינ ענגלאנד זייער זעלטנ די לײַבקנעכטשאפט.

די סיבעס פונ די מאפאָלעס פונ די פויערימ

מיט וואָס דערקלערט זיכ די מאפאָלע פונ די פויערימ־אופ־שטאנדנ? צוליב די באדינגונגענ פונ זייער לעבנ און ארבעט זײַנענ די פויערימ ניט געווענ צוגעווינט צו קיינ סאָלידארישנ געמיינזאמענ קאמפ אונ צו איניציאַטיוו.

די פויערימ זײַנענ געווענ געווינט צו ארבעטנ אָפּגעזונדערט, יעדערער אפ זײַנ שטיקל ערד; באמ פארקויפנ פראָדוקטנ אפנ מארק פלעגנ זיי ארויסטרעטנ אלס קאָנקורענטנ איינער פונעמ אנדערנ. דאָס לעבנ אינ פארוואָרפענעמ דאָרף, די איינ־ארטיקײַט פונ דער ארבעט אונ דער יאָכ פונ לײַבייגנטומ האָבנ טאָרמאָזירט זייער קולטורעלע אנטוויקלונג אונ זעלבשטענדיקײַט. כאראקטעריסטיש, אז אינ דער שפּיצ פונביידע אופשטאנדנ, אינ פראנקרײַכ אונ אינ ענגלאנד, זײַנענ געשטאנענ ניט קיינ פויערימ־ארבעטער, נאָר האנטווערקער.

די פויערישע מאסנ האָבנ ניט פארמאָגט קיינ אלגעמיינע, כאָטש וויפל־ניט־איז פעסטע אָרגאניזאציעס. זייער מיליטער פלעגט זיכ טיילנ אפ א רײ באזונדערע קוימ באוואָפנטע, ניט־געשולטע אָטריאדנ, וואָס האָבנ געוויינלעכ געקעמפט אָפּגע־זונדערט, יעדערער אפ זײַנ אייגענער אכרײַעס. עס פלעגט ניט־זעלטנ טרעפנ, אז באזונדערע אָטריאדנ פלעגנ גלויבנ די פאלשע צוזאָגנ פונ די פעאָדאלנ, פארלאָזנ דאָס איבע־ריקע מיליטער אונ זיכ צעגיינ אהיימ. די פויערימ האָבנ זיכ געהאלטנ בא זייערע אָרטיקע אינטערעסנ, בא די נויטנ פונ זייער אייגנ דאָרפ, פונ זייער אייגענעמ קרײַז; נעמענ, ווידער, אינ אכט די אלגעמיינע קלאסנ־אינטערעסנ זײַנענ זיי געוויינלעכ ניט געווענ פייִק. א גרויסע באדײַטונג האָט נאָכ דערבײַ געהאט די פאַרשיידנקײַט פונ די אינטערעסנ בא די באזונדערע שיכטנ פונ פויערטומ. די פויערימ האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ ניט בעקויעכ צו שלאָגנ זיכ מיטנ גוט־באוואָפנטנ מיליטער פונ ריטער, פאר וועמענ די מילכאָמע איז געווענ א געוויינלעכע באשעפטיקונג אונ וואָס האָבנ אויסגעצייכנט פארשטאנענ, וואָס פאר א געפאר פאר דער עקספּלואטאטאָרישער אָר־דענונג שטעלט מיט זיכ פאר דער ניצאָכנ פונ די אופשטענדלער. אָבער פאר די פוי־ערימ גופע זײַנענ די ענדגילטיקע צילנ אונ די אלגעמיינע וועגנ פונעמ אופשטאנד ניט געווענ גענוג קלאָר.

דער דאָזיקער קאמפ וואָלט אוועק גאָר אנדערש, ווענ אינ דער שפּיצ פונ די פויערימ, פירנדיק זיי נאָכ זיכ, וואָלט זיכ געשטעלט דער א ר ב ע ט ע ר־ק ל א ס. אָבער דער ארבעטער־קלאס האָט זיכ נאָכ אליינ ניט געהאט אויסגעבילדעט צו יענער צײַט. אונ די שטיצע, וואָס די פויערימ האָבנ באקומענ מיצאד דער שטאָטי־שער אָרעמשאפט, איז געווענ ניט קיינ גענוג אקטיווע. די שטאָטישע אריסטאָקראַ־טיע, ווידער, האָט מוירע געהאט פאר די דערפאָלגנ פונ די אופגעשטאנענע עקס־פלואטירטע מאסנ אונ פלעגט זוכנ א בונד מיט די פעאָדאלנ.

ניט געקוקט אפ זייערע דורכפאלנ, האָבנ די פויערימ־אופשטאנדנ געהאט א גרויסע רעוואָלוציאָנערע באדײַטונג. די דאָזיקע באוועגונגענ האָבנ צעטרייסלט די יעסוידעס פונ דער פעאָדאלער לײַבייגנטימערישער אָרדענונג אונ מיטגעהאָלפנ איר צעפאלונג.

פ ר א ג ע ס :

וואָס זײַנענ געווענ די סיבעס פונעמ אופשטאנד פונ די ענגלישע פויערימ אונ שטאָטישער אָרעמשאפט?

וואס האבנ זיכ געוואלט דערשלאגנ די אופגעשטאנענע?
ווער זיינענ געווענ די לאלארדנ אונ וואס האבנ זיי געפרעדיקט?
ווי איז דורכגעגאנגענ דער אופשטאנד אונ מיט וואס האט ער זיכ פארענדיקט?
מיט וואס דערקלערט זיכ די מאפאלע פונ די אופגעשטאנענע?
וואס פאר א ראליע האט געשפילט די בורזשואזיע אינ די פויערימ-אופשטאנדנ פונ יענער צייט?

קאפיטל VI

דער קלאסנקאמפ אינ די שטעט

15. די איטאליענישע שטאטישע רעפובליקנ

וווקס פונ דער אינדוסטריעלער פראדוקציע

די אנטוויקלונג פונעמ אייראפעיִשנ האנדל אינ דער עפאכע פונ די קרייצ־צוגנ אונ פונ דער גרויסער דייטשישער האנזע (זע קאפיטל IV) איז מעגלעכ געווענ בלויז אפ דער באזע פונ אנ אנטשפרעכיקנ וווקס אונ אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע. דער האנדל גיט דאכ בלויז איבער פונ איינ האנט אינ דער צווייטער די שוינ געשאפענע ווערטנ — די סכוירעס. אבער שאפנ פלעגט מענ די דאזיקע סכוירעס אדאנק דעמ, וואס עס האט זיכ געלאזט מערקנ אנ אלגעמיינער וווקס פונ דער פראדוקציע אונ וואס עס האט זיכ באדייטנדיק פארגרעסערט די צאל מענטשנ, פאר וועמענ דער אנטייל אינ דער אינדוסטריע איז געווארנ זייער גרונט־באשעפטיקונג. אינ די שטעט האבנ זיכ אלצ מער אונ מער אנטוויקלט די מעלאכעס; עס האט זיכ פארשטארקט די ארבעט־צעטיילונג צווישנ שטאט אונ דארפ אונ די ספעציאליזאציע פונ די האנטווערקער. אפילע אינ דארפ האט מענ אלצ אפטער געקאנט זענ, אז די האנטווערקער (שמידנ, טעסלער אא.) ארבעטנ אפ באשטעלונגענ.

וואס ווייטער (XIV—XV יארהונדערטער) פארשטארקט זיכ אלצ מער די ספעציאליזאציע פונ דער האנטווערקעריי לויט פארשיידענע ראיאנענ אונ לענדער. אויבער־פלאנדריע, צומביישפיל, איז געווענ בארימט מיט דער פראדוקציע פונ פיינע געוואנטנ, די נידער־דייטשישע שטעט — מיט דער אויסארבעטונג פונ לייוונט, צאפנ־איטאליע — מיט זיידנס, מילאנ — מיט טייערע מיניִמ געווער אאוו. אינ דער שטאט בריוגע (פלאנדריע) זיינענ 68 פראצ. פונ אלע איינוווינער אינ XIV יארהונדערט געווענ באשעפטיקט מיט דער פראדוקציע פונ געוואנט.

נאכנ וווקס פונ דער אינדוסטריע איז געקומענ די פארשטארקונג פונעמ האנדל, אונ דאס ווידער, האט געווירקט אפ איר ווייטערדיקער אנטוויקלונג.

אינ די עקאנאמיש מער אנטוויקלטע לענדער, אונ פריִער פונ אלצ אינ איטאליע, האט דער דאזיקער וווקס געבראכט צו דער צעפאלונג פונ די אלטע אונ צו דער אנטשטייונג פונ נייע פראדוציר־פארמענ.

די אנטוויקלונג פונ די צאפנ־איטאליענישע שטעט

אינ רעזולטאט פונ די קרייצ־צוגנ אונ פונ דער פארברייטערונג פונעמ האנדל־אומזאצ האבנ מער פונ אלצ אויסגעשפילט די צאפנ־איטאליענישע שטעט, דערהויפט ווענעציע אונ גענוע. דער שנעלער וווקס פונ זייערע רייכטימער איז אינ גרונט פארגעקומענ אדאנק דעמ פארמיטלערישנ האנדל אונ דעמ בארויבנ די קאלאניעס. פאר־

העלטנישמעסיק א קלענערע באדײַטונג האָט געהאט די אנטוויקלונג פונ דער אײגענער פּראָדוקציע אינ די דאָזיקע שטעט.

ווענעציע איז שוינ אינ XIII יאָרהונדערט געווענ בארימט מיט אירע זײַדנס אונ גלאָז. אינ די דאָזיקע פּראָדוקציעס, וואָס מע האָט געבראכט פונ מיזרעכ, האָט די „קיניגינ פונ דער אדריאַטיק" א לאנגע צײַט ניט געוווּסט פונ קיינ קאָנקורענטנ. די סוידעס פונ די דאָזיקע פּראָדוקציעס פלעגנ שטרענג אָפּגעהיט ווערנ. אינ אײנעמ א באשלוס לײענענ מיר: „אויב ווער פונ די ארבעטער אָדער פונ די מײַסטערס וועט צומ שאָדנ פונ דער רעפּובליק אריבערטראָגנ זײַנ קונסט פונ ווענעציע אינ אנ אנדער אָרט, וועט אימ געשיקט ווערנ א באפעל אומצוקערנ זיכ. אויב ער וועט ניט פאָלגנ, וועלנ ארײַנגעזעצט ווערנ אינ טורמע זײַנע סאמע נאָענטע מענטשנ, קעדײ דערמיט צווינגענ אימ צו פאָלגנ. אויב ער וועט זיכ אײַנשפּארנ אונ וועט דאָסקע וועלנ פארבלײַבנ אינ דער פרעמד, וועט נאָכ אימ געשיקט ווערנ אנ אגענט, וואָס וועט האָבנ דעמ אויפטראָג צו דערמאָרדנ אימ". די מענטשנ פונ יענער צײַט דערצײלנ, אז מע פלעגט טאקע גאנצ אָפט אינ פארשײדענע שטעט פונ איטאליע אונ דײַטשלאַנד געפינענ דערמאָרדעטע ווענעציאַנישע ארבעטער.

אָבער, מיר כאַזערנ איבער נאָכ א מאָל, די גרונט־קראַפט פונ ווענעציע, אונ נאָכ מער פונ גענוע, איז געווענ אינעמ האנדל. גאָר אנדערש איז עס געווענ אינ א רײ אנדערע צאָפנ־איטאליענישע שטעט, וואָס זײַנענ געווענ דערוועטערט. פונעמ יאמ־האנדל אונ האָבנ קאָנצענטרירט אלע זײערע אָנשטרענגונגענ אַפ אויסארבעטנ סכוירעס, וועלכע זײַנענ נײטיק פארנ האנדל. דאָ צײכנט זיכ באזונדערס אויס פלאָרענצ.

די געוואנט־אינדוסטריע אינ פלאָרענצ

סאָפ XII יאָרהונדערט ווערט שוינ פלאָרענצ א גרויסער צענטער פונ דער וואָל־אינדוסטריע אונ איז בארימט מיט דער אויסארבעטונג פינ געוואנט. אינ XIV יאָרהונדערט איז אינ פלאָרענצ בא דער געוואנט־פּראָדוקציע געווענ באשעפטיקט ביז 30 טויזנט מאנ.

די געוואנט־פּראָדוקציע איז געווענ אויסגערעכנט אַפנ ב ר ײ ט נ מ א ר ק. די פּראָדוקציע איז געגאנגענ ניט דירעקט פארנ געברויכער, ווי דאָס איז געוויינלעכ געווענ אינעמ האנדל פונ דער פעאָדאלער שטאָט, נאָר פארנ ארויספיר אינ גרויסע פארטיעס אינ אנדערע שטעט פונ איטאליע, אונ אפילע קײנ דײַטשלאנד אונ אַפ מיזרעכ. צי וואָלט זיכ געקאָנט ספראווענ מיט א פּראָדוקציע פונ אזא מאסשטאב די געוויינלעכע האנטווערקעריש־צעכישע פּראָדוציר־אָרגאניזאַציע, וואָס איז אויסגערעכנט אַפ קלײנ־פּראָדוקציע פארנ שמאָלנ אָרטיקנ מארק? קלאָר, אז ניט. אינ פלאָרענצ קומענ אויפ, פריִער ווי וו־ניט־איז אנדערש, נײַע פאָרמענ פונ דער אינדוסטריע.

לאָמיר א קוק טאָנ, ווי איז דאָרט אינ XIV יאָרהונדערט געווענ אָרגאניזירט די געוואנט־פּראָדוקציע.

אינ דער שפּיצ פונ דער גאנצער פּראָדוקציע זײַנענ געשטאנענ די צוויי רײַכסטע „צעכנ" — „לאנא" * אונ „קאלימאלא" (לויטנ נאָמענ פונ א גאס אינ פלאָרענצ). באָטש די דאָזיקע פארײניקונגענ האָבנ געהײסנ „צעכנ", אָבער אינדערעמעסנ זײַ־

---

* „ל א נ א" הײסט וואָל.

גענ זיי באשטאנענ ניט פונ האנטווערקער, נאָר פונ הענדלער און אונטערנע־מער.

„קאלימאלא” האָט זיכ פארנומענ מיט אופקויפנ ביליקע און פּראָסטע געוואנט און פלעגט זיי דערנאָכ אינ די האנטווערקערישע ווארשטאטנ, וואָס זײַנענ זיי געווענ אונטערגעוואָרפנ, איבערארבעטנ אינ איידעלע און טײַערע סאָרטנ, וועלכע פלעגנ פארקויפט ווערנ אינ אויסלאנד.

„לאנא” האָט פאבריצירט געוואנט פונ אָנהייב ביזנ סאָפ. נאָר אויכ דאָ האָבנ די האנטווערקער געארבעט פארנ אונטערנעמער, וואָס פלעגט זיי באזאָרגנ מיט רויוואַרג און פלעגט בא זיי צונעמענ פארטיקע געוואנט. אָנהייב XIV יאָרהונדערט האָט בלויז דער „צעכ” „לאנא” פארייניקט בא 300 ווארשטאטנ, וואָס פלעגנ אויס־ארבעטנ געוואנט.

שפּינענ פלעגנ אמערסטנ פרויענ פונ די ארומיקע דערפער, וואָס די אגענטנ פונ די אופקויפער פלעגנ באזאָרגנ מיט וואָל. אינטערעסאנט, אז די נאָ־לאָכימ האָט מענ פארזאָגט, זיי זאָלנ אינ זייערע קלויסטער־דראָשעס אײַנרײדנ די שפּינערנס, זיי „זאָלנ ערלעכ אויספילנ די אָנפארטרויטע ארבעט”. אינ פאל, ווענ זיי וועלנ זיכ באציִענ צו דער ארבעט ניט געוויסנהאפט, האָבנ די גאלאָכימ געדארפט ארײַנליינג די שולדיקע אינ כיירעמ. אזויארומ האָט די קירכע אויכ דאָ, ווי ווײַט זי האָט נאָר געקאָנט, געהאָלפנ עקספּלואטירנ די האָרעפּאשניקעס.

די ווײַטערדיקע ארבעט האָט זיכ געפונענ אינ די הענט פונ צוויי האנטווער־קערישע צעכנ: וועבער און פארבער. אי די אי יענע איז געווענ פארווערט זעלב־שטענדיק צו האנדלענ מיט זייערע אויסארבעטונגענ, און דאָס האָט זיי געשטעלט אינ א דירעקטער אָפּהענגיקײַט פונ „לאנא” און „קאלימאלא”, וואָס האָבנ דיק־טירט סײַ די פרײַזנ סײַ דעמ סכומ פונ דער פּראָדוקציע.

באזונדערס געדריקט זײַנענ געווענ די וועבער, ווײַל די מערהײַט פונ זייערע וועבשטולנ האָט אָדער געהערט צו די געוואנט־אופקויפער, אָדער איז געווענ בא זיי פארזעצט. אינ יעטווידנ מאָמענט האָט דער געוואנט־סויכער געקאָנט אָפּנע־מענ בא דעמ האנטווערקער זײַנ וויכטיקסטנ ארבעט־געצײַג.

פארשטארקונג פונ דער עקספּלואטאציע פונ די מײַסטער

די מײַסטערס, ווידער, האָבנ זיכ באמיט ארופצוואַרפנ די גאנצע לאסט אָפּ זייערע געזעלנ און לערנייִנגלעכ. דעמ געזעל מאכט מענ אלצ שווערער און שווערער צו ווערנ א זעלבשטענ־דיקער מײַסטער.

די מערהײַט געזעלנ פלעגנ שוינ דאָס גאנצע לעבנ זייערס פארבלײַבנ ארבעטער באמ מײַסטער. דער ארבעטלוינ פלעגט אײַנגעשטעלט ווערנ אויסשליסלעכ לויט א באשטימונג פונ די צעכ־מײַסטערס און פלעגט קעסיידער אראָפּגעזעצט ווערנ. דערבײַ פלעגט דער צעכ אײַנשטעלנ א גרענעצ פארנ ארבעטלוינ, וואָס העכער דערפונ האָט קיינ איינ מײַסטער ניט געטאָרט צאָלנ זײַנ געזעל. דער ארבעט־טאָג פלעגט געווײנלעכ דויערנ „פונ זונ־אופגאנג ביז זונ־אונטערגאנג” — 14—16 שעה א מעסלעס. גלײַכצײַטיק האָט זיכ אויכ פארערגערט די דערנערונג פונ די געזעלנ און ביכלאל אלע זייערע לעבנ־באדינגונגענ. די פּרוּוונ פונ די געזעלנ צו אָרגאני־זירנ א ווידערשטאנד דער דאָזיקער עקספּלואטאציע פלעגנ דערשטיקט ווערנ אפנ סאמע אכזאָריעסדיקנ אויפנ.

די לוינ־אַרבעטער און די שטאָטישע אָרעמשאַפט

שלעכט האָבנ געלעבט די געזעלנ, אָבער נאָכ ערגער איז געווענ די לאַגע פונ יענע אָרעמעלײַט, וואָס האָבנ געלעבט פונ שוואַרצער, מערסטנטייל טאָג־אַרבעט. אַזעלכע אַרבעטער, וואָס האָבנ „קיינמאָל אינדערפרי ניט געוווּסט, צי וועלנ זיי קריגנ באַטאָג אָוועלכנ־ניט־איז פאַרדינסט", איז אינ XIV יאָרהונדערט אינ די אינדוסטריעלע שטעט, באַזונדערס אינ פלאָרענצ, געווענ ניט ווייניק.

מע דאַרפ זאָגנ, אַז אַלע הילפ־אָפּעראַציעס אינ דער געוואַנט־אינדוסטריע: דאָס קאַמענ, וואַשנ די וואָל אא. פלעגנ באַדינענ ניט די האַנטווערקער אַליינ, נאָר ספּעציעלע אַרבעטער, וואָס מע פלעגט דינגענ פונ דער שטאָטישער אָרעמשאַפט. די דאָזיקע לוינאַרבעטער זײַנענ געווענ אינגאַנצנ רעכטלאָזע און האָבנ זיכ ניט געפונענ אינ קיינ שום צעכ־אָרגאַניזאַציע. דער אַרבעטער, וואָס פלעגט קאַמענ וואָל, האָט געהאַט דאָס רעכט אָפּצוזאָגנ זיכ פונ דער אַרבעט נאָר דאַנ, ווענ ער האָט פריִער מיט 4 כאָדאָשימ געוואָרנט וועגנ דעמ דעמ באַלעבאָס. דער באַלעבאָס אָבער האָט געקאָנט אַרויסטרײַבנ דעמ אַרבעטער, ווענ ער האָט געוואָלט. אַרבעטלאָזיקײַט איז געווענ אַ שטענדיקע דערשײַנונג צווישנ אָט דעמ סאַמע עקספּלואַטירטנ טייל פונ די שטאָטישע האָרעפּאַשניקעס. נידעריקער פונ זיי זײַנענ געשטאַנענ בלויז די בעטלער און די קאַליקעס.

וואָס מער עס איז געשטיגנ דאָס רײַכטומ פונ די עקספּלואַטאַטערס, אַלצ גרעסער איז געוואָרנ די אָרעמקײַט צווישנ די ברייטע מאַסנ פונ דער שטאָטישער באַפעלקערונג. עס איז קעסיידער געשטיגנ די צאָל בעטלער, וואָס לעבנ פונ נעדאָוועס, און אויכ די צאָל פיזיש־אומפעיִקע צו אַרבעטנ. דאָס זײַנענ געווענ קראַנקע און קאַליקעס, בלינדע, משוגאָימ און, דערהויפּט, לעפּראַקראַנקע. אינ XIV יאָרהונדערט איז צווישנ דער 90־טויזנטיקער באַפעלקערונג פונ פלאָרענצ געווענ בא 20 טויזנט בעטלער, אָדער אַזעלכע, וואָס זײַנענ געשטאַנענ אָפּנ ראַנד פונ בעטלערײַ.

וווּכערײַ

בעט זיכ אַ פראַגע: פונוואַנענ איז אינ פלאָרענצ אויפגעקומענ אַזאַ רײַכקײַט, וואָס מיט איר הילפ האָט ניט קיינ גרויסע אָרגאַניזאַציע געהאַלטנ אינ אירע הענט די גאַנצע אינדוסטריע? די דאָזיקע רײַכקײַט האָט זיכ גענומענ, פריִער פונ אַלצ, פונעמ ה א נ ד ל מ י ט ג ע ל ט, ד.ה. פונ וווּכערײַ, פונ באַנקגעשעפט. פלאָרענצ איז געווענ אַ „נעסט" פונ וווּכערניקעס און באַנקירנ, וואָס האָבנ פאַר קאַלאָסאַלע פּראָצענטנ געליִענ געלט ניט נאָר די איטאַליענישע שטעט, נאָר אויכ ווײַטע מעלוכעס. קלאָר, אַז דער האַנדל מיט געלט האָט זיכ אינ XIV—XIII יאָרהונדערט אַנטוויקלט ניט בלויז אינ פלאָרענצ, נאָר אויכ אינ פיל אַנדערע האַנדל־שטעט, דערהויפּט אינ צאָפנ־איטאַליע. פלאָרענצ איז בלויז געווענ איינער פונ די גרעסטע צענטערס פונ וווּכערײַ. פאַר וואָס האָט זיכ אַנטוויקלט די וווּכערײַ?

באַמ אײַנבראָכ פונ דער נאַטורעלער ווירטשאַפט האָבנ אי די פריצימ אי די פויערימ, אי די האַנטווערקער זיכ שטאַרק גענייטיקט אינ געלט. אָט די אַלע גרופּעס פונ דער באַפעלקערונג זײַנענ געווענ געצוווּנגענ אָנצוקומענ „נאָכ הילפ" צו דעמ וווּכערניק. געבנ געלט אָפּ פּראָצענט, האָבנדיק „גאָט אינ האַרצנ" (50—60 פּראָצ, איז ניט געווענ קיינ אויסנאַמ), איז געוואָרנ אינ XIV—XIII יאָרהונדערט

א באשעפטיקונג, וואָס האָט אלץ מער און מער געלוינט. דערמיט האָבנ זיכ באַשעפטיקט דערהויפט די איטעליענישע סאָכרים, וואָס האָבנ אָנגעקליבנ באַדײַטנדיקע סומעס געלט פונעמ צווישנפעלקערלעכנ האנדל.

צווישנ די וווּכערניקעס הארפ מענ באזונדערס פארצייכענענ די פארשיידענע קלויסטערישע אָרגאניזאציעס — די מאָנאסטירנ, די גײַסטלעכ-ריטערישע אָרדענס אָדנ. שוינ אינ XII יאָרהונדערט זײַנענ די ריטער-מאָנאכנ פונ דעמ אָרדענ טאמפּליערנ * געווענ די גרעסטע וווּכערניקעס. אָט דער „געלעכטער איניענ" האָט ארײַנגעבראכט די „הייליקע פּאָטערס", באזונדערס דעמ פּויפּסט אליינ, גאנצ גרויסע האכנאָסעס.

די באנקירנ און די בענק

די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונ דער סכוירע-און געלט-ווירטשאפט האָט געבראכט צו דער אנטוויקלונג פונעמ קרעדיט-וועזנ און אויכ דערצו, אז צוגלײַכ מיט די וווּכערניקעס און זייערע קאָנטאָרנ זײַנענ אופגעקומענ באנקירנ און בענק. קיינ איינארטיקע און גענויע פעסטע געלט-סיסטעמענ איז אינ יענער צײַט ניט געווענ. מע האָט געמוזט זײַנ א ספּעציאַליסט, קעדיי ניט צו פארפּלאָנטערנ זיכ אינ כעזשבנ, האַנדלדיק אינ די הענט צענדליקער פארשיידנארטיקע מאטבייעס, וואָס זײַנענ שטאמפּירט געוואָרנ אינ פארשיידענע געגנטנ, ניט זעלטנ געפעלשטע, דה. אזעלכע, וואָס מע האָט קינסטלעכ פארקלענערט זייער וואָג, אָדער וואָס אנטהאלטנ א קלענערנ סכום איידעלע מעטאלנ.

דאָס גופע האָט געבראכט צו דעמ אופבלי פונ די כאלפאָנימ, וואָס האָבנ זיכ אינגיכנ פארוואנדלט אינ די ערשטע באנקירנ (פונ דעמ איטאליענישנ וואָרט banco, א רעכנ-טיש, בא וועלכנ מע פלעגט שליסנ די געשעפטנ).

די באנקירנ פלעגנ ניט בלויז אויסבײַטנ געלט, נאָר אויכ איבערשיקנ געלט-סומעס און ארויסגעבנ וועקסלענ, לויט וועלכע זיי פלעגנ זיכ פארפּליכטנ אויסצאָלנ אינ אנ אנדער שטאָט די סומע, וואָס מע האָט זיי ארײַנגעטראָגנ. דאָס איז געווענ באזונדערס וויכטיק בא די וועגנגעפארנ פונ יענער צײַט. די כאלפאָנימ די באנקירנ פלעגט מענ אלס „זיכערע מענטשנ" גיט זעלטנ אָנטרויענ היטנ די פרײַע געלט-סומענ. די דאָזיקע סומענ פלעגנ זיי לאָזנ אינ פארקער, אויסנוצנדיק זיי אלס האלוואָעס פאר די הענדלער און פאר די פארמעגלעכע האנטווערקער. די באנק-הײַזער האָבנ זיכ אויכ פארנומענ (פאר ספּעציעל געצאָלט) דערמיט, וואָס זיי פלעגנ אויסהעלפנ די הענדלער און די אינדוסטריעלער אינ זייערע קעגנזײַטיקע כעזשבוינעס.

די מערהײַט באנק-קאָנטאָרנ האָט געהערט צו פּריוואטע פּערזאָנענ. געזעלשאפטלעכע בענק איז אינ יענער עפּאָכע געווענ נאָכ זייער ווייניק. די עלטסטע

---

* טאמפּליערנ — טעמפּלער — דאָס איז אנ אָרגאניזאציע פונ מאָנאכנ קריגער, וואָס איז אנטשטאנענ אינ מיזרעכ אינ דער צײַט פונ די קרייצ-צוגנ. די גרויסע מיטלענ, וואָס זיי האָבנ אופגעזאמלט דורכנ פארכאפּנ ערד, דורכ האנדלענ און רויבנ אינ מיזרעכ, האָבנ דערלויבט די טעמפּל-ריטער פאנאנדערצוּוויקלענ אינ אייראָפּע א ברייטע וווּכערײַ-טעטיקײַט. דער אָרדענ פונ די טאמפּליערנ איז פארניכטעט געוואָרנ אינ אָנהייב XIV יאָרהונדערט אונטער דער באשולדיקונג אינ אפּיקאָרסעס. דער גרעסטער טייל פונ זײַנ ערד און אנדערע רײַכטומער איז אָנגעקומענ דעמ פראנצויזישנ קיניג פיליפּ דעמ IV.

פונ זיי זיינענ געווענ. די ווענעציאַנער אונ גענוער בענק. גענוער באַנק האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר ענלעכע אַנשטאַלטנ אויכ אינ אַנדערע שטעט.

אינ פלאָרענצ האָבנ געבליט די גרעסטע פריוואַטע באַנק-הייזער.

ווי גרויס עס איז געווענ זייער אומזאַצ, קאָנ מענ זענ פונ פאָלגנדיקנ ביי-שפיל. אינ 1329 יאָר האָט דער ענגלישער קיניג געליִענ בא די באַנקירנ ב א ר ד י אונ פ ע ר ו צ י 1,855.000 גאָלדענע פלאָרינס (אַריבערפירנדיק אפ דער איצטי-קער קויפ-קראַפט, איז 1 פלאָרינ אומגעפער 30 גאָלד-רובל). אינטערעסאַנט, אַז ענגלאַנד האָט דערקלערט א „מעלוכע-באַנקראָט" אונ האָט ניט אומגעקערט די דאָ-זיקע סומע, אונ דערמיט רואינירט די איטאַליענישע באַנקירנ אונ זייערע איינלייגער.

שפּעטער טרעט אַרויס אַלס גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע קראַפט די באַרימטע פאַמיליע „וועלט-באַנקירנ" — די פלאָרענטינער מ ע ד י ט ש י, וואָס האָבנ געהאַט ביז אָנדערהאַלבנ צענדליק אויסלענדישע אָפּטיילונגענ. אויב פערוצים פערזענלעכ פאַרמעגנ אינ XIV יאָרהונדערט קאָנ מענ שאַצנ, אומגעפער, אינ אָנדערהאַלבנ מיליאָנ גאָלד-רובל האָבנ די מעדיטשי אינ XV יאָרהונדערט שוינ פאַרמאָגט 15 מיליאָנ. די מעדיטשי האָבנ געפירט די געלט-איניאָנים פונ דעם רוימישנ פויפסט.

די הערשאַפט פונ דער שטאָטישער אַריסטאָקראַטיע

עס איז גאָר ניט שווער פעסטצושטעלנ, אינ וועמעס הענט עס איז געווענ קאָנצענטרירט די מאַכט אינ אַזעלכע שטעט, ווי פלאָרענצ.

אינ XIV יאָרהונדערט האָט דאָרט געהערשט די „אַרי-סטאָקראַטיע", וואָס איז באַשטאַנענ פונ באַנקירנ, פונ באַלעבאַטים פונ וואָלוועבערייאונ זיידוועבערייוואַרשטאַטנ אונ פונ רייכע הענדלער. זיי זיינענ געווענ פאַ-רייניקט אינ 7 אַזוי-גערופענע „עלטערע" צעכנ, וואָס האָבנ געהאַט די גרעסטע דייע אינעמ פאַרוואַלטנ מיט דער שטאָט.

די גרעסטע מערהייט אָבער זעלבשטענדיקע האַנטווערקער, וואָס האָבנ געהערט צו די 14 „יינגערע" צעכנ, שוינ אָפּגערעדט פונ די געזעלנ אונ פונ דער שטאָטי-שער אָרעמשאַפט, איז פאַקטיש געווענ באַזייטיקט פונ דער מאַכט.

אָנשפאַרנדיק זיכ אפ דער דאָזיקער מאַכט, האָבנ די גווירים אַלצ שטייפער פאַרצויגנ די שטריק פונ עקספּלואַטאַציע אפנ האַלדז פונ די האָרעפּאַשנע שטאָט-איינוווינער. אונ די האָרעפּאַשנע שטאָט-איינוווינער, פונ זייער זייט, האָבנ אינ א גאַנצער ריי אופשטאַנדנ געפרווט אַראָפּשליידערנ פונ זיכ אָט דעמ שווערנ יאָכ, די דורכפאַלנ פונ די דאָזיקע פרווונ האָבנ געבראַכט דערצו, אַז די מאַכט פונ דער שטאָטישער אַריסטאָקראַטיע איז נאָכ מער פאַרשטאַרקט געוואָרנ.

אינ פלאָרענצ האָט דער פאַרשאַרפטער קלאַסנקאַמפ געשטעלט פאַר דער אַריסטאָקראַטיע די פראַגע וועגנ דער נייטיקייט נאָכ מער צו פאַרפעסטיקנ די מעלוכע-מאַכט אונ קאָנצענטרירנ זי אינ איינ האַנט. גלייכצייטיק האָט דער וווּקס פונעמ רייכטומ אונ פונעמ איינפלוס פונ דער באַנקירנ-פאַמיליע מעדיטשי פאַרויס-גאַשטימט די פראַגע — וועמעס „האַנט" דאָס זאָל זיינ. באַזיצנדיק קאָלאָסאַלע געלט-סומענ, זיינענ די מעדיטשי לאַנגזאַמ, אָבער זיכער געגאַנגענ צו איינפערזאָ-ניקער מאַכט.

ביזנ XV יאָרהונדערט איז פלאָרענצ געווענ א ר ע פ ו ב ל י ק. מיט אַלצ

האָט אָנגעפירט א הױפּל גווירימ, וואָס פלעגט אויסטײלנ פונ איר אײגענער סוויווע אפ א באשטימטנ טערמינ די העכסטע אמט-לײַט. אזא רעפּובליקאנישע אָרדענונג האָט אויכ עקזיסטירט אינ יענער עפּאָכע אינ דער מערהײט אנדערע אומאָפּהענגיקע שטעט אונ געגנטנ פונ צאָפנ-איטאליע.*

אינמיטנ XV יאָרהונדערט האָט קאָזימאָ מעדיטשי, אונ נאָכ אימ זײַנ אײניקל לאָרענצאָ, וועלכנ מע האָט פאַרנ פּראכט, מיט וועלכנ ער האָט זיכ ארומגערינגלט, אָנגערופנ לאָרענצאָ דער פּראכטפולער, ארײַנגענומענ אינ די הענט די גאנצע מאכט אינ פלאָרענצ אונ זיכ פארוואנדלט אינ „ניט-געקרוינטע קיניגנ" פונ אט דער רײַכסטער אינדוסטריעלער שטאָט. די מעדיטשי האָבנ פאָרמעל ניט פארניכטעט די פריערדיקע רעפּובליקאנישע אמטנ, זיי האָבנ אָבער דאָרט אָנגעשטעלט דורכויס זײערע אײגענע מענטשנ אונ האָבנ אָנ ראכמאָנעס באזײַטיקט אלע זײערע סאָנימ, ווערנדיק אזויארומ פולמעכטיקע באלעבאטימ פונ דער מעלוכע. כאָבאר, געהײמע מאָרדנ, אפּסאמונגענ — אָט מיט וואָס זיי האָבנ אויסגעשפּרייט דעמ וועג צו דער מאכט.

צוזאמענ דערמיט האָט אָבער לאָרענצאָ מעדיטשי געהאלטנ, אז „דער בעסטער מיטל אויסצוברענגענ געלט" — איז ניט זשאלעווענ קײנ געדאָוועס פאר דער אָרעמשאַפט. די קאָלערלײ „נעדאָוועס" אונ פּראכטפולע „פאָלק"-יאָנטויווימ האָבנ ניט אָנ דערפאָלג אָפּגענאַרט די ווײניק-באוווסטזיניקע אינ יענער צײַט ארבעט-מאסנ. אינ אָנהײב XVI יאָרהונדערט נעמענ אָנ די מעדיטשי דעמ הערצאָג-טיטל.

אינ דער האנדל-ווענעציע, ווו עס איז ניט געווענ קײנ דירעקטע געפאר אפילע פונ קײנ אָנפאנגלעכער ארבעטער-באוועגונג, איז פארבליבנ די רעפּובליקאנישע אָרדענונג. די גאנצע מאכט אינ דער ווענעציאנער האנדל-רעפּובליק האָט זיכ געפונענ אינ די הענט פונ דעמ „גרויסנ ראט", וואָס איז באשטאנענ פונ פאָרשטײער פונ געצײלטע רײַכסטע פאמיליעס. דער דאָזיקער ראט פלעגט אויסוויילנ די העכסטע אמט-פּערזאָנ — דעמ דאָזש אונ אויכ דעמ „ראט פונ די צענ". אינ די הענט פונ דעמ דאָזיקנ ראט איז, אזוי, געווענ קאָנצענטרירט דער גאנצער אויסשפיר-וועזנ אונ דאָס רעכט צו מישפּעטנ אלעמענ, ווער עס איז געווענ פארדעכטיק אינ פארמעסטנ זיכ אפ דער הערשאַפט פונ די גווירימ.

פראגעס:

אינ וועלכע איטאַליענישע שטעט איז שנעלער פונ אלצ געגאנגענ די ווירטשאפטלעכע אנטוויקלונג אונ אינ וואָס האָט זי זיכ אויסגעדריקט?

ווי איז געווענ אָרגאניזירט די געוואנט-אינדוסטריע אינ פלאָרענצ?

אינ וואָס פאר א לאַגע האָבנ זיכ דאָרט געפונענ די געזעלנ אונ די לוינ-ארבעטער?

וואָס פאר א פּאָליטישע אָרדענונג האָט זיכ אײַנגעשטעלט אינ פלאָרענצ אינ XV יאָרהונדערט?

מיט וואָס האָט זי זיכ אונטערגעשײדט פונ דער פּאָליטישער אָרדענונג אינ ווענעציע?

* איטאליע איז אינ יענער צײַט געווענ צעגלידערט אפ פיל באזונדערע זעלבשטענדיקע מעלוכעס. אינ XV יאָרהונדערט האָבנ זיכ צווישנ זיי אויסגעטײלט 5 באזונדערס שטארקע: ווענעציע, פלאָרענצ, רוימ, מילאנ אונ נעאפּאָל.

די אינטערעסנ פונ וועלכע קלאס האָט די מעלוכע־מאַכט פאַרגעשטעלט אינ די איטאַליענישע שטעט?

16. די שטאָטישע אופשטאַנדנ

סײַ אינ איטאַליע סײַ אינ א גאַנצער רײַ אַנדערע מער אַנטוויקלטע לענדער האָט די מאַכט אינ די שטעט * מערסטנטײל פאַרכאַפּט די שטאָטישע אריסטאָקראַטיע. טאָמער האָט געדראָעט א געפאַר אָט דעמ הײַפל עקספּלואַטאַטערס, פלעגנ זײ ניט זעלטנ אויסהעלפנ אויב די פעאָדאַלנ. בײַ יעדנ אופשטאַנד פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ פלעגנ די בורזשואַזיע אונ די פעאָדאַלנ פאַרגעסנ זייער קעגנזײַטיקע פײַנטשאַפט. אונ אַזעלכע אופשטאַנדנ פלעגנ טרעפנ ניט זעלטנ. אײנער פונ די סאַמע פריִע אונ גלײַכצײַטיק סאַמע גרויזאַמע אופשטאַנדנ איז פאַרגעקומענ אינ דער שוינ אונדז באַקאַנטער פלאָרענצ. די איניציאַטערס אונ די גרונטקראַפט פונ אָט דעמ אופשטאַנד זײַנענ געוועג די לוינאַרבעטער.

דער „טשאָמפּי“־אופשטאַנד אינ פלאָרענצ

אינ פלאָרענציע האָט די מאַכט געהערט צו די גווירים — צו דעמ „פעטנ פאָלק“, ווי מע פלעגט זיך דאָנ אויסדריקנ. דאָס גאַנצע „מאָגערע פאָלק“, אונ פריִער פונ אַלצ די אַרבעטער, וואָס זײַנענ אינ קײנ צעכנ ניט אַרײַנ, איז געווענ אַ אַבסאָליוט רעכטלאָזע אונ אונטערדריקטע מאַסע.

אויסנוצנדיק די רײַסערײַ צווישנ די „עלטערע“ אונ „יִונגערע“ צעכנ, האָט דאָס „מאָגערע פאָלק“ אופגעהויבנ אינ 1378 יאָר אַנ אָפענעמ אופשטאַנד קעגנ די שטאָטישע רעדלפירער אונ גווירים. די ערשטע זײַנענ אופגעשטאַנענ די געוואַנט־אַרבעטער. אונטער די קלאַנגענ פונעמ אַליאַרמ־גלאָק, צעוויקלט א פאָנ מיטנ בילד פונעמ „מאַלעכ־האַמאַשכים“ (דער אויסראָטער), מיט געווער אינ די הענט אונ מיט אויסגעשרייענ: „פײַער אונ בלוט“, זײַנענ די אַרבעטער ארוים אינ גאַס. בײַ 20 טויזנט „טשאָמפּי“ (שלעפּערס), וואָס זײַנענ אַרויסגעטראָטנ, האָבנ כאָרעוו געמאַכט אונ פאַרברענט די הײַזער פונ די סאַמע פאַרהאַסטע גווירים (אָפּהאַלנדיק זיך דערבײַ פונ רויבערײַ), האָבנ צעגראָמירט די טורמעס אונ מאָנאַסטירנ אונ האָבנ, סאָפּקאָלסאָפּ, בעראָש מיט זייער פירער מיקעלע לאַנדאָ — א פּאָשעטנ וואָלקעמער — פאַרכאַפּט די געבײַדע פונ דער סעניאָרע (דער „ראַט פונ די הערנ“, ד. ה. די העכסטע שטאָט־פאַרוואַלטונג).

דאָס געדונגענע מיליטער האָט אַרויסגעוויזנ א שוואַכנ ווידערשטאַנד. מוירע האָבנדיק פאַר די אַרבעטער אונ געזעלנ, זײַנענ די האַנטווערקערישע „יִונגערע“ צעכנ געוועג געצוווּנגענ אַרויסצוטרעטנ צוזאַמענ מיט די אַרבעטער. די סעניאָרע איז אײַנגעגאַנגענ אָפּ אַלע פאָדערונגענ פונ די אופגעשטאַנענע, דערינ אויכ אָפּ ענהערנ די רעגירונג־סיסטעמ, אָפּ גרינדנ דרײַ „קלענערע“ צעכנ פאַר אַרבעטער, אָפּשאַפנ די בלוטיקע לײַב־שטראָפנ, פאַרבײַטנ די פּילצאָליקע שווערע שטײַערנ אָפּ אײנעמ — א האַכנאָסע־שטײַער אונ פּראָלאָנגירנ די צאָלונגענ די פּראָצענטניקעס. מיקעלע לאַנדאָ האָט באַקומענ א וויכטיקסטנ שטאָט־פּאָסטנ (גאָנפּאַלאָניער—

---

* בײַמ אינ צאָפנ־איטאַליע זײַנענ די גרויסע שטעט געווענ אינגאַנצנ זעלבשטענדיקע מעלוכעס, האָבנ אינ אַנדערע לענדער די שטעט געווינלעכ אַזאַ לאַגע ניט פאַרנומענ.

דער פאָנענטרעגער פונ דער רעפּובליק), אונ אינ באשטאנד פונ דער נײַער סעניאָ־
ריע איז ארײַנ צו א גלײַכע צאָל פאָרשטייער פונ די עלטערע, יינגערע אונ קלענע־
רע צעכנ. אזוי האָט זיכ געבילדעט א רעגירונג, וואָס האָט עקזיסטירט 40 טעג,
אינ וועלכער די ארבעטער (די קלענערע צעכנ) אונ דאָס קליינבירגערטומ (די האַנ־
טווערקער־מײַסטערס פונ די יינגערע צעכנ) האָבנ געהאַט די מערהײַט.

די דאָזיקע מאַכט האָט זיכ ארויסגעוויזנ פאַר ניט קיינ פעסטע, ניט צוטרע־
טנדיק צו דער ארבעט, וואָס איז איבערגעריסנ געוואָרנ ביים דעמ אויפשטאנד.



די געבײַדע פונ דער סעניאָרע אינ פלאָרענצ

האָבנ די עלטערע צעכנ קינסטלעכ אונטערגעהאַלטנ די ארבעטלאָזיקײַט. א טייל
קוואַליפיצירטע ארבעטער האָבנ אריבערגעצויגנ אפ זייער זײַט מיקעלע לאַנדאָ אונ
זײַנענ אריבער צו דער בורזשואַזיע. די „טשאָמפּי" (אינעמ גרעסטנ טייל ניט-קוואַ־
ליפיצירטע ארבעטער) זײַנענ צעגראַמירט געוואָרנ אינ גאסנ־שלאַכט, אונ נאָכדעמ
האָט זיכ אָנגעהויבנ די צערעכענונג. די זיגער האָבנ קימאט אינגאנצנ כאָרעוו גע־
מאַכט די ארבעטער־קוואַרטאַלנ. די אנטלאָפענע האָט מענ נאָכגעיאָגט איבער אַלע
גאסנ פונ שטאט אונ מע האָט זיי אָנ ראַכמאָנעס געשלאָגנ. די פירער פונ די
„טשאָמפּי" האָט מענ געכאַפּט אונ געקעפּט, אונ העכער 1000 וואָל־קעמער האָט
מענ אפ שטענדיק ארויסגעיאָגט פונ פלאָרענצ. דער „טשאָמפּי"-צעכ איז פאַר־
ניכטעט געוואָרנ, דערפאר אָבער האָט מענ צוויי אנדערע „קלענערע" צעכנ אופגע־
הויבנ אפ א העכערנ „ראַנג"; מע האָט זיי אויסגעגלײַכט אינ זייערע רעכט מיט די
יינגערע צעכנ.

די מאַכט איז צײַטווײַליק אריבער אינ די הענט פונ דער קליינבורזשואַזיע.
אָבער איר צווייזײַטיקע פּאָליטיק, מיט וועלכער זי האָט זיכ באמיט צופרידנשטעלנ

די בורזשואזיע אונ איינצײַטיק ניט אופרײַצנ די קוואַליפיצירטע אַרבעטער, האָט מיטגעהאָלפנ די עלטערע צעכנ צו פאַרפעסטיקנ זיכ. דאָס „פּעטע פּאָלק" האָט אָנגעזאַמלט קויכעס אונ האָט צעגראַמירט די האַנטווערקער אונ די אַרבעטער. עס זײַנענ ווידער אופגעשטעלט געוואָרנ די פריִערדיקע פּאַראַנדקעס פונ פולשטענדיקער הערשאַפט פונ דער שטאָטישער אַריסטאָקראַטיע.

דער קאַמפ פונ די „טשאָמפּי" האָט געליטנ אַ מאַפּאָלע דערפאַר, ווײַל אינ די באַדינגונגענ פונ דער האַנטווערקערישער פּראָדוקציע זײַנענ נאָכ די אַרבעטער געווענ צו שוואַכ פאַר אַ זעלבשטענדיקער באַוועגונג אונ פאַר אַ פעסטנ ניצאָכנ. מע דאַרפ ניט מיינענ, אַז די אַרבעטער פונ יענער צײַט, וואָס זײַנענ געווענ געבונדנ מיטנ צעכ-שטייגער אונ מיט פאָרורטיילנ, — זײַנענ דאָס זעלביקע, וואָס דער שפּעטערדיקער פּראָלעטאַריאַט. שטאַרק געשאַדט דעם אופשטאַנד פונ די „טשאָמפּי" האָט די פאַרעטערישפּשאָרעדיקע פּאָליטיק פונ די ייִנגערע צעכנ (פונ דער קליינ-בורזשואַזיע).

די האַנטווערקערישע אופשטאַנדנ

דער אופשטאַנד אינ פלאָרענצ איז געווענ אינ גרונט אַ באַוועגונג פונ אַרבעטער, באַשעפטיקטע אינ דער האַנטווערקערישער פּראָדוקציע. אָבער אינ דער זעלבער עפּאָכע איז — אינ איינ אָרט פריִער אינ אַנ אַנדער אָרט שפּעטער — פאָרגעקומענ אַ ריי אופשטאַנדנ, וואָס די הויפּט-קראַפט זייערע זײַנענ געווענ ניט די אַרבעטער, נאָר די צעכ-האַנטווערקער אַליינ. מיט וואָס קענ מענ דערקלערנ די דאָזיקע פּרוּוונ, וואָס זײַנענ באַזונדערס אָפט פאָרגעקומענ אינ פלאַנדריע אונ אינ דײַטשלאַנד אינ XV—XIV יאָרהונדערטער?

די פאַרוואַלטונג מיט די שטעט האָבנ אויכ דאָרט פאַרכאַפּט די אַזויגערופענע פּאַטריציִאַנער מישפּאָכעס, צו וועלכע עס האָבנ געהערט גווירים, גרויסע הורט-סאָכרים, אופקויפער אונ ווּכערניקעס. די הויפּטלעכע שטאָט-אַמטנ, וואָס זײַנענ פריִער געווענ געוויילטע, האָבנ איצט (XV—XIV יאָרהונדערטער) אָנגעהויבנ אַריבערצוגיינ, ווי אַ מינ ירושע-זאַכ, פונ דאָר צו דאָר אינ עטלעכע געצייל־טע סאַמע רײַכע אונ אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס. די קליינהענדלער אונ די צעכ-האַנטווערקער זײַנענ דערווײַטערט געוואָרנ פונ דער מאַכט אינ דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג, וואָס האָט אויסגענוצט די גאַנצע קראַפט אירע אויסשליסלעכ אינ די אינטערעסנ פונ די רײַכע סאָכרים אונ ווּכערניקעס.

די „מאַזאָליסטע הענט" אונ די „בלויע נעגל" (פונ דער אַרבעט בא וואָל) האָט מענ געהאַלטנ פאַר אַ „נידעריקנ שטאַנד", פאַר אַ „העפקערדיקנ אונ איינגעשפּאַרטנ", פאַר אַ „פאַראַכטעטנ, ווײַל ער לעבט דערפונ, וואָס ער פאַרנעמט זיכ אָפּ מיט האַנטווערקערײַ" (ווי עס דריקט זיכ אויס איינער אַ דײַטשישער כראָניק-שרײַבער פונ XIV יאָרהונדערט). די האַנטווערקער, ווידער, האָבנ, פונ זייער זײַט, אָנגערופנ די סאָכרים די גווירים, וואָס האָבנ פאַראַכטעט פיזישע אַרבעט, „ליידיקגייער אונ פוסטעפּאַסניקעס".

אינ פלאַנדריע איז קימאַט דער גאַנצער XIV יאָרהונדערט געווענ אָנגעפילט מיטנ קאַמפ צווישנ די „מאַזאָליסטע הענט" אונ די „ליידיקגייער". דערבײַ זײַנענ די פּאַטריציִער אונטערשטיצט געוואָרנ מיצאַד די פראַנצויזישע קיניגנ, וואָס האָבנ געוואָלט דורכ זיי פאַרפעסטיקנ זייער אײַנפלוס אינ אָט דער רײַכער געגנט.

אינ 1302 יאָר האָבנ בא דער שטאָט קורטרע די האַנטווערקער אונ אַרבעטער צעטראָמירט די פראַנצויזישע אַרמיי אונ האָבנ אויסגעהאַרגעט אַזויפיל ייִכעסדיקע פעאָדאַלנ, אַז פונ שלאַכטפעלד, — דערציילט מענ, — האָט מענ אופגעקליבנ בא 4 טויזנט גאָלדענע שפּאָרנ, וואָס עס האָבנ געטראָגנ די ריטער. נאָכ דעם דאָזיקנ ניצאָכנ האָבנ די האַנטווערקער די וועבער פונ א ריי שטעט אינ פלאַנדריע פאַרכאַפּט אינ זייערע הענט די מאַכט. אָבער די דאָזיקע מאַכט איז ניט געווענ קיינ פעסטע. עס האָבנ זיכ שנעל געלאָזט פילנ ווידערשפּרוכנ צווישנ די האַנטווערקער גופע.

קעמפנדיק קעגנ די פּאַטריציִער (אונ פעאָדאַלנ), האָבנ די צעכ-האַנטווערקער זיכ געשטיצט אפ די געזעלנ אונ שוואַרצאַרבעטער. אָבער די קעגנזײַטיקע סיפע צווישנ די מײַסטערס אונ די „געהילפנ", וואָס פלעגט שטיל ווערנ ביים זייער געמיינזאַמענ קאַמפ, פלעגט באַלד נאָכ די ניצכוינעס פונ די ערשטע זיכ ווידעראַמאָל צעפּלאַקערנ. נאָכ מער, דער וועבער-צעכ האָט געוואָלט אויסנוצנ די מאַכט אויסשליסלעכ אינ זײַנע אינטערעסנ, דריקנדיק מיט אַלע מיטלענ די אַנדערע צעכנ (באַזונדערס די וואַלקער אונ פאַרבער אא.), שוינ אָפּגערעדט וועגנ די דאָרפישע האַנטווערקער. דער רעזולטאַט איז געווענ, אַז נאָכ א גאַנצער ריי צוזאַמענשטויסנ אונ איבערקערענישנ, זײַנענ אינ פלאַנדריע צום סאָפ XIV יאָרהונדערט די פּאַטריציִער ווידער געקומענ צו דער מאַכט; אָבער אינ אייניקע שטעט האָבנ זיי שוינ די מאַכט געטיילט מיט די פאָרשטייער פונ די מער אײַנפלוסרײַכע האַנטווערקער-צעכנ.

מיט דעם זעלבנ רעזולטאַט, אַנערעכ, האָט זיכ אויכ געענדיקט דער קאַמפ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ דער צווייטער העלפט XIV אונ אינ דער ערשטער העלפט XV יאָרהונדערט, אינ דער מערהײַט דײַטשישע שטעט.

באַזונדערס פאַרביטערט איז געווענ דער קאַמפ אינ די שטעט פונ דעם האַנזער-פאַרבאַנד (אינ ברעמענ, ליובעק, בראַונשווײַג אונ פיל אַנד. שטעט). דאָ פלעגנ געוויינלעכ זיינג די פּאַטריציִער, וואָס פלעגנ באַקומענ הילפ פונ אַנדערע שטעט פונעמ פאַרבאַנד, אונ מיט געמיינזאַמע קרעפטנ דערשטיקנ די „בונטאַרנ". נאָכ דעם, ווי דער „בונט" פלעגט דערשטיקט ווערנ פלעגט מענ זיכ נעמענ אָפּרעכענענ מיט זײַנע אָנטיילנעמער.

אָט איז א בײַשפיל פונ איינער אַזא אָפּרעכענונג:

אינ דער דײַטשישער שטאָט קעלנ, וואָס געפינט זיכ אפנ טײַכ רײַנ, האָט זיכ אינ 1370 יאָר דעמ צעכ פונ די וועבער אײַנגעגעבנ אַראָפּצוװאַרפנ די מאַכט פונ די סאָכרימ, אָבער ניט אפ לאַנג. מיט דער הילפ פונ די פעאָדאַלנ האָבנ די סאָכרימ בײַגעקומענ די „בונטאָוושטשיקעס" אונ האָבנ זיכ מיט זיי אָפּגערעכנט אפנ סאַמע אַכזאָריעסדיקנ אויפנ. „די וועבער,—שרײַבט איינער פונ יענער צײַט, — זײַנענ געוואָרנ אַזוי ווי די מוילוורפנ אונ זײַנענ פאַרקראָכנ אונטער דער ערד (אינ קעלערנ אא.), נאָר אויב עס פלעגט זיכ אײַנגעבנ אויסצוגעפינענ אונ כאַפּנ א וועבער, פלעגט מענ אימ דערמאָרדנ דאָ גלײַכ אינ גאַס. געשאָנעוועט האָט מענ קיינעמ: ניט אַלט, ניט יונג. ווער עס האָט נאָר געקאָנט אַנטלויפנ, איז געלאָפנ. מע האָט געיאָגט די פרויענ אונ קינדער פונ די וועבער פונ שטאָט אַרויס, אונ די שטאָט-פאַרוואַלטונג האָט זיכ צוגענומענ די גאַנצע יערושע זייערע, די הײַזער, די הויפנ אונ דאָס גאַנצע פאַרמעגנ זייערס".

אינ אייניקע שטעט פונ דײַטשלאַנד, ווו עס איז באַזונדערס שטאַרק געווענ אַנטוויקלט די האַנטווערקער-פּראָדוקציע, פלעגנ די האַנטווערקער אָפּהאַלטנ א ניצאָכנ אפ א שטיקל צײַט, אָבער אויכ דאָרט פלעגנ די האַנטווערקער די מײַסטערס אָפּגעשוואַכט ווערנ צוליבנ אלץ וואַקסנדיקנ שטרײַט מיט די געזעלנ אונ לערנייִנגלעכ.

דער קאַמפ פונ די געזעלנ מיט די מײַסטערס

מיר ווייסנ שוינ, ווי עס האָט זיכ פאַרערגערט די לאַגע פונ די געזעלנ אינ די אינדוסטריעלע איטאַליענישע שטעט, וואָס האָבנ זיכ שנעל אַנטוויקלט. באַגלײַכ מיטנ ווירטשאַפטלעכנ וווּקס איז דאָס זעלביקע פאָרגעקומענ אויכ אינ א ריי אַנדערע לענדער: אינ אײנע (פלאַנדריע) פריִער, אינ אַנדערע (ענגלאַנד) — שפּעטער.

קעדיי צו געבנ א ווידערשטאַנד די מײַסטערס אונ קעדיי צו אָרגאַניזירנ א קעגנזײַטיקע הילפ, האָבנ די געזעלנ געשאַפנ ספּעציעלע פאַרייניקונגענ — ב ר י ד ע ר ש א פ ט נ. מיט די זעלבע צילנ האָבנ זיי אויכ אָנגעווענדט שטרײַקנ אונ בויקאָט פונ די מײַסטערס, דאָס פאַרנשרײַבנ די מײַסטערס אינ „שוואַרצנ צעטל" אונ אַרופליגנ אפ זיי א „פאַרבאָט". צו אזא מײַסטער פלעגט זיכ קיינ איינ געזעל ניט אָנדינגענ. שוינ אינ XIV יאָרהונדערט קלאָגנ זיכ די ענגלישע מײַסטערס אפ די שטרײַקנ.

„אונטער דער מאַסקע פונ פאַלשער גאָטספאָרכטיקײַט בילדנ די געזעלנ בונדנ אונ פאַרשווערונגענ מיטנ ציל אופצוהייבנ איבער דער מאָס דעמ לוינ, אונ זיי האָבנ אינ דעמווירקלעכ דערפאָלג. יעדעס מאָל, ווענ עס אַנטשטייענ רײַבונגענ צווישנ א מײַסטער אונ א געזעל, פאַרייניקנ זיכ אלע געזעלנ פונ דעמ האַנטווערק אונ ריידנ זיכ צונויפ, אז יעטווידער זאָל זיכ אָפּזאָגנ צו אַרבעטנ פאַר זײַנ מײַסטער, ביז דער ערשטער מײַסטער אונ זײַנ געזעל וועלנ ניט קומענ צו א פאַרשטענדיקונג".

די מײַסטערס האָבנ מיט דער הילפ פונ דער שטאָטישער מאַכט אַנטשיידנ געקעמפט קעגנ די געזעלנ-בונדנ. עס זײַנענ אַרויסגעלאָזנ געוואָרנ ספּעציעלע באַשטימונגענ (אינ דײַטשלאַנד אינ XV יאָרהונדערט), וואָס האָבנ פאַרווערט „די געזעלנ ווײַטער צו פאַרייניקנ זיכ, שאַפנ געזעלשאַפטנ", „אָפּהאַלטנ אַנדערע געזעלנ פונ שטעלנ זיכ צו דער אַרבעט בא מײַסטערס, אײַנאָרדענענ קאָלעריי-שטרײַקנ" אונ „מאַכנ צו שאַנדע" דעמ מײַסטער. קיינער פונ די געזעלנ האָט ניט געטאָרט „אַרומגיינ באַנאַכט אינ שטאָט, מיט געהיימע וועגנ, אונ אויכ אופזאַמלענ זיכ אינ שענקענ אָדער אינ גערטנער". די געזעלנ „טאָרנ ניט טראָגנ בא זיכ קיינ מעסערס, סײַדנ, ווענ זיי געפינענ זיכ אינ וועג". פאַר ברעכנ די דאָזיקע באַשטימונגענ האָט געקומט פאַרזאָגנ פונ דער שטאָט, טפיסע, אונ צומאָל אפילע אָפּשנײַדנ די אויערנ.

פּראַגעס:

וואָס האָט אַרויסגערופנ דעמ אופשטאַנד פונ די „טשאָמפּי"?

וואָס פאַר א געזעלשאַפטלעכע גרופּע איז געווענ די גרונט-קראַפט פונ דעמ דאָזיקנ אופשטאַנד?

ווי האָט זיכ אָפּגערופנ אפ דער לאַגע פונ די געזעלנ די אַנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אונ פונעמ האַנדל?

מיט וועלכע מיטלענ האָבנ די געזעלנ געקעמפט קעגנ די עקספּלואַטאַטערס — די מײַסטערס?

17. די אנטשטייונג פונ דער בורזשואזער קולטור אינ איטאַליע

מיר ווייסנ שוינ, אז אינ XIV—XV יאָרהונדערטער האָט די בורזשואזיע אינ די שטעט פונ איטאַליע זיכ געוואָלט דערשלאָגנ צו הערשאַפט. איר קלאסנ־קאמפ קעגנ די פעאָדאַלנ דריקט זיכ, אגעוו, אויס אינ דער פאָרמ פונ א קאמפ פאַר איר נײַער בורזשואזער קולטור, קעגנ דער אַלטער, דער פעאָדאַל־גאַלאָכישער.

די אָנפאנגלעכע עלעמענטנ פונ דער בורזשואזער וועלט־אָנשויונג

צי האָט דער אַלטער פעאָדאַל־קירכלעכער וועלט־באַנעמ געקאָנט באַפרידיקנ דעמ שטאָט־בירגער — דעמ הענדלער אונ דעמ האַנטווערקער? קלאָר, אז ניט! ניט אינ הימל־לעבנ, נאָר אינ דער ערדישער וועלט, אינ ערדישע בעזשבוינעס איז דורכ אונ דורכ פאַרטאָנ דער בורזשוא: שוינ צופיל געשעפטנ איז פאַראַנ אָפ דער ערד! ניט וועגנ פאַסטנ אונ באַגרענעצנ זיכ, נאָר וועגנ באַקוועמלעכקײַטנ אינ לעבנ, וועגנ לוקסוס אונ הוליאַנקעס טרוימט דער רײַכער שטאָט־בירגער. אימ קאָנ מענ שוינ ניט אָפנאַרנ מיט מײַסעס וועגנ דעמ, אז די „הייליקע פאָטערס" — די מאָנאַכנ, וואָס האָבנ ליב געהאַט צו באַקרויגנ זיכ מיטנ נאָמענ „מייסימ ניט געבראַכטע צו קוורע", האָבנ פאַרבראַכט זייער לעבנ אינ „טאַנייסימ אונ טפילעס". א שעלמישער מאָנאַכ אונ אַנ אויסגעלאַסענער גאַלעכ ווערנ די באַליבטע טעמעס פאַר די דערציילונגענ פונ דער שטאָטישער ליטעראַטור.

גלײַכצײַטיק איזדעקעוועט זיכ דער בורזשוא איבער דעמ אומזיסטנ פרעסער—דעמ ריטער, וואָס זײַנ איינציקע אַרבעט איז יעגערײַ אונ אַרומלויפנ איבער די גרויסע שליאַכנ, פאַרפירנדיק קריגערײַענ מיט די שכייניִמ אונ רויבנדיק די סאָכרימ. אינ דעמ באַוווּסטנ שטאָטישנ ראָמאַנ פונ יענער צײַט וועגנ דעמ „כיטרענ פוקס" ווערט דער ריטער פאָרגעשטעלט אלס נאַרישער אונ בייזער וואָלפ, וואָס ברענגט אומ זינלאָז דאָס שטוביקע פי, אָבער וואָס ווערט סאַפקאָלסאָפ בײַגעקומענ דורכ דעמ כיטרענ, דורכגעטריבענעמ פוקס.

די נאַטורלעכע ווירטשאַפט צעפאַלט זיכ, עס ענדערט זיכ אויכ דער גאַנצער לעבנ־סיידער, וואָס נאָכ ניט לאַנג האָט זיכ נאָכ געדוכט, אז ער איז „אייביק אונ אומפאַרענדערלעכ". אונ עס הייבט אָנ צו שפילנ אלצ א גרעסערע ראָליע ניט דער יִכעס־צעטל פונעמ פעאָדאַל, נאָר די רײַכקײַט, די וואָג פונעמ גאָלדענעמ זאַק. דער שטאָט־בירגער, דערהויפט דער סויכער, וואָס פלעגט אומוואַנדערנ פונ שטאָט צו שטאָט אונ פונ לאַנד צו לאַנד, האָט שוינ א סאַכ געזענ, איז שוינ געווענ געוווינט צו פאַרלאָזנ זיכ אינ זײַנע, אָפטמאָל ריזיקאַלישע, אונטערנעמונגענ אָפ זיכ אַליינ, אָפ זײַנ אייגענעמ סייכל אונ ניט אָפנ אוטאָריטעט פונ די „שריפטנ" אונ פונ די טעאָלאָגנ.

דאָס אלצ געוווינט צו דעמ סויכער אונ דעמ רײַכנ האַנטווערקער, ער זאָל אַרויסרופנ אָפנ פאָדערשטנ פלאַנ זיכ אַליינ, זײַנ פערזאָנ, זײַנ ענערגיע אונ ער זאָל שטרעבנ צו זעלבשטענדיקײַט, דערצו, אז קיינער זאָל זיכ ניט אַרײַנמישנ אינ זײַנע קאָמערציעלע איניאָנימ אונ בעזשבוינעס.

וואָס, אייגנטלעכ גערעדט, קאָנענ שוינ העלפנ דעמ סויכער אָדער דעמ האַנטווערקער „די פאָטערס פונ דער קירכע" מיט אלע זייערע „גאָטספאָרכטיקע" דראָשעס? פאַר אימ איז א סאַכ וויכטיקער, ער זאָל האָבנ א ידיִע אינ געאָגראַפיע,

אין אסטראנאמיע, וואס זאל אים העלפנ צו אריענטירנ זיכ אינ וועג און פינקט־לעכ באשטימענ די צייט; ער זאל האבנ א יעדיע אינ מאטעמאטיק און אינ פיזיק, אנ וועלכע מע קאנ נים פלאנירנ קיינ מער־וויניקער קאמפליצירטע בויונג און מע קאנ נים אויסבויענ קיינ איינ מעכאנישע איינריכטונג; ער זאל האבנ א יעדיע אינ מעדיצינ, וואס זאל אים היילנ אינ זיינ ערדישנ לעבנ, וועלכעס ער האט זייער געשעצט.

פריער האט מענ אינ די קלויסטער־שולנ געקאנט עטלעכע טעג נאכאנאנד זיצנ אינ אמפערנ זיכ אפ דער טעמע „צי האט א מויל־וורפ אויגנ אדער נים?" אמפער: זיכ, „באשטעטיקנדיק" אט די באווייזנ מיט רייעס פונ די „הייליקע שריפטנ", און האלטנ דערביי אינגאנצנ פאר איבעריק צו כאפנ א מוילוורפ און א קוק טאנ, ווי האלט עס אינדערעמעסנ. אנשטאט די אלע פרוכטלאזע, אבסטראקטע ריידערייענ ווענדט שוינ איצט דער מענטש אלע זיינע בליקנ אפנ ווירקלעכנ עקספערימענטאלנ דערלערנענ די ארומיקע וועלט.

דער בורזשוא הייבט אנ צו שעצנ די בילדונג! עס ווערנ געעפנט נייע שולנ, אינ וועלכע מע נעמט צו, פארשטייט זיכ, בלויז קינדער פונ רייכע שטאט־בירגער, און נים קיינ קינדער פונ גנזעלנ אדער ארבעטער.

אפ צו פארנעמענ פארשיידענע שטעלעס ציט צו דער בורזשוא געבילדעטע מענטשנ, וואס זיינענ דערהצויגנ געווארנ אפ די ווערק פונ דער אנטיקער אלטרוימישער און אלטגריכישער קולטור. די דאזיקע מענטשנ פלעגט מענ רופנ הומאניסטנ.*

דער „רענעסאנס" אין איטאליע

מע הייבט אנ צו דערלערנענ די דענקמעלער פונ דער גריכיש־רוימישער קולטור. און ס'איז גאנצ פארשטענדלעכ: דער אופ־בלי־פעריאד פונ דער שקלאפנבאזיצערישער וועלט מיט זיינ אנטוויקלטנ האנדל־און געלט־אומזאצנ, האט פארמאגט שטריכנ, ענלעכע צו די שטריכנ פונ דער שטאטישער ארדענונג פונ דער עפאכע, וועלכע מיר באשרייבנ דא. און די דאזיקע „ענלעכקייט" נוצט טאקע אויס די בורזשואזיע אלס געווער פונ קלאסנקאמפ קעגנ דעמ פעאדאליזמ אפנ געביט פונ קולטור.

אינ איטאליע איז געווענ מער, ווי ערגעצ־ווו אנדערש, רעשטלעכ און זיכרוי־נעס פונ דער אנטיקער וועלט. האט טאקע די איטאליענישע בורזשואזיע ברייט אויסגענוצט די דאזיקע דענקמעלער פאר דעמ אופבוי פונ איר קולטור. פריער פונ אלצ קומט אופ די דאזיקע קולטור און אנטוויקלט זיכ אינ די שטעט פונ צאפנ־איטאליע, וואס ווערנ רייכ זייער שנעל.

די שטאטישע הערשער, — באזונדערס האבנ זיכ דערמיט אויסגעצייכנט די מעדיטשי, — רינגלענ זיכ ארומ מיט פאעטנ, פילאסאפנ, קינסטלער, געלערנטע און מוזיקער; זיי זשאלעוועג נים קיינ געלט אפ ארויסשטעלנ זיכ מיט זייער לוקסוס. דער וווקס פונ דער פראדוקציע שאפט אנ אומיטלבארע עקאנאמישע באזע פאר דעמ פרעכטיקנ אופבלי פונ אלע מינימ קונסט און וויסנשאפט.

* פונעם לאטייניש וואר Humanus — מענטשלעכער; אינ קעגנזאצ צום קלויסטער־לעבנ, וואס ציט אפ דעמ מענטשנ פונ רייני מענטשלעכע אינטערעסנ אינ געביט פונ „היכ־לישנ", „יענוועלטישנ" לעבנ.

ליטעראַטור
און קונסט

אינ XIV יאָרהונדערט האָט זיכ אינ די צאָפנ-איטאַליענישע שטעט אויסגעטיילט א ריי גרויסע שרײַבער, וואָס האָבנ אָפּגעשפּיגלט אינ זייערע ווערק די אנטשטייונג פונ דער נײַער בורזשואַזער וועלט-אָנשויונג. אשטייגער, דער דיכטער פּ ע ט ר א ר ק א (פלאָרענצ), וואָס האָט אומדערמידלעכ געזאַמלט און דערלערנט די פּאַרצײַטיקע מאַנוסקריפּטנ און וואָס האָט אינ זײַנע ווערק געלויבט דעם נײַעמ קוק אָפּ דער וועלט; אשטייגער, דער שאַרפזיניקער ב אָ ק א ט ש י אָ (פלאָרענצ) און אנד. אינ זײַנ זאַמלונג נאָוועלנ „דעקאַמעראָנ“ לאַכט באָקאַטשיאָ זייער בײַסיק אויס די גײַסטלעכע און די פּעאָדאַלנ, דאָס „אָפּזאָגנ זיכ פונ דער וועלט“ און די קירכלעכע אומטאָלעראַנטקײַט. גלײַכצײַטיק לויבט ער און דערהייבט דעם פאַרשטאַנד, די שטרעבונג צו פאַרגעניגנס און די קאָכיקע ענערגיע פונעמ שטאָט-בירגער.



א דענקמאָל א קאָנדאָטיער.
ווערראָקיאָס א סטאַטוע

א ריי שרײַבער אינ רוימ און אינ גענוע, אינ מילאַנ און אינ ווענעציע האָבנ נאָכגעפאָלגט די דאָזיקע גרויסע פלאָרענטינער.

נאָכ הערלעכער צעבליט זיכ די ארכיטעקטור, די מאָלערײַ און סקולפּטור. רײַכע פּאַלאַצנ פאַר די גווירימ פלעגנ בויענ די טאַלאַנטפולסטע ארכיטעקטערס. אויסגעצייכנטע מאָלער פלעגנ באַפּוצנ מיט גלענצנדיקע בילדער און אָרנאַמענטנ די ווענט פונ די פּאַלאַצנ און קלויסטערס. אָפּ די שטאָט-פּלעצער ווערנ אויפגעשטעלט דענקמעלער פאַר די שטאָטישע הערשער און קאָנדאָטיערס — די פירער פונ די געדונגענע סאָלדאַטנ.

מע דאַרפ אונטערשטרײַכנ, אז אינ דער פריקער עפּאָכע האָבנ זיכ די מאָלער און די סקולפּטערס ווייניק-וואָס געזאָרגט וועגנ ווירקלעכנ אָפּשפּיגלענ דאָס ל ע ב נ און די נ א ט ו ר. די מענטשנ און די נאַטור ארומ זיי האָט מענ דאַנ געשילדערט אינגאַנצנ ניט ווי אינ דער ווירקלעכקײַט. די דאָזיקע ארט שילדערנ איז געווענ פאַרבונדנ מיט דער רעליגיעזער וועלטאָנשויונג, וואָס האָט געפּרעדיקט, אז דער מענטש דאַרפ זיכ באַציִענ מיט ביטל צומ „זינדיקנ“ לעבנ דאָ אָפּ דער וועלט. און אינ דער רענעסאַנס-עפּאָכע ווערט די מאָלערײַ און די סקולפּטור באַהערשט פונ דער מאַמאָשעסדיקער קערפּערדיקער ווירקלעכקײַט מיט אלע אירע פריידנ.

לעאָנאַרדאָ דא-ווינטשי

פאַרנ קינסטלער פונ דער דאָזיקער עפּאָכע איז דאָס דערלערנענ דעמ מענטשנ און די נאַטור געוואָרנ א נייטוועדיקער יעסאָד פונ דער קונסט. די שטײַגנדיקע אנטוויקלונג פונ

דער וויסנשאפט קומט דאָ צוהילפ דעמ מאָלער אונ דעמ סקולפּטער: דער קינסטלער דערלערנט דעמ געבוי פונ דעמ מענטשנס קערפּער, די מאטעמאטיק באגרינדעט די לערע וועגנ פּערספּעקטיוו: די אָנזאמלונג פונ נאטורוויסנשאפטלעכע קענטעניש העלפט ריכטיק צו אָפּבילדנ די נאטור.

מיר וועלנ דאָ ניט אויסרעכענענ אלע גרויסע איטאליענישע קינסטלער פונ יענער צײַט (XV—XVI יאָרהונדערטער), וואָס האָבנ אָפּגעשפּיגלט אינ זייערע ווערק די אנטוויקלונג פונ דער נײַער וועלט־אָנשויונג. מיר וועלנ אָנרופנ בלויז איינעמ פונ זיי — ל ע אָ נ א ר ד אָ ד א־ווי נ ט ש י (1452—1519).

דאָס איז געווענ א געניאלער מאָלער אונ, אכוצ דעמ, א מוזיקער, ארכיטעקטער אונ פּאָעט. נאָכ מער, לעאָנארדאָ איז געווענ א געניאלער מאטעמאטיקער אונ פיזיקער, וואָס האָט פאָרויסגעזענ א ריי וויסנשאפטלעכע אנטדעקונגענ, וועלכע זײַנענ געמאכט געוואָרנ ערשט אינ XIX יאָרהונדערט. ער איז אויכ געווענ אנ אנאטאָמ, וואָס האָט דערלערנט דעמ מענטשנס קערפּער; ער האָט גערופנ בעסער „לערנענ זיכ בײַ דער נאטור" וועגנ אלצ, איידער פארנעמענ זיכ מיט פרוכטלאָזע שטרײַטנ איבער פראגנ פונ רעליגיעז־קלויסטערישנ כאראקטער.

דער זעלבער לעאָנארדאָ האָט אויכ געמאכט א ריי אויסגעצייכנטע טעכנישע דערפינדונגענ. עס איז גענוג צו דערמאָנענ דעמ שפּינשטול, וואָס ער האָט דערפונדנ. בײַ דעמ דאָזיקנ שפּינשטול האלט מענ שוינ ניט דאָס שפּינדל פּאַשעט אינ דער האנט, נאָר דאָס שפּינדל איז צוגעפעסטיקט צומ שטול אונ ווערט געבראכט אינ באוועגונג דורכ א געטריב פונ א קליינער ראָד, וועלכע מע דרייט מיט דער רעכטער האנט אינ דער צײַט, ווענ די לינקע ציט דעמ פאָדעמ.

אינ לעאָנארדאָס פאפּירנ זײַנענ פארבליבנ צייכענונגענ, לויט וועלכע עס איז צו זענ, אז ער האָט פּלאנירט אויסצובויענ א פּלי־אפּאראט. די אלטע פעאָדאלע קולטור האָט ניט געקאָנט ארויסרופנ אזא אויסערגעוויינלעכע, אלזײַטיקע פערזענלעכקײַט.

די פּאָליטישע טעאָריעס

אינ דער זעלבער עפּאָכע הייבנ אָנ די איטאליענישע פּאָליטישע דענקער צו באגרינדנ דעמ געדאנק וועגנ דער מעלוכישער מאכט פונ דער בורזשואזיע. דער פלאָרענטינער מ א ק י א וו ע ל י (1469 — 1527 יאָרנ) פאָדערט די פולשטענדיקע פארניכטונג פונ דער פעאָדאלער אָרדענונג אונ באהויפּט, אז די רײַכע בירגער (די בורזשואזיע) — אָט ווער עס דארפ אָנפירנ מיט דער מעלוכע. אונ קעדיי אויסצובויענ אזא מינ בורזשואזע מעלוכע, רעקאָמענדירט מאקיאוועלי, מע זאָל זיכ ניט אָפּהאלטנ פאַר קיינע שומ מיטלענ.

אָט וואָס מאקיאוועלי שרײַבט, צומבײַשפּיל, אינ זײַנ בוכ „וועגנ קייסער":

„דער קייסער האנדלט מיט ברוטאלער קראפט, אזוי ווי בהמעס; ער דארפ אינ זיכ צונויפפאָרנ די מידות פונ א לייב אונ א פוקס, פארמאָגנדיק בלויז די מידות פונ א לייב, וועט ער זיכ ניט קאָנענ אויסהיטנ אונ אויסמײַדנ די פאסטקע, וואָס מע שטעלט אימ. זײַענדיק בלויז א פוקס, וועט ער זיכ ניט קאָנענ פארטיידיקנ קעגנ די סאָנימ... א פארזיכטיקער קייסער דארפ ניט אויספילנ זײַנע צוזאָגנ אונ פארפליכטונגענ, אויב אָט דאָס אויספילנ קאָנ פאר אימ זײַנ שעדלעכ... קייסאָרימ דארפנ באהערשנ די גרויסע קונסט פונ צוויעס אונ פאלשקײַט".

קאפיטל VII

די אויסבילדונג פונ שטאנד־מאָנארכיעס

18. די קלאסנ פונ דער מיַרעוו־אייראָפּייִשער געזעלשאפט אינ XIV—XIII יאָרהונדערטער און די פארשטארקונג פונ דער קיניגלעכער מאכט

אינ XIV—XIII יאָרהונדערטער האָט זיכ אינ מיַרעוו־אייראָפּע, ווי איר ווייסט שוינ, אנטוויקלט די פּראָדוקציע, און אפ דער דאָזיקער באזע האָט זיכ פּארברייטערט דער האנדל, עס זיַנענ געוואקסנ די שטעט און עס איז צעפאלנ די אלטע נאטורעלע ווירטשאפט. דערמיט אליינ האָט זיכ געענדערט דער קלאסנ־באשטאנד פונ דער געזעלשאפט און עס האָט זיכ פארשטארקט דער קלאסנקאמף.

די פעאָדאלנ און די פויערים

דער איַנבראָכ פונ דער נאטורעלער ווירטשאפט און די אנטוויקלונג פונ דער סכוירע־און געלט־ווירטשאפט האָבנ זיכ פארשיידנ אָפּגערופנ אפ די גרויסע און קליינע פעאָדאלנ.

צוליב זיַנ רייַכקיַט און, שטיצנדיק זיכ אפ א קאָלאָסאלער צאָל אָפּהענגיקע פונ אים מענטשנ, האָט דער גרויסער פעאָדאל געקאָנט נאָכ א לאנגע ציַט פּאָרזעצנ צו באלעבאטעווענ „ווי אמאָל“. דערהויפּט נאָכ, אז דעם גרויסנ פּאָרעצ בא די קאָלאָסאלע גיטער זיַנע איז געווענ זייער שווער פּערסאָנעל אָנצופירנ מיט דער ווירטשאפט (און ער איז אויכ ניט געווענ געוווינט דערצו) און איבערבויענ זי אפ א ניַעם שטייגער, וואָס האָט געפאָדערט גרויס געניטקיַט און פלינקיַט.

דער גרויסער פעאָדאל זעצט פּאָר צו האלטנ זיכ בא זיַנ פּאָליטישער אומאָפּהענגיקיַט, וואָס די באזע אירע איז דאָס, וואָס זיַנ גוט איז פארהעלטנישמעסיק אומאָפּהענגיק פונ די מארק־פארבינדונגענ און באציִונגענ מיט אנדערע ווירטשאפטנ.

גאָר אינ אנ אנדער לאגע האָט זיכ ארויסגעוויזנ דער קליינער ערד־באזיצער. אים האָבנ די ענדערונגענ פונ די ווירטשאפטלעכע פארהעלטענישנ געדראָעט מיט רויִנירונג. און קעדיי ניט וועָרנ רויִנירט, קעדיי צו באקומענ יענע אלע נוצנ, וואָס עס האָט אים געגעבנ די אנטוויקלונג פונעם האנדל, האָט ער זיכ גענומענ מיט דער גאנצער ענערגיע צוצופּאסנ די ניט־גרויסע ווירטשאפט זיַנע צו די ניַע לעבנ־באדינגונגענ. זיַנ גוטבאזיצ ווערט אלץ מער און מער ארייַנגעצויגנ אינ דעם האנדל מיט לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ. וואָס איז שייַכ, ווידער, יענע קליינע פעאָדאלנ, וועמענ דאָס פלעגט זיכ ניט איַנגעבנ, פלעגנ זיי ביסלעכוויַז רויִנירט ווערנ און פלעגנ ניט זעלטנ זוכנ מיטלענ צום לעבנ דורכ רויבעריַ אָדער דורכ דינסט אינ געדונגענעם מיליטער.

אינ דער זעלבער ציַט ווערט א באדיַטנדיקער טייל פויערים באפריַט פונ פערזענלעכער לייַבקנעכטשאפט. אָבער אינ צוזאמענהאנג מיטנ וווּקס פונ דער סכוירע־ און געלט־ווירטשאפט ווערנ זיי נאָכ שטארקער עקספּלואטירט. איינציַטיק הייבט זיכ אָנ די דיפערענציאציע פונ דעם פויערטום אפ מער פארמעגלעכע און ווייניקער פארמעגלעכע שיכטנ (זע קאפּ. V).

די שטאָטישע קלאַסנ

אינ דער דאָזיקער עפּאָכע הייבנ זיכ אָנ אַרויסצורוקנ אויכ נײַע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס. דאָס זײַנענ, ערשטנס, די סאָכרימ אונ די וווּכערניקעס, וואָס באַקומענ אַלצ אַ גרעסערע אונ גרעסערע באַדײַטונג באַגלייכ מיטנ וווּקס פונ האַנדל- אונ געלט-אומזאַצ. שוינ אָפּגערעדט פונ די פּויערימ אונ האַנטווערקער, אַפילע אַ סאַכ פעאָדאַלנ פילנ אַפּ זיכ די שווערע האַנט פונ דעמ סאָכרישנ אונ וווּכערישנ קאַפּיטאַל. די סאָכרימ אונ וווּכערניקעס ווערנ די רעדלפירער פונ דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג.

דאָס זײַנענ, צווייטנס, די האַנטווערקער, וואָס זײַנענ צעגלידערט אַפּ מײַסטערס אונ געזעלנ. די געזעלנ, ווידער, דערנעענטערנ זיכ ביסלעכווײַז צו דער לאַגע פונ לוינאַרבעטער.

די געזעלנ, — די עמבריאָנענ פונ דעמ שפּעטערדיקנ פּראָלעטאַריאַט, — כאָטש זיי האָבנ נאָכ ניט אינ יענער צײַט קיינ גרויסע באַדײַטונג, אָבער זיי לאָזנ זיכ שוינ הערנ דורכ אַ ריי אַרויסטרעטונגענ אונ אופשטאַנדנ.

אַנדערש גערעדט, מיר באַמערקנ, אַז עס רוקנ זיכ אַרויס אונ דיפערענצירנ זיכ גלײַכצײַטיק נײַע ש ט אָ ט י ש ע קלאַסנ.

אָט די אַלע קלאַסנ-איבערוקנ האָבנ געבראַכט צו אַ ריי ענדערונגענ אינ דער אָרדענונג פונ דער פעאָדאַלער מעלוכע.

די שטרעבונג צו פאַרשטאַרקנ די מעלוכע-מאַכט

די מעלוכע-מאַכט האָט פריער אינגאַנצנ געהערט צו די גרויסע פעאָדאַלנ. יעדער רײַכער אונ אָנגעזעענער פּאַרעצ איז געווענ אַ פולשטענדיקער הערשער, „קייסער אונ גאָט" אינ זײַנ גוטבאַזיצ. אונ דערפאַר טאַקע איז די צענטראַלע מאַכט פונ די קיניגנ געווענ זייער שוואַכ אונ איז געווענ באַגרענעצט דורכ די פרײַהײַטנ פונ די אַנדערע פעאָדאַלנ. קיינ ערנסטנ געזעלשאַפטלעכנ אָנשפאַר האָבנ די קיניגנ ניט געהאַט. צוזאַמענ מיט דער אַנטוויקלונג פונ דער סכוירע-ווירטשאַפט אינ XIII—XV יאָרהונדערטער ענדערט זיכ די לאַגע.

איר ווייסט שוינ, אַז אינ דער דאָזיקער עפּאָכע האָט זיכ קאָלאָסאַל פאַרשטאַרקט אונ איז קאָמפּליצירט געוואָרנ דער ק ל א ס נ ק א מ פ. די עקספּלואַטירטע מאַסנ האָבנ אַלצ אָפטער אונ אָפטער אָנגעהויבנ אופצוהייבנ זיכ מיט געווער אינ די הענט קעגנ די פעאָדאַלנ. ס'איז גענוג צו דערמאָנענ די מוירעדיקע זשאַקעריע אינ פראַנקרײַכ אונ די ברייטע באַוועגונג אינ ענגלאַנד, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט וואָט טײַלער. עס האָט זיכ אויכ פאַנאַנדערגעפלאַקערט דער קלאַסנקאַמפ אינ די שטעט.

דעריבער איז פאַר די הערשנדיקע קלאַסנ געוואָרנ אומבאַדינגט נייטיק צו פאַרשטאַרקנ אונ פאַרפעסטיקנ די צענטראַלע מאַכט. אינ קאַמפ פאַר דער עקספּלואַטאַטאָרישער אָרדענונג, פאַרגעסנדיק זייער קעגנזײַטיקע סינע, האָבנ זיכ פאַראייניקט אַלע באַרויבער פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ. אַבי נאָר אײַנהאַלטנ די דאָזיקע אָרדענונג, פאַרטיילנ דעמ רויב וועט שוינ זײַנ אַ סאַכ גרינגער! אַזוי האָבנ געטײַנעט די אַדעליקע, די סאָכרימ אונ די וווּכערניקעס, מיטהעלפנדיק צו פאַרפעסטיקנ די מעלוכישע מאַכט.

אָבער, אַכוצ דעמ, האָבנ די געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, וואָס זײַנענ געווענ

פאַרינטערעסירט אינ דער אנטוויקלונג פונ דעמ האנדל און געווערבנ, געהאַט נאָכ ספּעציעלע סיבעס, אַז זיי זאָלנ שטרעבנ אויסבילדנ אַ צענטראַליזירטע מעלוכע.

די שטערונג פארנ האנדל און פאר די געווערבנ

בא דער הערשאַפט פונ די אומאָפּהענגיקע פעאָדאַלנ פלעגנ דעמ האנדל שטאַרק שטערנ די פּילצאָליקע שטײַערנ, וועלכע יעדער גרויסער פּאָרעצ פלעגט נעמענ פונ די הענדלער אַפ זײַנ טעריטאָריע, די רויבערײַענ אַפ די וועגנ, די רעכטלאָזי-קײַט פונ די סאָכרימ און האנטווערקער, דער מאנגל אינ באַקוועמע פאַרקער-וועגנ און די אָנופהערלעכע מילכאָמעס צווישנ די באַזונדערע פעאָדאַלנ, וואָס האָבנ פאַר-וואַנדלט דאָס לאַנד אינ אַ „שלאַנגענ-נעסט”.

מיקויעכ די וועגנ האָט זיכ אינ יענער צײַט קיינער ניט געזאָרגט און זיי פלעגנ פאַשעט אויסגעטראָטנ ווערנ דורכ די פורנ און רײַטער. גאַנצ אָפט פלעגט די סכוירעס אויס-קומענ אַריבערצופירנ, אָנלאָדנדיק די פּעק דירעקט אַפנ פערד. די רײַזנדיקע זײַנענ געווענ אינ געפאַר צו דערטרינקענ זיכ (אינ בוכשטעבלעכנ זינ פונ וואָרט) אינ דער בלאָטע אַפנ וועג. די פעאָדאַלנ פלעגנ ניט נאָר ניט האַלטנ אינ אָרדענונג די וועגנ, נאָר גאַנצ אָפט פלעגנ זיי מיט אַקיווונ זיי קאַליע מאַכנ, ווײַל עס איז געווענ אַ קלאַל: „וואָס פונ פור אַראָפּגע-פאַלנ, איז פאַרפאַלנ”, ד.ה. דאָס געהערט שוינ דעמ באַלעבאָס פונ דער ערד, איבער וועלכער מע איז דורכגעפאָרנ. דער פעאָדאַל פלעגט אָפּנעמענ די סכוירע אויכ דאַנ, ווענ עס פלעגט זיכ צעברעכנ דער וואָגנ, „ווענ דער וואָגנ פלעגט אָנרירנ מיט זײַנ אַקס די ערד”. עמעס, עס פלעגט טרעפנ, אַז די פעאָדאַלנ פלעגנ אויסבויענ אַפילע בריקנ... אַפ אַ טרוקנ אָרט, אָבער נאָר כדי צו נעמענ בא די סאָכרימ בריק-שטײַער.

דער האנדל האָט אויכ געליטנ פונ דעמ, וואָס עס איז ניט געווענ קיינ באַשטימטע און פעסטע געלט-סיסטעמ. אַ סאַכ פעאָדאַלנ פלעגנ אַרויסלאָזנ זייערע אייגענע מאַטבייעס. אינ דײַטשלאַנד פונ XIV יאָרהונדערט איז געווענ ביז 600 מינצ-הויפנ. מאַטבייעס פלעגט מענ אָפטער פונ אַלצ אַרויסלאָזנ דריבנע, און די סאָכרימ פלעגט צומאָל אויסקומענ אָנצו-לאָדנ גאַנצע קאַראַוואַנעס פערד, געלאָדענע מיט געלט-זעק.

די פעאָדאַלנ פלעגנ שטענדיק „קאַליע מאַכנ” די מאַטבייעס, ד.ה. זיי פלעגנ אַראָפּשנײַדנ פונ זיי שטיקלעכ גאָלד אָדער זילבער, אָדער איבערשמעלצנ זיי, צומישנדיק אַ באַדײַטנ-דיקנ טייל קופּער, און אַזאַ מינ אַנטווערטעטע מאַטבייע פלעגנ זיי צווינגענ צוצונעמענ פאַר אַ פולווערטיקע.

אַט די אַלע שטערונגענ פאַרנ סכוירע-אומזאַצ האָבנ זייער שטאַרק געהאַמעוועט דער אַנטוויקלונג פונ דער א י נ ד ו ס ט ר י ע, וואָס איר פּראָדוקציע איז געווענ אויסגערעכנט פאַרנ ברייטנ מאַרק.

די אינטערעסנ פונ דער אינדוסטריע און פונעמ האנדל האָבנ געפאָדערט, אַז עס זאָלנ געשאַפנ ווערנ גרויסע מעלוכעס מיט אַ אייגנהײַטלעכער פעסטער צענט-ראַלער מאַכט. די דאָזיקע מאַכט האָט געזאָלט באַגרענעצנ דעמ ווילקיר פונ די באַ-זונדערע פעאָדאַלנ, זיכערנ די געפאַרלאָזיקײַט פאַרנ האנדל און פּראָדוקציע, אָרגאַ-ניזירנ דעמ געריכט און פּאָליציי, זאָרגנ וועגנ דער וויל-אײַנגעאָרדנטקײַט פונ די פאַרקער-וועגנ און פאַרייִנפאַכנ די געלט-סיסטעמ.

צו דער דאָזיקער צײַט איז שוינ דער שמאָלער שטאָטישער מאַרק געוואָרנ צו ענג. דער האנדל פלעגט שוינ אַרומכאַפּנ גאַנצע לענדער, ער איז שוינ אַרויס פונ די גרענעצנ פונ אייראָפּע.

קלאָר, אַז בא אַזאַ מינ פאַרברייטערונג פונ די האנדל-פאַרבינדונגענ האָט דער הענדלער געשטרעבט צו פאַרגרעסערנ די טעריטאָריעס פונ דער מעלוכע, ווו ער האָט געקאָנט האַנדלענ, ווי אינ אַנ „אייגענער” מעלוכע, אונטערנ שוצ

פון „זיינע אייגענער“ מעלוכע-מאכט, באקומענדיק פון איר פארשיידענע פריווילעגיעס (ספעציעלע רעכט).

די נייע פאָרם פון דער פעאָדאלער מעלוכע

ווי געזאָגט, האָבן זיך א סאך פון די קלענערע פעאָדאלן צוגעפאסט צו די נייע ווירטשאפטלעכע באדינגונגען און האָבן זיך ארייגעצויגן אינעם האנדל; דעריבער זיינען זיי אויך געווען פארינטערעסירט, עס זאָל פארשטארקט און פארברייטערט ווערן די אייגהייטלעכע מעלוכע־מאכט. צוליב אנדערע סיבעס זיינען אויך געווען פארינטערעסירט צו פארשטארקן די מעלוכע־מאכט יענע קליינע פעאָדאלן, וואָס האָבן געליטן פון דעם נייעם עקאָנאָמישן שטייגער און פלעגן ניט זעלטן רויִנירט ווערן. זיי האָבן מיט קינע געקוקט אף די גיטער פון די גרויסע אומאָפהענגיקע פעאָדאלן און האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, אז דער קיניג זאָל זיי העלפן.

פאר דעם געלט פון די רייכע שטאָט־בירגער פלעגן די קיניגן אָרגאניזירן מיליטער, וואָס זיינען הויפּט־קויעכ זיינען געווען די פוסגייער, באוואָפנטע מיט פייער געווער, וואָס מע האָט ערשט דאן אָנגעהויבן צו באנוצן. דאָס קיניגלעכע מיליטער, באזיגנדיק די שווערע און ניט־דיר־עוודיקע ריטערישע קאוואלעריע פון די אומאָפהענגיקע פעאָדאלן, פלעגט אָפּנעמען בא זיי זייערע גיטער און דער קיניג פלעגט די גיטער אוועקשענקען די פעאָדאלן, וואָס האָבן אים טריי געדינט.

די פארשטארקטע קיניגלעכע מאכט האָט אויסגעדריקט די אינטערעסן פון דעם מיטעלן און קליין־באזיצערישן אדל, וועמעס פארבינדעטע עס זיינען אין יענער צייט געווען די רייכע שטאָט־בירגער — די סאָכרים און די וואָכערניקעס. בלויז אין געציילטע ערטער, ווי צומבייַשפּיל, אין א ריי איטאליענישע שטאָט־רעפּובליקן האָט זיך די רייכע שטאָט־בירגער איינגעגעבן צו אָרגאניזירן זייער אייגענע מעלוכע־מאכט; אָבער אין דער מערהייט לענדער זיינען זיי נאָך ניט געווען גענוג שטארק דערצו און דעריבער האָבן זיי זיך דערווייל באנוגנט דערמיט, וואָס עס האָט זיי געקאָנט געבן די נייע צענטראליזירטע פאָרם פון דער פעאָדאלער מעלוכע.

די מער צענטראליזירטע מאכט פון די פעאָדאלן איז פאר די עקספּלואטאטערס אין יענער צייט געוואָרן באזונדערס וויכטיק אף צו דערשטיקן דעם פארשטארקטן ווידערשטאנד פון די עקספּלואטירטע מאסן אין דאָרף און שטאָט.

פראגעס:

וועלכע קלאסן און פארוואָס זיינען געווען פארינטערעסירט אין פארשטארקן די צענטראלע מעלוכע-מאכט?

מיט וואָס האָט די פריִערדיקע פּאָליטישע אָרדענונג געשטערט דער אנטוויקלונג פון האנדל און אינדוסטריע?

צום קאמף קעגן וועלכע קלאסן איז געשאפן געוואָרן די שטארקע מעלוכישע מאכט?

19. די שטאנד־מאָנארכיע אין ענגלאנד

די „גרויסע פרײַהײט־קאַרטיע“

די אנטוויקלונג פונ דער צענטראליזירטער מעלוכע, וועגנ וועלכער מיר האָבנ נאָרוואָס גערעדט, האָט אינ פארשיידענע לענדער געהאַט אירע באַזונדערקײַטנ.

מיר ווייסנ, אַז אינ דעמ פעאָדאלנ ענגלאנד איז שוינ אינ XII יאָרהונדערט די מעלוכע־מאכט ניט געווענ אזוי צעבראָקלט, ווי אינ פראנקרײַכ אָדער אינ דײַטשלאנד, אונ אַז אַפילע די סאַמע גרויסע ענגלישע פעאָדאלנ זײַנענ שוינ געווענ מער אָדער ווייניקער אָפּהענגיק פונ דעמ קיניג. שטיצנדיק אינ ענגלאנד די אנטוויקלונג פונ דער קיניגלעכער מאכט אלס געווער פונ זייערע אינטערעסנ, האָבנ די ענגלישע פעאָדאלנ גלײַכצײַטיק געשטרעבט צו באַגרענעצנ די ראַזיקע מאכט אונ צוימענ איר בארײַסערײַ. סאָפ XII אונ אָנהייב XIII יאָרהונדערטער האָבנ די ענגלישע קיניגנ, פירנדיק מילכאָמעס מיט פראנקרײַכ, צו אָפט געפאָדערט פונ זייערע וואַסאַלנ, זיי זאָלנ גיינ אָפּ מיליטער־דינסט, אונ האָבנ צופיל באַריסנ די שטעט.

פארנ קיניג יאָהאַנ דעמ ערדלאָזנ, וואָס האָט אינ די ניט־געלונגענע מילכאָמעס מיט די פראנצויזנ פארלאָרנ קימאַט אלע זײַנע לענדער אָפנ אייראָפּייִשנ קאָנטינענט (אינ צאָפנ־מײַרעוו־פראנקרײַכ), האָבנ די פעאָדאלע באראָנענ אויפגעהויבנ אַנ אויפשטאנד. אָפ זייער צאַד האָט זיכ אויכ געשטעלט די מערהײַט ענגלישע גײַסטלעכע. די אויפגעשטאַנענע האָבנ זיכ דערקלערט אלס „כאַיִל פונ גאָט אונ פונ דער הייליקער קירכע“. עס האָבנ זיי אויכ געשטיצט די רײַכע שטעט. ווענ די הויפּטשטאָט פונעמ קיניגרײַכ, לאָנדאָנ, האָט געעפנט פאַר די אויפגעשטאַנענע אירע טויערנ, איז דער קיניג אונטערנ דרוק פונ די אויפגעשטאַנענע געווענ געצווּנגענ אינ 1215 יאָר אונטערצושרײַבנ די „גרויסע פרײַהײט־קאַרטיע“.

די דאָזיקע קאַרטיע האָט באַגרענעצט דעמ קיניגנס מאכט דורכ א ראָט פונ די פעאָדאלנ. אָנ דער האַסקאָמע פונ דעמ דאָזיקנ ראָט האָט דער קיניג ניט געטאָרט אײַנשטעלנ קיינ שטײַערנ אונ האָט ניט געהאַט קיינ רעכט לויט זײַנ אייגענעמ ווילנ אָפּצונעמענ די פרײַהײַט בא זײַנע אונטערטאַנענ (אכוץ, פארשטייט זיכ, בא די אָפּהענגיקע פויערימ). די שטאָט־בירגער האָבנ זיכ דערשלאָגנ, אַז עס זײַנענ ווידעראַמאָל באַשטעטיקט געוואָרנ „אלע פארצײַטיקע פרײַהײַטנ“ פונ לאָנדאָנ אונ פונ אנדערע שטעט. מע האָט צוגעזאָגט די סאָכרימ פולשטענדיקע באַוועגונג־פרײַהײַט אונ ס'איז פארבאָטנ געוואָרנ די קיניגלעכע באַאַמטע צו באַגיינ גוואַלד־טאַטנ איבער די הענדלער. אינ פאַל, ווענ דער קיניג וועט ברעכנ די דאָזיקע פארפליכטונגענ, האָט די „קאַרטיע“ פאָרויסגעזענ, אַז די פעאָדאלע באַראָנענ האָבנ דאָס רעכט, „צוזאַמענ מיט דער געמיינדע פונ דעמ גאַנצנ לאַנד צו צווינגענ (דעמ קיניג) אונ ווירקנ מיט אלע מיטלענ, וואָס זיי וועלנ נאָר קאָנענ אָנווענדנ, דה. דורכ פארכאַפּנ שלעסער, ערד אונ דורכ אלע אנדערע מיטלענ, וועלכע זיי וועלנ באַזיצנ, ביז עס וועט ניט פאריכט ווערנ (דאָס ברעכנ די קאַרטיע) לויט זייער באַשלוס נאָכ“.

דאָס הייסט, אַז דאָס ניט־אויספּילנ דעמ אָפּמאַכ האָט געדאַרפט ברענגענ צו א באַוואָפנטער אויפווירקונג אָפנ קיניג.

און פונדעסטוועגן האָבן פאַקטיש ניט יאָהאַן, ניט דער זון זיינער היינריך III ניט אויסגעפילט די דאָזיקע פאַרפליכטונגען. היינריך האָט זיבן מאָל פיי־ערלעך געשוואוירן ניט ברעכן די „כאַרטיע" און זיבן מאָל האָט ער געבראָכן זיינע צוזאָגן. דעמלט האָבן די פעאָדאַלן ווידער געמאַכט אַן אופשטאַנד און האָבן זיך דערשלאָגן דערצו, אַז עס זאָלן איינגעשטעלט ווערן ספּעציעלע צוזאַמענפאָרן פון דעם „קיניגס וואַסאַלן", וועלכע זאָלן באַגרענעצן דעם קיניגס מאַכט. די דאָזיקע צוזאַמענפאָרן זיינען שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטענדיקער אינסטיטו־ציע און האָבן באַקומען דעם נאָמען פאַרלאַמענט.

די שטאַנדן־פאָרשטייערשאַפט אין ענגלאַנד

און שוין אין דעם ערשטן „גרויסן פאַרלאַמענט" פון 1265 יאָר זיינען צוגלייך מיט די סאַמע אַריסטאָקראַטישע וועלט־לעכע און גייסטלעכע פעאָדאַלן געווען אויך קליין־באַזיצערישע ריטער און פאָרשטייער פון די שטאָט־בירגער. אַזוי־אַרום האָבן זיך די קלאַסן־איבערוקן, וועגן וועלכע מיר ווייסן שוין, מיט דער גאַנצער קראַפט אַרויסגעוויזן אינעם באַשטאַנד פון דעם פאַרלאַמענט, וואָס איז געווען אַ פאָרשטייערשאַפט פון די ש ט אַ נ ד נ פונעם קיניגרייך.

די געזעלשאַפט פון יענער עפּאָכע אין ענגלאַנד, און אויך אין אַנדערע לענדער פון מערב־אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן צעטיילן אויף עטלעכע אָפּגעזונדערטע גרופּעס — שטאַנדן.

אין יעסאָד פונעם אונטערשייד צווישן די שטאַנדן זיינען געלעגן קלאַסן־אונ־טערשיידן. יעטווידער שטאַנד האָט געהאַט זיינע אייגענע, דורכן געזעץ פאַרפעס־טיקטע, באַזונדערע רעכט, פּריווילעגיעס און פליכטן, האָט ניט זעלטן געהאַט אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע. דער העכסטער שטאַנד, וואָס האָט געהאַט זייער ווייניק פליכטן, און האָט דערפאַר אָבער געהאַט זייער אַ סך פּריווילעגיעס, איז געווען דער אַדל, ד.ה. די גרויסע און קליינע פעאָדאַלן. אַ פּריווילעגירטע לאַגע האָבן אויך פאַרנומען די גייסטלעכע. מיטן וווּקס פון דעם האַנדל און פון דער פּראָדוק־ציע האָט זיך אויסגעבילדעט דער שטאָטישער שטאַנד, וואָס איז באַשטאַנען פון די מער רייכע שטאָטבירגער. ניט זעלטן האָבן די סאָחרים און די האַנטווערקער געבילדעט באַזונדערע שטאַנדן. לויט זייערע רעכט זיינען די שטאָטישע שטאַנדן, אפילו די „טאַקעפע" סאָחרים, געשטאַנען אַ סך נידעריקער פון די אַדעליקע און גייסטלעכע. דאָס פויערטום אינגאַנצן גענומען און די שטאָטישע אָרעמשאַפט האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ רעכטלאָזע און אונטערדריקטע מאַסע.

צום אָנהייב XIV יאָרהונדערט האָט זיך דער ענגלישער פאַרלאַמענט פול־שטענדיק אויסגעבילדעט אַלס שטאַנד־פאָרשטייערשאַפט. די גראַפשאַפטן (געגנטן) און די שטעט שיקן אַהין זייערע פאָרשטייער. די גרויסע וועלטלעכע און גייסט־לעכע פעאָדאַלן פלעגן פערזענלעך איינגעלאַדן ווערן אין פאַרלאַמענט. די ריטערס פון די גראַפשאַפטן און די שטאָט־בירגער פלעגן געוויילט ווערן. שוין אין XIV יאָרהונדערט האָט די ערשטע גרופּע געבילדעט אַ באַזונדערע פּאַלאַטע — די אויבערשטע אָדער די לאָרדן־פּאַלאַטע. די צווייטע גרופּע (די קליינע פעאָדאַלן און די שטאָט־בירגער) האָבן געבילדעט די אונטערשטע אָדער די געמיינדעס־פּאַלאַטע. אַ טייל מיטגלידער פון דער אויבערשטער פּאַלאַטע האָט זיך אײַנגיכן דערשלאָגן דאָס רעכט איבערצוגעבן זייער טיטל בעירושע.

די באַדײַטונג פון דעם פּאַרלאַמענט

די שטאַנדן-פאָרשטייערשאַפט האָט באַגרענעצט דעם קיניגס מאַכט. אָבער צוזאַמען דערמיט איז דער פּאַרלאַמענט געווען א מעכטיק געצײַג אַפ צו צוימען דעם ווילקיר פון די פעאָדאַלן, א מיטל פאַר דער ווײַטערדיקער פאַרפעסטיקונג און פאַרייניקונג פון דער מעלוכע. נאָך וויכטיקער איז פאַר די הערשנדיקע קלאַסן געווען דאָס פאַרשטאַרקן די „אָרדענונג" אין דער מעלוכע, ד. ה. שאַפן א פעסטע צוים אַפ צו דערשטיקן די אַרויסטרעטונגען פון די עקספּלואַטירטע און רעכטלאָזע מאַסן.

אַט אַזוי האָט זיך פון די פריִערדיקע ראַטן און צוזאַמענפאָרן פון די גרויסע פעאָדאַלן אויסגעבילדעט דער פּאַרלאַמענט. דער דאָזיקער פּאַרלאַמענט איז בײַסלעכווײַז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פעסטן טייל פון דער צענטראַליזירטער אַדלמעלוכע, וואָס האָט אָנטשפּראָכן די אינטערעסן פון דער סקווירע-ווירטשאַפט, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אין אַנטוויקלען.

פראַגעס:

וואָס איז אַזוינס די „גרויסע פרײַהײַט-כאַרטיע"?

ווען און אין וועלכעס אינטערעסן איז געגרינדעט געוואָרן דער ענגלישער פּאַרלאַמענט?

וואָס פאַר א באַדײַטונג האָט אין דער אַנטוויקלונג פון דער מעלוכע געהאַט דער פּאַרלאַמענט?

ווען און פאַרוואָס האָבן זיך אין אים אויסגעטיילט צוויי פּאַלאַטעס (וועלכע)?

וואָס פאַר א קלאַסן-באַשטאַנד האָט געהאַט דער ענגלישער פּאַרלאַמענט אַמאָל (אין XIII—XV יאָרהונדערטער) און בײַ הײַנטיקן טאָג?

20. די אויסבילדונג פון דער שטאַנד-מאָנאַרכיע אין פראַנקרײַך

די צעשפּליטערטקײַט פון פראַנקרײַך

די עקאָנאָמישע צעשפּליטערטקייט פון פראַנקרײַך, ווען פאַרשיידענע געגנטן האָבן געהאַט פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן, האָט א צײַט לאַנג געשטערט, פונקט פאַרקערט, ווי דאָס איז געווען אין ענגלאַנד, דער צענטראַליזירונג פון דער מעלוכע.

אין XI—XII יאָרהונדערטער האָט נאָך פראַנקרײַך גיט עקזיסטירט ווי א אייגנהײַטלעכע מעלוכע. אַפ דער טעריטאָריע פון פראַנקרײַך איז געווען צעוואָרפן א היפּש ביסל גאַנץ אומאָפּהענגיקע פעאָדאַלע גוטבאַזיצן, וואָס זײַנען געווען אונטערגעוואָרפן אונטער די פאַרשיידענע הערצאָגן, גראַפן, אָדער קירכע-פירשטן (אַרציבישאָפן, בישאָפן, אַבאַטן). אַט די אַלע הערשער האָבן געבאַלעבאַטעוועט אין זייערע באַזיצונגען, ווי א פּאָרעץ אין זײַן גוט. זיי פלעגן פאַרטיילן זייערע באַזיצונגען צווישן זייערע זין, געבן באַזיצונגען אין נאַדאַן די טעכטער, גיט זעלטן אויך פאַרקויפן אָדער בײַטן. די פּאָליטישע קאַרטע פון פראַנקרײַך האָט זיך קעסיידער געענדערט. עס זײַנען אין פראַנקרײַך אויך געווען קיניגן, וואָס האָבן געהערט צו דער פאַמיליע קאַפּעטינגען. די קאַפּעטינגען זײַנען גיט געווען קיין גרויסע פעאָדאַלן, ביזן XII יאָרהונדערט האָבן זיי גיט געהאַט קיין ווירקלעכע מאַכט איבערן לאַנד, א סאַך הערצאָגן און גראַפן זײַנען געווען פיל שטאַרקער פון זיי.

אָבער די אַלע סיבעס, וואָס מיר האָבן אויבן כאַראַקטעריזירט, האָבן געפירט צו דער צענטראַליזירונג פון דער פראַנצויזישער מעלוכע. און אויסגעדריקט

האָט זיכ האָס, פריִער פונ אלצ, איג דער פאַרשטאַרקונג פונ דער קיניגלעכער מאַכט, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די אינטערעסנ פונ דער מערהײַט פעאָדאלנ אונ פונ זײערע פאַרבינדעטע — די שטאָטישע גווירים.

דער קאמפ פונ די קיניגנ קעגנ די אומאָפּהענגיקע פעאָדאלנ

ביסלעכווײַז, אַנ אנדערש מאָל מיט ביטערקײַט, אַנ אנדערש מאָל מיט קראַפט, האָבנ די פראַנצויזישע קיניגנ אַזוי פאַרפעסטיקט זײער לאַגע, אַז אינ אָנהייב XIII יאָרהונדערט איז שוינ דער קיניג פיליפ דער II אווגוסט ענערגיש צוגעטראָטנ „אופצוזאמלענ" דאָס לאַנד, דה. „פאַרקלענערנ" די קיניגלעכע באַזיצונגענ אפּנ כעזשבנ פונ דער ערד פונ אנדערע אומאָפּהענגיקע פעאָדאלנ. א פלינקער אונ אנ אכזאָריעסדיקער, ווי מע פלעגט זיכ וועגנ אימ אָפּרופנ אינ יענער צײַט, ווי א „רויבפויגל", האָט פיליפ אינ פאַרלויפ פונ א קורצער צײַט פאַרייניקט צו זײַנ ערד א ריי גרויסע אונ רײַכע געגנטנ פונ פראַנקרײַכ.

פיליפס גרעסטע דעראָבערונג איז געווענ די צאָפנ-מערבדיקע געגנט — נאָרמאַנדיע, וואָס ער האָט אויסגעקעמפט בא דעמ ענגלישנ קיניג יאָהאַנ. דעמ ערדלאַנד. מיט דער הילפ פונ די מאָביליזירטע שטאָט-בירגער אונ פונעמ געדונגענעמ מיליטער, האָט פיליפ אָפּגעהאַלטנ אַנ אַנטשיידנדיקנ ניצאָכנ אינ דער שלאַכט בא בווינ.

פראַטעזשירנדיק דעמ האַנדל אונ די אינדוסטריע אונ אָפּהיטנדיק זײ פונ אויסלענדישער קאָנקורענצ, האָט פיליפ צוגעצויגנ אפּ זײַנ זײַט די רײַכע שטאָט-בירגער; בא א געלעגנהײַט אָבער פלעגט ער באַרויבנ די וווכערניקעס, וועלכע ער פלעגט אָנרופנ „שוואָמ", וואָס מע טונקט אײַנ אינ וואַסער, קעדיי דערנאָכ אויסצוקוועטשנ. ער האָט זיכ אויכ שטאַרק פאַרנומענ מיט פעלשנ מאַטבייעס.

פאַר אײנעמ פונ זײַנע יאָרשימ (לוי IX) האָבנ זיכ די רײַכע פעאָדאלנ-באַראָנענ, אויסנוצנדיק די מינדעריאָריקײַט פונעמ קיניג, פאַרייניקט אונ האָבנ געמאָלדנ: „דער קיניג איז קליינ, לאָמיר אלײנ זײַנ די הערשער". די באַראָנענ האָבנ געמאַכט א פרוו צו פאַרכאַפּנ דעמ קיניג, קעדיי אינ זײַנ נאָמענ צו רעגירנ מיט דער גאַנצער מאַכט. דער קיניגלעכער פאַמיליע האָט זיכ אָבער אײַנגעגעבנ דורכצורײַסנ זיכ קיינ מאָנלערי, א שטעטל היגטער פאַריזש, אונ אהינ, קעדיי צו קעמפנ קעגנ די באַראָנענ, איז אָנגעקומענ א באַוואָפנטע ארמיי שטאָט-בירגער אונ אַדעליקע. אָט אַזוי האָט זיכ געראַטעוועט לוי IX מיט דער הילפ פונ דער בורזשואזיע אונ קלײנע פריצימ. שפּעטער האָט לוי IX שטאַרק פאַרפעסטיקט די קיניגלעכע מאַכט.

די גענעראַל-שטאַטנ אינ פראַנקרײַכ

אויכ פריִער (ביזנ XIV יאָרהונדערט) פלעגנ די פראַנצויזישע קיניגנ פונ צײַט צו צײַט צונויפרופנ די וועלטלעכע אונ גײַסטלעכע פעאָדאלנ, קעדיי צו באַהאַנדלענ פאַרשײדענע רעגירונגפראַגנ. איצט אָבער האָבנ זײ אָנגעהויבנ אָפטער צונויפרופנ אַזעלכע צוזאַמענפאָרנ, ווו די מערהײַט זײַנענ געווענ די מיטעלע אונ קלײנע ערדבאַזיצער. נאָכ מער, די קיניגנ האָבנ אָנגעהויבנ צוציִענ צו די דאָזיקע צוזאַמענפאָרנ אויכ שטאָט-בירגער.

אינ 1302 יאָר האָט זיכ דער קיניג פיליפ IV — דער שײנער געווענדט צו זײַנע וואַסאלנ מיט אַנ אײַנלאַדונג „אפּ א באַראַטונג וועגנ אײניקע זאַכנ, וואָס

זײַנענ אויסערסט וויכטיק פאר אלעמענ אונ פאר יעדערנ באזונדער". דער דאָזיקער צוזאמענפאָר האָט געדינט אלס אָנהייב פונ די פראנצויזישע גענעראל־שטאטנ, * וואָס האָבנ פונ דעמאלט אָנ ביזנ מיטנ פונ XV יאָרהונדערט גאנצ אָפט זיכ פארזאמלט. נאָכדעם הייבט אָנ זייער באדײַטונג צו פאלנ.

די גענעראל־שטאטנ זײַנענ באשטאנענ פונ פארזאמלונגענ פונ דרײַ שטאנדנ — פונ די אדעליקע, גײַסטלעכע אונ שטאָט־בירגער. יעדערע פונ די דאָזיקע פארזאמלונגענ (פאלאטעס) האָט באזונדער באהאנדלט אונ אָפגעשטימט פראגעס. יעדע פאלאטע האָט געהאט איינ שטימ, אזוי צו זאָגנ, די מיינונג פונעמ שטאנד אינגאנצנ גענומענ. אפ וויפל די אינטערעסנ פונ דעמ אדל אונ פונ די גײַסטלעכע פלעגנ קימאט שטענדיק צונויפפאלנ, פלעגט דער דריטער שטאנד, געוויינלעכ, בלײַבנ אינ דער מינדערהײַט.

מיט וואָס־זשע האָבנ זיכ פארנומענ די גענעראל־שטאטנ? אָט זײַנענ אייניקע בײַשפּילנ פונ דער צײַט, ווענ עס האָט געקיניגט דער זעלבער פיליפ דער שיינער. שוינ אפ דער ערשטער פארזאמלונג האָבנ די שטאטנ געפאָדערט, מע זאָל אראָפּנעמענ די שטײַערנ, וואָס זײַנענ געגאנגענ לעטויוועס דעמ רוימישנ פויפסט, אונ האָבנ זיכ געווענדט צומ קיניג מיט א ביטע: „ניט אונטערווארפנ זיכ קיינ שומ מאכט אחוצ דער געטלעכער" אונ דרייסט צערײַסנ מיט רוימ. די דאָזיקע פאָדערונג האָט דער קיניג אויסגעפילט זייער גערנ, ווײַל ער האָט שוינ געהאט אָפגעהאלטנ א פולשטענדיקנ ניצאָכנ אינעמ קאמפ קעגנ פויפסטנטומ. אפנ פויפסט־טראָנ איז אוועקגעזעצט געוואָרנ א פראנצויזישער בישאָפ, וואָס האָט זיכ באזעצט ניט אינ רוימ, נאָר אינ דאָרעמ־פראנקרײַכ — אינ אוויניאָנ.

אפ אנ אנדער פארזאמלונג האָבנ די גענעראל־שטאטנ ארויסגעשטעלט די פאָדערונג צו פארכאפנ די רײַכע אינדוסטריעלע פלאנדריע. דערופ איז באזונדערס באשטאנענ די בורזשואזיע; זי האָט געמאָלדנ, אז „צומ קאמפ קעגנ די פלאמאנדער זײַנענ די שטאָט־בירגער גרייט צו העלפנ דעמ קיניג ווי ווײַט זיי וועלנ נאָר קאָנענ: זיי וועלנ גייענ אהינ, וווּ ער וועט זיי פירנ, אונ וועלנ אפ זיכ נעמענ אלע הוצאָעס". פארשטייט זיכ, אז דאָס איז פארנ קיניג געווענ זייער וויכטיק.

דערהויפּט אָבער פלעגנ זיכ די שטאטנ צונויפזאמלענ, קעדיי צו דערלויבנ דעמ קיניג מאָנענ נײַע שטײַערנ.

שטיצנדיק זיכ אפ דער שטאנדנ־פאָרשטייערשאפט, האָבנ די קיניגנ פונ פראנקרײַכ ביסלעכווײַז דערשטיקט דעמ ווידערשטאנד פונ די באזונדערע גרויסע פעאָדאלנ, האָבנ געשאפנ א „נאציאָנאלע" אדל־מעלוכע, פארברייטערט דעמ סכוירע־מארק אונ פארפעסטיקט די צענטראלע מאכט, וואָס האָט דערשטיקט אָנ ראכמאָנעס די אופשטאנדנ פונ די פויערימ אונ פונ דער שטאָטישער אָרעמשאפט.

פראגעס:

וואָס זײַנענ אזוינס די גענעראל־שטאטנ?

וואָס פאר א קלאסנ־באשטאנד האָבנ זיי געהאט אונ מיט וואָס האָבנ זיי זיכ פארנומענ?

מיט וואָס אונטערשיידנ זיי זיכ פונעמ ענגלישנ פארלאמענט?

---

* דאָס וואָרט „שטאט" הייסט שטאנד, „גענעראלער"—אלגעמיינער, גענעראל־שטאטנ—אלגעמיינער צוזאמענפאָר פונ די שטאנדנ.

קאַפּיטל VIII

די אנטשטייונג פונ דער פעאָדאלער אָרדענונג אינ מיזרעכ-אייראָפּע

21. די צעפאלונג פונ דער פאטריארכאלער שטאַמ-אָרדענונג בא די מיזרעכ-סלאַווג אונ בא די פינעג

די פינישע אונ סלאַווישע שוואַטימ

די גרונט-באַפעלקערונג פונ מיזרעכ-אייראָפּע זײַנענ געווענ די פינענ אונ די סלאַווג. אינ IX יאָרהונדערט האָבנ די פינענ פאַרנומענ א סאַכ א גרעסערע טעריטאָריע, ווי איצט. וועגנ דעמ זאָגנ אײַדעמ די נעמענ פונ א סאַכ טײַכנ, אָזערעס, יישוווימ (אשטײַגער, די נעמענ אָקאַ, מאָסקווע זײַנענ פונ פינישער אָפּשטאַמונג).

אינ האַרעמ-מײַרעוו פונ די פינענ זײַנענ געלעגנ לענדער, וואָס זײַנענ געווענ באַזעצט פונ סלאַווישע שוואַטימ. דאָס איז געווענ א פאָלק, וואָס האָט זיכ שטאַרק אונטערשיידט פונ די פינענ מיט זײַנ שפּראַכ.

די לענדער פונ די מיזרעכ-סלאַווג זײַנענ געווענ אויסגעשפּרייט דערהויפּט באַמ דניעפּער אונ זײַנע בײַטײַכנ. פונדאַנענ האָבנ זיכ די סלאַווג צעשפּרייט ווײַטער אַפ צאָפנ אונ מיזרעכ, צו אילמענ אונ וואָלכאָוו, צומ אויבערשטראָמ פונ וואָלגע אונ אָקאַ.

די אַרט לעבנ פונ די מיזרעכ-סלאַווג

וועגנ דער אַרט לעבנ פונ די מיזרעכ-סלאַווג אונ פינענ ווייסנ מיר לויט די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגענ פונ די קווורע-ערטער אונ אַלטע יישוווימ. זייער א סאַכ ווערטפולע מאַטעריאַלנ אַנטהאַלטנ אינ זיכ אויכ די לעגענדעס, וואָס זײַנענ אופגעהיט געוואָרנ בא די פאַרצײַטיקע סלאַווישע היסטאָריקער (כראָניק-שרײַבער), אונ די דערציילונגענ פונ די אויסלענדער (גריכנ אונ אַראַבער), וואָס פלעגנ באַזוכנ די סלאַווישע אונ פינישע לענדער. אָט ווי עס באַשרײַבט דאָס לעבנ פונ די סלאַווג איינער אַנ אַראַבישער שרײַבער פונ X יאָרהונדערט:

„דאָס לאַנד פונ די סלאַווג איז פלאַכ אונ וואַלדיק; אינ די וועלדער טאַקע לעבנ זיי. זיי פאַרמאָגנ ניט קיינ ווײַנגערטנער, ניט קיינ באַאַרבעטעטע אַקער-פעלדער. פונ האָלצ אַרבעטנ זיי אויס אַזעלכע מינע קרוגנ, אינ וועלכע עס געפינענ זיכ בא זיי די בינשטאָקנ אונ מע האַלט אויכ די בינענ-האָניק. זיי פאַשענ באַזוירימ, ווי מע פאַשעט שעפּסנ. מער פונ אַלצ זייענ זיי הירזש.* אַרבעטס-פי האָבנ זיי ווייניק. די קעלט אינ זייער לאַנד איז אַזוי גרויס, אַז יעדערער פונ זיי גראָבט זיכ אויס אינ דער ערד א מינ קעלער, צו וועלכנ מע מאַכט צו א הילצערנעמ שפּיציקנ דאַכ, אונ אַפנ דאַכ לייגט מענ אָנ ערד. אינ אַזעלכע קעלערס באַזעצט מענ זיכ צוזאַמענ מיט דער מישפּאָכע, אינ קעלער נעמענ זיי מיט א ביסל האָלצ אונ שטיינער, צעלייגנ א פײַער אונ צעגליענ די שטיינער ביז רויט“.**

---

* בא די סלאַווג האָט עקזיסטירט די אונטערהאַק-סיסטעמ פונ דער לאַנדווירטשאַפט.

** דער אַראַבישער שרײַבער האָט דאָ צונויפגעמישט די וווינונג פונ די סלאַווג מיט א באָד.

די ערד־ארבעט בא די סלאוונ אונ בא די פינער

די דערציילונג פונעמ אראבישנ שרייבער באשטעטיקנ אינ גרונט אויכ אנדערע קוועלנ. די גרונט־באשעפטיקונג פונ די מיזרעכ־סלאוונ אינ IX—X יארהונדערטער איז געווענ ערד־ארבעט. אונ זי האט דעריקער באזארגט די סלאוונ מיט שפייז. ניט אומזיסט האט בא די סלאוונ קארנ געהייסנ: „זשיטא” („זשיטא” — דאס, מיט וואס מע לעבט). אויכ בא דער מערהייט פינישע שוואטימ איז געווענ אנט־וויקלט די ערדארבעט. אינ די מעריאנער*־י קוואר־ערטער פונעמ VIII—IX יארהונדערטער טרעפנ זיכ שוינ סערפנ אונ אקערס. די סאמע פארצייטיקע סלאווישע ערד־באארבעטונג האט זיכ באזירט אפ האנט־ארבעט. מע פלעגט באארבעטנ די ערד מיט א גאפלארטיקנ סוק („סאכע”). זייענ פלעגט מענ מער פונ אלצ הירזש, דה. אייגע פונ די אמווייניקסטנ קאפריזע טוווע־קולטורנ. די אקער־פעלדער זיינענ געווענ ניט קיינ גרויסע, געזייט האט מענ אפ פאסעקעס אינ וואלד. די דאזיקע פריזקע ערדארבעט, איז, ווי אינ אנדערע לענדער, געווענ מיסטאמע א פרויענ־ארבעט. אינ IX יארהונדערט קומט שוינ אנשטאט דער פרויענ־ארבעט די מענערישע. אינ דער וואלד־זאנע האט זיכ בא די סלאוונ אונ פינענ איינגעשטעלט די „אונטערהאק”־סיסטעמ, וואס איז געווענ ברייט פארשפרייט אינ מיזרעכ־אייראפע אונ וואס איז פארבליבנ אינ אייניקע ערטער ביזנ XX יארהונדערט.

בא דער דאזיקער סיסטעמ איז דאס סאמע שווערע אונ קאמפליצירטע געווענ דאס אויסהאקנ דעמ וואלד.

די דאזיקע ארבעט פלעגט מענ טאנ געוויינלעכ פרילינג־צייט. מע קלייבט אויס אנ ארט, וווּ ס'איז דא ווייניקער גרויסע ביימער. די קליינע ביימלעכ אונ די קוסטעס האקט מענ אראפ באמ סאמע וואָרצל „מיט העק צומ האקנ וואלד”, אונ בא די גרויסע ביימער רייסט מענ אראפ פונ שטאמ די קארע. דער אויסגעהאקטער וואלד ליגט דא אפנ ארט א גאנצ יאר, אינ א יאר ארומ קלייבט מענ אויס א העלנ זונענ־טאג, ווענ ס'איז דא א קליינ גלייכמעסיק ווינטל, אונ מע ברענט אויס דעמ צעטריקנטנ וואלד. אויסברענענ דעמ אויס־געהאקטנ וואלד איז גאר ניט לייכט. אינ א טאג, ווענ ס'איז קיינ ווינט ניטא, לעשט זיכ אפט דאס פייער. פארקערט, בא א שטארקנ ווינט ברענט דער אויסגעהאקטער וואלד ניט גלייכמעסיק אונ עס קאנ זיכ נאכ צעפלאקערנ א גרויסע וואלד־שרייפע. אונ דערפאר טאקע גייט ארויס אי צומ אויסהאקנ, אי צומ אויסברענענ דעמ וואלד די גאנצע מישפאכע.

דעמ אויסגעברענטנ פלאצ פלעגט מענ באארבעטנ מיט מאטיקעס. געזייט האט מענ אינ די שפורנ פונעמ סוק... געבראנעוועט האט מענ די ערד מיט א סוקעוואטנ טענענבוימ. די גאנצע ארבעט פלעגט נאכ געמאכט ווערנ מיט דער האנט.

די ערשטע 3—4 יאר פלעגט די ערד, באמיסטיקט מיט וואלדיקנ פוילשטאפ אונ מיט אש, געבנ גוטע גערעטענישנ. הערנאכ פלעגט די גערעטעניש שטארק פאלנ. דאנ פלעגט מענ פארווארפנ די אויסגעצערטע ערד אפ א סאכ יארנ, אונ מע פלעגט ווידער אונ־טערהאקנ אונ אויסברענענ א נייעמ שטיק וואלד.

אינ דער צייט, ווענ אינ דער וואלד־זאנע האט זיכ איינגעשטעלט די סיסטעמ פונ באארבעטנ די ערד דורכ אויסהאקנ וואלד, האט מענ שוינ אינ דער סטעפישער אונ אינ דער וואלד־סטעפישער זאנע אנגעהויבנ אריבערצוגיינ פונ באארבעטנ די ערד מיט מאטיקעס צו באארבעטנ זי מיטנ פלוג („ראלא”), מיט דער הילפ פונ אנ אקס אדער א פערד. די פלוג־ערדארבעט איז שוינ, פארשטייט זיכ, בא די סלאוונ געווענ א מענער־ארבעט.

---

* מעריא — א פינישער שיוועט.

אַרבעט־פּי איז בא די סלאַווג געווענ וויניק און זיי פלעגנ עס באַקומענ פונ די דאָרעמדיקע סטעפּ־אײַנוווינער.

אַזויאַרומ זײַנענ צומ IX יאָרהונדערט די סלאַוונ און די פינענ הויפּטזאַכלעכ געווענ ערדאַרבעטערישע פעלקער.

אַנדערע באַשעפטיקונגענ פונ די סלאַוונ און פינענ

צוגלײַכ מיט דער ערדאַרבעט האָט אײנעמ לעבנ פונ די סלאַווישע און פינישע שוואַטימ געהאַט א גרויסע באַדײַטונג כײַעס־פאַנג און וואַלד־בינענצוכט. יאַגד איז געווענ א וועזנטלעכע באַשעפטיקונג אַפילע בא די פּאָליאַנער, וואָס האָבנ געוווינט אינ מיטלסטנ דניעפּער־קאַנט. ווי עס דערציילנ די לעגענדעס, וואָס עס האָט פאַרשריבנ דער פּאַרצײַטיקער כראָניק־שרײַבער, איז אַרומ קיעוו געווענ א גרויסער וואַלד, ווו מע פלעגט כאַפּנ כײַעס. נאָכ גרעסער איז געווענ די באַדײַטונג פונ יאַגד אינ די צאָפנ־טיילנ פונ לאַנד, ווו ערטערווײַז איז דאָס געווענ די גרונט־באַשעפטיקונג פונ דער באַפעלקערונג. פוטערוואַרג און די פּראָדוקטנ פונ בינענצוכט (האָניק און וואַקס) זײַנענ אינ X יאָרהונדערט געוואָרנ די גרונט־אַרטיקלענ פונעמ אַרויספיר פונ מיזרעכ־אייראָפּע.

שטאַמ־קאָמונעס

ניט בא די סלאַוונ, ניט בא די פינענ געפינענ מיר נאָכ ניט אינ IX יאָרהונדערט קיינ אויסגעטיילטע קלאַסנ. אינ גאָר אַלטע צײַטנ האָבנ די פינענ און סלאַוונ געלעבט אינ שטאַמ־קאָמונעס. א כראָניק־שרײַבער פונ IX יאָרהונדערט דערציילט אונדז וועגנ די פּאַרצײַטיקע סלאַוונ, אַז פריער „האָבנ זיי געלעבט יעדערער מיט זײַנ שטאַמ און אַפ זייערע ערטער". די ערד איז געווענ א געמיינזאַמ אייגנטומ פונעמ שטאַמ, געמיינזאַמ האָבנ זיי זיכ פאַרנומענ מיט יאַגד אַפ גרויסע כײַעס, געמיינזאַמ געברענט דעמ וואַלד פאַר אַקער־פעלדער, געמיינזאַמ געקעמפט קעגנ די סאָנימ. דער שטאַמ פלעגט באַשיצנ זײַנע מיטגלידער. א מענטש „אָנ א שטאַמ און אָנ א שיוועט" איז געווענ שוצלאָז: אַזאַ מענטשנ האָט מענ געמעגט דערהאַרגענענ, ווי א הונט.

אָבער צוזאַמענ דערמיט ווי עס וואַקסט די באַדײַטונג פונ דער ערדאַרבעט הייבנ זיכ אָנ פונעמ שטאַמ ביסלעכווײַז אויסצוטיילנ „הויפנ". א הויפ איז באַשטאַנענ פונ א „גרויסער מישפּאָכע".

אַזעלכע מינימ „גרויסע" פּאַטריאַרכאַלע מישפּאָכעס האָבנ עקזיסטירט זייער א לאַנגע צײַט אינ די אָפּגעשטאַנענע ראַיאָנענ פונ מיזרעכ־אייראָפּע. אַשטייגער, בא די אודמורטנ האָט מענ נאָכ אינ אָנהייב XIX יאָרהונדערט געקאָנט טרעפנ „גרויסע מישפּאָכעס" צו 40 און מער מאַנ, בא די מאָרדווא זײַנענ נאָכ גאָר ניט לאַנג געווענ „מישפּאָכעס" צו 50—60 מאַנ. די מיטגלידער פונ דער „גרויסער מישפּאָכע" האָבנ געפירט א געמיינזאַמע ווירטשאַפט און האָבנ געלעבט אינ אַנ אַלגעמיינעמ הויפ. די „גרויסע מישפּאָכעס" האָבנ זיכ באַזונדערס שטאַרק געהאַלטנ דאָרט, ווו עס איז אַפ לאַנג פאַרבליבנ די אונטערהאַק־סיסטעמ פונ ערדאַרבעט, ווײַל די דאָזיקע סיסטעמ איז ניט פאַר די קרעפטנ פונ א קליינער מישפּאָכע, ווו ס'איז פאַראַנ 2—3 דערוואַקסענע אַרבעטער.

אַזעלכע מינע „גרויסע מישפּאָכעס" זײַנענ אויכ געווענ בא די פּאַרצײַטיקע סלאַוונ און פינענ. אינ צאָפנ האָבנ זיי געהייסנ „פּעטשישטשע", אינ דאָרעמ

„דוואַרישטשע". אין דער שפּיץ פון יעטווידער „דוואַרישטשע" (הויף) איז גע־שטאַנען אַן עלטסטער.

די שייוועט־פאַרייני־קונגען

די „גרויסע מישפּאָכעס" (און פריער די שטאַמען) פלעגן זיך פאַראייניקן אין שוואַטים. שוואַטים — זיינען ניט־שטאַנדהאַפטיקע בונדן פון שטאַמען, וואָס באַזיצן אייגן אַלגעמיינע טעריטאָריע. אָנפירן מיט די שוואַטים פלעגן די פאַרזאַמלונגען פון די שטאַם־עלטסטע („וועטשע"). בא פיל שוואַטים האָבן זיך שוין אין IX יאָרהונדערט אָנגעמערקט שייוועט־צענטערס, וווהין מע פלעגט זיך צונויפקלייבן צוליבן אורשפּרינגלעכן אויסטויש. אַהער פלעגט מען זיך אויך צוזאַמענקומען בייִם די אַלגעמיינע שייוועט־יאָנטויווים אַפ „שפּילן", ווי דער כראָניק־שרייבער דריקט זיך אויס.

די שוואַטים זיינען גלייכצייטיק אויך געווען מיליטערישע בונדן פון די שטאַמען. קעדיי אָנצופירן מיט די מילכאָמע־אונטערנעמונגען, פלעגן די עלטסטע אויסוויילן אַ מיליטער־אָנפירער, וואָס פלעגט הייסן פירשט. אייניקע שייוועט־פירשטן רופט אונדז אָן דער כראָניק־שרייבער אפילע באַם נאָמען, צומבייִשפּיל, מ א ל, דער פירשט פון די דרעוולאַנער, וועגן וועלכן עס ווערט דערמאָנט אין IX יאָרהונדערט.

קעדיי צו באַשיצן זיך פון אָנפאַלן, האָט מען די שייוועט־צענטערס, די „שטעט", אָנגעהויבן צו באַפעסטיקן מיט אַן ערד־וואַל אָדער מיט אַ הילצערנעם פּלויט. אַזוי אַרום איז דער שייוועט־צענטער געוואָרן ניט בלויז אַן אָרט פון אויסטויש און פון פייערלעכע פאַרזאַמלונגען, נאָר אויך אַ מיליטער־צענטער. אַזעלכע צענטערס פלעגן אויסוואַקסן אין ערטער, וואָס זיינען באַקוועם פאַרן פאַרקער און פאַרן באַשיצן זיך פון סאָנים. אָפטער פון אַלץ אַפ אַ הויכן ברעג פון אַ טייַך.

די צעפאַלונג פון דער פּאַטריאַרכאַלער שטאַם־אָרדענונג

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט האָט בא די סלאַוון און בא די פינען, פונקט ווי בא אַנדערע פעלקער, אָנגעהויבן צעפאַלן ווערן די פּאַטריאַרכאַלע שטאַם־אָרדענונג. אַ באַזונדערס גרויסע ווירקונג אַפ די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן האָט געהאַט דער איבערגאַנג צו אַקערן די ערד מיט אַ פלוג און צו אויסנוצן דערצו אַרבעט־פי, וואָס אין רעזולטאַט דערפון איז אויסגעוואַקסן די אַרבעט־פּראָדוקטיוויקייט. איצט איז שוין ניט נייטיק געווען, מע זאָל אַרבעטן אין פעלד קאָלעקטיוו, „גרויסע מישפּאָכעסווייז". דעריבער זיינען זיך די גרויסע הויפן צעפאַלן אַפ קליינע הויפן, באַזונדערס אין דער דאָרעמדיקער, וואַלד־סטעפּישער זאָנע.

יעדער קליינער הויף האָט שוין פאַרמאָגט אַ באַשטימטן ביילעק אַקער־ערד און הויף־ערד, ווו ער האָט געפירט די ווירטשאַפט מיט זיינע אייגענע קויכעס. אָנשטאָט דעם געמיינזאַמען ערד־אייגנטום און דער געמיינזאַמער ערד־באַאַרבעטונג האָט זיך פאַרפעסטיקט פּריוואַט־אייגנטום אַפ ערד, און באַאַרבעטן זי פלעגט יעדערער באַזונדער. אין געמיינזאַמען באַנוץ זיינען געווען בלויז די ניט־צעטיילטע פאַשע־פלעצער, די לאָנקעס און וועלדער, וואָס זיינען פאַרבליבן אין רעשוס פון דער געמיינדע.

די צעפאַלונג פון דער „גרויסער מישפּאָכע" אַפ הויפן, די אַנטשטייונג פון

פריוואט־אייגנטום אפ ערד און ארבעט־געצייג האָט אומפארמיידלעך געדארפט ברענגען, סיי בא די סלאַוון סיי בא די פינען, צו דער אנטשטייונג פון אומגלייכהייט און צו דעם אופקום פון קלאסן (פונקט ווי דאָס איז פאָרגעקומען אויך בא אנדערע פעלקער). א טייל הויפן איז רייך געוואָרן, האָט זיך איינגעשאפן מער פי און פארכאפט מער ערד. די קליינע הויפן פלעגן ווערן אָפהענגיק פון די רייכע, פלעגן ווערן זייערע אייביקע באלכויוועס.

דער אויבערשיכט, וואָס פלעגט זיך אויסטיילן אין שייוועט, האָט געפרווט פארגרעסערן זיין רייכטום דורך רויבערישע אָנפאַלן אפ די שכייניש געמיינדעס. די געפאנגענע, וואָס זיי פלעגן פארכאפן, פלעגן זיי פארוואנדלען אין שקלאפן און דאָס פי, וואָס איז דאן געווען דאָס הויפט־רייכטום, פלעגן זיי פארטרייבן צו זיך. פון די דאָזיקע אָנפאַלן איז באזונדערס אויסגעוואָקסן די רייכקייט און די מאכט פון די שייוועט־פירשטן און פון זייערע דרוזשינעס. די שייוועט־פירשטן און די עלטסטע, וואָס האָבן געהערט צו די סאמע רייכע שטאמען, האָבן זיך אָנגעהויבן אויסטיילן אין א באזונדערן קלאס, פארוואנדלענדיק זיך פון אויסגעוויילטע שייוועט־אָנפירער אין עקספלואטאטערס, וואָס קאָנצענטרירן אין זייערע הענט דאָס רייכטום און די מאכט.

אט אזוי האָט זיך אָנגעהויבן אויסבילדן די קלאסן־געזעלשאפט.

די בולגארן, כאָזארן און וואריאגן

דער צעפאלונג־פראָצעס פון דער פאָר־קלאסעווער געזעלשאפט בא די מיזרעכ־סלאַוון און פינען האָט זיך נאָך מער פארשנעלערט אונטער דער ווירקונג פון זייערע באציִונגען מיט די שכיינים.

אין לאנד פון די מיזרעכ־סלאַוון און פינען פלעגן אויך אריינדרינגען באַוואָפנטע אָטריאדן סאָכרים פון ווייטע לענדער. ביזן IX יאָרהונדערט האָבן דאָס ערשטע אָרט צווישן זיי פארנומען אראבער. וועגן די באציִונגען מיט די אראבער זאָגן אײדעס די גרויסע אוצרעס אראבישע מאטבייעס, וואָס מע געפינט אָפט אין מיזרעכ־אייראָפע, און די דערציילונגען פון די אראבישע סאָכרים. איבערן קאספישן יאם און איבערן טייך וואָלגע פלעגן די אראבישע סאָכרים צומאָל אריינדרינגען ביז דער געגנט פון די בולגארן (א פאָלק, וואָס האָט געוווינט אפ נידערקאמע און וואָס האָט אין IX יאָרהונדערט געבילדעט א באדייטנדיקע מעלוכע). די הויפטשטאָט פון די קאמער בולגארן איז געווען ב ו ל ג א ר, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דער לעפצונג פון קאמע און איז געוואָרן א גרויסער האנדלצענטער.

אהער פלעגן זיך צונויפקומען זייער א סאך מיזרעכ־סאָכרים (אפ די מאַציוועס, וואָס מע האָט געפונען בא די רוינען פון בולגאר, איז פארצייכנט א ריי נעמען פון סאָכרים פון קאווקאז, פערסיע און מיטלאזיע). אהער איבער דער קאמע, וואָלגע און זייערע בײַטייכן פלעגט מען אויך ברענגען סכוירעס פון די פינישע און סלאַווישע לענדער. א באזונדערס גרויסע באדייטונג האָט דער אראבישער האנדל געהאט פאר די פינישע פעלקער פון ארום וואָלגע און ארום קאמע, אָבער די סלאַוון זײַנען אויך געווען אריינגעצויגן אין דעם דאָזיקן האנדל.

איינער אן אראבישער רייזנדער באשרייבט אזוי זיין באגעגעניש מיט די סאָכרים פון סלאַווישן לאנד אפן טייך איטיל (וואָלגע):

איכ האָב געזעענ די רוסנ, ווענ זיי זײַנענ געקומענ מיט זייערע כאַוויירים אונ האָבנ זיכ צעלייגט ארומ דעמ טײַכ איטיל. יעדערער פונ זיי שוידט זיכ ניט מיטנ שווערד, מעסער אונ שלאַכט-האַק. ווענ זייערע שיפנ קומענ צו צומ אנקער-פּלאַצ, גייט יעדערער פונ זיי ארויס, האַבנדיק מיט זיכ ברויט, פלייש, מילכ, ציבעלע אונ א הייסנ געטראַנק, גייט צו צו א הויכנ אווועקגעשטעלטנ סלופּ, וואָס האָט א געזיכט, ענלעכ צו א מענטשלעכנ, אונ ארומ דעמ זײַנענ פאַראַנ נאָכ קלײנע אָפּבילדער. דער מענטש גייט צו צו דעמ גרויסנ אָפּבילד, פאַלט אנידער פאַר אימ אונ זאָגט: „אָ, האַר, איכ בינ געקומענ פונ דער ווײַט, מיידלעכ האָב איכ מיט זיכ אזויפיל אונ אזויפיל שטיק, סויבלענ אזויפיל אונ אזויפיל פעלכלעכ" — ביז ער רעכנט ניט אויס אלצ, וואָס ער האָט מיט זיכ געבראַכט. דערנאָכ זאָגט ער: „אָט די מאַטאָנע האָב איכ געבראַכט פאַר דיר. איכ וויל, דו זאָלסט מיר צושיקנ א סוחר מיט דינאַרנ אונ דירהעמעס,* וואָס זאָל בא מיר קויפנ אלצ, וואָס איכ ווינטש".

אינ דער אנטוויקלונג פונעמ האַנדל פונ די סלאַווונ מיטנ מיזרעכ האָט געהאַט א גרויסע באַדײַטונג די אנטשטייונג פונ דער כאַזאַרישער מעלוכע אינ דאָרעמ. די כאַזאַרנ, א פאָלק, וואָס איז געקומענ פונ אזיע, האָבנ אינ VIII—VII יאָרהונדערטער געשאַפנ באַמ נידערשטראָמ פונ וואָלגע אונ דאָנ א גרויסע מעלוכע. די כאַזאַרנ האָבנ א לאַנגע צײַט פאַרשטעלט דעמ וועג אינ די דאָרעמ-סטעפּעס פאַר אנדערע אזיאַטישע נאָמאַדנ. די כאַזאַרנ האָבנ געפירט א לעבהאַפטנ האַנדל מיט די אראַבער אונ גריכנ. איינ צײַט איז זיי געלונגענ באַהערשנ א טייל סלאַווישע שוואָטימ. דער כראָניק-שרײַבער דערציילט: „די כאַזאַרנ האָבנ גענומענ צינז פונ די פּאָליאַנער, סעווועריאַנער אונ וויאַטיטשער צו איינ ווײַסע וועווערקע פונ א ווירטשאַפט".

א צווייטער וועג, וואָס האָט אינ X יאָרהונדערט באַקומענ א גרויסע באַדײַטונג, איז געווענ דער „גרויסער וואַסער-וועג" פונעמ באַלטישנ אונ שוואַרצנ יאַמ. איבער אימ פלעגנ אפ שיפלעכ אראָפּרינענ אינ דער רײַכער ביזאַנצ אַטריאַדנ צאָפנדיקע סאָכרימ אונ רויבער („וואַריאַגנ"). ** ווי די סלאַווונ פלעגנ זיי רופנ).

ווי עס דערציילט דער כראָניק-שרײַבער, האָבנ די וואַריאַגנ באַהערשט א טייל צאָפנדיקע סלאַווישע אונ פינישע שוואָטימ. „עס האָבנ גענומענ צינז די וואַריאַגנ, וואָס זײַנענ געקומענ פונ יענער זײַט יאַמ, פונ טשוד, פונ די סלאַווונ (די אילמענער), פונ די מער, וועס, אונ קריוויטשער".

די וואַריאַגישע פירשטנ פלעגנ אָנשפּאַרנ אויכ אפ דער וואָלגע. וואַרשײַנלעכ, זײַנענ וואַריאַגנ געווענ יענע רוסנ, וועלכע פלעגנ, ווי עס דערציילט דער אראַבישער רײַזנדער, פאַרקויפנ די אראַבער שקלאַפנ אונ פוטערוואַרג.

די אנטשטייונג פונ דער רוסישער מעלוכע

אזויארומ האָבנ מיר שוינ אינ IX אונ אָנהייב X יאָרהונדערטער אינ מיזרעכ-אייראָפּע עטלעכע באַדײַטנדיקע צווישנשייוועטדיקע פאַרייניקונגענ פונ מעלוכעס. די בולגאַרישע פירשטנ, בעראָש מיט די כאַנענ, האָבנ באַזיגט די באַפעלקערונג פונ מיטלוואָלגע אונ דעמ קאַמער קאַנט אונ האָבנ געצוווּנגענ די באַזיגטע צו צאָלנ צינז מיט פוטערוואַרג, מיט לעדער אונ מיט פערד. די דאָרעמדיקע סטעפּ-געגנטנ זײַנענ ארײַנ אינ באַשטאַנד פונ דער גרויסער כאַזאַרישער מעלוכע. די צאָפנדיקע סלאַווישע אונ פינישע שוואָטימ זײַנענ באַזיגט געוואָרנ דורכ די נאָרמאַנער (וואַר-

* דירהעמעס.

** אָדער נאָרמאַנער, ווי מע האָט זיי גערופנ אינ מערעוו-אייראָפּע.

שייַנלעכ, וואַריאַגער) פירשטנ. צווישנ די טייַכנ וואָלגע אונ אָקאַ זייַנענ געשאַפנ געוואָרנ דאָס האָסטאָווער אונ דאָס מוראָמער פירשטנטומ. צולעצט, האָבנ אינ בייַדניעפּער־קאַנט די פירשטנ פונ דעמ שיוועט פּאָליאַנער באַהערשט די לענדער פונ די דרעווליאַנער אונ סעווריאַנער.

אינמיטנ X יאָרהונדערט זייַנענ די מיזרעכדיקע סלאַווישע לענדער מיט גוואַלד פאַרייניקט געוואָרנ אינ איינ גרויסער מעלוכע פונ נאָווגאָראָד ביז קיִעוו. דער צענטער פונ דער נייַער „רוסישער" מעלוכע איז געוואָרנ קיִעוו. (דעמ נאָמענ „רוסישע" דערקלערנ די געלערנטע פאַרשיידנ. איינע האַלטנ, אַז רוס — דאָס איז אַ צאָפנדיקער וואַריאַגער שיוועט, אָדער אַ נאָמענ פונ מיליטער־אָטריאַדנ פונ פאַרשיידענע שוואָטימ; אַנדערע, ווידער, האַלטנ, אַז דאָס וואָרט „רוס" שטאַמט פונ דאָרעמ־רוסלאַנד).

דער ערשטער רוסישער פירשט, פונ וועלכנ מע ווייסט זיכער, איז געווענ א י ג אָ ר (ד ע ר א ל ט ע ר). וועגנ אימ ווייסנ מיר ניט בלויז פונ די שפּעטערדיקע לעגענדעס, נאָר אויכ לויט דאָקומענטנ, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעהיט. וועגנ די פריִערדיקע קיִעווער פירשטנ (צומבייַשפּיל, וועגנ אָ ל ע ג נ) ווייסנ מיר בלויז לויט פילצאָליקע לעגענדעס.

שפּעטער, אינ אַ יאָר צוויי הונדערט אַרומ, ווענ אינ רוסלאַנד איז אויפגעקומענ די שריפט, זייַנענ פאַרשריבנ געוואָרנ די לעגענדעס וועגנ דער אַנטשטייונג פונ דער רוסישער מעלוכע. דאָרט ווערט דערציילט, אַז די רוסישע מעלוכע איז, קלוימערשט, אַנטשטאַנענ דורכ העמ, וואָס מע האָט פרייַוויליק גערופנ די וואַריאַגנ. אייידער בא די סלאַוונ האָבנ זיכ באַוויזנ פירשטנ, דערציילט די כראָניק, פלעגנ בא זיי קעסיידער פאָרקומענ אומרועס. „אַ שטאַמ איז אויפגעשטאַנענ קעגנ אַ שטאַמ, אונ עס זייַנענ געווענ צווישנ זיי רייַסערייַענ. אונ דאַנ האָבנ זיי געזאָגט צו זיכ אַליינ: „לאָמיר זיכ אויסזוכנ אַ פירשט, וואָס זאָל הערשנ איבער אונדז, אונ וואָס זאָל אונדז מישפּעטנ לויטנ געזעצ". אונ אַוועק זייַנענ זיי אַפ יענער זייַט יאַמ צו דעמ וואַריאַגער שיוועט רוס. אונ געזאָגט האָבנ צו די רוסנ די טשוד, סלאַוונ (די אילמענער), קריוויטשער אונ וועס: „דאָס לאַנד אונדזערס איז גרויס אונ רייַכ, נאָר קיינ אָרדענונג איז אינ אימ ניטאָ. קומט קעניגנ אונ געוועלטיקנ איבער אונדז". דער ערשטער פירשט איז, לויט דער כראָניק געווענ ר י ו ר י ק, וואָס האָט געוועלטיקט אינ נאָווגאָראָד, נאָכ אימ איז געווענ אָלעג, דער קריג־פירער פונ זייַנ זונ איגאָר, ער האָט אייַנגענומענ קיִעוו אונ געשאַפנ די קיִעווער מעלוכע.

די געלערנטע האָבנ דערוויזנ, אַז דאָס, וואָס עס דערציילט דאָ דער כראָניק־שרייַבער, איז שוינ אַ שפּעטערדיקע לעגענדע, וואָס איז געשאַפנ געוואָרנ, כדי צו גלייבנ די פירשטנ, כדי צו דערווייַזנ די נייטיקייט פונ אַ פירשטנ־מאַכט, וואָס האַלט, קלוימערשט, אויפ די אָרדענונג אינ לאַנד.

פ ר א ג ע ס:

וועלכע פעלקער האָבנ באַווינט מיזרעכ־אייראָפּע אינ IX—X יאָרהונדערטער?

וואָסערע באַשעפטיקונגענ זייַנענ בא די פאַרצייַטיקע סלאַוונ געווענ די גרונטיקע?

ווי האָט מענ פאַרצייַטנס באַאַרבעט די ערד?

וואָס פאַר אַ פאַרבינדונג האָט עקזיסטירט צווישנ דער ווירטשאַפטלעכער אונ געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג פונ די פאַרצייַטיקע סלאַוונ אונ פינענ?

ווו איז באַזונדערס לאַנג פאַרבליבנ די „גרויסע מישפּאָכע"?

פאַרגלייַכט דאָס לעבנ פונ די פאַרצייטיקע סלאַוונ מיטנ לעבנ פונ די פאַרצייטיקע גערמאַנער (אינ טאַציטוס צייַטנ).

22. די קיִעווער מעלוכע

חוקס פונעמ גרויסנ ערד־באזיצ אינעמ XI—XII יאָרהונדערטער

דער געזעלשאפטלעכער איבערשיכט, וואָס האָט זיכ אויסגע־טיילט אלס רעזולטאט פונ דער צעפאלונג פונעמ שטאמ, האָט פאַרכאפט גרויסע ערד־שעטעכנ. שוינ פונ XI און באזונ־דערס פונ XII יאָרהונדערט זיינענ פאראנ פיל מאטעריאלנ, וואָס רייְדנ וועגנ פירשטלעכע און „באָיארישע" דערפער (באָ־יארנ,* גרויסע מענטשנ, אזוי האָט מענ דאנ אָנגעהויבנ רופנ גרויסע ערד־באזי־צער).

די פירשטנ און די באָיארנ האָבנ, אכוצ ערד, פארמאָגט גרויסע סטאדעס פערד און אנדערע פי. באַ איינעמ פונ די פירשטנ פונ XII יאָרהונדערט איז אינ איינעמ פונ זייַנע דערפער געווענ „טשערעדע־שקאפעס 3 טויזנט, און פערד — 1 טויזנט".

אינ די פירשטלעכע קעלערנ און שפייַכלערס איז געווענ זייער פיל פארשיידענע רעזערוונ — ברויט, האָניק, וויינ, גאָלד און זילבער.

צוגלייַכ מיט דער דאָרפישער געמיינדע איז אזויארומ אויפגעקומענ דער גרויסער ערדבאזיצער.

די שקלאפישע און האלב-פרייַע ארבעט אינ דאָרפ

די ווירטשאפט האָט זיכ אינ פיל באָיארישע און פירשטלעכע דערפער באזירט אפ שקלאפנ־ארבעט. אשטייגער, אינ איינעמ א פירשטלעכנ הויפ, אינ פוטיוול, איז געווענ 700 שקלאפנ כלאפנ. מיט דער ארבעט פונ דער צאָלרייַכער דינערשאפט האָבנ אָנגעפירט עלטסטע שקלאפנ — „טיִונעס" (פריקאַש־טשיקעס), פערד־אויפזעער, הויז־אויפזעער. אבער די גרעסטע באדייַטונג האָט געהאט נימ די ארבעט פונ די שקלאפנ, נאָר פונעמ פויערטומ.

די גרונטמאסע פונ דער דאָרפישער באפעלקערונג, די געוועזענע פרייַע קליינע ערד־ארבעטער, איז ביסלעכווייַז געוואָרנ אפהענגיק פונ די באָיארנ און די פירשטנ. די „סמערדנ", ווי מע פלעגט געוויינלעכ רופנ די הויפט־מאסע פונ דער דאָרפישער באפעלקערונג, זיינענ נימ געווענ קיינ שקלאפנ. זיי האָבנ געפירט זייער איינענע ווירטשאפט, פארמאָגט זייערע אייגענע פי און זייער אייגנ אקערפעלד. אבער דאָס איז שוינ געוואָרנ עקאָנאָמיש אנ אונטערהדריקטע און דערנידעריקטע אינ אירע רעכט באפעלקערונג־גרופע. אינ איינעמ פונ די ארטיקלענ פונ דער „רוסקאיא פראוודא" („רוסישע רעכט")** איז אזוי געשריבנ: „אויב א סמערד־שטארבט, נימ איבער־לאָזנדיק קיינ קינדער, גייט אריבער זייַנ פארמעגנ צו דעמ פירשט". דעמ סמערדס טעכטער זייַנענ אויכ געווענ באגרענעצט אינ דער ירושע־רעכט. עס זייַנענ אויכ פאראנ אָנווייַזונגענ, אז די „סמערדנ" איז אויסגעקומענ צו ארבעטנ פאנשטשינע פארנ פירשט.

* דאָס וואָרט באָיארינ אָדער באָליארינ שטאמט, מיסטאָמע, פונעמ וואָרט „באָל" — גרעסער. אינ דער הײַנטצייַטיקער שפראכ איז עס פארבליבנ אינעמ וואָרט большийъ — גרעסער (?). „באָרינ" — פּאָרעצ.

** „רוסקאיא פראוודא" איז א זאמלונג געזעצנ פונ די קיִעווער פירשטנ פונ XI און XII יאָרהונדערטער.

דער פויער איז אָפּט געווענ געצווונגענ אָנצוקומענ נאָכ א האלוואָע צו א רײַכנ באלעבאָס. פּארנ אָקס, פּארנ פערד, פּארנ פלוג צי פּאר דער בארָאָנע, וואָס דער באַיארינ פלעגט אימ אויסלײַענ, האָט ער געמוזט באארבעטנ זײַנ ערד. אָט די „זאקופּעס" (באלכויוועס) זײַנענ שוינ קימאט געווענ „כאָלאָפּעס" (קנעכט). לויט דער „רוסקאיא פּראוודא" האָט דער האר געהאט רעכט צו שלאָגנ דעמ באלכויוו. אויב א באלכויוו פלעגט פּרוווּנ אנטלויפנ פונ זײַנ האר, פלעגט ער ווערנ א פולשטענדיקער קנעכט. אלס איידעס אפנ געריכט האָט א באלכויוו געקאָנט ארויסטרעטנ בלויז דאנ, ווענ עס איז ניט געווענ קיינ איידעס פונ די פרײַע.

אלזאָ, שוינ אינ דער צײַט פונ דער „רוסקאיא פּראוודא" קומט אופ אינ רוסלאנד דער גרויסער ערדבאזיצ, אונ מיט גוואלד ווערט די מאסע דאָרפישע באפעלקערונג זייער שטארק אָפּהענגיק פונ אימ. אזויארומ הייבט זיכ אָנ אינ מיזרעכ־אייראָפּע אויסצובילדנ דער פעאָדאלער רעזשימ. די פויערימ האָבנ געקעמפּט קעגנ דער אײַנגעשטעלטער פעאָדאלער עקספּלואטאציע. ס'איז באוווּסט פונ א גרויסער פויערימ־באוועגונג אינ XI יה. אפ אויבערוואָלגע, אינ שעקסנע (1071 יאָר).

דער רויבערישער האנדל מיט ביזאנצ אינ X—XI יאָרהונדערטער

די באַיארנ אונ די פירשטנ פלעגנ רײַכ ווערנ ניט נאָר דערפונ, וואָס זיי פלעגנ עקספּלואטירנ די באפעלקערונג, איבער וועלכער זיי האָבנ געוועלטיקט. א גרויסע באדײַטונג האָט געהאט, דערהויפּט אינ X—XI יאָרהונדערטער, דער רויבערישער האנדל. עמעס, דער האנדל מיט מיזרעכ איבער דער וואָלגע איז קימאט איבערגעריסנ געוואָרנ, ווײַל דעמ וואָלגע־וועג האָבנ איבערגעריסנ נאָמ־אהנ (באזונדערס די נאָמאדנ־אָרדע פּעטשענעגנ, וואָס האָט כאָרעוו געמאכט די כאָזארישע מעלוכע). דערפאר אָבער באקומט אלצ א גרעסערע באדײַטונג דער „וועג פונ די וואריאגנ צו די גריכנ". די וויכטיקסטע מילכאָמע־אונטערנעמונגענ פונ די ערשטע קיִעווער פירשטנ זײַנענ טאקע געווענ פארבונדנ מיטנ ביזאנטישנ האנדל. אפ ביזאנצ האָבנ די רוסישע פירשטנ פיל מאָל געמאכט אָנפאליִענ. בא א דערפאָלג פלעגנ זיכ די רוסישע דרוזשינעס אומקערנ אהיימ מיט פיל רויב. אינ X—XI יאָרהונדערטער איז אָבער ביזאנצ געווענ אזוי שטארק, אז די אָנפאליִענ פלעגנ זיכ ניט שטענדיק פארענדיקנ מיט דערפאָלג פאר די רוסישע פירשטנ. אונ קעדיי צו באקומענ ביזאנטישע סכוירעס, וואָס די פירשטנ אונ די באַיארנ האָבנ צו זיי געהאט גרויס כיישעק (טײַערע געוועבנ, גאָלד, ווײַנ), איז אויסגעקומענ איבערצוגייג פונ אָנפאליִענ צו פרידלעכנ האנדל מיט די גריכנ.

איינער פונ די ביזאנטישע אימפּעראטערס האָט אונדז איבערגעלאָזנ א גענויע באשרײַבונג פונעמ האנדל פונ די רוסנ מיט די גריכנ. פרילינג־צײַט קומענ זיכ צונויפ די שיפלעכ פונ די רוסישע סאָכרימ פונ פארשיידענע שטעט (פונ נאָווגאָראָד, סמאָלענסק, ליוביטש, טשערניגאָוו, ווישגאָראָד) אינ קיִעוו. אינ יונ לאָזט זיכ א גרויסער קאראוואנ שיפלעכ מיטנ דניעפּער אראָפּ־צו. בא די דניעפּער־שוועלנ פלעגט מענ די שיפלעכ מיט די סכוירעס איבערשלעפּנ איבער דער טריקעניש, טיילווײַז שלעפּנדיק זיי איבער דער ערד, טיילווײַז טראָגנדיק אפ די פּלייצעס. ווײַטער פארט מענ מיטנ טײַכ אראָפּ־צו אונ לענגאויס דעמ ברעג פונ שווארצנ יאמ, ארבעטנדיק מיט די ווערסלעס, אָדער אופשטעלנדיק די זעגלענ.

אינ וועג האָט מענ געדארפט זײַנ שטענדיק אפ דער וואכ קעגנ אנ אָנפאל פונ

די נאָמאַדנ, וואָס פלעגנ צוהיטנ די רוסישע קאַראַוואַנענ בא די דניעפּער־שוועלנ און נאָכיאָגנ זיי קימאַט ביזנ דונײַ.

דורכמאַכנדיק אָט דעם „פײַנפולנ, געפערלעכנ און שווערנ וועג“, פלעגנ זיך די רוסישע סאָכרים דערקלײַבנ ביז ביזאַנצ.

די האַנדל־באַדינגונגענ מיט ביזאַנצ פלעגנ פעסטגעשטעלט ווערנ דורכ האַנדל־אָפּמאַכנ. די פירשטנ האָבנ זיך זייער אַקטיוו באַטייליקט אינ דעם דאָזיקנ האַנדל. אינ צאַרגראַד (קאָנסטאַנטינאָפּאָל) איז געווענ אַ גרויסער נאָכפרעג אָפ די פּראָדוקטנ פונ רוסישער יאַגד און בינענצוכט. די פירשטנ פלעגנ דעריבער זאַמלענ פונ זייערע אונטערטעניקע צינז מיט פוטערוואַרג, האָניק און וואַקס.

וועגנ דעם, וויאַזוי די קיִעווער פירשטנ פלעגנ שינדנ די הויט פונ זייערע אונטערטאַנענ, קאָנ מענ אורטיילנ לויט דער כראָניק־דערציילונג וועגנ דעם טויט פונעמ פירשט איגאָר. בײַקומענדיק די דרעווליאַנער, האָט אָפ זיי איגאָר אַרופגעלייגט אַ צינז — „אַ שוואַרצנ מאַרדער פונ אַ ווירטשאַפט“. לעכאַטכילע האָבנ די דרעווליאַנער געהאַרכזאַם געצאָלט. אָבער איינמאָל, באַקומענדיק זײַנ צינז, איז איגאָר באַלד געקומענ מאָנענ נאָכאַמאָל. זײַנענ די דרעווליאַנער אָנגעפאַלנ אָפ זײַנ דרוזשינע, האָבנ זי צעקלאַפּט, און איגאָרנ אַליינ האָבנ זיי דערהאַרגעט: אָנבייגנדיק די שפּיצנ פונ צוויי ביימער, האָבנ זיי איגאָרנ צוגעבונדנ צו די ביידע שפּיצנ און האָבנ אָפּגעלאָזנ די ביימער, וועלכע האָבנ פאַנאַנדערגעריסנ דעם פירשט.

אָבער די וויכטיקסטע באַדײַטונג אינעם האַנדל האָבנ גראָד געשפּילט ניט די דאָזיקע סכוירעס (פוטערוואַרג, וואַקס, האָניק), נאָר די שקלאַפנ. צאַרגראַד איז געווענ איינער פונ די גרעסטע שקלאַפנ־מערק, און דאָרט פלעגנ די רוסישע פירשטנ אָפּזעצנ זייער לעבעדיקע סכוירע. די קעסיידערדיקע מילכאָמעס, וואָס די רוסישע פירשטנ האָבנ געפירט מיט די סלאַווישע, פינישע און טיורקישע פעלקער, האָבנ אַלס זייער גרונט־אויפגאַבע געהאַט אַרויסצוקריגנ די דאָזיקע סכוירע. דאָס איז געווענ אַ געיעג נאָכ שקלאַפנ. נאָכ אַ געלונגענעמ מאַרש פלעגט זיך דער פירשט אומקערנ מיט אַ גרויסע כאַפּטע געפאַנגענע.

אַזוי־אַרום זײַנענ די ערשטע רוסישע פירשטנ געווענ ניט בלויז ערד־באַזיצער, נאָר אויכ שקלאַפנ־באַזיצער און שקלאַפנ־הענדלער.

די אַנטוויקלונג פונ דעמ שקלאַפנ־האַנדל האָט ניט געענדערט די פעאָדאַלע יעסוידעס פונ דער דעמאָלטיקער רוסישער געזעלשאַפט. דער שקלאַפ איז געווענ בלויז אַנ אַרטיקל פאַרנ אויסערלעכנ האַנדל. די פּראָדוקציע אינ רוסלאַנד גופע איז אינ גרונט געווענ געבויט ניט אָפ שקלאַפנ־אַרבעט. דער שקלאַפנ־האַנדל האָט באַרײַכערט דעמ רויבערישנ אויבערשיכט פונ דער געזעלשאַפט און האָט רויִנירט די מאַסנ באַפעלקערונג, אָבער צו דער אַנטשטייונג פונ אַ שקלאַפנ־באַזיצערישער געזעלשאַפט האָט דער דאָזיקער האַנדל ניט געבראַכט.

דער קלאַסנקאַמפ אינ די רוסישע שטעט

די אַנטוויקלונג פונ דעמ רויבערישנ האַנדל האָט אַרויסגערופנ אינ X—XI יאָרהונדערטער אַ באַדײַטנדיקנ וווּקס פונ די שטעט. אייניקע שטעט, באַזונדערס קיִעוו, זײַנענ זייער שטאַרק אויסגעוואָקסנ. די באַפעלקערונג פונ די שטעט האָט זיך שאַרף צעטיילט אָפ קלאַסנ. די שקלאַפנ־הענדלער זײַנענ געווענ דער אויבערשיכט פונ דער שטאָטישער געזעלשאַפט. דער פירשט האָט פאַרטיידיקט די אינטערעסנ פונ דעמ דאָזיקנ אויבערשיכט.

די „רוסקאַיאַ פּראַוודאַ" האָט, דראָענדיק מיט זײער שװערע שטראָפֿנ, אָפּגעהיט דאָס לעבנ אונ פֿאַרמעגנ פֿונ די שקלאַפֿנ־באַזיצער. פֿאַרנ דערמאָרדנ א שקלאַפֿנ־באַזיצער איז געװענ פֿאַרויסגעזענ אינ 16 מאָל א גרעסערע געלט־שטראָף, װי פֿאַר נעמענ דאָס לעבנ בא א פּאָשעטנ פּויער.

די שטאָטישע אָרעמשאַפֿט איז געװאָרנ אָפּהענגיק פֿונ די גווירים. אינ די רוסישע שטעט פֿונ XI—XIII יאָרהונדערטער איז שױנ געװענ א גאַנצ גרויסע באַפֿעלקערונג: האַנטװערקער, קלײנהענדלער, שװאַרצאַרבעטער. גאַנצ אָפֿט פֿלעגנ זײ װערנ באַלכויװעס בא די רײַכע. די רײַכע פֿלעגנ אויסלײַענ געלט אָפּ גרויסע



קיִעווער מאַטבייעס

פּראָצענטנ אונ פֿלעגנ אַזױאַרום פֿאַרשקלאַפֿנ די אָרעמשאַפֿט. די שטאָטישע באַפֿעל־קערונג האָט אויכ געליטנ פֿונ די פֿאַרשײדענע שטײַערנ, װאָס די פֿירשטנ פֿלעגנ אָפּ זײ אַרופֿלײגנ. די פֿירשטנ האָבנ דעמ האַנדל מיט זאַלצ גענומענ אינ זײערע הענט אונ פֿלעגנ רײַסנ זײער הויכע פּרײַזנ.

די אומצופֿרידנקײַט פֿונ די אונטערשטע שיכטנ פֿלעגט זיכ דורכרײַסנ אינ גרויסע פֿאָלקסבונטנ. דעמ ערשטנ בונט (אינ 1068 יאָר) האָבנ אַרויסגערופֿנ די קריג־מאַפּאָלעס פֿונעמ קיִעװער פֿירשט (איזיאַסלאַװ) אינ קאַמפּ מיט די נאָמאַדנ (פּאָלאָװצעס). אומצופֿרידענע מיטנ פֿירשט, האָבנ די קיִעװער צונויפֿגערופֿנ אַפֿנ האַנדל־פּלאַצ די „װעטשע" אונ האָבנ דאָרט באַשלאָסנ אַרויסצוטרעטנ מיט א מילכאָמע קעגנ די פּאָלאָװצעס. װענ דער פֿירשט האָט זיכ אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבנ געװער, האָבנ זיכ די קיִעװער א לאָז געטאָנ ברעכנ די פֿירשטלעכע טורמע. דער פֿירשט האָט זיכ דערשראָקנ אונ איז אַנטלאָפֿנ. אינ א יאָר אַרומ האָט זיכ איזיאַס־לאַװ צוזאַמענ מיטנ מיליטער פֿונעמ פּױלישנ פֿירשט אומגעקערט אָפּ זײַנ טראָנ אונ האָט אַכזאָריעסדיק נעקאָמע גענומענ פֿונ די אָנטײלנעמער פֿונעמ אופֿשטאַנד.

אינ העכער 40 יאָר אַרומ (אינ 1113 יאָר) איז אינ קיִעװ אויסגעבראָכנ א נײַער גרויסער אופֿשטאַנד. די קיִעװער אָרעמשאַפֿט האָט צעגראַמירט די הײַזער פֿונ די װוּכערניקעס אונ פֿונ דעמ פֿירשטס דינער. די פֿירשטנ האָבנ געמוזט אײַנ־גײנ אָפּ האַנאָכעס, קעדײ צו באַרויִקנ די קיִעװער. דער נײַער פֿירשט (װלאַדי־מיר מאָנאָמאַכ) האָט אַרויסגעגעבנ א באַשטימונג װעגנ פֿאַרקלענערנ די האַלװאָע־פּראָצענטנ אונ װעגנ פֿאַרלײַכטערנ די לאַגע פֿונ די באַלכויװעס (די דאָזי־קע געזעצנ זײַנענ אײַנגעשלאָסנ געװאָרנ אינ דער „רוסקאַיאַ פּראַװדאַ").

דער אײַנפֿלוס פֿונ ביזאַנצ

אינ די שטעט פֿונ דער קיִעװער מעלוכע האָט זיכ אויסגעביל־דעט א גאַנצ הויכע קולטור. דאָס מילכאָמע־רויב אונ דער האַנדל האָבנ באַרײַכערט דעמ אויבערשיכט פֿונ דער געזעלשאַפֿט. װעגנ דער רײַכקײַט פֿונ דער „רומפֿולער הויפּטשטאָט קיִעװ", װעגנ דעמ פֿירשטס

מאַלציַיטן (באַזונדערס פונ וולאַדימיר „סראַסנאָיע סאָלנישקאָ"), ווענ זיַינע מאַטאָנעס פונ דער ברייטער האַנט פאַר דער „בראַווער דרוזשינעלע" ווערט זייער פיל דערמאָנט אינ די פאָלקסלידער („בילינעס").*

אינ דעמ לעבנ פונ די פירשטנ און באָיארנ האָט זיכ געלאָזט פילנ דער איַינפלוס פונ אַנדערע פעלקער. באַזונדערס שטאַרק איז געווענ דער איַינפלוס פונ ביזאַנץ. פאַר די פראַכטפולע פירשטלעכע קליידער פלעגט מענ באַנוצנ ביזאַנטישע געוועבנ. די ביזאַנטישע מולערס האָבנ אויסגעלערנט גויענ מויערנ (אינ קיִעוו זיַינענ נאָכ ביז איצט פאַרבליבנ רעשטלעכ פונ די פאַרציַיטיקע מויערנ פונ XI—XII יאָרהונדערטער). די ביזאַנטישע מאָלער פלעגנ באַפוצנ די ווענט פונ די דאָזיקע געביַידעס מיט פרעסקעס און מיט מאָזאַיִק. לויט ביזאַנטישע מוסטערנ האָט מענ אויכ אָנגעהויבנ אויסאַרבעטנ גאָלדענע און זילבערנע אוירינגלעכ, דיאַדעמעס און אַנדערע צירונגענ, אָפט מיט עמאַל, פערל און פאַרשיידענע קאָסטבאַרע שטיינער.



די עלטסטע פונ די רוסישע מאַנוסקריפטנ פונ XI יאָרהונדערט, וואָס האָט זיכ איַינגעהיט

לויט גריכישע מוסטערנ האָט מענ אָנגעהויבנ אויסגיסנ רוסישע מאַטבייעס.** אויכ די ערשטע שריפטקענטעניש און ווויסנשאַפט איז אהער אריַינגעדרונגענ פונ ביזאַנץ.

די קריסטלעכע קירכע אינ רוסלאַנד

פונ ביזאַנץ האָבנ די פירשטנ און באָיארנ איבערגענומענ אויכ די נײַע רעליגיע (די קריסטלעכע). די אַלטע שטאַמרעליגיע פונ די סלאַוונ איז באַשטאַנענ אינעמ גלייבנ אינ פילצאָליקע גיַיסטער, פונ וועלכע ס'איז קלוימערשט אָפּהענגיק דעמ מענטשנס וווילזיַינ. צוזאַמענ דערמיט, ווי די ערד־אַרבעט איז געוואָרנ די גרונט־באַשעפטיקונג בא די סלאַווונ, האָבנ זיי באַזונדערס גרויס קאָווער אָנגעהויבנ אָפּגעבנ יענע געטער, פונ וועלכע עס איז, קלוימערשט, אָפּהענגיק די גערעטעניש (דער זונגאָט — „דאַזשדבאָג", דער ווינטגאָט — „סטריבאָג" און אַנדערע).

אַלע יאָר־יאָנטויווימ פונ די סלאַווונ זיַינענ געווענ פאַרבונדנ מיט די פאַרשיידענע ערד־אַרבעטנ: מיטנ זייענ, מיטנ אַראָפּנעמענ די טוווע, מיטנ ווינטער־קער פונ

* די דאָזיקע פאָלקסלידער (די „בילינעס") פלעגנ צוזאַמענשטעלנ זינגער, וואָס פלעגנ ארומוואַנדערנ איבער די פירשטלעכע הויפנ. אינ זייערע לידער האָבנ זיי באַזונגענ די העלדנ־טאַטנ פונ פאַרשיידענע גיבורימ.

** פריִער האָט די ראָליע פונ געלט געשפּילט פי. מיט דער אַנטוויקלונג פונעמ האַנדל מיט פוטערוואַרג האָט די ראָליע פונ געלט אָנשטאָט פי אָנגעהויבנ צו שפּילנ פוטערוואַרג („קונעס" — דה. פוטער פונ מאַרדערס (קוניצא) — זיַינענ געוואָרנ דער גרונט־איינס פונ געלט), שפּעטער האָט מענ אָנגעהויבנ באַנוצנ שטיקלעכ זילבער פונ א באַשטימטער וואָג („גריוונאַקונ").

דער זונ („קאָליאַדאַ"), מיט די ערשטע סימאַנימ פונ פרילינג („ווינטער־באַגלייט" — „מאַסלעניצאַ").

אַט די ערדאַרבעטערישע רעליגיע פונ דער שטאַמ־געזעלשאַפט איז אײַנגיכנ פרעמד געוואָרנ דעמ קלאַס עקספּלואַטאַטערס, וואָס האָט זיכ אויסגעטיילט פונ דער געזעלשאַפט. געווענ א צײַט, ווענ די דרוזשינע האָט באַזונדערס שטאַרק פאַרערט דעמ גאָט „פּערונ" (דעמ גאָט פונ בליצ), וואָס האָט באַקומענ דעמ באַטײַט פונ א גאָט — א קריגער. צוזאַמענ מיט דער אַנטוויקלונג פונ ביזאַנטישנ האַנדל האָט זיכ צווישנ הערשנדיקנ קלאַס אָנגעהויבנ פאַרשפּרייטנ דאָס קריסטנטומ. שוינ אינמיטנ X יאָרהונדערט איז אינ קיִעוו געווענ א קלויסטער.

ביזאַנצ האָט ביז גאָר שטאַרק מיטגעהאָלפנ דער פאַרשפּרייטונג פונ דעמ קריסטלעכנ גלויבנ צווישנ די רוסנ. דערמיט האָבנ די ביזאַנטישע קייסאָרימ געמיינט באַהערשנ די געפערלעכע שכיינימ. אונ פאַר די רוסישע פירשטנ, ווידער, איז דאָס אָנעמענ די קריסטלעכע רעליגיע געווענ א ווײַטערדיקער טריט אפנ וועג פונ דערנעענטערנ זיכ מיט ביזאַנצ. די ביזאַנטישע קירכע, דער אָנשפּאַר פאַרנ טראָנ פונ דעמ ביזאַנטישנ אימפּעראַטער, האָט אויכ געזאָלט, ווי די פירשטנ האָבנ געמיינט, הייליק מאַכנ זייער מאַכט אונ דערהייבנ זי אינ די אויגנ פונ זייערע אונטערטאַנענ.

סאָפ X יאָרהונדערט האָט דער קיִעווער פירשט (וו ל אַ ד י מ י ר) צוזאַמענ מיט זײַנ דרוזשינע אָנגענומענ די קריסטלעכע רעליגיע. דערנאָכ האָט מענ אָנגעהויבנ טויפנ אויכ די פּאָלקמאַסנ. די גאַנצע קיִעווער באַפעלקערונג — „סײַ רײַכע, סײַ אָרעמע סײַ א בעטלער סײַ אַנ אַרבעט־מענטש" — האָט מענ לויט דעמ פירשטס באַפעל אַלעמענ צונויפגעטריבנ צומ דניעפּער אונ מע האָט זיי אַלעמענ אײַנײַנעמ געטויפט. אונ פונקט אַזוי פּאַשעט אונ פּראָסט פלעגט מענ „אַריבערפירנ אינ קריסטוסעס גלויבנ" די באַפעלקערונג פונ די אַנדערע שטעט אונ דערפער. דאָרט, ווידער, ווו דאָס אײַנפירנ קריסטנטומ פלעגט זיכ אָנשטויסנ אפנ ווידערשטאַנד פונ די פּאָלקמאַסנ, פלעגט מענ אָנווענדנ באַוואָפנטע קראַפט. צוגלײַכ מיטנ גריכישנ גאַלעכ מיטנ ציילעמ איז געגאַנגענ א באַוואָפנטע דרוזשינע. וועגנ דעמ, וויאַזוי מע האָט געטויפט די נאָווגאָראָדער, האָט מענ א לאַנגע צײַט נאָכדעמ דערציילט, אַז „פּ ו ט י אַ ט אַ האָט געטויפט נאָווגאָראָד מיט שווערד, אונ ד אָ ב ר י נ י אַ* מיט פײַער".

די פּאָלקמאַסנ האָבנ א לאַנגע צײַט אַרויסגעוויזנ א ווידערשטאַנד דער באָיאַרישער רעליגיע. אינ נאָווגאָראָד האָט זיכ אינ 1071 יאָר, שוינ נאָכ דער טויפונג, באַוויזנ א „וואָלכוו,"** וואָס איז מיט דערפאָלג אַרויסגעטראָטנ קעגנ דעמ קריסטלעכנ בישאָפ. דער פירשט, וואָס האָט געוואָלט באַשיצנ דעמ קלויסטער, האָט צונויפגעזאַמלט אפנ פּלאַצ די נאָווגאָראָדער אונ האָט פאָרגעלייגט, אַז די יעניקע, וואָס בלײַבנ געטרײַ דעמ קריסטנטומ, זאָלנ זיכ אויסשטעלנ לעבנ דעמ בישאָפ. אונ דאָ, דערציילט דער כראָניק־שרײַבער: „האָבנ דער פירשט אונ זײַנ דרוזשינע זיכ אַוועקגעשטעלט לעבנ דעמ בישאָפ, אונ די מענטשנ אַלע זײַנענ אַוועק נאָכנ וואָלכוו, אונ עס איז געווענ א גרויסער בונט".

אויב אינ שטאָט זײַנענ די אונטערשטע קלאַסנ אַרויסגעטראָטנ קעגנ דער

---

* פּ ו ט י אַ ט אַ אונ ד אָ ב ר י נ י אַ זײַנענ געווענ דינער פונ דעמ קיִעווער פירשט.

** דינער פונעמ אַלטנ גלויבנ — א קישעפמאַכער.

קריסטלעכער קירכע, זײַנען אויכ אינ דאָרפ ניט זעלטנ פאַרגעקומענ ארויסטרעטונגענ קעגנ די נײַע אונטערדריקער. „ס'איז געווענ א בונט, מע האָט אוועקגעהאַרגעט די בישאָפנ, די גאַלאָכימ און די באָיאַרנ" — פאַרשרײַבט דער כראָניק־שרײַבער, אַנערקענענדיק דערמיט, אז פאַר די האַרעפּאַשנע מאַסנ איז דער בישאָפ אונ דער באָיאַרינ געווענ דער זעלבער סוינע.

דאָס קריסטנטומ, וואָס איז געווענ מיט גוואַלד אָנגעוואָרפנ פונ אויבנ, האָט ניט געענדערט דעמ טאָכ פונ דעמ פאָלקס־גלויבנ, מע האָט, ווי פריִער, געגלייבט אינ גײַסטער, אינ וואַלד־געטער, אינ וואַסער־געטער אונ אינ שטוב־געטער. אונטער דעמ נײַעמ נאָמענ הייליקע האָט מענ נאָכ אלצ פאַרערט די אלטע, ביז־קריסטלעכע געטער (דעמ דונער־גאָט „פּערונ" האָט מענ פאַרביטנ מיט עליאָהו האנאָווי, דאָס אָרט פונ דעמ „ברויט־זיידע" האָט פאַרנומענ ניקאָלײַ דער באַלמויפעס, דער גאָט דער באשיצער פונ די טשערעדעס איז געוואָרנ דער „הייליקער" געאָרגי). עס זײַנענ נאָכ אויכ פאַרבליבנ די אלטע ערדארבעטערישע יאָנטויוימ.

אָבער פאַר דער פאַרפעסטיקונג פונ דער קלאַסנ־געזעלשאַפט איז דאָס טויפנ די רוסנ געווענ זייער וויכטיק. די קירכע האָט אינ רוסלאַנד באַקומענ זייער א גרויסע באַדײַטונג אלס אָנשפּאַר פאַר די עקספּלואַטאַטערס. זי איז געווענ א געטרײַער געהילפ פונ דער פירשטלעכער מאַכט. די גאַלאָכימ האָבנ געפּריידיקט, אז מע זאָל זיכ אונטערוואַרפנ די פירשטנ, טײַנענדיק, אז „יעדע מאַכט קומט פונ גאָט". די מאָנאַכנ די כראָניק־שרײַבער האַלטנ אינ איינ לויבנ אונ דערהייבנ די פירשטנ (א בײַשפּיל דערפונ האָבנ מיר געזענ אינ דער דערציילונג וועגנ דעמ, וויאַזוי מע האָט גערופנ די פירשטנ געוועלטיקנ).

די קירכע האָט גאַנצ שנעל אויפגעזאַמלט אינ אירע הענט גרויסע רײַכטימער. די באַפעלקערונג האָט געמוזט צאָלנ די גײַסטלעכע פאַר קאָלערלײַ „הייליקע" צערעמאָניעס (פאַר טויפנ, כאַסענעס, לעווײַעס). פונ די פירשטנ אונ באָיאַרנ פלעגט די קירכע באַקומענ פיל מאַטאָנעס. שוינ פונ XI יאָרהונדערט אָנ האָט זיכ אָנגעהויבנ אַנטוויקלענ דער קירכלעכער (באַזונדערס דער מאָנאַסטירישער) ערדבאַזיצ. דער גרויסער קיִעוו־פּעטשאָרער מאָנאַסטיר האָט פאַרמאָגט זייער א סאַכ אייגענע וואָלאָסטנ מיט „מענטשנ".

אזוי־ארומ זײַנענ אינ רוסלאַנד, באַגלײַכ מיט די וועלטלעכע ערדבאַזיצער אונ שקלאַפנ־באַזיצער, אויפגעקומענ אויכ גײַסטלעכע ערד־אונ שקלאַפנ־באַזיצער.

די קיִעווער מעלוכע פונ XVI—XI יאָרהונדערטער און איר צעפאַלונג

סאָפ X אונ אָנהייב XI יאָרהונדערטער (פאַר די פירשטנ וואָלאָדימיר אונ יאַראָסלאַוו) האָבנ די קיִעווער פירשטנ געהאַט אונטער זייער מאַכט א קאָלאָסאַלע טעריטאָריע (אלע לענדער פונ די מיזרעכדיקע אונ דאָרעמדיקע סלאַווישע אונ פינישע שוואָטימ). די קראַפט, וואָס האָט געשאַפנ אָט די גרויסע מעלוכע אונ וואָס האָט מיט איר רעגירט, איז געווענ די פירשטלעכע דרוזשינע.

אויסגעבילדעט האָט זיכ די דאָזיקע דרוזשינע אינ דער צײַט פונ גרויסע קריג־אָנפאַלנ. דאָס זײַנענ די זעלבע „קריגפירנדיקע לײַט", פונ וועלכע עס האָט זיכ אויכ אינ מײַרעוו־אייראָפּע אויסגעבילדעט דער הערשנדיקער קלאַס פונ דער פעאָדאַלער עפּאָכע. די קיִעווער דרוזשינע איז באַשטאַנענ פונ פאַרשטייער פונ פאַרשיידענע שוואָטימ. נאָר אמאָל איז אינ איר באַגלײַכ מיט די סלאַווונ געווענ א

מאכ ווארינגנ (וועגנ דעמ זאָגנ איידעס די נעמענ פונ די דרוזשינע־ליַיט, וואָס זיַינענ געבליבנ פארצייכנט אינ די כראָניק־ביכער). אינ די דרוזשינעס איז אויכ געווענ זייער פיל איַינווינער פונ די דאָרעמ־סטעפּעס.

די דרוזשינע איז געווענ א ריַיטער־מיליטער. דאָס איז געווענ איר מיַילע קעגנ די אָרטיקע סלאווישע אונ פינישע אַטריאַדנ. די דרוזשינע האָט געלעבט פונ מיליטער־רויב אונ פונ ציַנז, וואָס מע פלעגט אופזאמלענ בא דער באזיגטער באפעלקערונג. דאָס רעגירנ מיטנ לאנד איז, אייגנטלעכ, באשטאנענ אינעמ אופזאמלענ ציַנז פונ די אונטערטאנענ פונ דעמ קיִעווער פירשט (אינ רוסיש שטאמט אפילע דאָס עצעמ־וואָרט אונטערטאַנ — поданный — פונעמ וואָרט — дань — ציַנז). שפּעטער האָבנ זיכ די פירשטנ אָנגעהויבנ אריַינמישנ אינ דעמ געריכט, וואָס פריִער האָט ער זיכ געפונענ אינ די הענט פונ די עלטסטע. דער געריכט איז געווענ א קוואל פונ גרויסע האכנאָסעס פאר די פירשטנ אונ פאר זייערע שטעלפאר־טרעטער.

דער פירשט אונ זיַינ דרוזשינע (פונ א געמעל אינ א מאנוסקריפּט)

קיינ אינערלעכע פארבינדונג צווישנ די באזונדערע טיילנ פונעמ לאנד איז ניט געווענ. די ווירטשאפט איז געווענ א נאטורעלע. בלויז די מיליטער־קראפט פונ דער דרוזשינע פלעגט איַינהאלטנ די מעלוכע־איינהיַיטלעכקיַיט, וואָס האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט א ניט פעסטנ רעזולטאט פונ די ניצכוינעס פונ דעמ אָדער יענעמ פירשט. אינ XI יה. איז די קיִעווער מעלוכע זיכ צעפאלנ אפ טיילנ. איינער פונ די פירשטנ (דער קיִע־ווער) האָט זיכ אלצ גערעכנט פארנ הויפּט־פירשט. פאקטיש אָבער האָט ער קיינ מאכט ניט געהאט איבער די איבעריקע פירשטנטומס.

די צעברעקלטקיַיט פונ דער מעלוכע איז באשטאנענ ניט נאָר אינ דעמ, וואָס זי איז געווענ צעטיילט אפ 12 גרויסע פירשטנטומס. די וויכטיקסטע פונ זיי זיַינענ געווענ: אפ דער איצטיקער אוקראַינע — דאָס קיִעווער פירשטנטום, דאָס גאליטשער, וואָלינער, טשערניגאָווער; אינ די צאָפנדיקע סלאווישע אונ פינישע לענדער — דאָס ראָסטאָוו־סוזדאלער פירשטנטום אונ דאָס נאָווגאָראָדער. אינ דער סעווערסקער געגנט טרעפנ מיר סאָפ XII יה. א פירשט ניט בלויז אינ נאָווגאָראָד־סעווערסק. אויכ אינ פוטיוול אונ קורסק זיַינענ געווענ זייערע אייגענע פירשטנ. יעדער פירשט האָט געהאט זיַינ אייגענע דרוזשינע. צווישנ די פירשטנ פלעגנ פאָר־קומענ אָנופהערלעכע מילכאָמעס.

אינ דער געגנט, וואָס דער פירשט פלעגט פארכאפּנ, פלעגט ער רעגירנ צו־זאמענ מיט דער דרוזשינע אונ מיט די אָרטיקע שטאָטישע עלטסטע. עס פלעגט

אויכ טרעפנ, אז אינ דעמ פירשטלעכנ רעגירנ פלעגט זיכ אריינמישנ די שטאטישע „וועטשע" — די פארזאמלונג פונ אלע פרייע שטאט־איינוווינער. אבער די אנט־שיידנדיקע קראפט האט זיכ געפונענ אינ די הענט פונ דעמ מיליטער־שיכט, וואס האט זיכ אויסגעבילדעט, אונ פונ זיינ פירער — דעמ פירשט.

די פאליטישע אָרדענונג פונ דער קיִעווער מעלוכע פונ XI—XII יאָרהונ־דערטער דערמאָנט אונדז אזויארומ די פאראָרדעמ אינ די ערשטע פעאָדאלע גערמאנישע קיניגרייכנ.

די יערידע פונ קיִעווער געגנט

פונ XII יאָרהונדערט אָנ פארלירט קיִעוו זיינ באדייטונג אלס סאמע וויכטיקסטער צענטער פונ די מיזרעכ־סלאווישע לענדער. אינמיטנ XII יאָרהונדערט איז קיִעוו פארכאפט אונ באַ־רויבט געוואָרנ דורכנ מיליטער פונ דעמ סוזדאלער פירשט. נאָכנ סוזדאלער פאַ־גראָמ אונ נאָכ דעמ טאָטערישנ אָנפאל (אינ XIII יאָרהונדערט) איז קיִעוו פונ א „הויפטשטאָט" פארוואנדלט געוואָרנ אינ א צווייטראנגיקער שטאָט.

די גרונט־סיבעס פונ דער יערידע פונ קיִעוו אונ פונ די אלטרוסישע שטעט זיינענ געוועזנ:

1) די ענדערונג אינ דער ריכטונג פונ די האנדל־וועגנ אינ XII—XIII יאָרהונדערטער. די קרייצ־צוגנ האָבנ געבראכט דערצו, אז עס זיינענ איינגעשטעלט געוואָרנ דירעקטע וועגנ פונ מייִרעוו־אייראָפע קיינ לעוואנט. ביזאנצ האָט פאר־לאָרנ איר באדייטונג אלס האנדל־פארמיטלער צווישנ מייִרעוו אונ מיזרעכ. דער הויפט־אויפקויפער פונ שקלאפנ אונ סכוירעס (רויוואַרג) באַ דער קיִעווער מעלוכע איז רויִנירט געוואָרנ.

2) די גרויסע רויִנירונג, וואָס די נאָמאנדישע האָרדעס פעטשענעגנ אונ פאָלאָוו־צעס האָבנ אריינגעבראכט אינ די בייִהניעפערישע געגנטנ; דער אָנפאל פונ די טאָטערנ האָט ענדגילטיק פארוויסטעט קיִעוו אונ די אנדערע אלטרוסישע שטעט.

אכוצ אָט די צוויי גרונט־סיבעס איז די קיִעווער מעלוכע אויסגעצערט געוואָרנ פונ די קעסיידערדיקע מילכאָמעס, וואָס זיינענ פאָרגעקומענ צווישנ די רוסישע פירשטנ פאר ערד אונ שקלאפנ.

אינ XIII יאָרהונדערט רוקנ זיכ ארויס אינ מיזרעכ־אייראָפע נייע צענטערס: די צאָפנדיקע נאָווגאָראָדער רוס, די צאָפנ־מיזרעכדיקע רוס, אינ דאָרעמ־מייִרעוו (אוקראַינע) — די וואָלינ—גאליטשער מעלוכע, אינ דאָרעמ־מיזרעכ — די טאָטע־רישע גאָלדענע האָרדע.

פראגעס:

וואָס פאר אנ ערדבאזיצ איז געוועזנ אינ דער קיִעווער עפּאָכע?
ווער האָט געארבעט אפ די באָיארישע אונ פירשטלעכע ערדנ?
וואָסערע שטריכנ פונ פעאָדאליזמ קאָנ מענ פארצייכענענ אינ דער קיִעווער עפּאָכע?
פארוואָס קאָנ מענ ניט די קיִעווער רוס האלטנ פאר א שקלאפנ־באזיצערישער געזעלשאפט?
וועלכע קלאסנ האָבנ זיכ אויסגעבילדעט אינ די שטעט פונ דער קיִעווער רוס?
מיט וואָס דערקלערט זיכ די פארשארפונג פונעמ קלאסנקאמפ אינ די שטעט?
פארוואָס האָבנ די פירשטנ אונ די באָיארנ אָנגענומענ דעמ קריסטלעכנ גלויבנ אונ ווי אזוי האָט זיכ דאָס קריסטנטומ פארשפרייט?
וואָסערע סיבעס האָבנ ארויסגערופנ די יערידע פונ דער קיִעווער רוס?

קאפיטל IX

דער פעאָדאליזמ אינ מיזרעכ־אייראָפּע אינ XIII—XV יאָרהונדערטער

23. די טאָטערנ אונ די גאָלדענע האָרדע

די אנטשטייונג פונ דער מאָנגאָלישער רעפּובליק

אינ אָנהייב XIII יאָרהונדערט זײַנענ אינ אזיע פאָרגעקומענ זייער גרויסע געשעענישנ, וואָס האָבנ זיכ אָפּגערופנ אפנ גוירל פונ מיזרעכ־אייראָפּע. אפנ אָרט פונ די פילצאָליקע פעאָדאלע אראבישע אונ טיורקישע מעלוכעס איז אנטשטאנענ א קאָלאָסאלע מאָנגאָלישע מעלוכע, וואָס האָט זיכ אויסגעשפּרייט פונ דער גרויסער כינעזישער וואנט ביז מיטל־אייראָפּע. די שעפּער פונ דער דאָזיקער אימפּעריע זײַנענ געווענ מאָנגאָלנ — נאָמאדנ־פּיציכטלער פונ די מיזרעכדיקע מיטלאזיאטישע סטעפּעס.

אינ XII יאָרהונדערט איז שוינ בא די מאָנגאָלנ צעפאלנ געוואָרנ די אלטע שטאמ־אָרדענונג. אינ דער שפּיצ פונ באזונדערע שוואָטימ איז געשטאנענ דער פּע־אָדאלער אויבערשיכט, וואָס האָט זיכ אויסגעטיילט פונעמ שטאמ. דער דאָזיקער שיכט האָט געלעבט סײַ פונ עקספּלואטירנ די מיטגלידער פונ זײַנ אייגענעמ שײַ־וועט סײַ פונ מאכנ אָנפאלנ אפ די שכייניש ערהארבעטערישע לענדער. באזונ־דערס לעבהאפט זײַנענ געווענ די פארבינדונגענ פונ די מאָנגאָלישע פעאָדאלנ מיט כינע: אייניצלנע מאָנגאָלישע מיליטער־אָטריאדנ פלעגנ אָפט אוועקגיינ דינענ צו דער כינעזישער מאכט אונ פלעגנ באוואכנ די כינעזישע גרענעצנ פונ אנדערע נאָמאדנ.

סאָפ XII—אָנהייב XIII יאָרהונדערט האָט איינער פונ די מאָנגאָלישע כאנענ (טעמוטשינ) מיט גוואלד פאראייניקט אונטער זײַנ מאכט א באדײַטנ־דיקע גרופּע מאָנגאָלישע שוואָטימ. דאָס האָט געגעבנ טעמוטשינענ א מעגלעכקײַט אריבערצוגיינ פונ קליינע רויבערישע אָנפאלנ צו דעראָבערונג־מילכאָמעס פאר פרעמדע לענדער.

די טיורקישע אונ די אראבישע פעאָדאלע מעלוכעס, וואָס זײַנענ געווענ אָפּ־געשוואכט איבער דעמ שארפנ קלאסנקאמפּ צווישנ די ארבעטנדיקע אונ די פעאָ־דאלנ, האָבנ ניט געקאָנט ארויסווײַזנ קיינ גרויסנ ווידערשטאנד די מאָנגאָלנ. אומ־געהייער שנעל האָבנ די מאָנגאָלנ דעראָבערט א קאָלאָסאלע געגנט. אינ 1215 יאָר האָט טעמוטשינס מיליטער פארכאפּט פּעקינ, אונ אינ 1221 יאָר איז פארענדיקט געוואָרנ די דעראָבערונג פונ גאנצ מיטלאזיע מיט אירע גרויסע האנטווערקעריש־האנדלשע צענטערס — סאמארקאנד, בוכארע אונ אורגענטש.

פאר דער צײַט פונ די דאָזיקע מארשנ האָבנ די מאָנגאָלנ געשאפנ די קאָלאָ־סאלסטע מיליטער־קראפט פונ יענער צײַט. אינ באשטאנד פונ דער מאָנגאָלישער ארמיי זײַנענ אכוצ מאָנגאָלנ געווענ פיל טאָטערישע נאָמאדישע שוואָטימ פונ טורקעסטאנ.*

---

* אינ דעמ מאָנגאָלישנ מיליטער איז געווענ אזויפיל טאָטערנ, אז אָפט פלעגט מענ (באזונדערס אינ מיזרעכ) די גאנצע דעראָבערער רופנ ניט מאָנגאָלנ, נאָר טאָטערנ.

די מאָנגאָלישע אַרמיי איז געווענ גוט באַוואָפנט. די כינעזישע, פערסישע אונ מיטלאַזיאַטישע האַנטווערקער פלעגנ פאַר איר אויסאַרבעטנ דאָס נייטיקע געווער אונ אַמוניציע. די מאָנגאָלנ זיינענ געווענ געפערלעכ פאַר די סאָנים ניט נאָר אינ אָפענעם שלאַכט־פעלד, ווו ס'איז שווער געווענ אויסצוהאַלטנ דעם אָנגריפ פונ זייערע רייטער. זיי האָבנ אויכ געוווּסט די קונסט פונ באַלאַגערנ שטעט, בויענדיק צוליב דעם גרויסע שליידער־מאַשינעס אונ מויערברעכער („טורוסנ אַפ רעדער") אָדער אונטערגראָבנדיק זיכ אונטער די ווענט פונ דעם סויגעס שטאָט.

די טאָטערנ דעראָבערנ די רוסישע געגנטנ

אינ די 20־ער יאָרנ פונ XIII יאָרהונדערט האָט טשינגיס־כאַנ (ד.ה. דער גרויסער כאַנ, אַזוי האָט מענ אָנגעהויבנ רופנ טעמוטשינענ) אַרויסגעשיקט צוויי זיינע מיליטער־פירער דורכ קאַווקאַז אינ די ניזשקאַספישע סטעפעס. דאָ האָבנ די טאָטערנ צעקלאַפּט די פּאָלאָווצעס אונ די רוסישע פירשטנ, וואָס האָבנ די פּאָלאָווצעס געשטיצט.

דאַכ האָבנ זיכ די טאָטערנ ניט איינגעהאַלטנ אינ די רוסישע סטעפּעס אונ האָבנ זיכ אומגעקערט צוריק אינ אַזיע.

באַלד נאָכ דער ערשטער טאָטערישער אויסשפּירונג האָבנ זיכ אַפ מיזרעכ־אייראָפּע איבערגעכ אָנגערוקט נייע טאָטערישע קרעפטנ אונטער דער אָנפירונג פונ באַטו, טשינגיס־כאַנס אַ אייניקל. באַזיגט די קאַמער בולגאַרנ אונ אָפּגעשטעלט זיכ אינ די טראַנסוואָלגער סטעפּעס, האָבנ די טאָטערנ (1237—1238 יאָרנ) פאַרכאַפּט די צאָפנ־מיזרעכדיקע רוסישע פירשטנטומס. די שטעט, וואָס האָבנ אַרויסגעוויזנ אַ ווידערשטאַנד, האָבנ די טאָטערנ געשטורעמט, איינגענומענ אונ כאָרעוו געמאַכט. צו נאָווגאָראָד זיינענ אָבער די טאָטערנ ניט דערגאַנגענ, ווייל עס איז אָנגעקומענ דער פרילינג אונ די טייכנ זיינענ אַרויס פונ די ברעגנ. די טאָטערנ האָבנ אַרופגעלייגט אַפ די באַזיגטע געגנטנ צינז אונ האָבנ זיכ אומגעקערט צוריק אינ די סטעפּעס.

אינ 1239—1240 יאָרנ האָבנ די טאָטערנ צעגראַמירט די דאָרעמדיקע (די אוקראַיִנישע) געגנטנ אונ האָבנ געצוווּנגענ די דאָרעמדיקע פירשטנ צו אָנערקענענ זייער מאַכט. אַזוי אַרום איז קימאַט גאַנצ מיזרעכ־אייראָפּע פאַרייניקט געוואָרנ אונטער דער הערשאַפט פונ די טאָטערנ.

די גאָלדענע האָרדע

באַזעצנדיק זיכ אינ די דאָרעמ־סטעפּעס, האָבנ זיכ די טאָטערנ אויסגעמישט מיט דער דאָרעמדיקער באַפעלקערונג. די פעאָדאַלע מעלוכע, וואָס זיי האָבנ געשאַפנ, — די גאָלדענע האָרדע — איז לעכאַטבילע געווענ אָפּהענגיק פונ דער גרויסער מאָנגאָליע. מיט דער צייט אָבער איז די דאָזיקע אָפּהענגיקייט אָפּגעשוואַכט געוואָרנ, אונ די האָרדע איז געוואָרנ אַ זעלבשטענדיקע מעלוכע. דער הערשנדיקער קלאַס אינ דער האָרדע איז געווענ די טאָטערישע פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט פאַרמאָגט גרויסע טשערעדעס אונ ערדנ. די הויפּט־באַשעפטיקונג פונ דער האָרדע־באַפעלקערונג איז געווענ פיצוכט. אָבער אינ דער גאָלדענער האָרדע האָט מענ זיכ פאַרנומענ ניט בלויז מיט פיצוכט. אויכ די ערדאַרבעט האָט זיכ דאָ ברייט אַנטוויקלט. אינ די דאָרעמדיקע ראַיאָנענ, וואָס ליגנ פונ מאָנגאָל אינ רעגנ, פלעגנ זיי ברייט אַנווענדנ קינסטלעכע באַוואַסערונג פונ די פעלדער אונ צוליב דעם האָבנ זיי אויסגעבויט קאָמפּליצירטע



די האנדל-וועגן אפן מיזרעך אין XIII—XIV יה. (גאָלדענע האָרדע, טשאגאטײַער האָרדע און די פערסישע מעלוכע — דרײַ וויכטיקסטע מעלוכעס, אַף וועלכע עס איז זיך צום סאָף XIII יה. צעפֿאַלן טשינגיס-כאַנס אימפעריע).

הרעבליעס אונ קאנאלנ. אינ דער גאָלדענער האָרדע האָבנ געוווינט זייער פיל האנטווערקער פונ פערסיע אונ פונ מיטלאזיע. עס האָט דאָ ווידער אויפגעלעבט אונ ברייט זיכ אנטוויקלט דער מיזרעכ-האנדל.* די האָרדע-סאָבריומ פלעגנ איבער דער וואָלגע אונ איבערנ קאספישנ יאמ ארײַנדרינגענ אינ פערסיע, מיט קאראוואנענ — צו אמו-דאריא אונ סיר-דאריא, אונ פונ דאָרטנ — צומ צענטער פונ דער מאָנגאָלישער מעלוכע (קאראקאָרומ). סארײַ (די הויפטשטאָט פונ דער גאָלדענער האָרדע, וואָס האָט זיכ געפונענ אפ איינעמ פונ די בײַטײַכנ פונ דער וואָלגער דעלטע) איז אינ XIV יאָרהונדערט געוואָרנ א גרויסע אונ רײַכע שטאָט. דאָרט, ווו ס'האָט זיכ פארצײַטנס געפונענ די שטאָט סארײַ, זײַנענ פארבליבנ רעשטלעכ פונ גרויסע געבײַדעס, וואָס זײַנענ באפוצט מיט קאָלירטע קאכל. אפנ מארק אינ סארײַ האָט מענ, אכוצ פערד-טאבונעס אונ לעדער-פאבריקאטנ, וואָס די טאָטערנ פלעגנ ברענגענ, אויכ געקאָנט טרעפנ פוטערווארג פונ רוסלאנד, גאָלד-געוועבנ פונ גריכנלאנד, זײַדנס פונ פערסיע, טעפעכער אונ קאָסטבארע געוועבנ פונ ביכארע אונ אפילע פונ אינדיע.

זײַענדיק פארבונדנ מיט אזיע אפנ האנדל-געביט, האָט די גאָלדענע האָרדע אויכ אפנ געביט פונ קולטור אָנגעהויבנ ארונטערצופאלנ אונטער איר ווירקונג. פריִער האָבנ די טאָטערנ געהאט באנוצט די כינעזישע שריפט, דערנאָכ זײַנענ זיי אריבער צו דער פערסישער, אויכ פונ אזיע האָבנ די טאָטערנ אינ XIV יאָרהונדערט איבערגענומענ דעמ מאכמעדאנישנ גלויבנ.

רעגירט מיט דער האָרדע האָט דער כאנ. אלע אויסלענדישע רײַזנדע (צומבײַשפיל, דער באוווּסטער איטאליענישער טויכער פלאנאָ קארפיני) שטרײַכנ אונטער די אומבאגרענעצטע זעלבסטהערשונג פונ די כאנענ. דאָכ האָבנ די כאנענ זיכ געמוזט גאנצ שטארק רעכענענ מיט דער טאָטערישער פעאָדאלער אריסטאָקראטיע, וועלכע האָט זיכ באזונדערס פארשטארקט אינ XIV אונ XV יאָרהונדערטער.

די רעגירונגס-סיסטעמ האָט זיכ בײַ די טאָטערנ אויסגעבילדעט אונטער א שטארקער ווירקונג פונ די כינעזער. בײַ טשינגיס-כאנענ האָבנ געדינט פיל כינעזישע באאמטע. לויט די כינעזישע אונ פערסישע מוסטערנ איז אויסגעארבעט געוואָרנ אויכ די קאָמפליצירטע סיסטעמ פונ מאָנענ צינז בײַ די אונטערטעניקע פעלקער.

טאָטערישע צינז

אינ די רוסישע געגנטנ פלעגנ די טאָטערנ איבערלאָזנ די פריִערדיקע פירשטנ, פארוואנדלענדיק זיי אינ דעמ כאנס וואסאלנ. אָבער די גאנצע באפעלקערונג פלעגט דארפנ צאָלנ צינז לעטויוועס די טאָטערנ. צוליב דעמ דאָזיקנ ציל האָבנ די טאָטערנ „ארײַנגעליגט אינ צאָל" (ה. ה. דורכגעפירט א ציילונג) די גאנצע באפעלקערונג. פונ צינז זײַנענ געווענ באפרײַט בלויז די גײַסטלעכע. דער גרונט-צינז האָט געהייסנ Выход — „אויסגאנג"; מאָנענ פלעגט מענ דעמ צינז פונ יעדער „סאָכע".**

* דער דאָזיקער האנדל איז איבערגעריסנ געוואָרנ נאָכנ אונטערגאנג פונ דער כאזארישער מעלוכע אינמיטנ X יאָרהונדערטס.

** די „סאָכע" דאָס איז א שטײַער-מאָס אינ דער מאָסקווער מעלוכע פונ XIII—XV יה. סאָפ XVI יה. האָט א „סאָכע" באטראָפנ א שטעטנ אקער-ערד פונ 750—1200 דעסיאטינ.

אכוץ דעמ „אויסגאנג”-צינז זײַנענ נאָכ געווענ א רײ אנדערע פליכטנ. די וויכטיקסטע פונ זײ זײַנענ געווענ: „טאמגא” אונ „יאמ”. „טאמגא” (דערפונ שטאמט דאָס איצטיקע וואָרט „טאמאָזשניע”) האָט געהייסנ די פּאָשלינע, וואָס מע האָט געמאָנט פונ די סכוירעס, וועלכע מע פלעגט ברענגענ צומ פארקויפנ אפנ מארק. די „יאמ”ס (דערפונ נעמט זיכ דאָס רוסישע וואָרט „יאמשטשיק” — אָנטרײַבער) זײַנענ געווענ ספּעציעלע סטאנציעס, ווו מע פלעגט אופהאלטנ פערד פאר די באדערפענישנ פונ די טאָטערישע באאמטע. אפ אזא אויפנ האָבנ די טאָטערנ אָרגאניזירט אינ די באזיגטע געגנטנ אויכ א פּאָטשט. אלס מוסטער האָבנ פאר זײ אינ דער הינזיכט געדינט די כינעזער.

לעכאטכילע פלעגט מענ דעמ טאָטערישנ צינז אופמאָנענ מיט דער הילפ פונ די מיזרעכדיקע („בעסערמענער”) סאָכרימ. שפּעטער האָבנ אָנגעהויבנ זאמלענ דעמ צינז די וואסאלע רוסישע פירשטנ. די טאָטערישע סיסטעמ פונ „אופמאָנענ צינז” איז פארבליבנ אינ דער מאָסקווער מעלוכע ביזנ סאמע XVII יאָרהונדערט. אי דעמ „סאָכע-קסאָוו” אי די „טאמגא” אי דעמ „יאמ” — דאָס האָבנ די רוסישע פירשטנ איבערגעלאָזט בא זיכ אינ די באזיצונגענ אויכ נאָכ דעמ, ווי זײ האָבנ זיכ באפרײַט פונ דער מאכט פונ די טאָטערנ. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס די מיטלענ, וועלכע מע פלעגט ארויספרעסנ פונ דער באפעלקערונג, זײַנענ שוינ איצט געגאנגענ ניט פאר די טאָטערנ, נאָר פאר די אייגענע פירשטנ.

דער טאָטערישער פּאָגראָמ אונ דער טאָטערישער צינז האָבנ פארהאלטנ די אנטוויקלונג פונ די באזיגטע רוסישע געגנטנ. דאָס פארכאפּנ מענטשנ אינ געפאנגענשאפט, דאָס צווינגענ האנטווערקער אריבערצוּוואנדערנ אינ דער האָרדע, דאָס פארכאפּנ פי, די שווערע קעסיידערדיקע לאסט פונעמ צינז — דאָס אלץ האָט טאָרמאָזירט דעמ וווּקס פונ דער ווירטשאפט. באזונדערס האָט זיכ די טאָטערישע הערשאפט אָפּגעשפּיגלט אינ דעמ לאנגזאמענ וווּקס פונ די שטעט.

פ ר א ג ע ס:

ווי איז אנטשטאנענ די גרויסע מאָנגאָלישע מעלוכע?
מיט וואָס קאָנ מענ דערקלערנ די ניצכוינעס פונ טשינגיס-כאנ?
וואָסערע עקאָנאָמישע אָרדענונג איז געווענ אינ דער גאָלדענער האָרדע?
ווי פלעגט רעגירט ווערנ די האָרדע?
ווי איז געווענ אָרגאניזירט דאָס אופזאמלענ צינז אינ די רוסישע געגנטנ?
ווי האָט זיכ די טאָטערישע הערשאפט אָפּגערופנ אפ דער ווירטשאפטלעכער אנט־וויקלונג פונ רוסלאנד?

24. די פּעאָדאלנ אונ די פּויערימ אינ XIII—XIV יאָרהונדערטער אינ דער צאָפנ-מיזרעכדיקער רוס

די לאנדווירטשאפט אינ XIII—XIV יאָרהונדערטער

אינ XIII יאָרהונדערט ווערט די פעאָדאלע אָרדענונג ענדגילטיק אײַנגעשטעלט אינ די צאָפנ-מיזרעכדיקע פירשטנטומס (ראָסטאָוו-סוזדאלער אונ מוראָמ-ריאזאנער).

די הויפּטבאשעפטיקונג פונ דער באפעלקערונג איז געווענ ערדארבעט. איבער די וואלד-ראַיאָנענ זײַנענ געווענ צעוואָרפנ קלײנינקע דערפעלעכ (געוויינלעכ

בלויז עטלעכע הויפנ, אָפט אפילע 1—2 הויפנ). דאָרט, וווּ ערד איז געווענ א סאַכ, האָט ווי פריִער געהערשט די אונטערהאַק־סיסטעמ פונ ערדאַרבעט. די דערפער האָבנ אָפט געהאַט אַזעלכע נעמענ: פענקי, גאַר, פאַלי, אוגליטש; די דאָזיקע נעמענ ריידנ זייער קלאָר וועגנ דעמ כאַראַקטער פונ דער ערדאַרבעט (די אַלע ווערטער נעמענ זיכ פונ א ריי אַרבעטנ באַמ אויסהאַקנ און אויסברענענ דעמ וואַלד). אָבער ערטערווײַז האָט שוינ ניט געסטײַעט קײנ ערד פאַר דער אונטערהאַק-סיסטעמ. אַנשטאָט צו פאַרלאָזנ דאָס אויסגעברענטע אַקער־פעלד, פלעגט מענ אויסקאָרטשע-ווענ די וואָרצלענ, „אויסרײַסנ" דעמ וואַלד, ווי מע פלעגט דאַנ זאָגנ. פונ-דאַנענ נעמט זיכ דאָס רוסישע וואָרט דאָרפ — деревня, ד.ה. דאָס, וואָס איז אַרויסגעריסנ געוואָרנ פונ אונ-טער די ביימער (בוימ — дерево).

אפנ אקער־פעלד

דאָס אַקערפעלד פלעגט מענ געווײנלעכ ניט באַמיסטיקנ, גאָר איבערלאָזנ פאַרלאָז-פעלד.* אינ די מער באַפעלקערטע ראַיאָנענ האָט שוינ אינ XIV יאָרהונדערט אָנגעהויבנ אויפקומענ די דרײַפעלד-סיסטעמ.

דאָס גרונט-געצײַג צומ באַאַרבעטנ די ערד איז געוואָרנ די הילצערנע סאָכע. צו הילפ דער סאָכע איז אויכ געקומענ די הילצערנע בראָנע, אָדער די „וואָלאָ-קושע" (ערד־שעפּערקע). אַראָפּנעמענ דאָס ברויט פלעגט מענ מיט אַנ אײַזער-נעמ סערפּ.

פי איז געווענ ווייניק. אָבער צו דער אַרבעט אינ פעלד האָט מענ שוינ באַ-נוצט אַרבעט־פי (פערד). מע האָט געהאַלטנ מילכ־פי אונ שעפּסנ.

אַכוצ ערדאַרבעט פלעגט זיכ דער פויער פאַרנעמענ אויכ מיט אַנדערע זאַכנ: מיט געיעג אפ כײַעס, וואָס זײַנענ אינ יענער צײַט געווענ זייער פיל אינ די רו-סישע וועלדער (אַפילע ביבערס האָט מענ דאַנ געקאָנט טרעפנ באַ די טײַכנ פונ דער צענטראַלער געגנט), מיט פישפאַנג. ער פלעגט זיכ אויכ פאַרנעמענ, ווי פאַר-צײַטנס, מיט וואַלד־בינענצוכט. צוגלײַכ מיט דער לאַנדווירטשאַפט האָבנ זיכ די פויערימ אויכ באַשעפטיקט מיט שטובּיקע געווערבנ.

עס זײַנענ אויכ געווענ פאַרשפּרייט די געווערבנ פונ וואַלד־באַאַרבעטונג. וואַלד איז געווענ א סאַכ. און אינ דער ווירטשאַפט פונ יענער צײַט האָט ער גע-האַט זייער א גרויסע באַדײַטונג. דערפאַר איז מעטאַל געווענ א זעלטנהײַט: מעטאַל פלעגט מענ באַנוצנ זייער פאָרזיכטיק, בלויז אפ צו מאַכנ געווער און געצײַג (געוויינלעכ בלויז פאַר די שפּיצנ פונ שפּיזנ, פײַלנ, סאָכעס).

* „דאָס הייסט, מע פלעגט אפ עטלעכע יאָר פאַרלאָזנ דאָס אַקערפעלד, ביז די אויס-געצערטע ערד פלעגט ווידער ניט באַנײַענ אירע קרעפטנ."

דאָס „פאַרבאָיאַרע־ווענ“ אונ „פאַרפירש־טעווענ“ די ערד

יעדעס דאָרפ האָט פאַרמאָגט זײַנע אײגענע ערדפלעצער: אַקער־פעלדער, לאָנקעס, וואַלד, וואַסער, פישפאַנג־ערטער, וואַלד־בינשטאָקנ* (бортевое). זעלטנ ווענ מע פלעגט באַצײ־כענענ די באַזיצ־גרענעצנ מיט פינקטלעכע מעזשעס אָדער מיט צײכנס אפ די ביימער, ווײַל פרײַער פלאַצ איז געווענ גענוג, אונ ווענ מע פלעגט האָרפנ אָנווײַזנ דעם באַזיצ פונ דער אָדער יענעם דאָרפ, פלעגט מענ זיכ אויסדריקנ גאַנצ אומבאַשטימט: „וווהינ דער האַק פונ יענעמ דאָרפ איז געגאַנגענ, וווהינ די סאָכע, וווהינ די קאָסע איז געגאַנגענ“. עס איז געווענ אַ סאַכ נאָכ ניט פאַרטײלטע ערדנ. זײ האָבנ זיכ געפונענ אינ רעשוס פונ דער פויערישער געמײנדע. די פויערישע געמײנדע האָט זיכ נאָכ געהאַלטנ פעסט.

איבער די פויערישע געמײנדעס איז געשטאַנענ אַ קלאַס פונ גרויסע ערד־באַזיצער. אינ פאַרגלײַכ מיטנ XI—XII יאָרהונדערטער איז איצט באַדײַטנדיק אויסגעוואַקסנ דער גרויסער ערדבאַזיצ. די באָיאַרנ אונ די מאָנאַסטירנ פלעגנ פאַרכאַפנ די פויערשע ערדנ מיט גוואַלד אָדער זײ פלעגנ באַקומענ ערד אַלס געשאַנק פונ די פירשטנ, אָדער זײ פלעגנ, ענדלעכ, פאַרפלאָנטערנ די פויערים אינ אַ נעצ האַלוואָעס („מיט זילבער“). יענע ערדנ (די „שוואַרצע“), וואָס זײַנענ נאָכ ניט אַריבער אינ די הענט פונ די וועלטלעכע אָדער גײַסטלעכע ערדבאַזיצער, האָבנ זיכ גערעכנט פאַר פירשטלעכע. די ערד איז „פאַרבאָיאַרעוועט“ אָדער „פאַרפירשטעוועט“ געוואָרנ.

ווי־זשע האָבנ געפירט זײער ווירטשאַפט אונ ווי האָבנ געלעבט אָט די ערדבאַזיצער?

אינ דער „וואָטשינע“ פונ דעם מאָסקווער פירשט

לאָמיר אָנהײבנ פונ די גרעסטע ערד־באַזיצער — די פירשטנ. אַלס בײַשפיל, וועלנ מיר נעמענ אײנס פונ די רוסישע פירשטנטומס, וואָס איז שפעטער דערהײבנ געוואָרנ — דאָס מאָסקווער פירשטנטום. אָט וואָס האָט דאָס דאָזיקע פירשטנטום מיט זיכ פאָרגעשטעלט אינ XIII יאָרהונדערט:

בײַ די ברעגנ פונעמ טײַכ מאָסקווע האָט זיכ געצויגנ אַ געדיכטער וואַלד, וואָס האָט באַדעקט דעם גאַנצנ ברעג. אינ די נידעריקע ערטער פלעגנ אָפט זיכ טרעפנ זומפנ (אינ מאָסקווע איז דאָ אַ פלאַצ, וואָס הײסט ביז הײַנטיקנ טאָג „באָלאָטאָ“ — זומפ). אײנע פונ די צענטראַלע גאַסנ אינ מאָסקווע הײסט „מאָכאָוואַיאַ“ (מאָכ־גאַס). קײנ גרויסע ישוווים איז אפ דעם פלאַצ, וווּ עס איז איצט מאָסקווע, ניט געווענ. בלויז דאָרט, וווּ דאָס טײַכל נעגלינאַיאַ פאַלט אַרײַנ אינ טײַכ מאָסקווע, זײַנענ אפ אַ הויכנ בערגל געשטאַנענ עטלעכע הילצערנע געבײַדעס. אינ דער הויכ האָבנ זיכ געצויגנ דעמבענע ווענט מיט טורעמס אונ שיס־לעכער. די געשמידטע טויערנ פלעגנ באַוואַכנ ספעציעלע וועכטער.

פונ יענער זײַט ווענט האָבנ זיכ ענג צונויפגעפרעסט די הילצערנע געבײַדעס: וווי־נונגענ, שפײַכלערס, דער קלויסטער — דאָס איז געווענ דער הויפ פונ מאָסקווער פירשט. ניט גרויס איז געווענ דער הויפ: ער האָט פאַרנומענ ניט מער ווי אַ דריטל פונ דעם איצטיקנ קרעמל. דער מאָסקווער פירשט האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע ווירטשאַפט. זײַנע שפײַכלערס זײַנענ געווענ פול געפאַקט מיט פאַרשײדענע פראָדוקטנ: מיט כאָזער־שמאַלצ, מעל, לײַוונט, שעפ־סענע פעלכלעכ. דאָס אַלצ פלעגט גענומענ ווערנ דערהויפט פונ די פויערים, וואָס זײַנענ

* Борти — וואָס מע האָט באַנוצט אַנשטאָט בינשטאָקנ, פלעגט מענ פריִער אויסהוילנ אינ ביימער.

געזעסנ אפ דער פירשטלעכער ערד. קומט דער הארבסט, טראָגנ די פויערים צומ פירשט „אי קאָרנ אי האָבער אי לײַנ, וויפל ער באדארפט נאָר". מע טראָגט אימ אויכ פלײש, באזער-שמאלצ, שעפסענע פעלכלעכ, לײַװנט, שװעמלעכ, יאגעדעס (דאָס איז — טשינש).

א טײל פראָדוקטנ באקומט דער פירשט אויכ פונ זײַנ אײגענעמ ערדכײלעק. דער מאָסקװער פירשט האָט געהאט גרויסע טאבונעס פערד אונ גרויסע טשערעדעס. אפ דעמ פירשטלעכנ ערדכײלעק פלעגנ ארבעטנ שקלאפנ אונ די זעלבע פויערימ. זײ האָבנ געמוזט אי אופאקערנ דעמ פירשטלעכנ ערדכײלעק אי פארזײענ אימ אי אראָפנעמענ דאָס ברויט, װענ עס װערט רײַפ, אי אָפפירנ עס צומ פירשט אינ הויפ, אונ דאָרט אָפדרעשנ, אונ אָנ-שיטנ אינ די שפײַכלער. די פויערימ האָבנ געמוזט אָנקאָסענ הײ פאר די פירשטלעכע פערד. אָבער די אקערפעלדער פונעמ פירשט זײַנענ ניט קײנ גרויסע. צו װאָס האָט ער באדארפט האָבנ גרויסע אקערפעלדער, אז ער האָט געקאָנט אלצ, װאָס ער האָט נאָר באדארפט, באקומענ בא די פויערימ אלס טשינש?

דעריבער איז די פעלד־פאנשטשינע (דאָס הײסט די ארבעט אפנ פארעצס פעלד) גע-װײנלעכ ניט קײנ גרויסע. א סאכ שװערער זײַנענ פאר די פויערימ געװענ די פארשײ-דענע אנדערע פאנשטשינע־פליכטנ. װענ מע דארפ פאריכטנ דעמ פירשטלעכנ הויפ, מוזנ די פויערימ אי װאלד אָנהאקנ אי קלעצער פירנ אי בויענ אי דעמ גראָבנ מאכנ אי דעמ גראָבנ אָנשיטנ. װײַל דער פירשט ארויסגײינ אפ געיעג (אונ געיעג איז געװענ זײַנ באליבטע באשעפטיקונג), טרײַבט מענ די פויערימ אפ אנ אבלאװע, דעמ פירשטס יעגער אונ הינט-טרײַבער „שטײענ אײַנ בא די פויערימ, נעכטיקנ דאָרט, מאכנ אָנ העזעק אינ דעמ הײ אונ האָבער, קאָרמענענ דאָרט זײערע הינט". דעמ פירשטס פישפאנגער צװינגענ די פויערימ העלפנ זײ באמ פישפאנג.

קימאט אלע באדערפעניש זײַנע פלעגט דער פירשט דעקנ מיטנ טשינש אונ מיט דער ארבעט פונ די פויערימ. אפ אויסצוארבעטנ פארשײדענע זאכנ האָבנ די רײַכע פירשטנ גע-האט האנטװערקער, טײלװײַז שקלאפנ, טײלװײַז פרײַע מײַסטערס, װאָס פלעגנ אריבערגײינ פונ אײנ באשטעלער צו דעמ אנדערנ.

אויסער די גרענעצנ פונ דער אײגענער װירטשאפט פלעגט מענ װײניק־װאָס קויפנ: טײַערע געװעבנ, גאָלד־ אונ זילבער־צירונג (צארגאדער, פריאזשער, דה. מײַרעװ-אײראָפּײ-ישע, באגער — טאטערישע) אונ געװער (פאנצערס, העלמס, קינזשאלנ, שפיזנ), װאָס מע פלעגט ברענגענ פונ די װײַטע מיזרעכ־ אונ מײַרעװ־לענדער.

די מאָנאסטירישע „יעסוימימ"

די װירטשאפט פונ די גרויסע ערדבאזיצער — פונ די באָיארנ אונ מאָנאסטירנ — האָט זיכ װײניק־װאָס אונטערשײדט פונ דער פירשטלעכער װירטשאפט. עס איז פארבליבנ ביז אונדזער צײַט זײער א אינטערעסאנטער דאָקומענט פונ סאָפ XIV יאָרהונדערט, אינ װעלכנ עס איז באשריבנ די לאגע פונ די פויערימ אפ דער מאָנאסטירישער ערד.

די פויערימ פונ אײנעמ א מאָנאסטיר („מאָנאסטירישע יעסוימימ") האָבנ זיכ געװענדט צומ מיטראָפאָליט * מיט אנ אָנקלאָגע אפ דעמ, װאָס דער נײַער „הערשער" פונעמ מאָנאסטיר (דער איהומענ) אונטערדריקט זײ צו שטארק. קעדײ קלאָר צו מאכנ, װאָס פאר א פליכטנ האָבנ אפ זיכ געטראָגנ די פויערימ פריִער, האָט מענ זיכ געװענדט צו דעמ אלטנ איהומענ אונ יענער האָט דערצײלט: „די פארמעגלעכע פויערימ פונ די מאָנאסטירישע דערפער האָבנ באדארפט דעמ קלויסטער באפוצנ, דעמ מאָנאסטיר אונ דעמ הויפ ארומצוימענ, בויענ װױנונגענ, די אקערפעלדער דעמ איהומענס אופאקערנ אי פארזײענ אי די טװויע אראָפנעמענ אי ארויספירנ, הײ אָנקאָסענ אונ אינ הויפ ארויספירנ. דעמ פיש־צאמ אפנ טײַכ אויסקשטעלנ אינ פרילינג אונ אינ הארבסט, די סעדער ארומצאמענ, די פיש־נעצ שלעפנ, די סאזשלקעס גראָבנ, אינ הארבסט גײינ אפ געיעג אפ ביבערס. פויסעכ־צײַט אונ פעטער-שאָג קומענ זײ צומ איהומענ מיט נאטאָנעס. די דאָרפלײַט װידער, װאָס האָבנ ניט קײנ פערד, הארפנ אפ יאנטעװ דרעשנ קאָרנ אונ ברויט באקנ, זאלצ מאָלנ אונ ביר מאכנ, קאָרנ דרעשנ אפ זריע.

* דער הויפט פונ דער רוסישער קריסטלעכער קירכע.

און אז דער איהומענ גיט ליגנ אינ דארפ, שפינענ זיי און פלעכטנ נעצנ. אכוץ דעם אלעמ גיבנ אלע מענטשנ פונ די מאנאסטירישע דערפער א יונגע קו אפ יאנטעוו. נאר איינ־מאל האט מענ מיכ געבעטנ, איכ זאל פארבײַטנ די קו אפ דרײַן בארענעס, און איכ בינ דערופ אײַנגעגאנגענ, ווײַל כ'האב ניט געדארפט האבנ קיינ קו. אויב דער איהומענ קומט צופארנ אינ אזעלכנ ניט איז דארפ, דארפנ זיי געבנ האבער דעם איהומענס פערד". און קופריאנ, דער מיטראפאליט פונ גאנצ רוסלאנד, האט אזוי געזאגט צום דעם איהומענ און צו די פויערימ די מאנאסטירישע: „גייט אלע לויט מײַנ „גראמעטע" נאכ — דו, איהומענ, האלט (רעגיר) די יעסוימימ, און איר, יעסוימימ, פאלגט דעם איהומענ און טוט די מאנאס־טירישע ארבעט". פונקט אזעלכע „יעסוימימ", וואס האבנ געצאלט טשינש און זײַנענ גע־ווענ פארפליכטעט ארבעטנ פאנשטשינע, זײַנענ אויכ געווענ אפ די ערדנ פונ אנדערע „וואָ־טשיניקעס"-באָיארנ.*

דער פעאדאלער גוט אינ רוסלאנד אינ XIV—XIII יאר־הונדערטער

בא די אלע ערדבאזיצער, אנהייבנדיק פונ א גרויסנ פירשט און ביז דעם סאמע קליינעמ פארעצ, הערשט, אזויארומ, די נא־טורעלע ווירטשאפט. די ערדבאזיצער לעבנ אפנ כעזשבנ פונ די פויערימ. די פויערימ פארמאגנ אנ אויסגעטיילטנ פאר זיי ערדכיילעק און אייגענעמ אינווענטאר. פונ דעם דאזיקנ שטיקל ערד דארפנ זיי שפײַזנ זיכ אליינ און דעם פארעצ. די פעלד־פאנשטשינע איז דערווײַל נאכ ניט אזוי גרויס (פריער פונ אלצ הייבט זי אנ צו וואקסנ אפ דער מאנאסטירישער ערד), דערפאר אבער איז זייער גרויס און שווער די לאסט פונ אנדערע פאנשטשינע־פליכטנ (אפנ פארעצס הויפ, אינ וואלד). די ארבעט פונ די פויערימ באדינט פולשטענדיק דעמ פעאדאלס באדערפענישנ.

צוגלײַכ מיט דער פאנשטשינע איז די פליכט פונ די פויערימ געווענ דער טשינש, וואס די פויערימ פלעגנ צאלנ אינ נאטור.

די טעכניק פונ דער לאנדווירטשאפט און פונ דער האנטווערקערײַ איז געווענ זייער פרימיטיוו, דער אויסטויש — שוואכ.

אט די אלע שטריכנ פונ דער רוסישער לאנדווירטשאפט פונ XIV—XIII יארהונדערטער זײַנענ ענלעכ צו דער ווירטשאפט פונ מערעוו־אייראפייִשנ פעא־דאל אינ XI—IX יארהונדערטער.

דער קאמפ פונ די פויערימ קעגנ די פעא־דאלנ אינ XIV־XIII יארהונדערטער

קעגנ דעמ פארכאפנ דורכ די פעאדאלנ די פויערישע ערדנ און קעגנ די פרווונ צו פארגרעסערנ די פויערישע פליכטנ האבנ די פויערימ געקעמפט, ווי נאר זיי האבנ געקאנט. זיי האבנ געפרווט קלאגנ זיכ פארנ פירשט, זיי פלעגנ אפט אוועקגיינ, איבערלאזנדיק דאס אלטע אײַנגעזעסענע ארט. די דאזיקע פארמ פונ קלאסנקאמפ איז דאנ געווענ לײַכטער דערמיט, וואס אי צו צאפנ אי צו דארעמ אי צו מיזרעכ האבנ זיכ צעשפרייט גרויסע ווייניק־באַ־פעלקערטע קאנטנ.

עס זײַנענ אויכ געווענ איינצלנע פאלנ, ווענ די פויערימ האבנ געפרווט

* „וואטשינע" — דאס איז די ערד, וואס איז א פולשטענדיק אייגנטומ פונעמ גוטבאזיצער און וואס גייט אריבער בעירושע („וואטשינע" נעמט זיכ פונעמ וואָרט פאטער אפ רוסיש: отец — отчина). דער באזיצער פונ אזא „וואטשינע" האט געקענט פארקויפנ אדער אוועקשענקענ זײַנ ערד.

דורכטרײַבנ די הארצ זייערע. באַזונדערס פיל יעדיִעס איז פאַרבליבנ ביז אונדזער צײַט וועגנ דעמ קאַמפ פונ די פויערימ קעגנ די מאָנאַסטירנ, וואָס פלעגנ פאַרכאַפּנ זייערע ערד. עס פלעגנ זיכ באַזעצנ מאָנאַכנ בישכיינעס מיט א פויערשער געמיינדע, אונ די פויערימ, מוירע האָבנדיק, אז דער „גאָטספאַרכטיקער" פירשט זאָל זיי ניט אוועקשענקענ צוזאַמענ מיט זייער ערד די מאָנאַכנ, פלעגנ מיט גוואַלד אוועקטרײַבנ די מאָנאַכנ.

אונ קעדיי צו האַלטנ אינ געהאָרכזאַמקײַט די פויערימ, וואָס זיי האָבנ עקספּלואַטירט, האָבנ זיכ די פעאָדאַלנ געניייטיקט אינ א מעלוכע־מאַכט, וואָס זאָל מיט קראַפט קאָנענ צווינגענ די פויערימ אונטערצוואַרפנ זיכ זייערע הערשער.

די פעאָדאַלע מעלוכע

דער גרויסער ערדבאַזיצער אינ רוסלאַנד (פונקט ווי דער מערעוודיקער פעאָדאַל) איז געווענ א גאַנצער קייסער איבער די פויערימ, וואָס האָבנ געוווינט אפ זײַנ ערד. דער ערדבאַזיצער האָט געהאַט דאָס רעכט צו מישפּעטנ אונ אויספירנ דעמ אורטייל איבער די פויערימ.

די פאַרצײַטיקע רעכט פונ די ערדבאַזיצער פלעגנ פאַרפעסטיקט אונ באַשטעטיקט ווערנ דורכ ספּעציעלע גראַמעטעס פונ די פירשטנ („געשאַנק"־גראַמעטעס, אָדער „להאָטע"־גראַמעטעס). א היפּש ביסל אזעלכע געשאַנק־גראַמעטעס (דער־הויפּט מאָנאַסטירישע) פונ XIII—XV יאָרהונדערטער האָבנ זיכ אײַנגעהיט ביז אונדזער צײַט. די דאָזיקע גראַמעטעס באַשטעטיקנ פריִער פונ אלצ דאָס רעכט פונ א „וואָטשינע"־געריכט („אונ רעגירנ רעגירט אונ מישפּעט אלע זײַנע מענטשנ דער איהומענ צוזאַמענ מיט די מאָנאַכנ אַליינ אָדער וועמענ ער באַפעלט"). די געשאַנק־גראַמעטעס פלעגנ צוזאַמענ דערמיט אויכ באַפרײַענ די באָיאַרישע אונ מאָנאַסטירישע פויערימ פונ פאַרשיידענע פירשטלעכע טשינשנ אונ פליכטנ („איכ דאַרפ ניט צינ קיינ גרענעצ־צאָל, ניט קיינ טאַמגאַ, ניט קיינ שומ אנדערע צינז". „ניט קיינ יאַמעס", ניט דעמ פערד מײַנעמ, דאַרפ איכ, מע זאָל פיטערנ, ניט די היי מײַנע זאָל מענ קאָסענ").* די געשאַנק־גראַמעטעס, ווי מיר זעענ, פאַלנ פולשטענדיק צונויפ מיטנ מערעוו־אייראָפּייִשנ „אימוניטעט".

קעדיי צו האַלטנ אינ געהאָרכזאַמקײַט די פויערימ, האָט דער גרויסער פעאָדאַל זיכ געניייטיקט אינ א מיליטער־קראַפט. ער פלעגט זי שאַפנ פונ זײַנע דינער, באַלוינענדיק זיי פאַר זייער מיליטערישער דינסט מיט נאַטור (אָפטער פונ אלצ — מיט ערד). די דאָזיקע „דינסטלײַט" האָט דער פעאָדאַל געדאַרפט האָבנ אויכ פאַרנ קאַמפ מיט אנדערע פעאָדאַלנ. די קראַפט פונ יעטווידנ פעאָדאַל איז געווענ אָפּהענגיק פונ דער צאָל דינער.

אויכ אינ מערעוו פלעגנ די קליינע פעאָדאַלנ פאַרשטענדיקנ זיכ מיט די גרעסערע פעאָדאַלנ, ווערנדיק זייערע „געהילפנ" (וואַסאַלנ), „דינערס". דאָס אָנקומענ אפ דינסט פלעגט באַגלייט ווערנ מיט א ריי צערעמאָניעס: דער דינער פלעגנ „קלאַפּנ מיטנ שטערנ" פאַר זײַנ האַר, ד. ה. נידעריק זיכ בוקנ פאַר אימ. אלע באָיאַרנ זײַנענ געווענ וואַסאַלנ בײַ די פירשטנ. אונ די באָיאַרנ אַליינ האָבנ אויכ געהאַט, ווי מיר האָבנ געזענ, וואַסאַלנ — מענטשנ, וועמענ זיי פלעגנ צאָלנ

---

* פונ די געשאַנק־גראַמעטעס פאַר פאַרשיידענע מאָנאַסטירנ.

פאַר דינסט מיט ערד און מיט פּויערים (גיטער). די האַזיקע יינגערע וואַסאַלן האָבן געהייסן „באָיאַרישע קינדער", אָדער שפּעטער פּריצים. אַזוי אַרום איז אויך אין רוסלאַנד געשאַפן געוואָרן אַן אייגענער „פעאָדאַלער לייטער". אָפּ די נידעריקע טרעפּלעך פונעם לייטער זיינען געשטאַנען די „באָיאַרישע קינדער", העכער פון זיי — די באָיאַרן, נאָך העכער — די פירשטן, און איבער די פירשטן האָבן זיך געפונען די סאַמע גרויסע הערשער — די גרויס־פירשטן. אין שפּיץ פון אָט דעם גאַנצן לייטער איז געשטאַנען דער אויבער־סיוזערען — דער טאַטערישער כאַן. די גייסטלעכע פעאָדאַלן זיינען אויך געווען איינגעשלאָסן אין דער פעאָדאַלער יעראַר־כיע. דער מיטראָפּאָליט האָט געהאַט זיינע פּיליצאַליקע מיטראָפּאָליטישע באָיאַרן און דינער. בא דעם נאָווגאָראָדער אַרציבישאָפּ איז אָפּ זיינע גרויסע גוטבאַזיצן גע־ווען אַ סאַך באָיאַרן און פּריצים. פון די דינער פונעם נאָווגאָראָדער אַרציבישאָפּ פלעגט זיך צונויפשטעלן אַ ספּעציעלער פּאָלק, וואָס איז אין נאָווגאָראָדער מילי־טער געגאַנגען אונטער דעם אַרציבישאָפס פאָן.

די וואַסאַלע פאַרבינדונגען צווישן באַזונדערע פעאָדאַלן (פעאָדן) זיינען, אַגעוו, געווען ניט קיין פעסטע. קיין פעסטע ווירטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען איז ניט געווען צווישן די באַזונדערע פירשטנטומס. דעריבער האָט זיך אויך ניט גע־קאָנט אויסבילדן קיין גרויסע פאַרייניקטע מעלוכע.

די פּיליצאַליקע רוסישע הערשער האָבן קעסיידער געפירט אַ קאַמף אייגער מיטן אַנדערן. מיט זייערע באַוואָפנטע קנעכט פלעגן זיי מאַכן אָנפאַלן אָפּ די לענדער פון אַנדערע פירשטן, פלעגן פאַרטרייבן צו זיך יענעמס מענטשן און פי און באַרויבן דאָס פאַרמעגן.

אַזוי אַרום האָט די פעאָדאַלע מעלוכע אויך אין רוסלאַנד פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אָרגאַניזאַציע פון דעם הערשנדיקן קלאַס (פון די ערדבאַזיצער), און אָט די מעלוכע האָט געזיכערט דעם דאָזיקן קלאַס די מעגלעכקייט צו אונטערדריקן די פּויערים און באַרויבן זיי.

אָפּ דער באַזיס פונעם גרויסן ערדבאַזיץ און פון דער סיסטעם פון אויסער־עקאָנאָמישן צוואַנג און עקספּלואַטאַציע פונעם פּויערטום האָט די פעאָדאַלע מאָ־נאַרכיע עקזיסטירט אַלס אַ פאַרייניקונג פון גרויסע פעאָדאַלע באַזיצונגען, וואָס האָבן געהאַט בא זיך די זעלבע רעגירונגס־אָרגאַנען און די זעלבע אַמטן, וואָס בא דעם גרויס־פירשט. בא די פירשטן וואַסאַלן זיינען געווען אי הויפּמייסטערס אי טיש־לייט אי פערד־אויפזעער, און זיי אַלע האָבן אָנגעפירט ניט בלויז מיט די ווירטשאַפטלעכע אינינאַנים, נאָר אויך מיט די מעלוכישע (מיטן געריכט, מיט די קריג־איניאָנים אאַוו). בא די דאָזיקע פירשטן זיינען געווען זייערע אייגענע אונ־טערטעניקע וואַסאַלן — די באָיאַרן און די „באָיאַרישע קינדער". מיט אייג וואָרט, דער מאָסקווער גרויס־פירשט איז געווען דער הויפּט פון אַ גאַנצער יעראַרכיע פעאָ־דאַלע פירשטן, באָיאַרן, באָיאַרישע קינדער. די סאַמע וויכטיקסטע איניאָנים פלעגן די פירשטן געוויינלעך דערלייזדיקן צוזאַמען מיט זייערע וואַסאַלן אין דער באָיאַ־רישער דומע. אין באַזונדערע שטעט און וואָלאָסטן פלעגט דער פירשט אַרויסשיקן וואָלאָסטעלן און שטעלפאַרטרעטער.

די צענטראַלע רעגירונגס־מאַכט פון דעם מאָסקווער גרויס־פירשט האָט אויך געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ פּריוואַט־היימישער פאַרוואַלטונג. די טיש־

לײַט, די פערהאופזעער און די אנדערע דינער פונעמ גרויס־פירשט האָבנ, אכוצ דער הויפ־פארוואלטונג, נאָכ אויכ אָנגעפירט מיט די מעלוכע־איניאָנימ פונ דער גאנצער פעדעראציע וואסאלע פירשטנטומס. דערבײַ האָבנ אייניקע פירשטנ גע־קאָנט „אָפפאָרנ" פונ זייער הויפט־סעניאָר, דעמ מאָסקווער גרויס־פירשט. א בײַ־שפיל — דער „אָפפאָר" פונ דעמ פירשט קורבסקי צו דעמ ליטווישנ הערשער.

די שטעט פונ XIII—XIV יה.

דער אופבלי פונ די שטעט אינ XI—XII יה., וואָס איז ארויסגערופנ געוואָרנ דורכנ וווקס פונ דעמ רויב־האנדל, האָט געדויערט נית לאנג. דער טאָטערישער אָנגריפ האָט דערלאנגט א שטארקנ קלאפ די שטעט, וואָס האָבנ געהאלטנ אינ פאלנ.

די מערהײַט שטעט פונ צאָפנ־מיזרעכדיקער רוס האָבנ אינ XIII יאָר־הונדערט נית פאַרגעשטעלט מיט זיכ קיינ וויפל־ניט־איז באדײַטנדיקע האנטווער־קעריש־האנדלישע צענטערס. אפילע די אלטע שטעט — ראָסטאָוו, סוזדאל און מוראָמ — זײַנענ נית געוואָקסנ. ערשט אינ XII—XIV יה., אפ דער באזע פונ דעמ, וואָס די האנטווערקערײַ ווערט אָפגעטיילט פונ דער לאנדווירטשאפט, הייבט זיכ אָנ אויכ אינ וואָלגע־אָקער קאנט א וווקס פונ די שטעט (און דאָס אויכ א לאנגזאמער, צוליב דער אומבאדײַטנדיקער אנטוויקלונג פונ האנטווערקערײַ און האנדל).

אויכ די פאָליטישע ראָליע פונ די שטעט איז געווענ נית קיינ גרויסע. די „וועטשעס" אינ די שטעט פלעגנ קימאט נית פארזאמלענ זיכ. שטיצנדיק זיכ אפ זײַנ סיווערענ, דעמ „האָרדע־קייסער" (כאנ), פלעגט זיכ דער פירשט נית רעכענענ מיט דער „וועטשע".

אינ די כראָניק־ביכער קאָנ מענ זענ דעמ שארפנ קלאסנקאמפ אינ די שטעט, ווענ די „וועטשע" פלעגט ווערנ דער צענטער פונעמ אופשטאנד. אזעלכע אופ־שטאנדנ זײַנענ פארגעקומענ אינ ראָסטאָוו, וולאדימיר, סוזדאל, יאראָסלאוול. גע־וויינלעכ זײַנענ די אופשטאנדנ געקומענ אלס ענטפער אפ דער פארגרעסערינג פונ די פירשטלעכע טשינשנ. ווענ די טאָטערנ האָבנ אײַנגעשטעלט דעמ ציננ, האָבנ אימ די פירשטנ און באָיארנ ארופגעלייגט אפ די פלייצעס פונ די נידעריקערע קלאסנ («творяху себэ легко, а меньшим безла» — „זיי האָבנ געמאכט פאר זיכ לײַכט און פאר די קלענערע איז דאָס געווענ בייז").

די פארוויסטונג פונ די אלטע שטעט — ראָסטאָוו, סוזדאל, מוראָמ — האָט געבראכט דערצו, אז עס זײַנענ געשאפנ געוואָרנ נײַע באדײַטנדיקע צענטערס פונ האנדל און האנטווערקערײַ.

אנ אנדער לאגע האָט זיכ געשאפנ אינ צאָפנ־מיזרעװ, וווּ עס האָט זיכ אינ צוזאמענהאנג מיט אויסערנ־האנדל אינ XIII—XV יאָרהונדערטער אומגעהייער אנטוויקלט דאָס שטאָטישע לעבנ. נאָווגאָראָד איז אינ XIII—XV יה. געוואָרנ דער גרעסטער צענטער פונ מיזרעכ־אייראָפע.

פראגעס:

וויאזוי האָט מענ באארבעט די ערד אינ צאָפנ־מיזרעכ־רוסלאנד אינ XIII—XIV יה. (פארגלײַכט מיט די פארצײַטיקע סלאווננ)?

וויאזוי האָט זיכ אויסגעבילדעט דער גרויסער ערדבאזיצ אינ צאָפנ־מיזרעכדיקער רוס?

ווי איז געווענ די לאגע פונ די פויערימ אפ דער פירשטלעכער אונ באיארישער ערד (פארגלייכט מיט א מער פריִקער עפאכע)?

פונ וועלכע גרופעס איז באשטאנענ דער קלאס ערדבאזיצער אונ וואס פאר א פארהעלטענישנ האבנ זיכ געשאפנ צווישנ זיי?

פארוואס איז די פעאדאלע מעלוכע פונ XIII—XIV יה. געווענ א צעשפליטערטע?

וואס פאר א ראליע האבנ געשפילט די שטעט אינ צאפנ-מיזרעכדיקער רוס אינ XIII—XIV יארהונדערטער?

25. דער גרויסער נאווגאראד

דער גרויסער נאווגאראד אונ זיינע לענדער

נאכ אנדערש, ווי דאס וואלגע-אקער רוס, האבנ זיכ אנטוויקלט די צאפנדיקע אונ די צאפנ-מערעוודיקע געגנטנ. דא איז אינ XIII—XV יה. אופגעקומענ די גרויסע נאווגאראדער מעלוכע.

שוינ אינ די ערשטע יארהונדערטער פונ דער רוסישער געשיכטע (X—XII יה.) איז נאווגאראד געווענ א באדייטנדיקער צענטער. דורכ נאווגאראד פלעגנ ארייננדרינגענ אינ די סלאווישע אונ פינישע לענדער די ווארייאגנ. דא פלעגט מענ ניט זעלטנ אינ X—XI יה. צונויפקלייבנ דרוזשינעס פונ נאווגאראדער איינוווינער אונ פונ אנגעקומענע פונ דער פרעמד, קעדיי צו מאכנ אנפאלנ אפ די דארעמ-געגנטנ אדער קעדיי איינצונעמענ די שכיינעסדיקע פינישע שטאמענ (די טשוד, די וועס אונ אנד.). אבער ביזנ XII יארהונדערט איז נאווגאראד געווענ א ווייניקער באדייטנדיקער צענטער, אנטקעגנ די דארעמדיקע צענטערס, דערהויפט קיעוו.

דער שנעלער וווּקס פונ נאווגאראד האט זיכ אנגעהויבנ אינ XIII יארהונדערט. געפינענדיק זיכ אפנ טייכ וואלכאוו, איז נאווגאראד דורכ די טייכ-וועגנ געווענ פארבונדנ אי מיטנ פינישנ יאמ-איינגאס אי מיט די צאפנדיקע געגנטנ אי מיט דעמ וואלגער קאנט (זע די קארטע ז. 150). ער איז געווארנ א גרויסער האנדל-צענטער. דער הויפט-קוואל פונ נאווגאראדס רייכטומ איז געווענ דער צאפנ. באנדעס נאווגאראדער פלעגנ אפ שיפלעכ (אפ „אושקויעס") זיכ אוועקלאזנ אינ די צאפנ-וועלדער, וווּ זיי פלעגנ „באצווינגענ" די ארטיקע באפעלקערונג (די לאפארנ, די סאמאיעדנ,* די פעטשארא **). די נאווגאראדער „אושקויניקעס" פלעגנ צוקומענ ביזנ סאמע „קאלטנ" יאמ (אקעאנ) אונ ביזנ אוראל. די צאפנ-וועלדער זיינענ געווענ אויסערגעוויינלעכ רייכ מיט רויכווארג-כייעס (דערשטוינטע פונ דער שעפע וואלדכייעס, פלעגנ די נאווגאראדער דערציילנ, אז אפנ אוראל שיטנ זיכ וועווערקעס פונ הימל). פוטערווארג איז געווענ דער הויפט-ארטיקל, וואס די נאווגאראדער פלעגנ ארויספירנ פונ די פארכאפטע געגנטנ. זיי פלעגנ אליינ פארנעמענ זיכ מיט געיעג אונ דעמ צינדז פלעגנ זיי מאנענ פונ דער ארטנגעבוירטיקער באפעלקערונג אויכ מיט פוטערווארג.

צוגלייכ מיט יאגד האבנ זיכ אויכ אנטוויקלט אנדערע באשעפטיקונגענ. בא די טייכ-ברעגנ, אונ באזונדערס באמ ווייסנ יאמ, האט מענ זיכ פארנומענ מיט פישפאנג אונ מיט געיעג אפ יאמ-כייעס. אינ דער דווינער געגנט פלעגט מענ

* די איצטיקע נענצעס.
** דאס פאלק קאמי.

אַרויסבאַקומענ זאַלצ. די נאָווגאָראָדער פלעגנ אויכ באַקומענ פונ אוראַל „טראַנס־קאַמער“ זילבער. דאָס, וואָס נאָווגאָראָד איז געווענ די איינציקע געגנט אינ מיזרעכ־אייראָפּע, וואָס האָט פאַרמאָגט זילבער־גרובנ, האָט געהאַט זייער אַ גרויסע באַדײַטונג פאַרנ באַרײַכערנ נאָווגאָראָד. קאָסטבאַרע מעטאַלנ איז אינ יענער צײַט (ביז דער אַנטדעקונג פונ אַמעריקע) געווענ זייער וויייניק, אונ דער ווערט פונ זילבער איז געווענ זייער הויכ.

אַ גרויסע ראָליע אינעם עקספּלואַטירנ די פּאַרכאָפּטע לענדער האָבנ אָנגעהויבנ שפּילנ די מאָנאַסטירנ. נאָכ די „אושקויניקעס“ פלעגנ זיכ אָנוועקלאָזנ די מאָנאַכנ אינ די צאָפנוועלדער, וווּ זיי פלעגנ פאַרשפּרייטנ דאָס קריסטנטום. אייגער פונ



דער פּלאַנ פונ נאָווגאָראָד

די רײַכסטע צאָפנדיקע מאָנאַסטירנ איז געוואָרנ דער סאָלאָוועצקער מאָנאַסטיר, וואָס געפינט זיכ אָפ די ווײַסיאַמישע אינדזלענ. נאָכ ווײַטער צו צאָפנ צו האָט זיכ געפונענ דער פּעטשענגער מאָנאַסטיר (אָפ מורמאַנ), וואָס איז געגרינדעט געוואָרנ אינ XIV יאָרהונדערט. דער האָזיקער מאָנאַסטיר איז זייער שנעל רײַכ געוואָרנ דורכ דער אומגעהייערער עקספּלואַטאַציע פונ די לאָפּאַרנ. ווענ די שוועדנ האָבנ סאָפ XIV יאָרהונדערט צעגראָמירט דעמ דאָזיקנ מאָנאַסטיר, האָבנ זיי דאָרט צונעמענ אַ סאַכ „געלט, אונ קליידער, אונ געוואַנט, אונ סויבלענ, אונ פוקסנ, אונ פאַרשיידענע ווייכע בעבעכעס, אונ ברויט, אונ קאָלערליי מאָנאַסטירישע געשיר צוזאַמענ אָפ אַ סומע פונ 55 טויזנט רובל“.

נאָווגאָראָדער האַנדל

די סאַמע קאָסטבאַרע סכוירעס, וואָס מע פלעגט באַקומענ אינ צאָפנ, פלעגט מענ ברענגענ צו פירנ אינ נאָווגאָראָד, אונ פונ דאָרט פלעגט שוינ אַ באַדײַטנדיקער טייל סכוירעס אַריבערגעפירט ווערנ אינ די ווײַטע לענדער. די נאָווגאָראָדער האָבנ געפירט אַ גרויסנ האַנדל מיטנ נידערוואָלגער געגנט, אַרויספירנדיק פונ דאָרט טווּע, אַלס אויסטויש אָפ זייערע סכוירעס. די גרעסטע באַדײַטונג האָט אָבער געהאַט דער האַנדל מיט מײַרעוו. דער נאָווגאָראָדער האַנדל מיט מײַרעוו איז אויסגעוואָקסנ אינ XVI יאָרהונדערט. די אַנטוויקלונג זײַנע איז פאַרבונדנ מיטנ אופבלי פונ דיעמ האַנדל אָפנ באַלטישנ אונ

צאָפּנדיקן יאַמען אין XIII און XIV יה. לעבאַטכילע האָבן די ערשטע ראָליע אין העם האָזיקן האַנדל געשפּילט די גאָטלאַנדער סאָכרים (פונעם אינדזל גאָטלאַנד אַפן באַלטישן יאַם). שפּעטער האָבן זיך אַרויסגערוקט אַפן פאָדערגרונט די סאָכרים פון די האַנזע־שטעט. די האַנזער פלעגן פירן אין נאָווגאָראָד זייערע סכוירעס (געוואַנטן, לײַוונטן, זײַדנס, ווײַנען, געווירצן) און פלעגן אַרויספירן פון דאָרט פוטערוואַרג, וואַקס, האָניק, לײַן און אַנד. סכוירעס. די האַנזע האָט אין נאָווגאָראָד פאַרמאָגט אירן אַן אייגענעם הויף, ווו עס פלעגן זיך אָפּשטעלן די האַנזער סאָכרים. געלעבט האָבן זיי דאָרט אין אַ באַוואָפנטן יישעוו.

נאָווגאָראָד איז געווען צעטיילט אויף 5 טיילן — „עקן". אין צוויי טיילן — „עקן" — פון שטאָט האָבן געוווינט אַ סאַך האַנטווערקער. דעם צענטער פון דער סאָפיער שטאָט-זײַט האָט פאַרנומען דער קרעמל. אויף דער האַנדל-זײַט האָט זיך געפונען דער האַנדלפּלאַץ. ניט ווײַט פונעם דאָזיקן פּלאַץ האָבן זיך אויך געפונען ביידע דײַטשישע הויפן.

קלאַסן אין נאָווגאָראָד

די באַפעלקערונג פונעם רײַכן נאָווגאָראָד איז געווען שאַרף צעטיילט אויף קלאַסן. דעם אויבערשיכט פון נאָווגאָראָד האָבן געבילדעט די נאָווגאָראָדער באָיאַרן, וואָס האָבן פאַרמאָגט קאָלאָסאַלע ערדרײַכטימער. סײַ דער באָיאַרישער סײַ דער קלויסטערישער ערדבאַזיץ איז אין נאָווגאָראָד געווען קאָלאָסאַל גרויס. אינמיטן XV יאָרהונדערט איז אין די הענט פון די באָיאַרן און מאָנאַסטירן געווען קאָנצענטרירט פיר פינפטל פון דער גאַנצער נאָווגאָראָדער ערד. די גרעסטע נאָווגאָראָדער באָיאַרן האָבן פאַרמאָגט קאָלאָסאַלע וואָטשינעס, די סאַמע בארימטע אין XV יאָרהונדערט נאָווגאָראָדער באָיאַרן, די באָרעצקיס, האָבן פאַרמאָגט שיר ניט דאָס גאַנצע ברעג־לאַנד פון דער נידער־און מיטל־דווינע און זייער פיל יישוווים בײַ די ברעגן פונעם ווײַסן יאַם מיט פישפאַנג־געוועסערן און זאַלצ־קוואַלן.

די ווירטשאַפט האָט מען אין די באָיאַרישע „וואָטשינעס" געפירט אויף אַ פעאָדאַלן שטייגער. די באָיאַרישע אַקערפעלדער זײַנען געווען ניט קיין גרויסע, די ערד פלעגט מען אָפּגעבן די פויערים, וואָס פלעגן צאָלן פאַר איר טשינש. זייער אָפט פלעגן די פויערים מוזן אָפּגעבן דעם פאָרעץ אַ העלפט פון זייער גערעטעניש (אַזעלכע פויערים האָבן געהייסן „פּאָלאָווניקי" — דה., וואָס אַרבעטן פון דער העלפט).

די וואָטשינע־ווירטשאַפט האָט זיך געהאַלטן אויף אויסערקאָנאָמישן צוואַנג, דה. אויף גוואַלד. אין די אָפּמאַכן צווישן נאָווגאָראָד מיט די פירשטן פלעגט געווײַנלעך זײַן אָנגעוויזן, אַז די פירשטן זײַנען מעכויעוו אומצוקערן די נאָווגאָראָדער באָיאַרן זייערע אַנטלאָפענע פויערים באַגלײַך מיט די כלאָפּעס

די באָיאַרן זײַנען געווען פולשטענדיקע הערשער איבער זייערע פויערים, זיי פלעגן זיי מישפּעטן און אויספירן די אורטיילן. אויף ווײַסיאַמישן ברעגלאַנד האָט מען זייער לאַנג געהאַט צו דערציילן, וויאַזוי מאַרפאַ באָרעצקאַיאַ פלעגט אַרומפאָרן איר גוטבאַזיץ; מע פלעגט אַפילע אָנווײַזן דאָס אָרט, ווו זי האָט געקעפּט אירע אונטערטאַנען.

מיט איין זאַך אָבער האָבן זיך די נאָווגאָראָדער באָיאַרן אונטערשיידט פון די פעאָדאַלן פון וואָלגע־קאַמער קאַנט: זיי פלעגן זיך פאַרנעמען מיט הורט־האַנדל

אונ מיט וווכערײַ. גרויסע פעאָדאַלנ זײַנענ געווענ די נאָווגאָראָדער מאָנאַסטירנ. זייער ערד־באַזיץ האָט זיך אויסגעבילדעט טיילווײַז פונ די ערדנ, וואָס נאָווגאָראָד האָט זיי געשענקט אָדער די באָיאַרנ האָבנ זיי איבערגעלאָזט בעצאַוואָע אונ טיילווײַז פונ די ערדנ, וואָס זיי האָבנ געקויפט אָדער אָפּגענומענ בא די באַלכויוועס.

מיט די באָיאַרנ איז געווענ ענג פאַרבונדנ דאָס גרויסע סאָכרימטום, די וווכערניקעס אונ די קירכע־לײַט. די קלענערע סאָכרים, די גרויסע מאַסע האַנטווערקער (טעמלער, טעמפער, שמידנ, גאַרבער א. אנד.)—דער „שוואַרצער האַמוינ"—זײַנענ געווענ אָפּהענגיק פונ די באָיאַרנ אונ פונעם סאָכרישנ אויבערשיכט. ניט איינמאָל האָבנ די אונטערשטע נאָווגאָראָדער שיכטנ געפּרווט פירנ א קאַמף קעגנ זייערע עקספּלואַטאַטערס. באַזונדערס האָט זיך דער קלאַסנקאַמף פאַרשאַרפט אינ XIV—XV יה. אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ וווקס פונ דעמ נאָווגאָראָדער האַנדל אונ מיט דער וווכערישער טעטיקײַט פונ די באָיאַרנ אונ סאָכרים.

דער סאָציאַל־פּאָליטישער קאַמף אינ נאָווגאָראָד אינ XIII יאָרהונדערט

דער אויסגעוואַקסענער נאָווגאָראָד מיט זײַנ גרויסער האַנדלשער אונ האַנטווערקערישער באַפעלקערונג האָט באַוויזנ צו באַפרײַענ זיך פונ אונטער דער מאַכט פונ די פירשטנ. שוינ אינ XII יאָרהונדערט האָבנ זיך די באָוגאָראָדער מיט דערפאָלג קעגנגעשטעלט קעגנ די פּרווונ פונ די קלענערע פירשטנ צו באַהערשנ נאָווגאָראָד. אונ אינ XIII יאָרהונדערט איז נאָווגאָראָד, אינ רעזולטאַט פונ א ריי אופשטאַנדנ, אינ וועלכע די הויפּט־ראָליע האָבנ געשפּילט די נאָווגאָראָדער האַנטווערקער, געוואָרנ א שטאָטישע געמײַנדע, וואָס האָט געהאַט א פולשטענדיקע זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

ניט איינ מאָל האָבנ די נאָווגאָראָדער פאַרטריבנ די טיראַנישע פירשטנ. ווי עס דערציילט א נאָווגאָראָדער כראָניק־שרײַבער, איז אינ 1271 יאָר „פאָרגעקומענ א בונט אינ נאָווגאָראָד; מע האָט אָנגעהויבנ אַרויסטרײַבנ דעמ פירשט יאַראָסלאַוו פונ נאָווגאָראָד. מע האָט געגעבנ אינ גלאָק אונ צונויפגערופנ א „וועטשע" אפ יאַראָסלאַווער הויפ אונ מע האָט דערהאַרגעט איוואַנקענ (דעמ פירשטס אַנהענגער). אפנ אַנדערנ טאָג איז אַנטלאָפנ צומ פירשט אינ ייִשעוו דער טויזנט־עלטסטער ראַטיבאָר (אונ אַנדערע אַנהענגער פונעמ פירשט). די נאָווגאָראָדער האָבנ צעראַבירט זייערע הײַזער אונ כאָרעוו געמאַכט זייערע פּאַלאַצנ. אונ צו דעמ פירשט אינ ייִשעוו האָבנ זיי אַוועקגעשיקט א גראַמעטע, אויסשרײַבנדיק אינ איר די גאַנצע שולד זײַנע: „איצטער, פירשט, — אַזוי האָבנ די נאָווגאָראָדער פאַרענדיקט די גראַמעטע, — קאָנענ מיר ניט לײַדנ דײַנ גוואַלדטאַט, פאָר פונ אונדז אַוועק, אונ מיר וועלנ זיך א פירשט אויסזוכנ". דער פירשט האָט אַרויסגעשיקט צו דער פאַרזאַמלונג זײַנע שליכים, זיי זאָלנ זיך נייגנ פאַרנ פאָלק אונ זאָלנ אײַנגיינ אפ א שאָלעמ אפ וואָס פאַר א באַדינגונגענ ס'זאָל ניט זײַנ („אײַנגאַנצנ לויט אײַער ווילנ"). האָבנ אימ די נאָווגאָראָדער דערופ געענטפערט: „פירשט, טראָג זיך אָפּ, מיר ווילנ דיכ ניט, אַניט וועט גאַנצ נאָווגאָראָד זיך אופהייבנ אונ דיכ פאַרטרײַבנ".

די פּאָליטישע אָרדענונג אינ נאָווגאָראָד

פירשטנ זײַנענ אינ נאָווגאָראָד פאַרבליבנ אויכ נאָכנ XIII יאָרהונדערט, אָבער די מאַכט זייערע איז שוינ געווענ באַגרענעצט. די שטאָטישע מאַכט (דער „פּאָסאַדניק", דער טויזנט־עלטסטער, די סטאַרעסטעס) פלעגנ ניט באַשטימט ווערנ דורכנ פירשט, נאָר פלעגנ

אויסגעוויילט ווערנ דורכ דער „וועטשע“. דער פירשט האָט ניט געהאַט קיינ רעכט צו מישפּעטנ אָנ די „פּאָסאַדניקעס“. מיט די נאָווגראָדער וואָלאָסטנ האָבנ פּאַרוואַלטעט ניט די דינער פונעמ פירשט, נאָר נאָווגאָראָדער פּאַרוואַלטערס. דער פירשט האָט אפילע ניט געווינט אינ נאָווגאָראָד גופע, נאָר הינטערנ שטאָט (אינ א באַזונדערנ ייִשעוו — „גאָראָדישטשע“). בא דעמ פירשט איז נאָר פאַרבליבנ די מיליטערישע מאַכט. ער האָט אָנגעפירט מיט דער דרוזשינע. אונ אפילע דאָ איז זײַנ באַדײַטונג געוואָרנ אַלצ קלענער, ווײַל די הויפּט־קראַפט אינ דעמ נאָווגאָראָדע־ מיליטער איז געוואָרנ די שטאָטישע מיליציע („אָפּאָלטשעניע“), מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער טויזנט־עלטסטער.

די העכסטע מאַכט אינ שטאָט איז געוואָרנ די „וועטשע“, אפ וועלכער עס פלעגט זיכ אופזאַמלענ די גאַנצע פרײַע באַפעלקערונג פונ שטאָט („אי די באָיאַרנ אי די געווייִנלעכע מענטשנ אי די סאָכרימ אי דער שוואַרצער האַמוינ, אלע פינפ „עקנ“, דער גאַנצער גרויסער נאָווגאָראָד דער האַר“). די „וועטשע“ פלעגט לייזנ אלע וויכטיקסטע איניאָנימ. זי פלעגט ארויסגעבנ געזעצנ, פלעגט אויסוויילנ די אַמט־פּערזאָנענ: דעמ „פּאָסאַדניק“ (דעמ שטאָט־הויפּט) אונ דעמ טויזנט־עלטסטנ (דעמ שעפ פונ דער שטאָטישער מיליציע). אינ דער „וועטשע“ האָבנ זיכ ניט באַטייליקט די פויערימ, — זיי האָבנ ניט געהאַט קיינ בירגער־רעכט.

אופזאַמלענ פלעגט זיכ די „וועטשע“, ווענ מע פלעגט אָנהייבנ קלינגענ אינ א גלאָק אפנ יאַראָסלאַווער הויפ (זעלטענער — אפ דער סאָפיִער שטאָט־זײַט). אפ דער „וועטשע“ פלעגנ אָפט פּאָרקומענ שטורמישע געראַנגלענ. עס פלעגט טרעפנ, אז די „עקנ“ פלעגנ קומענ אפ דער „וועטשע“ מיטנ גאַנצנ „קלייזײַעג“, באַוואָפנטע פונ קאָפּ ביז די פיס, אונ עס פלעגט דערגיינ ביז א קאַמפ.

אינ XV—XIV יה., אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ וווּקס פונ דער מאַכט פונ די באָיאַרנ, איז די באַדײַטונג פונ דער „וועטשע“ קלענער געוואָרנ. די „וועטשע“ פלעגט זיכ נאָכ אלצ פאַרזאַמלענ, אָבער אינדערעמעסנ איז שוינ די מאַכט געווענ אינ די הענט פונ דעמ באָיאַרישנ ראַט, פונ דער „גאָספּאָדא“. די „גאָספּאָדא“ איז באַשטאַנענ פונ די ' אָנגעזעענסטע שטאָט־מאַגנאַטנ (סײַ פונ די אַמטער פּערזאָנענ סײַ פונ געוועזענע אַמט־פּערזאָנענ, די „אַלטע“). דער פאָרזיצער פונעמ ראַט איז געווענ דער נאָווגאָראָדער ארציבישאָפ, וואָס האָט פאַרמאָגט זייער א סאַכ ערד אונ רײַכטימער.

דער אופשטאנד פון 1418 יאָר

די אונטערשטע שיכטנ פונ דער נאָווגאָראָדער באַפעלקערונג האָבנ ניט איינ מאָל געפּרווט אופשטיינ קעגנ דעמ שטײַגנדיקנ יאָכ פונ די באָיאַרנ. די נאָווגאָראָדער כראָניקעס זײַנענ פול מיט דערציילונגענ וועגנ דעמ, וויאַזוי די נאָווגאָראָדער האַנטווערקער אונ סאָכרימ האָבנ גראַמירט די באָיאַרישע הויפנ אונ געברענט די „כויור־ברעטלעכ“, אפ וועלכע עס זײַנענ געווענ פאַרצייכנט דעמ באָיאַרינס באַלכויוועס. א כיילעק פלעגנ אויכ ארײַנכאַפּנ די מאָנאַסטירנ בײַמ די דאָזיקע אופשטאַנדנ, ווײַל די מאָנאַסטירנ האָבנ קאָנקורירט מיט די באָיאַרנ אינ ווּכערײַ.

דער גרעסטער פונ די דאָזיקע אופשטאַנדנ איז פאָרגעקומענ אינ 1418 יאָר. דער כראָניק־שרײַבער פונ יענער צײַט האָט גאַנצ גענוי באַשריבנ דעמ דאָזיקנ אופשטאַנד.

אָנגעהויבן האָט זיך עס, ווי דער כראָניק־שרײַבער דערציילט, פון דעם, וואָס איינער א מענטש סטעפּאַנקאָ (אורטיילנדיק לויטן נאָמען, שטאַמט ער פון די אונטערשטע שיכטן פון דער נאָווגאָראָדער באַפעלקערונג) איז אָנגעפאַלן אַפן באָיארין דאַנילאָ איוואַנאָוויטש, וואָזשינס אייניקל, און האָט צונויפגערופן א האַמויע, שרײַענדיק „העלפט מיר קעגן דעם דאָזיקן גאַזלען". ווײַזט אויס, אַז דעם באָיארין דאַנילאָ האָט מען געהאַסט, ווײַל דער אויפגעזאַמלטער האַמויע האָט זיך אָפּגערעכנט מיטן באָיארין, — האָט אים גוט צעמיטעסט און אַראָפּגעוואָרפן פון בריק אין טײַך וואָלכאָוו אַרײַן. עפּעס א פישער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם באָיארין, דאַן האָבן די נאָווגאָראָדער צעגראַמירט דאָס הויף פונעם פישער, וואָס האָט געראַטעוועט דעם פאַרהאַסטן באָיארין.

אין א געוויסער צײַט אַרום האָט דער באָיארין געפּרוּווט נעמען נעקאָמע פון סטעפּאַנקען. ער האָט אים געפּאַקט און אָנגעהויבן פּײַניקן. דאָס האָט געדינט אַלס שטויס צו נײַע אַרויסטרעטונגען, דאָס מאָל שוין ניט בלויז קעגן באָיארין דאַנילאָ אַליין, נאָר ביכלאַל קעגן די באָיארן. עס זײַנען צעגראַמירט געוואָרן פיל באָיארישע הײַזער און מאָנאַסטירן. אַן אַנטשיידנדיקער געראַנגל איז פאָרגעקומען אַפן וואָלכאָווער בריק; דאָ האָבן געפּײַפט פײַלן, געווער האָט געקלונגען, מענטשן זײַנען געפאַלן „ווי אין מילכאָמע". אויפגעהערט האָט דער געראַנגל אַדאַנק דעם, וואָס עס האָט זיך אַרײַנגעמישט דער נאָווגאָראָדער אַרציבישאָף, וועמען עס האָט זיך אײַנגעגעבן צײַטווײַליק שאָלעם מאַכן צווישן די קעמפנדיקע צדדים. די געשעענישן פון 1418 יאָר האָבן ניט געבראַכט צו קיין ענדערונג אין דער נאָווגאָראָדער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. די מאַכט, סײַ די עקאָנאָמישע סײַ די פּאָליטישע, איז פאַרבליבן אין די הענט פון די באָיארן. אָבער די דאָזיקע געשעענישן זאָגן אײדעס וועגן דער אומגעהייערער פאַרשאַרפונג פון די קלאַסן־ווידערשפּרוכן אין נאָווגאָראָד.

דער קאַמף פון די נאָווגאָראָדער בײַ־שטאָטישע וואָלאָסטן קעגן נאָווגאָראָד

עס האָבן זיך אויך פאַרשאַרפט די ווידערשפּרוכן צווישן נאָווגאָראָד און זײַנע געגנטן. מיט דער אַנטוויקלונג פונעם האַנדל זײַנען אין דער נאָווגאָראָדער געגנט אויסגעוואַקסן נײַע שטעט. נאָווגאָראָד האָט די דאָזיקע שטעט ניט געגעבן קיין זעלבשטענדיקע רעכט, האַלטנדיק זיי פאַר זײַנע בײַשטעט. מיט אַלע בײַשטעט (פּסקאָוו, וועליקיע לוקי, רוסאַ, טאָרזשאָק, לאַדאָגע, קאָרעלאַ, קאָפּאָריע, אָרעשעק, יאַמי און אַנד.) האָט אָנגעפירט די נאָווגאָראָדער מאַכט (דורך „פּאָסאַדניקעס", וואָס נאָווגאָראָד פלעגט באַשטימען). צווישן די צוגעשיקטע „פּאָסאַדניקעס" און דער אָרטיקער „וועטשע" פלעגן פאָרקומען אָפטע צוזאַמענשטויסן.

די גרעסטע פון די נאָווגאָראָדער בײַשטעט, פּסקאָוו, האָט נאָך א לאַנגדויערנדיקן קאַמף באַוויזן אין XIV יאָרהונדערט צו דערשלאָגן זיך זעלבשטענדיקײַט. פּסקאָוו איז געוואָרן א „יינגערער ברודער פון נאָווגאָראָד", אָבער ער האָט זיך שוין מער ניט אונטערגעוואָרפן דער נאָווגאָראָדער מאַכט. דער אָפּמאַך פון 1347 יאָר צווישן פּסקאָוו און נאָווגאָראָד זאָגט אַזוי: „זאָלן פּאָסאַדניקעס נאָווגאָראָדער אין פּסקאָוו ניט זיצן, ניט מישפּטן". מיט ווייניקער דערפאָלג איז געגאַנגען דער קאַמף פון אַנדערע בײַשטעט קעגן נאָווגאָראָד (פון וועליקיע לוקי, רזשעוו). מיט די אייגענע קרעפטן האָבן זיי זיך ניט געקאָנט באַפרײַען פון

די נאָווגאָראָדער באָיאַרנ. זיי זיינענ אָבער געווענ גרייט צו פאַראַטנ נאָווגאָראָד און איבערגעבנ זיכ אַנדערע הערשער.

אַט די אַלע ווידערשפּרוכנ האָבנ אָפּגעשוואַכט די מעכטיקייט פונ דער גרויסער נאָווגאָראָדער רעפּובליק.

אינ XV יאָרהונדערט, אינ צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס די האַנדל־וועגנ האָבנ זיכ איבערגערוקט אָפּ מיזרעכ און אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער יערידע פונ די האַנזע־שטעט, איז בא נאָווגאָראָד און פּסקאָוו אָפּגעשוואַכט געוואָרנ די האַנדל־פאַרבינדונגענ מיט מיזרעכ־אייראָפּע. אינ מיזרעכ האָט דער רויבערישער האַנדל מיט די קאָלאָניאַלע פעלקערשאַפטנ געהאַט אויסצושטיינ אַ שטאַרקע קאָנקורענצ פונ די מאָסקווער סאָחרימ. דאָס אַלצ האָט געבראַכט צומ אַנטשיידנדיקנ קאַמפּ צווישנ מאָסקווע און נאָווגאָראָד, און די זיגערנ אינ דעמ דאָזיקנ קאַמפּ איז געבליבנ מאָסקווע.

פראַגעס:

וועלכע לענדער האָבנ פאַרכאַפּט די נאָווגאָראָדער?

מיט וועמענ פלעגנ האַנדלענ די נאָווגאָראָדער? וואָס האָט אַרויסגערופנ דעמ וווּקס פונ דעמ נאָווגאָראָדער האַנדל מיט מיזרעכ אינ XIII יאָרהונדערט?

גיט אַ כאַראַקטעריסטיק פונ דער לאַגע פונ די פאַרשיידענע באַפעלקערונגס־קלאַסנ אינ דאָרפ און אינ שטאָט.

ווי אַזוי האָט זיכ נאָווגאָראָד באַפרייט פונ דער מאַכט פונ די פירשטנ?

וואָס פאַר אַ רעגיר־סיסטעמ איז געווענ אינ נאָווגאָראָד אינ XIII—XV יה?

פאַרגלייכט די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אינ נאָווגאָראָד מיט דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג פונ די האַנדל־שטעט אינ איטאַליע.

26. די אַנטשטייונג פונ דער מאָסקווער מעלוכע

די אויסבילדונג פונ גרויסע פירשטנטומס

אינ דער זעלבער צייט, ווענ די צאָפנ־מיזרעכדיקע געגנטנ זיינענ אַרונטערגעפאַלנ אונטער דער מאַכט פונ נאָווגאָראָד, זיינענ אויכ אינ צענטער און אינ די דאָרעמ־געגנטנ אויפגעקומענ גרויסע מעלוכעס. דער XIV און XV יה. איז געווענ אַ צייט פונ פאַרכאַפּנ מיט גוואַלד, פונ „**אופזאַמלענ די לענדער**" אינ מיזרעכ־אייראָפּע. אינ דעמ קאַמפּ צווישנ באַזונדערע פעאָדאַלנ פאַר ערד און פאַר דער עקספּלואַטאַציע פונ די פויערימ האָט זיכ די מער שטאַרקע פירשטנ איינגעגעבנ צו פאַראייניקנ אונטער זייער מאַכט היפּשע געגנטנ. אַשטייגער אינ XIII—XIV יה. האָבנ די ליטווישע פירשטנ אינ די מיזרעכ־געגנטנ פאַראייניקט אונטער זייער מאַכט ליטע, ווייסרוסלאַנד און אַ היפּשנ טייל אוקראַינע. אַזוי אַרומ איז געשאַפנ געוואָרנ דאָס ליטוויש־רוסישע פירשטנטומ. צומ סאָפ פונ XIV יאָרהונדערט האָט זיכ דאָס דאָזיקע פירשטנטומ פאַראייניקט מיט פוילנ.

דאָרעמ־מיזרעכ, מיטל־ און נידערוואָלגע זיינענ געווענ פאַראייניקט, ווי מיר ווייסנ, אונטער דער מאַכט פונ דער גאָלדענער האָרדע, וואָס האָט געהאַלטנ אינ אירע הענט די האַנדל־וועגנ קיינ אַזיע.

לאַנגזאַמער איז געגאַנגענ דער פּראָצעס פונ אופזאַמלענ מיט גוואַלד די וואָלגע־אָקער געגנטנ. דאָ האָט זיכ אַ לאַנגע צייט ניט געשאַפנ קיינ צענטער, וואָס זאָל

קאָנען באהערשן די איבעריקע געגנטן. אין XIII—XII יה. האָט זיך געהאַט ארויס־גערוקט דאָס וולאַדימירער פירשטנטום; דעם האָזיקן פירשטנטום איז אָבער ניט גע־לונגען אײַנצוהאַלטן א לאַנגע צײַט דאָס ערשטע אָרט. ערשט אין XV—XIV



יה. זײַנען אין ביטערן קאַמף אַנטשטאַנען די „גרויסע" פירשטנטומס אויף וואָלגע־האַנדל־וועג — דאָס טווערער און ניזשני־נאָווגאָראָדער, אויף דער אָקאַ — דאָס ריאַזאַנער פירשטנטום און אויף טײַך מאָסקווע — דאָס מאָסקווער פירשטנ־

טומ. דאָס זיינען געווען קריגספאַרייניקונגען פון די פעאָדאַלן צום קאַמף קעגן ליטע און דערהויפּט צום קאַמף פאַרן איינעמען נייע לענדער אין דאָרעם און אין מיזרעך.

אַשטייגער, די ניזשני-נאָווגאָראָדער פירשטן האָבן געפירט אַ בלוטיקן קאַמף קעגן מאָרדווא, קעדיי אונטערצוװאַרפן זי דער פעאָדאַלער עקספּלואַטאַציע.

אין XV יאָרהונדערט זיינען דאָס טווערער, יאַראָסלאַווער, ניזשני-נאָווגאָ-ראָדער פירשטנטומס פאַרכאַפּט געוואָרן פון מאָסקווער פירשטנטום, וואָס איז שנעל דערהייבן געוואָרן.

דער וווקס פון די האנדל-פאַרבינדונגען אין מיזרעך-איירָאָפּע פון XV—XIV יה.

די אַנטשטייונג פון פאַרהעלטנישמעסיק שטאַנדהאַפטיקע גרויסע מעלוכעס אין XV—XIV יה. דערקלערט זיך מיט די ענדערונגען אינעםווירטשאַפטלעכן לעבן פון מיזרעך-איירָאָפּע, וואָס האָבן צוגעגרייט די אויסבילדונג פון אַן איינהייטלעכן מאַרק. אויך אין XIII יאָרהונדערט איז דער גוט געווען אַ ווירטשאַפט, וואָס פלעגט קימאַט פולקום באַדינען זיך אַליין, האָט אָבער די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער האַנטווערקעריי, פונקט ווי אין מערעוו-איירָאָפּע, געבראַכט דערצו, אַז די האַנטווערקעריי האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער לאַנדווירטשאַפט און עס האָט זיך אַנטוויקלט דער אויסטויש. עמעס, צום אונטערשייד פון מערעוו, האָט זיך די שטאָטישע האַנטווערקעריי אַנטוויקלט ווי פריער גאַנץ לאַנגזאַם. אָבער די דאָרפישע געווערבן (האָלצבאַאַרבעטונג, פישפאַנג אאַז.) האָבן זיך אין אייניקע ראַיאָנען אַנטוויקלט אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן געפינען אַן אָפּזאַץ אין ווייטע געגנטן. אין אַנדערע ראַיאָנען האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק אַנטוויקלען די לאַנדווירטשאַפט. אַזוי, אַז דאָרט האָט זיך באַקומען אַן איבערפלוס פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. אויף דער דאָזיקער באַזע האָט זיך אָנגעהויבן באַרשטאַרקן דער האַנדל צווישן פאַרשיידענע געגנטן. נאָך מער איז דער דאָזיקער האַנדל געטריבן געוואָרן פאָרויס אַדאַנק דער ווירקונג פון דעם נאָווגאָראָדער האַנדל, וואָס האָט אייניקע פּראָדוקטן פון לאַנדווירטשאַפט און האַנטווערקעריי אַרייננגעצויגן אין דעם צווישנפעלקערלעכן אויסטויש. עס האָבן אָנגעהויבן וואַקסן די שטעט, אַלס צענטערס פון האַנדל און טיילווייז פון האַנטווערקעריי. צווישן באַזונדערע ראַיאָנען האָבן זיך אָנגעהויבן אויסבילדן פעסטע ווירטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען, וואָס האָבן צוגעגרייט די פאַראייניקונג פון מיזרעך-איירָאָפּע אַרום מאָסקווע.

דער וווקס פון מאָסקווע

אין XIII יאָרהונדערט איז דאָס מאָסקווער פירשטנטום געווען נאָך קיין גרויס פעאָדאַל פירשטנטום. די אויפלעבונג פונעם האַנדל אין XV—XIV יה. האָט אַרויסגערוקט מאָסקווע, וואָס האָט זיך געפונען אויף די וויכטיקסטע טייך-וועגן.

פאַרביי מאָסקווע האָבן זיך אַרויף און אַראָפּ טייך געצויגן פילצאָליקע סאָכרישע שיפן מיט פעסער זאַלץ פון ווייטן אַסטראַכאַן, קיפּעס יוכט (לעדער) פון קאַזאַן, ריאַזאַנער ברויט, סמאָלענסקער וואַקס. די „מיטניקעס" (טשינש-מאַנער) פלעגן איינזאַמלען פון די סאָכרים גרויסע פּאָשלינעס.

שוין אין אָנהייב XIV יאָרהונדערט איז דער מאָסקווער פירשט געוואָרן איינער פון די רייכסטע צאָפן-מיזרעכדיקע פירשטן. איינער פון די מאָסקווער פירשטן פון אָנהייב XIV יאָרהונדערט, איוואַן, האָט אַפילע אַ צונאָמען באַקומען קאַליטאַ (דה. אַ זאַק מיט געלט). עס איז איינגעהיט ביז אַט-

דזער צײַט די צאַווען זײַנע, אין וועלכער ער צעמיילט צווישן די זין אַלע זײַנע רײַכטימער: די דערפער, די סטאַדעס, די גאָלדענע קייטן, דאָס זילבערנע געפעס, די פוטערס און אַנדערע זאַכן.

די רײַכקײַט זייערע האָט די מאָסקווער פירשטן געגעבן די מעגלעכקײַט צו פאַרגרעסערן זייערע באַזיצן, אונטערוואַרפנדיק אונטער זייער מאַכט די אָרעמערע און קלענערע פירשטן. מיט די גרעסערע פירשטן איז אָבער שווערער געווען אויסצוקומען; דאָ פלעגט מען מוזן אָנקומען צו נאַוואָפנטער קראַפט. א באַזונדערס אײַנגעשפאַרטן קאַמף האָט מאָסקווע געפירט קעגן טווער, אײַנבערעכנדיק זי ענד־גילטיק ערשט ענדע XV יאָרהונדערט.

שטאַרק געהאָלפן מאָסקווע אין איר קאַמף האָט די גאָלדענע האָרדע. דער כאַן, דער אויבער־סוזערען פונעם רוסישן לאַנד, האָט פּראָטעזשירט די רײַכע און אין יענער צײַט נאָך שוואַכע מאָסקווער פירשטן. דער מאָסקווער פירשט איז



מאָסקווער אומגעגנט

געוואָרן דער פּאַרשטייער פונעם כאַן אין רוס, דער הויפּט־זאַמלער פון צינז פאַר אים און דער פאַרטיידיקער פון די טאָטערישע אינטערעסן.

ווען די טווערער בירגער האָבן דערהרגעט אין טווער דעם כאַנס געזאַנדטן, וואָס האָט געפאָדערט אַן אומגעהייערן צינז, האָט קאַליטא צוזאַמען מיטן טאָטע־רישן מיליטער זיך אַוועקגעלאָזט אַף טווער. זיי האָבן פאַרברענט די שטאָט טווער און אַנדערע שטעט, דאָס פאַרמעגן האָבן זיי צערויבט, פיל מענטשן האָבן זיי גענומען אין געפאַנגענשאַפט און פאַרוואַנדלט זיי אין שקלאַפן. נאָכן טווערער פּאָגראָם איז שוין דער מאָסקווער פירשט געוואָרן א ג ר ו י ס פ י ר ש ט. דאָס

טאָטערישע רײַטער־מיליטער, די בעסטע קריגס־קראַפט אין יענער צײַט, האָט גע־שיצט מאָסקווע אויך אין אַנדערע אירע קריג־אונטערנעמונגען.

אַחוץ די טאָטערן, האָט דעם מאָסקווער פירשט אויך געשטיצט נאָך איין אײַנפלוסרײַכע קראַפט — די רוסישע קירכע. מיר ווייסן שוין, אַז דער קלער (די מאָנאַסטירן) האָבן פאַרמאָגט זייער אַ סאַך ערד און מיטלען. צעקריגט זיך מיטן ולאַדימירער פירשט, איז דער מיטראָפּאָליט (אַזוי האָט מען גערופן דעם העכסטן בישאָף) אַריבערגעפאָרן אין מאָסקווע. קאַליטאַ האָט אים אויפגענומען מיט גרויס קאָוועד. ער האָט געוווּסט, וויאַזוי זיך צו באַגיין מיט די גײַסטלעכע, האָט באַשאָנקען די גאַלאָכים מיט רײַכע מאַטאָנעס, געבויט קלויסטערס א. אַז. וו., און די גײַסטלעכע, פון זייער זײַט, האָבן מיטגעהאָלפן דעם וווּקס פון מאָסקווע. דאָס, וואָס דער מיטראָפּאָליט האָט אונטערגעהאַלטן מאָסקווע, האָט מיטגעהאָלפן צענטראַליזירן די קירכע־האַכנאָסעס און האַלטן אונטערטעניק די בישאָפן פון די אומאָפּהענגיקע פירשטנטומס. איינער אַ ניזשני־נאָווגאָראָדער פירשט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן דעם מאָסקווער. דאַן האָט דער באַרימטער אין יענער צײַט איהומען ס ע ר ג י (דער גרינדער פון דער טראָיצע־סערגיִעווער „לאַווּרע”, דעם רײַכסטן מאָנאַסטיר אין מאָס־קווער פירשטנטום) פאַרבאָטן, לויט דער פאַראָרדענונג פון דעם מיטראָפּאָליט, צו פראַווען אין דעם ניזשני־נאָווגאָראָדער פירשטנטום גאָטעס־דינסטן און האָט דאָרט פאַרמאַכט די קלויסטערס, ביז די ניזשני־נאָווגאָראָדער האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן.

דער בונד, וואָס דער מאָסקווער פירשט האָט געהאַט מיט דער האָרדע און מיט דער קירכע האָט אים געזיכערט דעם ניצאָכן איבער אַנדערע פירשטן. צו דער צווייטער העלפט XV יאָרהונדערט האָט דער גרעסטער טייל פירשטנטומס פון דער וואָלגע־אָקער רום אָנערקענט די אויבערהאַנט פונעם מאָסקווער פירשט.

סאָף XV יאָרהונדערט, אין 1485־טן יאָר, ווען דער פירשט איז געווען אי־וואַן III, איז ענדגילטיק באַזיגט געוואָרן טווער, מאָסקווער הויפּט־קאָנקורענט. עט־וואָס שפּעטער איז אין באַשטאַנד פון מאָסקווער פירשטנטום אַרײַנגעגאַנגען ריאַזאַן.

אין זייער קאַמף קעגן אַנדערע פעאָדאַלן האָבן זיך די מאָסקווער פירשטן ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען. מע האָט געלאָזט אין גאַנג אַלץ: פאַר־ראַט, שווועס־ברעכן, אַריבערציִען די דינער פון אַנדערע פירשטן, בלוטיק אָפּ־רעכענען זיך מיט דעם סוינעס דינער, אויסשטעכן די אויגן בײַ די פאַרכאַפּטע קאָנקורענטן און פאַרסאַמען די פאַרביסענע סאָנים. אין דעם זין האָבן די מאָס־קווער פירשטן געהאַנדלט פּונקט ווי די „אויפצאַמלער פון פראַנקרײַך”.

דאָס פאַרכאַפּן די לענדער פון די פֿי־נישע פעלקערשאַפטן

אין באַשטאַנד פון דער מאָסקווער מעלוכע זײַנען אַרײַן ניט בלויז געגנטן מיט אַ רוסישער באַפעלקערונג. מיר ווייסן, אַז די רוסישע פירשטן האָבן באַהערשט די פינישע שוואָטים, וואָס זײַנען געווען די גרונט־באַפעלקערונג פון וואָלגע־אָקער קאַנט. טיילווײַז זײַנען די פינען אויסגעראָטן געוואָרן דורך די רוסן, טיילווײַז האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיט זיי. דערנאָך איז דער אָנגריף פון די רוסן אַוועק ווײַטער אויף מיזרעך (זע די קאַרטע אויף זײַט 150). די מאָרדווע, מאַריִער און אַנדערע פינישע שוואָטים זײַנען לויטן ניוואָ פון זייער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג געווען עטוואָס אָפּגעשטאַנענע פון די רוסן. בײַ זיי האָט זיך דער פעאָדאַלער רעזשים ערשט אָנגעהויבן אויסצובילדן. זיי זײַנען געווען ערגער באַוואָפנט, ווי די רוסן,

דאָס מיליטער זייערס איז געווענ א פוסגייער-מיליטער, בא די רוסנ — א רײַטער-מיליטער, אונ דאָס איז געווענ א גרויסע מײַלע אינ יענער צײַט, ווענ מע האָט באַנוצט אויסשליסלעכ קאַלט געווער.

לעכאַטכילע האָבנ זיכ די רוסישע פירשטנ באַגרענעצט מיט אָנפאַלנ אפ די פינענ, פלעגנ צעראַבירנ זייערע ייִשווימ, אומברענגענ די פּאַרזייענ, אוועקטרײַבנ דאָס פי אונ פאַרכאַפּנ געפאַנגענע (שקלאַפנ). שפּעטער האָבנ זיי אָנגעהויבנ פאַרכאַפּנ זייערע לענדער. אפנ אָרט פונעמ אַלטנ מאָרדאָווישנ צענטער האָט מענ אויסגעבויט די שטאָט ניזשני-נאָווגאָראָד, וואָס איז געוואָרנ דער הויפּט-אָנשפּאַר בא די רוסנ, אז די באַזיגטע פלעגנ זיכ פרווונ פאַרטיידיקנ פונ די גוואַלדטאַטנ פונ די פרעמדע אונ פלעגנ אופהייבנ אופשטאַנדנ, פלעגט מענ זיכ מיט זיי אָנ ראַכמאָנעס אָפּרעכענענ. אָט אַזוי האָבנ די רוסישע פירשטנ (דערינ אויכ דער מאָסקווער) סאָפּ XIV יאָרהונדערט 'פאַרוויסטעט דאָס גאַנצע 'מאָרדאָווישע לאַנד.

די רוסישע פעאָדאַלנ פלעגנ פאַרכאַפּנ די דעראָבערטע מאָרדאָווישע ערד, גלײַכ נאָכ זיי פלעגנ זיכ א לאָז טאָנ די 'גאַלאָכימ, וואָס פלעגנ מיט גוואַלד אַריבערפירנ אינ קריסטנטומ די אָרטיקע באַפעלקערונג אונ צווינגענ זי צו צאָלנ די רוסישע גײַסטלעכע קאַלערלײַ שטײַערנ.

דאָס זעלבע, וואָס איז אינ XV—XIV יאָרהונדערט פאָרגעקומענ מיט מאָרדווא, איז שפּעטער פאָרגעקומענ מיט א סאַכ אַנדערע פעלקערשאַפטנ. אַזוי-אַרומ איז די מאָסקווער מעלוכע פונ איר סאַמע אָנטשטייונג אָנ געוואָרנ א „טורמע פאַר פעלקער”, ד.ה. זי האָט זיכ געבויט אפ דער אונטערדריקונג פונ אַנדערע נאַציאָנאַליטעטנ.

מאָסקווע אונ נאָווגאָראָד

אינמיטנ XV יאָרהונדערט איז שוינ מאָסקווע געווענ א גרויסע מעלוכע. עס איז אויכ אויסגעוואַקסנ די שטאָט גופע, וואָס איז איצט געוואָרנ א באַדײַטנדיקער האַנטווערקעריש-האַנדלשער צענטער. ווענג דער ראָליע פונ די האַנטווערקער אינ XIV יה. גיבנ א קלאָרע פאָרשטעלונג די געשעענישנ פונ 1382 י. אינ 1382 י. איז אָנגעפאַלנ אפ מאָסקווע דער טאָטערישער כאַנ טאָכטאַמיש. דער מאָסקווער גרויס-פירשט, אַנשטאָט צו אָנפירנ מיט דער פאַרטיידיקונג פונ דער שטאָט, איז אַנטלאָפנ אינ קאָסטראָמא. דאַנ האָבנ די האַנטווערקער געשאַפנ א „וועטשע” אונ געפרווט אַליינ פאַרטיידיקנ די שטאָט. שוינ אינ XIV יאָרהונדערט טרעפנ מיר אינ מאָסקווע די „סוראָזשער”, וואָס האַנדלענ דורכ קרימ מיט איטאַליע. באַדײַטנדיק זײַנענ אויכ געווענ די פאַרבינדונגענ מיט דער האָרדע. די מאָסקווער סאָכרימ פלעגנ פאַרפאָרנ ווײַט אפ דאָרעמ אונ אפ מיזרעכ. בלויז אינ צאָפנ איז פאַר זיי דער האַנדל געווענ פאַרבונדנ מיט שוועריקײַטנ: דאָרט האָבנ ווי פריִער געבאַלעבאַטעוועט די נאָווגאָראָדער באָיאַרנ. שוינ אינ XIV יאָרהונדערט האָט זיכ צווישנ מאָסקווע אונ נאָווגאָראָד אָנגעהויבנ א קאַמפ פאַר דער דווינע-געגנט.

אינ XV יאָרהונדערט האָט די איבערוואָג אינ דעמ האַזיקנ קאַמפ באַקומענ מאָסקווע. די מאַפּאָלע פונ נאָווגאָראָד דערקלערט זיכ מיט א סאַכ סיבעס, וועלכע מיר האָבנ דאָ שוינ פריִער אָנגעוויזנ. די מיליטער-קראַפט פונעמ מאָסקווער פירשט איז געווענ בעסער אָרגאַניזירט ווי בא די נאָווגאָראָדער. מאָסקווע האָט געהאַט די מעגלעכקײַט אײַנצונעמענ נאָווגאָראָד דורכ הונגער, איבערצאַמענדיק דעמ וועג

פארנ ריאזאנער ברויט, מיט וועלכנ נאווגאראד האט זיכ געשפייזט. די הויפט־סיבע אבער, פארוואס נאווגאראד האט געליטנ א מאפאלע, איז געווענ די פאר־שארפונג פונעמ קלאסנקאמפ אינ נאווגאראד גופע אונ אינ זיינע געגנטנ. די ארעמ־שאפט אינ נאווגאראד איז געווענ גרייט צו שטיצנ מאסקווע, קעדיי פטער צו ווערנ פונ דעמ יאכ פונ די נאווגאראדער באיארנ. אויכ אינ די נאווגאראדער וואלאסטנ, אפ דער דווינע, צומביישפיל, האט מענ זיכ געפילט שטארק באלעסטיקט פונ דער נאווגאראדער הערשאפט.

אינ 1471 יאר האט דער מאסקווער פירשט איוואנ III צעגראמירט דאס נאווגאראדער מיליטער, געצוווּנגענ נאווגאראד איבערצוגעבנ אימ די דווינער געגנט אונ איינצאלנ א קאלאסאלע לויט יענער צייט סומע — 15.500 רובל.* אונ אינ עטלעכע יאר ארומ זיינענ פארניכטעט געווארנ אויכ די לעצטע רעשטלעכ פונ נאווגאראדער פרייהייטנ. „דער „וועטשע"־גלאק זאל ניט קלינגענ, קיינ פאסאד־ניק זאל ניט זיינ אונ די מעלוכע די גאנצע דארפנ מיר האלטנ", — אזוי איז געווענ דער ווילנ פונ מאסקווער פירשט, וואס דער באזיגטער נאווגאראד איז גע־ווענ געצוווּנגענ אנצונעמענ. די ערד פונ די נאווגאראדער באיארנ אונ מאנאסטירנ זיינענ קאנפיסקירט אונ צעטיילט געווארנ צווישנ די „דינסט־לייט" פונ דעמ מאסקווער פירשט. די נאווגאראדער סאכרימ האט מענ ארויסגעשיקט פונ נאוו־גאראד, אונ אינ נאווגאראד האט מענ באזעצט עטלעכע הונדערט מאסקווער סאכרימ. דעמ דייטשישנ הויפ האט מענ אינ נאווגאראד פארמאכט, קעדיי דער צענטער פונ אויסלענדישנ האנדל זאל אריבערגעטראגנ ווערנ אינ מאסקווע.

מאסקווע אונ די הארדע

די שטארק געווארענע מאסקווע האט געענדערט איר פאלי־טיק בענוגייע צו דער הארדע. ביזנ סאפ XIV יארהונדערט איז דער מאסקווער פירשט געווענ דעמ כאנס א טרייער דינ־נער, אונ פונ סאפ XIV יארהונדערט אנ האט מאסקווע אנגעהויבנ א קאמפ קעגנ דער הארדע, וואס איז געווענ צעריסנ פונ אינערלעכע אומרוענ. די טאטערישע פיר־שטנ פלעגנ אופשטיינ קעגנ דעמ כאנס מאכט אונ פלעגנ שאפנ אומאפהענגיקע פונ אימ מעלוכעס. אינ XV יארהונדערט האבנ זיכ פונעמ באשטאנד פונ דער גאלי־דענער הארדע אויסגעטיילט די קרימער כאנשאפט אונ די קאזאנער כאנשאפט. אויסנוצנדיק די אינערלעכע אומרוענ אינ דער הארדע, האט מאסקווע אינ 1480 יאר אופגעהערט צו צאלנ ציננ דער גאלדענער הארדע. פונ דעמלט אנ איז דער מאסקווער פירשט פונ א טאטערישנ „אולוסניק" (וואסאל) געווארנ א זעלבשטענ־דיקער („זעלבסטהערשנדיקער") הערשער.

דער פעאדאלער רע־זשימ אינ דער מאסקווער מעלוכע אינ XV יארהונדערט

דער געזאנדטער פונ דעמ דייטשישנ אימפעראטער, הער־בערשטיינ, וואס איז צוויי מאל געווענ אינ מאסקווע אינ אנהייב XVI יארהונדערט, האט אזוי כאראקטעריזירט די מאכט פונ דעמ מאסקווער הערשער: „מיט זיינ מאכט, וואס ער ווענדט אנ בענוגייע זיינע אונטערטאנענ, שטייגט ער אריבער אלע מאנארכנ פונ דער גאנצער וועלט. ער (וואסילי III) האט אויכ פארענדיקט דאס, וואס עס האט אנגעהויבנ זיינ פאטער איוואנ III, נעמלעכ —

* סאפ XV יארהונדערט איז א רובל געווענ גלייכ, אומגעפער, צו 100 גאלדענע רובל פונ XX יארהונדערט.

ער האט אפגענומען בא אלע פירשטן און בא אנדערע הערשער אלע זייערע שטעט און פעסטונגען. אלעמען גלייך דריקט ער מיט אכזאריעסדיקער פארשקלאפונג, ער ווענדט אן זיין מאכט צו די גייסטלעכע פונקט ווי צו די וועלטלעכע, שאפנדיק זיך אומגעשטערט און לויט זיין ווילן מיטן לעבן און מיטן פארמעגן פון אלעמען".

די אויסבילדונג פון דער מאסקווער מעלוכע האט געבראכט צום וווקס פון דער מאכט פונעם מאסקווער הערשער. אבער דער דאזיקער הערשער, וואס זיין מאכט האט אזוי פארבלענדט הערבערשטיינען, האט נאך אנגעפירט מיטן לאנד אפ א פעאדאלן אופן. די אלטע פעאדאלע אריסטאקראטיע איז נאך פארבליבן בא דער מאכט. זי האט אנגעפירט מיטן מיליטער פון דעם מאסקווער פירשט. פון איר סוויטע פלעגט מען אויסוויילן געזאנדטע. זי איז געזעסן באם פירשטס הויף אין דער „באיארישער דומע" און פלעגט באשליסן צוזאמען מיטן פירשט די מעלוכע־איניאנים. און די גאנצע רעגיר־ארדענונג פון דער מאסקווער מעלוכע איז געווען א פעאדאלע. דער פירשט האט באטראכט די מעלוכע, ווי זיינעם א מאיאנטעק. ער האט נאך אפילע ניט אופגעהערט צו טיילן אים צווישן זיינע קינדער (בלויז דער עלטערער זון פלעגט באקומען א סאך מער ערד, ווי די יינגערע).

אן אנטשיידענער איבערבוי איז אין דער מאסקווער מעלוכע פארגעקומען ערשט אין XVI יארהונדערט. דער דאזיקער איבערבוי איז מעגלעך געווארן בלויז אין רעזולטאט פון די גרויסע ענדערונגען אין דער ווירטשאפט פון דער מאסקווער מעלוכע אין XVI יארהונדערט. סאף XV יארהונדערט האט די מאסקווער מעלוכע, וואס האט זיך שטארק צעוואקסן, פארגעשטעלט מיט זיך א בונד פון פעאדאלן אונטער דער אויבערהערשאפט פון מאסקווער פירשט.

דאס פויערטום אין מאסקווער מעלוכע

די פארייניקונג פון א ריי געגנטן אונטער דער מאכט פון די מאסקווער הערשער איז באגלייט געווארן מיט מאסעווע פארכאפן פויערשע ערד און צעטיילן זי צווישן די דינסט־לייט. „די דערפער און די ליידיקע פלעצער פון די וואלאסטן פארכאפן די באיארן, די מיטראפאליטן און די מאנאסטירן פאר זיך", — פלעגן זיך די פויערים קלאגן. נאך מער פויערשע ערד פלעגט אוועקגיין אפ צו צעטיילן זי די פריצים. די מאסקווער פירשטן פלעגן באזעצן אין די פארכאפטע געגנטן זייערע דינסט־לייט, פארפליכטנדיק זיי דערפאר צו דינען אין מיליטער.

דאס באטיילן די פריצים מיט פארהעלטניסמעסיק ניט קיין גרויסע כאלאקים ערד (בא 100—150 הא) פלעגט אפט אומברענגען די פויערשע וואלאסטן. ס'פלעגט זיך ארויסשטעלן, אז פויערים פון איין וואלאסט געפינען זיך אונטער דער מאכט פון עטלעכע פריצים. די לאגע פון די פויערים האט זיך נאך מער פארערגערט דערפון, וואס די פויערשע פליכטן זיינען אין XV יארהונדערט אויסגעוואקסן. עס האט זיך פארשטארקט די עקספלואטאציע פונעם פויערטום.

די פריצישע ווירטשאפט

צוגלייך מיט די גרויסע „וואטשיניקעס" (די באיארן און די מאנאסטירן) זיינען אויך געווען קלענערע ערדבאזיצער — „באיארישע קינדער", אדער פריצים, — помещики * — ווי מע האט זיי אנגעהויבן שפעטער רופן. עס זיינען פארבליבן ביז אונדזער צייט זייער פיל באשרייבונגען פון די ווירט־

* поместья — גיטער, צום אונטערשייד פון „וואטשינעס" האבן געהייסן יענע

שאפטנ פונ אזעלכע פּריצימ. עס איז אויכע אזא ווירטשאפט אינ דער איצטיקער לענינגראדער געגנט. דער „גרויסער הויפ" דעמ פּאָרעצס האָט זיכ געפונענ אינ א דערפל. דאָ דערנעבנ איז פאראנ נאָכ א הויפ, וווּ עס וווינט „דער מענטש זײַנער פּרי-ביטאָק" (זײַנ קנעכט — холоп). מיט די הענט פונ די קנעכט פלעגט דער פּאָרעצ באארבעטנ זײַנ ערדבײַלעק. דער דאָזיקער בײַלעק איז ניט קיינ גרויסער, ניט גרעסער ווי א טאָפּלטער פּויערישער ערדבײַלעק. די גאנצע איבעריקע ערד דעמ פּאָרעצס איז געווענ פאר-נומענ מיט פּויערשע כאלאָפּימ. אינגאנצנ איז דאָ געווענ בא 30 פּויערשע הויפנ אינעמ דערפל און אינ נאָכ דרײַ דערפער.

די פּויערימ צאָלנ דעמ פּאָרעצ מיט טווּע — יערלעכ 24 קערב * קאָרנ, 13 קערב גערשטנ און א ביסל ווייצ. אכוצ טווּע, פירנ זיי דעמ פּאָרעצ 16 פורנ היי און פאר-שוירנ פליויש: 7 געקוילעטע בעהיימעס, 21 באראנעס און לאָפּעטקעס שעפּסענע 13, און הינער 28, ווײַטער, קעזנ — 39, פּוטער 8 סטאַווצעס, * לײַנ 8 פּיאטקעס, * און דרײַ הויפנ לײַנ און 19 פעסער ביר.

אינ איינ פּראט אָבער האָט זיכ די לאגע פונ די פּויערימ קלוימערשט פארבעסערט. אינ XV יאָרהונדערט קומט אופ דאָס רעכט פונ „אָפּזאָגנ", ד.ה. דעמ פּויערס רעכט אוועקצוגיינ פונ זײַנ פּאָרעצ. אינ דער זאמלונג געזעצנ פונ 1497 יאָר, וואָס איז ארויסגעלאָזנ געוואָרנ פונ צאר איוואַנ IV, איז דאָ אנ ארטיקל וועגנ „פּויערשנ אָפּזאָג". דער דאָזיקער ארטיקל גיט די פּויערימ דאָס רעכט אוועקצוגיינ פונ זייער פּאָרעצ „איינ מאָל אינ יאָר, א וואָכ פארנ טאָג פונ הייליקנ יורי אינ הארבסט (דעמ 26-טנ נאָיאבער) און א וואָכ נאָכנ יורי-טאָג אינ הארבסט" (אזויארומ איז דאָס רעכט פונ די פּויערימ אוועקצוגיינ געווענ צוגעפּאסט צו דער צײַט, ווענ עס פלעגנ זיכ פארענדיקנ די הארבסטיקע פעלד-ארבעטנ).

אוועקגייענדיק, איז דער פּויער געווענ פארפליכטעט צו צאָלנ „אָפּלעב"-געלט. ד.ה. א ספּעציעלנ אָפּצאָל דעמ פּאָרעצ, וואָס די גרייס זײַנע איז געווענ אײַנגעשטעלט אינ דער געזעצ-זאמלונג. די דאָזיקע סומע — א רובל אָדער א האלבער רובל — איז לויט יענע צײַטנ געווענ א היפּשע סומע (פאר א רובל האָט מענ געקאָנט קויפנ 25 באראנעס). קלאָר, אז זעלטנ האָט א פּויער געקאָנט ארײַנטראָגנ אזא גרויסע סו-מע. און ארײַנטראָגנ די דאָזיקע סומע פלעגט געוויינלעכ ניט דער פּויער אליינ, נאָר דער נײַער פּאָרעצ זײַנער, וואָס פלעגט אימ אריבערציִענ אפ זײַנ ערד. אזויארומ איז דאָס רעכט „אָפּצוזאָגנ זיכ", אייגנטלעכ, ניט געווענ קיינ רעכט ארויסצוגיינ אפ דער פרײַ, דאָס איז בלויז געווענ א רעכט אריבערצוגיינ צו אנ אנדער באלעבאָס.

עטוואָס שפּעטער, אינמיטנ XVI יאָרהונדערט האָט איינער א דײַטש, וואָס האָט לאנג געוווינט אינ רוסלאנד, אזוי געשריבנ: „אלע פּויערימ פונ לאנד האָבנ אינ יורי-טאָג א פרײַענ ארויסגאנג. זיי געהערנ צו דעמ, צו וועמענ זיי ווילנ". ניט געהערנ צו קיינעמ — האָט דער פּויער ניט געקאָנט.

עיגנ, וואָס מע פלעגט שענקענ נאָר אָפּ א געוויסער צײַט. דער פּאָרעצ — помещик האָט ניט געטאָרט ניט פארקויפנ און ניט אוועקשענקענ זײַנ ערד (פּונקט אזוי ווי אינ מיטרעוו די בענעפיציעס).

* פארצײַטיקע מאָסנ.

שוינ אינ XV יאָרהונדערט האָט זיכ אָנגעהויבנ א שטילער קאַמפ פאַר פויערימ צווישנ פאַרשיידענע גרופּנ ערדבאַזיצער — צווישנ די באָיאַרנ אונ די פּריצימ, צווישנ די וועלטלעכע פעאָדאַלנ אונ די גײַסטלעכע. מיט דער גאַנצער קראַפט האָט זיכ דער דאָזיקער קאַמפ פאַנאַנדערגעוויקלט ערשט אינ XVI יאָרהונ־דערט, ווענ עס האָבנ זיכ באַזונדערס פאַרשאַרפט די קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ אינ מאָס־קווער מעלוכע.

פראַגעס:

וועלכע מעלוכעס זײַנענ אינ XV יאָרהונדערט אַנטשטאַנענ אינ מיזרעכ־אייראָפּע?

מיט וואָס דערקלערט זיכ דער וווּקס פונ מאָסקווע אינ XIV—XV יה.?

וויאַזוי האָבנ די מאָסקווער פירשטנ פאַרגרעסערט זייערע באַזיצונגענ?

פאַרוואָס קאָנ מענ האַלטנ די פירשטנ מאָסקווער מעלוכע פאַר א טורמע פונ פעלקער?

פאַרוואָס האָט נאָווגאָראָד געליטנ א מאַפּאַלע אינ קאַמפ קעגנ מאָסקווע?

ווי האָבנ זיכ אויסגעבילדעט די באַציִונגענ צווישנ מאָסקווע אונ דער האָרדע?

פאַרגלײַכט די „אויפזאַמלונג“ פונ די רוסישע לענדער דורכ מאָסקווע מיט דער אויסבילדונג פונ א נאַציאָנאַלער מעלוכע אינ פראַנקרײַכ.

ווי האָט זיכ געענדערט די לאַגע פונ די פויערימ אינ דער מאָסקווער מעלוכע אינ XV יאָרהונדערט?

קאַפּיטל X

די אַנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער לאַנדווירטשאַפט אינ XVI—XVII יה. אינ די לענדער פונ מײַרעװ־אייראָפּע

27. די צעפאַלונג פונ דער צעכעווער האַנטווערקערײַ

די מײַסטערס אונ די געזעלנ

צומ XVI יאָרהונדערט פאַרברייטערט אונ פאַרשנעלערט זיכ די אַנטוויקלונג פונ די סכוירע־ אונ געלט־פאַרהעלטענישנ (די שטאָט טיילט זיכ אָפּ פונעמ דאָרפ, עס אַנטוויקלט זיכ דער צווישנשטאָטי־שער אונ צווישנפעלקערלעכער האַנדל אונ קרעדיט). דאָס ברענגט צו דער צע־פאַלונג פונ דער נאַטורעלער ווירטשאַפט. עס פאַרגרעסערט זיכ שטאַרק דער נאָכפרעג אַפ אינדוסטריעלע אַרטיקלענ. די האַנטווערקערישע פּראָדוקציע אַנטוויקלט זיכ שנעל.

מיט דער פאַרברייטערונג פונ דעמ האַנטווערקערישנ וואַרשטאַט, מיטנ וווּקס פונ דעמ מײַסטערס רײַכקייט פאַרגרעסערנ זיכ די ווידערשפּרוכנ צווישנ אימ אונ זײַנע געזעלנ אונ לערנייִנגלעכ. דער מײַסטער האָט מער צו שאַפנ מיט דער פּראָדוק־ציע, ווי ער אַרבעט אַלײנ.

דער אַלצ שטײַגנדיקער דרוק פונעמ האַנדל־קאַפּיטאַל אַפנ מײַסטער שטויסט, ווידער, דעמ מײַסטער צו פאַרשטאַרקנ די עקספּלואַטאַציע פונ די געזעלנ. אַפנ

כעזשבנ פונ די געזעלנ פרווט דער מײַסטער צו ארויספּלאָנטערנ זיכ פונ זײַנע אייגענע שוועריקײַטנ (וועגנ די האָזיקע שוועריקײַטנ ווײַטער).

דער טערמינ פונ זײַנ א לערניִנגל ווערט פאַרלענגערט ביז 10 אונ מער יאָר. בלויז, געציילטע „גליקלעכע" געזעלנ (אָפּטער פונ אלצ, דעמ באַלעבאָס קרויווימ) ווערנ זעלבשטענדיקע מײַסטערס. קעדיי צו ווערנ א מײַסטער, האָט זיכ געפאָדערט פריִער פונ אלצ דורכצוגייִנ א שווערנ עקזאמענ,* צו וועלכנ מע פלעגט ווײַט ניט אלעמענ צולאָזנ. דערנאָכ האָט מענ געמוזט אַרײַנטראָגנ א גרויסנ געלט־אָפּצאָל אינ דער צעכ־קאסע אונ, ענדלעכ, געבנ די מײַסטערס א רײַכנ אונ פײַנעמ קיבעד.

די קעסט אונ דירע, וואָס דער באַלעבאָס פלעגט פריִער געבנ דעמ געזעל, פאַרבײַט מענ איצט מיט א קליינעמ געלט־געצאָלט. עס ווערנ פאַרקירצט די יאָנ־טויווימ אונ עס ווערט אָפּגעשאַפנ דער „בלויער מאָנטיק", דער אָפּרו־טאָג נאָכנ זונטיקדיקנ שיקערנ. עס ווערט נאָכ מער פאַרלענגערט דער ארבעטטאָג, וואָס האָט דערגרייכט דורכשניטלעכ 15—16 שאָ.

צוליבנ קאמפ קעגנ דער שטײַגנדיקער עקספּלואטאציע פאַרשטאַרקנ אונ פאַר־ברייטערנ די געזעלנ זייערע אָרגאניזאציעס — די „ברידערשאַפטנ".

אינ XV—XVI יה. ווערנ די געזעלנ־פאַרבאַנדנ ברייט פאַרשפּרייט איבער גאַנצ אייראָפּע. זיי באַגרענעצנ זיכ ניט מיט איינ שטאָט: עס הייבנ אָנ אַנטשטיינ געזעלנ־פאַר־באַנדנ פונ איינ אונ דער זעלבער ספּעציאַליטעט, וואָס כאַפּנ ארומ א ריי ברודערשאַפטנ פונ פאַרשיידענע שטעט. אינ פראַנקרײַכ, צומבײַשפּיל, ווערט אפילע אָנגעקניפּט אנ ענגע פאַר־בינדונג צווישנ די געזעלנ פונ פאַרשיידענע מעלאָכעס...

„אלע פלעגנ זיי ארויסטרעטנ ווי איינ מענטש באַמ אונטערהאַלטנ די פאָדערונגענ, וואָס זיי פלעגנ ארויסשטעלנ די באַלעבאַטימ". אינ דער מערהײַט שטעט זײַנענ געווענ ספּעציעלע לאָקאַלנ פונ דער געזעלנ־ברודערשאַפט (אינ פראַנקרײַכ האָט דער לאָקאַל געהייסנ „מוטער"). ווענ דער געזעל פלעגט אָנקומענ אינ שטאָט, פלעגט ער פריִער פונ אלצ זיכ מעלדנ אינ דעמ דאָזיקנ לאָקאַל, ווו ער פלעגט באַקומענ עפּעס עסנ אונ זייער אָפּט אויכ א קליינע שטיצע. דאָרט איז אויכ געווענ ארויסגעהאַנגענ א צעטל באַלעבאַטימ, וואָס נוי־טיקנ זיכ אינ ארבעטער; אויב אינ שטאָט איז געווענ א שטרײַק, פלעגט דער געקומענער געזעל באַקומענ א פאָראָרדענונג גלײַכ פאַרלאָזנ די שטאָט. די „ברידערשאַפטנ" האָבנ אָבער ניט ארומגעכאַפּט אלע געהילפ־ארבעטער פונ די האַנטווערקער, נאָר בלויז דעמ מער קוואַלי־פיצירטנ טייל זייערנ.

עס פאַרשטאַרקט זיכ אונ פאַרשאַרפט זיכ אויכ דער קאמפ צווישנ די צעכנ.

די ספּעציאַליזאציע פונ די צעכנ

ניט זײַענדיק אימשטאַנד צו באַפרידיקנ דעמ אלצ שטײַגנדיקנ נאָכפרעג אפּ סכוירעס אונ מוירע האָבנדיק פאַר דער קאָנקו־רענצ פונ אנדערע צעכנ, שליסנ זיכ די באַזונדערע צעכנ אײַנ אינ די ראַמענ פונ איינ שמאָלער ספּעציאַליטעט. עס צעפּלאַקערט זיכ א קאמפ צווישנ די האָזיקע צעכנ „ספּעציאַליסטנ".

דער שוסטער מאַכט דעמ אויבערשטנ טייל פונעמ שוכ, אָבער דעמ אָפּצאַס מיט דער זויל קאָנ מאַכנ בלויז א מײַסטער פונ אנ אנדער צעכ — פונ זוילנ־מײַסטערס. די פּאַריזשער קנעפּל־מאַכער אונ די שנײַדער האָבנ צווישנ זיכ געפירט

* אינ אייניקע שטעט פלעגט א שמיד באַמ עקזאַמענ דאַרפנ מאַכנ פולשטענדיק פּינקט־לעכ א פּאָדקעווע, ניט אראָפּנעמענדיק קיינ מאָס פונ דער שלאָק; דאָס פערד פלעגט מענ בלויז שנעל דורכפירנ פאַרבײַ אימ.

א שטרײַט ארומ דעמ, ווער האָט דאָס רעכט צו מאכנ קנעפלעכ פונ דעמ זעלבנ געוואנט, פונ וועלכנ מע באשטעלט דעמ אָנצוג. אינ פרײַסנ האָט א סטאָליער ניט געהאט קיינ רעכט צוצופעסטיקנ אײַזערנע טיילנ, דער שמיד האָט ניט געהאט קיינ רעכט צו מאכנ טשוועקעס, — ביסקוויט, ווײַל דאָס האָט שוינ געהערט צו דעמ קאָנדיטערײַ-צעכ, קעדיי צו מאכנ אנ אויוונ, פלעגט מענ מוזנ דינגענ 10 פארשיידענע באלמעלאָכעס.

די צעכנ-אָרדענונג טאָרמאָזירט דער אנטוויקלונג פונ דער טעכניק

צי פארבעסערט זיכ די האנטווערקערישע טעכניק צוגלײַכ מיט דער פארברייטערונג אונ ספּעציאַליזירונג פונ דער פּראָדוקציע? קימאַט, ווי ניט. די האנטווערקער ארבעטנ נאָכ אלצ ווי „פארצײַטנס", „ווי עס האָבנ געארבעט די טאטעס אונ די זיידעס".

דאָס איז פארשטענדלעכ: דער טאָכ פונ די צעכישע קלאָלימ איז דאָכ באַשטאנענ אינ באזײַטיקנ די קאָנקורענצ. אונ יעדע פארבעסערונג פונ דער טעכניק, וואָס איינצלנע מײַסטערס פלעגנ אײַנברענגענ, פלעגט א קלאפ טאָנ איבער דער קעשענע פונ אלע אנדערע האנטווערקער. אונ אײַנגעברענגענע גרויסע נײַסנ (דער-הויפּט מאשינעס) אפ א מאסנוואגנ אויפנ זײַנענ ניט געווענ בעקויעכ די פאָשעטע מײַסטערס אונ ווידער האָט זיכ דאָס ניט געלאָזט פארנ מיטנ קלייניקנ האנטווער-קערישנ ווארשטאט.

מיט צעגראָמירנ די ווארשטאטנ אונ אונטערציינדנ די הײַזער פונ די „ניט-נאָכגיביקע" האנטווערקער, מיט כאָרעוומאכנ ווערקשטעלנ אונ מאשינעס, מיט דערמאָרדנ די דערפינדער, — אָט וויאַזוי די צעכנ האָבנ געקעמפט קעגנ דער אנטוויקלונג פונ דער טעכניק: זיי האָבנ ניט געקאָנט אָפּשטעלנ דעמ וווּקס פונ דער טעכניק, אָבער זיי האָבנ שטארק טאָרמאָזירט איר אנטוויקלונג. דאָס אלייננ האָט דערוויזנ, אז די האנטווערקעריש-צעכעווע אָרדענונג האָט שוינ מער ניט אנט-שפּראָכנ די נײַע פּאָדערונגענ פונ דער פּראָדוקציע.

דער סויכער אונ דער האנטווערקער

פריִער איז דער האנטווערקער געווענ אלייננ אויכ דער פאר-קויפער פונ די אויסארבעטונגענ פונ זײַנ ווארשטאט. צי האָט דאָס אָבער געקאָנט פארבלײַבנ בא די נײַע פּראָדוציר-באדינ-גונגענ אונ בא דעמ נײַעמ ברייטנ פארנעמ פונ דעמ האנדל? קלאָר, אז ניט. די האנטווערקער האָבנ ניט געהאט ניט גענוג צײַט, ניט גענוג געלט, זיי זײַנענ ניט געווענ באקאנט מיט די באדינגונגענ פונ פארשיידענע מערק, קעדיי צו פירנ א ברייטנ צווישנשטאָטישנ, אונ נאָכמער צווישנפעלקערלעכנ האנדל.

אָבער דאָס אלצ האָט געהאט דער סויכער, וואָס האָט דיקטירט דעמ מײַסטער זײַנע באדינגונגענ אונ וואָס פלעגט אראָפּשלעפּנ פאר זיכ א באדײַטנדיקנ טייל.

אינ א שווערער צײַט פלעגט דער סויכער אויסלײַענ דעמ האנטווערקער געלט אָדער נייטיקע מאטעריאַלנ אונ דערנאָכ פלעגט ער דאָס פאָדערנ צוריק מיט פּראָ-צענט. אונ אויב דער האנטווערקער האָט דאָס ניט געקאָנט אומקערנ, פלעגט ער ארײַנפאלנ אינ פולשטענדיקער אָפּהענגיקײַט פונ דעמ סויכער דעמ וווּכ-ערניק.

אזויארומ האָט זיכ באקומענ, אז דער האנטווערקער האָט אָנגעהויבנ „ארײַנ-קוקנ דעמ סויכער אינ די אויגנ אונ טאנצנ בא אימ אפנ שטריקל". מיר ווייסנ,

צומבײַשפּיל, וועגנ איינעם אַנ אויגסבורגער (האָרעם־דײַטשלאַנד) סויכער, וואָס פלעגט געבנ די מײַסטערס פונ ברושטינ־צעכ באַשטעלונגענ אפ אַזעלכע באַדינגונגענ, אַז עס איז אויסגעקומענ, ווי זיי וואָלטנ בײַ אים געדינט אַ געוויסע צײַט. ער האָט געפאָדערט, אַז אַלע סכוירעס, וואָס זיי וועלנ אויסאַרבעטנ פאַר דער צײַט, מוזנ זיי אויסשליסלעכ אים אָפגעבנ פאַר אַ באַשטימטנ פרײַז, אַזוי־אַרום פלעגנ די האַנטווערקער פאַרלירנ דאָס רעכט צו אַרבעטנ פאַר עמעצנ אַנדערש.

צעכנ־הענדלער

עס פלעגט אויכ טרעפנ, אַז צעכנ פלעגנ ווערנ אָפּהענגיק פונ אַנדערע צעכנ, וואָס פלעגנ אַליינ ביסלעכווײַז פאַרוואַנדלט ווערנ אינ הענדלער.

אינ דעמ באַוווּסטנ צענטער פונ געווער־אינדוסטריע — זאָלינגענ (דײַטשלאַנד), צומבײַשפּיל, זײַנענ די געווער־מײַסטערס געווענ אײַנגעטיילט אינ 3 צעכנ: 1) שמידנ, 2) פאַרהאַרטעווער אונ שלײַפער אונ 3) די, וואָס פלעגנ אויסאַרבעטנ שיידנ אונ צונויפפּאַסנ די פּאַרטיקע טיילנ געווער. פאַרקויפנ ניט קיינ באַאַרבעט געווער איז געווענ פאַרבאָטנ, קעדיי ניט אָפּנעמענ די פּאַרנאָסע בײַ די איבעריקע צעכנ. אַזוי־אַרומ האָט זיכ באַקומענ, אַז דער גאַנצער פאַרקויפ האָט זיכ קאָנצענטרירט אינ די הענט פונ דעמ לעצטנ צעכ, וועלכער האָט נאָכ דערצו באַקומענ דאָס רעכט צו פאָרנ אפ יאַרידנ, אינ דער צײַט, ווענ די ערשטע צוויי צעכנ האָבנ געגעבנ אַ שווּע, אַז זיי וועלנ קיינמאָל ניט פאַרלאָזנ זאָלינגענ, קעדיי ניט אַרויסצוגעבנ די סוידעס פונ דער פּראָדוקציע. אַזוי־אַרומ איז דער צעכ פונ די „מאָנטאַזשניקעס" מיט דער צײַט פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ סאָכרימ, וואָס פלעגנ פאַרטיילנ מאַטעריאַל די שמידנ אונ די שלײַפער אונ וואָס פלעגנ פונ זיי באַקומענ פאַרטיקע מאַטעריאַלנ לויט אַ פרײַז, וואָס איז פריער אײַנגעשטעלט געוואָרנ.

עס פלעגט אויכ טרעפנ, אַז אייניקע רײַכ געוואָרענע האַנטווערקער פלעגנ אַליינ ווערנ סאָכרימ, וואָס פלעגנ אופקויפנ פאַבריקאַטנ בײַ אַנדערע מײַסטערס צומ איבערפאַרקויפנ. אינ רעזולטאַט האָבנ ביידע וועגנ אַלציינס געפירט צו איינעמ אונ דעמ זעלבנ: צומ אָפּשוואַכנ די זעלבשטענדיקײַט פונ דער האַנטווערקערײַ אונ צומ פאַרשטאַרקנ איר אָפּהענגיקײַט פונ דעמ קאַפּיטאַל.

אינ רעזולטאַט פונ דער אַנטוויקלונג פונ דער פּראָדוקציע אונ האַנדל פלעגנ די צעכנ זיכ צעפאַלנ, ווײַל זיי פלעגנ אונטערגעגראָבנ ווערנ דורכ דער אויסשיכטונג פונ די מײַסטערס—אונטערנעמער, דורכ דעמ קאַמפ פונ די געזעלנ קעגנ די מײַסטערס, דורכ דער קאָנקורענצ צווישנ די צעכנ אונ דורכ דעמ, וואָס די מײַסטערס ווערנ אָפּהענגיק פונ די הענדלער — די קאַפּיטאַליסטנ. עס צעפאַלט זיכ דער פעאָדאַלער רעזשימ פונ דער קליינער האַנטווערקערישער פּראָדוקציע.

פראַגעס:

אפ וואָס פאַר אַנ אופנ האָבנ די געזעלנ געקעמפט קעגנ די מײַסטערס?

אינ וואָס איז באַשטאַנענ די „ספּעציאַליזאַציע" פונ די צעכנ?

צי האָט די צעכישע אָרדענונג מיטגעהאָלפנ דער אַנטוויקלונג פונ דער פּראָדוציר־טעכניק?

פאַרוואָס איז דער האַנטווערקער אָפּהענגיק געוואָרנ פונ דעמ הענדלער אונ אינ וואָס האָט זיכ די דאָזיקע אָפּהענגיקײַט אויסגעדריקט?

28. די הויז־אינדוסטריע אונ די מאנופאקטור

די אנטשטייונג פונ דעם קוסטארישנ געווערב

די וויטערדיקע אפשוואכונג פונ די צעכנ איז פארבונדנ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער קוסטארישער אינדוסטריע. די קוסטארישע געווערבנ פלעגנ געוויינלעכ אנטשטיינ אינ דארפ אלס ביי־באשעפטיקונג פונ די פויערים. א סאכ זאכנ פלעגט דער פויער אויסארבעטנ בא זיכ אינ דער היים, מיט די קרעפטנ פונ זיינ געזינד. מיט דער אנטוויקלונג פונ דער סכוירע־ווירטשאפט האט ער געדארפט האבנ געלט, קעדיי צו צאלנ דעם פארעצ, דעם וווכערניק, קעדיי איינצושאפנ זיכ די נייטיקע פראדוקטנ. דער פויער האט אנגעהויבנ אויסצוארבעטנ לייוונטנ, גראבע געוואנטנ, לעדערנע אונ אנדערע ארטיקלענ א סאכ מער, ווי ער אליינ האט געדארפט האבנ, קעדיי א טייל צו פארקויפנ. ווער באדארפ אבער אינ דארפ די דאזיקע סכוירעס? אינ דעם פראט איז דעם קוסטאר נאכ שווערער, ווי דעם שטאטישנ האנטווערקער. אונ אט פארוואס עס קומט דא גלייכ אופ דער איבערפארקויפער, געוויינלעכ דער דארפישער גוויר — דער באלעגופ. דער הענדלער דער אופקויפער פלעגט איבערפארקויפנ די קוסטארישע פראדוקציע אפנ ברייטנ מארק.

דער הענדלער הייבט אנ דערפונ, וואס ער קויפט בלויז אופ פארטיקע פאבריקאטנ. דערנאכ שטעלט ער אויכ צו רויווארג דעם קוסטאר. אונ עס ענדיקט זיכ דערמיט, וואס דער אופקויפער פארטיילט די קוסטארנ אלע מאטעריאלנ, אונ די פויערים באארבעטנ די דאזיקע מאטעריאלנ פאר א באשטימטנ געצאלט פונ שטיק.

דא פאלט שוינ אריינ דער קוסטאר אינגאנצנ אינ די נעצנ פונ דעם שפינ — דעם אופקויפער אונ דעם וווכערניק.

די אנטוויקלונג פונ די קוסטארישע געווערבנ

די קוסטארנ ארבעטנ אפגעזונדערט איינער פונ דעם אנדערנ, יעדערער בא זיכ אינ דער היים, מיט דער הילפ פונ זיינ אייגענער מישפאכע; דערביי באקומענ ארבעט אפילע די קליינע קינדער. די קוסטארנ פארמאגנ ניט קיינע שום ארגאניזאציעס אונ זיינענ ענג צוזאמענגעבונדנ בלויז מיט זייער דארפ. דאס אלצ מאכט נאכ גרינגער דעם סויכער דעם וווכערניק צו עקספלואטירנ זיי. אכוצ דעם, ווארפט נאכ דער קוסטאר ניט אוועק די ערדארבעט, נאר זי ווערט שוינ דא א הילפ־געווערב. האלב־ערדארבעטער, האלב־האנטווערקער, — באנוגנט זיכ דער קוסטאר מיט א סאכ א קלענערנ געצאלט, ווי דער האנטווערקער.

די קוסטארישע אדער די הויז־אינדוסטריע דריקט שטארק אפ דער האנטווערקעריי. די האנטווערקער קלאגנ זיכ אפ די קוסטארנ פאר די מאכט־ארגאנענ, טיינענדיק, צומביישפיל, אז „צווישנ די דארפישע וועבער איז דא א סאכ צווייפלהאפטע פערזאנענ“, אונ אז „זיי פארנעמענ זיכ אויכ מיט אנדערע מעלאכעס אונ מיט פעלד־ארבעט; דערפונ ליידנ די צעכעווע האנטווערקער“. די דאזיקע אנקלאגעס האבנ אבער ווייניקוואס געהאלפנ. די האנטווערקער האבנ געפרוווט אויכ אנווענדנ קראפט.

צומביישפיל, אינ איינער א שטאט האבנ די צעכעווע וועבער זיכ דערוווסט, אז אינ די דערפער פארנעמט מענ זיכ מיט דער פראדוקציע פונ געוואנט. האבנ זיי זיכ דערשלאגנ בא דעם הערשנדיקנ פירשט א דערלויבעניש אוועקצולאזנ זיכ אינ די

דערפער און זיכ אפרעכענענ מיט די „פארברעכער". די דאזיקע שטראפ־עקספעדיציע האט זיכ פארענדיקט מיט כארעוו־מאכנ די וועבשטולנ און פארניכטנ די סכוירע בא די אומגליקלעכע אויסערצעכעווע הארעפאשניקעס פויערים.

אבער אפ דער זײַט פונ די קוסטארנ פלעגנ זיכ געוויינלעכ שטעלנ די סאָב־רימ די אופקויפער. זיי האבנ ניט בלויז געשטיצט די רעוועבדיקע פאר זיי קוסטא־רישע פראדוקציע, נאר אויכ אלײנ זי פארשפרייט.

אינ ענגלאנד ווערט אינ XVII—XVI יה. אלץ מער פארשפרייט אינ די דערפער די פראדוקציע פונ געוואנט, זאקנ, היטלענ און מעטאל־פאבריקאטנ.



אינ א קוסטאר־ווארשטאט

דאס זעלביקע, אנערעכ, איז פארגעקומענ אויכ אינ פראנקרייכ און אינ דײַטשלאנד פונ יענער צײַט.

מיט דער אפשוואכונג פונ די צעכנ וואנדערט אריבער אינ שטאט די הויז־פראָ־דוקציע, וואס ארבעט פארנ אופקויפער. דער ארבעטער פונ דער שטאטישער „פראָ־דוקציע אפ אהיימ" איז, פונקט ווי דער דארפישער קוסטאר, געווענ אינגאנצנ אונ־טערגעווארפנ דעמ סויכער. קעדיי צו באקומענ ארבעט בא אנ אנדער באלעבאס, האט ער געמוזט באקומענ אנ אטעסטאט באמ אופקויפער; קיינער האט קיינ רעכט ניט געהאט צו געבנ אימ ארבעט, אײדער ער האט זיכ ניט איבערצײַגט,

אז דער פּאָריקער באַלעבאָס איז מיט אים געבליבן צופרידן. ס׳איז געווען געגוג, אז דער אַרבעטער זאָל מיט עפּעס ניט צופרידנשטעלן דעם באַלעבאָס, קעדיי ער זאָל א לאַנגע צײַט בלײַבן אָן אַרבעט.

אָט אזוי האָט זיך ביסלעכווײַז געשאַפן א ספּעציעלע פאָרם פון קאַפּיטאַליסטישער הויז־אינדוסטריע, בײַ וועלכער דער אַרבעטער פלעגט באַקומען מאַטעריאַלן פון דעם אונטערנעמער דעם קאַפּיטאַליסטס פּאַרטיילונג־קאָנטאָר און פלעגט צוריק אַהין צושטעלן די פאַרטיקע סכוירעס לויט א באַשטימטן פּרײַז. פון א קליינעם אייגנטימער ווערט דער קוסטאַר פאַרוואַנדלט אין א לוינאַרבעטער בײַ דעם אונטערנעמער דעם קאַפּיטאַליסט.

דער אופקום פון דער מאַנופאַקטור

א ווײַטערדיקער שריט איז געווען די אַרבעט־צעטיילונג צווישן באַזונדערע קוסטאַרישע ווירטשאַפטן, בײַ וועלכער יעדער אַרבעטער פלעגט אויסאַרבעטן ניט די גאַנצע סכוירע, נאָר בלויז א טייל פון איר. אין דער זייגער־פּראָדוקציע, צום בײַשפּיל, פלעגן אייניקע אַרבעטער אויסאַרבעטן בײַ זיך אין שטוב פּרוזשינעס, אַנדערע — אומרוען, די דריטע — ציפערבלאַטן, די פערטע — די זייגער־קעסטלעך אאַז״וו. און בלויז נאָכן פאַרייניקן אָט די אַלע טיילן פלעגט זיך באַקומען די סכוירע, וואָס פלעגט שוין גיין אויפן מאַרק. דערבײַ פלעגן אַלע קליינע ווירטשאַפטן, וואָס פלעגן אויסאַרבעטן די באַזונדערע טיילן, אַרבעטן אויף איין באַלעבאָס א קאַפּיטאַליסט.

אויף אָט דער אַנטוויקלונג־שטופע פאַרוואַנדלט זיך די הויז־אינדוסטריע אין א קאַפּיטאַליסטישער מאַנופאַקטור. בײַ דער מאַנופאַקטור־פּראָדוקציע פלעגן אויס עטלעכע צענדליקער, און אַמאָל אויך הונדערטער, אַרבעטער, געדונגענע פון אַ קאַפּיטאַליסט, איינע און די זעלבע טיילווײַזע אַרבעט פאַר א באַשטימטן אַרבעטלוין מיט דעם קאַפּיטאַליסטס אינסטרומענטן און פון זײַנע מאַטעריאַלן. ווי אין דער האַנטווערקערײַ, ווערט אויך דאָ די אַרבעט געמאַכט דערהויפּט מיט דער האַנט („מאַנופאַקטור" איז דער טײַטש „געמאַכט מיט די „הענט", „האַנט־אַרבעט").

דער האַנטווערקער און דער קוסטאַר זײַנען קליינע באַלעבאַטימלעך, וואָס פאַרקויפן דעם געברויכער און דעם אויפקויפער די אויסאַרבעטונגען פון זייערע קליינינקע וואַרשטאַטן; דער מאַנופאַקטור־אַרבעטער איז א פּראָלעטאַריער, וואָס פאַרקויפט דעם קאַפּיטאַליסט זײַן אַרבעט־קראַפט. דער סוחר (דער אויפקויפער און דער איבערפאַרקויפער) ווערט דערבײַ פאַרוואַנדלט אין א קאַפּיטאַליסט א אינדוסטריעלער און א אונטערנעמער. די אַנטוויקלונג פון דער מאַנופאַקטור איז די ערשטע שטופע פון קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר־אופן.

די צענטראַליזירטע מאַנופאַקטור

צוגלײַך מיט דער „צעשפּליטערטער" מאַנופאַקטור הייבט אָן אויך אופקומען די צענטראַליזירטע מאַנופאַקטור. דער קאַפּיטאַליסט האָט אָנגעהויבן צו פאַרייניקן די צעוואָרפענע אין פאַרשיידענע הײַזער אַרבעטער אין איין וואַרשטאַט און באַזאָרגן זיי מיט אַרבעט־געצײַג.

די געמיינזאַמע אַרבעט פלעגט העכערן די אַרבעט־פּראָדוקטיוויטעט פון די אַרבעטער, וואָס האָבן דאָ שוין געאַרבעט אונטערן דירעקטן קאָנטראָל פון דעם אונטערנעמער אַליין אָדער פון זײַנע אַגענטן. אין דעם גרויסן וואַרשטאַט האָט

מענ שוינ געקאָנט אײַנפירנ טעכנישע נײַסנ, וואָס איז אומעגלעכ אינ אַ קלײנעמ וואַרשטאַט; דאָ זײַנענ קלענער די הויצאָעס אַפנ לאָקאַל, באַלײַכטונג אונ טראַנס־פּאָרט; די אינסטרומענטנ אונ מאַטעריאַלנ האָט מענ געקאָנט אויסנוצנ שפּאָרעוו־דיקער.

קעדיי אָרויסדרייענ זיכ פונ פאַרשיידענע צעכ־באַשטימונגענ, פלעגנ זיכ די מאַנופאַקטורנ אָפּט גרינדנ אינ די דערפער, אינ נײַע שטעט, אָדער אינ פּאָרשטעט. דערבײַ פלעגנ די מאַנופאַקטורנ אינ די דערפער ניט זעלטנ זײַנ פונ אַ געמישטנ טיפּ. צומבײַשפּיל אַפ דער בעמישער מאַנופאַקטור, וואָס האָט געהערט דעמ גראַפ וולאַדשטיינ, האָבנ בלויז 30 וועבער געאַרבעט אינ אַ צענטראַלנ וואַרשטאַט, אונ 400 וועבער האָבנ געאַרבעט בא זיכ אינ דער היימ; גאָרנ פלעגנ צושטעלנ 3000 לײַבייגענע.

די האַנטווערקער אונ די קוסטאַרנ האָבנ שטאַרק געליטנ פונ דער קאָנקורענצ פונ די גרויסע מאַנופאַקטורנ אונ האָבנ דעריבער מיט אַלע מיטלענ געשטערט זייער וווּקס. זיי זײַנענ אָבער ניט בעקויעכ געווענ צו קעמפנ קעגנ דעמ קאַפּיטאַל, וואָס האָט געהאַלטנ אינ אַנטוויקלענ זיכ, קעגנ דעמ אַלצ שטײַגנדיקנ נאָכפרעג אַפ סכוירעס אונ קעגנ דער מעלוכע־מאַכט, וואָס די מאַנופאַקטורנ האָבנ איר שטאַרק געלוינט, ווײַל מע פלעגט פונ זיי קאָנענ אָפּנעמענ גרויסע שטײַערנ.

די אַרבעט־באַדינגונ־גענ אינ דער מאַנופאַקטור

דער אַרבעטער פונ דער צענטראַליזירטער מאַנופאַקטור האָט שוינ פאַרלאָרנ אַפילע דאָס ביסעלע זעלבשטענדיקײַט, וואָס עס האָט נאָכ פאַרמאָגט דער קוסטאַר אָדער דער האַנטווער־קער, וועלכער האָט געאַרבעט בא זיכ אינ דער היימ. דעמ אויפקויפער אינטערעסירט ניט, וויאַזוי, ווענ אונ וויפל עס אַרבעט דער קוסטאַר. ער דאַרפ נאָר באַקומענ די פאַרטיקע פּראָדוקציע, אונ ווײַטער אינטערעסירט אימ גאָרניט. דער מאַנופאַקטור־אַרבעטער אָבער איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ אַ לוינ־שקלאַפ פונ דעמ קאַפּיטאַליסט. דער אַרבעטסטאָג פלעגט דויערנ 14—16 שאָ, אונ דער אַרבעטלוינ פלעגט קלעקנ בלויז אַפ צו לעבנ אַ האַלב־הונגעריק לעבנ; אינ דער מאַנופאַקטור האָט געהערשט אַ טורמע־דיסציפּלינ; אַפילע יאָנטעוו־צײַט האָט דער אַרבעטער ניט געקאָנט פאַרברענגענ די צײַט, ווי ער האָט געוואָלט.

אָט איז איינער פונ די קלאָלימ פונ אַ פראַנצויזישער מאַנופאַקטור אינ XVII יאָרהונדערט: „זונטיק אונ אינ די יאָנטעוו־טעג דאַרפנ די אַרבעטער זײַנ בא דער גאָטעסדינסט, דערנאָכ דאַרפנ זיי דעמ איבעריקנ טייל טאָג פאַרברענגענ אַפ לײַטישע פאַרווײַלונגענ, אַפ וועלכע זיי וועלנ אײַנגעלאַדנ ווערנ, אונ דאַרפנ זיכ אומקערנ אַהיימ שפּעטסטנס 9—10 אַזייגער אינאָוונט".

געווינט האָבנ די אַרבעטער אָדער אינ זייערע אייגענע הײַזער, אָדער אינ אַלגעמיינע קאַזאַרמעס, אונ צומאָל אַפילע אינ דעמ זעלבנ וואַרשטאַט, ווו מע פלעגט באַטאָג אַרבעטנ. אונ די וואַרשטאַט־לאָקאַלס זײַנענ געווענ אַזעלכע, אַז אַ פרישנ מענטשנ פלעגט דאָרט גלײַכ ווערנ נישט גוט.

די גרויס־פּראָדוקציע, וואָס באַנוצט לוינ־אַרבעט, הייבט אָנ זייער פרי אַרײַנצודרינגענ אינ דער באַרג־אַרבעט (אַרויסבאַקומ פונ אַרצ אונ קוילנ). דערבײַ זײַנענ די באַדינגונגענ פונ דער באַרג־אַרבעט געווענ אַ סאַכ שווערערע ווי אינ די מאַנופאַקטורנ.

די ארבעט פונ דעם בארג־ארבעטער אינ דײַטשלאנד,— שרײַבט אינ XVI יאָרהונדערט אײנער, וואָס האָט געלעבט אינ יענער צײַט,—איז אנ ארבעט פאר א פערד; אײניקע ארבעטער הײבנ אופ מיט שווערע געטריבנ די בארג־שטײנער אונ פּאָמפּענ ארויס דאָס וואסער. דערבײַ דערגײט בא זײ ניט בלויז דערצו, אז זײ הײבנ אָנ כראקענ מיט בלוט, נאָר זײ ברעכנ זיכ אויכ האלדז אונ נאקנ בא דער ארבעט; א גאנצנ טאָג גײענ זײ ארום, ווי די מאמע האָט זײ געהאט אונ דארפנ פּאָמפּענ וואסער אונ אָפּארבעטנ די באשטימטע וואכטע... א גאנצנ טאָג שטײענ (אנהערע) בא א שווערער ווינדע אונ פאר אײנ פעניג (א קלײנע מאטבײע) דארפנ זײ מאכנ א סאכ אומדרײענ אונ זײַנ שטענדיק אינ געפאר, אז די ווינדע קאָנ זײ אָפּשלײַדערנ אָדער דערלאנגענ מיטנ הענטל. דאָס איז א פּײַנלעכע פּארנאָסע; אזוי־ווי צוויי (ארבעטער) דארפנ פאר א וואכטע אויספּאָמפּענ א סאכ פעסער וואסער, אונ אזוי־ווי די שעפּ־קײלע האלט קימאט אנ עמער, פּאָדערט דאָס דעריבער א סאכ קויכעס אונ ציט ארויס די אָדערנ פונ די הענט אונ פיס.

קינדער־ארבעט

אינ גײענ נאָכ רעוועכ הײבט אָנ דער אונטערנעמער גאנצ ברײט צו באנוצנ אינ דער מאנופאקטור די ביליקע ארבעט פונ פרויענ אונ קינדער. באזונדערס ביליק איז געווענ די ארבעט פונ קינדער: ניט זײענדיק אימשטאנד אויסצוהאלטנ זײַנ מישפּאָכע, איז דער רויִנירטער האנטווערקער אָדער פויער געווענ געצוווּנגענ שיקנ ארבעטנ זײַנע קינדער, באגנוגענענדיק זיכ מיט א נישטיקנ לוינ. 4—5־יאָריקע קינדער פלעגנ שוינ צוגעצויגנ ווערנ צו דער ארבעט אינ דער מאנופאקטור; אינ די מאנופאקטורנ זײַנענ אָפּט געווענ ספּעציעלע לאָקאלנ פאר די ארבעטער די קינדער.

אינ א באשרײַבונג פונ אײנער אנ ענגלישער מאנופאקטור פונ XVI יאָרהונדערט ווערט דערצײלט, וויאזוי די באזוכער „זײַנענ ארײַנ אינ א גרויסנ צימער, וווּ זײ האָבנ דערזענ ארעמ־אָנגעטאָנענע קינדער: אלע זײַנענ זײ געזעסנ אונ האָבנ געצופּט וואָל, אָפּקלײַבנדיק די דינע פונ די גראָבע; ארום אונ ארום איז דאָרט געווענ בא אָנדערהאלבנ הונדערט קינדער פונ אָרעמע, שוואכע עלטערנ; אלס לוינ פאר זײער האָרעוואניע פלעגט יעדערער פונ זײ אינאָוונט באקומענ צו אײנ פענס (א קלײנע מאטבײע).

די קינדער פלעגנ אויסגײנ פונ אזא אומדערטרעגלעכ־שווערער ארבעט, אונ נאָכ א 10—12 אונ אפילע 14־שאָיִקנ ארבעטטאָג פאר עטלעכע גראָשנ לוינ, פלעגט מענ זײ געבנ א מעגלעכקײַט צו „פּארוויַלנ זיכ" אינ פארלויפ פונ דער קורצער אָפּרו־צײַט מיט בראָנפנ, טאבעק אונ אוואַרט־שפּילנ. שלאָפנ פלעגנ זײ זאלבעפערט, זאלבעפינפט אפ אײנ בעט. בלײכע פּענעמער, אײַנגעשוואָלענע באקנ, געפערלעכע עקזעמעס אפ די לײַבער אונ א שטיקנדיקער הוסט — דאָס אלצ זײַנענ געווענ די אומפארמײַדלעכע פּאָלגנ פונ אָט דער אומענטשלעכער עקספּלואטאציע.

בא א פרווו אוועקצוגײנ פונ דער ארבעט פלעגנ די מאכט־האָבערנ פארהאלטנ די אנטלאָפענע אונ אומקערנ זײ צוריק אינ דער מאנופאקטור. אינ פיל לענדער, באזונדערס אינ ענגלאנד, פלעגט מענ קינדער־יעסוימימ מאסנווײַז מיט צוואנג שיקנ אפ ארבעט.

די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ זײַנענ געווענ אנציקט פונ דער קינדער־ארבעט, האלטנדיק, אז דאָס „געווינט אָפּ די קינדער פונ לײדיקגײנ" אונ פארוואנדלט פאר זײ די ארבעט אינ „א צווײטער נאטור".

גרויס-פראָדוקציע מיט צוואַנג-אַרבעט

דער מאַנגל אין אַרבעטער פאַר די מאַנופאַקטורנ האָט געבראַכט דערצו, אַז מע האָט אָנגעהויבנ איג דער גרויס-פראָדוקציע צו באַנוצנ צוואַנג-אַרבעט. איינער א דײַטשישער גראַפ האָט באַפוילנ אינ 1616 יאָר, מ'זאָל „אַלע אַרבעטפֿייִקע בעטלער און שיקורימ, וואָס שלעפּנ זיכ אַרומ איבער די שענקענ, אַלע לײַדיקגײער צווינגענ צו אַרבעטנ אינ אונדזערע אַרצ-גרובנ פאַר אַ געהעריקנ געצאָלט, אונ טאָמער וועלנ זײ ניט וועלנ — דאַרפ מענ זײ שמידנ אינ קייטנ אונ ברענגענ מיט גוואַלד אינ די אַרצ-גרובנ".

אינ XVII יאָרהונדערט האָט מענ אינ אייראָפּע אָנגעהויבנ אײַנצואָרדענענ צוואַנג-וואַרשטאַטנ, וואָס האָבנ געהייסנ „אַרבעט-הײַזער", אָדער „אויפזיכט-הײַזער". אינ די דאָזיקע הײַזער פלעגט מענ פאַרשפאַרנ אונ צווינגענ צו אַרבעטנ בעטלער, שלעפער, פאַרברעכער, קינדער יעסוימימ אונ אַפילע משוגאָימ. זײ אַלעמענ, ניט אויסשליסנדיק אויכ געפער-לעכ-קראַנקע, קלײנע קינדער אונ זקײנימ, פלעגט מענ אויסמאַטערנ מיט אומדערטרעגלעכ-שווערער אַרבעט. קײנ געלט האָט מענ זײ דערפאַר ניט געצאָלט, האַלטנדיק, אַז ס'איז גאַנצ אינ קייטנ אונ ברענגענ מיט גוואַלד אינ די אַרצ-גרובנ".

דער קלאַסנקאַמפּ פונ די מאַנופאַק-טור-אַרבעטער

מיר האָבנ דאָ נאָרוואָס גערעדט וועגנ דעמ, ווי שטאַרק די קאַפּיטאַליסטנ האָבנ עקספּלואַטירט די מאַנופאַקטור-אַרבעטער. צי האָבנ אָבער די אַרבעטער געפּרווט קעמפנ קעגנ די אונ-טערדריקער? פאַרשטייט זיכ, יאָ. דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָכ אָבער דאַנ געווענ אינ אַנ עמבריאָנעלנ צושטאַנד.

לוינאַרבעטער איז געווענ ווייניק, זײ זײַנענ געווענ ניט אָרגאַניזירט, זײ זײַנענ נאָכ ניט געווענ פרײַ פונ די פאָרורטיילנ, וואָס זײַנע אײגנטימלעכ פאַר פויערימ אונ האַנטווערקער, זײ האָבנ נאָכ ניט קלאָר באַנומענ זייערע באַדערפענישנ אונ אינטערעסנ. אָט פאַרוואָס די דאָזיקע פּרווונ האָבנ ניט געבראַכט קײנ מער-ווייניק ערנסטע דערפאָלגנ. אָבער שוינ דאָס פאַרייניקנ גופע אַ גרויסע צאָל אַרבעטער אינ איינ גרויסער אונטערנעמונג האָט מיטגעהאָלפנ צו באַהעפטנ זײ אונ אויס-צואַרבעטנ אינ זײ אַ קעמפערישנ גײַסט.

די אַרבעטער פלעגנ אָנווענדנ די אונדז שוינ באַוווּסטע מיטלענ: שטרײַקנ, בויקאָט פונ די באַלעבאַטימ, גרינדנ פאַרבאַנדנ (עמעס, ניט קײנ פעסטע). צומאָל פלעגט עס דערגייג אַפילע צו אַנ אָפענעמ אויפשטאַנד. אָבער, מיר כאָזערנ איבער, אָט די אַלע צעשפּליטערטע אויסברוכנ פלעגנ גיכ דערשטיקט ווערנ.

וועגנ אָרגאַניזירטע שטרײַקנ שרײַבט איינער אַ פראַנצויזישער בורזשואַזער עקאָנאָמיסט פונ סאָפ XVII יאָרהונדערט: „עס הערשט דער גײַסט פונ אויפרעגונג, וואָס ווײַזט זיכ אַרויס בײַ די אַרבעטער אַזוי שטאַרק, אַז אינ די האַנדל-שטעט זעט מענ צומאָל ווי אַ 700—800 אַרבעטער פונ וואָלכערנײַטאַיז מאַנופאַקטור גייענ אוועק מיטאַמאָל אונ אײנצײַטיק, אוועקוואַרפנדיק ניט קײנ פאַרענדיקטע אַרבעט, גייענ אוועק דערפאַר, ווײַל מע האָט געוואָלט פאַרקלענערנ אָפּ איינ סו זײער טאָג-לוינ. די מער בונטאַרישע ווענדנ אָנ צוואַנג בענגייִע צו די, וואָס וואָלטנ זיכ געקאָנט אַרויסווײַזנ פאַר מער באַדאַכטע מענטשנ".

בײַ די וואָל-קעמער אינ ענגלאַנד איז סאָפ XVII יאָרהונדערט געווענ אַ ספּע-ציִעלע געזעלשאַפט. „קײנער, — טײלט מיט איינער, וואָס האָט געלעבט אינ יענער צײַט, — האָט ניט געטאָרט נעמענ קײנ אַרבעט פאַר געצאָלט נידעריקער פונ אַ באַשטימטנ טאַריפ; קײנ איינ באַלעבאָס האָט ניט געטאָרט דינגענ קײנ וואָל-קעמער, וואָס געהערט ניט צו זייער געזעלשאַפט; אויב ער פלעגט דאָס יאָ טאָנ, פלעגנ

אלע איבעריקע ארבעטער צוזאמענ אָפּזאָגנ זיכ צו ארבעטנ בא אים. זיי באנוגענענ זיכ ניט מיט דעמ, וואָס זיי ווארפנ אליינ די ארבעט, נאָר זיי זידלענ אונ שלאָגנ יענע, וואָס בלײַבנ אינ ווארשטאט, אונ צעברעכנ זייערע אינסטרומענטנ".

די ארבעטער־פֿארבאנדנ זײַנענ געווענ פֿארבאָטנ פֿונ דער מאכט אונ פֿלעגנ אכזאָריעסדיק פֿארפֿאָלגט ווערנ.

וועגנ דער באוועגונג צווישנ די באַרגאַרבעטער אינ דײַטשלאנד אינ XVI יאָרהונדערט האָבנ מיר אינ אונדזער רעשות אזא אינטערעסאנטע נאָטיצ: „די קוילנגרעבער האָבנ געצוווּנגענ צו אנטלויפֿנ די ריכטער אונ די געשוואָרענע פֿונ שנעעבערג דערפֿאר, וואָס מע האָט בא זיי געוואָלט אראָפּרעכענענ צו גראָשנ פֿונעמ לוינ; א טייל ארבעטער איז אוועק אינ די בערג, אונ דעמ דעמאָלטיקנ בארג־שעפֿ איז אויסגעקומענ צו פֿארנעמענ שנעעבערג מיט דער הילפֿ פֿונ מיליטער". דער דאָזיקער בונט האָט זיכ איבערגעכאזערט אינ צוויי יאָר ארומ, „ווענ די בארגארבעטער האָבנ, דראָענדיק מיט טויט, געצוווּנגענ די ווינדע־ארבעטער אונ די געהילפֿנ, זיי זאָלנ גיינ נאָכ זיי, אונ האָבנ באשלאָסנ ארויסצוטרעטנ קעגנ די קרעפֿטנ, וועלכע מע האָט ארויסגערופֿנ אפֿ בארויקנ זיי".

די אנטוויקלונג פֿונ דער טעכניק

די טעכניק פֿונ דער גרויס־פּראָדוקציע איז אינ יענער עפּאָכע אינ גרונט נאָכ געווענ א האנט־טעכניק. דאָכ איז דאָ געמאכט געוואָרנ א געוויסער שריט פֿאָרויס אינ פֿארגלײַכ מיט דער האנטווערקערײַ.

סאָפֿ XV יאָרהונדערט, אומגעפֿער אינ די 90־ער יאָרנ, הייבט זיכ אָנ צו אנטוויקלענ אינ אייראָפּע די פּראָדוקציע פֿונ טשוהונ. עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז עס לוינט בעסער ארויסצובאקומענ אײַזנ ניט גלײַכ פֿונ ארצ, נאָר פֿונ טשוהונ. קעדיי צו באקומענ טשוהונ, פֿלעגט מענ צונויפֿמישנ ארצ מיט האָלצ־קוילנ אונ שמעלצנ אינ הויכע (ביז 3 מעטער), מיט שטיינער ארומגעלייגטע, דאָמנע־אויוונס. ערשט אינמיטנ XVIII יאָרהונדערט האָט מענ אָנגעהויבנ אָנווענדנ אינ די דאָמנעס שטיינקוילנ אָנשטאָט האָלצ־קוילנ.

וואלצ־געשטעלנ אונ ווערקשטעלנ אפֿ צו שנײַדנ אײַזנ האָבנ זיכ פֿארשפּרייט אינ XVII יאָרהונדערט. אינ דעמ זעלבנ יאָרהונדערט ווערט פֿארפֿולקומט דער מעכאנישער האמער צומ באארבעטנ גרויסע אײַזנ־שטיקער.

פֿונ שטאָל האָבנ שוינ געוווּסט די אוראלטע קולטורעלע פֿעלקער: די וואווילאָנער, די עגיפּטער, די גריכנ. אָבער די שטאָל־אויסארבעטונג איז קימאט פֿארגעסנ געוואָרנ אונ האָט אָנגעהויבנ זיכ אנטוויקלענ אינ אייראָפּע ערשט אינ XII—XIII יה. דאָס פֿארוואנדלענ טשוהונ אינ אײַזנ אונ אײַזנ אינ שטאָל איז אינ אייראָפּע ביזנ סאמע סאָפֿ XVIII—אָנהייב XIX יאָרהונדערט פֿאָרגעקומענ אפֿ א זייער פּרימיטיוונ אויפֿנ.

איבערגייענדיק צו טעקסטיל, פֿארצייכענענ מיר, אז ביזנ XVI יאָרהונדערט האָט מענ געשפּינט פּונקט אפֿנ זעלבנ אויפֿנ, ווי אינ די אוראלטע צײַטנ. אָבער פֿונ XVI יאָרהונדערט אָנ ווערט שוינ אינ אייראָפּע ברייט פֿארשפּרייט די שפּינראָד.

די מעכאנישע וועבערײַ האָט אינ 1600 יאָר דערפֿונדנ אנטאָנ מילער אינ

דאנציק. דאָס איז געווענ א באנד־וועבשטול, וואָס האָט געקאָנט וועבנ אײנצײַטיק 10—20 פאסנ פונ פארשיידענע קאָלירנ. דעם וועבשטול פלעגט מענ ברענגענ אינ באוועגונג מיט א ראָד אונ באדינענ פלעגט אים איינ ארבעטער. מוירע האָבנדיק, אז עס זאָל ניט אונטערגעריסנ ווערנ זייער האנטווערק, האָבנ די צעכ־וועבער פארברענט דעם דאָזיקנ וועבשטול אונ מילערנ אליינ האָבנ זיי דערהארגעט אונ ארײַנגעוואָרפנ אינ טײַכ. שפינ־אונ וועב־מאשינעס האָבנ זיכ פארשפרייט ערשט צומ סאָפ XVIII יאָרהונדערט.

ווי פלעגנ געבראכט ווערנ אינ באוועגונג אָט די אלע אײַנריכטונגענ? דאמפ־מאשינעס האָט מענ אָנגעהויבנ באנוצנ ערשט אינ XVIII יאָרהונדערט. ביז דאנ האָט דער מענטש, אכוצ זײַנ אייגענער קראפט, באנוצט די קראפט פונ באלעכײַימ, וואָס פלעגנ דרייענ ספעציעלע רעדער, די קראפט פונ וואסער אונ פונ ווינט. די ערשטע ווינט־מילנ זײַנענ אינ אייראָפע אויפגעקומענ אינ XII—XIV יה. די גרעסטע אָנווענדונג האָבנ זיי באקומענ בא מאָלנ מעל; צופאסנ זיי צו אנדערע געביטנ פונ דער אינדוסטריע איז געווענ שווער.

די גרעסטע באדײַטונג אינ יענער צײַט האָבנ געהאט וואסער־באוועגער. מע פלעגט זיי אָנווענדנ צו מאָלנ קערנער, אויפצוהייבנ אונ ארויסצופּאָמפּענ וואסער פונ שאכטעס, זעגנ וואלד, אויפהייבנ ארצ אונ ברענגענ אינ באוועגונג פארשיידענע אנדערע אײַנריכטונגענ. ספעציעלע מאשינעס פלעגט מענ בויענ אינ די פאפיר־מאנופאקטורנ, ווו זיי פלעגנ איבערמאָלנ די שמאטעס; באמ שמעלצנ מעטאל האָט מענ באנוצט מעכאנישע שטויסלענ אפ ברעקלענ דאָס ארצ. שפעטער האָט מענ די וואסער־באוועגער אָנגעהויבנ אָנווענדנ אויכ אינ דער טעקסטיל־ארבעט.

אפ די וועגנ צו דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע

דער וווּקס פונ דער פראָדוקציע האָט ארויסגערופנ א צעפאלונג פונ דער נאטורעלער ווירטשאפט אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ, האָט מיטגעהאָלפנ דער אנטוויקלונג פונ די שטעט, פארשטארקנדיק דעמ פארנעמ אונ די באדײַטונג פונעמ האנדל; דאָס אלצ האָט, סאָפקאָלסאָפ, געבראכט צו גרויסע געאָגראפישע אנטדעקונגענ (זע ווײַטער, פ. 30). די אנטוויקלונג פונעמ האנדל, ווידער, האָט געשטויסנ פאָרויס דעמ וווּקס פונ דער פראָדוקציע.

אינ רעזולטאט דערפונ האָט די פעאָדאלע האנטווערקעריש־צעכעווע אינדוסטריע אָנגעהויבנ צעפאלנ ווערנ, די האנטווערקער פלעגנ טיילווײַז פארוואנדלט ווערנ אינ אונטערנעמער אונ מערסטנטייל פלעגנ זיי ווערנ אָפּהענגיק פונ די הענדלער, פלעגנ מאסנווײַז רויִנירט ווערנ אונ ארויסגעשטויסנ ווערנ דורכ דער מאנופאקטור (דורכ דער „צעשפליטערטער“ אָדער — זעלטענער — דורכ דער צענטראליזירטער). אינ שויס פונ פעאָדאליזמ האָט אָנגעהויבנ רײַפ צו ווערנ די קאפיטאליסטישע אינדוסטריע.

פ ר א ג ע ס:

וואָס איז דער אונטערשייד צווישנ א קוסטאר אונ א האנטווערקער?

מיט וואָס אונטערשיידט זיכ די מאנופאקטורישע קאפיטאליסטישע פראָדוקציע פונ האנטווערקערײַ אונ קוסטארערײַ?

מיט וואָס אונטערשיידט זיכ די צענטראליזירטע מאנופאקטור פונ דער „צעשפליטערטער“?

וואָסערע ארבעט-באַדינגונגענ זײַנענ געווענ אינ דער גרויס-פּראָדוקציע?

מיט וואָס האָט זיכ די טעכניק פונ דער צענטראַליזירטער מאַנופאַקטור אונטער-שיידט פונ דער טעכניק פונ האַנטווערקערנ אונ קוסטאַרנ?

מיט וואָסערע מיטלענ האָבנ די אַרבעטער געקעמפט קעגנ די קאַפּיטאַליסטנ אינ דער עפּאָכע פונ דער מאַנופאַקטור?

מיט וואָס דערקלערט זיכ דאָס, וואָס די אַרבעטער-באַוועגונג האָט אינ יענער צײַט קיינ דערפאָלג ניט געהאַט?

29. די לאַגע פונעמ פּויערטומ אינ XVI — XVII יה.

די אַנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע, די פאַרגרעסערונג פונ דער שטאָטישער באַפעלקערונג, וואָס איז דערמיט פאַרבונדנ, די שנעלע פאַרברייטערונג פונעמ האַנדל אונ פונ די געלט-פאַרהעלטענישנ, — האָט אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז עס האָט זיכ שטאַרק פאַרגרעסערט דער נאָכפרעג אויף דער פּראָדוקציע פונ דער לאַנדווירטשאַפט, אויף דערנערונגס-פּראָדוקטנ אונ אויף רויוואַרג פאַר דער אינדוסטריע. דער נאָכפרעג, ווידער, האָט אַרויסגערופנ אַ שטרעבונג אויפצוהייבנ די האַכ-נאָסעדיקײַט פונ די לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגענ. אינ דער פּראָצעס פונ פאַרוואַנדלענ די נאַטוראַלע האַרפ-ווירטשאַפט אינ אַ סכוירעס-אונ געלט-ווירטשאַפט, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ נאָכ אינ XIV—XIII יה. ווערט באַדײַטנדיק פאַרשנעלערט אונ פאַרטיפערט אינ דער עפּאָכע, וואָס מיר באַשרײַבנ דאָ. עס באַקומענ אַ ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג אויכ אַלע אַנדערע פּראָצעסנ, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ מיט דער דאָזיקער פאַרוואַנדלונג. טיילווײַז ווייסנ מיר שוינ וועגנ די דאָזיקע פּראָצעסנ פונ פריִער (זע קאַפּיטל V), טיילווײַז וועלנ מיר נאָכ גענוי רײדנ וועגנ זיי ווײַטער, דעריבער וועלנ מיר איצט דערמאָנענ וועגנ דעמ אַלעמ אײַנקורצנ.

די פריצים פאַסנ זיכ צו צו די נײַע באַדינגונגענ

די פעאָדאַלנ די פריצים, אונ ניט בלויז די קליינע גוטבאַזי-צער, נאָר אויכ די גרויסע, האָבנ זיכ באַמיט צוצופּאַסנ זיכ צו די געענדערטע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגענ.

ווײַט ניט אַלעמענ געלינגט דאָס: אַ טייל פעאָדאַלנ איז רויִנירט געוואָרנ אונ האָט געפּרוווט זוכנ אַנ אויסוועג פונ די שווועריקײַטנ, שטעלנדיק זיכ אויפנ וועג פונ רויבנ די שטאָט-בירגער, די קירכע אונ פרעמדע פעאָדאַלע גוטבאַזיצנ, אָדער אויסקייִענדיק דינענ דעמ קיניג פאַר געהאַלט, אָדער נאָכ פשוטער — דורכ אויסערסט גרויזאַמענ אונטערדריקנ אונ אָפענעמ באַרויבנ די פּויערימ. אָבער אויכ די פאַרבורזשואַזעוועטע פריצים, יענע, וואָס האָבנ זיכ „צוגעפּאַסט", האָבנ ניט ווייניקער גערויבט די פּויערימ, נאָר אַ ביסל אויף אַנ אַנדער אויפנ.

די זשעדנעקײַט צו געלט, וואָס גיט אַ מעגלעכקײַט צו קויפנ אַלץ, האָט דיק-טירט דעמ „נײַעמ" פּריץ נײַע קלאָלימ פאַר זײַנ ווירטשאַפטלעכער טעטיקײַט אונ האָט אימ אונטערגעזאָגט נײַע ספּעציִעלע מיטלענ צו עקספּלואַטירנ די פּויע-רימ. אינ דער מערהײַט עקאָנאָמיש אַנטוויקלטע לענדער פונ מערבֿ-אייראָפּע (ענגלאַנד, איטאַליע, די נידערלאַנדנ אונ אַנד.) האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, אַז אַמבע-סטנ לוינט צו באַפרײַענ די פּויערימ פונ פּערזענלעכער לײַבקנעכטשאַפט, וואָס איז געווענ פאַרבונדנ מיט טיילווײַזנ אָדער פולשטענדיקנ איבערלאָזנ די פּויע-

רימ אנ ערד. דערביי פלעגנ די פריצימ, ווידעראמאל טיילווייז אדער אינגאנצנ, צונעמענ פאר זיכ די פויערשע ערד. דערנאכ פלעגנ די פריצימ אפגעבנ די דאזיקע ערד אינ ארענדע אדער פלעגנ זי באארבעטנ מיט דער הילפ פונ לוינארבע־ טער.

צוליב דעמ האבנ די פריצימ פריער פונ אלצ באהאפט מאכנ א סאפ צו דער געמיינדע־ארדענונג דארט, ווו זי איז נאכ פארבליבנ. דערפונ, צומביישפיל, נעמט זיכ אינ ענגלאנד דאס „ארומצאמענ”, ד. ה. ארויסנעמענ ערד־כאלאקימ פונ־ נעמ אלגעמיינעמ באנוצ אונ ארומצאמענ זיי, קעדיי ניט צו דערלאזנ אפ זיי קיינ זייטיקע פערזאנענ אונ קיינ באלעבייִמ פונ אנדערע באלעבאטימ. אנהייבנ פלעגט זיכ עס דערפונ, וואס דער פארעצ פלעגט אויסטיילנ פונ געמיינדע־באנוצ זיינע איי־ גענע ערד, אונ ענדיקנ פלעגט זיכ דאס מיט פארכאפנ פויערשע (געמיינדישע) ערד, וועלכע דער פעאדאל פלעגט באהעפטנ צו זיינ גוט. אינ יענע לענדער, ווו ס'האט באזונדערס געלוינט צו אנטוויקלענ שעפנ־צוכט (ענגלאנד, טיילווייז שפאניע), פלעגט דער גרעסטער טייל ערד פארוואנדלט ווערנ אינ פאשע־פעלדער.

די פויערימ ווערנ ערדלאז

זייער אפט פלעגט דער פויער, א „באפרייטער” פונ לייבקנעכט־ שאפט אונ א באלעסטיקטער, אנשטאט דעמ, מיט אומדער־ טרעגלעכע שטייערנ, ניט זיינ אימשטאנד צוצופאסנ זיכ צו די נייע ווירטשאפטלעכע באדינגונגענ, רואינירט ווערנ אונ פלעגט פארלאזנ זיינ ערד.

די אנטוויקלונג פונעמ האנדל מיט לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטנ האט שטארק פארטיפט אונ פארשנעלערט די דיפערענציאציע פונ די פויערימ אפ רייכע אונ אפ ארעמע. די רייכע — די באלעגופימ — פלעגנ אופקויפנ די ערד־פלעצער פונ די פארארעמטע דארפ־לייט, פלעגנ נעמענ אינ ארענדע פריצישע ערד אונ עקס־ פלואטירנ די ארבעט פונ באטראקעס. דאס, ווידער, האט פארגיכערט די רואינירונג פונ די ארבעטנדיקע מאסנ פויערטומ.

א טייל פונ די ערדלאזע פויערימ האט זיכ פארדונגענ אלס באטראקעס, א טייל איז איינגעשלונגענ געווארנ פונ דער אינדוסטריע, דערהויפט פונ דער מא־ נופאקטור, א טייל איז אוועק פאר סאלדאטנ אונ א באדייטנדיקער טייל איז פאר־ בליבנ בא גארנישט. אט די לעצטע, אויב זיי זיינענ ניט אויסגעשטארבנ פונ הונ־ גער, פלעגנ מאסנוויז ווערנ שלעפער, בעטלער אדער אפילע רויבער.

די אנטוויקלונג פונ דער צענטראלער מאכט האט געמאכט פאר איבעריק די אלטע דרוזשינע פונעמ פעאדאל, אונ ביי דעמ וווּקס פונ דער געלט־ווירטשאפט האט שוינ דעמ פעאדאל מער ניט געלוינט אופצוהאלטנ א גרויסנ שטאט דינער־ שאפט. דאס פאנאנדערלאזנ די פעאדאלע דרוזשינעס אונ די הויפ־דינערשאפט האט געשאפנ נייע קאדרענ ארבעטלאזע אונ היימלאזע מענטשנ.

דער ענגלישער שרייבער פונ XVI יארהונדערט ט א מ א ס מ א ר האט אונדז איבער־ געלאזנ בוילעטע בילדער פונעמ לעבנ פונ די דאזיקע מענטשנ. „דער זשעדנער באזיצער רינגלט ארומ מיט א וואנט („צאמט ארומ”) א שעטעכ פונ עטלעכע טויזנט אקער ערד, די ארנטלעכע פויערימ טרייבט מענ ארויס פונ די הייזער — אייניקע מיט אפנארעריי, די אנדערע מיט געוואלד... אונ אט, וואנדערנ די דאזיקע פאמיליעס איבער פעלדער אונ וועגנ, מענער, פרויענ, אלמאנעס אונ יעסוימימ, פאטערס אונ מוטערס מיט קליינע קינדערלעכ... קימאט אומזיסט פארקויפנ זיי אומ זייערע בעבעכעס, וואס זיי איז נאכ געלונגענ צו פאר־ כאפנ מיט זיכ. אונ דאס איז שוינ אויכ א שטיקל גליק. אבער ווענ אויכ דער דאזיקער

שוואכער קוואל נעמט זיכ אויס, — לאנג אפ דעמ ווארטנ קומט ניט אויס — וואס־זשע בלײַבט זיי דאנ איבער ווײַטער? גאנווענענ, אונ באלד נאכדעמ די טליע*... אונ אינ וואס אויגנבליק, באשטייט זייער פארברעכנ? ניט מער ווי אינ דעמ, וואס זיי קאנענ ניט געפינענ קיינ ארבעט, צו וועלכער זיי רײַסנ זיכ מיט אלע קויכעס".

די מאכט-ארגאנענ האבנ געפרווט קעמפנ קעגנ דער אנטוויקלונג פונ שלעפערײַ מיט די הארבסטע שטראפנ, אשטייגער, אינ ענגלאנד אינמיטנ XIV יארהונדערט פלעגט מענ לויטנ געזעצ די ארבעטפייִקע בעטלער אונ שלעפער „צו־בינדנ צו א טאטשקע אונ שמײַסנ, ביז עס פלעגט א פלייצ טאנ בלוטנ איבערנ קערפער" אונ דערנאכ נעמענ פונ זיי א שוווּע, אז זיי וועלנ זיכ נעמענ צו ארבעט (וואס זיי פלעגנ ניט קאנענ געפינענ). דעמ, וואס מע פלעגט פאקנ א צווייט מאל, פלעגט מענ אפשנײַדנ א האלבנ אויער; צומ דריטנ מאל פלעגט מענ אימ קעפנ. אונ דאס אלצ דערפאר, וואס בא דעמ מענטשנ האבנ די פעאדאלנ מיט גוואלד אפגענומענ זײַנ ערד אונ ארבעט, די זעלבע פעאדאלנ, וואס האבנ דיקטירט דער רעגירונג אירע בלוטיקע געזעצנ.

די פויערימ-באפרײַונג אינ פארשיידענע לענדער

מיר האבנ שוינ געזאגט, אז אלס פארהאנאכע צומ פארוואנדלענ דעמ פויער אינ אנ ערדלאזנ אונ היימלאזנ פראלעטאריער איז געווענ דאס באפרײַענ אימ פונ פערזענלעכער לײַבקנעכטשאפט. ווענ אונ וויאזוי דער פראצעס פונ דער פויערימ-באפרײַונג איז פארגעקומענ אינ פראנקרײַכ אונ אינ ענגלאנד, ווייסנ מיר שוינ. אינ איטאליע האט די פרײַיקע אנטוויקלונג פונ דער סכוירעסאונ געלט-ווירטשאפט, אונ אויכ דער שנעלער וווּקס פונ די שטעט, וואס פלעגנ אויסבאהאלטנ הינטער זייערע ווענט די אנטלאפענע פויערימ, געפירט צומ פארניכטנ די לײַבקנעכטשאפט. די באפרײַונג פלעגט דא אינ XIV—XIII יה. פארקומענ דורכ באזונדערע פאר־שטענדיקונגענ מיט די פעאדאלנ, וואס פלעגנ דערפאר באקומענ פונ די פויערימ אויסקויפגעלט.

אונטער דער ווירקונג פונעמ שטארקנ האנדל-אינדוסטריעלנ וווּקס פונעמ לאנד אינ XV—XIV יה., ווערט אינ די סאמע אנטוויקלטע טיילנ פונ נידערלאנדנ פארשווּנדנ דאס פארצײַטיקע לײַביינגנטום. דערפאר פארכאפנ די פריצימ אינ זייערע הענט די געמיינדע-ערד (באזונדערס די פאשע-פעלדער אונ די „ניטטויגבארע" ערדנ) אונ גיבנ זיי אפ אפ פארקנעכטנדיקע באדינגונגענ אינ ארענדע צו נײַע קאלאניסטנ. דאס פויערטומ ווערט דיפערענצירט, עס ווערט אויס־געטיילט א באדײַטנדיקע גרופע ערדלאזע, וואס שטעלט צו דער שטײַגנדיקער אינ־דוסטריע ארבעט-הענט.

אינ XVI יארהונדערט הייבט אנ די בורזשואזיע אופצוקויפנ פריצישע ערד אונ אײַנצואורדענענ אפ זיי מער פולקומע ווירטשאפטנ מיט טעכנישע קולטורנ (לײַנ) אונ מיט א סכוירעדיקער ציצוכט. אבער אינ יענע ערטער פונ נידערלאנדנ, וו ס'איז ווייניקער געווענ אנטוויקלט דאס שטאטישע לעבנ, צומבײַשפיל,

* אינ ענגלאנד איז פאר לעמ קייסער הוצריכ VIII אופגעהאנגענ געווארנ בא 70 טויזנט „גרויסע אונ קליינע גאנאווימ", ווי עס פלעגנ זיכ אויסדריקנ די קיניגלעכע באאמטע.

אינ די צאָפנ־מיזרעכדיקע פראָווינצנ, זײַנענ די אלטע פעאָדאַלע פארהעלטענישנ ניט פארשווּנדנ אפילע אינ XVI יאָרהונדערט.

אינ שפאניע איז די פויערימ־באפרײַונג געקומענ בלויז אינ רעזולטאט פונ אקשאָנעסדיקנ אונ פארביטערטנ קאמפ פונעמ פויערטומ.*

נאָכ דעמ „שווארצנ טויט“ אינ דער צווייטער העלפט XIV יאָרהונדערט ווערט די לאגע פונ די שפאנישע פויערימ א באזונדערס שווערע, צוליב די גוואלד־טאטנ אונ שאנטאזש פונ די פריצימ. עס פארשטארקט זיכ די יוירונג צווישנ דעמ פויערטומ, די פעאָדאלנ קלאָגנ זיכ, אז „די פויערימ גראָבנ פאר זיי קוואָרימ אונ שטעלנ צלאָמימ“, דראָענדיק מיט באָענטנ טויט. עס צעפלאקערט זיכ, ענדלעכ, א רײַ אופשטאנדנ, וואָס דער גרעסטער פונ זיי איז פאָרגעקומענ אינ 1462 יאָר.

די אופגעשטאנענע זײַנענ אָנגעפאלנ מיט געווער אינ די הענט אפ די שלעסער אונ מאָנאסטירנ, אונ אפ אלע פאָדערונגענ צו צאָלנ שטײַערנ אונ אויסקויפ־געלט, פלעגנ זיי ענטפערנ „מיר וועלנ זיי צאָלנ מיט קלעפ פונ די שפיזנ“. דער אופשטאנד האָט זיכ געענדיקט מיט א מאפּאָלע. אָבער אינ 1484 יאָר האָט זיכ ווידער צעפלאקערט אנ אופשטאנד; אינ רעזולטאט פונעמ אופשטאנד האָט דער קיניג פארעפנטלעכט א באפעל וועגנ באפרײַענ די פויערימ פונ לײַבקנעכטשאפט פאר אויסקויפ־געלט.

לאָמיר מיט לענינס ווערטער פארסאכאקלענ דאָס אלצ, וואָס מיר האָבנ געזאָגט וועגנ דער דיפערענציאציע אונ דער פראָלעטאריזאציע פונעמ פויערטומ בא דער אנטוויקלונג פונ דער סכוירע־אונ געלט־ווירטשאפט.

„די סיסטעמ פונ דער ווירטשאפט, וואָס איז שוינ אויסגערעכנט פארנ מארק (דאָס איז באזונדערס וויכטיק), ענדערט זיכ... דאָס ארײַנדרינגענ פונ דער סכוירעדיקער ווירטשאפט שטעלט די רײַכקײַט פונ דעמ איינצלנעמ הויפ אינ אָפּהענגיקײַט פונ דעמ מארק, שאפנדיק אזוי ארומ דורכ די מאחק־וואקלונגענ אנ אומגלײַכהײַט אונ פארשארפנדיק זי, קאָנצענטרירנדיק בא איינע אינ די הענט פרײַ געלט אונ רויִנירנדיק די אנדערע. דאָס האָזיקע געלט דינט, נאטירלעכ, צו עקספּלואטירנ די אומפארמעגלעכע, ווערט פארוואנדלט אינ קאפיטאל... די רויִנירונג דערגרייכט, סאָפּקאָלסאָפּ, צו אזא שטופע פונ אנטוויקלונג, אז דער פויער איז געצווּנגענ אינגאנצנ צו וואָרפנ די ווירטשאפט: ער קאָנ שוינ מער ניט פארקויפנ דעמ פראָדוקט פונ זײַנ ארבעט, אימ בלײַבט נאָר איבער פארקויפנ די ארבעט“.**

---

* אינ פארשויכענע געגנטנ פונ שפאניע איז די לאגע געווענ א פארשיידענע. ווײַטער רײדנ מיר דערהויפט וועגנ איינעמ פונ די וויכטיקסטע טיילנ פונ שפאניע — קאטאלאָניע.

** ל ע נ י נ, ווערק, באנד I, ז. 310 אונ 343 (2־טע רוסישע אופלאגע).

קאפיטל XI

דער טראנסאָקעאנישער האנדל אונ די בארויבונג פונ די קאָלאָניעס

30. די גרויסע געאָגראפישע אנטדעקונגענ

אינ דער עפּאָכע, וואָס מיר באטראכטנ דאָ, זיינענ פאָרגעקומענ גרויסע אונ טיפע ענדערונגענ אויכ אינ דעמ צווישנפעלקערלעכנ האנדל. די וויכטיקסטע וואַסער-ארטעריע, איבער וועלכער עס איז געגאנגענ דער האנדל ביזנ סאָפ XV יאָרהונדערט, איז געווענ דער מיטללענדישער יאמ. די גרעסטע הענדלער אפנ מיטללענדישנ יאמ זיינענ געווענ, ווי מיר ווייסנ שוינ, די איטאליענישע סאָחרימ. ס'איז געווענ א צייט, ווענ זיי פלעגנ באזיגנ אלע זייערע קאָנקורענטנ. אָבער שוינ אינ XIV יאָרהונדערט הייבט אָנ צו פאלנ די באדייטונג פונ דעמ איטאליענישנ האנדל. אינמיטנ XV יאָרהונדערט באקומט דאָס איטאליענישע סאָחרימטומ זייער אנ ערנסטנ קלאפּ: די טערקנ, וואָס האָבנ נאָכ פריִער געהאט ארויסגעשטויסנ די אייראָפּייער פונ קליינ-אזיע, האָבנ פארכאפּט קאָנסטאנטינאָפּאָל אונ דאָס גאנצע שווארציאמישע ברעגלאנד. די דאָזיקע דעראָבערונג האָט ענדגילטיק אָפּגעשניטנ די איטאליענישע שטעט פונ די שטעט פונ דעמ נאָענטנ מיזרעכ. ערגער פונ אלצ איז אָבער געווענ דאָס, וואָס איצט איז דער וועג צו דער ווייטער אינדיע נאָכ שווערער געוואָרנ. שוינ פריִער איז די האנדל-קאראוואנענ געווענ זייער שווער ארייַנצודרינגענ אינ דעמ דאָזיקנ ווייטנ לאנד. די אייראָפּייִשע סאָחרימ האָבנ זיכ פאָרגעשטעלט אינדיע אלס א לאנד פונ לעגענדארע, אומגעהייערע רייכטימער. טיילווייז איז דאָס געווענ ריכטיק, אָבער נאָכ מער האָבנ צוגעגעבנ די פאנטאסטישע דערציילונגענ פונ די סאָחרימ, וואָס זיינענ דאָרט געווענ. דורכקאָנטראָלירנ, ווידער, ווו ס'ענדיקט זיכ דער עמעס אונ עס הייבט זיכ אָנ די פאנטאזיע, איז געווענ זייער שווער. אגעוו, האָט דער וועג געדויערט זייער לאנג: דאָס פאָרנ אהינ אונ צוריק פלעגט אָפּנעמענ עטלעכע יאָר.

איבער אָט די אַלע סיבעס טאקע הייבט מענ אָנ אינ דער דאָזיקער עפּאָכע זייער שטארק זוכנ נייע, קירצערע אונ זיכערע וועגנ קיינ אינדיע.

די געאָגראפישע קענטענישנ

אינ XIII—XV יה. פארשווימענ די שיפנ פונ די אייראָפּייער אלצ ווייטער אונ ווייטער. זיי האָבנ אָנגעהויבנ אָפּטער דורכצומאכנ לאנגדויערנדיקע רייזנ פונ באלטישנ אונ דייטשישנ יאמענ ארומ די ברעגנ פונ אייראָפּע, ארייַנגייענדיק אינ מיטללענדישנ יאמ, אונ פונ מיטללענדישנ יאמ, דורכ גיבראלטאר, פלעגנ זיי ארויסשווימענ אינ די אָפּענע וואסערנ פונעמ אטלאנטישנ אָקעאנ.

עס זיינענ שוינ געווענ אנטדעקט עטלעכע גרופּעס אינזלענ, וואָס געפינענ זיכ אינעמ מיזרעכדיקנ טייל אָקעאנ, אונ א ריי שיפנ זיינענ שוינ ארייַנגעדרונגענ ווייט אפּ דאָרעמ, גייענדיק לענגאויס דעמ אפריקאנישנ קאָנטינענט.

דאָס אלצ האָט פארברייטערט דעמ געאָגראפישנ האָריזאָנט פונ די יאמ-פאָרער

און האָט צוגעגרייט דעם באָדנ פאַר די גרויסע געאָגראַפישע אנטדעקונגענ פונ XV—XVI יה.

קיינ פינקטלעכע יעדיעס וועגנ דער קײַלעכאַרטיקײַט פונ דער ערד איז נאָכ דאַנ ניט געווענ. דאָכ האָט זיכ, אדאַנק דער אנטוויקלונג פונ דער יאַמ-נאַוויגאַציע, בײַ די פאָרגעשריטענע מענטשנ פונ יענער צײַט גענומענ אויסבילדנ א פאָרשטעלינג וועגנ דער קײַלעכאַרטיקײַט פונ דער ערד. אייניקע געאָגראַפנ און איינצלנע יאַמ-פאָרער האָבנ געהאַלטנ, אז ווײַט אפנ מײַרעוו, אפ יענער זײַט אָקעאַנ, מוזנ זיכ געפינענ אומבאַקאַנטע לענדער. בײַ א סאַכ מענטשנ איז אופגעקומענ דער דרייסטער געדאַנק, אז אויב מע זאָל זיכ באַוועגנ איבערנ אָקעאַנ אפנ מײַרעוו, וועט מענ זיכ סאָפּקאָלסאָפּ קאָנענ דערקלײַבנ ביז אינדיע.

באַזונדערס האָט פיל אופגעטאָנ אפ צו פאַרשפּרייטנ די דאָזיקע מיינונג דער באַרימטער איטאַליענישער דאָקטער, אסטראָנאָמ און געאָגראַפ פּאַאָלאָ טאָסקאַנעלי. אונטער דער ווירקונג פונעמ לייענענ רײַזע-באַשרײַבונגענ און פונ די דערציילונגענ פונ זײַנע באַקאַנטע יאַמ-פאָרער איז ער געקומענ צו דער איבערצײַגונג, אז די פאַרצײַטיקע פאָרשטעלונגענ וועגנ דעמ, אז די ערד האָט א פלאַכע פאָרמ, זײַנענ פעלערהאַפטע, אז די ערד האָט די פאָרמ פונ א קײַלעכ. ער האָט אָנגעצייכנט א וועלט-קאַרטע, ווו אינדיע איז געווענ באַצייכנט אפנ אנטקעגנדיקנ, צו אייראָפּע ברעג פונעמ אטלאַנטישנ אָקעאַנ — דאָרט, אנערעכ, ווו עס געפינט זיכ אמעריקע, וואָס וועגנ איר עקזיסטענצ האָט טאָסקאַנעלי קיינ שום אנונג ניט געהאַט.

דער געדאַנק וועגנ דער קײַלעכאַרטיקער פאָרמ פונ דער ערד און וועגנ דער מעגלעכקײַט צוצוקומענ צו אינדיע, שווימענדיק אפ מײַרעוו, איז געוואָרנ אלצ מער און מער צוציִענד. איינצלנע דרייסטע מענטשנ האָבנ אָנגעהויבנ טראַכטנ וועגנ פאַרווירקלעכנ די דאָזיקע אידיי. דער ערשטער צווישנ זיי איז געווענ דער באַוווּסטער יאַמ-פאָרער כריסטאָפאָר קאָלומבוס. ער האָט באַשלאָסנ צו דערווײַזנ אינ דער פּראַקטיק די ריכטיקײַט פונ טאָסקאַנעליס ווערטער.

די אנטדעקונג פונ אמעריקע

קאָלומבוס איז געווענ א זונ פונ א האַנטווערקער, א שפּינער פונ גענוע; ער אליינ, א באַשיידענער מאַטראָס, האָט, פאַרשטייט זיכ, ניט פאַרמאָגט קיינ מיטלענ אפ צו פאַרווירקלעכנ זײַנע דרייסטע פּראָיעקטנ. עס האָט אימ געקאָסט א סאַכ מי, ביז ער האָט זיכ דערשלאָגנ בײַ דער שפּאַנישער רעגירונג, צו וועלכער ער איז אָנגעקומענ דינענ, אז מע זאָל אימ אסיגנירנ מיטלענ אפ צו פאַרווירקלעכנ זײַנע פּלענער. דאָס שווערסטע איז געווענ בײַקומענ דעמ ווידערשטאַנד פונ די הויפ-גאַלאָכימ, וואָס האָבנ אינ קאָלומבוסעס פּלענער אײַנגעזענ א פאַרבעכ פאַרשווערונג קעגנ די „הייליקע שריפטנ". די גאַלאָכימ האָבנ פאַרזיכערט, אז די ערד קאָנ ניט זײַנ קיינ קײַלעכדיקע, ווײַל אינ די „הייליקע ספאָרימ" שטייט געשריבנ, אז זי האָט א פאָרמ פונ א פלאַכנ דיסק, און דער אָקעאַנ שטעלט מיט זיכ פאָר א גרענעצלאָזנ תהום. אָבער דער ווידערשטאַנד פונ די גאַלאָכימ האָט ניט געלוינט די שפּאַנישע סאָכרימ און דער שפּאַנישער רעגירונג, וואָס האָט פונקט אינ יענער צײַט געהאַלטנ בײַ פאַרענדיקנ צו פאַרייניקנ דאָס לאַנד אינ א גרויסער צענטראַליזירטער מעלוכע. די סאָכרימ האָבנ געשטרעבט צו נײַע האַנדל-וועגנ, צו פאַרכאַפּנ רײַכע לענדער און באַרויבנ די אָרמגעבירטיקע באַ-

פעלקערונג. דערצו האָט אויכ געשטרעבט די קיניגלעכע מאכט. דעריבער האָט מענ זיכ מיט די פראָטעסטנ פונ די גאלאָכימ ניט גערעכנט אונ מע איז צוגעטראָטנ צו אָרגאניזירנ אנ עקספעדיציע. מע האָט אָפגעגעבנ אינ רע־שום פונ קאָלומבוסנ דריי קאראוועלעס.* מיט אָט דעמ קליינינקנ פלאָט איז קאָ־לומבוס אָנהייב אווגוסט 1492 יאָר ארויס פונ דעמ ניט־גרויסנ שפאנישנ פאָרט



פאלאָס אונ האָט גענומענ דעמ קורס אפ די קאנארישע אינדזלענ. דאָרט האָט מענ זיכ אָפגעשטעלט אפ עטלעכע טעג, קעדיי דערגאנצנ די רעזערוו־פראָדוקטנ אונ

* א קאראוועלא (פונ דעמ דאָזיקנ איטאליענישנ וואָרט שטאמט דאָס רוסישע (Корабль איז א זעגל־שיפ מיט הויכע באָרטנ אונ מיט טורעמלעכ פונ פאָרנט אונ פונ הינטנ. א קאראוועלא האָט זיכ גערעכנט פאר א שנעלגייענדיקער שיפ. זי האָט געהאט 4 מאסטנ אונ זייער א קאָמפליצירטע סיסטעמ זעגלענ. אזעלכע שיפנ זײַנענ אינ פארלויפ פונ

מאכנ א געוויסנ רעמאָנט פונ די שיפנ. אונ נאָכדעם איז מענ אוועק ווייטער אפ מיזרעכ, איבערשניידנדיק דעם אָקעאנ.

עס זיינענ אוועק טעג, וואָכנ אונ קיינ ערד האָט מענ אלץ ניט געזענ. די מאַ־טראָסנ זיינענ געוואָרנ אומרויִק. די אָבערגלויביקע מענטשנ האָבנ מוירע געהאַט, אז דער וועג וועט זיכ קיינמאָל ניט ענדיקנ, אז דער אָקעאנ איז אָנ א ברעג, אז גאָט



וועט זיי באַשטראָפנ פאר זייער דרייסטנ פרוו: דורכשניידנ דעם אָקעאנ. איינמאָל זיינענ די שיפנ אריינ אינ אנ אָרט, וואָס איז דורכויס באַדעקט מיט וואסער־גע־

עטלעכע יאָרהונדערטער געווענ זייער שטארק פארשפרייט אינ איטאליע, שפאניע אונ פּאָרטוגאל. מע פלעגט זיי באנוצנ דערהויפּט בא ווייטע רייזעס. אָבער קאָלומבוסעס קאַ־ראוועלעס זיינענ געווענ ביז גאָר קליינע: זיי האָבנ אינ זיכ אריינגענומענ אלע צוזאמענ ניט מער ווי 120 מאַנ.

וויקסנ. דאָס האָט געגעבנ אַ האָפענונג, אַז ערד איז נאָענט. די פויגלענ, וואָס זײַנענ געפלויגנ איבער די שיפנ, האָבנ פארשטאַרקט די דאָזיקע האָפענונג, ווײַל אינ יענער צײַט האָט מענ געמיינט, אַז פויגלענ קענענ ניט אַוועקפליִענ זייער ווײַט פונ ברעג. עס זײַנענ אָבער ווידער פארלאָפנ טעג אונ וואָכנ, אונ קיינ ערד האָט זיכ אַלצ ניט באַוויזנ. די אומרויִקײַט איז געוואָקסנ. ס'האָבנ זיכ געלאָזט הערנ שטימענ, אַז מע דאַרפ מאַכנ אַ סאָפ מיט קאָלומבוסנ אונ אַ קער טאָנ די שיפנ צוריק אַהיימ. אַזוי זײַנענ פארבײַ גאַנצע 70 טעג. נאָר אָט האָט איינמאָל די וואַכ אפ איינער פונ די שיפנ באַמערקט אפנ האָריזאָנט אַ דינינקנ פאַס ערד. די רײַזע האָט זיכ געענדיקט.

קאָלומבוס האָט געמיינט, אַז ער איז געקומענ קיינ אינדיע. אינדערעמעסנ איז דאָס אָבער איינער פונ די באַהאַמישע אינדזלענ אינ צענטראַל-אַמעריקע. אינ אַ געוויסער צײַט אַרומ האָט די זעלביקע עקספּעדיציע פונ קאָלומבוסנ אַנטדעקט די אינדזלענ קובאַ אונ האַיטי.

אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ האָט קאָלומבוס געמאַכט נאָכ דרײַ רײַזעס אינ די נײַע לענדער, וואָס ער האָט אַנטדעקט: ער האָט אַנטדעקט די אינדזלענ פּאָרטאָ-ריקאָ, יאַמײַקאַ, עטלעכע פונ די קליינ-אַנטילישע אינדזלענ. קאָלומבוס האָט נאָכ אַלצ געמיינט, אַז ער איז אָנגעקומענ קיינ אינדיע. דערבײַ האָט ער דעמ אינדזל קובאַ אָנגענומענ פאַר איינעמ פונ די האַלבאינדזלענ פונ אינדיע. קאָלומבוסעס טעות איז נאָכ איצט צו זענ פונ דעמ נאָמענ, וואָס איז געבליבנ פאַר דער גרופּע אינדזלענ, וואָס קאָלומבוס האָט אַנטדעקט בײַ די מיזרעכ-ברעגנ פונ צענטראַל-אַמעריקע. מע רופט זיי וועסט-אינדיע, ד. ה. מײַרעוו-אינדיע.* דערפונ נעמט זיכ אויכ דער נאָמענ פונ די אַמעריקאַנער אָרטגעבוירטיקע — אינדיאַנער. וואָס איז שײַכ דעמ נאָמענ „אַמעריקע", שטאַמט ער דערפונ, וואָס מע האָט דעמ נײַעמ קאָנטינענט עטוואָס שפּעטער אָנגערופנ אפנ נאָמענ פונ אַ צווייטנ יאַמ-רײַזנדער — דעמ פלאָרענטינער א מ ע ר י ג אָ ו ו ע ס פּ ו ט ש י, וואָס האָט עטלעכע מאָל אָנטיילגענומענ אינ רײַזעס אינ דער נײַער וועלט אונ האָט פארפאַסט אַ גאַנצ גענויע אונ שפּאַנענדע באַשרײַבונג פונ די נײַע לענדער.

דער יאַמ-וועג קיינ אינדיע

אינ די זעלבע יאָרנ, ווענ זוכנדיק וועגנ קיינ אינדיע, איז קאָלומבוס געפאָרנ קיינ אַמעריקע, איז אויכ אויסגעפונענ געוואָרנ דער עמעסער יאַמ-וועג קיינ אינדיע. דער דאָזיקער וועג האָט געפירט ניט אפ מײַרעוו, נאָר אפ דאַרעמ, לענגאויס די ברעגנ פונ אַפריקע. געשוווּמענ איז מענ שוינ אינ דער דאָזיקער ריכטונג, אָנהייבנדיק פונ XV יאָרהונדערט, געפאָרנ זײַנענ אַהער דערהויפּט די פּאָרטוגעזער, געצויגנ אַהער האָט זיי ניט בלויז די האָפענונג דערלאַנגענ זיכ אפ אַזאַ אויפנ קיינ אינדיע. די הויפּט-אויפגאַבע איז באַשטאַנענ אינ דעמ, אַז מע זאָל אונטערנ פרומענ טערעצ — מאַכנ די געצנדינער פאַר קריסטנ — פאַרכאַפּנ אינ געפאַנגענשאַפט די אָרטגעבוירטיקע פונ אַפריקע אונ פארהאַנדלענ זיי אינ שקלאַפנ. פּאַריוועגס האָבנ זיי גערעכנט באַרויבנ די אַנטדעקטע לענדער, וואָס זײַנענ רײַכ מיט גאָלד אונ מיט אַנדערע קאָסטבאַרע זאַכנ. אַלע יאָר פלעגנ די פּאָרטוגעזער אַרײַנדרינגענ אַלצ ווײַטער אונ

* צומ אונטערשייד פונ דער עמעסער אינדיע, וועלכע מע האָט איינ צײַט גערופנ אָסט-אינדיע. דאָס הייסט מיזרעכ-אינדיע.

ווײַטער אפ דאָרעמ, ביז ב א ר ט א ל א מ י י ד י א ס האָט סאָפקאָלסאָפ אינ 1486 יאָר דערגרייכט דעמ קאפ „גוטע האָפענונג”. די עקספּעדיציע פונ דיאסנ האָט פעסטגעשטעלט, אז מע קאָנ ארומגיינ דעמ אפריקאנישנ קאָנטינענט פונ דאָרעמ. עס איז בלויז געבליבנ דורכצוגיינ דעמ וועג דורכנ אינדישנ אָקעאנ.

אינ 10 יאָר ארומ (אינ 1497 יאָר) איז פונ ליסאבאָנ ארויסגעפאָרנ א באַדײַטנדיקע עקספּעדיציע אפ 4 גרויסע, גוט אויסגעשטאטע שיפנ. אינ שפּיצ פונ דער דאָזיקער עקספּעדיציע איז געשטאנענ וו א ס ק א ד ע ג א מ א. די שיפנ האָבנ לעכאטכילע דורכגעמאכט דעמ זעלבנ וועג, וואָס עס האָט דורכגעמאכט דיאס, דערנאָכ זײַנענ זיי ארומגעפאָרנ דעמ קאפ „גוטע האָפענונג” אונ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ רוקנ פאָרויס אפ צאָפנ, לענגויס די מיזרעכ־ברעגנ פונ אפריקע. דאָ האָט די עקספּעדיציע געטראָפנ האנדלהאפנס פונ אראבישע סאָכרימ. די אראבישע סאָכרימ האָבנ באגעגנט די פּאָרטוגעזער פײַנטלעכ, אײַנזעענדיק אינ זיי געפערלעכע קאָנקורענטנ. דאָכ איז דער עקספּעדיציע געלונגענ אינ איינעמ פונ די האפנס — מעלינדא — געפינענ א דערפארענעמ לאָצמאנ אנ אראבער. לויט זײַנע אָנווײַזונגענ האָבנ די פּאָרטוגעזישע שיפנ דורכגעשניטנ דעמ אינדישנ אָקעאנ אונ האָבנ דערגרייכט צומ באלאבארער ברעג.

אָט אזוי איז אויסגעפונענ געוואָרנ דער וואסערוועג פונ אייראָפּע קיינ אינדיע.

די ערשטע רײַזע ארומ דער וועלט

אינגיכנ נאָכ דער אנטדעקונג פונ אמעריקע איז געמאכט געוואָרנ די ערשטע רײַזע ארומ דער וועלט. אָנגעהויבנ האָט זי זיכ אינ 1519 יאָר אונטער מ א ג ע ל א נ ס אָנפירונג. מאגעלאנ, לויט דער אָפּשטאמונג א פּאָרטוגעזער, האָט געדינט אינ שפּאניע. לויטנ אויפטראג פונ דער שפּאנישער רעגירונג האָט ער זיכ אוועקגעלאָזט אינ דער שפּיצ פונ אנ עקספּעדיציע מיט'נ ציל צו דעראָבערנ נײַע לענדער אונ אנטדעקנ נײַע נאָר נאָענטע וואסערוועגנ אינ די אזיאטישע לענדער. מאגעלאנס וועג האָט דורכגעשניטנ דעמ אטלאנטישנ אָקעאנ אינ דער דאָרעמ־מײַרעוודיקער ריכטונג. צוקומענדיק עטוואס דאָרעמדיקער פונ עקוואטער צו די בראזילישע ברעגנ, האָט מאגעלאנ זיכ געלאָזט לענגויס די דאָזיקע ברעגנ אפ דאָרעמ אונ האָט דערגרייכט דעמ דאָרעמ-עק פונ קאָנטינענט. דאָ איז צווישנ דעמ קאָנטינענט אונ די אינדזלענ פײַערלאנד אנטדעקט געוואָרנ א דורכגוס, וואָס פאראייניקט דעמ אטלאנטישנ אונ דעמ שטילנ אָקעאנענ. דער דאָזיקער דורכגוס איז אָנגערופנ געוואָרנ אפ מאגעלאנס נאָמענ.



א שיפ פונ דער עפּאָכע פונ די גרויסע אנטדעקונגענ

נאָכדעמ האָט זיכ די עקספּעדיציע געלאָזנ דורכנ שטילנ אָקעאנ, פרווונדיק מיט דער קראפט פונ געווער באהערשנ די אָרטגעבוירטיקע באפעלקערונג פונ די אינדזלענ, וואָס געפינענ זיכ אינ דאָרעמ־מײַרעוודיקנ טייל פונ דעמ דאָזיקנ אָקעאנ. ביים

א ניט־געלונגענעמ פרוּוו צו דעראָבערנ איינעמ פונ די דאָזיקע אינדזלענ, איז מאַגעלאַנ דערהאַרגעט געוואָרנ. נאָכ דעמ האָבנ זיכ די רעשטלעכ פונ דער עקספּעדיציע באַמיט וואָס גיכער צו פאַרענדיקנ זייער וועג. פונ די מאָלוקישע אינדזלענ האָבנ זיי, ניט פאַרפאָרנדיק קיינ אינדיע, דורכגעשניטנ דעמ אינדישנ אָקעאַנ אונ זיינענ צוגעקומענ צו די דאַרעמ־ברעגנ פונ אַפריקע. איצט איז שוינ דער גרעסטער טייל וועג דורכגעמאַכט געוואָרנ. פונדאַנענ איז שוינ דער וועג געלעגנ דורכ ערטער, וועלכע זיינענ גוט באַקאַנט געוואָרנ די אייראָפּייער. אינ 3 יאָר אַרומ נאָכנ אָנהייב פונ דער רייזע, אינ 1522 יאָר, האָבנ זיכ די רעשטלעכ פונ מאַגעלאַנס עקספּעדיציע אומגעקערט קיינ שפּאַניע.

אָט אַזוי איז דורכגעמאַכט געוואָרנ די ערשטע רייזע אַרומ דער וועלט.

פראַגעס:

פאַרוואָס האָט מענ אינ דער צווייטער העלפט XV יאָרהונדערט אָנגעהויבנ זוכנ נייע וועגנ קיינ אינדיע?

ווי אַזוי איז אַנטדעקט געוואָרנ אַמעריקע?

באַצייכנט אַפ דער געאָגראַפישער קאַרטע די וועגנ, איבער וועלכע עס זיינענ דורכגעגאַנגענ קריסטאָפאָר קאָלומבוס, וואַסקאָ דע־גאַמאַס אונ מאַגעלאַנס עקספּעדיציעס.

געפינט אַפ דער געאָגראַפישער קאַרטע די נעמענ פונ די אינדזלענ, יאַמענ, טייכנ אונ שטעט, וואָס איר טרעפט אינ דעמ דאָזיקנ פּאַראַגראַפ.

31. די באַרויבונג פונ די קאָלאָניעס

איצט לאָמיר א קוק טאָנ, אַפ וואָס פאַר אַנ אופנ פלעגנ די אייראָפּייער באַהערשנ די ניי־אַנטדעקטע לענדער אונ ווי איז פאָרגעקומענ די באַרויבונג פונ די דאָזיקע לענדער.

די ערשטע דעראָבערער פונ נייע לענדער פלעגנ געוויינלעכ זיינ האַלב־רויבעריש, האַלב־מיליטערישע אָטריאַדנ, אַוואַנטיוריסטנ, וואָס פלעגנ טאָנ זייער זאַכ אונטער דער שוץ אונ מיט דער דערלויבעניש פונ זייערע רעגירונגענ. אינ שפּאַניע האָבנ די פירער פונ די דאָזיקע אָטריאַדנ געהייסנ קאָנקוויסטאַדאָרס (דעראָבערער). איינער פונ זיי, קאָרטעצ, האָט איינגענומענ מעקסיקע, אַנ אַנדערער — פיזאַראָ — האָט איינגענומענ פּערו. ביידע האָבנ זיי לייכט אויסגעפילט זייער אופגאַבע מיט דער הילפ פונ גאַנצ קליינע אָטריאַדנ, אויסנוצנדיק דאָס, וואָס זייער מיליטער־טעכניק איז געשטאַנענ אַפ א סאַכ א העכערנ ניוואָ ווי די מיליטער־טעכניק פונ די אָרטגעבירטיקע: די דעראָבערער האָבנ באַנוצט פייער־געווער, אינ דער צייט ווענ די אָרטגעבירטיקע באַפעלקערונג פונ אַמעריקע האָט פונ דעמ נאָכ ניט געוווּסט.

די קאָנקוויסטאַדאָרס האָבנ באַקומענ פונ די שפּאַנישע קיניגנ גרויסע פּריווילעגיעס. פאַקטיש זיינענ זיי געוואָרנ זעלבשטענדיקע הערשער אינ די איינגענומענע לענדער.

אויסראָטונג פונ די אָרטגעבירטיקע

די איינגענומענע לענדער ווערנ אַפ א גראַנדיעזנ אופנ אַנ ראַכמאָנעס באַרויבט... דער אופקומענדיקער אייראָפּיישער קאַפּיטאַליזמ האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט א באַפלעקטער מיט בלוט פונ מיליאָנענ אָרטגעבירטיקע, וואָס זיינענ אומגעקומענ אונטער דער

אומדערטרעגלעכער לאסט פונ דער אכזאָריעסדיקער עקספּלואַטאַציע מיצאַד די ווײַסע דעראָבערער. לויט די ווערטער פונ אײנעם א היסטאָריקער, זײַנען „מיר (די אײראָפּײער) געוואָרנ רײַכ דערפאַר, ווײַל גאַנצע ראַסעס אונ שוואַרצע זײַנען אויסגעשטאָרבנ צוליב אונדז אונ גאַנצע טײלנ פונ דער וועלט זײַנען פאַרוויסטעט געוואָרנ פאַר אונדזערטוועגנ".

אינ 1503 יאָר האָבנ זיכ אפּנ אינדזל יאַמײַקאַ באַזעצט די ערשטע שפּאַניער, אונ שוינ אינ 1558 יאָר איז דאָרט ניט געבליבנ קײנ אײנ אינדיאַנער. אינ עספּאַניאָלאַ * איז אינ 1508 יאָר (באַם דעראָבערנ) געווענ 60 טויזנט אָרטגעבירטיקע אײַנוווינער — אונ שוינ אינ 1548 יאָר זײַנען דאָרט געבליבנ בלויז 500 מאַנ. אינ קובאַ איז שוינ אַרום 1550 יאָר אינגאַנצנ פאַרשווּנדנ די אָרטגעבירטיקע באַפעלקערונג. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומענ אויכ אינ אַנדערע ערטער, וואָס די אײראָפּײער האָבנ פאַרכאַפּט. אָט די שנעלע אויסשטאַרבונג פונ די אָרטיקע שוואַרצע איז א רעזולטאַט פונ אומענטשלעכער עקספּלואַטאַציע.

אַפילע די רעגירונג־באַאַמטע פלעגנ טײַנענ, אז מע עקספּלואַטירט שוינ צופיל די אָרטגעבירטיקע.

צומבײַשפּיל, דער קיניגלעכער שטאַטהאַלטער אינ די שפּאַנישע קאָלאָניעס האָט געשריבנ אינ זײַנ ראַפּאָרט דעם קיניג (1560 יאָר):

„אינ אַלע שפּאַנישע הערשאַפטנ ווערנ די אָרטגעבירטיקע שוואַרצע אָדער אינגאַנצנ פאַרשווּנדנ, אָדער זײ ווערנ זײער קלײנ; די אָרטגעבירטיקע פאַרלאָזנ זײערע וווינונגענ אונ זײער ערד, וואָס האָבנ פאַר זײ קײנ ווערט ניט איבער דעם, וואָס מע האָט אויף זײ אַרופגעלײגט אומדערטרעגלעכע שטײַערנ אינ נאַטור אונ געלט. זײ וואַנדערנ איבער אינ אַנדערע ערטער אָדער זײ באַהאַלטנ זיכ אינ די וועלדער בײַ דער געפאַר, אַז זײ וועלנ פריִער אָדער שפּעטער ווערנ א רויב פונ ווילדע חײַעס. פיל פונ זײ באַגײען אַפילע זעלבסטמאָרד, ווי איכ האָב געהאַט די מעגלעכקײַט ניט אײנמאָל צו איבערצײַגנ זיכ דערינ פונ מײַנע פערזענלעכע באַאָבאַכטונגענ אונ פונ פאַנאַנדערפרעגנ די אָרטיקע אײַנוווינער".

די שפּאַנישע דעראָבערער האָבנ באַלד פונ אָנהײב אָנ גענומענ פאַרוואַנדלענ די אָרטגעבירטיקע באַפעלקערונג אינ שקלאַפנ. עס איז געבליבנ זײער א סאַכ דאָקומענטנ, וואָס דערצײלנ אונדז וועגנ די לעבנ־באַדינגונגענ פונ אָט די אומגליקלעכע שקלאַפנ.

דאָס פאַרוואַנדלענ די אָרטגעבירטיקע אינ שקלאַפנ

אָט איז, צומבײַשפּיל, א פראַגמענט פונ דער „געשיכטע פונ דער נײַער וועלט" — א בוכ, וואָס דער אויטער זײַנער האָט געלעבט אינ דער צײַט, ווענ עס זײַנענ פאָרגעקומענ די באַשריבענע געשעענישנ.

„טײלווײַז איבער מאַנגל אינ שפּײַז, טײלווײַז פונ טרויער צוליב דעם, וואָס מע האָט זײ צעשײדט מיט זײערע פאָטערס, מוטערס אונ קינדער, איז די מערהײַט אָרטגעבירטיקע אינ דער צאָל פונ 400 מאַנ, וואָס דער שפּאַנישער קאַפּיטאַנ פּעטראָ לע־קאַליצ האָט פאַרכאַפּט אפּנ אינדזל קומאַנגע (וועסט־אינדישער אַרכיפּעלאַג), אומגעקומענ אפּנ וועג צום פּאָרט קומאַני. יעדעס מאָל, ווענ דער אָדער יענער פונ די געפאַנגענע איז ניט געווענ אימשטאַנד איבער זײַנ אויסגעמאַטערטקײַט צו גײנ ווײַטער אַזוי שנעל ווי זײַנע באַוויירים,

---

* עספּאַניאָלאַ האָט קאָלומבוס אָנגערופנ דעם אינדזל האַיטי.

פלעגנ די שפאניער, מוירע האבנדיק, אז ער זאל ניט בלײַבנ פונ הינטנ, קעדײַ נאכדעמ אנ-פאלנ אפ זײ, דורכשטעכנ אימ פונ הינטנ מיט זײערע שווערדנ אונ צעמיימעסנ אומעטשלעכ. ס'איז געווענ א הארצרײַסנדיק בילד אנצוקוקנ אט די אלע אומגליקלעכע באשעפענישנ, אינ־גאנצנ הוילע, אויסגעמאטערטע אונ אזוי אויסגעצערטע פונ הונגער, אז זײ האבנ זיכ קוימ געהאלטנ אפ די פיס. מיט אנ־זעריגע קײטנ האט מענ זײ געשמידט דעמ האלדז, די פיס אונ די הענט. אלע ארטגעבירטיקע, וואס מע פארכאפט פאר שקלאפנ, שטעמפלט מענ מיט א צעגליטנ אײַזנ. דערנאכ לאזנ איבער די קאפיטאנענ א טײל פאר זיכ, אונ די איבעריקע צע-טײלט מענ צווישנ די סאלדאטנ; די סאלדאטנ אדער זײ פארשפילנ זײ אײנער דעמ אנדערנ, אדער זײ פארקויפנ זײ. קויפנדיק די דאזיקע סכוירע פאר ווײַנ, צוקער אונ אנדערע פרא-דוקטנ, פירנ די סאכרימ אוועק די שקלאפנ אינ יענע טײלנ פונ די שפאנישע קאלאניעס, וו ס'איז פאראנ דער גרעסטער נאכפרעג אפ זײ. בײַסנ אריבערפארנ קומט אומ א טײל פונ די דאזיקע אומגליקלעכע איבערנ מאנגל אינ וואסער אונ איבער דער שלעכטער אטמאספער אינ די קאיוטעס, וועלכע ווערט ארויסגערופנ דערמיט, וואס די סאכרימ וואַרפנ ארײַנ אלע געפאנגענע אפנ סאמע דעק שיפ, ניט איבערלאזנדיק ניט גענוג ארט צומ זיצנ, ניט קײנ גענוג לופט צומ עטעמענ".

די אויסשטארבונג פונ די ארטגעבירטיקע פונ אמעריקע איז געגאנגענ אזוי שנעל, אז ס'איז אנטשטאנענ פאר די דעראבערער די געפאר צו בלײַבנ אינ די קאלאניעס אנ ארבעט-הענט. דאס האט ארויסגערופנ די באוועגונג קעגנ פארוואנד-לענ די ארטגעבירטיקע אינ שקלאפנ. די איניציאטארס פונ דער דאזיקער באוועגונג זײַנענ געווענ די קאטוילישע מיסיאנערנ,* וואס פלעגנ גרויסע פארטיעסווײַז זיכ אוועקלאזנ באלד נאכ די דעראבערער אינ די נײַע לענדער. די מיסיאנערנ הייבנ זיכ אנ צו דערשלאגנ, אז די ארטגעבירטיקע, וואס זײַנענ מיט גוואלד גע-טויפט געווארנ, זאלנ בלײַבנ פרײַ פונ שקלאפנ-צושטאנד. דאכ האבנ די זעלביקע מיסיאנערנ גארניט געהאט קעגנ דעמ, מע זאל ברענגענ אינ אמעריקע שקלאפנ פונ דער אלטער וועלט.

דער האנדל מיט שקלאפנ-נעגערס

איז אט, מע הייבט אנ ברענגענ קײנ אמעריקע הונדערטער טויזנטער שווארצהויטיקע שקלאפנ, וואס זײַנענ געפאנגענ גע-ווארנ אינ אפריקע. דאס ארויספירנ נעגערס פונ אפריקע קײנ אמעריקע איז פארגעקומענ אינ מעשעכ פונ גאנצע יארהונדערטער, דערגרײכנדיק דעמ העכסטנ פונקט אינ XVIII יארהונדערט. מע רעכנט, אז אינ דעמ דאזיקנ יארהונדערט פלעגט מענ יערלעכ ארויספירנ פונ אפריקע ניט ווייניקער ווי הונדערט טויזנט שקלאפנ.

אזא גראנדיעזנ מאסשטאב האט באקומענ דער שקלאפנ-האנדל דערפאר, ווײַל דער דאזיקער „געווערב" איז געווענ אויסערסט רענטאבל. דער רעווע באמ האנדל מיט נעגערס פלעגט קימאט קײנמאל ניט באטרעפנ ווייניקער פונ פופציק פראצענט, געוויינלעכ נאכ א כאכ מער — ביז 150 אונ 200 פראצענט. אײנער א באריכט (1693) אנטהאלט פאלגנדיקע ציפער: שקלאפנ האט מענ געקויפט פאר 29200 ליווער, אונ פארקויפט פאר 240 טויזנט ליווער.

---

* מ י ס י א נ ע ר נ — דאס זײַנענ פרײדיקער פונ אוועלכער-ניט-איז רעליגיעזער לערע. די קריסטלעכע מיסיאנערנ זײַנענ שטענדיק געווענ אונ זײַנענ אויכ איצט די סאמע מעטיקע דורכפירער פונ דער פארכאפערישער פאליטיק פונ די קאפיטאליסטישע מעלוכעס אינ די קאלאניאלע לענדער.

צוואַנג־האַנדל און מאָנאָפּאָל

ניט ווייניקער רענטאַבל זײַנען אויך געווען אַנדערע מינים „האַנדל" מיט די אָרטנעבירטיקע. אָט ווי איינער אַ היסטאָריקער באַשרײַבט דעם דאָזיקן קאָלאָניאַלן האַנדל:

„גאָלד־זאַמד און גאָלד־שטיקער פֿלעגט מען באַקומען פֿאַר זאַכן, וואָס האָבן אַבסאָליוט קיין שום ווערט ניט... אַלטע שטיוול פֿלעגט מען אין די קאָלאָניעס פֿאַרקויפֿן פֿאַר 300 דוקאַטן,* אַ שפּאַניש מאַנטל — פֿאַר טויזנט דוקאַטן. די אומגליקלעכע אָרטנעבירטיקע זײַנען געווען געצוווּנגען צו קויפֿן זאַכן, וואָס זיי האָבן ניט געוווּסט אַפֿילע ווי זיי אויסצונוצן. זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין האָזע צו הערווידערן. פֿאַרדינענדיק קוים אַף צו דערנערן זיך און די פֿאַמיליע, זײַנען זיי גאַנץ אָפֿט געווען געצוווּנגען אָנצוטאָן זיך אין זײַדנס און אין סאַמעט, באַפּוצן די הײַזלעך ווענט פֿון זייערע אָרעמע הײַזקעס מיט שפּיגלען; מע פֿלעגט זיי פֿאַרקויפֿן שפּיצן, קנעפּלעך, ביכער און טויזנטער אַנדערע אומנוציקע פֿאַר זיי זאַכן פֿאַר משוגענע פּרײַזן... קויפֿן פֿלעגט מען אָבער בײַ די אָרטנעבירטיקע אַלץ זייער ביליק".

באַזונדערס האָט געלוינט די אײַראָפּייער און איז געווען געפּערלעך פֿאַר די אָרטנעבירטיקע דער האַנדל מיט נאַרקאָטיק און, דערהויפּט, מיט אָפּיום (אין אינדיע). אָפּיום און בראָנפֿן פֿלעגט ברענגען די אָרטנעבירטיקע באַפֿעלקערונג צו פֿולשטענדיקער דעגענעראַציע. דערפֿאַר אָבער האָבן די סאָחרים און די ספּעקולאַנטן געמאַכט דערויף גרויסע פֿאַרמעגנס.

אָט איז אַן אָנשוילעכער בײַשפּיל, ווי לײַכט עס פֿלעגן געשאַפֿן ווערן קאָלאָסאַלע רײַכטימער בײַ אַזאַ מין האַנדל. אוועקפֿאָרנדיק אין אַ קאָמאַנדירונג אין אינדיע, — אין אַ ראַיאָן, וואָס געפֿינט זיך ווײַט פֿון די ערטער, וווּ מע פּראָדוצירט אָפּיום, — האָט איינער אַן ענגלענדער באַקומען פֿון דער רעגירונג מאָנאָפּאָל־רעכט אַף צוצושטעלן אָפּיום אין דעם דאָזיקן ראַיאָן. זײַן רעכט פֿאַרקויפֿט ער איינעם אַן אונטערנעמער פֿאַר 40 טויזנט פֿונט סטערלינג,** און דער אונטערנעמער, ווידער, פֿאַרקויפֿט איבער דעם זעלבן טאָג דאָס דאָזיקע רעכט פֿאַר 60 טויזנט פֿונט סטערלינג. דער לעצטער, וואָס האָט דאָס געקויפֿט, דערקלערט, אַז אַף זײַן בײַלעק וועט אויספֿאַלן אַ קאָלאָסאַל גרויסער רעווע פֿונעם אויסנוצן דעם דאָזיקן מאָנאָפּאָל.

אַקציאָנערע האַנדל־קאָמפּאַניעס

דער אויבן געבראַכטער פֿאַל איז ניט קיין זעלטענער אויסנאַם. אַזעלכע בײַשפּילן פֿלעגן זיך טרעפֿן זייער אָפֿט אין דער געשיכטע פֿונעם קאָלאָניאַלן האַנדל.

די דאָזיקע לעגענדאַרע באַרײַכערונג אין די נײַ־אַנטדעקטע לענדער איז געווען מעגלעך בלויז בײַ דער סאַמע ענערגישער הילף מיצד די רעגירונגען פֿון יענע לענדער, אונטער וועמעס פֿאָן עס זײַנען פֿאָרגעקומען די ערשטע פֿאַרכאַפּונגען אין די קאָלאָניעס. געוויינלעך פֿלעגט דער האַנדל מיט די קאָלאָניעס איבערגעגעבן ווערן אין מאָנאָפּאָלישן רעשוס פֿון גרויסע האַנדל־קאָמפּאַניעס, וואָס

---

* אַ דוקאַט — אַנערעך דרײַ גאָלד־רובל.

** אַ פֿונט סטערלינג איז אַף אונדזער געלט עטוואָס ווייניקער פֿון צען גאָלד־רובל.

פלעגנ אינ ראיאָנ פונ זייער טעטיקייט זיכ באנוצנ קימאט מיט אלע רעכט פונ מעלוכע־מאכט.

באזונדערס בארימט זײַנענ געוואָרנ די האָלענדישע אונ די ענגלישע אָסט־אינדישע קאָמפאניעס. פריִער איז געגרינדעט געוואָרנ די האָלענדישע אָסט־אינדישע האנדל־קאָמפאניע, וואָס האָט ווי געדינט אלס מוסטער פאר אלע שפּעטערדיקע קאָלאָניִאלע קאָמפאניעס. דער גרונט־קאפּיטאל פונ דער האָלענדישער קאָמפאניע האָט באטראָפנ 6½ מיליאָנ פלאָרינענ.* דער דאָזיקער קאפּיטאל איז געווענ צעטיילט אפ 2.150 אקציעס,** צו 3 טויזנט פלאָרינ יעדערע. מער ווי א העלפט אקציִעס האָט געהערט צו אמסטערדאמער סאָכרימ. יעדעס יאָר פלעגנ צווישנ די אקציִאָנערנ צעטיילט ווערנ די דיווידענדנ, דה. די כאלאָקימ ריינעמ רעווע־ פונ דער קאָמפאניע, וואָס איז אויסגעפאלנ אפ יעדער אקציע. געוויינלעכ זײַנענ די דיווידענדנ געווענ זייער גרויסע, דערגרייכנדיק צומאָל ביז 60—75 פראָצענט. פארנ מאָנאָפּאָל־רעכט פונ האנדל אינ די קאָלאָניעס אונ פארנ רעכט פולשטענדיק צו באלעבאטעווענ אינ זיי האָט די קאָמפאניע געצאָלט דער מעלוכע יערלעכ עטלעכע מיליאָנ פלאָרינ. אָבער די דאָזיקע קאָלאָסאלע סומע פלעגט מיט פראָצענטנ געדעקט ווערנ דורכ די אומגעהייערע רעוואָכימ פונ דער קאָמפאניע.

די קאָלאָניעס פונ די אייראָפּייִשע מעלוכעס

אינ דער עפּאָכע פונ די גרויסע געאָגראפישע אנטדעקונגענ זײַנענ די צענטערס פונ דעמ צווישנפעלקערלעכנ האנדל אריבערגעטראָגנ געוואָרנ אפ די ברעגנ פונ אטלאנטישנ אָקעאנ, אונ די הויפּטראָליע אינ דעמ וועלט־האנדל האָבנ אָנגעהויבנ שפּילנ יענע שטעט אונ לענדער, וואָס געפינענ זיכ לענגויס די ברעגנ פונ אטלאנטישנ אָקעאנ. די ווענעציִאנער אונ גענועזער טרעטנ שוינ איצט אָפּ דאָס ערשטע אָרט פאר די פּאָרטוגעזער אונ שפּאניער; דערנאָכ רוקט זיכ ארויס אינ פאָדערגרונט פראנקרײַכ, שפּעטער האָלאנד אונ ענגלאנד.

די פּאָרטוגעזער האָבנ געמאכט די ערשטע אנטדעקונגענ אפנ מיזרעך־ברעג פונ אפריקע אונ אינ אינדיע אפנ מאלאבארער אונ קאָראָמאנדעלער ברעגלאנד. זיי האָבנ זיכ אויכ פארפעסטיקט אינ צייילאָנ, מאלאקא, אפ די זאנדישע אינדזלענ (סומאטרא, יאווא, צעלעבעס) אונ אפ די מאָלוקישע אינזלענ, און אינ 1563 יאָר אויכ אינ מאקאאָ — אינ כינע. בא די פּאָרטוגעזער אינ די הענט האָט זיכ איצט געפונענ דער האנדל מיט געווירצנ און פארפומענ, מיט צוקער אונ מיט בוימוואָל. ליסאבאָנ איז געוואָרנ א צענטער פונ צווישנפעלקערלעכנ האנדל, — דורכ אימ פלעגנ דורכגיינ אלע באציִונגענ פונ אייראָפּע מיט אינדיע. די פּאָרטוגעזער זײַנענ געווענ פולשטענדיקע הערשער פונעמ אינדישנ אָקעאנ. דער אראבישער האנדל איז פארניכטעט געוואָרנ. קיינ איינ שיפ האָט ניט געטאָרט דורכגיינ אָנ א דערלויבעניש פונ די פּאָרטוגעזער, אנדערש פלעגט זי באטראכט ווערנ ווי א פּיראטנ־שיפ. דורכ די האנדל־אָפּמאכנ, וואָס פלעגנ געשלאָסנ ווערנ מיט די אָר־

* פלאָרינ — א פארצײַטיקע גאָלדענע מאטבייע.

** אקציע — א פּאַ־צײַגעניש, א דאָקומענט, וואָס שטעלט פעסט, אז מע האָט אײַנגעלייגט א געוויסע סומע אינעמ קאפּיטאל פונ אנ אקציִאָנערער געזעלשאפט אונ וואָס גיט דאָס רעכט אָנטיילצונעמענ אינ די רעוואָכימ אונ אינ דער פארוואלטונג מיט דער דאָזיקער געזעלשאפט.

טיקע פירשטלעכ, איז דער האנדל געווענ באוואָרנט בלויז פאַר די פּאָרטוגע־
זער אליינ.

אינ דער זעלבער צייט, ווענ די פּאָרטוגעזער האָבנ זיכ באַפעסטיקט אינ אינ־
דיע, האָבנ די שפּאַניער פאַרשפּרייט זייערע דעראָבערונגענ אינ אמעריקע, וועל־
כע האָט זיי געצויגנ מיט אירע רייכע געפינ־ערטער פונ גאָלד אונ זילבער. די
שפּאַניער האָבנ פאַרכאַפּט מעקסיקע, טשילי, פּערו, דהח. לענדער, וואָס זיינענ רייכ
מיט זילבער אונ גאָלד. פאַרקערט, פּרוכטבאַרע לענדער, וואָס האָבנ אָבער ניט גע־
האַט קיינ גאָלד אונ קיינ זילבער, האָבנ ניט צוגעצויגנ די אויפמערקזאַמקייט פונ די
שפּאַניער. אַזעלכע לענדער פלעגנ זיי באַצייכענענ אינ זייערע קאַרטעס אַלס „לענ־
דער, וואָס ברענגענ ניט קיינ שום האַכנאָסע".

אויב די פּאָרטוגעזער האָבנ די ערשטע צייט געהאַלטנ אינ זייערע הענט דאָס
אויסשליסלעכע רעכט צו האָבנ האַנדל־באַציִונגענ מיט אינדיע אונ צו באַרויבנ זי,
זיינענ די שפּאַניער געווענ מאָנאָפּאָליסטנ אינעם באַרויבנ אמעריקע.

אָבער שוינ סאָפ XVI יאָרהונדערט הייבט מענ אָנ צו ברעכנ די מאָנאָפּאָל־
לאַגע פונ שפּאַניע אונ פּאָרטוגאַל. האָלאַנד, פראַנקרייכ, ענגלאַנד האָבנ פונ יאָר
צו יאָר אַלצ מער אונטערגעגראָבנ די קאָלאָניאַלע איבערמאַכט פונ שפּאַניע אונ
פּאָרטוגאַל. די קאָנקורענטנ פלעגנ צומאָל לאָזנ אינ גאַנג אָרגאַניזירטע קאָנטראַ־
באַנדע, אונ צומאָל אויכ אָפענע מילכאָמעס. שפּאַניע אונ פּאָרטוגאַל זיינענ
געווענ שוואַכער פונ זייערע קאָנקורענטנ סיי אינ עקאָנאָמישנ סיי אינ מיליטערישנ
געביט, אונ דאָס האָט פאָרויסבאַשטימט דעם גוירל פונ דעם קאַמפ. אָנ א
באַזונדערער מי האָבנ די האָלענדער אַרויסגעשטויסנ פונ אינדיע די פּאָרטוגעזער.
אָבער זיי האָבנ זיכ דאָרט איינגעהאַלטנ ניט לאַנג: אָנהייב XVII יאָרהונדערט
זיינענ זיי געווענ געצווּנגענ אָפּצוטרעטנ דאָס אָרט זייערס די ענגלענדער. די ענג־
לענדער, ווידער, האָבנ זיכ געטראָפנ מיט דער קאָנקורענצ פונ די פראַנצויזנ, אונ
ערשט נאָכ אַנ אַקשאָנעסדיקנ אונ לאַנגדויערנדיקנ קאַמפ קעגנ זיי, פאַרפעסטיקנ
פאַר זיכ די ענגלענדער ענדגילטיק אָט די קאָלאָסאַל־רייכע קאָלאָניע, וואָס איז
געוואָרנ דער „פּערל פונ דער ענגלישער קרוינ".

פעסטער זיינענ געווענ די שפּאַנישע דעראָבערונגענ אינ אמעריקע. אויב אָבער
די שפּאַניער האָבנ ווי־ניט־ווי איינגעהאַלטנ א געוויסע פּאָליטישע מאַכט אי־
בער די קאָלאָניעס אינ דאָרעמ אונ צענטראַל־אמעריקע, זיינענ אָבער עקאָנאָמיש
די דאָזיקע קאָלאָניעס אַלצ מער אונ מער אַרונטערגעפאַלנ אונטערנ איינפלוס פונ די
האָלענדער, פראַנצויזנ אונ ענגלענדער.

**סאָפקאָלסאָפ האָבנ די גרעסטע קאָלאָניאַלע דעראָבערונגענ אויסגענוצט
ניט די ערשטע קאָלאָניזאַטערס — די פּאָרטוגעזער אונ די שפּאַניער — נאָר
די בורזשואַזיע פונ האָלאַנד, פראַנקרייכ אונ ענגלאַנד.**

32. די אנטוויקלונג פונ דער געלט־צירקוליאַציע

צופלוס פונ ווערט־פולע מעטאַלנ

דאָס דעראָבערנ אונ באַרויבנ די קאָלאָניעס האָט געבראַכט צו
אַנ אומגעהייער גרויסנ, נאָכ ניט־געזעענעם שווּנג פונ דעם
וועלט־האַנדל. אונ דאָס, ווידער, האָט אַרויסגערופנ א קאָלאָסאַלע אַנטוויקלונג פונ

דער געלט-צירקוליאַציע. פונ יענער זײַט אָקעאַנ האָט אינ אייראָפּע אַ פליִיצ געקומענ אַ שטראָמ גאָלד אונ זילבער. לעכאַטכילע האָבנ זיכ די אייראָפּייער ניט פאַרנומענ מיט ארויסבאַקומענ אינ אַמעריקע די „איידעלע״ מעטאַלנ אונ האָבנ זיכ באַנוגנט מיטנ באַרויבנ די רעזשיִּרונג, וואָס זײַנענ געווענ אָנגעזאַמלט בײַ די אָרטנגעבירטיקע. זיי פלעגנ דאָרט ארויסשלעפּנ אַ סאַכ געלט אַלס אויסקויפּ פאַר די שייוועט-פירער, וואָס זיי פלעגנ פאַרכאַפּנ אינ געפאַנגענשאַפט, זיי פלעגנ אויסגראָבנ קוואָרימ, אַראָפּנעמענ גאָלדענע פּלאַטנ פונ די טעמפּל-ווענט, אָפּנעמענ פאַרשיידענע צירונג בײַ די אָרטנגעבירטיקע.

אָבער ווענ אָט די אָנגעזאַמלטע אוצרעס פונ די אָרטנגעבירטיקע זײַנענ צערויבט געוואָרנ, האָבנ זיכ די אייראָפּייער אַליינ גענומענ צו פאַנאַנדעראַרבעטנ די רײַכסטע לאַגערנ גאָלד אונ זילבער אינ די נײַ-אַנטדעקטע לענדער.

דער סכומ פונ ארויסבאַקומענעמ זילבער (אינ קילאָגראַמענ)

יאָרנ	אייראָפּע	אַמעריקע	סאַכאַקל
1520—1493	45100	—	45100
1544—1521	61000	13300	74300
1560—1545	64700	199200	263900
1580—1561	50000	214900	264900
1600—1581	41300	305100	346400

דאָס איז אַ טאַבעלע, פונ וועלכער עס איז צו זענ, ווי שנעל עס האָט זיכ אַנטוויקלט דער זילבער-ארויסבאַקומ אינ אַמעריקע אינ פאַרלויפ פונ XVI יאָרהונדערט. אינטערעסאַנט, אַז דער ארויסבאַקומ פונ זילבער אינ אייראָפּע איז אינ דעמ זעלבנ פּעריאָד צײַט געשטאַנענ אויפ איינ אונ דעמ זעלבנ ניוואָ, אונ צומ סאָפ יאָרהונדערט איז ער אַפילע עטוואָס געפאַלנ.

די פּרייזנ-רעוואָליוציע

דער צופלוס פונ זילבער אונ גאָלד איז געווענ אַזוי גרויס, אַז די פּרײַזנ אויפ זיי האָבנ שנעל אָנגעהויבנ פאַלנ, אונ דאָס האָט באַטײַט, אַז עס איז אויכ געפאַלנ די קויפ-קראַפט פונ געלט אונ אַז עס זײַנענ טײַערער געוואָרנ אַלע סכוירעס. צומ אַלעמ ערשטנ האָט זיכ געלאָזט מערקנ דער אויפשטײַג פונ די סכוירע-פּרײַזנ אינ שפּאַניע, ווײַל אינ שפּאַניע האָבנ פריִער ווי אינ אַנדערע ערטער אָנגעהויבנ אַרײַנצודרינגענ זייער פיל קאָסטבאַרע מעטאַלנ. אינמיטנ XVI יאָרהונדערט, אונ באַזונדערס אינ דער צווייטער העלפט זײַנער, האָט דאָס שטײַגנ פונ די פּרײַזנ אויפ אַלע סכוירעס זיכ געלאָזט פילנ שוינ אינ אַלע אייראָפּייִשע לענדער. מע האָט אויסגערעכנט, אַז אינ ענגלאַנד אונ שפּאַניע זײַנענ די פּרײַזנ געשטיגנ אויפ העכער 150 פּראָצענט, אונ אינ פראַנקרײַכ אונ דײַטשלאַנד — בײַ 100 פּראָצענט.

מער פונ אַלצ זײַנענ געשטיגנ די ברויט-פּרײַזנ. אינ דער צײַט פונ 1550 — 1590 זײַנענ די ברויט-פּרײַזנ אינ ענגלאַנד געשטיגנ אויפ 150 פּראָצענט, אינ פראַנקרײַכ — אויפ 200 פּראָצענט, אינ עלזאַס — אויפ 280 פּראָצ., אינ זאַקסנ — אויפ 300 פּראָצ. אָט די שטאַרקע פאַרביליקערונג פונ געלט, דאָס פאַלנ פונ זייער קויפ-קראַפט איז באַוווּסט אונטערנ נאָמענ „פּרײַזנ-רעוואָליוציע״. דער וווּקס פונ די סכוירע-פּרײַזנ איז פאָרגעקומענ אַ סאַכ שנעלער, ווי די פאַרגרעסערונג פונ

ארבעטלוינ, דעריבער האָט די „פּרײַזנ־רעוואָלוציע" דערלאנגט א שטארקנ קלאפּ איבער די ארבעטנדיקע שיכטנ פונ דער באפעלקערונג. דאָס איז צו זענ קלאָר פונ פאָלגנדיקנ בײַשפּיל: אינ פראנקרײַך פלעגט א מוליער אונ טעסלער אינ די ערשטע 25 יאָר פונ XVI יאָרהונדערט פארדינענ א טאָג אנערעך 60 קאָפּ. אָפּ אונדזער געלט, אונ אינ דעמ לעצטנ פערטל יאָרהונדערט האָבנ זיי פארדינט צו 90 קאָפּ. אנדעריש גערעדט, דער ארבעטלוינ איז געשטיגנ אָפּ 50 פּראָצענט, אָבער אינ דעמ ערשטנ פונ די אָנגעוויזענע פעריאָדנ האָט דער ארבעטער פאר זײַנע 60 קאָפּ. געקאָנט קויפנ 14 ליטער ווייצ, אונ אינ דעמ צווייטנ פעריאָד, פאר די 90 קאָפּ. ניט מער ווי 4 ליטער.

די „פּרײַזנ־רעוואָלוציע" האָט אויך זייער ניט געלוינט פאר א סאך ערדבאַזיצער, וואָס האָבנ אָפּגעגעבנ זייער ערד אינ לאנגטערמיניקער ארענדע (צומאָל אָפּ א טערמינ פונ עטלעכע דורות לעבנדיויער), אונ ארענדע־געצאָלט פלעגנ זיי באַקומענ לויטנ אלטנ טאריפ, אינ דער צײַט, ווענ די פּרײַזנ אָפּ ערד זײַנענ שטארק געשטיגנ. צומבײַשפּיל, אינ פראנקרײַך האָט אינ די יאָרנ 1501—1525 א העקטאר אקער־ערד דורכשניטלעך געקאָסט בא 70 רובל אָפּ אונדזער געלט. אונ אינ די יאָרנ 1560—1600 האָט ער שוינ געקאָסט 250 רובל.

די אנטוויקלונג פונ בענק אונ בירזשעס

אינ צאָפנ־אײראָפּע קומענ אויפ אזעלכע גרויסע האנדל־אינדוסטריעלע אונ באנק־פירמעס, וואָס אזוינע זײַנענ אינ איטאליע ניט געווענ. די רײַכטימער פונ די פלאָרענטינער באחדי אונ פּעריצי זײַנענ א קלייניקײַט אינ פארגלײַך מיט דעמ טעטיקײַט־מאסשטאב פונ די נײַע פירמעס.

באזונדערס ווערנ בארימט אינ XVI יאָרהונדערט די דײַטשישע באנקירנ, סאָכרימ אונ מאנופאקטוריסטנ — די פ ו ג ע ר ס. דאָס איז געווענ אנ אלטע אויגסבורגער פירמע, וואָס האָט שוינ אינ XIV יאָרהונדערט, באלד אינ די ערשטע יאָרנ פונ איר עקזיסטענצ, אָנגעהויבנ רײַך צו ווערנ פונעמ האנדל צווישנ איטאליע אונ צאָפנ־אײראָפּע (אויגסבורג געפינט זיך אינ דאָרעמ־דײַטשלאנד, פונקט אפנ האנדל־וועג, וואָס גייט פונ איטאליע).

די פוגערס זײַנענ געווענ טיפּישע פאָרשטייער פונ דעמ נײַעמ טיפּ קאפּיטאליסטנ. זיי האָבנ זיך דערהייבנ ניט בלויז אלס סאָחרימ, נאָר אויך אלס אונטערנעמער מאנופאקטוריסטנ. זיי קויפנ זילבער־גרובנ אינ טיראָל אונ קופּער־גרובנס אינ אונגארנ אונ ווערנ די גרעסטע בארג־אינדוסטריעלער אינ אײראָפּע. אלס באנקירנ פינאנסירנ זיי א גאנצע רײ אײראָפּעיִשע רעגירונגענ, אונ דאָס הייבט אויפ זייער פּאָליטישע באדײַטונג אָפּ א קאָלאָסאלער הייך. אינ XVI יאָרהונדערט הייבנ אָנ די פוגערס ארײַנצוטאָנ זייערע קאפּיטאלנ אינ קאָלאָניאלנ האנדל. דאָ דערגרייכט שוינ זייער באדײַטונג צומ העכסטנ פונקט. אינ 1511 יאָר האָט דער קאפּיטאל פונ דער פירמע באטראָפנ 200.000 פלאָרינ (א פלאָרינ איז בא 4 רובל), אונ אינ 1527 האָט דער דאָזיקער קאפּיטאל באוויזנ זיך צו פארצענפאכנ, דערגרייכנדיק ביז 2 מיליאָנ פלאָרינ.

זייער אונטערנעמערישע טעטיקײַט אלס בארג־אינדוסטריעלער אנטוויקלט זיך נאָך מער. זיי פארגרעסערנ די פּראָדוקציע פונ די בלײַ־אונ צינק־געווערבנ אינ קאַרינטיע, פונ די גאָלד־געווערבנ אינ שלעזיע, פונ די קוועקזילבער־געווערבנ אינ

שפאניע. האנדל־פאַרשטייערשאפטנ פארמאַגנ די פוגערס אינ ווינ, לײפּציק, ברעס־לוי, גירענבערג, אנטווערפּנ, רוים, ווענעציע אונ אינ פיל אנדערע שטעט. די פוגערס אנטוויקלענ אלצ גרעסערע אונ גרעסערע קרעדיט־אָפּעראַציעס. זייערע באל־כוויזעס ווערנ סײַ קלייגבירגער סײַ גרויסע גווירים. אינ 1546 יאָר דערגרייכט שוינ דער קאפּיטאל פונ די פוגערס ביז 5.100.000 פלאָרינ.

דער ווײַטערדיקער עטאפּ אינ דער אנטוויקלונג פונעם קרעדיט־וועזנ אונ פונעם גאנצנ האנדל־אומזאצ איז געווענ דאָס גרינדנ די ב י ר ז ש ע ס. א בירזשע איז א פארזאמלונג פונ סאָכרים, וו עס ווערנ געמאכט קאָלערליי געשעפטנ. פונ א יאריד אונטערשיידט זיכ א בירזשע דערמיט, וואָס דאָרט האנדלט מענ אָנ סכוי־רעס אונ אָפילע אָנ מוסטערנ. די סאָרטנ סכוירעס, וואָס ווערנ דאָרט פארקויפט, זײַנענ שוינ פונ פריִער פעסטגעשטעלט (סטאנדארטע סכוירעס). ווײַזט אויס, אז אפּ דער בירזשע קאָנענ צירקולירנ בלויז סכוירעס, וואָס קאָנענ פארביטנ ווערנ. ד.ה. אזעלכע, וואָסערע מע קאָנ צושטעלנ פונ א באליביקער פארטיע. פריִער האָט מענ אפּ די בירזשעס אָנגעהויבנ מאכנ געשעפטנ מיט געלט־צייכנס פונ פארשיידענע סיסטעמענ אונ וועקסלענ פונ פארשיידענע באנקירנ. דערנאָכ האָט מענ אָנגעהויבנ פארקויפנ אפּ די בירזשעס אויכ אנדערע סכוירעס — פּוטערוואַרג, הערינג, ברויט, וואָל, שמעטער — קאָלאָניאַלע סכוירעס: פעפער אונ אנדערע געווירצנ.

די ערשטע בירזשע האָט זיכ געגרינדעט אינ XV יאָרהונדערט אינ ברויגע. דאָ פלעגט מענ שליסנ געשעפטנ אפּנ פרײַענ פלאצ לעבנ דעמ הויז פונ דעמ רײַכנ סויכער ו א נ ד ע ר ב ו ר ס ע, וו גאנצענע טעג האָבנ זיכ ארומגעדרייט אָרטיקע אונ אָנגעפאָרענע סאָכרים. פונדאנענ, פונ דעמ סויכער בורסעס נאָמענ, שטאמט טאקע דאָס וואָרט „בירזשע". אינ XVI יאָרהונדערט האָט די בירזשע אינ ברויגע פארלאָרנ איר באדײַטונג. די הויפּט־בירזשע איז געשאפנ געוואָרנ אינ ליאָנ, דער־נאָכ אינ אנטווערפּנ. די שטאָט אנטווערפּנ האָט זיכ צו דער דאָזיקער צײַט ארויס־געררוקט אלס וויכטיקסטער צענטער פונעמ וועלט־האנדל.

די אנטוויקלונג פונ דעמ האנדל, פונ דער געלט־צירקולאציע, פונ די בענק, פונ די קרעדיט־אָפּעראציעס אונ בירזשעס ברענגט צו א קאָלאָסאלנ וווּקס פונ דער באדײַטונג פונעמ האנדל־קאפּיטאל. דער קלאס שטאָטישע בורזשואזיע וואָס בילדעט זיכ אויס, ווערט א גרויסע געזעלשאפטלעכע קראפט.

פ ר א ג ע ס:

וואָסערע סיבעס האָבנ ארויסגערופנ די „פרײַזנ־רעוואָלוציע"?

וועלכע קלאסנ האָבנ געליטנ פונ דער „פרײַזנ־רעוואָלוציע" אונ וועלכע האָבנ אויסגעשפּילט?

וואָס האָט ארויסגערופנ די אנטוויקלונג פונ דער וווּכערײַ?

וואָס זײַנענ אזוינס די בירזשעס?

קאפיטל XII

דער קלאַסנקאמפ אינ דײַטשלאנד אונ אינ נידערלאנדנ אינ XVI יאָרהונדערט

די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פונ די לענדער אינ מײַרעוו-אייראָפּע און דער אײַנבראָכ פונ דער אלטער פעאָדאלער אָרדענונג איז אומעטום דורכגעגאנגענ אינ באדינגונגענ פונ שארפנ קלאסנקאמפ. כאראקטעריסטישע בײַשפּילנ פונ אַט דעמ קאמפ גיט אונדז דײַטשלאנד.

33. די רעפאָרמאציע אינ דײַטשלאנד

די ווירטשאפטלעכע אָפּשוואכונג פונ דײַטשלאנד

אינ דײַטשלאנד פארפלעכט זיכ אינ אָנהייב XVI יאָרהונדערט א קאָמפּליצירטער קנופּ פונ קלאסנ-צוזאמענשטויסנ. די שארפקײַט פונ די דאָזיקע צוזאמענשטויסנ האָט זיכ נאָכ מער פארשטארקט איבער דײַטשלאנדס ווירטשאפטלעכער יערידע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ דעמ דאָזיקנ יאָרהונדערט. וואָס האָט ארויסגערופנ די דאָזיקע יערידע?

דאָס ווירטשאפטלעכע לעבנ פונ דײַטשלאנד איז געווענ ענג פארבונדנ מיט איטאליע אונ מיט די האנדל-וועגנ, וואָס האָבנ געפירט פונ צאָפנ צו דאָרעמ-אייראָפּע. דאָס, וואָס די האנדל-וועגנ האָבנ זיכ איבערגערוקט פונעמ מיטללענדישנ יאמ צומ אטלאנטישנ אָקעאַנ, אונ די וויכטיקסטע האנדל-צענטרעס — פונ איטאליע אינ שפּאניע, אינ נידערלאנדנ אונ אינ ענגלאנד — דאָס אלצ האָט אונטערגעריסנ דײַטשלאנדס ווירטשאפטלעכע מאכט. פונ דער צײַט אָנ בלײַבט דײַטשלאנד אָנ א זײַט פונ די הויפּט-וועגנ פונ דעמ אינטערנאציאָנאלנ האנדל אונ פונ דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג.

די ווירטשאפטלעכע אָפּשוואכונג פונ דײַטשלאנד האָט געשטערט, עס זאָל פּאָליטיש פארייניקט אונ פארוואנדלט ווערנ אינ א אייניקײַטלעכער מעלוכע מיט א שטארקער צענטראלער מאכט (ווי אינ פראנקרײַכ, ענגלאנד, שפּאניע אונ אינ אנדערע לענדער). דײַטשלאנד איז געבליבנ צעשפּליטערט אָפּ א רײַ פּאקטיש אומאָפּהענגיקע פירשטנטומס (וועלטלעכע אונ גײַסטלעכע), וואָס זײַנענ נאָר נאָמינעל געווענ פארייניקט דורכ דער שוואכער אימפּעראטערישער מאכט. די ווירטשאפטלעכע יערידע האָט פארשארפט אינ דײַטשלאנד אלע קלאסנ-ווידערשפּרוכנ, וואָס האָבנ זיכ אויסגעגאָסנ אינ א ברייטער אונ קאָמפּליצירטער באוועגונג, וועלכע אינ איר גרונט געווענ געווענדט קעגנ דער פעאָדאלער אָרדענונג. די דאָזיקע באוועגונג איז געווענ ענג פארבונדנ מיטנ קאמפ קעגנ דער קאטוילישער קירכע.

די רוימישע קירכע אונ די באציִונג צו איר מיצאר פארשיידענע קלאסנ

נאָכ אינ XI יאָרהונדערט האָט זיכ די רוימישע קירכע פארפעסטיקט, ווי א מעכטיקע אונ רײַכע אָרגאניזאציע, וואָס האָט פרעטענדירט אָפּ אנ אָנפירנדיקער ראָליע אינ דער פּאָליטיק פונ אייראָפּע. דער רוימישער פּויפּסט האָט זיכ פּראָקלאמירט אלס „גאָטס פארטרעטער אָפּ דער ערד", אלס העכסטער רעגירער פונ דער וועלט, וואָס זײַנ פלוכ איז בעקויעכ „צעווייענ מיטנ ווינט" די

קראַפט פונ יעדנ קיניג אָדער אימפּעראַטער. וואָס מער אָבער עס זײַנען געוואַקסנ אפ דער באַזע פונ דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג גרויסע „נאַציאָנאַלע" מעלוכעס (פראַנקרײַכ, ענגלאַנד, שפּאַניע אונ אנד.) אונ עס האָט זיכ פאַרשטאַרקט די צענטראַלע קיניגלעכע מאַכט, אַלץ ענערגישער האָט זי געשטרעבט צו באַפרײַענ זיכ פונעמ פּויפּסטס אַרײַנמישונג אינ אירע איניאָנימ.

באַזונדערס באַלעסטיקנדיק זײַנען געווענ די פאַרשיידענע שטײַערנ, וואָס די רוימישע קירכע פלעגט זאַמלענ פונ דער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג אינ אַלע לענדער פונ מײַרעוו-אייראָפּע. דער פּויפּסט האָט אײַנגעשטעלט א שטענדיקנ שטײַער — „דעמ אַלגעמײַנעמ מײַסער", דאָס הייסט, מע האָט אימ באַדאַרפט אָפּגעבנ א צענטכײלעק פונ דעמ גאַנצנ ברויט אונ פונ אַלע אַנדערע פּראָדוקטנ (דער ברויט-שטײַער האָט געהייסנ „גרויסער מײַסער", דער שטײַער פונ אַנדערע פּראָדוקטנ — „קלייִנער מײַסער"). שפּעטער איז צו דעמ מײַסער צוגעקומענ נאָכ א רײ אַנדערע שטײַערנ. אַכוץ דעמ פלעגנ די אָרטיקע גײַסטלעכע צאָלנ דעמ פּויפּסט קאָלאָסאַלע סומעס געלט בײַ יעדער געלעגנהײַט (בײַמ באַקומענ א גײַסטלעכע אַמט, בײַמ באַזוכנ רוימ אאַוו.).

די קיניגנ האָבנ גאָרניט געהאַט קעגנ אָט די אַלע שטײַערנ, זיי האָבנ נאָר געוואָלט, אַז דאָס געלט, וואָס ווערט אָפּגעזאַמלט פונ זייערע „אונטערטאַנענ", זאָל אַרײַנפאַלנ צו זיי אינ קעשענע, אונ ניט אינ ווײַטנ רוימ אַרײַנ. די פעאָדאַלנ, דער הויפּט די קלייִנע גוטבאַזיצער, וואָס האָבנ זיכ מיט מי צוגעפּאַסט צו דער אנטוויקלונג פונ די סכוירע-אונ געלט-פאַרהעלטענישנ אונ וואָס פלעגנ אָפּט רויִנירט ווערנ, האָבנ מיט גרויס קינע געקוקט אפ די קאָלאָסאַלע אונ רײַכע גיטער, וואָס האָבנ געהערט צו דער קירכע.

אָבער די גרעסטע סאָנימ פונ רוימ זײַנען געווענ די נײַע בורזשואַזיע אונ די עקספּלואַטירטע מאַסנ.

די בורזשואַזיע האָט מעקאַנע געווענ דעמ רײַכטומ פונ דער קירכע אונ, אַגעוו, האָט זי שטאַרק געליטנ פונ אירע שטײַערנ. די בורזשואַזיע טרוימט צו פאַרכאַפּנ די גיטער אונ רײַכטימער פונ דער קירכע, זי טרוימט אַלײנ נאָכ מער עקספּלואַטירנ דאָס „באַפרײַטע" פונ קירכע-שטײַערנ אַרבעטנדיקע פאָלק, באַפרײַענ זיכ פונ דער אַפּעטראָפּסעס פונ די גײַסטלעכע, וואָס פלעגנ זיכ אַרײַנמישנ אינ אַלע געביטנ פונ לעבנ. אונ צווישנ דער בורזשואַזיע טאַקע קומט פריִער פונ אַלץ אופ די שטרעמונג צו „רעפאָרמירנ" די קירכע, צו מאַכנ אויסבעסערונגענ „אינעמ קאָפּ אונ גלידער" פונ דעמ פוילנדיקנ אָרגאַניזמ פונ קאַטאָליציזמ.

די עקספּלואַטירטע מאַסנ האָבנ זיכ באַצויגנ מיט האַס צו דער רוימישער קירכע, ווי צו דעמ שטאַרקסטנ אָנשפּאַר פונ דער גאַנצער אָרדענונג פונ פעאָדאַלער אונטערדריקונג, ווי צומ באַגײַסטערער פונ יעדנ מינ צוואַנג, וואָס האָט געשטיקט יעטווידנ שפּור פונ אומאָפּהענגיקנ לעבנ אונ, ענלעכ, ווי צומ גרעסטנ רויבער פונ די אַרבעטנדיקע, וואָס האָבנ זיכ געצאַפּלט אינ דער נעץ פונ אומענדלעכע צאָלונגענ אונ שטײַערנ פאַר די גײַסטלעכע.

מיטנ וווּקס פונ די סכוירע-אונ געלט-פאַרהעלטענישנ ווערט די קאַטוילישע קירכע אַלץ מער זשעדנע אונ אַלץ ווייניקער אויסקלײַבעריש אינ מיטלענ. רוימ איז באַדעקט געוואָרנ מיט וווּנדערבאַרע פּאַלאַצנ אונ קלויסטערס, באַפּוצט פונ די

בעסטע קינסטלער, דער פויפסט און די אנדערע קירכנ-מאגנאטנ האבנ געלעבט אינ דורכויסיקע פארגעניגנס, אינ אומגעהערטנ לוקסוס. און קעדיי צו באפרידיקנ די אויסגעוואקסענע באדערפענישנ, ווערט די קירכע אלצ מער און מער ארײַנגעצויגנ אינ פארשיידענע ווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגענ, וואס פאדערנ גרויסע געלט-מיטלענ.

דער קירכע קלעקנ שוינ ניט די שטײַערנ און די האכנאסעס, וואס זי באקומט פונ אירע גיטער, פונ אירע הענדלערישע און וווכערישע אפעראציעס. זי פארברייטערט די אלטע און זוכט אויס נײַע האכנאסע-קוואלנ.

א וויכטיקער האכנאסע-ארטיקל איז געווענ דער האנדל מיט פארשיידענע „געטלעכע" טפילעס און מאפסימ. די זאכ איז אוועקגעשטעלט געווארנ אפ א קאמערציעלנ אויפנ: „אונדזער סכוירע — אײַער געלט". אפהענגיק פונ פרײַז, פלעגט מענ יעדערנ, ווער עס האט נאר געוואלט, פארקויפנ א באשטימטע פארציע טפילעס פונ פארשיידענעמ מינ אפנ יעדנ פאל פונ לעבנ און פונ טויט — מע פלעגט אימ מויכל זײַנ זײַנע זינד, מע פלעגט באווײַזנ אדער פארקויפנ פארשיידענע קאמייעס און אאוו. אייניקע מאנאסטירנ האבנ אפילע צוזאמענגעשטעלט ספעציעלע, אילוסטרירטע קאטאלאגנ פונ הייליקע ביינער און פונ אנדערע „הייליקע" זאכנ, צומבײַשפיל, אינ דעמ מאנאסטיר פונ „אלע הייליקע" אינ וויטענבערג (דײַטשלאנד) האט מענ פאר גוט געלט באווײַזנ די הויט פונ דעמ „מארטירער" ווארפאלאמייס פאנעמ, שטיקלעכ פונ יעזוס קריסטוסעס וויגעלע, צוויי הויפנס היי, אפ וועלכע ער איז געלעגנ, שטיקלעכ פאדעמ, מיט וועלכע די „גאטס-מוטער" האט גענייט, און אנדערע אזעלכע פאנטאסטישע זאכנ. צומ אופלעבנ דעמ האנדל האט מענ אויסגעטראכט נײַע הייליקע; אינ אנהייב XVI יארהונדערט, צומבײַשפיל, האט מענ אנגעהויבנ שטארק רעקלאמירנ גאטס „באבע", די „הייליקע" אנא, וואס צוויי גרויסע פינגער אירע האט מענ מאמענטאל פארקויפט פאר א גרויסער סומע.

די סאמע גאנגבארע סכוירע זײַנענ געווענ די ספעציעלע קסאווס „א קאפארע פאר די זינד" (אינדולגענציעס). אינדולגענציעס זײַנענ געווענ פונ פארשיידענע פרײַזנ: פאר גוט געלט האט מענ זיכ געקאנט אויסקויפנ ניט בלויז פונ אלע באגאנגענע זינד, נאר אויכ פונ אלע זינד, וואס וועלנ ווענ-ניט-איז באגאנגענ ווערנ. געוויינלעכ פלעגנ דער פויפסט און די בישאפנ איבערגעבנ דעמ האנדל מיט די אינדולגענציעס צו רײַכע וווכערניקעס און סאכרימ.

דער מאנאכ — דער אינדולגענציע-הענדלער — פלעגט אפהאלטנ א פרומע דראשע, לויבנדיק זײַנ „סכוירע", באלדעמ פלעגט זיכ אנהויבנ א לעבעדיקער האנדל מיט „קאפארעס פאר די זינד", און דאס געלט, וואס מע פלעגט אויסלייזנ, פלעגט צונעמענ איינער פונ די באנקירס אגענטנ, וואס פלעגנ אומעטומ נאכגייענ נאכ דעמ „גאטספארכטיקנ" מאגיד.

די פויפסטנ פלעגנ אכוצ דעמ באקומענ קאלאסאלע האכנאסעס פונעמ פארקויפנ הויכע גײַסטלעכע אמטנ. ווער עס פלעגט דערבײַ געבנ מער, יענער פלעגט ווערנ בישאפ אדער עלטסטער פונ א מאנאסטיר. קעדיי דעמ קויפער זאל זײַנ באקוועמער, האט מענ סאפ XV יארהונדערט אנגעהויבנ ארויסצולאזנ אינ רוימ עכטע פרײַזקוראנטנ אפ גײַסטלעכע אמטנ, אפהענגיק פונ זייער רענטאבלקײַט. די בישאפנ, ווידער, באשטײַערנדיק די באפעלקערונג, האנדלענדיק מיט די גאלאכישע אמטנ אינ די קירכנ-געמיינדעס, פלעגנ באקומענ צוריק הונדערט מאל אזויפיל געלט, וויפיל זיי האבנ אויסגעגעבנ אפ צו קויפנ זייער אמט. אינ דער שטאט מײַנצ האבנ זיכ פונ 1505 ביז 1513 יאר אומגעביטנ 3 בישאפנ, און יעדעס מאל איז די באפעלקערונג באשטײַערט געווארנ מיט א שטײַער פונ 30 טויזנט גולדנ. דער עלטסטער פונ דעמ סטראסבורגער מאנאסטיר האט זיכ אײַנגעשאפט הונדערט קירכנ-געמיינדעס און האט געפירט דערמיט א לעבאפטנ האנדל.

די גאלאכימ און די מאנאכנ האבנ פוסטעפאסעוועט, געפירט אנ אויסגעלאסנ לעבנ, געשיקערט און געפרעסנ. מענטשנ, וואס מע וואלט זיי ניט געטארט, ווי איינער א שרײַבער פונ יענער צײַט דריקט זיכ אויס, „אנטרויענ כאזיירימ פאשענ", זײַנענ געווענ גענוג גוט

צו זײַנ „גײַסטלעכע פּאַסטעכער". מיטנ װוּקס פונעם רײַכטום פונ דער קירכע האָט זיכ פאַרמערט די צאָל פאַרברעכנס, װאָס עס פלעגנ באַגײנ די פּאַראַזיטישע גײַסטלעכע, װעלכע זײַנענ געשטאַנענ אױבער די געװײנלעכע געזעצנ פונ לאַנד. אַשטײגער, מישפּעטנ אַ אַ „קלערק", װאָס געהערט צומ קלער, הײַ. צו די גײַסטלעכע האָבנ געקאָנט בלױז ספּעציעלע „גײַסטלעכע געריכטנ".

ליוטערס אַרױסטרעטונג

מער פונ אַלצ האָט פונ די שטײַערנ געליטנ דײַטשלאַנד. די רױמישע קירכע האָט אױסגענוצט די פאַרהעלטניסמעסיקע שװאַכקײַט פונ דײַטשלאַנד, װאָס האָט זיכ דערקלערט מיט זײַנ פּאָליטישער צעשפּליטערטקײַט. די שטאַרקערע מעלוכעס — ענגלאַנד, פראַנקרײַכ אונ שפּאַניע, האָבנ, ניט אײַנרײַסנדיק מיטנ קאַטאָליציזמ, פּאַקטיש באַװיזנ אָראָפּװאַרפנ פונ זיכ דעמ פּױפּסטנ־יאָכ.

„װאָס װאָלט געװאָרנ מיטנ רױמישנ טראָנ, װענ דײַטשלאַנד װאָלט אױפגעהערט צו צאָלנ?" פרעגט דער פּױפּסט פּ י ו ס II אונ ענטפערט דערױפ אַלײנ:

„ער װאָלט אַרײַנגעפאַלנ אינ האַלעמ אונ אָרעמקײַט". דער סאַמע ליעבעדיקער האַנדל מיט אינדולגענציעס איז אָנגעגאַנגענ גראָד אינ דײַטשלאַנד אונ דערפאַר פלעגט מענ דאַנ זאָגנ, אַז „רױמ בױט זיכ אױפ די דײַטשישע זינד".

מארטינ ליוטער

די פאַרשאַרפונג פונ די קלאַסנ־װידערשפּרוכנ אינ דײַטשלאַנד פונ XVI יאָרהונדערט, דער פאַרשטאַרקטער קאַמפּ קעגנ די פעאָדאַלע פּאָראַנדקעס, די נעגאַטיװע באַציִונג מיצאַד פאַרשײדענע קלאַסנ צו דער רױמישער קירכע, די שטײַערנלאַסט, װאָס דאָס פּױפּסטנטומ האָט אָנגעװאָרפנ אױפנ לאַנד, — אָט דאָס זײַנענ די גרונט־סיבעס פונ דער דײַטשישער רעפאָרמאַציע.

אינ 1517 יאָר איז אינ װיטענבערג דער געלערנטער טעאָלאָג מ אַ ר ט י נ ל י ו ט ע ר (1483—1546 י.) אױפנ אַרױסגעטראָטנ קעגנ דעמ האַנדל מיט אינדולגענציעס. די דאָזיקע אַרױסטרעטונג איז געװענ אַ שטױס צו אַ ברײטער באַװעגונג קעגנ דער רױמישער קירכע.

צומ אָנהײב האָט ליוטער געהאַלטנ, אַז דער רױמישער פּױפּסט איז ניט שולדיק אינ די אַלע מיסברױכנ אונ רױבערײַענ פונ די גאַלאָכימ אונ מאָנאַכנ, אָבער גאַנצ גיכ האָט ער זיכ איבערצײַגט, אַז ס'איז פּונקט פאַרקערט. שטיצנדיק זיכ אױפ דער הילפ פונ אײנעמ פונ די שטאַרקסטע דײַטשישע פירשטנ — דעמ קורפירשט פונ זאַקסנ — אונ זעענדיק דעמ מיטגעפיל פונ דער מערהײַט באַפעלקערונג פונ לאַנד, האָט ליוטער אָנגעהױבנ רופנ דערצו, אַז מע זאָל זיכ װאַרפנ מיט געװער אינ די הענט אױפ די „פּאַרדאַרבער", די קאַרדינאַלנ אונ פּױפּסטנ, אױפ אָט דער גאַנצער קנופּיע פונ רױמישנ סדױמ * אונ אָפּװאַשנ די הענט אינ זײער בלוט". ער האָט

געפאָדערט, אַז מע זאָל אָפּנעמענ די וועלטלעכע מאַכט בא דעמ פּויפּסט, בא אָט דעמ „נישטיקנ, איפּעשדיקנ זינדיקער”, מע זאָל אָפּשאַפנ די פּריווילעגירטע לאַגע פונ די גײַסטלעכע, און די קירכע-געמיינדע זאָל זיך אליינ אויסוויילנ „גײַסטלעכע אָנפירער”, מע זאָל פאַרניכטנ דאָס מאָנאַכנטומ — אָט די באַנדע „מעשוגענע הייליקע”, און מע זאָל אָפּשאַפנ די מערהײַט קלויסטער-צערעמאָניעס.

ליוטערס אַרויסטרעטונג איז געווענ ווי אַ פונק אינ אַ פּולווער-קעלער. ליוטער איז בעשומויפּנ ניט געווענ קיינ רעוואָליוציאָנער. אויסדריקנדיק די אינטערעסנ פונ די פירשטנ און פונ דער גרעסערער בורזשואַזיע, איז ער געווענ געשטימט מעסיק און טאָלעראַנט און האָט גאַנצ שנעל אליינ זיך אָפּגעזאָגט פונ די מער אַנטשיידענע און ראַדיקאַלע פאָדערונגענ זײַנע. דער סיגנאַל איז אָבער געגעבנ געוואָרנ, — עס האָבנ זיך אָנגעהויבנ שאַרפע אַרויסטרעטונגענ קעגנ דעמ פּויפּסט און קעגנ דעמ קאַטאָליציזמ ביכלאַל. „אַ מאַלפּע אָנגעטאָנ אינ פּורפּור”, „דער פּויפּסט און זײַנע נעוויילע-פּרעסער” — אָט וויאַזוי מע הייבט איצט אָנ אָפּצורופנ זיך אינ דײַטשלאַנד וועגנ דעמ „הייליקנ” „פאַרטרעטער פונ קריסטוסנ”. עס באַווײַזט זיך אַ מאַסע וואַנדערנדיקע פּריידיקער, וואָס רופנ צו אַנ אויפשטאַנד קעגנ רוימ.

אויפגעבראַכטע האַמוינימ האַנטווערקער און פּויערימ רײַסנ זיך אַרײַנ אינ די מאָנאַסטירנ, ברעכנ די הייליקע בילדער און די קלויסטער-צירונג און טרײַבנ אַרויס די מאָנאַכנ. דערבײַ זינגענ די געזעלנ לידלעך, אַשטייגער אַזאַ לידל:

„מיר ווילנ גאָט בעטנ,
גאָט, ווײַז אונדז דײַנ גנאָד!
דערלויבנ די פּאָפּעס צעטרעטנ,
גאָט, ווײַז אונדז דײַנ גנאָד!”

אינ איר ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג צעפאַלט זיך שאַרף די רעפאָרמאַציע-באַוועגונג אויף צוויי שטרעמונגענ: אַ מעסיקע שטרעמונג, מיט ליוטערנ אינ דער שפּיץ, און אַ מער קאָנסעקווענטע און אַנטשיידענע שטרעמונג, — די „פאָלקס-רעפאָרמאַציע”.

די פירשטנ און די גרויס-בורזשואַזיע באַנוגענענ זיך מיט אָפּנעמענ דאָס קלויסטער-פאַרמעגנ, מיט באַפרײַענ זיך פונ רוימישנ יאָך און מיט אײַנשטעלנ די ליוטערישע גלויבנס-לערע (וועגנ דעמ זע ווײַטער), וואָס אַנטשפּרעכט אינגאַנצנ זייערע באַדערפענישנ.

די פאָלקס-רעפאָרמאַציע

די פאָלקס-רעפאָרמאַציע, וואָס איז געווענ געווענדט קעגנ דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, האָבנ געשטיצט די ניט רײַכע שטאָט-בירגער (די קליינע האַנטווערקער און הענדלער), די געזעלנ, די אַרבעטער און די ברייטע מאַסנ פּויערטומ.

„ליוטער איז אַ שלעכטער רעפאָרמאַטער!” — האָט דערקלערט אייגער פונ די גרעסטע און סאַמע עקסטרעמע פירער פונ דער פאָלקס-רעפאָרמאַציע ט אָ מ אַ ס

---

* סדומ און עמורה — לעגענדאַרע שטעט, וואָס ווערנ דערמאָנט אינ דער ביבל, וועלכע זײַנענ באַשטראָפט געוואָרנ פאַר אַנ אויסגעלאַסענער אַרט לעבנ.

 404—13

מ י ו נ צ ע ר — „קעמפן קעגן דער מאכט פונעם פויפסט, ניט אנערקענען דעם האנדל מיט מויכל זײַן זינד, די שיווע מעדורע געגעבן, די העספּיידים און אנ־דערע מיסברויכן, — הייסט דורכפירן די רעפאָרמאַציע בלויז אַפּ אַ העלפט. אויב ניט גיין ווײַטער פון אָנפאַלן אַפּ די גאלאָכים אָדער מאָנאכן וואָלט אײַנגאַנצן ניט געלוינט צו נעמען זיך פאַר דעם איניען".

דער איניען איז אָבער „אַוועק ווײַטער": אין דײַטשלאַנד צעפלאַקערט זיך אײַן אופשטאַנד נאָכן אַנדערן.

אַלס איניציאַטערס זײַנען ארויסגעטראָטן די וועבער פון די אינדוסטריעלע שטעט צוויקאו און וויטענבערג, וועמען די רײַכע געוואַנט־הענדלער האָבן שרעק־לעך עקספּלואַטירט. די צוויקאַוער געזעלן און אַרבעטער האָבן אַקטיוו געשטיצט מיונצערס פּריידיקונג, וואָס האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם קאַמף קעגן רוים, נאָר וואָס האָט געפאָדערט אַן אַנטשײדענעם קאַמף קעגן די גווירים — די עקס־פּלואַטאַטערס. צעטיילן די רײַכטימער צווישן די אָרעמעלײַט און פּאַרניכטן יעט־ווידער פאַרמעגנ־אומגלײַכהײַט — אָט וואָס מיונצער און זײַנע באַווײַרים האָבן געוואָלט.

די באַוועגונג האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אין אַנדערע שטעט און האָט זיך שנעל צעוואָקסן, אַרויסרופנדיק שרעק ניט בלויז בײַ די קאַטאָליקער, נאָר אויך בײַ ליוטערס מעסיקע אָנהענגער. אויפרעקנדיק ליוטערס קלאַסנ־נאַטור, האָט מיונצער געשריבן: „זײַ דאַנקבאַר (פאַר דײַנע דערפאָלגן) דעם דײַטשישן אַדל, וועמען דו האָסט אַזוי פלײַסיק באַשמירט די ליפּן מיט האָניק; וואָרעם דער אַדל טרוימט נאָר וועגן דעם, אַז דו מיט דײַן פּריידיקן וועסט אים געבן מאָנאַסטירן און גיטער".

דער ריטערנ־אופשטאַנד

די קלאַסן־שלאַכטן זײַנען שטורמיש געוואָקסן. אין 1521 יאָר האָט זיך צעפלאַקערט אַן אופשטאַנד פון דעם קליינבאַזיצע־רישן ריטערטום, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן די גרויסע און דערהויפּט די קירכלעכע פירשטן.

דאָס איז געווען אַ באַוועגונג פון די קליינע פּאַראָרעמטע פּריצים, וואָס האָבן ניט באַוויזן זיך צופּאַסן צו די נײַע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען. די ריטערס האָט אָבער קיינער ניט געשטיצט — ניט די פּויערים, וועמען זיי האָבן עקספּלואַ־טירט, ניט די שטאָטבירגער, וועמען זיי פלעגן באַרויבן. די פירשטלעכע אַרטילע־ריע האָט אַראָפּגעריסן די ווענט פון די אַמאָל ניט־צוטריטלעכע ריטער־שלעסער. דער אופשטאַנד איז גיך דערשטיקט געוואָרן.

שווערער איז געווען בײַצוקומען די מעכטיקע פּויערשע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1524 יאָר און וואָס איז באַוווּסט אונטערן נאָמען די גרויסע פּויערשע מילכאָמע.

פ ר א ג ע ס:

וואָס האָט אַרויסגערופן די ווירטשאַפטלעכע יערידע פון דײַטשלאַנד אין XVI יאָרהונדערט?

פאַרוואָס האָט דײַטשלאַנד מער ווי אַלע געליטן פון דער באַרײַסערײַ פון רוים, און אין וואָס האָט זיך דאָס אויסגעדריקט?

ווי האָט זיך אָנגעהויבן די רעפאָרמאַציע־באַוועגונג קעגן רוים?

וואָס איז אזוינס די „פּאָלק־רעפאָרמאַציע" און וואָס האָבן זיך געוואָלט הער־שלאָגן די פירער אירע?

וואָסערע צילן האָט זיך געשטעלט דער ריטערן־אויפשטאַנד און מיט וואָס האָט ער זיך געענדיקט?

34. די גרויסע פּויערים־מילכאָמע

די לאַגע פון די פּויערים אין דײַטש־לאַנד אין אָנהייב XVI יאָרהונדערט

אין דײַטשלאַנד, ווי ס'איז אונדז שוין באַוווּסט, איז אין XIII—XIV יה. פאָרגעקומען די „באַפרײַונג" פון די פּויע־רים פון פּערזענלעכער לײַבקנעכטשאַפט.

אָבער סאָף XV יאָרהונדערט, אונטער דער ווירקונג פון דער ווירטשאַפטלעכער יערידע, און פון דעם קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זיך דער דאָזיקער פּראָצעס לעכאַטכילע אָפּגעשטעלט און דערנאָך זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק. עס האָט זיך ווידער אָנגע־הויבן די נײַע פאַרקנעכטונג פון די פּויערים, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין גע־רעדט. די לײַבקנעכטשאַפט ווערט איצט נאָך שווערער ווי געווען.

אַט ווי פ. ענגעלס שילדערט אונדז די לאַגע פון דעם דײַטשישן פּויערטום צום אָנהייב פון די 1500־ער יאָרן:

„אויפן פּויער איז געלעגן מיט איר גאַנצער לאַסט די יעראַרכיע (קלאַסן־סיס־טעם) פון דער געזעלשאַפטלעכער געבײַדע: די פירשטן, דער אַדל, די פּויפּסטן, די פּאַטריציער (די גווירים, די סאָכרים און די וווּכערניקעס), די שטאָטישע בור־זשואַזיע (דאָס מיטעלע סאָכרימטום און די האַנטווערקערישע מײַסטערס).

האָט דער פּויער געהערט צו אַ פירשט, צו אַ ריטער, צו אַ מאָנאַסטיר אָדער צו אַ שטאָט, אַלצײַנס איז מען זיך מיט אים אומעטום באַגאַנגען ווי מיט אַ געגנשטאַנד אָדער אַ לאַסט־בעהיימע, אָדער נאָך ערגער. אויב ער איז געווען אַ לײַבייגענער, האָט ער זיך געפונען פולשטענדיק אונטערן יאָך פון זײַן האַר, אויב ער איז געווען אַן אָפּהענגיקער,* זײַנען בלויז די געזעצלעכע, אײַנגעשטעלטע אײַן אָפּמאַך פליכטן געווען גענוג צו דערשטיקן אים; אָבער די דאָזיקע פליכטן האָבן זיך פאַרמערט פון טאָג צו טאָג. דעם גרעסטן טייל פון זײַן צײַט האָט ער גע־מוזט אַרבעטן אויף דער ערד פון זײַן האַר און דערפון, וואָס אים פלעגט געלינגען אויסצואַרבעטן אין פאַרלויף פון די ווייניקע פרײַע שעהן, האָט ער געמוזט אויס־צאָלן מײַסער, לײַב־געלט, מילכאָמע־טשינש, אָרטיקע און אַלגעמײַן־אימפּעריש שטײַערן. ער האָט ניט געקאָנט ניט כאַסענע האָבן, ניט שטאַרבן, ער זאָל ניט דאַרפן צאָלן זײַן האַר. אַחוץ דער געוויינלעכער פאַנשטשינע האָט ער נאָך געמוזט אויפקלײַבן פאַר זײַן האַר שטרוי, פאַרטרײַבן בייסן געיעג פייגל און כײַעס, האַקן האָלץ אאַוו. דאָס רעכט פון פישפאַנג** און געיעג האָט געהערט דעם פּאָרעץ, און דער פּויער איז געווען געצוווּנגען רויִק צוצוקוקן ווי די פייגל און כײַעס פאַרניכטן זײַן גערעטעניש.

---

* פּערזענלעך אַ פרײַער, אָבער אַ פאַרבונדענער מיט אַ גאַנצער רײ פליכטן פאַרן באַ־נוצן זיך מיט דער ערד, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַן אייגנטום פונעם פּאָרעץ.

** דער באַזיצער פון איינעם אַ ריטער־שלאָס האָט אין 1494 יאָר געקעפּט אַ פּויער דערפאַר, וואָס יענער האָט געכאַפּט בײַ אים אין סאַזשאַלקע עטלעכע ראַקעס.

די געמײנדע־ערד און די װעלדער פונ די פויערימ האבנ די פריצימ קימאט אומעטומ מיט געװאלד צוגענומענ און זײער װירקלעכע מאכט האט זיכ פארשפרײט ניט בלויז אופנ אײגנטומ פונעמ פויער, נאר אויכ אופ זײנ פערזענלעכקײט און אופ דער פערזענלעכקײט פונ זײנ פרוי און זײנע טעכטער.

דער האר האט אינ יעטװידנ מאמענט געקאנט ארײנװארפנ דעמ פויער אינ א טורמע, װי מע האט אימ געפײניקט. דער האר האט געשלאגנ דעמ פויער ביז צומ טויט און, אויב ער האט געװאלט, האט ער געקאנט באפוילנ צו קעפנ דעמ פויער.

און װער װאלט געקאנט ארויסהעלפנ דעמ פויער? אינ די געריכטנ זײנענ געזעסנ באראנענ, גאלאכימ, פאטריציער אדער יוריסטנ, װאס האבנ גוט געװוסט, פארװאס זײ באקומענ געלט. װארעמ אלע אפיציעלע שטאנדנ פונ דער אימפעריע (די אדעליקע, די גאלאכימ, די בורזשואזיע) האבנ געלעבט אופנ כעזשבנ פונ עקספלואטירנ די פויערימ".

אײנער פונ יענער צײט רעדט װעגנ „פיר גאזלאנימ". װאס האבנ באזונדערס געפליקט דאס דײטשישע פויערטומ. די דאזיקע גאזלאנימ זײנענ געװענ: די ריטערס (די קלײנע פריצימ), די גאלאכימ, די סאכרימ און די געלערנטע יוריסטנ.

אכוצ די געװײנלעכע פליכטנ פארנ פארעצ האבנ נאכ די גאלאכימ געפאדערט פונ די פויערימ קאלערליי ספעציעלע שטײערנ פאר דער קירכע. פארײניקנדיק זיכ אינ קאמפאניעס, פלעגנ די סאכרימ אופקויפנ האלב אומזיסט די לאנדװירטשאפטלעכע פראדוקטנ און אינ דער זעלבער צײט אופבלאזנ די פרײזנ אופ די אינדוסטריעלע סכוירעס, װאס זײנענ נײטיק דעמ פויער. די זעלבע סאכרימ זײנענ אויכ געװענ װוכערניקעס, װאס האבנ „געשונדנ און געריסנ די הויט פונ די פויערימ". די יוריסטנ, װאס פלעגנ באגרינדנ מיט געזעצנ קאלערליי אומרעכט, פלעגנ ארויסרופנ צו זיכ א שארפנ האס מיצאד די ארבעטנדיקע.

ליוטער האט געשריבנ װעגנ די װוכערניקעס, אז זײ קאנענ, אפהענגיק פונ זײער רײכטומ, אינ פארלויפ פונ א יאר „אופרעסנ" א פויער, א ריטער אדער אפילע א רײכנ פירשט. „און עס דראעט אימ ניט (דעמ װוכערניק) פאר דעמ קײנ שומ געפאר, — ניט פאר זײנ לעבנ, ניט פאר זײנ פארמעגנ; ער ארבעט נימ, זיצט הינטערנ אויװנ; און דער דאזיקער שטילינקער גאזלענ קאנ, זיצנדיק אינ דער הײמ, אינ פארלויפ פונ 10 יאר אופרעסנ א גאנצע װעלט".

שטרעבנדיק צו באפרײענ זיכ פונ דער שרעקלעכער אונטערדריקונג, װאס איז מיט דער צײט געװארנ אלצ מער און מער אומדערטרעגלעכ, האבנ די פויערימ סאפ XV און אנהײב XVI יה. אופגעהויבנ א רײ אופשטאנדנ.

פונ די גרעסערע אופשטאנדנ װעלנ מיר דערמאנענ װעגנ דער פויערשער באװעגונג פונ 1493 יאר אינ די מײרעװ־געגנטנ פונ דײטשלאנד, װאס איז באװוסט אונטערנ נאמענ — דער אופשטאנד פונעמ „קאמאש". א קאמאש, צומ אונטערשייד פונ ריטערישנ שטיװל, איז געװענ דאס געװײנלעכע שוכװארג פונעמ פויער און איז געװענ אויסגעמאלט אופ די פאנענ פונ די אופגעשטאנענע. דער דאזיקער אופשטאנד, פונקט װי די באװעגונג פונ דעמ בונד פונ „ארעמענ קאנראד" (לויטנ נאמענ פונ אײנעמ פונ די פירער פונעמ בונד) אינ 1514 יאר אינ שװאביע, איז אנ באזונדער מי דערשטיקט געװארנ.

דאס זײנענ אבער געװענ בלויז די אנזאגער פונ דער גרויסער מילכאמע.

דער אָנהייב פונעמ אופשטאנד

דער אופשטאנד איז אויסגעבראָכנ אינ 1524 יאָר קימאט איינצײַטיק אינ עטלעכע עקנ דײַטשלאנד. לעכאטכילע האָבנ די פויערימ ניט באנוצט קיינ געוואלדטאט אונ האָבנ בלויז ארויסגעשטעלט די פּעאָדאלנ אונ סאָכרימ זייערע פאָדערונגענ. מע האָט זיי אויסגעלאכט.

אינ דער שטאָט אולמ, ווו עס האָבנ זיכ אופגעזאמלט פויערשע פארשטייער פונ איינער פונ די געגנטנ, האָט דער בורגמײַסטער אזוי געזאָגט: „איר, פויערימ, זײַט ווי די זשאבעס פרילינג־צײַט: קלײַבנ קלײַבנ זיי זיכ אופ געדיכט, קוואקענ הויכ ביז עס קומט דער באָטשאנ אונ פרעסט זיי אופ. אזוי איז אויכ מיט אײַכ: איר ליארעמט, איר ליארעמט ביז עס וועלנ ניט קומענ די פריצימ אונ וועלנ אײַכ ניט אויסהארגענענ"...

אינ א וואָכ ארומ האָבנ זיכ שוינ אינ אולמ אופגעזאמלט בא 30 טויזנט פויערימ. אונ ווענ די שליכימ פונ די פעאָדאלנ זײַנענ געקומענ אפ אונטערהאנדלונגענ, האָבנ זיי „ניט ווילנדיק געמוזט צוהאלטנ זייערע פערד, ניט האָבנדיק די דרייסטקײַט ארײַנצופאָרנ אינ אזא מאסע". ס'האָט ווירקלעכ אויסגעזענ, אז דאָס מאָל זײַנענ די „זשאבעס גרייט אופצופרעסנ דעמ באָטשאנ".

מיט די אונטערהאנדלונגענ האָבנ זיכ די פויערימ געאַרניט דערשלאָגנ אונ זיי זײַנענ ארויסגעטראָטנ מיט געווער אינ די הענט. באוואָפּענענדיק זיכ מיט וואָס עס האָט זיכ נאָר געמאכט אונטערנ האנט, האָבנ זיי זיכ אופגעזאמלט אינ אָטריאדנ, וואָס פלעגנ רויִבירנ די פריצישע אונ מאָנאסטירישע הויפנ, אנוואָרפנדיק א שרעק אפ די פעאָדאלנ. די פויערימ האָט מיטגעפילט אונ אָפט אויכ מיטגעהאָלפנ די שטאָטישע אָרעמשאפט; אפ זייער זײַט זײַנענ אפילע אריבער איינצלנע ריטער. די פויערימ האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו פארכאפּנ עטלעכע שטעט.

די פאָדערונגענ פונ די פויערימ

וואָס האָבנ די אופגעשטאנענע זיכ געוואָלט דערשלאָגנ? אינ באזונדערע ראיאָנענ פונ לאנד האָבנ די פויערימ ארויסגעשטעלט פאָדערונגענ, וואָס שיידנ זיכ עטוואָס אונטער איינע פונ די אנדערע.

מע קאָנ אונטערשיידנ 3 הויפּט־ראיאָנענ פונעמ אופשטאנד. דער ד אָ ר ע מ־ד י ק ע ר (שוואביע) איז געווענ א ראיאָנ פונ א ריינ פויערשער באוועגונג, וואָס איז געווענ געווענדט הויפּטזאכלעכ קעגנ דעמ צוריקער צו דער לײַבקנעכטשאפט אונ ביכלאל קעגנ אָט דער גאנצער אומדערטרעגלעכער עקספּלואטאציע, וועגנ וועלכער מיר האָבנ גערעדט.

גאָר א באזונדער באדײַטונג האָט געהאט די ערד־פראגע: דער קאמפּ פאר דער ערד, וואָס די פריצימ האָבנ זיכ צוגעייגנט. דער באלעגופ, ווידער, האָט געקעמפט קעגנ דעמ פעאָדאל — זײַנ קאָנקורענט אפנ סכוירע־מארק — פאר דער פרײַהײַט פונ האנדל אונ פאר דער פרײַהײַט צו עקספּלואטירנ זײַנע דארפלײַט, וואָס דערינ שטערנ אימ די פריצימ אונ די וווּכערניקעס. אינעמ צ ע נ ט ר א ל נ ר א י אָ נ (אינ פראנקאָניע) האָבנ די פויערימ געהאט אלס פארבינדעטנ דאָס שטאָטישע קליינבירגערטומ. עטוואָס צ אָ פּ נ ד י ק ע ר, אינ טיורינגענ, האָט די באוועגונג אָנגענומענ דעמ סאמע שאַרפנ אונ אנטשיידענעמ כאראקטער, אדאנק דער אונטערשטיצונג פונ די בארגארבעטער אונ פלעבייִשע (אָרעמסטע) שיכטנ שטאָטבירגער.

לאָמיר פאַרגלײַכנ די פאָדערונגענ פונ די אופשטענדלער אינ פאַרשײדענע ראַיאָנענ. מיר וועלנ אָנהייבנ פונ דער מעסיקער פויערשער שוואַביע. אָפשאַפנ די פאַנשטשינע, פאַרקלענערנ דאָס לײַבגעלט, צוריקערנ די געמײנדע־ערדנ, געבנ דאָס רעכט אַפ יאַגד אונ פישפאַנג, — אָט דאָס זײַנענ געווענ די מער אַלגעמײנע פאָדערונגענ פונ די פויערימ.

„די פויערימ ווילנ, — שרײַבט אײנער פונ יענער צײַט, — ערשטנס, געהערנ בלויז צו קריסטוסנ אונ ניט האָבנ איבער זיכ קײנ שומ אַנדערע הארנ; צווייטנס, זאָגנ זיי זיכ אָנטשיידנ אָפ פונ יעטווידער פאַנשטשינע אונ ווילנ ניט געבנ ניט קײנ הינער צומ קאַרנאַוואַל, ניט דעמ קלײנעמ מײַסער; זיי טײַנענ, אַז דאָס ווידערשפּרעכט אינגאַנצנ דער ברידערלעכער ליבע, אונ אַז קײנ אײנ טעקסט פונ יעוואַנגעליע רעדט ניט וועגנ אַזעלכע פאַרפליכטונגענ; דריטנס, ווילנ זיי אַפילע ניט הערנ פונ קײנ שומ שטײַערנ, טשינשנ אונ לײַבגעלט; פערטנס, דאַרפנ, לויט זייער מײנונג, אַלע טײַכ־וואַסערנ, אַלע וועלדער, אַלע פויגלענ אונ בײמער איבערגעגעבנ ווערנ אינ פולסטנ רעשומ פונ אַלעמענ, ווײַל דאָס אַלצ איז באַשאַפנ געוואָרנ צומ גונסטנ פונ אַלע מענטשנ".

טאָמאַס מיונצער

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש אינ די געבראַכטע ווערטער דאָס באַרופנ זיכ אַפנ יעוואַנגעליומ, אַפ קריסטוסנ, אאַז"וו. מיר ווייסנ שוינ, אַז די רעליגיע האָט אינ יענער צײַט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג. דעריבער טאַקע זײַנענ די לאָזונגענ פונ דעמ פויערימ־אופשטאַנד, ווי אויכ פונ דער מערהײַט אַנדערע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגענ פונ יענער עפּאָכע, געווענ אײַנגעהילט אינ אַ רעליגיעזער פאָרמ. די פויערימ האָבנ זיכ באַמיט אונטערצושטיצנ זייערע פאָדערונגענ, באַרופנדיק זיכ אַפ די „הייליקע שריפטנ", אונ אַפ די זעלביקע „הייליקע שריפטנ" האָבנ זיכ אויכ געשטיצט די אַדעליקע, דערשטיקנדיק אַנ ראַכמאָנעס די אופשטאַנדנ. אינ אַזאַ מינ פאָרמ איז אויכ געווענ צוזאַמענגעשטעלט דער מאַניפעסט פונ די פויערימ—די אופשטענדלער—די באַרימטע „צוועלפ אַרטיקלענ", וואָס זײַנענ דערשינענ אינ פעוראַל 1525 י. (דער אויבנ געבראַכטער פראַגמענט שטעלט מיט זיכ פאָר אַ קורצנ סאַכאַקל פונ די אַלגעמײנע פאָדערונגענ פונ די „צוועלפ אַרטיקלענ"). ווענדנדיק זיכ צו די עקספּלואַטאַטערס, האָבנ די פויערימ אַזוי געשריבנ: „איר דאַרפט זיכ צוײַלנ באַפרײַענ אונדז פונ אונטער דעמ יאָכ פונ דער לײַב־שקלאַפערײַ. אָדער דערווײַז אונדז פונעמ יעוואַנגעליומ, אַז מיר זײַנענ מעכויעוו צו פאַרבלײַבנ שקלאַפנ".

אינ פראַנקאָניע, אונטערנ דרוק פונ דער שטאָטישער בורזשואַזיע, זײַנענ די רײנ פויערשע פאָדערונגענ געוואָרנ נאָכ מער מעסיק, דערפאַר איז אָבער דאָ אַרויסגערוקט געוואָרנ דער פּראָיעקט צו פאַרוואַנדלענ דאָס צעשפּליטערטע דײַטש־

לאנד אינ א אײנהײטלעכער מעלוכע מיט א אײנהײטלעכער געלט-סיסטעמ, אפשאפנדיק די באגרעניצונגענ אינ האנדל אונ געווערבנ, אײנצוימענדיק די גוואלדטאטנ פונ די פעאָדאַלנ, אויסגלײכנדיק אלע מענטשנ פארנ געזעצ אונ אײנפירנדיק א אײנהײטלעכנ געריכט. גלײכצײטיק האָט מענ דאָ געפאָדערט צו באגרענעצנ די האנדל-מאָנאָפּאָלנ אונ די וווכערײ.

אינ טיורינגענ איז אײנער פונ די פירער פונ דעמ אויפשטאנד געווענ ט אָ מ א ס מ י נ צ ע ר. „בלויז אינ טיורינגענ, — שרײבט ענגעלס, — אונטערנ דירעקטנ אײנפלוס פונ מינצערנ, אונ אינ אײניקע אנדערע ערטער אונטערנ אײנפלוס פונ זײנע טאלמידימ, איז דער פלעבײִשער טײל פונ די שטעט געווענ אזוי מיטגעצויגנ מיטנ אלגעמײנעמ רעוואָליוציאָנערנ שטורעמ, אז דער עמבריאָנאלער פּראָלעטארישער עלעמענט האָט אפ א געוויסער צײט באקומענ אינ אימ אנ איבערוואָג איבער אלע איבעריקע פאקטערס פונ דער באוועגונג".

„מינצערס פּאָליטישע פּראָגראמ, — זאָגט ענגעלס, — איז געווענ זײער נאָענט צומ קאָמוניזמ. די דאָזיקע פּראָגראמ האָט מיט זיך פארגעשטעלט... א געניִאַלע פאָרויסזעונג פונ די באדינגונגענ פאר דער באפרײַונג פונ די קוימ אנטשטאנענע דאנ... פּראָלעטארישע עלעמענטנ... אונטער גאָטס קיניגרײַך האָט מינצער פארשטאנענ אזא געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, אינ וועלכער עס זײנענ שוינ ניטאָ ניט קײנ קלאסנ-אונטערשײדנ, ניט קײנ פּריוואט-אײגנטומ, ניט קײנ אומאָפּהענגיקע פונ די מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט אונ פרעמדע פאר זיי מעלוכישע מאכט. אלע עקזיסטירנדיקע מאכטנ, אפ וויפל זיי ווארפנ זיך ניט אונטער דער רעוואָליוציע אונ שטייענ ניט צו צו איר, דארפנ אראָפּגעשלײדערט ווערנ".

די אנטוויקלונג אונ דער סאָפ פונעמ אויפשטאנד

די פעאָדאלנ האָט לעבאטכילע באהערשט א פּאניק אונ פיל פונ זיי האָבנ געוואָרט, אז אָט-אָט איז א סאָפ צו זײער מאכט. די עקספּלואטאטערס האָבנ זיך אָבער גאנצ גיך איבערצײגט, אז די פויערימ קעמפנ ניט אָרגאניזירט, צעשפּליטערט, ניט האָבנדיק קײנ אײנהײטלעכע פעסטע אָנפירונג, אונ אז זיי לאָזנ זיך לײכט כאפּנ אפ דער ווענטקע פונ קאָלערלײ פאנטאסטישע צוזאָגנ. קומענדיק צו זיך פונ דער ערשטער שרעק, האָבנ די פעאָדאלנ אויפגעזאמלט א סאך מיליטער, וואָס האָט צעקלאפּט אינ א רײ שווערע שלאכטנ דעמ אומדיסציפּלינירטנ אונ שלעכטבאוואָפנטנ, כאָטש אפילע דרייסטנ, פויערשנ האמוינ. דאָרט, ווו מע האָט מיט קויעכ ניט געקאָנט נעמענ, האָט מענ געלאָזט אינ גאנג פאלשע צוזאָגנ אונ אײניקע פויערישע אָטריאדנ פלעגנ זיך לאָזנ אײנרײדנ אונ פלעגנ זיך אוועקגיינ אהיימ.

דערשטיקנ דעמ אויפשטאנד האָט אויכ מיטגעהאָלפנ ליוטער, וואָס האָט אינ זײנע דראָשעס אונ אויפרופנ אנטשײדנ געשטיצט די עקספּלואטאטערס.

„... יעדערער, — האָט ליוטער געשריבנ, — ווער עס קאָנ נאָר, דארפ זיי (די פויערימ) שלאָגנ, שטיקנ, שטעכנ, אָפנ אָדער געהיימ, אונ געדענקענ, אז עס קאָנ ניט זײנ קײנ מער גיפטיקס אונ שעדלעכס, קײנ מער טײוולשעס, ווי א בונטאר. מע דארפ אימ דערהארגענענ, ווי א מעשוגענעמ הונט".

שטארקער ווי אומעטומ איז די באוועגונג געווענ אינ טיורינגענ. דאָ האָט טאָמאס מינצער ענערגיש געוואָרנט קעגנ די „פאלשע אָפּמאכנ" אונ האָט גערופנ די שטאָטישע אָרעמשאפט, די בארגארבעטער אונ די באטראקעס מיט אזעלכע ווערטער: „נעמט זיך צו דער ארבעט אונ גייט ארויס צומ קאמפ. די צײט איז געקומענ! שוינ!

די פארברעכער האבנ זיכ דערשראקנ, ווי די הינט... זיי וועלנ בא אונדז בעטנ ראכמימ אונ וועלנ פאר אונדז וויינענ, ווי קינדער, אבער שאנעוועט זיי ניט. דאס אייזנ איז הייס, — שמידט עס! צומ קאמפ, קאָלזמאנ די צייט איז ניט פארביי!".

מיט דער הילפ פונ די שטאטישע פלעבייער האט זיכ מיונצער איינגעגעבנ צו ארגאניזירנ אפילע אנ אייגנארטיקע קאמוניסטישע געמיינדע אינ דער שטאט מיולהאוזענ, וואס האט זיכ העכער 2 כאדאשימ געהאלטנ קעגנ די פעאדאלנ אונ דער בורזשואזיע. אבער אויכ אינ טיורינגענ איז די באוועגונג דערשטיקט געווארנ, אונ מיונצער אליינ איז אומגעקומענ מיט א שרעקלעכנ טויט.

פרילינג 1525 יאר איז דער פויערימ-אופשטאנד פארטרונקענ געווארנ אינ א יאמ בלוט. די נעקאמע פונ די עקספלואטאטערס איז געווענ א גרויזאמע. די פויערימ האט מענ געפייניקט אפ דעמ סאמע אומענטשלעכנ אויפנ, די פירער האט מענ געבראנט אפ א לאנגזאמענ פייער, מע האט געשונדנ די הויט פונ לעבעדיקע מענטשנ, מע האט אומגעבראכט גאנצע יישוווימ. ביז 100 טויזנט מאנ זיינענ געפאלנ אלס קארבנ פונ דעמ בימערנ האס פונ די פריצימ אונ זייערע מיטהעלפער.

ווייטער האט זיכ די לאגע פונ די פויערימ אינ דייטשלאנד נאכ מער פארערגערט. אינ פיל מיזרעכ-געגנטנ פונ דייטשלאנד האבנ זיכ איינגעשטעלט די שווערסטע לייבקנעכטישע פאראנדקעס, וואס האבנ פארנ פויער גארנישט ניט איבערגעלאזנ, — ווי איינער פונ יענער צייט דריקט זיכ אויס, — אכוץ א לעבנ אינ הונגער אונ אינ נוימ.

די סיבעס פונ דער מאפאלע

די סיבעס, פארוואס די פויערימ-באוועגונג אינ דייטשלאנד האט געליטנ א מאפאלע, זיינענ געווענ די זעלבע, וואס בא דעמ אופשטאנד פונ די „זשאקנ" אונ בא טיילערס אופשטאנד, וועגנ וועלכע מיר האבנ פריער גערעדט. דעריבער וועלנ מיר דא, ניט איבערכאזערנדיק דאס, וואס מיר האבנ שוינ געזאגט, בלויז אונטערשטרייכנ איינ גרונט-מאמענט. דער פראלעטאריאט האט אינ יענער צייט ערשט אנגעהויבנ אופצוקומענ, אונ פירנ נאכ זיכ דאס פויערטומ אזוי, ווי אינ אונדזער צייט, האט ער, פארשטייט זיכ, ניט געקאנט אונ דאס איז געווענ די גרונט-סיבע פונ דער מאפאלע פונ די פויערימ, וואס קאנענ ניט ז ע ל ב ש ט ע נ ד י ק דערשלאגנ זיכ צו א ניצאכנ. „פארוואס איז דאס פויערטומ, — זאגט לענינ, — אזא קראפט, וואס האט אינ דער גרעסטער מערהייט מיט זיכ אליינ ניט אנגעפירט? דערפאר, ווייל די עקאנאמישע לעבנ-באדינגונגענ פונ דער דאזיקער מאסע זיינענ אזעלכע, אז אליינ פאראייניקנ זיכ, אליינ צוזאמענשליסנ זיכ קאנ זי ניט".

די דייטשישע בורזשואזיע האט ניט געשטיצט די באוועגונג. אליינ איז זי געווענ ניט גענוג שטארק, קעדיי אנטשיידנ קעמפנ קעגנ דעמ פעאדאליזמ. דערשלאגנדיק זיכ א פארשטארקונג פונ דער מאכט פונ די פירשטנ, אנ אפשוואכונג פונ די ריטערס, אנ איינרייס מיט רוימ אונ דאס אפנעמענ די קירכע-גיטער, האט די בורזשואזיע דעריבער שארפ א קער געטאנ קעגנ די אופשטענדלער. די ווייטגייענדיקע פאדערונגענ פונ די פויערימ אונ פונ די פלעבייִשע עלעמענטנ פונ שטאט האבנ געדראעט אונטערצורייסנ די עצעמ יעסוידעס פונ דער עקספלואטאטארישער ארדענונג.

די מיונסטערער קאָמונע

אינ 9 יאָר אַרום נאָכ דעמ, ווי עס איז צעגראָמירט געוואָרנ די פּויערימ־באַוועגונג, האָט זיכ צעפּלאַקערט אַנ אויפשטאַנד פונ האַנטווערקער אונ פונ דער שטאָטישער אָרעמשאַפט אינ דער וועסטפּאַלער שטאָט מיונסטער. די אויפגעשטאַנענע האָבנ אינ פעוראַל 1534 יאָר פאַרטריבנ פונ שטאָט דעמ בישאָפס מיליטער אונ האָבנ אײַנגעאָרדנט א קאָמונע (א געמיינדע) בעראָש מיט 12 עלטסטע. שפּעטער האָבנ די דאָזיקע עלטסטע אײַבערגעגעבנ די גאַנצע מאַכט דעמ שטאָט־קאָמענדאַנט — דעמ שנײַדער יאָהאַנ לײדענער. די שטאָט מיונסטער האָט דאַנ באַלאַגערט דעמ בישאָפס מיליטער; ניט געקוקט אָבער אויפ אַלע זייערע אָנשטרענגונגענ, האָט זיכ זיי דאָכ ניט אײַנגעגעבנ אײַנצונעמענ די צעבונטעוועטע שטאָט.

צומ אַלעמ ערשטנ זײַנענ די מיונסטערער, ווי עס טיילט מיט איינער פונ יענער צײַט, „געקומענ צו א פאַרשטענדיקונג אונ האָבנ באַשלאָסנ, אַז אויפ ווײַטער דאַרפ דאָס פאַרמעגנ זײַנ אַנ אַלגעמיינס פאַר אַלעמענ, אַז יעדערער דאַרפ ברענגענ זײַנ גאָלד, זילבער אונ געלט". עס זײַנענ אײַנגעפירט געוואָרנ „געמיינזאַמע מאָלצײַטנ" (אַלגעמיינע דערנערונג), וואָס צוליב דעמ איז געווענ אויסגעטיילט א ריי געמיינדע־הײַזער. פאַר יעדנ הויז איז געווענ אויסגעטיילט א באַזונדער ביילעק ערד צומ באַאַרבעטנ; די טויערנ אונ די הײַזער האָבנ אי באַטאָג אי באַנאַכט געדאַרפט זײַנ אָפנ פאַר אַלעמענ. אַלע בירגער זײַנענ געווענ פאַרפּליכטעט צו אַרבעטנ פאַר דער קאָמונע, באַזונדערס — צו פאַרפעסטיקנ די שטאָט. עס זײַנענ פאַרניכטעט געוואָרנ אַלע קאַטוילישע קירכע־פּאַראַנדקעס.

אָבער קיינ אָנטשיידענע ענדערונג פונ דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג איז אינ מיונסטער ניט פאָרגעקומענ. באַזונדערס וויכטיק איז דאָס, וואָס די קליינע האַנטווערקערישע פּראָדוקציע איז געבליבנ ווי פריִער, אונ דער אונטערשייד צווישנ דעמ מײַסטער אונ געזעל איז ניט פאַרניכטעט געוואָרנ. די באַלאַגערטע מיונסטערער האָבנ פאַנאַנדערגעשיקט איבערנ גאַנצנ לאַנד אויפרופנ צו דער אָרעמשאַפט. זיי האָבנ גערופנ די פּלעבייער קיינ מיונסטער מיט אַזעלכע ווערטער: „דאָ וועט איר אַלצ האָבנ איבערגענוג; די אָרעמסטע פונ אונדז, וואָס מע האָט פריִער געהאַלטנ פאַר בעטלער, זײַנענ בײַ אונדז איצט געוואָרנ אַזוי רײַכ, ווי די שטאָטישע גווירימ". די פעאָדאַלנ אונ די פּאַטריציִער האָבנ זיכ דערשראָקנ. אַז די אָרעמשאַפט זאָל אויכ אינ אַנדערע ערטער ניט נאָכטאָנ דעמ בײַשפּיל פונ מיונסטער, אינ האָבנ באַלאַגערט די שטאָט מיט געמיינזאַמע קרעפטנ. אָבער ערשט אינ יונ 1535 יאָר האָט זיכ די באַלאַגערער נאָכ גרויסע בלוטיקע שלאַכטנ אײַנגעגעבנ צו פאַרכאַפּנ מיונסטער.

מיט די אויפשטענדלער האָט מענ זיכ אָפּגערעכנט גרויזאַמ. דאָס מיליטער פונ די גווירימ אונ פעאָדאַלנ האָט ניט געשאַנעוועט ניט קיינ פרויענ, ניט קיינ קינדער. די שטאָט איז אינגאַנצנ צעגראָמירט געוואָרנ. די דרײַ פירער פונ מיונסטער, דערינ אויכ יאָהאַנ לײדענער, האָט מענ געשמידט אינ אײַזערנע האַלדז־קייטנ אונ אַרומגעפירט איבערנ גאַנצנ לאַנד. ערשט אינ יאַנוואַר פונ פאָלגנדיקנ יאָר האָט מענ זיי געקעפּט אינ מיונסטער. דערבײַ האָבנ די הענקער געריסנ מיט צעגליטע צוואַנגענ שטיקער פלייש פונ זייער לײַב. א לאַנגע צײַט נאָכ זײַנענ זייערע טויטע קערפּערס געהאַנגענ אויפנ קלויסטער־טורעמ אינ אַנ אײַזערנעמ שטײַג.

די ליוטעראַנישע קירכע

די פאָלק־רעפאָרמאַציע איז ענדגילטיק צעקלאַפט געוואָרנ. אינ א באַדײַטנדיקנ טייל דײַטשלאַנד האָט געזיגט די מעסיקע שטרעמונג פונ דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט ליוטער; אַנשטאָט דעמ קאַטאָליציזמ האָט זיכ אינ א ריי פירשטנ־טומס פאַרפעסטיקט די נײַע — די ליוטעראַנישע קירכע.

די בורזשואַזיע און אויכ יענע שיכטנ פונעמ אַדל, וואָס זײַנענ געווענ אַרײַנגעצויגנ אינ האַנדל, זײַנענ ווײַט ניט געווענ קעגנ דער רעליגיע בכלל. זיי זײַנענ נאָר אַרויסגעטראָטנ קעגנ דעמ פעאָדאַלנ קאַטאָליציזמ, פאַר אַנ „אייגענער" רעליגיע, פאַר א רעליגיע א נײַער, א „ביליקער" און א צוגעפאַסטער צו זייערע אינטערעסנ. לאָמיר נאָכ צו דעמ, וואָס מיר ווייסנ שוינ, צוגעבנ, אַז די קאַטוילישע קירכע האָט געשטערט דעמ האַנדל־אינדוסטריעלנ לעבנ מיט אַז א שיר יאָנטויווימ, טאַנייסימ און אָבליגאַטאָרישע קירכלעכע גאָטעסדינסטנ, וואָס זי האָט אײַנגעשטעלט מיט איר פרײַדיקנ, מע זאָל „אייל־רעגל זײַנ" צו די קאַלעדליי „הייליקע" ערטער, מיט איר צווײַעסדיקנ (דערפאַר, ווײַל זי אַלײנ האָט דאָס ניט געפאָלגט) פאַרבאָטנ זווכערײַ.

אינ דער ליוטעראַנישער קירכע זײַנענ די גײַסטלעכע געווענ אונטערגעוואָרפנ דירעקט די פירשטנ און רײַכע שטאָטבירגער; עס זײַנענ פאַרריינפאַכט געוואָרנ די קירכלעכע „גאָטעסדינסטנ" און צערעמאָניעס, וואָס מע האָט אָנגעהויבנ אָפ־דיכטנ אַפ דער דײַטשישער שפראַכ (אינ דער קאַטוילישער קירכע פלעגט מענ זיי אָפריכטנ אַפ לאַטײַנ, און די „גאָטעסדינסטנ" פלעגנ באַגלייט ווערנ מיט גרויס פראַכט); די אַזוי־גערופענע „הייליקע שריפטנ" זײַנענ אויכ איבערגעזעצט געוואָרנ אינ דײַטש. עס איז ליקווידירט געוואָרנ א ריי יאָנטויווימ, טאַנייסימ, די הייליקע רײַזעס, דאָס בוקנ זיכ צו פאַרשיידענע „הייליקײַטנ" („הייליקע" בילדער, „הייליקע" ביינער אאַוו.).

אינ יעסאָד פונ דער ליוטעראַנישער גלויבנס־לערע איז געלעגנ דער טעזיס, אַז דער מענטש „ראַטעוועט די נעשאָמע" זײַנע ניט דורכ „גוטע מײַסימ" און ספעציעלע מיצוועס פאַרנ קלויסטער, נאָר דורכנ גלויבנ אַליינ. ס'איז דאָ ניט איבעריק צו דערמאָנענ, אַז „גוטע מײַסימ" און „מיצוועס" האָבנ בא דער קאַטוילישער קירכע געהייסנ, פריִער פונ אַלצ, קאַלערליי מאַטאָנעס און שטײַערנ פאַר אירטוועגנ טאַקע. סאָפעקאָלסאָפ האָבנ זיכ, ווי ענגעלס שטרײַכט אונטער, די בורזשואַזע גרופירונגענ דערשלאָגנ א „ביליקע רעליגיע", וואָס זאָל אַנטשפרעכנ זייערע אינטערעסנ.

די ליוטעראַנישע קירכע האָט אויכ געלוינט פאַר די גרעסערע אומאָפהענגיקע פעאָדאַלנ — פאַר די פירשטנ. און זיי טאַקע האָבנ מער ווי אַלע אויסגעשפילט אינ רעזולטאַט פונ די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגענ, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ מיט דער רע־פאָרמאַציע. אַנשטאָט דער קאַטוילישער קירכע, וואָס איז געווענ פונ זיי אומאָפ־הענגיק און וואָס פלעגט באַרויבנ די באַפעלקערונג פאַר זיכ אַליינ, האָבנ די פירשטנ איצט באַקומענ א פולשטענדיק־געהאָרכזאַמע און אינגאַנצנ פונ זיי אָפהענגיקע אָר־גאַניזאַציע אינ דער פאָרמ פונ דער ליוטעראַנישער קירכע. מיר רײדנ שוינ ניט דערפונ, אַז די ליוטעראַנישע רעפאָרמע האָט שטאַרק באַרײַכערט די גרויסע פעאָ־דאַלנ אָפנ כעזשבנ פונ פאַרכאַפנ די גרויסע גיטער פונ דער רוימישער קירכע. פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסנ אָבער איז די „לויבאַרקײַט" פונ דעמ, וואָס עס האָט זיכ

געענדערט די רעליגיע, באַשטאַנענע דערינ, וואָס אײנ פאָרמ פונ עקספּלואַטאַציע איז פאַרביטנ געוואָרנ אױפ אַנ אַנדערער, וועלכע איז ניט געווענ ווײניקער שווער אױפ קײנ האָר.

ענגעלס וועגנ דער רעפאָרמאַציע

„יעטווידער קאַמפ קעגנ דעמ פעאָדאַליזמ, — זאָגט ענגעלס, — האָט דאַנ באַדאַרפט זיכ אײַנהילנ אינ א רעליגיעזנ קלײד". „די אומפאַרזיכטבאַרקײט פונ דער פּראָטעסטאַנטישער אַפּיקאָרסעס האָט אַנטשפּראָכנ דער אומבאַזיגבאַרקײט פונ דער שטאָטישער בורזשואַזיע, וואָס האָט זיכ פאַרשטאַרקט. ווענ די דאָזיקע בורזשואַזיע איז געוואָרנ גענוג פעסט, האָט איר קאַמפ קעגנ דעמ פעאָדאַלנ אַדל, וואָס האָט ביז אַהער געהאַט אַנ אָרטיקנ כאַראַקטער, אָנגעהויבנ צו באַקומענ א נאַציאָנאַלנ פאַרנעמ. דער ערשטער אַקט פונעמ קאַמפ האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט אינ דײַטשלאַנד: די אַזויגערופענע רעפאָרמאַציע. די שטאָטישע בורזשואַזיע איז נאָכ ניט געווענ גענוג שטאַרק, כדי צו פאַראײניקנ אונטער איר פאָנ אַלע אַנדערע בונטאַרישע עלעמענטנ: די פּלעבײער אינ שטאָט (די אַרבעטער, די טאָג-אַרבעטער, די געזעלנ אאַז״וו.), דעמ אונטערשטנ אַדל אונ די פּויערימ אינ דאָרפ. פריִער פונ אַלצ האָט געליטנ א מפּלה דער אַדל; דערנאָכ איז געקומענ דער פּויערישער אויפשטאַנד, וואָס האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט דעמ העכסטנ פּונקט פונ דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פונ יענער צײַט. די שטעט האָבנ ניט געשטיצט די פּויערימ, אונ די רעוואָלוציע איז דערשטיקט געוואָרנ דורכ די מיליטער פונ די גרויסע פעאָדאַלע באַזיצער, וואָס זײ טאַקע האָבנ אויסגענוצט אַלע פאָלגנ".

א לאַנגע רײ אויפשטאַנדנ, — ריטערישע, פּויערשע אונ שטאָטישע, — איז אַכזאָריעסדיק דערשטיקט געוואָרנ. „פונ דעמ דאָזיקנ מאָמענט אָנ, — שרײַבט ענגעלס, — האָט דער קאַמפ דעגענערירט אינ אַנ אָנופהערלעכער רײַסערײַ פונ באַזונדערע פירשטנ, מיט דער צענטראַלער מאַכט פונ דעמ אימפּעראַטער. אונ אינ רעזולטאַט פונ דער דאָזיקער רײַסערײַ איז דײַטשלאַנד אױפ גאַנצע 200 יאָר אויסגעשטראָכנ געוואָרנ פונ די רײענ פּאָליטיש-אַקטיווע נאַציעס פונ אײראָפּע".

סאָפ XVI יה. שפּירט זיכ שוינ בוילעט אינ דײַטשלאַנד די ווירטשאַפטלעכע יערידע. דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבנ דײַטשלאַנדס איז געווענ ענג צוזאַמענגעבונדנ מיט איטאַליע אונ מיט די האַנדל-וועגנ פונ צאָפנ-אײראָפּע אױפ דאָרעמ-אײראָפּע.

דאָס, וואָס די האַנדל-וועגנ האָבנ זיכ איבערגערוקט פונעמ מיטללענדישנ יאַמ אױפנ אַטלאַנטישנ אָקעאַנ אינ די האַנדל-צענטערס — פונ איטאַליע אינ שפּאַניע, אינ נידערלאַנדנ אונ אינ ענגלאַנד, האָט אונטערגעריסנ די ווירטשאַפטלעכע מעכטיקײט פונ דײַטשלאַנד אונ, פריִער פונ אַלצ, פונעמ דאָרעמ-מערעוודיקנ טײל דײַטשלאַנד, וואָס האָט שוינ געהאַט דערגרײכט גרויסע פאָרשריט. פונ דעמלט אָנ בלײַבט דײַטשלאַנד אָנ דער זײַט פונ די הויפּט-וועגנ פונעמ צווישנפעלקערלעכנ האַנדל אונ עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. דײַטשלאַנדס ווירטשאַפטלעכע אָפּשוואַכונג האָט עס געשטערט פּאָליטיש צו פאַראײניקנ זיכ, צו פאַרוואַנדלענ דײַטשלאַנד אינ א אײנהײטלעכער מעלוכע מיט א שטאַרקער צענטראַליזירטער מאַכט.

פראַגעס:

וואָס איז געווענ די גרונט-סיבע פונ דער גרויסער פּויערימ-מילכאָמע אינ דײַטשלאַנד?

באַשרײַבט די לאַגע פונ דעמ דײַטשישנ פּויערטומ צומ אָנהײב XVI יה.

ווי האָט זיכ אָנגעהויבנ די גרויסע מילכאָמע?

צי זײַנענ אינ דײַטשלאַנד געווענ פּויערימ-אויפשטאַנדנ ביז יענער צײַט?

דערציילט וועגנ דעמ גאַנג פונ דער פּויערימ-מילכאָמע, וועגנ אירע פירער אונ וועגנ די פאָדערונגענ פונ די אויפגעשטאַנענע?

צי זײַנען בײַ אַלעמען געווען די זעלביקע פֿאָדערונגען?

וואָס זײַנען די גרונט־סיבעס פֿון דער מאַפּאָלע פֿון די פּויערים? ווי האָט זיך באַצויגן צו דעם אופֿשטאַנד לוטער?

וועלכע שטאָטישע אופֿשטאַנדן פֿון יענער עפּאָכע ווייסטו איר?

35. די קאָנטער־רעפֿאָרמאַציע

די קאַטוילישע רעאַקציע

די אַנטוויקלונג פֿונעם פּראָטעסטאַנטיזם (רעפֿאָרמאַציע) האָט לעבאַטבילע געהאַט באַגעגנט אַ גאַנץ שוואַכן ווידערשטאַנד מיצאַד דעם פֿוילנדיקן קאַטאָליציזם. פֿון רוים האָט געהאַלטן אין אָפּפֿאַלן איין געגנט נאָך דער אַנדערער, דער פּויפּסט האָט געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויף לוטערס אַרויסטרעטונג און האָט זי אָנגערופֿן „אַ רײַסערײַ צווישן מאָנאַכן". אָבער פֿון די 40-ער יאָרן פֿון XVI יאָרהונדערט ענדערט זיך די לאַגע. די רוימישע קירכע פֿירט דורך אַ ריי אינערלעכע רעפֿאָרמעס, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל צו פֿאַרפֿעסטיקן איר לאַגע. צום קאַמף קעגן דער פּראָטעסטאַנטישער באַוועגונג ווערט אַרויסגעשטעלט אַ ריי קאַטוילישע שלאַכט־אָרגאַניזאַציעס.

די גרונטיקע קלאַסנקראַפֿט פֿון אָט דער קאָנטער־רעפֿאָרמאַציע זײַנען געווען יענע געזעלשאַפֿטלעכע גרופּעס (די פּריצישע און אַנד.), וואָס זײַנען געווען פֿאַראינטערעסירט אין אײַנהייטן און פֿאַרפֿעסטיקן די „באַנײַטע" פֿעאָדאַלע פֿאַראָנדקעס. קומענדיק צו זיך פֿונעם ערשטן קלאַפּ מיצאַד דער בורזשואַזיע און די עקספּלואַטירטע קלאַסן, זײַנען די פֿעאָדאַלע גרופּירונגען, פֿון זייער זײַט, אַריבער אין אָנגריף. דער דאָזיקער אָנגריף איז געווען פֿאַרלײַכטערט דערמיט, וואָס די בורזשואַזיע אַליין האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער ברייטער באַוועגונג פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן, וועלכע האָט געדראָעט אַרונטערצורײַסן די יעסוידעס פֿון דער עקספּלואַטאַטאָרישער אָרדענונג.

פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער אינקוויזיציע

אין 1546 יאָר איז אין טרידענט צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַ קירכע־צוזאַמענפֿאָר, וואָס זײַן אַרבעט האָט, מיט איבערײַסן, געדויערט ביזן 1563 יאָר. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר זײַנען ווידער אויפֿן האַרבסטן אויפֿן באַשטעטיקט געוואָרן אַלע גרונט־האַנאָכעס (דאָגמאַטן) פֿונעם קאַטאָליציזם, און די דאָגמאַטן פֿון פּראָטעסטאַנטיזם זײַנען פֿאַרפֿלוכט געוואָרן. דאָך זײַנען אינעם עצעס געבוי פֿון דער קירכע אײַנגעפֿירט געוואָרן אייניקע נײַסן, וואָס זײַנען איבערגענומען געוואָרן בײַ די פּראָטעסטאַנטישע „אַפּיקאָרסים".

אין די זעלביקע יאָרן איז אין רוים אויפֿגעשטעלט געוואָרן די גרויזאַמע אינקוויזיציע, וואָס איר באַדײַטונג איז פֿריער געווען שטאַרק געפֿאַלן. דער קאַרדינאַל קאַראַפֿאַ (שפּעטער פּויפּסט), וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן בעראָש פֿון דער אינקוויזיציע, האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער זאַך, האָט אַליין אײַנגעאָרדנט געבײַדעס צום פֿאַרהער און פֿלעגט אַליין צוגרייטן די נייטיקע אינסטרומענטן צו די פּײַניקונגען.

די אינקוויזיציע האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף אַלע קיילים. די קלענסטע סימאָנים פֿון „אַפּיקאָרסעס" פֿלעגן דירעקט ברענגען צו פּײַניקונגען און צום שײַטער־הויפֿן. די גאַלאָכים האָבן זיך אָנגעהויבן אַרײַנצומישן אין אַלע קלייניקייטן

פונ לעבנ. גענוג צו זאָגנ, אז פאַר „ברעכנ דריַ מאָל דעמ זונטיק-רו“, פלעגט מענ פאַרשיקנ אפ קאַטאָרגע, דורכשטעכנדיק אפריִער די צונג.

יעזויִטנ-אָרדענ

די קאַמפ-ווײַכטיקסטע פונ די שלאַכט-אָרגאַניזאַציעס פונ דער רוימישער קירכע איז געוואָרנ דער יעזויִטנ-אָרדענ (יעזויִטנ — פונ וואָרט יעזוס), וועלכנ עס האָט געגרינדעט אינ 1540 יאָר דער שפּאַניער לויאָלאָ.

צומ אונטערשייד פונ אלע אַנדערע מאָנאַכנ, וואָס האָבנ געמוזט לעבנ אינ מאָנאַסטירנ, אָפּגעזונדערט פונ דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, האָבנ „יעזוסעס קריגער“ געקאָנט לעבנ צווישנ דער באַפעלקערונג און אַרײַנמישנ זיך אינ אלע „וועלטלעכע ענינימ“.

די יעזויִטנ האָבנ געהאַט דאָס רעכט ניט צו טראָגנ דאַפקע די ספּעציעל מאָנאַכישע קליידער, דעריבער איז געווענ זייער פיל געהיימע יעזויִטנ. די יעזויִטנ האָבנ זיך באַמיט אַרײַנצודרינגענ אומעטומ, באַזונדערס אינ די פּאַלאַצנ פונ די קיניגנ, פונ די אַריסטאָקראַטנ און גווירימ, כדי צו ווירקנ אפ דער ריכטונג פונ דער פּאָליטיק.

זייער הויפּט-לאָזונג איז געווענ: „דער ציל באַרעכטיקט די מיטלענ“. עס איז ניט געווענ אזא פאַרברעכ, וואָס דער יעזויִט זאָל זי ניט באַגיינ, אויב דאָס האָבנ געפאָדערט די אינטערעסנ פונעמ אָרדענ. דער הויפּט-ציל פונעמ אָרדענ איז געווענ — אלנפאַלס, די ערשטע צײַט, — דער קאַמפ קעגנ דעמ פּראָטעסטאַנטיזמ און אַנדערע אפּיקאָרסעס, פאַר פאַרפעסטיקנ די רוימישע קירכע.

די אָרגאַניזאַציע פונ דעמ אָרדענ איז געווענ געבויט אפ יעסוידעס פונ קנעכטישער דיסציפּלינ און פולשטענדיקער צענטראַליזאַציע. אינ דער שפּיץ פונ דעמ אָרדענ איז געשטאַנענ א „גענעראַל“, וואָס האָט שטענדיק געוווינט אינ רוימ. דער גענעראַל האָט אָנגעפירט מיט די יעזויִטישע „פּראָווינצנ“, ד. ה. מיט די אָפּטיילונגענ, וואָס זײַנענ געווענ אינ פאַרשיידענע לענדער. די אָפּטיילונגענ האָבנ געהאַט זייערע אייגענע שעפנ — די „פּראָווינציִאַלנ“, ווײַטער זײַנענ געגאַנגענ „ברידער“ פונ פאַרשיידענע ראַנגענ, ביז די מאָנאַכנ די „אָנפאַנגער“, וואָס פלעגנ אויספילנ יעדנ מינ שוואַרצע און דערנידעריקנדיקע אַרבעט. די יינגערע האָבנ ניט געטאָרט ווידערשפּעניקנ און געמוזט אויספילנ אלע באַפעלנ פונ די עלטערע, וואָסערע באַפעלנ דאָס זאָלנ ניט זײַנ. „אויב די קירכע שטעלט פעסט, אז א זאַך, וואָס האָט זיך אונדז געדאַכט פאַר א ווײַסער, איז שוואַרצ, זײַנענ מיר טייקעפ מעכויִעו צו אָנערקענענ זי פאַר שוואַרצ“, — אזוי איז געזאָגט געוואָרנ אינ לויאָלאָס פאַרשריפטנ. דער יינגערער אינ די הענט פונ דעמ עלטערנ דאַרפ זײַנ א „שטומ געווער“, „ווי א באַרמיִענ“. אינ דעמ גאַנצנ אָרדענ איז געווענ אָרגאַניזירט א סיסטעמ פונ קעגנזײַטיקנ שפּיִאָנאַזש און געהיימע מעסירעס. אפילע נאָכנ גענעראַל, וואָס האָט געהאַט אומבאַגרענעצטע מאַכט, האָט נאָכגעשפּירט א ספּעציעלער ראַט.

די יעזויִטנ האָבנ אָרגאַניזירט זייערע אייגענע אוניווערסיטעטנ און האָבנ פאַרכאַפּט א קאָלאָסאַלע צאָל שולנ. זיי האָבנ אזוי געניט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיינ זאַך, געפירט די דאָזיקע אַרבעט, אז פונ די יעזויִטישע שולנ פלעגנ אַרויס ניט ווייניק מענטשנ, וואָס זײַנענ געווענ דערפירט צומ דעמ העכסטנ גראַד רעליגיעזנ פאַנאַטיזמ. ניט אומזיסט האָט נאָכ לויאָלאַ געלערנט זײַנע אָנהענגער, וויאזוי מע

קאנ אינ פארלויפ פונ איינ כוידעש דערפירנ א געזונטנ יונגנ מענטשנ צו רעליגיעזע האליוצינאציעס, ווענ ער וועט „זענ" גאט, די „הייליקע" אונ פארשיידענע „ניסימ". דער יעזויטישער ארדענ איז שנעל רײַכ געווארנ. מיטלענ פלעגנ די יעזויטנ ארויסקריגנ אפ פארשיידענע אויפאנימ: אויסנארנדיק בא רײַכע מענטשנ, פארנעמענדיק זיכ מיט א ברייטנ האנדל, מיט ספעקוליאציע אונ וווכערײַ. דעמ ארדענ האבנ געהערט זייער א סאכ שיפנ אונ אונטערנעמונגענ. ער האט אפילע פארמאגט זײַנע אייגענע קאלאניעס אינ דארעמ־אפריקע, ווו די יעזויטנ האבנ אכזאריעסדיק בארויבט די ארטגעבירטיקע.

די יעזויטנ האבנ שטארק געהאלפנ דער רוימישער קירכע אינ דער געפערלעכער פאר איר צײַט. אומעטומ זײַנענ זיי געווענ דער אנשפאר פונ דער גרויזאמסטער רעאקציע. אבער זיי האבנ אלצ געטאנ אפ אזויפיל זעלבשטענדיק, אז א סאכ פויפסטנ האבנ אפילע מוירע געהאט פאר דער מעכטיקייט פונ דעמ ארדענ. זייערע אינטריגעס, ווידער, אונ פארשיידענע קאמבינאציעס, בא וועלכע זיי פלעגנ זיכ ניט אפשטעלנ אפילע פאר דערמארדנ קיניגנ, וואס האבנ זיי ניט צופרידנגעשטעלט, (צומבײַשפּיל, דאס דערמארדנ דעמ פראנצויזישנ קיניג היינריכ IV), האבנ ארויסגערופנ צו זיי א האס אפילע מיצאד די רעגירונגענ. אינ XVII אונ XVIII יארהונדערטער זײַנענ די יעזויטנ ארויסגעיאגט געווארנ פונ א ריי אייראפייִשע לענדער; אבער זיי האבנ נאכ דארט איבערגעלאזנ זייערע געהיימע אגענטנ.

פראגעס:

וואס איז אזוינס די קאנטער־רעפארמאציע?
ווענ האט זי זיכ אנגעהויבנ אונ אינ וואס האט זי זיכ אויסגעדריקט?
וועלכע קלאסנ־קרעפטנ האבנ זי געשטיצט?
וואס האט מיט זיכ פארגעשטעלט די ארגאניזאציע פונ דעמ ארדענ יעזויטנ אונ וואס פאר א באזונדערקייטנ האט זי פארמאגט.
וואס פאר א פאליטישע ראליע האט געשפילט דער יעזויטנ־ארדענ?

36. די רעוואליוציע אינ נידערלאנדנ

דער האנדל אונ די אינדוסטריע פונ נידערלאנדנ

א צײַט פארנ XVI יארהונדערט זײַנענ שוינ נידערלאנדנ געווענ בארימט מיט זייער אנטוויקלטנ האנדל אונ אינדוסטריע. אינ XVI יארהונדערט האט מענ וועגנ נידערלאנדנ געשריבנ אזוי: „לויט דער צאל סכוירעס, וואס קומענ זיכ צונויפ אינ פלאנדרישנ לאנד (די גראפשאפט פלאנדריע אינ דארעמ־נידערלאנדנ), קאנ זיכ מיט אימ ניט פארגלײַכנ קיינ איינ לאנד". נידערלאנדנ זײַנענ אינ דער זעלבער צײַט געווענ בארימט אויכ מיט זייער געוואנט־אינדוסטריע. די רײַכסטע שטאט איז דא געווענ ברוגע אינ פלאנדריע.

אינ XVI יארהונדערט ווערנ די צענטערס פונ דעמ נידערלאנדישנ האנדל אונ געווערבנ, אינ צוזאמענהאנג מיט דער אלגעמיינער ענדערונג פונ די האנדל־וועגנ, אריבערגערוקט אפ צאפנ־מײַרעוו (בראבאנט) אונ צאפנ (האלאנד).

דאס רײַכטומ אונ די באדײַטונג פונ דער שטאט ברוגע נעמט איצט איבער די בראבאנטישע שטאט אנטווערפנ, וואס געפינט זיכ אינ זייער א באקוועמענ

אָרט בא דער לעפּצונג פונ שעלדע. אנטווערפּנ ווערט א קאָלאָסאלער צענטער פונ אינטערנאַציאָנאלנ האנדל, וווהינ עס קומענ זיכ צונויפ סכוירעס אי פונ ענגלאנד אי פונ די שפּאנישע אונ פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס אי פונ דעם בײַרײַנישנ דײַטשלאנד. „אינ אנטווערפּנ, — זאָגט איינער, וואָס האָט געלעבט אינ יענער צײַט, — פלעגנ אינ פארלויפ פונ א כוידעש געשלאָסנ ווערנ מער געשעפטנ, איידער אַמאָל אינ ווענעציע פאר 2 יאָר צײַט". די מערהײַט פונ די דאָזיקע געשעפטנ פלעגנ געשלאָסנ ווערנ אפ דער בירזשע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרנ אינ אנטווערפּנ פאר „סאָכרים פונ אלע נאציעס אונ שפּראכנ". טעגלעכ פלעגנ ניט ווייניקער ווי טויזנט מענטשנ אָנפילנ דעם הויפ אונ גאלערייעס פונ דער פּראכטפולער בירזשע־געבײַדע. דער אנטווערפּענער האנדל האָט אָנגעטראָפנ ביז ¾ פונעם גאנצנ האנדל פונ נידערלאנדנ.

אינ דער זעלבער צײַט וואקסנ שנעל די רײַכטימער פונ האָלאנד אונ פונ זײַנ הויפּט־פּאָרט — אמסטערדאם אפנ טוווע־האנדל מיט די באלטישע לענדער, אפנ פישפאנג אונ שיפּ־בויונג.

צום סאָפ פונ XVI יאָרהונדערט פארכאפּנ נידערלאנדנ אינ זייערע הענט שיר ניט דעם גאנצנ פארמיטלערישנ יאמהאנדל פונ די אייראָפּייִשע לענדער מיט די טראנסאָקעאנישע לענדער. קאָסטבארע מעטאלנ פונ אמעריקע, געווירצנ פונ אינדיע, ברויט אונ וואלד פונעם באלטישנ ברעגלאנד, ענגלישע אונ שפּאנישע וואָל, — דאָס אלצ ווערט טראנספּאָרטירט אפ די פילצאָליקע שיפנ, וואָס געהערנ צו נידערלאנדנ. זייער פלאָט הייבט מענ אָנ אָנצורופנ אינ שפּאָס — „דער באַלעגאָלע פונ אייראָפּע"; אָנהייב XVII יאָרהונדערט האָט צו די האָלענדער געהערט העכער א העלפט פונ אלע אייראָפּייִשע יאמשיפנ, אונ צום סאָפ פונ זעלבנ יאָרהונדערט — דרײַ פערטל.

דער וווקס פונ דער בורזשואזיע

מיטנ שטורמישנ וווקס פונעם רײַכטום פארפעסטיקט זיכ שנעל די טעטיקײַט פונ דער נידערלאנדישער בורזשואזיע, עס וואקסנ אונ עס ווערנ רײַכ פילצאָליקע שטעט. אינ דער אינדוסטריע צעפאלט זיכ די צעכ־אָרדענונג אונ ווערט פארביטנ מיט דער הויז־פּראָדוקציע אונ מיט דער צענטראליזירטער מאנופאקטור־פּראָדוקציע.

אָבער, „די מעלוכישע אָרדענונג, — באמערקט ענגעלס, — איז געבליבנ, ווי פריִער, א פעאָדאלע, אינ דער צײַט, ווענ די געזעלשאפט איז געוואָרנ אלצ מער אונ מער א בורזשואזע". דער דירעקטער סוינע פונ דער נײַער בורזשואזיע (אכוצ יענעמ טייל אירנ, וואָס איז געווענ פארינטערעסירט אינ דעם אלטנ צעכ־שטייגער) איז געווענ די שטארקע קיניגלעכע מאכט, וואָס פלעגט ארויסרוקנ אינ פאָדערגרונט די אדעליקע אריסטאָקראטיע אונ וואָס האָט געשטרעבט ארויסצופרעסנ פונ דער נידערלאנדישער בורזשואזיע וואָס מער געלט. דער צווייטער סוינע פונ דער נײַער בורזשואזיע איז געווענ דער זיכערער אָנשפאר פונ דער פעאָדאלער מאָנארכיע — די קאטוילישע קירכע, וואָס האָט פארמאָגט אינ לאנד גרויסע רײַכטימער אונ וואָס האָט אײַנגעהיט אינ אירע גרויסע באזיצנ האלב־פעאָדאלע פּראָנדקעס.

נידערלאנדנ זײַנענ אינ XVI יאָרהונדערט ארײַנגעגאנגענ אינ באשטאנד פונ א קאָלאָסאלער „וועלט־מאָנארכיע" — קארל V האבסבורג (1519 — 1556 י.), וואָס איז געווענ אײַנצײַטיק קיניג פונ שפּאניע, אימפּעראטאָר פונ דײַטשלאנד, אונ הערשער פונ די קאָלאָניעס אינ אמעריקע.

אינ דער דאָזיקער מאָנאַרכיע, וואָס אינ אירע גרענעצנ „פלעגט קיינמאָל נִיט פאַרגיינ די זונ". איז נידערלאַנדנ געווענ דער סאַמע רייכער טייל, פונ וועלכנ די קיניגלעכע מאַכט האָט זיך באַמיט ארויסצוקריגנ וואָס מער נוצנ.

וועגנ דער לאַגע פונעמ פויערטומ אונ וועגנ דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויק־לונג פונעמ נידערלאַנדישנ דאָרפ האָבנ מיר שוינ גערעדט (זע § 29). מיר וועלנ



די הערשאַפטנ פונ קאַרל V אינ אייראָפּע

בלויז דערמאָנענ, אַז די ברייטסטע אַנטוויקלונג פונ דער סכוירעדיקער ווירטשאַפט האָט אויך דאָ פאַרטיפט אונ פאַרשאַרפט די עקספּלואַטאַציע פונעמ פויערטומ.

קאַלוויניזמ אינ נידערלאַנדנ

דער פּראָטעסט פונ דער בורזשואַזיע אונ פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ פונ נידערלאַנדנ איז געווענ, ווי אינ אַנדערע לענדער, פאַרבונדנ מיט דער רעליגיעזער באַוועגונג. לעכאַטשילע דרינגט אַרײַנ אינ נידערלאַנדנ דער ליוטעראַנישער גלויבנ, אונ דערנאָך הייבט זיך אָנ שנעל צו פאַרשפּרייטנ דער קאַלוויניזמ.

דער פראַנצויזישער פּריידיקער זשאַנ קאַלווינ האָט אינמיטנ XVI יאָר־הונדערט געגרינדעט אינ זשענעווע (שווייצ) א רעפאָרמירטע קירכע.

זײַנ גלויבנ, וואָס ער האָט געפּריידיקט, איז געווענ זייער צוגעפּאַסט פאַר דער בורזשואַזיע פונ יענער עפּאָכע, וואָס האָט אָפּ אַנ אָנגעשטרענגטנ אויפנ אָנגעזאַמלט רײַכטימער אונ פאַרביסנ געקעמפט פאַר דער מאַכט. „די דאָגמעס פונ קאַלוויניזמ, — זאָגט ענגעלס, — זײַנענ געווענ צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגענ

פונ דעמ סאמע רייכסטנ טייל פונ דער דעמאָלטיקער בורזשואַזיע". דער קאַלוויניזמ דערקלערט, אַז וווּכערײַ איז גאַנצ דערלאָזבאַר, און אַז האַנדל איז אַ באַשעפטיקונג וואָס איז „געבענטשט פונ גאָט אַליינ". אַ האַרבע פּראָסטקײַט אינ לעבנ, אויסגערעכנטקײַט און גײַציקײַט, קריגערישקײַט און אומראַכמאָנעסדיקע אומטאָלעראַנצ בענעגייע די סאָנימ, — אָט מיט וואָס עס האָבנ זיכ אויסגעצייכנט די קאַלוויניסטנ.

יעדער קאַלוויניסט האָט געהערט צו דער רעליגיִעזער געמיינדע פונ זײַנ אומגעגנט. מיט דער געמיינדע פלעגט אָנפירנ אַ ספּעציִעלער קאָמיטעט, דאָס אַזויגערופענע קאָנסיסטאָריִומ, ווו די גרעסטע מאַכט האָבנ געהאַט ניט די „פּריידיקער" (די גאַלאָכימ), נאָר די „פּריסטערס" — די עלטסטע, וואָס מע פלעגט אויסוויילנ פונ די סאמע רײַכע און אָנגעזעענע קירכע-מיטגלידער.

דער קיניג און די קאַטוילישע קירכע האָבנ מיט דער הילפ פונ דער אינקוויזיציע געפירט אַנ אַכזאָריעסדיקנ קאַמפ קעגנ די נידערלאַנדישע קאַלוויניסטנ: פאַר „אַפּיקאָרסעס" איז אינ דער צײַט פונ קאַרל V געקעפּט געוואָרנ עטלעכע טויזנט בירגער פונ נידערלאַנדנ. עס ווערט אַרויסגעגעבנ אַ גאַנצע ריי עדיקטנ (באַפעלנ), וואָס זײַנענ „געדרוקט געווענ ניט מיט בלוט, איידער מיט טינט", וועלכע פאַרורטיילנ צו פײַנלעכער טויטשטראָפ (צומבײַשפּיל, צו באַגראָבנ אַ לעבעדיקנ אינ דער ערד) ניט בלויז די „אַפּיקאָרסימ" אַליינ, נאָר אויכ יענע, וואָס וועלנ זיי אויסבאַהאַלטנ, אָדער וואָס וועלנ זיי ניט מאָסערנ.

די רעוואָליוציע

אינ דער צײַט פונ קאַרלס יורעש, פּיליפּ II, דעמ שפּאַניער, האָט זיכ די לאַגע אינ נידערלאַנדנ אומגעהייער פאַרשאַרפט. שפּאַניע האָט שטאַרק באַגרענעצט און פאַרענגט דעמ נידערלאַנדישנ האַנדל. פּיליפּ האָט דורכ הויכע טאָמאָזשנע-פּאָשלינעס און דורכ פאַרבאָטנ דעמ אַרײַנפיר פונ פרעמדלענדישע סכוירעס געשטרעבט אָפּצוהיטנ שפּאַניע פונ אויסלענדישער קאָנקורענצ. גלײַכצײַטיק האָט ער מיטגעהאָלפנ דעמ שפּאַנישנ שיפּוועזנ קעגנ דעמ נידערלאַנדישנ און האָט אויכ פאַרבאָטנ אַרויסצופירנ גאָלד פונ שפּאַניע. אינ דער זעלבער צײַט פאַרשטאַרקנ זיכ אינ נידערלאַנדנ דער שטײַערנלאַסט און די רעליגיִעזע פאַרפאָלגונגענ.

אינ נידערלאַנדנ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אומרוענ, די קאַטוילישע קלויסטערס פלעגנ צעגראָמירט ווערנ. דאָס האָט פּיליפּ אויסגענוצט, קעדיי אַכזאָריִעסדיק אָפּצורעכענענ זיכ מיט די ווידערשפּעניקע פּראָווינצנ און קעדיי אַרויספּאָמפּענ פונ זיי אומגעהייערע געלט-מיטלענ.

אינ נידערלאַנדנ איז (אינ 1567 יאָר) געשיקט געוואָרנ אַלס שטאַטהאַלטער דער אַכזאָריעסדיקער הערצאָג אַלבאַ, וואָס האָט געגרינדעט אַ ספּעציִעלנ „בלוטיקנ ראַט". פאַר די ערשטע דרײַ כאָדאָשימ פונ זײַנ עקזיסטענצ האָט דער דאָזיקער „ראַט" אַרויסגעטראָגנ באַ 2000 טויט-אורטיילנ, דערבײַ פלעגט דאָס פאַרמעגנ פונ די פאַרורטיילטע קאָנפיסקירט ווערנ פאַר דער שפּאַנישער מעלוכע-קאַסע. אַלבאַ האָט אײַנגעפירט אַ ריי אומדערטרעגלעכע שטײַערנ, וואָס האָבנ פאַקטיש טאָרמאָזירט דאָס גאַנצעווירטשאַפטלעכע לעבנ פונ נידערלאַנדנ.

אַלס ענטפער דערויפ האָט זיכ אינ 1572 יאָר אינ צאָפנ, אינ האָלאַנד, אָנגעהויבנ אַ מאַסנ-אויפשטאַנד, וואָס האָט זיכ פאַרשפּרייט כימאַט איבערנ גאַנצנ לאַנד. די הויפּט-קראַפט פונ דעמ אויפשטאַנד זײַנענ געווענ די דריבנע האַנטווערקער און

קוסטארנ, די געזעלנ און ארבעטער, דאָס ארבעטנדיקע פויערטומ, אָבער בעראָש פונ די דאָזיקע מאסנ איז געשטאַנענ די בורזשואַזיע, וואָס האָט קונציק אויסגענוצט די פרעמדע קראפט און בלוט פאַר אירע אייגענע קלאסנ-אינטערעסנ.

פאַר די מיטלענ פונ די גווירימ זײַנענ, אַכוץ דעמ, ווערבירט געוואָרנ אינ דײַטשלאנד און אינ פראנקרײַכ אָטריאַדנ געדונגענע סאָלדאטנ, וואָס מע פלעגט דערנאָכ ארויסשיקנ אינ נידערלאנדנ צומ קאמפ קעגנ די שפאניער. אפנ יאמ האָבנ די שפאניער געהאט אויסצושטיינ פונ די „יאמ-געזנ",* וואָס פלעגנ זיכ אָנ ראכמאָנעס אָפרעכענענ מיט אלע קאטאָליקער. בעראָש פונ דעמ אופשטאנד האָט זיכ אינגיכנ געשטעלט איינער פונ די אָנגעזעענסטע און רײַכסטע נידערלענדישע מאגנאטנ — ווילהעלמ אָראַנער.

הערצאָג אלבא

לעכאטכילע האָט דאָס שפאנישע מיליטער, וואָס איז באשטאנענ פונ פאַרהארטעוועטע אינ שלאכטנ סאָלדאטנ און האָט געהאט געניטע קאָמאנדירנ, אָפגעהאלטנ ניצכוינעס און אָנגעגריפנ די אופשטענדלער, אָפנעמענדיק איינ שטאָט נאָכ דער אנדערער. אָבער די צאָפנ-האָלענדישע שטעט האָבנ געגעבנ אַן איקשאָנעסדיקנ ווידערשטאנד; באזונדערס לאנג און איקשאָנעסדיק האָבנ די שפאניער באלאגערט די שטאָט לײדענ. ווענ אינ שטאָט האָבנ זיכ אויסגעגומענ אלע פראָדוקטנ-רעזערוונ, און עס האָט איר אומפאַרמײַדלעכ געדראָעט אונטערצוגעבנ זיכ, האָבנ די האָלענדער דורכגעריסנ די דאמבעס, וואָס האָבנ געשיצט די נידעריקע טיילנ לאנד פונ די יאמ-כוואליעס, און האָבנ געעפנט די שליוזנ אפ די טײַכנ און קאנאלנ. די שפאניער זײַנענ אנטלאָפנ פונ דער פארפלייצונג, און דער פלאָט פונ די געזנ האָט געבראכט צו פירנ די שטאָט-בירגער פראָדוקטנ.

ווענ דאָס מיליטער פונ דעמ „בלוטדורשטיקנ הונט" (אזוי האָט מענ גערופנ אלבא) האָט אָנגעהויבנ לײַדנ מאפאָלעס, און דער שפאנישער פלאָט איז צעגראָמירט געוואָרנ מיט דער הילפ פונ די ענגלענדער, וואָס פלעגנ באזאָרגנ די געזנ מיט קריג-אמוניציע, האָט דער קיניג אָפגערופנ אלבא. אָבער אויכ די נײַע שטאטהאלטער האָבנ ניט געקענט כפראווענ זיכ מיט דער רעוואָליוציע.

אינגיכנ (1579 יאָר) האָבנ זיכ די צאָפנ-געגנטנ פאקטיש פארוואנדלט אינ א זעלבשטענדיקער מעלוכע, וואָס איז שפעטער אָנגערופנ געוואָרנ (לויט איר הויפט-טייל) האָלאנד. דאָרט האָט זיכ איינגעשטעלט די מאכט פונ דער בורזשואַזיע, וואָס האָט טייקעפ פארכאפט די רײַכטימער פונ דער קירכע און פונ די פײַנטלעכע פעאָדאלנ.

* „געזנ" — „בעטלער", אזוי האָבנ זיכ אָנגערופנ די אופשטענדלער, אויסנוצנדיק דעמ פאראכטונג-צונאָמענ, וואָס זיי האָבנ באקומענ פונ די שפאניער.

אנדערש איז געווענ די לאגע אינ די דאָרעמ־פראָווינצנ, ווו די פעאָדאלע אריסטאָקראטיע, וואָס האָט געהאסט די „בורזשואזע אויסוווּרפנ", אונ די אָפגע־שטאנענע שיכטנ פויערטומ, האָט געשטיצט די שפאניער אונ די רוימישע קירכע. די שפאניער האָבנ נאָכ אַנ אקשאָנעסדיקער אונ דויערנדיקער מילכאָמע אײַנגענומענ בראבאנט אונ פלאנדריע, אונ האָבנ אָנ ראכמאָנעס צעראבירט די דאָזיקע רײַכסטע געגנטנ. בלויז אינ אנטווערפנ האָבנ די שפאניער אויסגעהארגעט העכער 8 טויזנט



נידערלאנדנ אינ סאָפ XVI — אָנהײב XVII יה.

פרידלעכע אײַנוווינער, פארברענט ביז 1000 הײַזער אונ פארכאפט געלט אונ סכוי־רעס אָפ זעקס מיליאָנ גולדנ.

אזוי־ארומ, איז קימאט דער גאנצער דאָרעמ־טייל פונ לאנד, פונ וועלכנ עס האָט זיכ שפעטער אויסגעבילדעט בעלגיע, פארבליבנ אינ די הענט פונעמ קיניג אונ פונ דער קאטוילישער קירכע. דאָס ווירטשאפטלעכע לעבנ פונ די דאָזיקע געגנטנ, וואָס זײַנענ אונטערגעפאלנ אונטער דעמ נאָכ מער שווערנ יאָכ פונ דער פעאָדאלער אָרדענונג, האָט אָנגעהויבנ צו גײנ בארג אראָפ.

די האָלענדישע גרויס־בורזשואזיע האָט מוירע געהאַט פאַר קאָנקורענצ קעגנ איר האַנדל אונ אינדוסטריע אונ האָט זייער שוואַכ געשטיצט דעמ דאָרעמ־טייל פונ לאַנד, אונ אַנ אַנדערש מאָל גאָר פּאַשעט אימ פאַראַטנ. די האָלענדישע סאָחרימ פלעגנ אָפט באַזאָרגנ די שפּאַניער מיט געווער אונ פּראָדוקטנ. „דער האַנדל דאַרפ זײַנ אַ פרײַער, — האָבנ געמיינט די האָלענדישע קאַפּיטאַליסטנ, — אויב צוליב רעוועכ דאַרפ מענ דורכגיינ דורכנ גענעמ, לוינט ריזיקירנ, אויב מ'זאָל דערבײַ אפילו ארומסמאַליענ די זעגלענ".

דער האַנדל אונ די אינדוסטריע אינ האָ־לאַנד אינ XVI יאָרהונדערט

וואָס זײַנענ אָבער געווענ די רעזולטאַטנ פונ דער נידערלאַנדי־שער רעוואָליוציע? דערשלאָגנדיק זיכ צו זעלבשטענדיקײַט, האָט האָלאַנד געפירט די מילכאָמע מיט שפּאַניע ביזנ מיטנ XVII יאָרהונדערט.

דער ציל פונ אָט דער זיגרײַכער מילכאָמע איז געווענ צו פאַרכאַפּנ שפּאַנישע אונ פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס. אינ רעזולטאַט פונ דעמ, וואָס האָלאַנד האָט באַזיגט די שפּאַניער אונ האָט זיכ פאַרפעסטיקט אינ אינדיע אונ אינ אַנדערע קאָלאָניאַלע לענדער, אינ רעזולטאַט פונ דעמ, וואָס עס האָט אָפּגעשוואַכט זײַנע דאָרעמדיקע שכײנימ (פלאַנדריע אונ בראַבאַנט) איז האָלאַנד געווענ דאָס רײַכסטע האַנדל־לאַנד אינ דער



שיפנ פונ דעמ האָלענדישנ פלאָט

וועלט. מאַרקס רופט אָנ האָלאַנד „דאָס מוסטערהאַפטע קאַפּיטאַליסטישע לאַנד“ פונ יענער צײַט. אַנראַכמאָנעסדיקע עקספּלואַטאַציע פונ די קאָלאָניעס, דאָס אָפּנעמענ בײַ די פּויערימ די ערד, די אומגעהײַערע אַנטוויקלונג פונעמ הענדלערישנ גײַסט אונ ספּעקוליאַציע, — אָט וואָס עס איז געווענ כאַראַקטעריסטיש פאַר האָלאַנד. צוליבנ האַנדל מיט אינדיע האָבנ די האָלענדער געגרינדעט די אָסט־אינדישע קאָמפּאַניע,

וואָס לויט איר מוסטער זײַנען דערנאָך געגרינדעט געוואָרנ סאָכרישע פאַרייניקונ־גענ אויב אינ אַנדערע לענדער. אינ 1600 יאָר איז אינ אַמסטערדאַמ געגרינדעט געוואָרנ אַ באַנק, וואָס האָט געדינט, דערהויפּט, פאַר קעגנזײַטיקע כעזשבוינעס פונ די סאָכרימ אונ אינדוסטריעלער. דער אַמסטערדאַמער באַנק איז געווענ אַ מוסטער פאַרנ גרעסטנ ענגלישנ באַנק, וואָס האָט זיכ געגרינדעט צומ סאָפ פונ זעלבנ יאָרהונדערט.

די אינדוסטריע פונ האָלאַנד איז, עמעס, אָפּגעשטאַנענ פונ דעמ האַנדל, דאָך איז זי געווענ באַדײַטנדיק אַנטוויקלט.

דער פראַנצויז פּיער בײַ האָט אינ 1682 יאָר געעפנט אינ אַמסטערדאַמ אַ מאַנופאַקטור מיט 110 וועבשטעלנ צו פּראָדוצירנ וואָל־שטאָפנ. אינ דער זעלבער צײַט, אַנערעכ, האָט יאַקאָב וואַנ מאָל געגרינדעט אינ אומרעכט אַ זײַדנס-מאַנופאַקטור מיט אַ וואַסער-באַוועגער. אינ דער דאָזיקער מאַנופאַקטור זײַנענ געווענ באַשעפטיקט 500 אַרבעטער. אַכוץ דעמ האָט דער זעלביקער מאָל פאַרמאָגט נאָכ 1100 וועבשטולנ, אָפ וועלכע עס האָבנ געאַרבעט שטוב-אַרבעטער. כאַכאָקל איז אינ אומרעכט, אינ רעכטנ בלי פונ דער שטאָט, געווענ באַשעפטיקט אינ דער פּראָדוקציע פונ זײַדנס אונ וואָל־שטאָפנ באַ 10 טויזנט מאַנ. אינ דער זעלבער צײַט איז אינ אַמסטערדאַמ געווענ 54 טויזנט אינדוסטריעלע אַרבעטער, אונ אינ גאַנצנ האָלאַנד איז בלויז אינ דער טעקסטיל-אינדוסטריע פונ יענער צײַט געווענ באַשעפטיקט 660 טויזנט מאַנ.

די פּאָליטישע אָר־דענונג אינ האָ־לאַנד

לויט זײַנ פּאָליטישנ געבוי איז האָלאַנד געווענ אַ רעפּובליק, ווו די מאַכט האָט געהערט צו די גענעראַל־שטאַטנ, וואָס פלעגנ זיכ צונויפקומענ אינ האַאַג, אונ צו דעמ שטאַט־האַלטער (די העכסטע אַמט-פּערזאָנ אינ לאַנד). די פּאַרשטייער אינ די דאָזיקע שטאַטנ פלעגנ אויסגעוויילט ווערנ דורכ ספּעציעלע פּראָווינציעלע שטאַטנ, אונ די לעצטע, ווידער, פלעגנ אויסגעוויילט ווערנ דורכ די שטאָטישע ראַטנ. אינ די שטעט איז די מאַכט געווענ אינגאַנצנ אינ די הענט פונ דער גרויס-בורזשואַזיע. שוינ אָפּגערעדט פונ די אַרבעטער אונ געזעלנ, אַפילע די „מיטעלע“ האַנטווערקער אונ הענדלער האָבנ קיינ שומ אָנטייל ניט גענומענ אינעמ פאַרוואַלטנ. פונ דער צאָל 1.200.000 אײַנוווינער פונ די האָלענדער פּראָווינצנ האָבנ בלויז 2.000 מאַנ געהאַט וואַלרעכט.

אָפנ יעסאָד פונ דעמ קאָלאָסאַלנ וווּקס פונ די רײַכטימער, פונ דער פאַרהעלטניסמעסיק רעליגיעזער טאָלעראַנץ אונ בורזשואַזער „פרײַהײַט“ (פאַר די רײַכע) האָט זיכ אינ האָלאַנד אינ XVII יאָרהונדערט פּרעכטיק צעבליט די קונסט, די פילאָסאָפיע אונ וויסנשאַפט.

די לאַגע פונ די אַרבעטער

דערבײַ אָבער זײַנענ, ווי מאַרקס זאָגט, „די פאָלקמאַסנ פונ האָלאַנד שוינ אינ 1648 יאָר, איבער דער אומדערטרעגלעכ־שווערער אַרבעט, געווענ די סאַמע אויסגעצערטע, די סאַמע אָרעמע, די סאַמע ברוטאַל־אונטערדריקטע פונ אַלע אָנ אויסנאַמ אייראָפּײַשע נאַציעס“. דער דורכשניטלעכער אַרבעטטאָג האָט געדויערט פונ 12 ביז 14 שאָ. דאָ האָט מענ ברייט אָנגעווענדט די סאַמע אָנראַכמאָנעסדיקע עקספּלואַטאַציע פונ פרויענ־אונ קינדער־אַרבעט. דער אַרבעטלוינ פלעגט ניט געהעכערט ווערנ, אונ די שטײַערנ זײַנענ קעסיידער געוואַקסנ. אָפ אַלע דערנערונג־פּראָדוקטנ זײַנענ געווענ אַרופגעלייגט שטײַערנ. קעדיי אַרויסדרייענ זיכ פונ צאָלנ שטײַערנ פאַר מעל,

פלעגט מענ פאר די אָרעמע באקנ ברויט פונ אָנגעקוואָלענע אונ ניט־צעמאָלענע קערנער. די מעכטיקייט אונ די רייכקייט פונ דער האָלענדישער בורזשואזיע האָט זיכ באַזירט אפ אומדערטרעגלעכער ארבעט, אויסגעצערטקייט אונ הונגער פונ די ארבעטנדיקע מאסנ אונ אויכ פונ דער בארויבונג פונ די קאָלאָניעס.

דעריבער איז קיינ וווּנדער ניט, וואָס אינ האָלאַנד זיינענ אינ XVII יאָרהונ־דערט פאָרגעקומענ א סאַכ ברייטע פאָלק־באַוועגונגענ, וואָס זיינענ געווענ געווענדעט קעגנ דער דיקטאַטור פונ דער גרויסבורזשואזיע. די דאָזיקע באַוועגונגענ האָבנ אָבער צו קיינ רעזולטאט זיכ ניט דערשלאָגנ. די האָלענדישע ארבעטער פלעגנ אינ זייער קאמפ אָפט אָנווענדנ שטרייקנ אונ אנדערע קאמפ־מעטאָדנ. דער אַמסטערדאַמער מאגיסטראט האָט אינ 1682 יאָר געדראָעט יעדנ געוואַנט־שערער, וואָס וועט אָנ־טייל נעמענ אינ „געהיימע פארזאמלונגענ", מיט טורמע אָדער מיט שמיץ. אונ אינ 10 יאָר ארום האָט שוינ פאר דעם זעלביקנ „פארברעכנ" געקומט טויטשטראָפ.

פראגעס:

רעכנט אויס אונ געפינט אפ דער קארטע די סאַמע רייכע געגנטנ פונ נידער־לאַנדנ אונ זייערע גרעסטע האנדל־צענטערס ביזנ אונ נאָכנ אָנהייב XV יאָרהונדערט.

מיט וואָס האָט די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג ניט באַפרידיקט די נידערלאַנדישע בורזשואזיע?

וואָס האָבנ זיכ געוואָלט דערשלאָגנ די ארבעטנדיקע מאסנ?

אינ וואָס פאר א רעליגיעזער פאָרמ האָט זיכ אויסגעגאָסנ דער פראָטעסט?

וואָס איז געווענ דער רעזולטאט פונ דער רעוואָלוציע פאר די צפונדיקע פראָ־ווינצנ, אונ וואָס — פאר די דאָרעמדיקע פראָווינצנ.

ווי איז געגאַנגענ די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פונ נידערלאַנדנ נאָכ דער רע־וואָלוציע?

ווי איז געווענ די לאַגע פונ די ארבעטנדיקע אינ האָלאַנד?

קאַפיטל XIII

די אבסאָליוטע מאָנארכיע אינ פראנקרייכ אינ XVI—XVII יאָרהונדערטער

37. די אנטוויקלונג פונ אבסאָליוטיזמ

אינ דער זעלבער צייט, ווענ אינ האָלאַנד האָט געזאַמלט רייכטומ די רעפובליק פונעמ „גאָלדענעמ זאַק", האָט זיכ אינ פראנקרייכ (אונ נאָכ אימ אויכ אינ א ריי אנדערע אייראָפּייִשע לענדער) אנטוויקלט אונ פארשטאַרקט די אדעליקע זעלבסט־הערשערישע מעלוכע.

די עקאָנאָמישע אָרדענונג

די באַזע פונ פראנקרייכס ווירטשאַפט איז געווענ ערד־ארבעט. „זיינענ ווירקלעכע ארצגריבער אונ פערואַנער אוצרעס". די הויפט־ארטיקלענ פונ אויסערלעכנ האנדל זיינענ געווענ די פראָ־דוקטנ פונ דער לאַנדווירטשאַפט: ברויט, לייִנ, פרוכטנ. זייענדיק פארינטערעסירט

צו פארגרעסערנ זייערע האכנאָסעס, האָבנ זיכ די פּריצימ ברייט אריינגעצויגנ אינעמ האנדל. דערביי האָט א טייל ערד אופגעקויפט די בורזשואזיע, וואָס פלעגט זיכ איינשאפנ באגלייכ מיט פעאָדאלע שלעסער אויכ טיטולנ פונ אדעליקע.

אינ דאָרפ אָבער האָט נאָכ געהערשט דער פעאָדאלער, אָדער האלב-פעאָדאלער שטייגער, כאָטש זעלטנ ווו איז נאָכ פארבליבנ די פערזענלעכע לייבייגענע אָפהענגיקייט פונעמ פויער. אָפטער פונ אלצ פלעגט דער פויער, וואָס האָט געהאט אנ ערד-ביילעק (א „צענזיווע"), טראָגנ דערפאר אפ זיכ א גאנצע ריי פליכטנ פארנ פּאָרעצ. דאָס געוויינלעכע לייב-געלט („צענז"), א ביילעק פונ דער גערעטעניש, „מייסער" פאר די גייסטלעכע, קאָלערליי אנדערע שטייערנ, וואָס זיינענ געווענ פארבונדנ מיט די באנאליטעטנ, שוינ אָפגערעדט פונ די מעלוכישע שטייערנ, זיינענ ווי א שווערע לאסט געלעגנ אפ די אקסלענ פונעמ רעכטלאָזנ פויער.

פונקט ווי אינ אנדערע לענדער, האָט זיכ אויכ דאָ, אדאנק דעמ האנדל, אויסגעטיילט אינ דעמ פראנצויזישנ פויערטומ א באלעגופישער שיכט, וואָס פלעגט צומאָל אפילע צוקויפנ ערד בא די אדעליקע. באלעגופימ איז אָבער געווענ אנ אומבאדייטנדיקע מינדערהייט.

גרויסע גיטער האָט פארמאָגט דער קלער. אינ XVI יאָרהונדערט האָט צו אימ געהערט א פערטל פונ אלע קולטיווירטע ערדנ אינ פראנקרייכ.

די אינדוסטריע האָט הויפּטזאכלעכ באדינט די באדערפענישנ פונ די איינוווינער פונ פראנקרייכ גופע אונ קימאט ביזנ סאמע XVI יאָרהונדערט האָט זי געהאט דערהויפּט א האנטווערקערישנ כאראקטער. אָבער פונ דעמאָלט אָנ קומענ אופ די מאנופאקטורנ אונ עס הייבט זיכ אָנ אנטוויקלענ די בארג-אינדוסטריע. גלייכצייטיק פארשטארקט זיכ דער האנדל מיטנ מיזרעכ. א באדייטנדיק אָרט אינעמ אויסערלעכנ האנדל פונ פראנקרייכ (פונ XVII יאָרהונדערט) פארנעמענ די אמעריקאנישע קאָלאָניעס. צוגלייכ דערמיט פארגרעסערט זיכ אויכ די באדייטונג פונ דער בורזשואזיע, וואָס פארפעסטיקט זיכ.

אָט איז א ביישפּיל. דער סוחער אונ באנקיר **זשאק קער**, וואָס האָט געמאכט א קאָלאָסאלנ פארמעגנ פונ האנדל מיט מיזרעכ, האָט זיכ אָנגעהויבנ באשעפטיקנ מיטנ בארגוועזנ: זיינע בארג-אונטערנעמונגענ האָבנ זיכ אויסגעטיילט מיט דער סאמע אבזאָריעסדיקער קאפיטאליסטישער עקספּלואטאציע. ער האָט אופגעקויפט העכער 40 גיטער, איז געוואָרנ דעמ קיניגס קאסיר אונ האָט באקומענ אנ אדל-טיטל.

אפ די וועגנ צומ איינשטעלנ דעמ אבסאָליוטיזמ

ווי מיר ווייסנ, האָט דער וווקס פונ דער סכוירע- אונ געלטווירטשאפט שוינ אינ XVI יאָרהונדערט געבראכט צו דער אויסבילדונג פונ א נייער פאָרמ פונ דער פעאָדאלער מעלוכע. דאָס איז געווענ די אזויגערופענע שטאנדנ-מאָנארכיע, וואָס האָט באדייטנדיק פארשטארקט די צענטראלע קיניגלעכע מאכט אונ וואָס האָט זי צוגלייכ באגרענעצט דורכ דער שטאנדנ-פאָרשטייערשאפט. מיצאד די גענעראל-שטאאטנ, מיצאד די שטעט האָט די קיניגלעכע מאכט שטענדיק באקומענ שטיצע אינ איר קאמפ קעגנ די פארבליבענע גרויסע אומאָפהענגיקע פעאָדאלנ. דעמ סאמע הארבנ קלאפ די דאָזיקע פעאָדאלנ האָט אינ דער צווייטער העלפט XV יאָרהונדערט דערלאנגט דער קיניג לוי דער XI (לידאָוויק), וואָס האָט אויסגעראָטנ

די סאַמע אָנגעזעענסטע פּרינצנ און הערצאָגנ, וועלכע האָבנ געשטרעבט אײנצוהיטנ די פעאָדאַלע פרײַהײַטנ. צוזאַמענ דערמיט האָט לוי געשטיצט די אַנטוויקלונג פונעם האַנדל און געווערבנ.

די פּרווונ צו פאַרכאַפּנ די פּרוכטבאַרע איטאַליענישע ערדנ און אײַננעמענ די וועגנ פונעם מיזרעכ־האַנדל האָבנ געבראַכט לוי דעמ XI־טנס יאָרשימ צו אַ רײַ מאַרשנ אַפּ איטאַליע.

די רויִנירונג, וואָס אַט די אומגעלונגענע מילכאָמעס האָבנ געבראַכט, און די פאַרגרעסערונג פונ די אַזוי אויכ שווערע שטײַערנ, האָבנ געדינט אַלס שטויס צו אַ מוירעדיקער פאַרשאַרפונג פונ די קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ. דאָס האָט אויסגענוצט די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע און טײלווײַז אויכ די בורזשואַזיע פונ אַ רײַ שטעט אינ דאָרעמ־און דאָרעמ־מײַרעו־פראַנקרײַכ, וואָס האָבנ געשטרעבט צו פאַרהיטנ פאַר זיכ די קאָמונאַלע פּריווילעגיעס. אינמיטנ XVI יאָרהונדערט האָט זיכ אָנגעהויבנ אַ בירגערקריג.

די הוגענאָטנ־מילכאָמעס

אינ פראַנקרײַכ, פּונקט ווי אינ אַנדערע לענדער, איז אינ יענער צײַט די אידײיִשע הילע פונעם קלאַסנקאַמפּ געווענ די רעליגיע. די אומצופרידענע האָבנ אָנגענומענ קאַלוויניזמ לערע; די פראַנצויזישע קאַלוויניסטנ האָבנ באַקומענ דעמ נאָמענ הוגענאָטנ.

דאָס גאַנצע לעצטע דריטל פונ XVI יאָרהונדערט אינ פראַנקרײַכ איז געווענ פול מיט קעסײדערדיקע מילכאָמעס צווישנ די קאַטאָליקער און די הוגענאָטנ. אינ פאַרלויפ פונ דרײַסיק יאָר (1563—1593) זײַנענ פאָרגעקומענ 10 מילכאָמעס. דער רעזולטאַט פונ די צוזאַמענשטויסנ איז געווענ אַנ אומגעהײערער ווירטשאַפטלעכער כורבנ. „אויב עמעצער וואָלט אײַנגעשלאָפנ מיט פערציק יאָר צוריק און וואָלט זיכ אופגעכאַפּט נאָכ דעמ בירגערקריג, וואָלט ער געמיינט, אַז ער זעט ניט פראַנקרײַכ, נאָר זײַנ טויטנ קערפּער", — שרײַבט אײנער פונ יענער צײַט.

וואָס־זשע האָבנ געוואָלט די הוגענאָטישע אַריסטאָקראַטיע און די שטאָטישע רעדל־פירער? אכוצ די פאָדערונגענ פונ פרײַהײַט פאַרנ קאַלוויניסטישנ גלויבנ און אומאָפּהענגיקײַט פאַר דער קאַלוויניסטישער קירכע, איז דער טאָכ באַשטאַנענ דערינ, מע זאָל „צוריקגעבנ די פראַנצויזישע פּראָווינצ יענע רעכט, פּריווילעגיעס און פאַרצײַטיקע פרײַהײַטנ, וואָס זיי האָבנ געהאַט פאַרנ קיניג כלאָדוויג (וואָס האָט געלעבט אינ VI יאָרהונדערט). אַנדערש גערעדט, די אופשטענדלער האָבנ געשטרעבט אָפּצושוואַכנ די צענטראַלע זעלבסטהערשערישע מאַכט און צעברעקלענ פראַנקרײַכ לויטנ מוסטער פונ די דײַטשישע פירשטנטומס און פרײַע שטעט. צוגלײַכ מיט דעמ האָט זיי, ווי די דײַטשישע פעאָדאַלנ, צוגעצויגנ דאָס רײַכטום פונ דער קירכע.

די פײַנטלעכע צדאָדימ פלעגנ זיכ ניט אָפּשטעלנ פאַר ברעכנ וואָפנשטיל־שטאַנדנ, פאַר פאַרעטערישע אָנפאַלנ אַפּ אומבאַוואָפנטע און פאַר דערמאָרדנ פונ הינטנ אַרום די פירער פונ דעמ פײַנטלעכנ לאַגער. אינ דער נאַכט אַפנ 24־טנ אויגוסט 1572, ערעוו דעמ טאָג פונ דעמ „הייליקנ באַרטאָלאָמעוס", אינ דער צײַט פונ וואָפנשטילשטאַנד, איז פאָרגעקומענ אינ פּאַריז אַ מאַסנ־שכיטע פונ די אָנגעזעענסטע הוגענאָטנ; אינ דער דאָזיקער באַרימטער „באַרטאָלאָמעוס־נאַכט" איז אויסגעהאַרגעט געוואָרנ העכער 2000 מאַנ. ביים די דאָזיקע מילכאָמעס האָבנ אונ־

טערגעשטעלטע מערדער דערהאַרגעט דעמ קיניג הײנריכ III און דעם הויפּט פונ די קאַטאָליקער דעמ הערצאָג גיז.

דאָס דערשטיקנ דעמ פעאָדאלנ בירגער־קריג

פאַרענדיקט האָבנ זיכ די הוגענאָטנ־מילכאָמעס, ווענ קיניג איז געוואָרנ הײנריכ בורבאָנ, דער געוועזענער פירער פונ די הוגענאָטנ, וואָס איז דערנאָכ אריבער (ער האָט באַשלאָסנ, אַז „פּאַריזש איז ווערט א מעסע") צו די קאַטאָליקער.

אינ 1598 יאָר האָט הײנריכ IV ארויסגעגעבנ דעמ אַזוי־גערופענעמ „נאַנטער עדיקט" און האָט דורכ א רײ האַנאָכעס (פרײהײט פונ דער קאַלוויניסטישער קירכע, איבערלאָזנ אינ די הענט פונ די הוגענאָטנ א רײ שטעט און שלעסער) אײנגעשטילט איזכ זײנע געוועזענע פאַרבינדעטע — די הוגענאָטנ.

אינ דער צײט פונ הײנריכ IV האָט זיכ אײנגעגעבנ עטוואָס „אויסהײלנ" די באַרעוו געוואָרענע ווירטשאַפט פונ לאַנד און אופשטעלנ א שטאַרקע קיניגלעכע מאַכט, כאָטש ניט אפ לאַנג. ווענ ער איז אינ 1610 יאָר דערמאָרדעט געוואָרנ דורכ אײנעמ א פאַנאַטיקער — א קאַטאָליקער, האָבנ זיכ אינ לאַנד ווידער צעפלאַקערט פעאָדאַלע רײַסערײַענ.

בײם די דאָזיקע רײַסערײַענ זײַנענ אינ 1614 יאָר שוינ דאָס לעצטע מאָל אופגערופנ געוואָרנ די גענעראַל־שטאַטנ.

א גרויסע ראָליע אינעמ דערשטיקנ די פעאָדאַלע רײַסערײַ האָט געשפּילט דער קאַרדינאַל רישעליע.

אינ דער ערשטער העלפט XVII יאָרהונדערט האָט רישעליע, אַלס ערשטער מיניסטער בײַ דעמ קיניג לוי XIII, פאַרכאַפּט די הוגענאָטישע הויפּט־פעסטונגענ, האָט באַפוילנ פאַרניכטנ די באַפעסטיקטע פעאָדאַלע שלעסער און האָט געקעמפט פיל אומגעהאַרצאָמע אריסטאָקראַטנ.

בײם דער מינדעריאָריקײַט פונעמ פאָלגנדיקנ קיניג לוי XIV, אינ די 40־ער יאָרנ פונ XVII יאָרהונדערט, האָט די אריסטאָקראַטיע געמאַכט דעמ לעצטנ פּרווו פונ אַנ אופשטאַנד קעגנ דעמ אַבסאָליוטיזמ. די דאָזיקע ארויסטרעטונג האָט מענ דאַנ אָנגערופנ „פראָנדע" (שפּיל). די פראָנדע איז אָבער גאַנצ שנעל דערשטיקט געוואָרנ.

פונ דעמלט אָנ איז אינ פראַנקרײַכ אפ גאַנצע 140 יאָר אײַנגעשטעלט געוואָרנ די הערשאַפט פונ דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע.

פ ר א ג ע ס :

פאַר וועלכע קלאַסנ האָט געלוינט דער אַבסאָליוטיזמ און פאַרוואָס?

וועלכע געזעלשאַפטלעכע גרופּנ האָבנ געפרוווט קעמפנ קעגנ זאַימ?

אינ וואָס פאַר א פאָרמ האָט זיכ פאַנאַנדערגעוויקלט דער דאָזיקער קאַמפ אינ דער צווייטער העלפט XVI יאָרהונדערט?

38. דער אופבלי פונעמ אַבסאָליוטיזמ

די שטאַנדנ־אָרדענונג

מיר האָבנ שוינ געזאָגט, אַז די קלאַסנבאַזע פונ דער אַבסאָליוטער מאָנאַרכיע איז געווענ דער אדל. דער אדל איז געווענ דער העכסטער שטאַנד פונעמ קיניגרײַכ, וואָס האָט פאַרמאָגט לויטנ געזעצ פיל רעכט און וואָס האָט קימאַט ניט געהאַט אפ זיכ

קיינ שום פליכטנ. שינדנדיק די הויט פונ זייערע פויערימ, פלעגנ די אדעליקע אליינ צאָלנ דער מעלוכע־קאסע זייער ווינציק און האָבנ אומעטום געהאט אויסשליסלעכע פריווילעגיעס. זיי האָבנ פארנומענ די העכסטע אמטנ אינ דער מעלוכע, ארופווארפנדיק פאקטיש די ארבעט אפ די אקסלענ פונ די מיטעלע און קלענערע באאמטע, וואָס האָבנ געשטאמט פונ די נידעריקע שטאנדנ. די אדעליקע פלעגנ זיכ באמיִענ איינצואָרדענענ זיכ נעענטער צומ קיניגלעכנ הויפ, ווו עס איז געווענ לייכט גאָרנישט טאָנ און באקומענ א קאָלאָסאלנ געהאלט און מאטאָנעס פונ דעמ קיניג.

באגלייכ מיט די אדעליקע (און אינ אייניקע הינזיכטנ העכער אפילע) איז געשטאנענ דער צווייטער פריווילעגירטער שטאנד — די ג ײ ס ט ל ע כ ע. אלע העכסטע קלויסטער־אמטנ האָבנ פארנומענ מענטשנ פונעמ אדל. די קירכע פלעגט ניט צאָלנ קיינ שטייערנ און אינ דער זעלבער צייט פלעגט זי באקומענ פונ איר ערדיערלעכ העכער 100 מיליאָנ פראנק.

צומ אונטערשייד פונ דייטשלאנד, איז די קאטוילישע קירכע אינ פראנקרייכ שוינ פונ אָנהייב XVI יאָרהונדערט אָנ פאקטיש געווענ אונטערגעוואָרפנ ניט רוים, נאָר דער קיניגלעכער מאכט, בילדנדיק צוזאמענ מיטנ אדל דעמ זיכערסטנ אָנשפאר פונ דער דאָזיקער מאכט.

דער קערנ פונ דעמ „ד ר י ט נ ש ט א נ ד" איז געווענ די שטאָטישע ב ו ר ז ש ו א ז י ע. דער בורזשואזיע האָט געלוינט ביז א צייט צו שטיצנ די אבסאָליוטע מאָנארכיע. אָבער ניט מער ווי „ביז א צייט". וואָס שטארקער אָבער די בורזשואזיע איז געוואָרנ, אלץ מער איז די קיניגלעכע אפעטראָפּסעס געוואָרנ פאר איר ניט בלויז איבעריק, נאָר אויכ זייער באלעסטנדיק. די בורזשואזיע איז אויכ געווענ ניט צופרידנ מיט איר דערנידעריקטער לאגע אינ פארגלייכ מיט די ייִכעסדיקע שטאנדנ, וואָס טוענ גאָרניט, פארנעמענ דאָס לאנד און האָבנ די גרעסטע פריווילעגיעס.

א בורזשוא, און דערהויפּט נאָכ ניט פונ די גרויסע, האָט זיכ גאנצ אָפט ניט געקאָנט דערשלאָגנ צו א גערעכטנ מישפּעט איבער אנ אדעליקנ, וואָס האָט זיכ געגרויסט מיט זיינ נאָבעלער אָפּשטאמונג. די גייווע פונעמ אדל זעט מענ שוינ פונ אזא פאקט. אינ די גענעראל-שטאטנ אינ 1614 יאָר האָט איינער פונ די בורזשואזע דעפּוטאטנ פארגליכנ די דריי מעלוכע־שטאנדנ מיט א „פאמיליע פונ דריי ברידער". דערביי האָט ער נאָכ צוגעגעבנ, אז גאנצ אָפט טרעפט אזוי, אז „דאָס הויז, וואָס עס האָט נארעוו געמאכט דער עלטסטער" (דער אדל) שטעלט אופ דער „יינגסטער". די אדעליקע דעפּוטאטנ האָבנ זיכ שטארק באליידיקט דערפונ און האָבנ דערקלערט — „מיר ווילנ ניט, אז שוסטער-יונגענ זאָלנ אונדז אָנרופנ ברידער: צווישנ אונדז און זיי איז פונקט אזא כילעק, ווי צווישנ א האר און א לאקיי".

שפּעטער הייבט די פראנצויזישע בורזשואזיע אָנ שטארק טרוימענ וועגנ פארכאפנ די מאכט אינ אירע הענט. אָבער אינ XVII יאָרהונדערט איז די בורזשואזיע געווענ געצוווּנגענ צו באנוגענענ זיכ מיט דעמ כיילעק רויב פונ די ארבעטנדיקע מאסנ, וואָס זי פלעגט באקומענ פונ דער אדעליקער מעלוכע.

א ביז גאָר נידעריקע, אבסאָליוט־רעכטלאָזע לאגע האָבנ פארנומענ די פויערימ, די קליינע האנטווערקער און די ארבעטער, וואָס פאָרמעל זיינענ זיי געווענ צוגערעכנט צומ דריטנ שטאנד. אָט די עמעסע שעפער פונ אלע רייכטימער אינ לאנד פלעגט מענ ניט דערלאָזנ גיט אינ די גענעראל-שטאטנ, ניט צומ פארנעמענ אוועלכנ-ניט-

איז אמט. אַלע שטאַנדן האָבן זיך געפּלײַסט איבעריאָגן אײנער דעם אַנדערן אין עם בארויבן זײ. אכוץ דעם, וואָס די פּויערים פלעגן דירעקט צאָלן די פּריצים, פלעגן זײ נאָך אויך מוזן אויסצאָלן דער מעלוכע ביז א העלפט פון אַלע זײערע האַכנאָסעס.

ווען דער קיניג פלעגט ארומפאָרן מיט זײַן קאָלאָסאַלער סוויטע, פלעגט מען צונויפטרײַבן טויזנטער פּויערים, ארבעטער פלעגן אָפּגעריסן ווערן פון דער ארבעט, קעדײ צו פארשיטן די גריבער אפן וועג, בויען בריקן און אויסבויען א נײַעם קיניגלעכן וועג. ווען פארן פּלאָט פלעגן זיך פּאָדערן רודערער, פלעגט מען אַלע פארמישפּעטע דורך די קיניגלעכע געריכטן אָפּשיקן אף די גאַלערן (רודער־שיפן), ווו זײ פלעגן האַלב־הוילע און האַלב־הונגעריקע, צוגעשמידטע מיט אײַזערנע קײטן צו דער באַנק, אָפּט אָפּקומען דאָס גאַנצע לעבן זײערס אין אומדערטרעגלעך־שווערער ארבעט אונטער דער בײַטש פון דעם אויפזעער.

דער שטאַנדן־שטײַגער האָט שארף צעשפּאָלטן די געזעלשאַפט אף געשלאָסענע און אָפּגעזונדערטע גרופּן מיט זײער פארשײדענע רעכט און פליכטן. דערבײַ האָבן די צוויי העכסטע פּריווילעגירטע שטאַנדן געהאַט קימאַט אויסשליסלעך בלויז רעכט און קײנע שום פליכטן. דער אויבערשיכט פונעם דריטן שטאַנד פלעגט טײלווײַז געפינען א טרייסט פאר זײַן רעכטלאָזיקײַט אין דער דירעקטער קראַפט פון דעם אָנגעשטאָפּטן גאָלדענעם טײַסטער. די ארבעטנדיקע פון דאָרף און שטאָט פלעגן זיך פאקטיש געפינען אויסער דער שטאַנדן־אָרדענונג און פלעגן האָבן בלויז פליכטן.

די מעלוכע־אײַנאָרדענונג

ווי־זשע איז אָרגאַניזירט און רעגירט געוואָרן די פראַנצויזישע זעלבסטהערשערישע מעלוכע, וואָס האָט זיך אמשטאַרקסטן צעבליט פאר דער לאַנגדויערנדיקער הערשאַפט (72 יאָר) פון דעם קיניג לוי XIV?

בעראָש פון דער צענטראַלער רעגירונג־מאַכט איז געשטאַנען א „קיניגלעכער ראַט“, וועמעס באַדײַטונג עס איז געוואָרן אַלץ קלענער, וואָס מער עס איז געוואַקסן די קראַפט און די באַדײַטונג פון די מעלוכע־סעקרעטאַרן — דאָס זײַנען לעבאַנסלעכע באַאַמטע, וואָס פלעגן באַדינען דעם קיניגלעכן ראַט לויט באַזונדערע ספּעציאַליטעטן (אויסלענדישע, מיליטערישע איניאָנים א״אַז.).

שפּעטער אָבער זײַנען די מעלוכע־סעקרעטאַרן פארוואַנדלט געוואָרן אין מיניסטאָרן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין די הענט פון זײערע קאַנצעליאַריעס די פארוואַלטונג מיט דער גאַנצער מעלוכע.

צווישן די דאָזיקע מיניסטאָרן האָט זיך באַזונדערס אויסגעטײלט דער „גענעראַל־קאָנטראָליאָר“, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די פינאַנצ־איניאָנים. „פינאַנצן — דאָס איז די נעשאָמע פון דער מעלוכע“, — זאָגט אײנער, וואָס האָט געלעבט אין יענער צײַט. און דעריבער איז דעם קאָנטראָליאָרס אמט געווען א „מיניסטעריום, וואָס האָט געווירקט מיט אַלמעגלעכע מיטלען, אָפן און פארשטעלטע, אפן ווילשטאַנד פון דער מעלוכע און פונעם פאָלק“.

אף די ערטער, אין די פּראָווינצן, האָט דער גענעראַל־קאָנטראָליאָר געהאַט אונטער זײַן מאַכט אינטענדאַנטן — באַאַמטע, וואָס פלעגן באַשטימט ווערן דורך דער קיניגלעכער רעגירונג. די אינטענדאַנטן האָבן אָנגעפירט מיט די קלענערע באַאַמטע, וואָס פלעגן פארוואַלטן מיט געגנטן. די אמטן אין דער שטאָט־

פאַרוואַלטונג (דעם אַמט פֿון שטאַט־מער אאַ.) פֿלעגט די מעלוכע־קאַסע פֿאַרקויפֿן. זי האָט אַפֿילע געפּרוּווט האַנדלען מיטן אַמט פֿונעם דאָרפֿישן סטאַרעסטע, עס האָבן זיך אָבער ניט געפֿונען קיין באַלאָנים.

דאָס לאַנד איז אַזויאַרום באַדעקט געוואָרן מיט אַ נעץ באַאַמטע, וואָס אַלע פֿעדעם פֿון זיי פֿלעגן זיך געפֿינען בײַ די מיניסטאָרן און בײַ דעם גענעראַל־קאָנטראָליאָר אין דער ערשטער ריי אין די הענט. אַזוי האָט זיך אײַנגעשטעלט דער כאַראַקטעריסטישער פֿאַר דער אַבסאָליוטער מאָנאַרכיע ביוראָקראַטישער רעזשים.*

צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דעם ביוראָקראַטישן צענטראַליזירטן מאַכט־אַפּאַראַט, פֿלעגן די אַדעליקע קלאַל ניט פֿאַרלירן זייערע שטעלעס, וואָס פֿלעגן זיי אַרײַנברענגען קאָלאָסאַלע האַכנאָסעס. די דאָזיקע שטעלעס זײַנען אָבער געוואָרן ריין „דעקאָראַטיווע“; ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז די גענעראַל־גובערנאַטאָרס פֿון די פּראָווינצן האָבן געוויינט שטענדיק אין פּאַריז, און טאָמער פֿלעגן זיי וועלן אַרויספֿאָרן אויף אַ פּאָר טעג אין זייער געגנט, פֿלעגן זיי דאַרפֿן בעטן בײַם קיניג אוילויב.

אַ גרויסע ראָליע אינעם רעגירן האָט געשפּילט די פּיליצאַליקע פּאָליציי, וואָס איז געווען אַ זיכערער אָנשפּאַר פֿונעם ביוראָקראַטישן רעזשים. צוזאַמען מיט דער קירכע־צענזור האָט די פּאָליציי געהאַט אַן אויפֿזיכט איבער דער פּרעסע. אין דער געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער מאָנאַרכיע זײַנען געווען מאָמענטן, ווען די מאַכט־אָרגאַנען האָבן פֿאַרמאַכט אַלע דרוקערײַען און ביכער־קראָמען און האָבן פֿאַרבאָטן צו דרוקן וואָס־ניט־איז, דראָענדיק מיט טליע. די טורמעס זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, קיינמאָל ליידיק ניט געשטאַנען.

די מאָנאַרכיע פֿון לוי XIV האָט געמאַכט אַ סך אויך צו די רעשטלעך פֿרײַהײט פֿאַר דער פּראָטעסטאַנטישער רעליגיע, אָפּשאַפֿנדיק דעם נאַנטער עדיקט. פֿיל טויזנטער הוגענאָטן האָבן אויסגעוואַנדערט אין די שכייניש פּראָטעסטאַנטישע לענדער. די מאַכט־אָרגאַנען פֿלעגן זיך אַרײַנמישן אין אַלע קלייניקייטן: זיי פֿלעגן באַשטימען, ווען עס איז דערלויבט צו פֿאָרן אין קאַרעטעס און וויאַזוי מע דאַרף זיי באַפּוצן; ווער עס קען טראָגן אַ הוט מיט אַ פֿעדער און אַ שפּאַגע, און ווער ניט; זיי האָבן אַפֿילע „געזאָרגט“ וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ שפּײַז וועמען עס איז דערלויבט צו קויפֿן.

די ביוראָקראַטיע איז געווען אַ פּאַראַזיט אויפֿן גוף פֿון דעם אַרבעט־פֿאָלק. אויפֿן כעזשבן פֿונעם פֿאָלק האָט זי זיך געקאָרמעט און איז רײַך געוואָרן. פֿונעם פֿאָלק האָט זי אַרויסגעצויגן אַלע זאַפֿטן. די ביוראָקראַטיע איז געווען די סאַמע נויטווענדיקע און סאַמע וויכטיקע „ראָד“ אין דער קאָמפּליצירטער מעלוכישער מאַשין פֿון דער זעלבסטהערשונג, אין דער מאַשין צו באַרויבן די אַרבעטנדיקע מאַסן, אַריבערצופּאָמפּען זייערע מיטלען אין די קעשענעס פֿונעם אַדל און פֿון דער בורזשואַזיע, צו דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פֿון די אונטערדריקטע.

---

* דאָס וואָרט „ביוראָקראַט“ נעמט זיך פֿונעם פֿראַנצויזישן „ביוראָ“ — אַ קאָנטאָרקע, אַ קאַנצעליאַרישער טיש, און פֿונעם גריכישן „קראַטאָס“ — מאַכט, הערשאַפֿט.

די שטײַערנ

די ארבעטנדיקע מאסנ פלעגט מענ בארויבנ, פריִער פונ אלצ, דורכ דער שווערער קאָמפּליצירטער שטײַערנ־סיסטעמ.

אכוצ דעמ גרעסטנ טשינש — די „טאַליע", וואָס איז שטאַרק געהעכערט געוואָרנ פונ לוי XIV צײַטנ, ווערט אײַנגעפירט א גאַנצע רײ נײַע טשינשנ: „קאָפּשטײַער", „מײַסער" (א צענטל פונ דער גאַנצער האַכנאָסע), דערנאָכ דער „צוואַנציקסטל־טײלעכ". זעלטנ ווענ דאָס אופזאַמלענ די „טאַליע" פלעגט זיכ באַגײנ אָנ באוואָפנטער קראַפט. דאָס דערקלערט זיכ ניט בלויז מיט דער שווערקײַט פונעמ שטײַער גופע, נאָר אויכ מיט דעמ ווילקיר, וואָס פלעגט באַגאַנגענ ווערנ באַמ אופזאַמלענ אימ. די באַלעגופּימ פלעגנ זיכ מיט כאַבאַר דערשלאָגנ א פאַרקלענערונג פונ די שטײַערנ, אונ די הויפּט־מאַסע שטײַערנ פלעגט ארופגעוואָרפנ ווערנ אפ די אַקסלענ פונ די סאַמע אָרעמע צאָלער. קעדײַ צו פאַרצײכענענ, אַז פונ די דאָזיקע אַלע שטײַערנ זײַנענ געווענ באַפרײַט די פּריווילעגירטע, דוה. דער אדל אונ די גײַסטלעכע.

עס פלעגט קעסײדער פאַרגרעסערט ווערנ אויכ די צאָל אונ דער פאַרנעמ פונ די אומדירעקטע שטײַערנ, דאָס הײסט, דאָס באַשטײַערנ קאָלערלײ געברויכ־זאַכנ. ווײַנגערטנערײַ, וואָס האָט אינ פראַנקרײַכ געגעבנ א באַשעפטיקונג א גרויסנ טײל באַפעלקערונג, פלעגט באַשטײַערט ווערנ מיט אַזוי פיל פאַרשיידענע שטײַערנ, אַז א פּעסעלע ווײַנ, צומבײַשפּיל, ביז עס פלעגט דערגײנ פונ דאָרעמ אינ פּאַריזש, פלעגט ווערנ אינ צענ מאָל טײַערער. א שרעקלעכער שטײַער פאַר די ארבעטנדיקע איז געווענ דער זאַלצ־שטײַער („גאַבעל"). דער פּרײַז אפ זאַלצ איז געווענ אײַנגעשטעלט אַזא הויכער, אַז די אָרעמעלײַט זײַנענ געווענ געצוווּנגענ צו עסנ אָנ זאַלצ, אָבער דאָס איז זײ ניט געווענ דערלויבט! עס האָט עקזיסטירט א געזעצ, וואָס האָט פאַרפליכטעט יעדנ אײנעמ, וואָס איז עלטער פונ 7 יאָר, צו קויפנ ניט ווײניקער פונ זיבנ פונט זאַלצ א יאָר „פאַרנ טאָפּ אונ פאַרנ זאַלצ־מעסטל". אונ אפ אײַנזאַלצנ פלײש, פיש אונ אנדערע פּראָדוקטנ האָט מענ נאָכ געמוזט קויפנ זאַלצ אכוצ דעמ. טאָמער פלעגט עמעצער ניט אויספילנ די דאָזיקע באַשטימונגענ, פלעגט מענ אימ באַשטראָפנ, ווי פאַר א שווערנ קרימינעלנ פאַרברעכנ.

מערקאנטיליזמ

צוליב דעמ שטרעבנ צו פאַרברײטערנ אירע האַכנאָסעס אונ מיטהעלפנ דער באַרײַכערונג פונ די אדעליקע אונטערנעמער אונ פונ דער גרויס־בורזשואַזיע, האָט די זעלבסטהערשערישע מאָנארכיע דורכגעפירט די פּאָליטיק פונ דעמ אַזויגערופענעמ מערקאנטיליזמ. די דאָזיקע פּאָליטיק דערגרײכט איר העכסטע אַנטוויקלונג פאַר דעמ הויפּט־מיניסטער פונ לוי XIV — קאָלבער.

די מערקאַנטיליסטנ האָבנ געטײַנעט אַזוי: וואָס מער געלט די מעלוכע פאַרמאָגט, אַלצ רײַכער איז זי. קעדײ צו באַקומענ וואָס מער געלט, דאַרפ זי מיט אַלע מיטלענ פאַרגרעסערנ דעמ ארויספיר פונ פאַרטיקע פאַבריקאַטנ פונ איר לאַנד קײנ אויסלאַנד אונ וואָס ווינציקער ארײַנפירנ פרעמדע סכוירעס. דאַנ וועט זיכ אײַנשטעלנ א רענטאַבעלער פאַר דער מעלוכע „באַלאַנס" (גלײַכגעוויכט), בא וועלכנ דער ווערט פונ די ארויסגעפירטע סכוירעס וועט זײַנ העכער פונעמ ווערט פונ די ארײַנגעפירטע. צוליב דעמ דאַרפ מענ אונטערשטיצנ די אַנטוויקלונג פונ דער אינלענדישער אינדוסטריע, באַזונדערס פונ דער, וואָס פּראָדוצירט לוקסוס־ארטיקלענ אונ פאַרנ מיליטער־וועזנ. עס איז אויכ נײטיק צו אַנטוויקלענ דעמ האַנדל, דערהויפּט דעמ אויסערלעכנ, אונ מע דאַרפ דעריבער זאָרגנ וועגנ די פאַרקער־וועגנ אונ

וועגנ דעמ פלאט. קעדיי ניט דערלאזנ קיינ קאנקורענצ פונ די אויסלענדישע סכוי־
רעס, דארפ מענ אײַנפירנ זייער הויכע גרענעצ־אפצאלנ, וואס פארשוועריקנ דעמ
אריינפיר פונ אויסלענדישע סכוירעס. דערבײַ האט זיכ די רעגירונג לאכלומנ ניט אינ־
טערעסירט צו פארבעסערנ די לאגע פונ די ברייטע ארבעטנדיקע מאסנ. פונקט
פארקערט, דער קיניגלעכער מאכט איז געווענ נייטיק, אז די אונטערנעמער זאלנ רײַכ
ווערנ, ווײַל זיי פלעגט זי קאנענ באשטײַערנ מיט געהעכערטע שטײַערנ. אונ די
אונטערנעמער, ווידער, פלעגנ רײַכ ווערנ אלצ מער, וואס מער אכזאריעסדיק עס
איז געגאנגענ די עקספלואטאציע פונ די ארבעטער אונ געזעלנ, פונ די קוסטארנ אונ
פונעמ ארבעטנדיקנ פויערטומ.

די אבסאליוטע מאנארכיע האט זיכ געניטיקט אינ זייער פיל געלט: אפ אופצו־
האלטנ דעמ פרעכטיקנ קיניגלעכנ הויפ, די ארמיי אונ דעמ פלאט, די פילצאליקע
ביוראקראטיע, אפ צו פארטיילנ געלט די אומזיסטע פרעסער — די אדעליקע.

קאלבער, וואס האט אליינ געשטאמט פונ דער בורזשואזיע, האט מיט א קא־
לאסאלער ענערגיע דורכגעפירט די מערקאנטיליסטישע פאליטיק פונ רײַכ מאכנ
די אונטערנעמער אונ רויִנירנ די ארבעטנדיקע. ער האט אנטוויקלט די פראדוקציע
פונ לוקסוס־זאכנ: זײַדנס, שפיצנ, שפיגלענ אא. אינ דער זײַדנס־פראדוקציע פונ
ליאנ האבנ געארבעט פאר זײַנ צײַט צו טויזנט ווערקשטעלנ; ס'זײַנענ געווענ אזעלכע
מאנופאקטורנ, וואס האבנ דערגרייכט א קאלאסאלנ פארנעמ פאר יענער צײַט
(צומבײַשפיל, וואנראבעס מאנופאקטור מיט 1700 ארבעטער); מע פלעגט אויס־
שרײַבנ פונ אויסלאנד קוואליפיצירטע מײַסטערס.

גלײַכצײַטיק האט זיכ פארשטארקט דער דרוק אפ די ארבעטער. די רעגירונג
פלעגט מיט גוואלד צונויפקלײַבנ ארבעטער, וואס זײַנענ נייטיק געווענ פאר די
מאנופאקטוריסטנ, זי האט אײַנגעפירט אפ די אונטערנעמונגענ א קאטערגע־דיסציפ־
לינ; מיטנ טערעצ, אז זי קעמפט קעגנ „פוילקײַט", האט זי אפגעשאפנ יאנטוי־
וימ, אראפגעזעצט דעמ ארבעטלוינ אונ פארבאטנ קאלערליי ארבעטער־ארגאניזאציעס.

וואס איז שײַכ די אינדוסטריעלער, האט קאלבער געהאלטנ, אז „זיי אליינ
וועלנ זיכ ניט אויסלערנענ גיינ אנ קוליעס", דה. אנ א שטרענגער קליינלעכער
אפעטראפס. דעריבער פלעגנ ארויסגעלאזנ ווערנ ספעציעלע קלאלימ, וואס פלעגנ
באשטימענ: פונ וואס פאר א לענג דארפ זײַנ די אדער יענע שטאפ, וואס ווערט
אויסגעארבעט, פונ וואס פאר א פארב, פונ וואס פאר א גרעב דער פאדעמ אאוו.
פאר ברעכנ די דאזיקע קלאלימ פלעגט מענ זייער שטרענג באשטראפנ.

אינ רעזולטאט פונ דעמ אנראכמאנעסדיקנ ארויספאמפענ שטײַערנ אונ פונ
דער מערקאנטיליסטישער פאליטיק זײַנענ די קיניגלעכע האכנאסעס שטארק אויס־
געוואקסנ. אויב באלד אינ אנהייב, ווענ לוי XIV איז געווארנ קיניג, האבנ די
קיניגלעכע האכנאסעס באטראפנ 50 מיליאנ פראנק, האבנ זיי צומ סאפ פונ זײַנ
רעגירנ דערגרייכט ביז 165 מיליאנ פראנק. אבער די הויצאעס פונ דעמ קיניגלעכנ
הויפ פלעגנ שטענדיק איבערשטײַגנ די האכנאסעס.

לוי XIV אונ זײַנ הויפ

לוי דעמ XIV־טנס לעבנ אונ דאס לעבנ פונ דער הויפ־קליקע, וואס
האט אימ ארומגערינגלט, איז ניט ווייניקער, ווי די מילכאמעס,
געווענ יענער לעבעדיקער זאק, וואס עס האבנ ניט געקענט אנ־
פילנ אלע מעלוכע־„האכנאסעס", וועלכע מע פלעגט אזוי אומראכמאנעסדיק ארויספאמפענ.

לוי האָט געהאַלטנ, אַז די גאַנצע מאַכט געהערט פערזענלעכ אימ, אָנ קײנ שום באַגרענעצונגענ, אונ האָט שטאָלצ דערקלערט — „די מעלוכע — דאָס בינ איכ". „דער הערשער, — האָט געזאָגט אײנער אַ שרײַבער פונ יענער צײַט, — אַנטהאַלט אינ זיכ די גאַנצע מעלוכע. אינ זײַנ ווילנ איז דער גאַנצער ווילנ פונעמ פאָלק. ער איז די געשטאַלט פונ גאָט, וואָס זיצט אַפ זײַנ טראָנ איבער די הימלענ אונ וואָס פירט אָנ מיט דער גאַנצער וועלט".

די דאָזיקע פאָרשטעלונג וועגנ דער „געטלעכקײַט" פונ דער זעלבסטהערשערישער מאַכט האָט מענ געדאַרפט אונטערהאַלטנ דורכנ לעבנשטײגער פונעמ קיניג. לוי האָט זיכ ניט באַנוגנט מיט די פאַראַנענע פּאַלאַצנ, ער האָט באַפוילנ אויסצובויענ אַ רײ נײַע פּאַלאַצנ, וואָס דער סאַמע פּרעכטיקער פונ זײ איז געווענ דער ווערסאַלער (אינ דער אומגעגנט פונ פּאַריזש). אַפ אויסבויענ דעמ ווערסאַלער פּאַלעצ מיט זײַנ קאָלאָסאַל-גרויסנ שײנ פּלאַנירטנ פּאַרק אונ פאָנטאַנענ האָבנ אינ פאַרלויפ פונ 20 יאָר געאַרבעט 30 טויזנט אַרבעטער. די שטערבלעכקײַט צווישנ די דאָזיקע אַרבעטער איז געווענ אַ גרויזאַמע: יעדע נאַכט פלעגט מענ אַרויספירנ גאַנצע וועגענער טויטע. די אַרבעטקראַפט איז געווענ אַנ אומזיסטע: סאָלדאַטנ אונ אַרומיקע פּויערימ, וואָס זײַנענ אופגעטריבנ געוואָרנ אַפ „קיניגלעכער פּאַנשטשינע". אונ ניט געקוקט דערויפ האָט דער דאָזיקער אומגעהערטער לוקסוס-פּאַלעצ אָפּגעקאָסט אַ סומע, אַ העכערע פונ דער יערלעכער מעלוכע-האַכנאָסע. פונ אַלע עקנ קיניגרײַכ פלעגט זיכ אינ ווערסאַל צונויפקומענ דער סאַמע אַריסטאָקראַטישער אַדל, אונ אַרומרינגלענ מיט אַ גלענצנדיקער, אינ גאָלד באַפּוצטער סוויטע דעמ „זונענ-קיניג", ווי די הויפ-כניפעניקעס האָבנ אָנגערופנ לוי XIV. דער קיניג האָט ניט געקאַרגט קײנ מאַטאָנעס פאַר זײַנע הויפלײַט, וועמעס לעבנ עס איז געווענ אַ קעסיידערדיקער יאָנטעוו. די אײנציקע „פליכט" פונ דער אַריסטאָקראַטיע איז געווענ — אָנטײלנעמענ אינ די קאָלערלײ פײַערלעכע צערעמאָניאַלנ, וואָס האָבנ באַגלײט דאָס גאַנצע לעבנ דעמ קיניגס. „דאָס דערוואַכנ פונ שלאָפ" אונ דער „פרימאָרגנ-טואַלעט", פּונקט ווי דאָס „אָפּנײג צומ שלאָפ" אונ דאָס אויסטאָנ זיכ — דאָס אַלצ זײַנענ געווענ זײער קאָמפּליצירטע צערעמאָניעס, אינ וועלכע עס האָבנ אָנטײלגענומענ פיל צענדליקער פונ די העכסטע ראַנגנ פונ הויפ אונ אינ וועלכע יעדער אַקט (עס איז דערגאַנגענ דערצו, אַז מע פלעגט לעכאַטכילע אײַנשטעלנ, ווער פונ די, וואָס טוענ אויס דעמ קיניג, דאַרפ אַראָפּציִענ דעמ רעכטנ אַרבל, אונ ווער דעמ לינקנ פונ העמדל) איז פאָרויס געווענ זײער גענוי באַשטימט. ניט וויניקער פײַערלעכ איז געווענ אַרומגעשטעלט „דאָס קיניגלעכע עסנ" אונ דאָס גאַנצע איבעריקע לעבנ פונעמ קיניג אונ פונעמ הויפ.

דער גרונט-ציל פונ די אַלע צערעמאָניעס איז געווענ — אײַנפּלאַנצנ אינ די אַרומיקע דעמ געדאַנק וועגנ דער העכערקײַט פונ דער „געטלעכער" קיניגלעכער מאַכט אונ דערווײַזנ, אַז ס'איז ניטאָ קײנ אַנדערער אַזאַ, מיט וועמענ מע זאָל קאָנענ צונויפמישנ, אָדער פאַרגלײַכנ דעמ קיניג.

די מאָנאַרכנ פונ אַנדערע לענדער האָבנ מיט קינע געקוקט אַפ דער אומבאַגרענעצטער מאַכט פונ לוי XIV אונ אַפ דעמ גלאַנצ פונ זײַנ הויפ. זײ האָבנ זיכ באַמיט אינ אַלצ נאָכצוטאָנ דעמ „זונענ-קיניג". אונ דאָס האָט, אינ צוזאַמענהאַנג מיט פראַנקרײַכס מיליטערישער טעטיקײַט אונ מיט זײַנ אײַנזײַטיקער, אָבער הויכער קולטור, מיטגעהאָלפנ צו פאַרשפּרײטנ אינ אײראָפּע די פראַנצויזישע ליטעראַטור, די קונסט, די פראַנצויזישע הויפ-מינהאָגימ, די פראַנצויזישע שפּראַכ אאַוו.

פאַראָרעמונג

די אַכזאָריעסדיקע עקספּלואַטאַציע פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ פונ שטאָט אונ דאָרפ, די קאָלאָסאַלע הוצאָעס אַפ אויסהאַלטנ דעמ קיניגלעכנ הויפ אונ דעמ גאַנצנ פּאַראַזיטישנ אַדל האָט געבראַכט צו אַ שנעלער רויִנירונג פונעמ לאַנד אונ צו אַ פאַראָרעמונג פונ די אַרבעטנדיקע. אינ די דאָקומענטנ פונ די ערשטע יאָרנ פונעמ XVIII יאָרהונדערט לײענענ מיר: „לויט די געמאַכטע אונטערזוכונגענ ווײַזט זיכ אַרויס, אַז די לעצטע צײַט

איז בא איינ צענטל פונ דעמ גאנצנ פאָלק דערפירט צו דאלעס, אונ פונ די איבע־ריקע נײַנ צענטל זײַנענ פינפ נית אימשטאנד צו געבנ א נעדאָווע, ווײַל זיי אַלײנ געפינענ זיכ פונקט אינ אזא געפאלענער לאגע". „די ערדהארבעט איז פארלאָזט, די שטעט אונ די דערפער זײַנענ אָנ מענטשנ, די אינדוסטריע — קוימ וואָס זי עקזיס־טירט אונ איז נית אימשטאנד מער צו אָנזעטיקנ אירע ארבעטער". די אדל־מאכט האָט אינגאנצנ נית געהאלטנ פאר נייטיק צו פארבעסערנ די לאגע פונ די עקספּלואַ־טירטע מאסנ. רישעליע האָט נאָכ געשריבנ: „ווענ דאָס פאָלק וואָלט געלעבט צו גוט, וואָלט מענ עס נית געקאָנט אײַנהאלטנ אינ די ראמענ פונ זײַנע פליכטנ. דאָס פאָלק דארפ מענ פארגלײַכנ מיט א מויל־אייזל, וואָס, ווערנדיק צוגעווינט צו לאסט, ווערט ער פארדאָרבנ גיכער פונ לאנגדויערנדיקער רו, איידער פונ ארבעט".

די אויסערלעכע פּאָליטיק

דער פּראָצעס פונ רויִנירונג האָט זיכ נאָכ מער פארשנעלערט איבער די אומענדלעכע מילכאָמעס, וואָס דער אבסאָליוטיזמ האָט געפירט. ארויסגערופנ געוואָרנ זײַנענ די מילכאָמעס דורכ דער פּאָליטיק פונ מערקאנטיליזמ, וואָס האָט שטארק א קלאַפּ געטאָנ איבער דער קעשענע פונ דער בורזשואזיע אונ פונעמ אדל פונ די לענדער־קאָנקורענטנ. אשטיי־גער, דאָס אײַנפירנ הויכע פּאָשלינעס אינ פראנקרײַכ האָט ארונטערגעריסנ דעמ אויסערנ־האנדל פונ האָלאנד אונ ענגלאנד.

אינ דער פּראָגראמ פונ דער קיניגלעכער מאכט איז אויכ געווענ צו פארברייטערנ די ערד־באזיצנ אונ פארכאפּנ קאָלאָניעס. די נײַע טעריטאָריעס, אונ דערהויפּט די קאָלאָניעס, פלעגנ צושטעלנ רויווארג אונ פארגרעסערנ דעמ אָפּזאצמארק. אונ דערפונ זײַנענ געקומענ נײַע סיבעס פאר מילכאָמעס.

פאר לוי XIV צײַטנ האָט פראנקרײַכ געפירט א ברייטע אונ ענערגישע דעראָ־בערונג־פּאָליטיק. פונ די 54 יאָר, וואָס לוי האָט זעלבשטענדיק רעגירט, זײַנענ 33 יאָר דורכגעגאנגענ אינ מילכאָמעס. די דאָזיקע מילכאָמעס האָבנ אײַנגעשלונגענ א סומע געלט, וואָס איז גלײַכ צו דער גאנצער מעלוכע־הכנאָסע פאר 10 יאָר צײַט; פאר דער צײַט פונ די מילכאָמעס איז אומגעקומענ ביז אָנדערהאלבנ מיליאָנ מענטשנ פונ דער דערוואקסענער מענער־באפעלקערונג.

די מילכאָמעס האָט דער אבסאָליוטיזמ געפירט „אָפּ פארהוויסטנ". „אופּעסנ דאָס לאנד", — פלעגנ באפעלנ די מיליטערישע קאָמאנדירנ, אונ פלעגנ די ערשטע ווײַזנ א בײַשפּיל פונ בארויבנ די פרידלעכע באפעלקערונג. דער פראנצויזישער קריג־מיניסטער האָט געשריבנ צו איינעמ א גענעראל אזוי: „האגאמ דער קיניג איז איבערצײַגט, אז איר האָט אימ היפּש באגאנוועט אינ יענעמ לאנד, פונ וועלכנ איר קערט זיכ אומ, דאָכ איז זײַנ מאיעסטעט זייער צופרידנ דערמיט, וואָס איר האָט אימ איבערגעלאָזנ".

פראנקרײַכ האָט געפירט מילכאָמע מיט דעמ הענדלערישנ האָלאנד, מיט שפּאניע, מיט עסטרײַכ אונ מיט די דײַטשישע פירשטנטומס. סאָפּ 1780־ער יאָרנ הייבט זיכ אָנ א נײַער פּעריאָד, ווו עס טרעט ארויס פראנקרײַכס א נײַער סוינע — ענגלאנד. די קאָנקורענצ אינ אמעריקע, ווו די פראנצויזנ האָבנ אָנגעהויבנ פארכאפּנ קאָלאָני־עס (קאנאדע), אונ אויכ אינ אייראָפּע — אָפּנ באָדנ פונ האנדל, — האָט אומפאר־מײַדלעכ געפירט צו אנ ענגליש־פראנצויזישנ צוזאמענשטויס.

אינ רעזולטאט פונ די קעסיידערדיקע רויִנירנדיקע מילכאָמעס האָט פראנק־

רײַכ עטװאָס פֿארגרעסערט זײַנע ערד־באַזיצנ אױפֿנ כעזשבנ פֿונ זײַנע שװאַכערע שכײנים. אָבער די דאָזיקע דעראָבערונגענ האָבנ, פֿארשטײט זיכ, ניט געדעקט די קאָרבאָנעס, װאָס פֿראַנקרײַכ האָט אָװעקגעלײגט.

א פֿולשטענדיקע ירושה פֿונ דעמ לאַנד — דאָס איז געװענ די ירושה, װאָס דער „זונענ־קיניג" האָט איבערגעלאָזנ זײַנע נאָכפֿאָלגער.

װאָסערע באַדינגונגענ האָבנ געפֿירט צו די ניצכוינעס פֿונעמ אַבסאָליוטיזמ

דער ניצאָכנ פֿונעמ אַבסאָליוטיזמ אינ מערװ־אײראָפּע דערקלערט זיכ אינ גרונט מיט פֿאָלגנדיקע סיבעס: מיטנ װײַטערדיקנ װוּקס פֿונ דער אינדוסטריע אונ פֿונעמ האַנדל, װאָס אינ צוזאַמענהאַנג דערמיט האָבנ זיכ, אינ פּראָצעס פֿונ קאַמפּ, געענדערט די קלאַסנ־פֿארהעלטענישנ.

די מיטעלע אונ קלײנע פּריצימ, װאָס זײַנענ אַרײַנגעצױגנ געװאָרנ אינעמ האַנדל, זײַנענ געװענ פֿארינטערעסירט אינ דער פֿארשטאַרקונג פֿונ דער צענטראַלער מעלוכע־מאַכט. די דאָזיקע אַרל־מאַכט האָט געדאַרפֿט ענדגילטיק ברעכנ די רעשטלעכ אומאָפּהענגיקײט פֿונ די גרױסע פֿעאָדאַלנ, פֿארברײטערנ די גרענעצנ פֿונ דער מעלוכע, מיטהעלפֿנ דער אַנטװיקלונג פֿונ פֿארקער־װעגנ, פֿונעמ פֿלאָט אונ פֿונ די מאַנופֿאַקטורנ אונ באַװאָרענענ די אַדעליקע מיט מער רעװעכ פֿונעמ עקספּלואַטירנ די אַרבעטנדיקע.

די בורזשואַזיע האָט געשטיצט די דאָזיקע אָרדענונג, װײַל זי איז נאָכ ניט געװענ שטאַרק גענוג צו שאַפֿנ אַנ אײגענע מאַכט. דעריבער האָט זי זיכ באַנוצט מיט יענע גוצנ, װאָס עס האָט איר געגעבנ דער אַדעליקער אַבסאָליוטיזמ.

די אינטערעסנ פֿונ די פּריצימ אונ פֿונ דער בורזשואַזיע זײַנענ, ענדלעכ, צונױפֿגעפֿאַלנ אינ אײנ פּונקט, דערינ: אַז ס'איז נײטיק א „פֿעסטע צױמ" פֿאַר די עקספּלואַטירטע אונ באַרױבטע אַרבעטנדיקע מאַסנ. דאָס אומגעהײערע באַרױבנ די אַרבעטנדיקע מאַסנ האָט זיכ געשטיצט אױפֿ דער שטאַרקער קיניגלעכער מאַכט, װאָס האָט געהאַט אינ איר רעשוס א גאַנצע אַרמײ באַאַמטע, פּאָליציי אונ א גרױס רעגולער מיליטער. אינ דער מערהײט אַנדערע לענדער פֿונ מערװ־אײראָפּע האָבנ ענלעכע סיבעס אינ דער זעלביקער עפּאָכע אױכ אַרױסגערופֿנ די אַנטװיקלונג אונ פֿארפֿעסטיקונג פֿונ דער זעלבסטהערשערישער מאַכט.

פּראַגעס:

אינ װאָס איז באַשטאַנענ די שטאַנדנ־אָרדענונג אונ װאָס פֿאַר אַנ אָרט האָבנ אינ איר פֿארנומענ די באַזונדערע שטאַנדנ?

אינ װאָס פֿאַר א לאַגע האָבנ זיכ געפֿונענ די אַרבעטנדיקע מאַסנ פֿונ דאָרפֿ אונ שטאָט?

װי איז געװענ געבױט די צענטראַלע אונ אָרטיקע פֿארװאַלטונג פֿונ דער אַבסאָליוטער מאָנאַרכיע?

װאָס איז אַזױנס די ביוראָקראַטיע, אונ װאָס פֿאַר א באַדײַטונג האָט זי געהאַט?

װאָס איז אַזױנס דער מערקאַנטיליזמ אונ אינ װעמענס אינטערעסנ איז דורכגעפֿירט געװאָרנ די דאָזיקע פּאָליטיק?

אינ װאָסער עקאָנאָמישער לאַגע האָט זיכ געפֿונענ פֿראַנקרײַכ צומ אָנהײב XVIII יאָרהונדערט.

װאָס פֿאַר א קלאַסנ־באַזע האָט געהאַט דער אַבסאָליוטיזמ?

קאַפּיטל XIV

די אַנטוויקלונג פונ דער וויסנשאַפט אינ XVI—XVII יאָרהונדערטער

39. די בורזשואזיע אונ די אנטוויקלונג פונ דער וויסנשאפט

אינ פארלויפ פונ דעמ XVII—XVI יאָרהונדערטער ווערט פארשנעלערט אונ פארברייטערט דער צעפאַלונג־פּראָצעס פונעמ פעאָדאליזמ, וואָס „באפרייט", ווי מארקס זאָגט, בא זיינ צעפאלונג די „עלעמענטנ פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט".

„צוזאמענ מיטנ וווקס פונ דער בורזשואזיע, — שרייבט ענגעלס, — האָט זיכ טריט בא טריט אנטוויקלט מיט אנ אומגעהייערער קראפט אויכ די וויסנשאפט. מע האָט זיכ ווידער אָנגעהויבנ פארנעמענ מיט אסטראָנאָמיע, מעכאניק, פיזיק, אנאטאָמיע, פיזיאָלאָגיע. קעדיי צו אנטוויקלענ איר אינדוסטריעלע פּראָדוקציע, האָט זיכ די בורזשואזיע געניטיקט אינ דער וויסנשאפט, וואָס זאָל אויספאָרשנ די אייגנשאפטנ פונ קערפערס אונ די טעטיקייט פונ דער נאטור. ביז יענער צייט איז די וויסנשאפט געווענ בענעגייע דער קירכע ניט מער ווי א באשיידענע דינסט, וועלכע האָט ניט געטאָרט אריבערטרעטנ די גרענעצנ, וואָס עס האָט איינגעשטעלט די רעליגיע; קורצ גערעדט, זי איז געווענ אלצ, נאָר ניט קיינ וויסנשאפט. איצט האָט די וויסנשאפט דערקלערט קעגנ דער קירכע א בונט אונ די בורזשואזיע, וואָס האָט זיכ געניטיקט אינ דער וויסנשאפט, האָט זיכ אָנגעשלאָסנ צומ דאָזיקנ בונט".

ארויסטרעטנדיק קעגנ דער פעאָדאלער אָרדענונג, האָט די בורזשואזיע אינ יענער צייט געקעמפט קעגנ די פענטעס פונעמ קלויסטערס אויטאָריטעט, פאר דער אנטוויקלונג פונ די וויסנשאפטלעכע קענטענישנ, וואָס זיינענ געווענ נייטיק פאר אירע קלאסנ־אינטערעסנ. דער איניציאטאָר דערפונ איז געווענ איטאליע. פונ XVI—XV יאָה. הייבט אָנ די בורזשואזע קולטור פארשפרייטנ זיכ אויכ אויסער די גרענעצנ פונ איטאליע, אינ אנדערע לענדער מיט אנ אנטוויקלטנ האנדל אונ אינדוסטריע.

די קריג־טעכניק

דער וווקס פונ די טעאָרעטישע קענטענישנ איז געווענ ענג פארבונדנ מיט די באדערפענישנ פונ דער טעכניק. ס'איז העכסט אינטערעסאנט, אז איינע פונ די פריסטע מינימ טעכניק, וואָס האָט זיכ שטארק אנטוויקלט צוזאמענ מיטנ וווקס פונ דער סכוירע־ווירטשאפט, איז געווענ די קריג־טעכניק.

אינ די גרויסע צענטראליזירטע מעלוכעס פונ XVII—XVI יאָרהונדערטער באקומט דאָס מיליטער־וועזנ א קאָלאָסאלע באדייטונג. מיר ווייסנ שוינ פונ די אָנצאָליקע מילכאָמעס, וואָס עס האָבנ געפירט אזעלכע לענדער, ווי פראנקרייכ, צוליב דער האנדל־קאָנקורענצ, צוליב דער שטרעבונג צו פארברייטערנ די טעריטאָריעס אונ צוליב קאָלאָניעס. די דאָזיקע מילכאָמעס האָט מענ איצט געפירט מיט גרויסע שטענדיקע ארמייענ, וואָס האָבנ פארביטנ די צייטווייליקע ארמייענ פונ

די ריטערס, אָדער פונ די שטאָט־בירגער, וואָס פלעגנ מאָביליזירט ווערנ נאָר אפ דער צײַט פונ מילכאָמע.

הארט ביז דער צווייטער העלפט פונ XVII יאָרהונדערט פלעגנ די ארמייענ געבילדעט ווערנ דערהויפט פונ געדונגענע סאָלדאטנ, מענטשנ, וואָס לעבנ פונ דער „מילכאָמע־מעלאָכע“ אונ וואָס פלעגנ געלט פאר פארדינגענ זיכ צו יעדער מעלוכע. שפעטער הייבט מענ שוינ אָנ דינגענ סאָלדאטנ פונ די אָרעמע שיכטנ באפעלקערונג פונ דעמ געגעבענעמ לאנד אפ א באשטימטנ טערמינ. אויב עס פלעגט ניט סטײַענ קיינ פרײַוויליקע, וואָס ווילנ אָנקומענ אינ דער ארמיי, פלעגט מענ ניט זעלטנ אָנהייבנ אָנ עמעצנ גײַענ אפ אָרעמעלײַט, וואָס מע פלעגט כאפנ אונ מיט גוואלד צווינגענ גייענ אינ דער ארמיי.

די שטענדיקע ארמייענ זײַנענ געווענ באזאָרגט מיט פײַער־געווער, וואָס די טעכניק דערפונ האָט שנעל א שפאנ געטאָנ פאָרויס.

„פאר פייער־געווער, — שרײַבט ענגעלס, — האָט מענ שוינ געדארפט האָבנ א אינדוסטריע אונ געלט. אי דאָס אי יענץ האָבנ פארמאָגט די שטאָט־בירגער. דעריבער איז דאָס פײַער־געווער פונ סאמע אָנהייב אָנ געווענ א געווער פונ די שטעט אונ פונ די מאָנארכנ, וואָס האָבנ זיכ געשטיצט אפ די שטעט אינ זייער קאמפ קעגנ דעמ פעאָדאלנ אדל. די געמויערטע ווענט פונ די ריטערישע שלעסער, וואָס זײַנענ ביז אהער געווענ ניט צוטריטלעכ, זײַנענ ניט אײַנגעשטאנענ קעגנ די הארמאטנ פונ די שטאָט־בירגער; די קוילנ פונ די בירגערישע ביקסנ האָבנ דורכגעלעכערט די ריטערישע פאנצערס, צוזאמענ מיט דער אדל־קאוואלעריע, וואָס איז געווענ פארשמידט אינ פאנצערס, איז געפאלנ אויכ די הערשאפט פונ דעמ אדל, אונ צוזאמענ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער בורזשואזיע זײַנענ דאָס פוסגייער־מיליטער (אינפאנטעריע) אונ די ארטילעריע אלץ מער אונ מער געוואָרנ די הויפט־פאקטערס פונ קריג־דערפאָלג“.

אנערעכ ביזנ XIII יאָרהונדערט איז דאָס איינציקע געווער געווענ שווערדנ, פײַלנבויגנס, פיקעס אונ אנדערע מינימ „קאלט געווער“. אינ XIII יה. הייבט מענ אָנ אויסארבעטנ אינ אייראָפע פולווער* אונ עס הויבט זיכ אָנ פארשפרייטנ פײַער־געווער.

די ערשטע הארמאטנ זײַנענ געווענ פונ אײַזנ (שפעטער פונ בראָנז), זיי האָבנ געשאָסנ מיט שטיינערנע קוילנ. דאָס ערשטע האנט־געווער, וואָס האָט זיכ באוויזנ, איז געווענ דער ארקעבוז, וואָס האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט א ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונ אנ ארבאלעט, אינ וועלכנ דער פאז פאר דער פײַל איז פארביטנ געוואָרנ אפ א מעטאלנ רערל פאר דער קויל. די הארמאטנ זײַנענ געווענ ביז גאָר פרימיטיווע, אָפט פלעגנ זיי זיכ אופרײַסנ אונ הארגענענ שיר ניט מער אייגענע מענטשנ ווי סאָנימ.

די אנטוויקלונג פונ דער מעטאלורגישער טעכניק האָט זיכ אָפגערופנ אפ דער קוואליטעט אונ אפנ טיפ פונעמ פײַער־געווער. אינ XV יאָרהונדערט באווײַזט זיכ א מינ ביקס—דער מושקעט, פונ וועלכנ עס פלעגט שיסנ (ווידער טאקע מיט דער הילפ פונ א געשטעל, אזוי שווער אונ אומבאקוועמ איז געווענ דאָס האזיקע

* פולווער האָבנ דערפונדנ כינעזער. פולווער פאר פײַער־געווער האָבנ די ערשטע אָנגעהויבנ אָנווענדנ די אינדוסנ אונ אראבער. אינ אייראָפע האָט מענ פולווער צומ ערשטנ מאָל אָנגעווענדט אינ שפאניע.

געווער) א ספּעציעלער קריגער — א מושקעטער. קימאט 15 פּראָצענט פונעמ גאנצנ פוסגייער־מיליטער זײַנען שוינ איצט געווענ מושקעטערנ. אינ דעמ פּאָלגנדיקנ יאָרהונדערט איז דערפונ געוואָרנ א קורצ אונ מער לײַכט געווער — א פּיסטאָלעט, מיט וועלכנ עס פלעגט זײַנ באוואָפנט די קאוואַלעריע. אינ XVIII יאָרהונדערט זײַנען די אלטע מושקעטנ, ווו דעמ פולווער פלעגט מענ אָנציגדנ מיט דער הילפ פונ א קנייטל, פארביטנ געוואָרנ אפ פײַערשטיינ־מושקעטנ, פארהעלטניסמעסיק קירצערע אונ שנעלער שיסנדיקע ביקסנ.

גלײַכצײַטיק איז אויכ פארפולקומט געוואָרנ דאָס שווערע געווער. א גרויסע ראָליע האָט דאָ געשפּילט דאָס, וואָס מע האָט גענומענ אָנווענדנ אפ די מעטאלורגישע זאוואָדנ א וואסער־באוועגער, אונ מיט זײַנ הילפ פלעגט מענ אפ ספּעציעלע געשטעלנ אויסבויערנ הארמאטנ. די שטיינערנע קוילנ ווערנ פארביטנ אפ געגאָסענע טשוהונענע; שפּעטער ווערנ אײַנגעפירט גראנאטעס, אָנגעפילטע מיט פולווער אונ מיט שרויט. א גאנצע ריי געלערנטע, מאטעמאטיקער אונ מעכאניקער העלפנ מיט זייערע אויספאָרשונגענ אלצ מער צו פארפולקומענ דאָס געווער.

טיפּנ פונ שיסער פונ XVI יה.

מיר וועלנ דאָ אָנרופנ די איטאליענישע געלערנטע טארטאליא, האליליי (וואָס האָט אויסגערעכנט די פלי־ליניע פונ א קויל, די אזויגערופענע טראַעקטאָריע), זײַנ שילער טאָריטשעלי אונ אנד. די קוסטארנ אונ האנטווערקער זײַנען שוינ ניט געווענ בעקויעכ אויסצוארבעטנ קריג־מאכשירימ — ניט אינ הינזיכט פונ טעכניק, אונ אויכ ניט לויט דער צאָל באוואָפענונג, וואָס עס האָט זיכ געפאָדערט. אינ 1652 יאָר צומבײַשפּיל האָט זיכ די ענגלישע רעגירונג גענייטיקט אינ 1865 הארמאטנ אונ אינ אנטשפּרעכיקער צאָל סנאריאדנ. ספּעציעלע אגענטנ זײַנען ארומגעפאָרנ איבערנ גאנצנ לאנד, האָבנ „אָפּגעשלאָגנ די טירנ פונ אלע מײַסטערס־מעטאליסטנ“, אונ דאָכ זײַנען זיי ניט געווענ בעקויעכ צו באפרידיקנ דעמ אומגעריכטנ גרויסנ נאָכפרעג. דאָ האָט געקאָנט העלפנ נאָר די גרויסע מאנופאקטור־פּראָדוקציע.

בוכדרוקערײַ

די אנטוויקלונג פונ דער טעכניק איז געווענ ענג פארבונדנ מיטנ וווּקס פונ די וויסנשאפטלעכע קענטענישנ אונ מיטנ אלגעמיינעמ אופשטײַג פונ דער קולטור. דער דאָזיקער אופשטײַג וואָלט אָבער געווענ אוממעגלעכ אָנ אײנער א גרויסער דערפינדונג, וואָס איז געמאכט געוואָרנ נאָכ אינ XV יאָרהונדערט. מיר מיינענ דאָ די בוכדרוקערײַ.

ביזנ XV יאָרהונדערט זײַנענ געווענ ספּעציעלע איבערשרײַבער, זייער אָפט מאָנאכנ, וואָס פלעגנ איבערשרײַבנ ביכער מיט דער האנט. באטראכט זיכ נאָר, וויפל צײַט אונ קויכעס ס'פלעגט אוועק אפ איבערצושרײַבנ א גרויסנ בוכ, דערצו נאָכ אינ עטלעכע עקזעמפּליארנ! קאָלומאנ די באדערפעניש אינ ביכער איז געווענ א קליינע, — בא קימאט א דורכויסיקנ אנאלפאבעטיזמ, — האָט מענ זיכ נאָכ ווי עס איז געקאָנט באגיינ מיטנ איבערשרײַבנ מיט דער האנט. מיט דער אנטוויקלונג פונ די שולנ, פונ די וויסנשאפטלעכע קענטענישנ אונ פונעמ פּאָליטישנ קאמפ האָט זיכ די לאגע שטארק געענדערט. די באדערפעניש אינ ביכער, דערבײַ אינ מער ביליקע, איז אינ פיל מאָל אויסגעוואקסנ.

דער פאָרגייער פונ דער בוכ־דרוקערײַ איז געווענ די גראווירקונסט, וואָס איז אינ כינע געווענ באקאַנט שוינ פונ X יאָרהונדערט אונ וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ פארשפרייטנ אינ אייראָפּע פונ סאָפ XIV יאָרהונדערט.

מע פלעגט אפ א הילצערנער ברעט אויסשנײַדנ א צייכענונג אָדער א טעקסט, דערנאָכ פלעגט מענ די ברעט באשמירנ מיט פארב אונ צולייגנ זי צו פּאפּיר. אזוי־ארומ פלעגט זיכ באקומענ אנ אָפּצוג פונ א צייכענונג אָדער אנ אָפּצוג פונ ווערטער. אָבער אויסשנײַדנ אפ אזא אויפנ א גאנצנ בוכ, בויגנ נאָכ בויגנ, איז אנ אויסערסט קאָמפּליצירטע אונ מאָרודנע ארבעט. אנ אנטשיידענעמ דערפאָלג האָבנ זיכ דערשלאָגנ אָנהייב XV יאָרהונדערט דער האָלענדער ק אָ ס ט ע ר אונ דער איטאליענער מ ע ס י נ א, וואָס האָבנ צוגעטראכט א באוועגלעכנ שריפט. זיי האָבנ אויסגעשניטנ בוכשטאבנ, יעדנ בוכשטאב באזונדער אונ, צוזאמענשטעלנדיק זיי, באקומענ ווערטער. אזוי־ארומ האָט מענ געקאָנט מיט דער הילפ אויכ פונ ניט קיינ גרויסער צאָל בוכשטאבנ אָפּדרוקנ א גאנצנ בוכ.

אָבער די הילצערנע בוכשטאבנ זײַנענ געווענ ניט שטארק אונ ניט באקוועמ צומ דרוקנ. דעריבער טאקע האלט מענ, אז די עמעסע בוכ־דרוקערײַ הייבט זיכ אָנ פונ דעמ דײַטש י אָ ה א נ ג ו ט ע נ ב ע ר ג, וואָס האָט דערפונדנ א באוועגלעכנ מעטאלענעמ שריפט אונ א ספּעציעלנ פרעס אפ צו מאכנ אָפּצוגנ. אינ 1455 יאָר האָט גוטענבערג ארויסגעלאָזנ דעמ ערשטנ בוכ, אָפּגעדרוקט אפנ נײַעמ אויפנ.

דרוקערײַענ, ווארשטאטנ, ווו מע פלעגט דרוקנ די ביכער, הייבנ אָנ ברייט צו פארשפרייטנ זיכ. אינ 1500 יאָר איז שוינ אינ דער שטאָט נירענבערג אלייג געווענ 25 דרוקערײַענ. אינ דער זעלבער צײַט, אנערעכ, איז אויכ פארפולקומט געוואָרנ די פּאפּיר־פּראָדוקציע. דאָס אלצ האָט שטארק ביליקער געמאכט דעמ בוכ.

מיר ווייסנ שוינ וועגנ דער פארשארפונג אונ פארטיפערונג פונ דעמ קלאסנקאמפ אינ דער עפּאָכע, ווענ עס צעפאלט דער פעאָדאליזמ אונ עס קומט אופ די בורזשואזע געזעלשאפט. דער געדרוקטער בוכ, דאָס פלוג־בלעטל אונ די צײַטונג זײַנענ געוואָרנ א מעכטיק געווער פונ יעדנ קלאס צומ באשיצנ זײַנע אינטערעסנ, צומ אָנפאלנ אפ זײַנע סאָנימ אונ צו פּראָפּאגאנדירנ זײַנע אידייענ.

די אנטוויקלונג פונ אסטראָנאָמיע

אינ דער עפאָכע פונ דער צעפאַלונג פונעם פעאָדאַליזם אינ פונ אָנפאַנגלעכער אָנזאַמלונג פונ קאַפיטאַל איז די אַנטוויקלונג פונ דער וויסנשאַפט, ווי מיר ווייסנ שוינ, געגאַנגענ האַנט בײַ האַנט מיטנ וווּקס פונ דער האַנדלשער יאַם־שיפערײַ. אַזוי שנעל אַנטוויקלט זיכ דערבײַ אינ XVI—XVII יאָרהונדערטער די אַסטראָנאָמיע, וואָס איז נייטיק פאַר יאַם־רײַזעס אונ פאַר פינקטלעכנ אויסרעכענענ די צײַט. די פאָרגייערנ פונ אַסטראָ־נאָמיע אונ אַ לאַנגע צײַט איר קעגנערנ איז געווענ די אַסטראָלאָגיע (פונעם גריכישנ „אַסטראָנ" — לײַכטשטערנ).

אינ יענע צײַטנ פלעגט מענ גלייבנ, אַז דעמ מענטשנס לעבנ איז אָפ עפעס אַ סוידעספולנ אויפנ פאַרבונדנ מיט דער באַוועגונג פונ די שטערנ אינ הימל. דע־ריבער זײַנענ געווענ אַזעלכע „ספּעציאַליסטנ־אַסטראָלאָגנ" (שטערנזעער), וואָס פלעגנ לויט דער לאַגע פונ די שטערנ „פאָרויסזאָגנ" אַלע געשעענישנ אָפ דער ערד. די קיניגנ אונ די גווירימ פלעגנ געוויינלעכ האַלטנ בײַ זיכ אַזעלכע אַסטראָלאָגנ, אונ זעלטנ ווענ מע פלעגט צוטרעטנ צו עפעס אַ גרויסנ איניענ אָנ זייערע „פאָרויסזאָגונגענ".

פאַרשטייט זיכ, אַז דאָס איז געווענ דורכויס אָנ אָבערגלויבנ אונ אַ שווינדל, אונ דער עכטער וויסנשאַפט, — דער אַסטראָנאָמיע — איז אויסגעקומענ דערנאָכ אַקשאָנעסדיק קעמפנ קעגנ דער אַסטראָלאָגישער פסעוודאָ־וויסנשאַפט. דאָכ האָט די אַסטראָלאָגיע אינ אַ געוויסער מאָס מיטגעהאָלפנ דעמ וווּקס פונ באָאָבאַכטונגענ איבער די שטערנ, דער אָנזאַמלונג פונ פאָזיטיווע קענטענישנ וועגנ דער באַוועגונג פונ די לײַכט־שטערנ אונ דער אויסבויונג פונ אָבסערוואַטאָריעס.

די גרויסע אַסטראָנאָמישע אַנטדעקונגענ

די וויכטיקסטע פראַגע, וואָס די אַסטראָנאָמיע האָט, פריִער פונ אַלצ, געמוזט דערלייזנ, איז געווענ די פראַגע וועגנ די קעגנ־זײַטיקע פאַרהעלטענישנ פונ דער ערד, דער זונ אונ די פלאַנעטנ. ביזנ XVI יאָרהונדערט האָט געהערשט די אָנגענומענע פונ דער קירכע אָנשויונג פונ דעמ פאַרצײַטיקנ געלערנטנ פטאָלאָמיי, אַז די ערד שטעלט מיט זיכ פאָר אַנ אומבאַוועגלעכנ צענטער פונ דער וועלט אונ ארום דער ערד באַוועגנ זיכ די זונ אונ די אַנדערע פלאַנעטעס.

פאַרשטייט זיכ, אַז בײַ אַזאַ קוק איז געווענ אוממעגלעכ כאָטש וויפל־ס׳ניט־איז פאַרנינפטיק דערקלערנ די באַוועגונג (די אָרביטעס) פונ די פלאַנעטעס. ניט אומ־זיסט האָט איינער אַ קיניג, אויסהערנדיק אַזעלכע „דערקלערונגענ", געזאָגט: „ווענ גאָט וואָלט בײַ מיר געפרעגט אָנ אייצע, וואָלט איכ אימ געראַטנ אײַנאָרדענענ די וועלט פּאַשעטער".

קעגנ פטאָלאָמיס סיסטעמ איז אַרויסגעטראָטנ דער פוילישער אַסטראָנאָמ קאָפּערניק (1473—1543), וואָס האָט דערוויזנ, אַז די ערד דרייט זיכ אונ באַוועגט זיכ אַרומ דער זונ. קאָפערניק האָט זיכ לאַנג געקווענקלט, צי זאָל ער פאַר־עפנטלעכנ זײַנ אַנטדעקונג; די אַרבעט זײַנע איז אַרויס ערשט נאָכ זײַנ טויט. ניט אומזיסט האָט קאָפערניק מוירע געהאַט. די קירכע איז מיט דער גאַנצער קראַפט אַרויס אָנגעפאַלנ אָפ זײַנ לערע. אונ דאָס איז גאַנצ פאַרשטענדלעכ: קאָפערניקס טעאָריע דערווײַזט, אַז די ערד איז ניט מער, ווי איינער פונ די הימל־קערפערס; דערמיט אַליינ האָט די דאָזיקע טעאָריע אונטערגעריסנ די גאָלאָכישע אידייִ וועגנ דעמ, אַז די ערד איז „דער צענטער פונ דער וועלט", אַז דער מענטש איז „דער

קײסער פונ דער ערד", װעלכנ גאָט האָט באַשאַפנ „לױט זײַנ אײגענער געשטאַלט". אַחוצ דעמ, איז יעטװידער אָנגריפ אפ דער אַלטער אײַנגעשטעלטער סיסטעמ, װאָס האָט דעמ געראַנק װעגנ דער אומבאַװעגלעכקײַט פונ דער פעאָדאַל-קירכלעכער אָר- דענונג פאַרפעסטיקט מיט דער אומבאַװעגלעכקײַט פונ דער ערד אַלײנ, געבראַכט שאָדנ דעמ אױטאָריטעט פונ דער קירכע. די „הימלישע רעװאָליוציע" איז געװענ אַנ אָנזאָג װעגנ אַנ אָנגריפ אפ די ערדישע פאַראַנטקעס.

רױמ האָט פאַרבאָטנ קאָפּערניקס בוך. נאָכ מער: אַלע אַנדערע ביכער, װאָס האָבנ



א ביבליאָטעק פונ XVI יה.

באַהױפּט, אַז „די ערד באַװעגט זיכ", זײַנענ געװענ פאַרבאָטנ צומ דרוקנ אינ פאַר- לױפ פונ 2 יאָרהונדערטער, אַלס „אומגעלומפּערטע, אױסגעשפּראָכנ אַפּיקאָרסישע ביכער, װאָס װידערשפּרעכנ די הײליקע שריפטנ". אָבער די פאַרפאָלגונגענ פונ דער קירכע האָבנ ניט געקאָנט אָפּשטעלנ די אַנטװיקלונג פונעמ װיסנשאַפטלעכנ געדאַנק.

דער איטאַליענישער דענקער דזשאָרדאַנאָ ברונאָ האָט געמאַכט פונ קאָ- פּערניקס סיסטעמ אַ רײ אַלגעמײנע פילאָסאָפישע אױספירנ, װאָס האָבנ װידערשפּראָכנ דער לערע פונ דער קירכע.

ברונאָ האָט פּראָקלאַמירט די אומענדלעכקײַט פונ דעמ װעלט-רױמ, אינ װעלכנ די זונ איז ניט קײנ צענטער פונ דער גאַנצער װעלט, נאָר בלױז אַ צענטער פונ אונדזער פּלאַנעטנ-סיסטעמ, װאָס איז אײנע פונ דעמ אָנצאָליקנ סכומ אַנדערע װעלט-סיסטעמענ. אינ אַלע טײלנ פונ דער װעלט, דערינ אױכ אפ דער ערד, הערשנ אײנע אונ די זעלבע געזעצנ, דערמיט אַלײנ װערט די גאַנצע װעלט באַטראַכט װי אַ אײנהײטלעכ געזעצמעסיק גאַנצעס. ברונאָ װאַרפט אָפּ די פאָרשטעלונג װעגנ גאָט, אַלס באַשעפער פונ דער װעלט, װאָס געפינט זיכ אױסער דער נאַטור; לױט זײַנ לערע איז גאָט אַ קראַפט, װאָס איז „צעפּליוצט" אי- בער גאָר דער װעלט אונ איז פונ דער װעלט אומאָפּטײלבאַר. פאַרשטײט זיכ, אַז דאָס איז

אויכ געווענ א רעליגיעזע לערע; אָבער די האַזיקע לערע ווידערשפּרעכט די געוויינלעכע גאַלאַכישע דראָשעס.

אינ 1600 יאָר איז דזשאָרדאַנאָ ברונאָ לויטנ באַפעל פונ דער פּויפּסטלעכער אינקוויזיציע פאַרברענט געוואָרנ אויפ א שײַטער.

א ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג און באַשטעטיקונג באַקומט קאָפּערניקס לערע אינ די אַרבעטנ פונעמ איטאַליענער גאַלילײ (1564—1642 י.) און פונעמ דײַטשישנ געלערנטנ קעפּלער, וואָס האָט פעסטגעשטעלט די פּינקטלעכע געזעצנ פונ דער באַוועגונג פונ דער ערד.

גאַלילײ איז געווענ א געלערנטער און אויכ א קינסטלער. לויט זײַנ פילאָזאָפישקײַט איז ער געווענ ענלעכ צו דעמ גרויסנ לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי. גאַלילײ האָט ענטדעקט די ריכטיקײַט פונ דער נײַער לערע וועגנ דער אײַנאָרדענונג פונ דער וועלט. זײַנע באַאָבאַכטונגענ האָט גאַלילײ געמאַכט ניט „בלויז מיטנ אויג“, נאָר צומ ערשטנ מאָל מיט דער הילפ פונ א טעלעסקאָפּ (א שווערער), וואָס ער האָט אַלײנ דערפונדנ. אינטערעסאַנט, אז פיל אַסטראָנאָמענ האָבנ א לאַנגע צײַט ניט אָנגעטרויט דעמ טעלעסקאָפּ, האַלטנדיק, אז דאָס איז א „טײַוולאָנישער“ אינסטרומענט, וואָס נאַרט אָפּ דעמ באַאָבאַכטער.

גאַלילײ איז שוינ געווענ א זאַקנ, ווענ די אינקוויזיציע האָט אימ געפּאַקט און אַרײַנגעוואָרפנ אינ טורמע, וו ער איז געווענ געצוווּנגענ „אָפּצוזאָגנ זיכ“ פונ זײַנ אייגענער לערע.

אַזוי־אַרום איז דער וווּקס פונ דער וויסנשאַפט (און ניט בלויז אויפנ געביט פונ אַסטראָנאָמיע) פאָרגעקומענ אינ שאַרפנ קאַמפּ קעגנ דער קירכע, וועלכע האָט מיט אַלע מיטלענ פאַרפאָלגט און געשטיקט די נײַע געדאַנקענ און דערגרייכונגענ.

בעקאָנ און די נײַע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדנ

די נײַע אַסטראָנאָמישע לערעס, צוגלײַכ מיט גרויסע געאָגראַפישע אַנטדעקונגענ, האָבנ געבראַכט צו א טיפער איבערקערעניש אינ דער גאַנצער וועלט־אָנשויונג פונ דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט.

איינער פונ די גרעסטע אויסדריקער פונ אָט־דעמ איבערבראָכ איז געווענ דער ענגלישער פילאָסאָפ ב ע ק אָ נ (1561—1626 יאָרנ).

„ס׳וואָלט געווענ א שאַנד פאַר דער מענטשהײַט, — שרײַבט בעקאָנ, — ווענ די גײַסטיקע וועלט זאָל בלײַבנ אינ די זעלבע גרענעצנ, וואָס עס האָבנ פאַר איר אײַנגעשטעלט די אוראַלטע צײַטנ, איצט, בײַמ דער געביט פונ דער מאַטעריעלער וועלט — די לענדער, די יאַמענ, די פּלאַנעטנ — איז אומגעהײַער פאַרברייטערט און דערקענט געוואָרנ“. דער מענטש דאַרפ ווערנ דער „האַר און באַלעבאָס איבער דער נאַטור“. צוליב דעמ דאַרפ ער דערלערנענ די נאַטור; „וויסנשאַפט איז קראַפט“, זאָגט בעקאָנ. אָבער אַזאַ דערלערנענ פאָדערט א ריכטיקנ וויסנשאַפטלעכנ מעטאָד פונ אויספאָרשונג. און דער באַגרינדונג פונ אַזאַ מעטאָד ווידמעט בעקאָנ זײַנ הויפּט־אויפמערקזאַמקײַט.

אַנשטאָט די אַבסטראַקטע און פאַדנלאָזע כקירעס פונ די פריערדיקע קירכע־געלערנטע דאַרפ מענ, האָט געלערנט בעקאָנ, אויפשטעלנ די פּינטלעכע באַאָבאַכטונג פונ דער ווירקלעכקײַט און דעמ ספּעציעל צוגעגרייטנ עקספּערימענט. „מע דאַרפ די נאַטור דערלערנענ מיט א צירקל און מיט א ווירע“. מע טאָר ניט אַרויסברענגענ אײנ באַגריפ פונ דעמ אַנדערנ, נאָר מע דאַרפ פונ א מאַסע באַאָבאַכטע און עקספּערימענטאַל־דורכגעקאָנטראָלירטע פאַקטנ, ניט געײַלט, טריט בא טריט, זיכ דערהייבנ צו אַלגעמיינע אויספירנ. דעמ דאָזיקנ אויפנ פונ אויספאָרשונג האָט בעקאָנ אָנגערופנ א י נ ד ו ק צ י ע.

די נאַטור־וויסנשאַפט

אַכוץ דער אַסטראָנאָמיע, ווערט אינ XVII יאָרהונדערט גע־מאַכט אַ ריי וויכטיקע אנטדעקונגענ אויכ אינ דער פיזיק, כי־מיע, מעכאַניק, מאַטעמאַטיק און אינ די וויסנשאַפטנ וועגנ דעמ אָרגאַנישנ לעבנ (ביאָלאָגיע). עס איז גענוג, אַלס בײַשפּיל, צו דערמאָנענ די נעמענ פונעמ ענגלישנ פיזיקער און כימיקער ב ױ ל, וואָס האָט אײַנגעשטעלט די געזעצנ פונ עלאַסטישקײַט פונ גאַזנ און די אייגנשאַפטנ פונ די גרונט־עלעמענטנ פונ דער מאַטעריע, און פונעמ ביאָלאָג ה אַ ר וו י י, וואָס האָט אנטדעקט דעמ געזעצ פונ בלוט־צירקוליאַציע. די סאַמע גרעסטע אנטדעקונגענ האָט געמאַכט דער ענגלישער געלערנטער נ י ו ט אָ נ.

ניוטאָנ (1727—1643) האָט באַגרינדעט די גרונט־געזעצנ פונ דער באַוועגונג פונ קערפּערס, שאַפנדיק דערמיט די נײַטיקע באַזע פאַר דער וויסנשאַפטלעכער מע־כאַניק. ניוטאָנ האָט אויכ אנטדעקט דעמ געזעצ פונ גראַוויטאַציע, וואָס דערקלערט דאָס דרייענ זיכ פונ דער ערד און אַנדערע הימל־פּלאַנעטנ. אַרויסגייענדיק פונעמ באַטראַכטנ די סאַמע פּשוטע פאַקטנ, אַשטייגער, ווי דאָס, פאַרוואָס עס פאַלט אַראָפּ דער שטיינ, וואָס מע וואַרפט אינ דער הייכ, איז ניוטאָנענ געלונגענ, אויפנ גרונט פונ זײַנע געזעצנ, צו דערקלערנ די קאָמפּליצירטסטע „הימל־מעכאַניק".

ניוטאָנ האָט אויכ געמאַכט אַ ריי גרויסע אנטדעקונגענ אויפנ געביט פונ מאַ־טעמאַטיק (די לערע וועגנ אומענדלעכ קליינע) און אינ פיזיק (די לערע וועגנ ליכט).

די דערפאָלגנ פונ דער נאַטורוויסנשאַפט און פונ דער מאַטעמאַטיק האָבנ צוגעגרייט די מעגלעכקײַט פונ העכסט וויכטיקע טעכנישע אנטדעקונגענ אינ סאָפ XVIII — אָנהייב XIX יאָרהונדערטער.

פ ר אַ ג ע ס:

מיט וואָס דערקלערט זיכ די אנטוויקלונג פונ די וויסנשאַפטלעכע קענטענישנ אינ XVII—XVI יאָרהונדערטער?

וועלכע געזעלשאַפטלעכע און טעכנישע באַדינגונגענ האָבנ מיטגעהאָלפנ דער פאַר־פולקומונג פונ פײַער־געווער?

מאַכט קלאָר די באַדײַטונג פונ דער דרוקערײַ־קונסט אינעמ קלאַסנקאַמף.

וואָס פאַר אַ נײַע אָנשויונגענ וועגנ דער לאַגע פונ דער ערד בענעגייע דער זונ האָבנ געהערשט ביז מיטנ XVI יאָרהונדערט? ווער האָט זיי אָפּגעלייקנט און וואָס איז געווענ דער טאָכ פונ די נײַע אָנשויונגענ? ווי האָט זיכ באַצויגנ צו זיי די קירכע?

פאַרוואָס האָבנ די אַלטע אויספאָרשונג־מעטאָדנ ניט געטויגט פאַר דער אנטוויק־לונג פונ דער וויסנשאַפט?

ווער האָט אַרויסגערוקט דעמ נײַעמ מעטאָד און אינ וואָס איז ער באַשטאַנענ?

קאַפּיטל XV

די ענגלישע רעוואָליוציע פונ XVII יאָרהונדערט

40. די אנטוויקלונג פונ די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישנ אינ ענגלאַנד אינ XVII יאָרהונדערט

די ערד-„אָפּצאמונג" אונ די דיפערענצי-אַציע פונעם פויערטום

סאָפ XVI אונ אָנהייב XVII יאָרהונדערט זײַנענ אינעם עקאָנאָמישנ לעבנ פונ ענגלאַנד פאָרגעקומענ טיפע ענדערונגענ. דער ענגלישער גוטבאַזיצער — דער לענדלאָרד — הייבט אָנ א שטאַרקנ אָנגריפ אפנ פויערטום. אינ יענער צײַט זײַנענ די פרײַזנ אפנ וואָל געוועזנ זייער הויכ, דעריבער האָבנ די פּריצים געשטרעבט וואָס ברייטער צו פאַנאַנדערוויקלענ זייערע פאַשע-פעלדער אונ אײַנשאַפנ זיכ וואָס מער שעפסנ. צוליב דעם דאַרפנ ציל דערשלאָגנ זיי זיכ, אז עס זאָל צעטיילט ווערנ די געמיינדע-ערד. פאַר די פּריצים האָט די דאָזיקע צעטיילונג שטאַרק געלוינט, ווײַל דאָס צעטיילנ פלעגט געוויינלעכ פאָרקומענ ניט לויט דער צאָל הויפנ פונ דער געמיינדע, ניט לויט דער צאָל אַרבעטספייִקע מיטגלידער פונ דער מישפּאָכע אָדער עסער, נאָר פּראָפּאָרציאָנעל צו די ערד-כאַלאָקים פונ די געמיינדע-מיטגלידער. דער פּאָרעץ אַליינ האָט זיכ אויכ גערעכנט פאַר א מיטגליד פונ דער געמיינדע, אָבער ער אייגנער האָט אָפט פאַרמאָגט א סאַכ מער ערד, ווי אַלע פויערים פונ דער גאַנצער אומגעגנט צוזאַמענ. דעריבער איז ניט קיינ וווּנדער, וואָס באַם צעטיילנ איז דער גרעסטער בײַלעק געמיינדע-ערד אָנגעקומענ דעם פּאָרעץ. אכוץ דעם האָבנ נאָכ א סאַכ ערד פאַרכאַפּט די באַלעגופים. אונ אפנ בײַלעק פונ די אָרעמע אונ מיטעלע פויערים איז איבערגעבליבנ זייער קנאַפ. באַם פאַנאַנדערטיילנ פלעגנ זיי באַקומענ זייערע קלייניינקע כאַלאָקים, אָדער זיי פלעגנ גאָרניט באַקומענ.

ערגער פונ אַלעמענ איז געוועזנ די ערדלאָזע פויערים — די אַזוי-גערופענע „קאָטערזשערס", ד. ה. די פויערים, וואָס האָבנ פאַרמאָגט בלויז א „קאָטעדזש" (א הײַזקע), אָבער זיי האָבנ ניט געהאַט קיינ אייגענעם אַקערפעלד. באַם צעטיילנ די ערד פלעגנ זיי פאַרלירנ אויכ זייער הויפ-פּלאַץ אונ מיטנ אויסרייד, אז זיי האָבנ ניט קיינ אייגענעם ערד-בײַלעק, פלעגט מענ זיי אָנ ראַכמאָנעס ארויסטרײַבנ פונ די דערפער, אונ די הײַזקעס זייערע פלעגט מענ אַראָפּטראָגנ.

דאָס צעטיילנ די געמיינדע-ערד איז פאַר דער מערהײַט ענגלישע פויערים געווענ אַנ עמעסער אומגליק.

אינ דער זעלבער צײַט טיילט זיכ שוינ אויס אינ דעם ענגלישנ דאָרפ א פאַרמעגלעכער שיכט באַלעגופים. דעם באַלעגופס ווירטשאַפט איז א שטאַרקערע, ווי בײַ דער מערהײַט פויערים. דער באַלעגופ האָט מער אַרבעטספיי, א רײַכערנ אינווענטאַר, די ערד איז בײַ אים בעסער באַאַרבעט אונ בעסער באַמיסטיקט. אונ דאָס אַלץ איז ניט דערפאַר, ווײַל דער באַלעגופ איז פלײַסיק, נאָר ווײַל ער עקספּלואַטירט די אָרעמע פויערים. עס פעלט אויס זריִע צום פאַרזיי אָדער ברויט ביז דער נײַער גערעטעניש, עס פאַלט א פערד אָדער א קו, עס פאָדערט זיכ עפּעס וואָס פונ אינווענטאַר צו באַאַרבעטנ די ערד אָדער דער פויער נייטיקט זיכ אינ געלט

אפּ צו באצאָלנ די שטײַערנ — אינ די אלע פאלנ איז דער אָרעמער אונ מיטלער פּויער געצוווּנגענ אָנצוקומענ צומ באַלעגופּ. אונ דער באַלעגופּ האָט אלצ, וואָס איז נייטיק, נאָר, פארשטייט זיכ, אפּ פארקנעכטנדיקע באַדינגונגענ. זייער אָפט ארבעטנ אָפּ די פּויערימ דעמ באַלעגופּ פאר דער האַלוואָע, אָדער זיי צאָלנ אימ מיט פּראָ-דוקטנ.

פאר די באַלעגופּימ האָט, פּונקט ווי פאר די לאָרדנ, ניט געלוינט דער אלטער געמײַנדע-שטייגער. זיי זײַנענ געווענ שטארק געענגט דורכנ געצוווּנגענעמ זיי-פאר-קער אונ דער צעפּאסעוועטקײַט פונ דער ערד. די באַלעגופּימ האָבנ אויכ געוואָלט

טאָמאס מאָר

פארכאַפּנ געמײַנדע-ערד, אונ דעריבער זײַנענ זיי געווענ פאר צעטיילנ די דאָזיקע ערד. די לאַגע איז געווענ נאָכ ערגער דערמיט, וואָס מיטנ צעטיילנ די ערד פלעגנ געוויינלעכ אָנפירנ די פריצימ אליינ. ס'איז גאַנצ לײַכט פאַרצושטעלנ זיכ, וויאַזוי די פריצימ האָבנ געטיילט. זיי פלעגנ ניט בלויז אויסשנײַדנ פאר זיכ די בעסטע ערד-פלעצער, נאָר פלעגנ אויכ „פארקײַלעכיקנ" זייער באַזיצ, אָפּרײַסנדיק גרויסע שטיקער ערד בײַ די פּויערימ. די גאַנצע צוגעייגנטע ערד פלעגט דער פּאַרעצ ארומ-רינגלענ מיט א צאַמ, דערפונ טאַקע שטאַמט דער אויסדרוק „אָפּצאַמענ" די ערדנ, ד. ה. אָפּנעמענ זיי מיט צוואַנג בײַ די פּויערימ. ניט באַנוגענענדיק זיכ מיטנ צע-טיילנ די געמײַנדע-ערדנ, פלעגנ די לענדלאָרדנ פארטרײַבנ מיט גוואַלד פונ אלט-באַזעסענע ערד-כאַלאָקימ די קליינע ארענדאַטערס, וואָס האָבנ פונ לאַנג אָנ באַאר-בעט די דאָזיקע ערד. אונ דאָס אלצ פלעגנ זיי טאָנ כדי צו פארברייטערנ זייער

באזיצ, דערהויפט די פאַשע־ערד. אינ רעזולטאט האט זיכ באקומענ, אז די שעפסנ האבנ ארויסגעשטויסנ די פויערימ — די ערדאַרבעטער. דער באוווּסטער ענגלישער שרײַבער פונ XVI יאָרהונדערט טאָמאַס מאָר האט וועגנ דעמ געשריבנ, אז „די שעפסנ האבנ אויפגעפרעסנ די מענטשנ".

„אַט די שעפסנ, זאָגט מאָר, וואָס זײַנענ אומעטומ רויִקע, באַשיידענע באַשעפענישנ, האָבנ זיכ בײַ אונדז ארויסגעוויזנ פאר אזעלכע גרויזאַמע און פרעסערישע, אז זיי וואַרפנ זיכ אַפ מענטשנ און טרײַבנ זיי אַראָפּ פונ דער ערד, פונ די אַלטבאַזעסענע ערטער, פונ די הײַזער און דערפער. צו אַלע ערטער, ווו עס ווערט געזאַמלט איידעלער, ווערטפולער וואָל, אײַלנ זיכ באַרימטע גווירימ און אפילו בעקאָוועדיקע אַבאַטנ, קעדיי אָפּרײַסנ פאר זיכ א שטיקל ערד... אַפנ שטעטנ פונ פיל מײַלנ נעמענ זיי אָפּ בײַ דעמ באָדנ יעטווידער באַארבעטונג און פארוואַנדלענ אימ אינ פאַשע־ערד. זיי גלײַכנ אויס מיט דער ערד די הײַזער און גאַנצענע דערפער, איבערלאָזנדיק די קלויסטערס, און דאָס אויכ צוליב דעמ, קעדיי אײַנאָרדענענ אינ זיי שטאַלנ פאר די באַראַנעס".

דאָס „אָפּצאַמענ" די ערד האט אויפגעטרייסלט דעמ אַלטנ פעאָדאַלנ שטייגער. איצט קומענ אויפ פריצימ פונ א באַזונדערנ טיפּ. דאָס זײַנענ די אַזוי־גערופענע „דזשענטרי", די קליינבאַזיצערישע אַדעליקע, וואָס זײַנענ ענג פארבונדנ מיטנ מאַרק און וואָס פירנ זייער ווירטשאַפט אַפ נײַע יעסוידעס. זיי לייגנ אַרײַנ אינ דער ערד קאַפּיטאַל אַפ קינסטלעכער מינעראַלער באַמיסטיקונג און אַפ אויסצוטריקענענ פארבלאָטיקטע ערטער. לײַבאײַגעלט און פאַנשטשינע — אַט די אַלטע פעאָדאַלע פאָר־מענ פונ עקספּלואַטירנ די פויערימ — לוינענ שוינ פאר זיי מער ניט. אַזוי ווי די געצוווּנגענע אַרבעט איז ווייניק פּראָדוקטיוו, לוינט די דזשענטרי בעסער צאָלנ א קליינעמ אַרבעטלוינ די באַטראַקעס, איידער באַנוצנ זיכ מיט אומזיסטער אַרבעט פונ די אָפּהענגיקע פויערימ. וואָס באַטײַט אָבער דאָס פארבײַטנ די פאַנשטשינע און דאָס לײַבאײַגעלט אַפ דער לוינאַרבעט פונ באַטראַקעס? דאָס באַטײַט, אז אינ דאָרפ *הייבנ אָנ די פעאָדאַלע פארהעלטענישנ ארויסגעשטויסנ ווערנ דורכ קאַפּיטאַליסטישע פארהעלטענישנ.*

די אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע און פונעמ האנדל

אָבער ניט אינ אַלע ראַיאָנענ פונ ענגלאַנד האָבנ זיכ די קאַ־פּיטאַליסטישע פארהעלטענישנ אַנטוויקלט מיט איינ און דער זעלבער שנעלקײַט. אינ די צאָפנדיקע און אינ די מײַרעוודיקע גראַפשאַפטנ איז נאָכ א לאַנגע צײַט פארבליבנ דער פעאָדאַלער שטייגער; אינ דאָרעמ־און מיזרעכ־ענגלאַנד ווערט דער פעאָדאַליזמ צעפאַלנ א סאַכ שנעלער. דאָס דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס אינ די דאָרעמ־מיזרעכדיקע גראַפ־שאַפטנ איז שוינ פונ לאַנג אָנ געווענ אַנטוויקלט די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע, באַזונדערס די פּראָדוקציע פונ וואָל און וואָלענע שטאָפנ. דער וואָל־געוועב — שפּינערײַ און וועבערײַ — ווערט פארשפּרייט ניט אַזוי אינ די שטעט, ווײַל דאָרט האָט ער געהאַט פאר זיכ א סאַכ שטערונגענ מיצאַד די צעכ־אָרגאַניזאַציעס, — ווי אינ דאָרפ. כמעט אינ יעדער פּויערשער כאַטע איז געווענ א האַנטוועבשטול. שטאָפנ פלעגט מענ אויסאַרבעטנ גראָבע, וואָס דאָס פאָדערט ניט קיינ קאָמפּליצירטע טעכנישע פארפולקומונגענ אָדער קיינ געניטע מײַסטערשאַפט, אַזוי ווי בײַ די שטאָ־טישע האַנטווערקער; דערפאר איז אָבער דער סכומ געוואַנט, וואָס מע פלעגט אויס־אַרבעטנ אינ דאָרפ, געווענ זייער גרויס. ניט נאָר דער אינערלעכער ענגלישער מאַרק

איז געווענ אָגעזעטיקט מיט דאָזיקנ געוואנט, נאָר אויכ אינ אויסלאנד פלעגנ אריבערגעשיקט ווערנ קאָלאָסאלע פארטיעס שטאָפ.

אזויארום האָט זיכ *דער ענגלישער אויסערלעכער האנדל אפנ ענגסטנ אויפנ פארבונדנ מיט דער לאנדווירטשאפט אונ מיט דער אינדוסטריע אינ לאנד*.

אונ דאָס איז געווענ זייער א וועזנטלעכע באזונדערקײַט פונ דער ענגלישער ווירטשאפט. אינ דעמ זינ איז ענגלאנד געווענ אינ א סאכ א בעסערער לאגע, ווי זײַנע גרעסטע האנדל-קאָנקורענטנ — האָלאנד אונ שפאניע, וועמעס האנדל עס איז געווענ ווייניק פארבונדנ מיט דער פראָדוקציע.

ענגלאנד האָט אויכ געפירט א ברייטנ *קאָלאָניאלנ האנדל*. עס ווערנ געגרינדעט ספעציעלע האנדל-קאָמפאניעס אפ צו פארכאפנ נײַע מערק. די מעלוכע העלפט אלזײַטיק די דאָזיקע קאָמפאניעס אונ גיט זיי פארשיידענע לגאָטעס אונ פריווילעגיעס. געוויינלעכ פלעגנ זיכ די האנדל-קאָמפאניעס דערשלאָגנ פונ דער מעלוכע מאָנאָפאָל-רעכט אינ דעמ ראיאָנ פונ זייער טעטיקײַט: קיינער אויסער זיי האָט ניט געטאָרט האנדלענ אינ די ראיאָנענ, וואָס זײַנענ געווענ פארכאפט פונ די מאָנאָפאָליסטנ.

דער פינאנצ-קריזיס אונ די פראגעס פונ דער אויסערלעכער פאָליטיק

וואָס האָט ארויסגערופנ אָט די פארשפרייטונג פונ מאָנאָפאָלנ? די ענגלישע קיניגלעכע רעגירונג האָט זיכ שטארק גענייטיקט אינ געלט. אויסהאלטנ דעמ פרעכטיקנ קיניגלעכנ הויפ אונ דעמ מעלוכישנ אפאראט מיט זײַנ פילצאָליקער ארמיי באאמטע, סובסידירנ די קירכע, אונ דערהויפט דאָס קעסיידעריקע פירנ מילכאָמעס, — דאָס אלצ האָט געפאָדערט זייער גרויסע מיטלענ. די רעגירונג זוכט מיט אלע מיטלענ צו פארגרעסערנ די האכנאָסע-ארטיקלענ פונ איר ביודזשעט. אינ ענגלאנד איז אָבער אינ יענער צײַט קימאט ניט געווענ קיינ שטענדיקע שטײַערנ. די האכנאָסעס פונ דער מעלוכע-קאסע פלעגנ באשטיינ פונ די געלט-האכנאָסעס פונ די קיניגלעכע דאָמענענ (גיטער), פונ די טאמאָזשנע-אָפצאָלנ אונ פונ אייניקע אנדערע צווייטראנגיקע קוועלנ. אינ אויסעראָרדנטלעכע פאלנ פלעגנ די קיניגנ ארופלייגנ אנ איינמאָליקנ דירעקטנ ציל-שטײַער אפ דער באפעלקערונג. צומבײַשפיל, ווענ עס פלעגט זיכ אָנהייבנ אוועלכע-ניט-איז מילכאָמע, פלעגט אײַנגעפירט ווערנ א קאָפ-שטײַער פונ דער גאנצער באפעלקערונג. אָבער אזעלכע שטײַערנ האָבנ געקאָנט אײַנגעפירט ווערנ בלויז מיט א דערלויבעניש פונ פארלאמענט, וואָס פלעגט אינ אזעלכע פאלנ געבנ די קיניגנ אנ אזוינערופענע „סובסידיע”, ד. ה. דאָס רעכט צו זאמלענ אנ איינמאָליקנ שטײַער. דאָס פלעגט שטעלנ די קיניגנ אינ אנ אָפהענגיקער לאגע פונ דעמ פארלאמענט, דעריבער פלעגנ זיי בעסער זוכנ אנדערע וועגנ אָנצופילנ די מעלוכישע קאסעס. טאקע מיט דעמ ציל פלעגנ די קיניגנ ארויסגעבנ פאר געצאָלט מאָנאָפאָלנ, פארקויפנ פארשיידענע טיטולנ אונ בעקאָוועדיקע ראנגענ.

מיט דער צײַט ווערט בא די מאָנאָפאָליסטנ אינ די הענט קאָנצענטרירט ניט בלויז דער סאמע רענטאבעלער אויסערלעכער האנדל, נאָר אויכ פיל צווײַגנ פונ דעמ אינערלעכנ האנדל. אָנהייב XVII יאָרהונדערט האָבנ די מאָנאָפאָליסטנ גענומענ אינ ארענדע אונ האָבנ פארכאפט דעמ האנדל קימאט מיט אלע מינימ פראָדוקטנ פונ מאסנ-געברויכ: זייפ, זאלצ, קוילנ, אײַזנ, ווײַנ, לעדער, קראָכמעל, טא-

בעק, ביר, הערינג, פולווער, סעליטרע, גלאז, ציגל, קאמענ, שפילקעס און אזוי ווײַטער.

מע קאנ זיכ גרינג פארשטעלנ, וויאזוי די מאנאפאלנ האבנ זיכ אפגערופנ אפ די אינטערעסנ פונ די געברויכער. די סאכרים פלעגנ אופשרויפנ די פרײַזנ, ווי עס פלעגט זיכ זיי גלוסטנ און פלעגנ פארדינענ קאלאסאלע רײַכטימער, אינ דער צײַט, ווענ די מערהײַט באפעלקערונג האט געקרעכצט פונעמ יאקרעס. די מאנאפאלנ־סיסטעמ האט אבער אויכ ניט געלוינט פאר די ברייטע קרײַזנ בורזשואזיע. די צאל מאנאפאליסטנ איז געווענ ניט קיינ גרויסע, און פאר דער מאסע בורזשואזיע איז דאס געווענ זייער אנ ערנסטע שטערונג פאר דער אנטוויקלונג פונ איר הענדלערישער און אונטערנעמערישער טעטיקײַט.

די פינאנציעלע לאגע פונ דער מעלוכע ווערט אינ דער זעלבער צײַט אלצ ערגער און ערגער. עס וואקסט שנעל דער דעפיציט.* עס וואקסט אויכ דער מעלוכע־כויוו: אנהייב XVII יארהונדערט האט דער דעפיציט פונ מעלוכע־ביודזשעט דערגרייכט 300 טויזנט פונט סטערלינג, און דער מעלוכע־כויוו איז אינ יענער צײַט געווענ העכער א מיליאנ פונט סטערלינג, דאס הייסט, 10 מיליאנ רובל גאלד. און געלט פעלט נאכ אלצ. דער פרעכטיקער הויפ, דער געשוואלענער ביוראקראטישער אפאראט און דערהויפט די אלצ נײַע מילכאמעס שלינגענ אײַנ אלצ גרעסערע און גרעסערע מיטלענ, די קיניגלעכע מאכט איז געצוווּנגענ, ווילנדיק ניט ווילנדיק, אנצוקומענ אלצ אפטער צו „סובסידיעס", און דאס פארשארפט נאכ מער די באציונגענ מיטנ פארלאמענט. עס ווערט רייפ א קאנפליקט. קעגנ דער קיניגלעכער מאכט — אט דעמ אנשפאר פונ די גרויסע פעאדאלנ — טרעט ארויס דער פארלאמענט, וואס ווערט א צוציונג־צענטער פאר דער האנדל־אינדוסטריעלער בורזשואזיע און פאר די בורזשואזע קרײַזנ פונעמ אדל.

דער קאנפליקט ווערט נאכ מער קאמפליצירט דורכ די שטרײַטנ ארומ דער קירכע־רעפארמע. דאס איז געווענ אנ אלטע פראגע פונ גרויסער פאליטישער באדײַטונג.

פראגעס פונ דער קירכע־רעפארמע

די ענגלישע קאטוילישע קירכע פלעגט פונ לאנג ארויספאמפענ דורכ פארשיידענע שטײַערנ פונ דער באפעלקערונג קאלאסאל־גרויסע האכנאסעס און האט פארמאגט זייער גרויסע רײַכטימער. דער הויפט פונ דער קירכע איז געווענ דער רוימישער פויפסט. איבער די קירכע־האכנאסעס פלעגנ צווישנ די ענגלישע קיניגנ און די פויפסטנ פארקומענ קאנפליקטנ. עס האט געהאלטנ בא א פולנ איבעררײַס, מע האט נאר געדארפט געפינענ דעמ פאסיקנ טערעצ. דער דאזיקער טערעצ איז געפונענ געווארנ פאר דעמ קיניג הײַנריכ VIII. דער פויפסט האט זיכ אפגעזאגט צו אנערקענענ פאר געזעצלעכ דעמ קיניגס געט מיט זײַנ ווײַב. און דעמ דאזיקנ ביז גאר פערזענלעכנ איניענ האט דער קיניג אויסגענוצט אפ אײַנצורײַסנ מיטנ פויפסט. די ענגלישע רעגירונג האט דורכגעפירט א מעסיקע רעפארמע פונ דער קירכע. אינ 1534 יאר האט זיכ דער קיניג דערקלערט אלס הויפט פונ דער קירכע, וועלכע האט אינ אונ־

* דעפיציט — אריבערשטײַג פונ דער הוצאָע איבער דער האכנאסע.

טערשייד צו דער קאַטוילישער באַקומענ דעמ נאָמענ א נ ג ל י ק א נ י ש ע (אָדער ב י ש אָ פ ל ע כ ע, ד.ה. אַזאַ, וואָס האָט איינגעהיט דעמ יעפּיסקאָפּאַט).

דאָס דאָזיקע אָפּטיילנ זיכ פונעמ פּויפּסטנטומ איז געווענ פאַרבונדנ מיט קאָנ־פיסקירנ מאָנאַסטירישע ערדנ אונ מיטנ איבערגעבנ א באַדייטנדיקנ טייל קירכע־האַכנאָסעס דער קיניגלעכער קאַסע. אָבער אינגאַנצנ צערייסנ מיטנ קאַטאָליציזמ איז די קיניגלעכע מאַכט ניט געווענ פאַרינטערעסירט. די קירכע איז געווענ א צו אויסגעפּרוווטער אָנשפּאַר אַפּ אונטערצוהאַלטנ די מאַכט פונ די קיניגנ, פּריצימ אונ גווירימ. די קאַטוילישע גאַלאָכימ זיינענ געווענ צו געניט אינ זייער פּראָפעסיע אַלס „גייסטלעכע אַפּעטראָפּסימ" פונ דעמ „פינצטערנ פאָלק". דעריבער האָט דאָס שאַפנ די אַנגליקאַנישע קירכע ניט באַטייט א פולשטענדיקנ איינרייס מיטנ קאַטאָ־ליציזמ. אינ 50—60 י. אַרומ נאָכנ איינרייס מיטנ פּויפּסטנטומ האָבנ זיכ די ענגלישע קיניגנ ווידער דערנענטערט מיט די קאַטוילישע גאַלאָכימ. אינ דער דאָזיקער צייט גיט זיכ די לאַגע פונ דער קיניגלעכער מאַכט א וואַקל, עס ווערט אַלצ טיפער דער קאָנפליקט מיט דער בורזשואַזיע אונ דעריבער ווערט פאַרנ אַבסאָליוטיזמ טייער יעדער נייער פאַרבינדעטער. די קאַטוילישע קירכע ווידער איז געווענ א פעסטער אונ זיכערער פאַרבינדעטער אינ קאַמפ קעגנ דער אָנקומענדיקער רעוואָליוציע.

דעריבער איז אינ די קרייזנ פונ דער בורזשואַזיע געוואַקסנ א גרויסע אומ־צופרידנהייט מיט דער לאַגע פונ די קירכע־איניאָנימ. די בורזשואַזיע האָט געוואָלט אַנ אַנטשיידענע רעפאָרמע פונ דער גאַנצער קירכע־אָרדענונג לויטנ מוסטער פונ אַנדערע אייראָפּעישע מעלוכעס. צווישנ דער בורזשואַזיע איז אויפגעקומענ א האַלב־סעקטאַנטישע שטרעמונג „פ ו ר י ט א נ ע ר", וואָס האָבנ געפאָדערט זעלבסט־פאַר־וואַלטונג פונ די קירכע־געמיינדעס, פאַרניכטונג פונ דעמ יעפּיסקאָפּאַט אונ א פול־שטענדיקע ענדערונג פונ דער קלויסטערישער גאָטעסדינסט. די פּוריטאַנער (די „ריינע") האָבנ פּראָטעסטירט קעגנ דעמ פעאָדאַלנ לוקסוס פונ דעמ „אַלטנ פריי־לעכנ ענגלאַנד". אַלס עכטע בורזשוא, וואָס האָבנ זיכ ערשט געשטעלט אַפנ וועג פונ אָנזאַמלענ רייכטימער, האָבנ די פּוריטאַנער געהאַלטנ פאַר די גרונט־קלאָלימ פונ לעבנ שפּאָרזאַמקייט אינ „שטרענגע מידעס" סיי אינ שטיי־גער סיי אויכ אינעמ קירכע־לעבנ.

דער קאָנפליקט צווישנ דעמ פּאַרלאַמענט אונ דעמ קיניג

דער פּאַרלאַמענט איז אינ דער קירכע־פראַגע אויכ ניט געווענ אַפּ דער זייט פונעמ קיניג. צווישנ די דעפּוטאַטנ פונ פּאַרלאַ־מענט איז געווענ א סאַכ פּוריטאַנער, אונ די פראַגעס פונ קירכע־לעבנ זיינענ גאַנצ אָפט געווענ א מאָטיוו פאַר נייע קאָנפליקטנ מיט דער קיניגלעכער מאַכט. אָבער דער הויפּט־קוואַל פונ די רייבונ־געג זיינענ, ווי פריער, געבליבנ די פינאַנציעלע פראַגעס אונ די פראַגעס פונ דער אויסערלעכער פּאָליטיק. די פינאַנציעלע שוועריקייטנ האָבנ זיכ אָפּגערופנ אַפּ דער גאַנצער ווירטשאַפט. דער האַנדל אונ די אינדוסטריע ווערנ צעשטערט. אינ פּאַר־לאַמענט ווערנ דערלאַנגט פּעטיציעס (ביטעס) מיט ביטערע אָנקלאָגנ אַפּ דער ווירט־שאַפטלעכער יערידע אונ אַפּנ „גרויסנ כורבנ".

מיט יעדנ יאָר ווערנ אַלצ מער פאַרשאַרפט די באַציִונגענ צווישנ דער קיניג־לעכער רעגירונג אונ דעמ פּאַרלאַמענט. דער פּאַרלאַמענט זאָגט זיכ אָפּ צו באַ־שטעטיקנ נייע שטייערנ, — זוכט אויס די רעגירונג וועגנ, ווי אַזוי אויפצוזאַמלענ

די שטײַערנ, אויסמײַדנדיק דעמ פארלאמענט. די קיניגנ הייבנ אנ אלצ אפטער פאר־נאנדערלאזנ דעמ פארלאמענט, אבער יעדער נײַער פארלאמענט ווערט אלצ מער און מער אפאזיציאנעל. סאפקאלסאפ, אינ 1629 יאר, הערט אופ דער קיניג קארל I איינצאנצנ צונויפרופנ דעמ פארלאמענט, און די ענגלישע רעגירונג באגייט זיכ 11 יאר אנ א פארלאמענט און זי זאמלט אופ שטײַערנ דורכ קיניגלעכע באפעלנ.

נאר אט איז אינ 1639 יאר אויסגעבראכנ און אופשטאנד אינ שאטלאנד. די ענגלישע רעגירונג פלעגט דארט זייער ענערגיש אײַנפירנ אירע ביוראקראטישע פאראנרקעס און אנבינדנ די יעפיסקאפאלע (אנגליקאנישע) קירכע־ארדענונג. און גראד אינ שאטלאנד איז די צאל פוריטאנער געווענ באזונדערס גרויס. דער אופשטאנד האט זיכ אנטוויקלט מיט דערפאלג, און די שאטלענדלער האבנ זיכ ארײַנגעריסנ אינ ענגלאנד. עס האט זיכ אנגעהויבנ אנ עמעסע מילכאמע, עס האבנ זיכ געפאדערט נײַע גרויסע הויצאעס, און דאס האט געדראעט מיט א פולשטענדיקנ פינאנציעלנ קראכ.

די לאגע פונ דער קיניגלעכער מאכט איז געווארנ קריטיש. דאנ, נאכ אנ עלפיאריקנ איבעררײַס, קומט אויס ווידער צונויפרופנ דעמ פארלאמענט, אבער דער דאזיקער פארלאמענט (מע רופט אימ „דער קורצער") האט ניט נאר ניט געגעבנ דעמ קיניג קיינ סובסידיעס צומ קאמפ קעגנ די שאטלענדער „בונטארנ", נאר ער האט ארויסגעשטעלט זײַנע אייגענע פאדערונגענ און האט אײַנגעשטעלט געהיימע באציִונגענ מיט די אופשטענדלער. מע האט דעמ פארלאמענט טייקעפ צעטריבנ און אופגערופנ א נײַעמ. דער נײַער פארלאמענט האט זיכ אבער ארויסגעוויזנ פאר נאכ ווייניקער נאכגיביק. ער האט אויסגענוצט די ניצחוינעס פונ די שאטלענדער און די אויסוועגלאזע לאגע פונעמ קיניג און האט ארויסגעשטעלט זײַנע אייגענע פאדערונגענ.

די לאגע אינ לאנדאנ איז דעמאלט געווענ שטארק פארשארפט. די פילטויזנטיקע הונגעריקע ארעמשאפט פונ דער הויפטשטאט איז געווענ אומרויִק און האט אופגעהערט צו פאלגנ די מאכט. דאס פאנאנדערלאזנ דעמ „קורצנ" פארלאמענט האט ארויסגערופנ שארפע ארויסטרעטונגענ. א גרויסער האמויִנ האט געפרווט באפרײַענ די פאליטישע ארעסטירטע און האט שיר ניט צעריסנ דעמ ארציבישאפ לאר, — דעמ הויפט־ראטגעבער איבער קירכע־ענינימ, איינער פונ די נאענטסטע באאמטע פונעמ קיניג און א פארביסענער רעאקציאנער. ס'האט יעדע מינוט געקאנט אויסברעכנ אנ עמעסע רעוואליוציע. אט פארוואס דער קיניג האט שוינ איצט מוירע געהאט ווידער צו פאנאנדערטרײַבנ דעמ פארלאמענט און איז געווענ געצוווּנגענ צו גיינ אפ האנאכעס. דער דאזיקער פארלאמענט (מע רופט אימ „דער לאנגער") איז זיכ שוינ ניט פאנאנדערגעגאנגענ כימאט אינ פארלויפ פונ דער גאנצער רעוואליוציע.

דער „לאנגער פארלאמענט"

פילנדיק זײַנ קראפט, האט דער „לאנגער" פארלאמענט פריִער פונ אלצ ארויסגעשטעלט א פאדערונג, מע זאל אוועקשטעלנ פארנ געריכט פונ דער פארלאמענטישער געריכט־קאמיסיע דעמ לארד קאנצלער סטראפארד און דעמ ארציבישאפ לאר. ביידע זײַנענ זיי געמישפעט און געקעפט געווארנ. דער פארלאמענט האט אנגענומענ א ספעציעלע באשטימונג — די „גרויסע רעמאנסטראציע", וווּ עס זײַנענ געווענ אויסגערעכנט



קאַרטע פונעם בירגער־קריג אין ענגלאַנד אין XVII יה.

די הויפּט־פאַרברעכנס פונ די באַאַמטע אונ ווי עס זײַנענ געווענ אַרויסגערוקט פאַרדערונגענ פונ בורזשואַזע רעפאָרמעס. די „גרויסע רעמאָנסטראַציע“ האָט אָנגעוויזנ די שולדיקע אינ די אַלע צאָרעס, וואָס זײַנענ געפאַלנ אַפנ לאַנד. לויט דער מיינונג פונ פּאַרלאַמענט, זײַנענ די דאָזיקע שולדיקע געווענ אַ באַדײַטנדיקער טייל גײַסטלעכע, די ראַטגעבער אונ די הויפלײַט פונעמ קיניג.

דער פּאַרלאַמענט האָט געפאָדערט צו באַזײַטיקנ אָט די אַלע פּערזאָנענ אונ פאַרבײַטנ זיי מיט מענטשנ, וואָס פאַרדינענ צוטרוי בײַ דעמ פּאַרלאַמענט. דערנאָכ איז אַרויסגעלאָזנ געוואָרנ אַ באַשטימונג וועגנ דעמ, אַז קיינ איינ שטײַער טאָר ניט געמאָנט ווערנ אָנ דער האַסקאָמע פונ פּאַרלאַמענט. ווײַטער האָט דער פּאַרלאַמענט אָנגענומענ דעמ אויסגערופענעמ „ביל“ (געזעצ) וועגנ די וואָרצלענ אונ די צווײַגנ“, וואָס פאָדערט צו פאַרניכטנ די יעפּיסקאָפּאַלע קירכע. אינ דעמ דאָזיקנ ביל איז געזאָגט געוואָרנ, אַז דאָס „רעכט פונ פּרעלאַטנטומ דאַרפ אַרויסגעריסנ ווערנ מיט די וואָרצלענ אונ מיט די צווײַגנ“. דערנאָכ זײַנענ פאַרניכטעט געוואָרנ די מער טיפּישע פעאָדאַלע מעלוכישע אַנשטאַלטנ — די „שטערנ־פּאַלאַטע“ (דער העכסטער קיניגלעכער געריכט), די „הויכע קאָמיסיע“ (דער העכסטער קירכע־געריכט) אונ אַנדערע.

אָט די אַלע מאָסמיטלענ האָט דער פּאַרלאַמענט אַרויסגעריסנ בײַ דער קיניגלעכער מאַכט אונטער דער דרוק פונ פאָלק־צאָרנ. דאָס פאָלק איז אַרויס אינ גאַס. פאַרויס זײַנענ געגאַנגענ די אַרבעטער, די האַנטווערקערישע געזעלנ אונ די לערניינגלעכ. שטורמישע מאַכנעס דעמאָנסטראַנטנ האָבנ אַלע ווײַלע אַרומגערינגלט דעמ קיניגלעכנ פּאַלעצ. דעריבער איז פּאַשעט געווענ אוממעגלעכ אָפּצוזאָגנ דעמ פּאַרלאַמענט אינ זײַנע פאָדערונגענ.

אָבער, אײַנגייענדיק אַפ האַנאָכעס, האָט די קיניגלעכע מאַכט צוגעגרייט דעמ באָדנ פאַר אַ ווידערשטאַנד. דער קיניג פאַרשווינדט פונ לאָנדאָנ אונ אַנטלויפט אַפ צאָפנ פונעמ לאַנד, וווּ עס איז נאָכ שטאַרק די פעאָדאַלע אָרדענונג אונ ער האָט געהאַט אַפ וועמענ אָנצושפּאַרנ זיכ. אינ אויגוסט 1642 יאָר דערקלערט דער קיניג דעמ פּאַרלאַמענט אַ מילכאָמע.

פראַגעס:

וויאַזוי זײַנענ די פּויערימ אינ ענגלאַנד געבליבנ אָנ ערד?

אינ וואָס האָט זיכ אויסגעדריקט די פאַרבינדונג פונ דער אויפקומענדיקער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע מיט דער לאַנדווירטשאַפט?

וועלכע ראַיאָנענ פונ ענגלאַנד זײַנענ געווענ די סאַמע אָנגעשטאַנענע אונ ווי האָבנ זיכ שנעלער פאַרשפּרייט די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישנ?

וואָס פאַר אַ ראָליע אינ דער אַנטוויקלונג פונ די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישנ האָט געשפּילט די סיסטעמ פונ מאָנאָפּאָלנ?

וואָס פאַר אַ באַדײַטונג אינעמ קאָנפליקט צווישנ דעמ קיניג אונ דעמ פּאַרלאַמענט האָבנ געהאַט די פינאַנציעלע פראַגעס?

אינ וואָס האָט זיכ אויסגעדריקט די קירכע־רעפאָרמע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ אינמיטנ XVI יאָרהונדערט?

בײַ וועלכע אומשטענדנ איז צונויפגערופנ געוואָרנ דער „לאַנגער“ פּאַרלאַמענט?

וואָסערע מאָסמיטלענ זײַנענ פאַרווירקלעכט געוואָרנ לויט דער פאָדערונג פונ דעמ „לאַנגנ“ פּאַרלאַמענט ביזנ אָנהייב פונעמ בירגערקריג?

41. דער בירגער־קריג

די קרעפטנ פונ די צדדימ

דאָס לאַנד איז זיכ צעפאַלנ אפ צוויי פײַנטלעכע לאַגערנ. דער גאַנצער צאָפנ, די מערהײַט דאָרעמדיקע גראַפשאַפטנ אונ איי־ניקע צענטראַלע, מיט איינ וואָרט, העכער א העלפט פונעמ גאַנצנ קיניגרײַכ — זײַנענ געגאַנגענ מיטנ קיניג. אָבער דאָס זײַנענ געווענ די אָפּ־געשטאַנענע, שוואַכ באַפעלקערטע אונ אָרעמע ראַיאָנענ. דער רײַכער, געדיכט־באַ־פעלקערטער דאָרעמ־מיזרעכ, די אינדוסטריעלע גראַפשאַפטנ פונ צאָפנ אונ פונעמ צענטראַלנ פאַס זײַנענ געווענ אפ דער זײַט פונעמ פאַרלאַמענט. דעמ פאַרלאַמענט האָבנ אויכ געשטיצט אַלע האַפנ־שטעט אונ די האַנדל־אינדוסטריעלע צענטערס אינעווייניק אינ לאַנד. א באַזונדערס גרויסע באַדײַטונג האָט געשפּילט דאָס, וואָס דעמ פאַרלאַמענט האָט געשטיצט לאָנדאָנ. די באַנקירנ, די רײַכע סאָכרימ אונ די מאַנופאַקטוריסטנ, — די גאַנצע לאָנדאָנער סיטי * איז געווענ אפ דער זײַט פונעמ פאַרלאַמענט אונ איז געווענ גרייט צו שטיצנ אימ מיט זײַנ טײַסטער.

לעבאַטבילע האָבנ די מיליטער־קרעפטנ פונ דער קיניגלעכער מאַכט געהאַט א גאַנצ גרויסנ איבערגעוויכט. די קיניגלעכע אַרמיי איז באַשטאַנענ פונ פעאָדאַלנ אַדל אונ אָפּגעשטאַנענעמ פויערטומ, וואָס איז געווענ פאַנאַטיש פײַנטלעכ גע־שטימט קעגנ די קירכלעכ־רעפאָרמאַטערישע אידייענ פונ די פּוריטאַנער. דער קאָ־מאַנדיר־באַשטאַנד פונ דער דאָזיקער אַרמיי איז געווענ קאָמפּלעקטירט פונ עכטע ספּעציאַליסטנ פונעמ מיליטער־וועזנ, וואָס האָבנ, אַרויסגייענדיק פונ זייערע קלאַסנ־אינטערעסנ, גערנ געשטיצט דעמ קיניג אינ זײַנ קאַמפּ קעגנ דעמ פאַרלאַמענט. די קיניגלעכע אַרמיי האָט, צומ אונטערשייד פונ דער פאַרלאַמענטישער, פאַרמאָגט גו־טע רײַטער־טײל אונ איז געווענ בעסער געשולט אונ באַוואָרנט.

בא דעמ קעגנערישנ צאַד איז די לאַגע געווענ אַנ אַנדערע. דאָ איז ניט גע־ווענ אַזאַ קלאַסנ־איינהײט. דאָס באַציט זיכ פריער פאַר אַלצ צו דעמ פאַרלאַמענט גופע. דער ענגלישער פאַרלאַמענט איז באַשטאַנענ פונ צוויי פּאַלאַטעס: די אונטער־שטע — די געמיינדעס־פּאַלאַטע, אונ די אויבערשטע — די לאָרדנ־פּאַלאַטע. א באַדײַטנדיקער טײל מיטגלידער פונ דער לאָרדנ־פּאַלאַטע פלעגט באַקומענ זײַנע ערטער אינ פאַרלאַמענט בעיערושע אונ פלעגט געהערנ צו דעמ קלאַס גרויסע ערד־באַזיצער. די לאָרדנ־פּאַלאַטע איז געווענ א זײַל פונ דער פעאָדאַלער אָרדענונג. אינ דער אונטערשטער פּאַלאַטע איז אויכ געווענ א סאַכ אַדעליקע, נאָר קלענערע. דער קיניג האָט געהאַט אָנהענגער אויכ אינ דער געמיינדעס־פּאַלאַטע. אָבער דער אַנ־דערער טײל ערד־באַזיצער (פונ בורזשואַזנ טיפּ), די פּאָרשטייער פונעמ סאָכרימ־טומ אונ די פּערמערס, מיט איינ וואָרט, די מערהײַט פונ פאַרלאַמענט איז געווענ קעגנ דעמ קיניג. אַכוצ דעמ האָט דער פאַרלאַמענט די ערשטע צײַט געהאַט א שטיצע אינ די רייענ פונ דעמ פויערטומ, פונ די האַנטווערקער, פונ די לערנ־יינגלעכ אונ געזעלנ, פונ דעמ לאַנדווירטשאַפטלעכנ אונ שטאָטישנ פּראָלעטאַריאַט. אָט די דעמאָקראַטישע מאַסע האָט ניט בלויז צוגעגעבנ דער גאַנצער באַוועגונג א

* סיטי — דאָס איז דער אַלטער טײל לאָנדאָנ, ווו עס זײַנענ קאָנצענטרירט די גרעסטע באַנקירישע קאָנטאָרנ אונ אויכ די האַנדל־אינדוסטריעלע פירמעס.

רעוואָליוציאָנערע באַפּאַרבונג, טאָמער זי איז אויכ געווענ די גרונטיקע טרײַב־קראַפט פונ דער גאַנצער רעוואָליוציע. נעמענ די אָנפירונג אינ די אייגענע הענט, אַרויסרוקנ אַנ אייגענע אויסגעשפּראָכענע אַקציע־פּראָגראַם פונ פּאַרטיידיקנ זייערע קלאַסנ־אינטערעסנ האָבנ נאָכ די עקספּלואַטירטע גרופּעס ניט געקאָנט. זיי זײַנענ געגאַנגענ נאָכ דער בורזשואַזיע אונטער איר אָנפירונג אונ אונטער אירע לאָזונגענ, אָבער זיי האָבנ דאָכ פאַרמאָגט א רעוואָליוציאָנערנ גײַסט אונ האָבנ אָנגעווענדט רעוואָליוציאָנערישע, „פּלעביייִשע“ מיטלענ פונ קאַמפּ.

די טעטיקייט פונ דעם פּאַרלאַמענט

די רעוואָליוציע האָט זיכ שנעל אַנטוויקלט, אונ דאָס האָט אומפאַרמיידלעכ געמוזט פירנ צו א שפּאַלטונג אינעם אַנטיקיניגלעכנ מחנה. דער פּאַרלאַמענט האָט געפירט זײַנ קאַמפּ ניט ענערגיש, אונ האָט הינטער די קוליסנ געפּרוווט צונויפרעדנ זיכ מיטנ קיניג, קעדיי וואָס גיכער, קאָלזמאַנ עס איז נאָכ ניט שפּעט, ליקווידירנ די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פונ פאָלק. באַגלײַכ דערמיט האָט זיכ דער פּאַרלאַמענט געײַלט דורכצופירנ נוצלעכע פאַר דער בורזשואַזיע מאָסמיטלענ אונ מאַכנ א סאָפּ צו די רעשטלעכ פונ דעם פעאָדאַלנ שטייגער.

צוליב דעם דאָזיקנ ציל ווערט אינ דער ערשטער ריי קאָנפיסקירט די קיניגלעכע אונ בישאָפישע ערד, ווי אויכ די ערד פונ די וועלטלעכע פעאָדאַלנ — דעמ קיניגס אָנהענגער. די קאָנפיסקירטע ערד ווערט פאַרקויפט. אָט דאָס פילט אָנ די פּאַרלאַמענטישע קאַסע אונ ליקווידירט די רעשטלעכ פונעם פעאָדאַלנ אייגנטומ אפ ערד, פאַריינוועגס באַרײַכערנ זיכ אויכ די דעפּוטאַטנ, וואָס קויפנ אופ ערד קימאַט אומזיסט. אינ דער זעלבער צײַט דערלאָזט דער פּאַרלאַמענט ברייט אָנווענדנ די ערד־„אָפּצאַמונג“ אונ נעמט ניט אָנ קיינ אייג געזעצ קעגנ דעם. די שמאָלקלאַסעווע פּאָליטיק האָט זיכ אויכ אָפּגערופנ אפ די שטײַערנ: עס זײַנענ אײַנגעפירט געוואָרנ הויכע אַקציזנ אפ אַרטיקלענ פונ מאַסנ־געברויכ, אונ דאָס האָט זיכ געלייגט ווי א נײַע שווערע לאַסט אפנ פויערטומ אונ אפ די פּראָלעטאַרישע אונ האַלבפּראָלעטאַרישע גרופּעס פונ דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

דער קלאַסנקאַמפּ ווערט מיט יעדנ טאָג אַלצ מער פאַרשאַרפט. די לאַגע ווערט באַזונדערס דראָענד דערמיט, וואָס קעגנ דער פּאָליטיק פונ דעם פּאַרלאַמענט טרעט אַרויס זײַנ אייגענע אַרמיי, ווײַל דער גאַנצער קאָמאַנדיר־פּערסאָנאַל איז באַשטאַנענ פונ „זיכערע מענטשנ“. די קאָמאַנדירנ פונ דער פּאַרלאַמענט־אַרמיי האָבנ געשטרעבט צו דערהווײַזנ דעם קיניג די איבערגעוויכט פונ זייערע קרעפטנ אונ צווינגענ אים דערמיט גיינ אפ האַנאָכעס. אָבער זיי זײַנענ געווענ גיכער גרייט צו גיינ אפ א פשאָרע מיטנ קיניג איידער נאָכגעבנ די רעוואָליוציאָנער־געשטימטע פּאָשעטע אַרמייער, וואָס די מערהײַט זייערע איז באַשטאַנענ פונ פאַרמעגלעכע פויערים (יאָמענע), האַנטווערקער, אונ טיילווײַז אויכ פונעם שטאָטישנ אונ לאַנדווירטשאַפטלעכנ פּראָלעטאַריאַט אונ האַלבפּראָלעטאַריאַט.

די אַרמיי איז אָבער געבליבנ געהאָרכזאַמ בלויז ביז א געוויסער צײַט.

די רעפאָרמע פונ דער פּאַרלאַמענט־אַרמיי

די אומגערעכטיקייט קעגנ דעם פּאַרלאַמענט, וואָס איז פונ אָנהייב געווענ פאַרטײַעט, ווערט אַלצ שטאַרקער. דעם פּאַרלאַמענט הערט מענ אופ צו גלייבנ. די אַרמיי לײַדט עטלעכע ערנסטע מאַפּאָלעס, אונ דאָס פאַרשטאַרקט די אופרעגונג. ביסלעכווײַז ווערט קלאָר, אַז די

אָנפירונג פונ דער פּאַרלאַמענטישער אַרמיי נעמט מיט אַקטיוו ניט אָנ קיינ שום אַנטשיידענע מאַסמיטלענ קעגנ דעמ קיניגלעכנ מיליטער. איצט ווערט די אויפרעגונג פאַרשטאַרקט ביזנ העכסטנ גראַד, אונ דער פּאַרלאַמענט מוז ווילנדיק-ניט-ווילנדיק גיינ אַפּ האַנאָכעס. אינ 1645 יאָר ווערט אינ דער אַרמיי דורכגעפירט אַ גרויסע רעפאָרמע. דער סאָציאַלער פּאָנעמ פונ דער אַרמיי ענדערט זיכ. די מערהייט נידעריקערע אָפיצערישע ראַנגענ ווערט קאָמפּלעקטירט פונ פּויערימ, האַנטווערקער אונ קליינהענדלער. איינציקע פונ אָט די שיכטנ פאַרנעמענ אויכ העכערע קאָמאַנדיר-פּאָסטנס.

די רעפאָרמע פונ 1645 יאָר האָט, אָנשטאָט איינצלנע אָטריאַדנ, וואָס פלעגנ אָרגאַניזירט ווערנ אַפּ אָרטיקע מיטלענ, געשאַפנ אַנ אַרמיי מיט אַ צענטראַליזירטער אָנפירונג, וואָס איז אויפגעהאַלטנ געוואָרנ אַפּ די מיטלענ, וואָס עס האָט געגעבנ דער פּאַרלאַמענט.

אינ דער שפּיצ פונ דער אַרמיי איז אַוועקגעשטעלט געוואָרנ דער גענעראַל פ ע ר פ אַ ק ס, אָבער די פאַקטישע אָנפירונג מיט דער אַרמיי האָט זיכ געפונענ אינ די הענט פונ זיינ געהילפ אָ ל י ו ע ר ק ר אָ מ ו ו ע ל.

אַליינ פונ קליינבאַזיצערישנ אַדל, וואָס האָט זיכ אַריינגעצויגנ אינ די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישנ, איז קראָמוועל לויט זיינ אָפּשטאַמונג געווענ ווייט פונ דער דעמאָקראַטישער מאַסע פונ דער אַרמיי. ער איז אָבער ענערגיש אַרויסגעטראָטנ קעגנ דער מעסיקער פּאָליטיק פונ פּאַרלאַמענט, האָט געניט אָנגעפירט מיט די מילכאָמע-אָפּעראַציעס אונ האָט זיכ דערשלאָגנ אַנ אַנטשיידנדיקנ ניצאָכנ איבער דער קיניגלעכער אַרמיי. דאָס האָט פאַרשאַפט קראָמוועלנ אַ גרויסע פּאָפּולערקייט אונ האָט אימ געמאַכט אַפּ אַ צייט פאַר אַ „פירער", נאָכ וועלכנ עס זיינענ נאָכגעגאַנגענ די פּאָלק-מאַסנ. ווייט ניט קיינ קליינע ראָליע האָט אינ געגעבענעמ פאַל געשפּילט דאָס, וואָס קראָמוועל האָט זיכ אָנגעשלאָסנ צו די ראַדיקאַלע שטימונגענ אַפּנ געביט פונ קירכנ-פראַגעס.

צווישנ די אָנהענגער פונ דער קירכנ-רעפאָרמע זיינענ דעמאָלט געווענ צוויי שטרעמונגענ. די מער ראַדיקאַלע האָבנ געהייסנ „אַ י נ ד ע פּ ע נ ד ע נ ט נ", אונ די מעסיקערע האָבנ געהייסנ „פּ ר ע ס ב י ט ע ר י אַ נ ע ר". די פּרעסביטעריאַנער, וואָס צו זיי האָט געהערט די מעסיקע מערהייט פונ פּאַרלאַמענט, האָבנ זיכ באַנוגנט מיט די פאָדערונגענ צו אָפּשאַפנ די בישאָפנ אונ איבערצוגעבנ די קירכנ-פאַרוואַלטונג אינ די הענט פונ די פּרעסביטערס, וואָס דאַרפנ אויסגעוויילט ווערנ פונ צווישנ די סאַמע פאַרמעגלעכע אונ איינפלוסרייכע געמיינדע-לייט, איינהייטנדיק אָבער דעמ מעלוכישנ כאַראַקטער פונ דער קירכע; די אינדעפּענדענטנ (בוכשטעבלעכ: אומאָפּהענגיקע) האָבנ געפאָדערט אָפּצוטיילנ די קירכע פונ דער מעלוכע, האָבנ געפאָדערט רעליגיעזע פרייהייט אונ שאַפנ אומאָפּהענגיקע זעלבסטפאַרוואַלטעטע רעליגיעזע געמיינדעס. צו דער שטרעמונג פונ די אינדעפּענדענטנ האָט געהערט קראָמוועל אונ אַ באַדייטנדיקער טייל פונ דער רעאָרגאַניזירטער אַרמיי.

דער פּאָליטישער איינפלוס פונ דער אַרמיי ווערט זייער פאַרשטאַרקט. די אַרמיי דערשלאָגט זיכ, אַז מע טרייבט אַרויס פונ פּאַרלאַמענט די אויסגעשפּראָכענע ראָיאַליסטנ (די אָנהענגער פונ דעמ קיניג), אונ זי פירט דורכ באַ די צוגאָב-וואַלנ אינ פּאַרלאַמענט אירע אייגענע אָנהענגער — די אינדעפּענדענטנ, אונ דאָס דערנענטערט אַפּ אַ צייט די אַרמיי מיטנ פּאַרלאַמענט. אָבער אינ דער אַרמיי גופא

איז די אייגנהייט געווענ אנ איליוזאָרישע. די איבערוועלטיקנדיקע מאסע פונ דער ארמיי זײַנענ געווענ פויערימ, האנטווערקער אונ ארבעטער, באַזונדערס פיל איז צווישנ די סאָלדאטנ געווענ ארבעטער־וועבער. צווישנ דעמ נידעריקערנ קאָמאנדיר־באשטאנד פונ דער ארמיי איז אויכ געווענ א סאכ פויערימ אונ ארבעטער. מע האָט זיי אויכ געקאָנט טרעפנ אפ אייניקע העכערע קאָמאנדיר־פּאָסטנס. צומבײַשפּיל, דער שוכ־טער ג י ו ס אָ נ, אָדער דער קעסל־ארבעטער פ אָ ק ס, אָדער דער פורמאנ פ ר ײַ ד, אָדער דער שקיפּער ר יי נ ס ב ע ר אָ. דאָס זײַנענ אלצ געווענ קאָמאנדירנ פונ פּאָלקנ פונ דער רעפּאָרמירטער ארמיי. דער אויבערשיכט פונ דער ארמיי איז אָבער אינ דער מערהייט זײַנער געווענ פארבונדנ ניט מיט די ארבעטנדיקע מאסנ, נאָר מיטנ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאל, וואָס האָט געזוכט צו דערשלאָגנ זיכ, אז עס זאָלנ אָפּגע־שאפט ווערנ די צעכישע באַגרענעצונגענ, מיט די סאָכרימ, וואָס זײַנענ געווענ ניט צופרידנ מיט דער מאָנאָפּאָל־סיסטעמ פונ די גרויסע האנדל־קאָמפּאניעס, מיט די ערדבאזיצער — די אָנהענגער פונ אנטשיידענעמ ליקווידירנ די פעאָדאלע ערד־פּאָראָנדקעס. אזא איז געווענ דער העכערער קאָמאנדיר־באשטאנד פונ דער ארמיי אינ דער שפּיצ מיט קראָמוועלנ.

באַלד נאָכ דער רעפּאָרמע האלט אָפּ די פּארלאמענטישע ארמיי א ריי גרויסע ניצכוינעס איבערנ קיניגלעכנ מיליטער. זוכנדיק א באהעלטעניש, אנטלויפט דער קיניג קיינ ענגלאנד, וואָס פונ דאָרט שטאמט די קיניגלעכע דינאסטיע סטיוארט, אָבער פאר א גרויסער סומע געלט (400 טויזנט פונט סטערלינג) גיבנ די שאָט־לענדער ארויס דעמ קיניג דעמ פּארלאמענט.

די לעוועלערנ

די בורזשואזיע אונ דער אדל, וואָס שטייט נאָענט צו איר, האלטנ די רעוואָלוציע פאר פארענדיקט: דער קיניגלעכער אב־סאָלוטיזמ איז געבראָכנ, די מאכט געפינט זיכ אינ די הענט פונ דעמ פּארלא־מענט, די גרעסטע פעאָדאלע רעשטנ זײַנענ ליקווידירט. די אופגעשטאנענע פּאָלק־מאסנ זײַנענ אָבער ווײַט ניט געווענ באַפרידיקט דערמיט. די רעוואָלוציע האָט זיי נאָכ גאָרנישט ניט געגעבנ. זיי זוכנ א פארבעסערונג פונ זייער עקאָנאָמישער לאגע. זיי ווילנ זיכ דערשלאָגנ פּאָליטישע רעכט, א גרעסערע רעליגיעזע פרײַהייט. די אומ־צופרידנקייט וואקסט. א גרויסנ דערפּאָלג, דערהויפּט צווישנ די יאָמענע, האָבנ די אָזויגערופענע ל ע וו ע ל ע ר נ (בוכשטעבלעכ: אויסגלײַכער, ניוועלירער).

דאָס איז ניט געווענ קיינ נײַע שטרעמונג. נאָכ אינ אָנהייב XVII יאָרהונ־דערט האָט מענ די פויערימ אופשטענדלער, וואָס האָבנ געקעמפט קעגנ דער ערד־„אָפּצאַמונג" אונ האָבנ פארניכטעט די צאַמענ, פאָדערנדיק איבערפארטיילנ די ערד, גערופנ לעוועלערנ. שפּעטער אינ דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, האָט זיכ דער קלאַ־סנ־באשטאנד פונ די לעוועלערנ געענדערט. איצט איז שוינ די מערהייט באשטאנענ פונ פאָרשטייער פונ דער שטאָטישער אונ דאָרפישער קליינ־בורזשואזיע. איצט שטרעבנ שוינ ניט די לעוועלערנ אויסצוגלײַכנ די פארמעגנס. זייערע פאָדערונגענ ווערנ פיל באשיידענער. זיי האָבנ בלויז געוואָלט דערשלאָגנ זיכ אלגעמיינע (ווי געווינלעכ, דאָכ מיט געוויסע באַגרענעצונגענ) וואלרעכט, באַזײַטיקנ די קיניגלעכע מאכט, אײַנפירנ אנ איינקאמערדיקנ פּארלאמענט * אונ אומקערנ די דאָרפישע גע־מיינדעס די ערדנ, וואָס די פריצימ האָבנ „אָפּגעצאַמט".

*הה. אָפּשאפנ די לאָרדנ־פּאלאטע אונ איבערלאָזנ בלויז די געמיינדע־פּאלאטע.

די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אינ דער אַרמיי

צו די לעוועלערנ האָט געהערט די סאָלדאַטישע מערהייט פונ דער אַרמיי. אונטער דער ווירקונג פונ די לעוועלערנ קלייבנ די סאָלדאַטנ זייערע פאָרשטייער — „אַגיטאַטערס", וואָס פונ זיי ווערנ אויסגעבילדעט אייגנאַרטיקע ראַטנ פונ סאָלדאַטישע דעפּוטאַטנ. די אַרמיי ווערט אַ נעסט פונ רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע, אונ דעריבער באַשטימט דער פּאַרלאַמענט פּאָטער ווערנ פונ אָט דער געפערלעכער קראַפט. צוליב דעמ דאָזיקנ צוועק הייבט אָנ דער פּאַרלאַמענט צו פירנ געהיימע אונטערהאַנדלונגענ וועגנ אַ פּשאָרע מיטנ קיניג, וואָס ווערט געהאַלטנ מיט גרויס קאָוועד „אינ געפאַנגענשאַפט" אינ איינעמ פונ זיינע שלעסער. מיטנ אויסרייד, אַז עס ענדיקט זיכ די מילכאָמע, ווערט גלייכצייטיק אָנגענומענ אַ באַשטימונג וועגנ טיילווייזנ פאַנאַנדערלאָזנ די אַרמיי. דעמ אַנדערנ טייל פונ דער אַרמיי ווערט באַפוילנ גיינ דערשטיקנ דעמ אופשטאַנד (פאַר אומאָפּהענגיקייט), וואָס האָט אויסגעבראָכנ אינ אירלאַנד. די דאָזיקע באַשטימונג האָט אַרויסגערופנ אַ מוירעדיקנ צאָרנ אינ דער אַרמיי. די אַרמיי וויל זיכ ניט פאַנאַנדערגיינ אונ פאָדערט פונ די „גראַנדנ" (אַזוי האָבנ די סאָלדאַטנ מיט ביטל גערופנ דעמ קאָמאַנדיר־אויבערשיכט פונ דער אַרמיי) אַנטשיידענע מייסימ. קראָמוועל באַמיט זיכ צו באַהערשנ די באַוועגונג. ער פאַרנעמט אַ מיטנ־פּאָזיציע אונ נעמט אָפּ זיכ די אונטערהאַנדלונגענ מיטנ פּאַרלאַמענט. אָבער ווענ דער פּאַרלאַמענט באַמיט זיכ פונדעסטוועגנ פאַרווירקלעכנ די באַשטימונג וועגנ פאַנאַנדערלאָזנ די אַרמיי, איז קראָמוועל געצוווּנגענ צו גיינ אָפּ אַ פּשאָרע מיט די סאָלדאַטנ. דערביי ווערט דורכגעמאַכט אַ קונציקער מאַניעווער, וואָס זיכערט די „גראַנדנ" די אָנפירנדיקע ראָליע אינ די געשעענישנ, וואָס וויקלענ זיכ פאַנאַנדער. עס איז געגרינדעט געוואָרנ אַנ אַלאַרמייִשער ראַט, אינ וועלכנ עס זיינענ אַריינ די העכערע קאָמאַנדירנ אונ פאָרשטייער פונ די אָפיצערנ אונ סאָלדאַטנ פונ יעדנ פּאָלק (צו צוויי פאָרשטייער פונ ביידע צדאָדימ). אַזוי אַרום איז די סאָלדאַטישע אָרגאַניזאַציע גענומענ געוואָרנ אונטער אַ קאָנטראָל. איצט איז נאָר געבליבנ אויסצוואַרטנ אַ גינסטיקנ מאָמענט, כּדיי פולשטענדיק צו ליקווידירנ די סאָלדאַטישע אָפּאָזיציע. דערווייל אָבער האָט מענ געדאַרפט האַלטנ די דאָזיקע אָפּאָזיציע אינ די הענט אונ צוליב דעמ פאַרזעצנ דעמ אָנגריפ קעגנ דעמ פּאַרלאַמענט. *די אַרמיי פאַרנעמט לאָנדאָנ אונ נעמט פאַקטיש די מאַכט אינ אירע הענט.*

צוויי קאָנסטיטוציע־פּראָיעקטנ

אינ דער זעלבער צייט קומענ אופ צוויי קאָנסטיטוציע־פּראָיעקטנ: אַ סאָלדאַטישער, די אַזויגערופענע „פאָלק־פאַרשטענדיקונג", אונ אַנ אָפיציערישער — „די גרונט־האַנאָכעס", וואָס גייענ אַרויס פונ דער אַרמיי". דער ערשטער פּראָיעקט קאָנ דינענ אַלס מוסטער פונ דער פּראָגראַמ פונ די לעוועלערנ. דער צווייטער איז טיפּיש פאַר די אינדעפּענדענטנ.

די „פאָלק־פאַרשטענדיקונג" האָט געפאָדערט אַ פולמעכטיקנ פּאַרלאַמענט אונ איבערפאַרטיילנ די וואַל־קרייזנ. אַכוץ דעמ האָט זי אויכ געפאָדערט, אַז די מעלוכע זאָל זיכ אַבסאָליוט ניט מישנ אינ די איניאָנימ פונ רעליגיע אונ איז אַרויסגעטראָטנ קעגנ צוואַנג־האַלוואָעס אונ צוואַנג־מיליטערדינסט. צולעצט, האָט די „פאָלק־פאַרשטענדיקונג" געהאַלטנ, אַז די קיניגלעכע מאַכט דאַרפ פאַרניכטעט ווערנ.

א סאכ מעסיקער איז געווענ די פּראָגראַם פונ די אינדעפּענדענטנ. זיי האָבנ אויכ געפאָדערט איבערצופאַרטיילנ די וואַל־קרײַזנ, און באַגלײַכ דערמיט — אײַנ־פירנ א פאַרמעגנ־צענז פאַר דעם אָנטייל אינ פּאַרלאַמענטישע וואַלנ. זיי האָבנ פאָרגעלייגט אײַנצוהיטנ די קיניגלעכע מאַכט, עמעס, שטאַרק באַגרענעצנדיק זי. ווײַטער, אינ דער צײַט, ווענ די לעוועלערנ זײַנענ באַשטאַנענ אַפּ אָפּשאַפנ די לאָרדנ־פּאַלאַטע, האָבנ די אינדעפּענדענטנ די דאָזיקע פראַגע פאַרשוויגנ.

אַלס פאָרשטייער פונ דער אויפשטײַגנדיקער בורזשואַזיע, האָבנ זיי אַנטוויקלט זייערע עקאָנאָמישע פאָדערונגענ: אײַנפירנ פרײַהײַט פונ האַנדל און אינ־דוסטריע און פאַרניכטנ די סיסטעם פונ מאָנאָפּאָלנ.

די בורזשואַזיע פאַרפעסטיקט זיכ בא דער מאַכט

ביז אַהער האָבנ די מײנונגפאַרשידנהײטנ אינ דער אַרמיי ניט אַזוי שטאַרק אַרויסגעשפּאַרט צוליב דעם קאַמפּ קעגנ דעם אַלגעמײנעם סוינע. נאָר אַט איז דער סוינע צעקלאַפּט. איצט ערשט דערגרייכט די באַוועגונג צו איר קריטישנ פּונקט, און די ווידערשפּרוכנ אינ דער אַרמיי גופע און אינ גאַנצנ לאַנד דאַרפנ זיכ, סאָפּסאָל־קאָפּ, אַנטפּלעקנ אינ זייער גאַנצער שאַרפקײַט. די יוירונג צווישנ די סאָלדאַטנ נעמט אָנ אָפענע פאָרמענ. עס וואַקסט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אויכ אויסער

די קעפּונג פונעם קיניג קאַרל 1

דער אַרמיי. קראָמוועל גייט אַריבער צו אַנטשײדענע טאַטנ און דערשטיקט ביזנ סאָפּ יעטווידנ אויסברוכ פונ סאָלדאַטישע אַרויסטרעטונגענ. דער אַלאַרמייִשער ראַט ווערט פאַנאַנדערגעלאָזנ און פאַרביטנ אַפּ אַנ אָפיצערישנ ראַט.

אָפּרעכענענדיק זיכ מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, באַמיִענ זיכ די אינדעפּענדענטנ ניט צו דערלאָזנ די געפאַר פונ א פעאָדאַלער קאָנטררעוואָלוציע.

ווענ עס האָבנ אינ פרילינג 1648 יאָר אויסגעבראָכנ אינ פארשיידענע שטעט פונ ענגלאנד קאָנטררעוואָליוציאָנערע אופשטאנדנ פונ דעמ קיניגס אָנהענגער, — זיינענ די דאָזיקע אופשטאנדנ אָנ האכמאָנעס דערשטיקט געוואָרנ. עס איז דערשטיקט געוואָרנ דער אופשטאנד אויכ אינ שאָטלאנד. נאָכ גאָר ניט לאנג האָט שאָטלאנד געהאט געפירט א קאמפ קעגנ דעמ קיניג, און איצט איז עס געוואָרנ אנ ארענע פונ א ראָיאליסטישנ אופשטאנד. אָט די אופלעבונג פונ דער קאָנטררעוואָליוציע אינ שאָטלאנד איז ארויסגערופנ געוואָרנ דערמיט, וואָס די פרעסביטעריאָנער, דערזעענדיק, אז די אינדעפּענדענטנ פארפעסטיקנ זיכ, האָבנ זיי זיכ דערשראָקנ פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פונ דער רעוואָליוציע. דעריבער האָבנ זיי זיכ אָפּגעזאָגט פונעמ נייטראליטעט, וועלכנ זיי האָבנ געהאלטנ אינ אָנהייב רעוואָליוציע, און האָבנ זיכ אָפנ געשטעלט אפ דער זייט פונ דער קאָנטררעוואָליוציע.

פיל פרעסביטעריאָנער, מיטגלידער פונ פארלאמענט, ווערנ געכאפּט בא אונטערהאלטנ פארבינדונגעג מיטנ קיניג, און די דאָזיקע געלעגנהייט נוצנ אויס די אינדעפּענדענטנ, קעדיי, שטיצנדיק זיכ אפ דער ארמיי, אָפּרעכענענ זיכ מיטנ פארלאמענט און ארויסטרייבנ פונ אימ אלע דעפּוטאטנ, מיט וועלכע די „גראנדנ" זיינענ ניט זיכער. נאָכ דער „רייניקונג" איז אינ פארלאמענט געבליבנ א קליינע גרופּע דעפּוטאטנ, וואָס איז שוינ געווענ פולשטענדיק געהאָרכזאמ דער קאָמאנדירונג פונ דער ארמיי. באלד נאָכ דעמ איז געגרינדעט געוואָרנ אנ אויבער־טריבונאל צו מישפּעטנ דעמ קיניג. דער טריבונאל האָט אימ באשולדיקט אינ מעלוכע־פאראט און צוגעמישפּעט צו טויט. דעמ 30־טנ יאנואר 1649 איז דער ענגלישער קיניג קארל I געקעפּט געוואָרנ, און אינ 3 כאָדאָשימ ארומ, אינ מיי 1649, איז ענגלאנד דערקלערט געוואָרנ פאר א רעפּובליק, וואָס ווערט אָנגעפירט דורכנ פארלאמענט און דורכ די מיניסטאָרנ, וואָס דער פארלאמענט באשטימט, אָבער „אָנ קיינ שום קיניג און אָנ קיינ שום לאָרדנ־פּאלאטע".

אינ דער באשטימונג פונ דעמ פארלאמענט איז געזאָגט געוואָרנ: „די דערפארונג האָט דערוויזנ, אז די שטעלע פונ א קיניג איז אינ דעמ דאָזיקנ לאנד אומנוצלעכ, באלעסטיקנדיק און געפערלעכ פאר דער פרייהייט, זיכערקייט און ווילזיינ פונ דעמ פאָלק, אינ העסקעמ דערמיט ווערט זי פונ היינט אָנ אָפּגעשאפט".

אזוי האָבנ זיכ די אינדעפּענדענטנ דערשלאָגנ צו א פולשטענדיקנ זיג. נאָכ דעמ האָט זיכ אָנגעהויבנ א פעריאָד פונ בורזשואזער דיקטאטור.

פראגעס:

אינ וועלכע ראיאָנענ האָבנ זיכ קאָנצענטרירט דעמ קיניגס קרעפטנ און וועלכע ראיאָנענ האָבנ געדינט אלס אָנשפאר פארנ פארלאמענט?

וואָס פאר א קלאסנ־באשטאנד האָט געהאט די קיניגלעכע ארמיי?

וואָס פאר א קלאסנ־באשטאנד האָט געהאט דער פארלאמענט און זיינ ארמיי?

וועלכע רעפאָרמעס האָט דורכגעפירט דער פארלאמענט אינעמ ערשטנ פעריאָד פונ בירגער־קריג?

אינ וואָס איז באשטאנענ דער קלאסנ־אונטערשייד צווישנ די פרעסביטעריאנער און די אינדעפּענדענטנ?

ווער זיינענ געווענ די לעוועלערנ און וואָסערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאָדערונגענ האָבנ זיי ארויסגעשטעלט?

איבער וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ דער קאָנפליקט צווישנ דער אַרמיי אונ דעמ פּאַרלאַמענט?

וואָס פאַר אַ פּאָזיציע האָט פאַרנומענ אינ דעמ דאָזיקנ קאָנפליקט קראָמוועל?

מיט וואָס האָבנ זיכ אינ גרונט אונטערשיידט די קאָנסטיטוציע־פּראָיעקטנ, וואָס עס האָבנ אויסגעאַרבעט דער סאָלדאַטישער אונ דער אָפיצערישער טייל פונ דער אַרמיי?

42. די בורזשואַזע דיקטאַטור

די ענגלישע רעפּובליק

די בורזשואַזיע איז געקומענ צו דער מאַכט, ווענ אי די עקאָנאָמישע אי די פּאָליטישע לאַגע פונ ענגלאַנד איז געווענ אַנ אויסערסט שווערע. דער בירגערקריג האָט דעזאָרגאַניזירט אינגאַנצנ דיווירטשאַפט. עטלעכע יאָר שלעכטע גערעטענישנ האָבנ אַרויסגערופנ אַ הונגער. עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ פאַרשפּרייטנ עפּידעמיעס. די פּרייזנ זײַנענ שטאַרק געשטיגנ, דער אַרבעטלוינ ווידער איז גרעסער ניט געוואָרנ. אינ דער זעלבער צײַט פלעגט די רעגירונג שיר ניט יעדעס יאָר פאַרגרעסערנ די שטײַערנ. די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע, וואָס האָט נאָכ גאָר ניט לאַנג געבליט, ווערט איצט צעשפּאָלנ איבער דער פאַרקירצונג פונ די מערק: דער אינערלעכער מאַרק איז געווענ פּאַראַליזירט, אונ דער אויסערלעכער — קימאַט געשלאָסנ, ווײַל די מערהײַט לענדער פונ אייראָפּע, וווּ דער אַבסאָליוטיזמ איז נאָכ געווענ אינ דער הערשאַפט...

ערגער פונ אַלצ איז אָבער געווענ די לאַגע אינ שאָטלאַנד אונ אינ אירלאַנד. אינ שאָטלאַנד (וואָס איז שטענדיק געווענ די פעסטונג פונ די פּרעסביטעריאַנער), נאָכ דעמ, ווי די פּרעסביטעריאַנער האָבנ זיכ אָפּנ געשטעלט אויפ דער זײַט פונ דער מאָנאַרכיע, ווערט אָרגאַניזירט אַ מינ הויפּט־שטאַב פונ דער ראָיאַליסטישער קאָנטררעוואָלוציע. דאָ באַווײַזט זיכ דעמ געקעפּטנ קיניגס זונ אונ דאָ ווערט אויסגעשטאַט אַנ אַרמיי אויפ אַרײַנצוברעכנ זיכ אינ ענגלאַנד. אירלאַנד, ווידער, וואָס איז אָפּגעשטאַנענ נאָכ אינ 1641 יאָר, טיילט זיכ איצט ענדגילטיק אָפּ פונ ענגלאַנד; דערצו נאָכ טרעטנ די אירלענדער אַרײַנ אינ פאַרבינדונג מיט די גרופּירונגענ אויפנ אייראָפּייִשנ קאָנטינענט, וואָס זײַנענ פײַנטלעכ צו דער ענגלישער רעפּובליק.

די דיגערס

די דעזאָרגאַניזירטקײַט פונ דער ווירטשאַפט, די נויט פונ די מאַסנ, דער הונגער, די עפּידעמיעס, — דאָס אַלצ פאַרשאַרפט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. ערשט איצט באַקומט זי אַ באַזונדערס ברייטנ שוווּנג. אינ לאַנד קומט אויפ אַנ עקסטרעמ־רעוואָלוציאָנערע ריכטונג פונ די אַזויגערופענע „עכטע לעוועלערנ”, אָדער „דיגערס” (גרעבער). די דיגערס האָבנ געהאַלטנ, אַז „ס'איז אַנ אַבסאָלוט גערעכטע זאַכ, דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק

זאָל פאַראַקערנ און פאַרזײען די געזעלשאַפטלעכע ערד און זאָל לעבנ אַפ איר, ניט דינגענדיק זיך בײַ קײנעם און ניט צאָלנדיק קײנעם קײנ ארענדע־געלט". זײ פלעגנ פאַשעט פאַרנעמענ פוסטע ערד און פלעגנ זי אױפ־אַקערנ צום פאַרזײען.

װעגנ דעם, װי די דיגערס האָבנ געהאַנדלט, קאָנ מענ אורטײלנ פונ אזא באַ־ריכט צום מעלוכישנ ראַט:

„מע טײלט מיט, אז פאַראַכטאָגנ זונטיק איז א געװיסער עװעראַרי, װאָס האָט אַמאָל געהאַט געדינט אינ דער אַרמײ, נאָר דערנאָכ איז ער באַזײַטיקט געװאָרנ, און איצט שטעלט ער זיכ ארױס פאַר א נאָװי, אַ טײַערער און קאַלטער און נאָכ צװײ, װאָס לעבנ אינ קאָמבהעם, געקומענ צום בערגל פונ דעם הײליקנ געאָרגי אינ סערי, גענומענ גראָבנ די באַרגפלאַכ און פאַרזײט דאָרט פאַסטערנאַק, מערנ און באָב. דעם אַנדערנ מאָנטיק זײַנענ זײ דאָרטנ געװענ װידער, נאָר שוינ א גרעסערע צאָל מענטשנ. אַפמאָרגנ, דינסטיק, האָבנ זײ אונטערגעצונדנ די ערטער, װאָס זײַנענ פאַרװאָקסנ מיט װילדגראָז און האָבנ אױסגעברענט אַמװײניקסטנ 40 פערטל רויערד, װאָס איז א גרױסער שאָדנ פאַר דער שטאָט. פאַראַכטאָגנ פרײַטיק זײַנענ זײ װידער געקומענ אינ א צאָל פונ 20 אָדער 30 מאַנ און האָבנ געאַרבעט און געגראָבנ א גאַנצנ טאָג. זײ האָבנ אײַנגעלאַדנ אַלעמענ אָנצושליסנ זיכ און העלפנ זײ, צוזאָגנדיק דערפאַר שפײַז, געטראַנקענ און קלײדונג. זײ האָבנ געדראָעט צו צעשמעטערנ און אומװאַרפנ אַפ דער ערד אַלע פלױטנ און צאַמענ און איבערלאָזנ אַלץ אָפנ און האָבנ אַכטונג געגעבנ דערױפ, אז אַלץ זאָל גיכ פאַרזײט װערנ. זײ האָבנ געמאָלדנ, אז אינ 10 טעג ארום װעלנ זײ שוינ זײַנ 4 אָדער 5 טױזנט מאַנ".

די דאָזיקע פאַרכאַפונגענ האָבנ געהאַט דערהױפט אנ אַגיטאַציע־ציל, זײער פראַקטישע באַדײַטונג איז געװענ א קנאַפע. געװײנלעכ פלעגט מענ די „גרע־בער"־גרופעס צעטרײַבנ מיט מיליטער נאָכ אײדער זײ פלעגנ באַװײַזנ אױפצואַ־קערנ מיט זײערע גראָבאײַזנס דאָס פאַרכאַפטע שטיקל ערד. דערבײַ פלעגנ די דיג־גערס ניט פרוּװנ אפילע זיכ קעגנשטעלנ. זײ האָבנ אָנערקענט בלױז פרידלעכע מיטלענ פונ קאַמפ און האָבנ זיכ מער פאַרלאָזט אַפ דער קראַפט פונ איבערצײַ־גונג. אינ זײערע אױפרופנ האָבנ זײ שטענדיק געהאַלטנ אינ אײנ אונטערשטרײַכנ, אז די צילנ זײערע זײַנענ פרידלעכע און אז זײ קלײַבנ זיכ ניט ארױסװײַזנ קײנ װידערשטאַנד די מאַכטהאָבנאַנע. דאָס איז גיכער א מינ רעליגיעזע סעקטע, אײ־דער א ברײטע קלאַסנ־שטרעמונג. די דיגערס זײַנענ ארױסגעטראָטנ ניט קעגנ יעט־װידנ אײגנטום אַפ ערד; זײ פלעגנ דערקלערנ, אז זײ װילנ באַאַרבעטנ „פאַרנ אַלגעמײנעם נוצנ" בלױז די געמײנדע־ערדנ און קלײַבנ זיכ ניט אָנגרײַפנ אַפ די ערד־כאַלאָקים פונ די קלײנע אײגנטימער.

קײנ ברײטנ פאַרנעם האָט די באַװעגונג פונ די דיגערס ניט אָנגענומענ. נאָר די געװיסע קאָמוניסטישע שאַטירונג פונ דער דאָזיקער באַװעגונג האָט געגעבנ א געלעגנהײַט דער רעגירונג צו באַשולדיקנ ניט נאָר די דיגערס, נאָר אױכ אַלע לע־װעלערנ אינ דעם, אז זײ שטעלנ זיכ קעגנ דעם „הײליקנ" אײגנטום־רעכט, באָטש אינדערעמעסנ זײַנענ די לעװעלערנ געװענ זײער װײַט דערפונ און זײַנענ אַלײנ געװענ טיפישע אײגנטימער. אַט די ליגנערישע אַגיטאַציע, װאָס האָט גע־העצט די אײגנטימערישע אינסטינקטנ — דאָס איז געװענ א קונציק־צוגעטראַכ־טער גאַנג, װאָס האָט אָפגעשטױסנ פונ די לעװעלערנ די קלײנ־אײגנטימערישע פױערישע מאַסנ.

די בורזשואַזע דיקטאַטור

די בורזשואַזיע האָט טאַקע נאָר געוואַרט אפ דעם מאָמענט. זי האָט באַשלאָסנ, אַז ס'איז געקומענ די צײַט אײנמאָל פאַר אַלעמאָל אָפרעכענענ זיכ מיט דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פונ די מאַסנ, וואָס האָבנ זיכ אופגעהויבנ אינ פראָצעס פונ דער בורזשואַזער רעוואָליוציע. יעטווידער רעוואָליוציאָנערער אויסברוכ ווערט איצט מיט דער קראַפט פונ געווער אַנטשיידנ דערשטיקט אונ אינווייניק אינ לאַנד ווערט אײַנגעשטעלט אַ פעסטע בורזשואַזע אָרדענונג.

דערנאָכ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ מיליטער־מאַרשנ אפ צו דערשטיקנ דעם אופשטאַנד אינ שאָטלאַנד אונ אינ אירלאַנד. די דאָזיקע מאַרשנ, באַזונדערס אינ אירלאַנד, האָבנ זיכ אויסגעצייכנט מיט זייער אויסשליסלעכער אַכזאָריעס. אירלאַנד איז אונטערגעדריקט געוואָרנ מיט הונדערטער טויזנטער קאָרבאָנעס, ס'איז דערצו דורכגעפירט געוואָרנ אַ מאַסנ־קאָנפיסקאַציע פונ דער ערד. אינ לאַנד איז אײַנגעפירט געוואָרנ אַ קאָלאָניאַלער רעזשים. אַ טייל אירלענדער האָט מענ אינגאַנצנ געלאָזנ אָנ ערד, אונ אַ טייל אַריבערגעפירט אפ ערגערע אונ קלענערע באַלאָקימ, אונ די אָפגענומענע ערד איז אויסגענוצט געוואָרנ אפ אַרויסגעבנ געהאַלט דער אַרמיי, וואָס האָט שוינ לאַנג גאָרניט באַקומענ אונ אפ באַצאָלנ די ליפעראַנטנ. נאָכ אירלאַנד זײַנענ אונטערגעדריקט געוואָרנ שאָטלאַנד אונ יענע קאָלאָניעס, וואָס האָבנ זיכ געהאַט אָפגעזאָגט צו אָנערקענענ די רעפובליקאַנישע רעגירונג.

די בורזשואַזיע האָט טריומפירט. איר האָט זיכ אײַנגעגעבנ אופצושטעלנ אי די מעלוכישע אײנהײַט, אי די „רו“ אינווייניק אינ לאַנד. די אויסלענדישע מעלוכעס באַנײַענ די באַציִונגענ מיט ענגלאַנד, שטעלנ אײַנ האַנדל־פאַרבינדונגענ.

ענגלאַנד הייבט אָנ אַ ענערגישנ קאַמפ קעגנ זײַנע קאָנקורענטנ. אינ 1651 יאָר איז אַרויסגעלאָזנ געוואָרנ אַ ספעציעלער „נ אַ ווי גאַ צ י ע־אַ ק ט“. דער דאָזיקער אַקט (געזעצ) האָט דערלויבט אַרײַנצופירנ אינ ענגלאַנד אויסלענדישע סכוירעס בלויז אפ ענגלישע שיפנ אָדער אפ די שיפנ פונ יענע לענדער, ווו עס זײַנענ אויסגעאַרבעט געוואָרנ די סכוירעס, וואָס ווערנ אַרײַנגעפירט. אַזוי אַרומ האָט דער נאַוויגאַציע־אַקט אָפגעשטעלט דעם טראַנזיט־האַנדל מיט ענגלאַנד. דאָס דאָזיקע מאַסמיטל איז געווענ געווענדט פריִער פונ אַלצ קעגנ ענגלאַנדס הויפט־קאָנקורענט, האָלאַנד, ווײַל גראָד דער האָלענדישער האַנדל איז געווענ קימאַט דורכויס אַ טראַנזיט־האַנדל. דער „נאַוויגאַציע־אַקט“ האָט געבראַכט צו אַ מילכאָמע, וואָס האָט זיכ אינ צוויי יאָר אַרומ פאַרענדיקט מיט ענגלאַנדס ניצאָכנ. האָלאַנד האָט אָנערקענט דעם „נאַוויגאַציע־אַקט“ אונ האָט אָפגעצאָלט קאָנטריבוציע. גלײַכצײַטיק האָט זיכ ענגלאַנד דערשלאָגנ צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט פאָרטוגאַל, וואָס האָט אים געבראַכט אַ סאַכ נוצנ. די ענגלישע סאָכרים זײַנענ אויסגעגלײַכט געוואָרנ מיט די פאָרטוגעזישע אינ זייער האַנדל־רעכט אינ די פאָרטוגעזישע קאָלאָניעס. באַלד נאָכ דעמ הייבט ענגלאַנד אָנ אַ מילכאָמע מיט שפאַניע, אונ אויכ דאָ דערשלאָגט עס זיכ צו אַ ניצאָכנ.

קראָמוועלס פראָטעקטאָראַט

די דערפאָלגנ אינ דער אויסערלעכער פאָליטיק, דאָס דערשטיקנ די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג, די ליקווידאַציע פונעמ ווירטשאַפטלעכנ קריזיס, — די אַלע ניצכוינעס האָבנ די הערשנדיקע קלאַסנ צוגעשריבנ קראָמוועלנ. קראָמוועל איז איצט געווענ אפנ

העכסטן פונקט פון זײַן מעכטיקײַט. דעריבער איז יעדער שריט צו פארשטארקן קראָמוועלס מאכט באגעגנט געוואָרן גינסטיק אי מיצאַד דער בורזשואַזיע אי מיצאַד דער איבערוועגנדיקער מאסע ערדבאַזיצער (פיל פון זיי זײַנען געוואָרן ערד־באַזיצער בלויז אדאנק דער רעוואָליוציע). ווען קראָמוועל האָט, שטיצנדיק זיך אַף דער אַרמיי, אין 1653 יאָר צעטריבן דאָס רעשטל פונעם לאנגן פארלאמענט, האָט די דאָזיקע איבערקערעניש ניט אַרויסגערופן מיצאַד קיינעם קיין שום פּראָטעסטן: די פאָלקסמאסן זײַנען געווען אונטערדריקט און די הערשנדיקע קלאסן זײַנען גערן אײַנגעגאנגען אַף שאַפן א פעסטע מאכט.



קראָמוועל צעטרײַבט דעם „לאנגן פארלאמענט“

קראָמוועל האָט זיך מיט שנעלע טריט דערנעענטערט צו אומבאגרענעצטער דיקטאטורישער מאכט. זײַן דיקטאטור איז אויסגעפורעמט געוואָרן אין 1653 יאָר, ווען דער אָפיציערישער ראַט האָט אויסגעארבעט א נײַע קאָנסטיטוציע, און קראָמוועל איז פּראָקלאמירט געוואָרן אַפן גאנצן לעבן פאר א „לאָרד־פּראָטעקטאָר“ פון דער ענגלישער רעפּובליק. לויט דער קאָנסטיטוציע האָט געזאָלט עקזיסטירן א פארלאמענט, וואָס וועט אויסגעוויילט אַפן יעסאַד פון א הויכן פארמעגנס־צענז. נאָר אפילע אזא מין פארלאמענט האָט אין א געוויסער מאָס באגרענעצט די איינפּערזאָניקע דיקטאטור. און קוים איז דער דאָזיקער פארלאמענט צונויפגערופן געוואָרן, האָט מען אים באלד פאנאנדערגעלאָזן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן א פּעריאָד פון אומבאגרענעצטער מיליטערישער דיקטאטור פון דעם „לאָרד פּראָטעקטאָר“ אָליווער קראָמוועל.

קראָמוועל האָט אָבער שוין אָפּגעשפּילט זײַן ראָליע: ער האָט דערשטיקט די פּעאָדאַלע רעאקציע און האָט צעגראָמירט די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג. איצט

איז ער שוינ מער ניט געווענ נייטיק. סײַ די בורזשואַזיע סײַ דער אדל הייבנ זיכ אָנ פילנ באַלעסטיקט פונ דעם רעזשים פונ מיליטערישער דיקטאַטור. אי די ראָיאַליסטנ אי די רעפּובליקאַנער — ביידע פילנ זיכ שוינ איצט אַלצייַנס ניט באַפרידיקט.

די רעסטאַווראַציע

אינ 1658 יאָר איז קראָמוועל געשטאָרבנ. די מאַכט איז געבליבנ אינ די הענט פונעמ אָפיצערישנ אויבערשיכט. אי די בורזשואַזיע אי דער אדל האָבנ איצט ניט געזענ קיינ אַנדער אויסוועג, ווי נאָר אופשטעלנ די מאָנאַרכיע, האָנ באַוויזנ זיכ אפ דער סצענע דער זונ פונעמ געקעפּטנ קיניג — קאַרל II סטיואַרט. אינ 1600 יאָר האָט זיכ צונויפגעזאַמלט דער פּאַרלאַמענט, אופגעשטעלט די אַלטע קאָנסטיטוציע אונ פּראָקלאַמירט קאַרל II פאַר אַנ ענגלישנ קיניג. דערבײַ איז קאַרל II געווענ געצוווּנגענ צו געבנ אַ ריי גאַראַנטיעס די קלאַסנ, וואָס האָבנ אימ אוועקגעשטעלט בא דער מאַכט. ער האָט פײַערלעכ צוגעזאָגט איבערצולאָזנ פאַר די נײַע אייגנטימער די ערד, וואָס איז אויספאַרקויפט געוואָרנ בײַמ דער רעוואָליוציע, אָפּהיטנ די קאָנסטיטוציע אונ די רעליגיעזע טאָלעראַנצ, געבנ אַמניסטיע אונ אויסצאָלנ דער אַרמיי דעמ ניט-אויסגעצאָלטנ געהאַלט.

די ענגלישע רעפּובליק איז פאַרביטנ געוואָרנ אפ אַ מאָנאַרכיע. אָבער דאָס האָט ניט באַטײַט, אַז ס'איז ווידער אופגעשטעלט געוואָרנ די פעאָדאַלע אָרדענונג.

דער קאַמפ קעגנ דער ערד-„אָפּצאַמונג" האָט זיכ שוינ מער ניט באַנײַט, די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישנ האָבנ זיכ ווײַטער פאַרשפּרייט אפ אַלע געביטנ פונ דער ווירטשאַפט. באַזונדערס ווײַזט זיכ דאָס אַרויס אינ דעמ שנעלנ וווּקס פונ די קאַפּיטאַלנ. די עקאָנאָמיסטנ פונ יענער צײַט האָבנ אויסגערעכנט, אַז דער יערלעכער צוווּקס פונ ענגלאַנדס נאַציאָנאַלנ רײַכטומ אינ דער צווייטער העלפט פונ XVII יאָרהונדערט פלעגט באַטרעפנ אַנערעכ 2 מיליאָנ פונט סטערלינג (בא 20 מיליאָנ רובל גאָלד). לויט יענער צײַט נאָכ איז דאָס געווענ אַ קאָלאָסאַלע סומע. די באַרײַכערונג פונ דער בורזשואַזיע אינ פונעמ אדל גייט איצט מיט אַנ אויסערגעוויינלעכער שנעלקײַט, די דאָזיקע באַרײַכערונג באַזירט זיכ אפ דער פאַראָרעמונג פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ, אפ דער פּראָלעטאַריזאַציע פונעמ פּויערטומ, אפ קאָלאָניאַלנ רויב, אפ דער אָנראַכמאָנעסדיקער עקספּלואַטאַציע פונ דעמ אופקומענדיקנ אינדוסטריעלנ פּראָלעטאַריאַט אונ פונ די קוסטאַרנ, וואָס האַלטנ שוינ איצט בא פאַרלירנ ענדגילטיק זייער עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקײַט.

זייער אַ גרויסער כיילעק פונ די אָנגעזאַמלטע רײַכטימער איז אָנגערויבט געוואָרנ אינ די קאָלאָניעס. באַזונדערס מיט דער הילפ פונ שקלאַפנ-האַנדל. בלויז דער האַנדל מיט אָסט-אינדיע פלעגט געבנ ניט ווייניקער פונ 600 טויזנט פונט סטערלינג יערלעכע האַכנאָסע. גרויסע רעוואָכימ האָט אָנגעהויבנ אַרײַנברענגענ די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע, דאָ איז, ווי פריִער, אפנ ערשטנ אָרט געשטאַנענ די פּראָדוקציע פונ געוואַנט; אינ יענע יאָרנ פלעגט דער יערלעכער אַרויספיר פונ געוואַנט באַטרעפנ אַנערעכ 2 מיליאָנ פונט סטערלינג. גרויסע האַכנאָסעס פלעגט געבנ אויכ די לאַנדווירטשאַפט: ספּעציעלע טווע-געזעצנ האָבנ אײַנגעשטעלט די פרײַהײַט אַרויסצופירנ ענגלישע טווע אונ האָבנ באַשטײַערט מיט גרויסע צאָלנ די אַרײַנגעפירטע טווע. דאָס זעלבע איז אויכ געווענ מיט פלייש אונ מיט פי. די

פרײַזנ אפ פראָדוקטנ שטײַגנ זייער שטארק. דערפונ לײַדנ אומגעהייער די פראָלעטארישע גרופעס געברויכער אונ עס ווערנ רײַכ די ערדבאַזיצער. זייער רײַכטומ וואקסט אי פונ די ווײַטערדיקע „אָפּצאמונגענ" אי פונ די פארשיידענע באַגרענעצונג-געזעצנ, וואָס זײַנענ געווענדט קעגנ די לאנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער. עס איז, צומבײַשפּיל, ארויסגעגעבנ געוואָרנ א ספּעציעלער געזעצ וועגנ באַזעסנקײַט, וואָס האָט זייער שטארק באַגרענעצט די באַוועגונג-פרײַהײַט פונ די לאנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער אונ וואָס האָט דערמיט אלײנ פארגרינגערט די פריציִמ צו עקספּלואַטירנ די דאָזיקע ארבעטער.

אזוי האָבנ זיכ די קאַפּיטאליסטישע פארהעלטענישנ אנטוויקלט אלצ ווײַטער, אָבער די פעאָדאלע רעאקציע האָט זיכ געלאָזט פילנ אפ דער אויבערפלאַכ אונ איז ניט דורכגעדרונגענ אינ דער טיפ פונ געזעלשאַפטלעכנ לעבנ. צומ הויפ דערנעענטערנ זיכ די רעאקציאָנערע פעאָדאלע טוער. זיי פארנעמענ וויכטיקע מעלוכע-פּאָסטנס. עס הייבט אָנ ווידער אופצושטעלנ זײַנ ווירקונג דער קאַטאָליציזמ. דער קיניג פירט אינטריגעס אינ אויסלאנד, שאַפט זיכ הינטערקוליס-פארבינדונגענ מיט פראנקרײַכ. דאָס רעגט זייער שטארק אופ די האנדל-אינדוסטריעלע קרײַזנ פונ ענגלאנד, ווײַל, אחוצ אלצ, איז פראנקרײַכ אינ יענער צײַט געווענ א געפערלעכער קאָנקורענט פארנ ענגלישנ אויסערנ-האנדל.

אינ די רייענ פונ דער בורזשואַזיע וואקסט ווידער די אומצופרידנקײַט. האָגאָמ די קיניגלעכע מאַכט איז שוינ געווענ באַגרענעצט דורכנ פארלאַמענט, וואָס האָט געקאָנט, צומבײַשפּיל, פאָדערנ די דעמיסיע פונ די אומבאַליבטע מיניסטאָרנ, האָגאָמ עס האָט עקזיסטירט א ספּעציעלער געזעצ* וועגנ די פערזענלעכע רעכט פונ די ענגלישע בירגער, אָבער די בורזשואַזיע האָט זיכ געוואָלט דערשלאָגנ א מער אנטשיידנדיקע באַגרענעצונג פונ דער קיניגלעכער מאַכט. ניט צופרידנ זײַנענ געווענ מיט דעמ אופלעבנדיקנ קיניגלעכנ אַבסאָליוטיזמ אויכ א סאַכ ערד-באַזיצער. עס אנטשטייט ווידער א קאַמפּ צווישנ די אָנהענגער פונ דער קיניגלעכער מאַכט אונ אירע קעגנער.

די „טאָריס" אונ די „וויגיס"

די קעגנזעצלעכע צדאָדימ האָבנ גערופנ איינער דעמ אנדערנ „טאָריס" אונ „וויגיס". די דאָזיקע צעטיילונג איז געווענ דער אָנהייב פאר דער שאַפונג פונ די צוויי גרויסע פּאָליטישע פארטייענ, וואָס האָבנ זיכ פארוואנדלט אינ דער ק אָ נ ס ע ר וו א ט י וו ע ר אונ ל י ב ע ר א ל ע ר פארטייענ, וועלכע עקזיסטירנ נאָכ ביז הײַנטיקנ טאָג. די טאָריס

* דער אזויגערופענער „האבעאס קאָרפּוס אקט" („Habeas corpus act"). דער טאָכ פונעמ דאָזיקנ געזעצ באַשטייט דערינ, וואָס יעטווידער ארעסטירטער האָט דאָס רעכט צו פאָדערנ, מע זאָל אָדער טייקעפּ פאנאנדערקלײַבנ זײַנ איניענ אינ געריכט, אָדער מע זאָל אימ באַפרײַענ אונטער א געלט-מאַשקנ אונ א גאַראַנטיע. ניט געקוקט אפ די געוויסע אויסנאמענ, וואָס האָבנ פארשמעלערט זײַנ ווירקונג, האָט דער דאָזיקער געזעצ דאָכ באַגרענעצט דעמ אדמיניסטראַטיווענ ווילקיר. דער „האבעאס קאָרפּוס" פארמאָגט א געזעצלעכע קראַפט אויכ ביז הײַנטיקנ טאָג אונ ווערט שטארק רעקלאַמירט דורכ דער בורזשואַזיע אלס מוסטער פונ גאַראַנטירנ אומבארירלעכקײַט פונ דער פערזענלעכקײַט אינ דער בורזשואַזער מעלוכע. פאַקטיש אָבער גיבנ די אויסנאַמ-פונקטנ, וואָס זײַנענ פאראנ אינ געזעצ, א מעגלעכקײַט דער רעגירונג שטענדיק צו פאראליזירנ זײַנ קראַפט, ווענ עס האנדלט זיכ וועגנ „פארברעכער" — רעוואָלוציאָנערנ אונ, באַזונדערס, בא הײַנטיקנ טאָג, וועגנ קאָמוניסטנ.

האָבנ אויסגעדריקט די אינטערעסנ, הויפּטזאַכלעכ, פונ דעמ גרויסנ ערדבאַזיצ, וואָס איז פאַרהעלטענישמעסיק שוואַכ אַרײַנגעצויגנ אינ די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישנ. זיי זײַנענ געשטאַנענ פאַר א קיניגלעכער איבערמאַכט. די וויגיס זײַנענ געווענ פאָרשטייער פונ די באַנקירנ, גרויסע סאָכריִמ, פונ די פאַרבורזשואַזעוועטע גרויסע ערדבאַזיצער. זיי האָבנ זיכ געוואָלט דערשלאָגנ, אַז ס'זאָל פאַרגרעסערט ווערנ די באַדײַטונג פונעמ פּאַרלאַמענט אונ אַז דעמ קיניגס מאַכט זאָל ווײַטער באַגרענעצט ווערנ. זיי האָבנ אָנגעהויבנ אַלצ אַקטיווער אַרויסצוטרעטנ מיט זייערע פאָדערונגענ. עס האָט זיכ אויכ אָנגעהויבנ א רעוואָלוציאָנערע יוירונג אינ די מאַסנ. ביידע — אי די טאָריס אי די וויגיס, האָבנ מוירע געהאַט, עס זאָל זיכ ניט איבערכאַזערנ די רעוואָלוציע אונ דער בירגער־קריג. דעריבער האָבנ זיי אינ דער אַנטשיידענער מינוט באַשלאָסנ, אַז עס לוינט בעסער אָפּצוזאָגנ זיכ צו שטיצנ די סטיוּאַרטנ.

די איבערקערעניש פונ 1688 יאָר

אינ 1688 יאָר זײַנענ ביידע פּאַרטייענ געקומענ צו אַנ אויסגלײַכ. עס איז באַשלאָסנ געוואָרנ אַוועקצוזעצנ אָפּנ טראָנ א נײַעמ, א מער צוגעפּאַסטנ קיניג — ווילהעלמ (אוילִיאַמ), דעמ אָראַנגער, וואָס האָט אונטערגעשריבנ א „דעקלאַראַציע“ אונ א „ביל (געזעצ) וועגנ רעכט“. די דאָזיקע דאָקומענטנ האָבנ פּאַקטיש דערפירט דעמ קיניגס ראָליע צו א נול, פאַרוואַנדלט אימ אינ א שירמע, הינטער וועלכער עס האָבנ פרײַ געקאָנט באַלעבאַטעווענ די עכטע הערשער פונ לאַנד — די פאָרשטייער פונ דעמ גרויסנ ערדבאַזיצ אונ פונ דער ניט ווייניקער גרויסער בורזשואַזיע. באַמ קיניג איז אָפּגענומענ געוואָרנ דאָס רעכט אָפּצושאַפנ די פונקציאָנירונג פונ א געזעצ. עס איז נאָכאַמאָל קאַטעגאָריש באַשטעטיקט געוואָרנ דאָס אויסשליסלעכע רעכט פונ פּאַרלאַמענט אײַנצושטעלנ שטײַערנ. עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרנ די פרײַהײַט פונ וואָרט פאַר די דעפּוטאַטנ אונ דאָס רעכט צו דערלאַנגענ אינ פּאַרלאַמענט פּעטיציעס. ס'איז אַרויסגעלאָזנ געוואָרנ א ספּעציעלער געזעצ, וואָס האָט געגעבנ פרײַהײַט פונ רעליגיע די פּערזאָנענ אונ סעקטעס, וואָס געהערנ ניט צו דער הערשנדיקער אַנגליקאַנישער קירכע.

אַזאַ טיפּ מעלוכע־אָרדענונג, ווענ די קיניגלעכע מאַכט איז באַגרענעצט מיט א פּאַרלאַמענט, ווערט אָנגערופנ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע.

אַזוי האָבנ די געשעענישנ פונ 1688 יאָר פאַרפעסטיקט דעמ פונדאַמענט פונ דער נײַער בורזשואַזער פּאַרלאַמענטישער אָרדענונג אינ ענגלאַנד. דאָס איז געווענ א בלאָק פונ דעמ אונטערנעמערישנ אַדל מיט דער גרויסער בורזשואַזיע. ווי מאַרקס זאָגט, האָט די איבערקערעניש פונ 1688 יאָר „צוזאַמענ מיט ווילהעלמענ אַוועקגעשטעלט בײַ דער מאַכט די פּראָפיט־כאַפּער פונ די ערדבאַזיצער אונ קאַפּיטאַליסטנ“.

פראַגעס:

אינ וואָס פאַר א אינערלעכער אונ צווישנפעלקערלעכער לאַגע האָט זיכ געפונענ ענגלאַנד אינעמ מאָמענט, ווע ס'איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ די רעפּובליק?

וואָס פאַר א טאַקטיק אונ פּראָגראַמ האָבנ געהאַט די דיגערס?

צוליב וועלכע סיבעס איז פאָרגעקומענ די אופשטעלונג פונ דער מאָנאַרכיע?

אינ וואָס האָט זיכ אויסגעדריקט די פעאָדאַלע רעאַקציע, וואָס האָט זיכ אָנגע-הויבנ נאָכ דער אופשטעלונג פונ דער מאָנאַרכיע?
וואָס איז געווענ דער אונטערשייד צווישנ די וויגיס אונ די טאָרים?
וואָס פאַר א מעלוכישע אָרדענונג רופט מענ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע?

קאפיטל XVI

די מאָסקווער זעלבסטהערשונג אין XVI יאָרהונדערט

43. דער וווקס פון דער סכוירעדיקער ווירטשאפט אין XVI יאָרהונדערט

דער וווקס פון דער געזעלשאפטלעכער ארבעט-צעטיילונג אין XVI יאָר-הונדערט

שוינ אינ די פאָרגייענדיקע יאָרהונדערטער פונ דער רוסישער געשיכטע האָט זיכ די האַנטווערקערײַ ביסלעכווײַז אָנגעהויבנ אָפּצוטיילנ פונ דער לאַנדווירטשאַפט. אינ XVI יאָרהונדערט איז דער דאָזיקער פּראָצעס פאָרגעזעצט געוואָרנ. עמעס, די שטאָטישע האַנטווערקערײַ האָט זיכ, ווי פריִער, אַנטוויקלט גאַנצ לאַנגזאַם. בלויז אינ געציילטע שטעט האָבנ זיכ געהאַט געשאַפנ באַדײַטנדיקע האַנטווערקערישע סלאָבאָדעס (פאָרשטעט). אָבער די דאָר-פישע געווערבנ האָבנ זיכ באַדײַטנדיק א רוק געטאָנ פאָרויס. אַזוי, האָט זיכ אינ ראַיאָנ פונ דער אויבער-וואָלגע אויסגעטיילט א ריי דערפער מיט האָלצבאַארבעטונג-געווערבנ, וואָס זייערע אויסאַרבעטונגענ פלעגנ אָפּגעזעצט ווערנ אַפ ווײַטע מערק. עס האָט זיכ אויכ אַנטוויקלט די לאַנדווירטשאַפט, ווײַל עס האָט אָנגעהויבנ צו וואַקסנ דער נאָכפרעג אַפ אירע פּראָדוקטנ. עס האָט זיכ פאַרגרעסערט דער אַל-געמיינער פאַרזיי-שעטעכ אַפּנ כעזשבנ פונ אופאַקערנ נײַע ערדנ. אינ די סאַמע געדיכט-באַפעלקערטע ראַיאָנענ האָט מענ אָנגעהויבנ אריבערצוגיינ פונ דער אונטער-האַקראַונ פאַרלאָז-סיסטעם פונ ערדאַרבעט צו דער דרײַפעלדער-סיסטעם. אַפ דער באַזע פונ דער אַנטוויקלונג פונ די געווערבנ אונ פונ דער לאַנדווירטשאַפט ווערט פאַרשטאַרקט דער אויסטויש. דער אַנטוויקלונג פונ דעמ אויסטויש האָט מיטגע-האָלפנ די פּאָליטישע פאַראייניקונג פונ די רוסישע ערדנ אונטער דער מאַכט פונ מאָסקווע. די דאָזיקע פאַראייניקונג האָט פאַרגרינגערט די אַנטוויקלונג פונעמ האַנדל צווישנ באַזונדערע געגנטנ. פונ סאָפ XV יאָרהונדערט ווערט אינ דער מאָסקווער מעלוכע אײַנגעשטעלט א אײַנהײַטלעכע געלט-סיסטעם (דער גרונט-איינס איז געוואָרנ דער מאָסקווער רובל). בא די באַזונדערע פירשטנ איז אָפּגענומענ געוואָרנ דאָס רעכט ארויסצולאָזנ אייגנ געלט.

קעדיי צו געבנ אַנ אַלגעמיינ בילד פונ דער מאָסקווער ווירטשאַפט, איז בעסער פונ אַלצ אויסהערנ, וואָס דערציילנ די אויסלענדער, וועלכע פלעגנ, אָנהייבנדיק פונ XVI יאָרהונדערט, זיכ באַמיִענ ארײַנדרינגענ אינ מאָסקווער מעלוכע, זוכנדיק נײַע סכוירעס אונ נײַע מערק.

די שטעט אונ די יארידנ אינ XVI יאָרהונדערט

אינמיטנ XVI יאָרהונדערט האָט איינע אַנ ענגלישע האנדל-קאָמפּאַניע, זוכנדיק נײַע וועגנ קיינ אינדיע אונ קיינ כינע, אַרויסגעשיקט דרײַ שיפנ אינ צאָפנ-אָקעאַנ, וועלנדיק אַרומ-גיינ אַזיע פונ צאָפנ. צוויי פונ די דאָזיקע שיפנ זײַנענ אומ-געקומענ אינ דעמ צאָפנדיקנ אײַז. די דריטע שיפ איז פאַרטראָגנ געוואָרנ צו דער לעפצונג פונ צאָפנ-דווינע. דער קאַפּיטאַנ פונ דער דאָזיקער שיפ (טשענסלער) האָט זיכ דורכגעשלאָגנ ביז מאָסקווע, איז דאָ אופגענומענ געוואָרנ פונעמ צאַר אונ האָט באַקומענ אַ ספּעציעלע גראַמעטע פונ אימ (איוואַנ דעמ גרויזאַמענ), וואָס האָט דערלויבט די ענגלענדער צו פירנ אַ פרײַענ האנדל אינ מאָסקווער מעלוכע.

אינ זײַנ באַריכט וועגנ דער רייזע האָט טשענסלער געשריבנ: „רוסלאַנד איז אַ לאַנד, וואָס איז רײַכ מיט ערד אונ מיט באַפעלקערונג. צווישנ דער באַפעלקערונג איז פאַ-ראַנ זייער אַ סאַכ פישער, וואָס כאַפּנ לאַקס (סיאָמגא) אונ שטאָקפיש (טרעסקא), בא זיי איז אויכ דאָ זייער אַ סאַכ פישטראַנ, וואָס דעמ גרעסטנ סכומ דערפונ באַקומט מענ אַרומ בא דעמ טײַכ דווינע. אינ די צאָפנ-טיילנ פונ דעמ דאָזיקנ לאַנד איז פאַראַנ אַנ אָרט, וו מע כאַפּט פוטער-בהמעס: סויבלענ, מאַודערס, גרויע בערנ, פוקסנ, ווײַסע, שוואַרצע אונ רויטע ווידרעס, הערמעלינעס, וועווערקעס אונ הירשנ; דאָרט באַקומט מענ אויכ שטומ-ציינער פונ פיש, וואָס הייסנ יאַמ-פערד. די יעגער נאָכ די דאָזיקע אַלע בהמעס ברענגענ צו פירנ אַפ הירשנ זייער פאַנג אינ כאָלמאָגאָרי, וו עס קומט פאָר אינ ניקאָלע-טאָג אַ גרויסער יאַריד. צו מיזרעכ-צו געפינט זיכ די שטאָט נאָווגאָראָד, אַרומ וועלכער עס וואַקסנ אויסגעצייכנטער לײַנ, קאַנאָפּליע, ס'איז אויכ פאַראַנ זייער אַ סאַכ וואַקס אונ האָניק. אינ נאָווגאָראָד איז פאַראַנ זייער אַ סאַכ לעדער, ווי אויכ אינ דער שטאָט פּסקאָוו, וואָס אינ איר אומגעגנט איז פאַראַנ אַ שעפע מיט לײַנ, וואַקס, קאַנאָפּליע אונ האָניק. דאָ געפינט זיכ נאָכ אויכ אַ שטאָט וואָלאָגדע. אירע האנדל-אַרטיקלענ זײַנענ שמאַלצ, וואַקס אונ לײַנ, אָבער ניט אַזוי פיל, ווי אינ נאָווגאָראָד. כאָלמאָגאָרי באַזאָרגט נאָווגאָראָד, וואָלאָגדע אונ מאָסקווע צוזאַמענ מיט אַלע אַרומיקע געגנטנ מיט זאַלצ אונ געזאַלצענע פיש. פונ וואָלאָגדע ביז יאַראָסלאַוול איז 200 מײַל. יאַראָסלאַוול איז זייער אַ גרויסע שטאָט. דאָ געפינט זיכ לעדער, שמאַלצ, אַ שעפע מיט ברויט, ס'איז דאָ אויכ פאַראַנ וואַקס, אָבער ניט אַזוי פיל, ווי אינ אַנדערע ערטער".

טשענסלערס דערציילונג באַווײַזט, אַז אינ רוסלאַנד איז אינ יענער צײַט געווענ באַדײַטנדיק אַנטוויקלט דער האנדל. עס זײַנענ אויסגעוואַקסנ גרויסע שטעט, וואָס האָבנ געפירט אַ גרויסנ האנדל.

ניט קיינ ווייניקער באַדײַטנדיקע ראָליע אינ דעמ האנדל האָבנ געשפּילט די יאַרידנ. וועגנ איינעמ אַ יאַריד (אינ כאָלאָפּי פּאָסאַד, אַפ מאָלאָגע) דערציילט אַ דײַטשישער רײַזנדער פונ XVI יאָרהונדערט, אַז דאָרט „פלעגט דער האנדל גע-ווײַנלעכ פאָרקומענ אַ קײַלעכדיק יאָר; דאָרט פלעגנ זיכ טרעפנ: טערקנ, פּערסנ, אַרמענער, בוכאַרער, שעמאַכאַנער, קיזילבאַשנ (פּערסנ), סיבירער, טשערקעסנ, דײַטשישע אונ פוילישע האנדל-לײַט. פונ 70 רוסישע שטעט זײַנענ געווענ צוגע-שריבנ האנדל-לײַט צו דעמ דאָזיקנ יאַריד אונ האָבנ באַדאַרפט קומענ אַפ אימ".

דער וווקס פונ דעמ אויסערלעכנ האנדל

בײַדע דאָקומענטנ, וואָס ווערנ דאָ אויבנ געבראַכט, זאָגנ איי-דעס, אַז אינ רוסלאַנד איז אויסגעוואַקסנ ניט נאָר דער אינער-לעכער, נאָר אויכ דער אויסערלעכער האנדל סײַ מיטנ מיזרעכ סײַ אויכ מיטנ מיזרעכ. דער קרײַז האנדל-פאַרבינדונגענ פונ דער מאָסקווער מעלוכע איז שוינ אינ XVI יאָרהונדערט אַ גאַנצ באַדײַטנדיקער.

די מאָסקווער כראָניקעס זײַנען פול מיט מיטיילונגען וועגנ דעמ, אז אינ מאָסקווע קומענ צו פאָרנ אויסלענדישע געזאנדטע אונ „געסט" (אויסלענדישע סאָכרימ), פונ שעמאכע (אפּ קאווקאז), פונ בוכארע, פונ סאמארקאנד אונ פונ כיווע שיקט מענ דעמ מאָסקווער הערשער באקאָשעס, „גראמעטעס" וועגנ שליסנ האנדל־אָפּמאכנ. אונ דער מאָסקווער הערשער, פונ זײַנ זײַט, שיקט גראמעטעס אונ געזאנדטע אי אפּ מיזרעכ אי אפּ דאָרעמ אי אפּ מײַרעוו אי צומ כיווער כאנ אי אינ צארגראד (קאָנסטאנטינאָפּאָל), אונ אמאָל אויכ אינ אנטווערפּנ אָדער אינ ענגלאנד.

שוינ גאָר צומ סאָפּ XVI יאָרהונדערט זײַנענ אינ דער מאָסקווער מעלוכע ארײַנגעדרונגענ אויכ האָלענדישע סאָכרימ, וואָס זײַנענ דאָ אינ XVII יאָרהונדערט געוואָרנ די הויפּט־קאָנקורענטנ פונ די ענגלענדער.

וווקס פונעם סאָכרימטום

די אנטוויקלונג פונ דעמ האנדל אפנ ברייטנ מארק האָט דאָ, פונקט ווי אינ מײַרעוו, געבראכט דערצו, אז די קליינע פּראָדוצירער אונ הענדלער זײַנענ געוואָרנ אָפּהענגיק פונ דעמ אופקויפער. אינ די גרויסע שטעט האָט זיכ איבער דער מאסע האנטווערקער אונ קליינהענדלער גענומענ דערהייבנ א שיכט רײַכע סאָכרימ. אָפּהענגיק פונ די סאָכרימ ווערט אויכ די דאָרפישע האנטווערקערײַ.

אינ דער ראָליע פונ אופקויפער פלעגנ ארויסטרעטנ ניט נאָר סאָכרימ. אויכ די פעאָדאלנ, די וועלטלעכע אונ, דערהויפּט, די גײַסטלעכע, פלעגנ זיכ דערמיט באשעפטיקנ. איוואנ דעמ גרויזאמענס גײַסטלעכער, פּראָטאָפּאָפּ ס י ל ו ע ס ט ע ר, איז געווענ א גרויסער אופקויפער. וואָס פאר אימ האָבנ געארבעט זייער פיל האנטווערקער „מאָלער פונ הייליקע בילדער, ביכער־שרײַבער, יוועלירנ, שמידנ, טעסלער, מוליערס, ציגל־מאכער אונ קאָלערליי אנדערע באלמעלאָכעס". דער אונטערנעמערישער פּראָטאָפּאָפּ פלעגט זיי קרעדיטירנ, אונ זיי פלעגנ זיכ מיט אימ צעצאָלנ מיט פארטיקע פאבריקאטנ אָדער מיט זייער ארבעט.

דער אײַנפלוס פונ דער געלט־ווירטשאפט אפנ דאָרפ

אינ XVI יאָרהונדערט (באזונדערס אינ דער צווייטער העלפט זײַנער) קומענ פאָר זייער גרויסע ענדערונגענ אינ דער לאנדווירטשאפט. א געוויסער טייל לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ ווערט פארוואנדלט אינ סכוירעס. עס שאפט זיכ א נאָכפרעג אפ זיי אי אפנ אינערלעכנ אי אפנ אויסערלעכנ מארק. דער אינערלעכער מארק — די וואקסנדיקע באפעלקערונג פונ די שטעט — פאָדערט אלצ א גרעסערע צאָל דערנערונג־פּראָדוקטנ, א באזונדערס גרויסער אָפּזאצ־מארק איז געוואָרנ מאָסקווע. דער ענגלענדער טשענסלער דערציילט, אז אינדערפרי פלעגט מענ קאָנענ טרעפנ א 700—800 שליטנס, וואָס פירנ קיינ מאָסקווע ברויט אונ פיש. אפנ אויסערלעכנ מארק איז געווענ א נאָכפרעג אפ לײַנ, האנפּ, שמאלצ אונ לעדער, וואָס דאָס זײַנענ געווענ די הויפּט־ארטיקלענ פונעמ רוסישנ סכוירע־ארויספיר.

די דערפאָלגנ פונ דער סכוירע־אונ געלט־ווירטשאפט אינ לאנד רופנ זיכ אָפּ אפ דעמ איבערגאנג פונ נאטורעלנ טשינש צו געלטיקנ. אינ די אקטנ־ביכער („פּיסצאָווע") * קאָנ מענ אלצ אָפטער אונ אָפטער טרעפנ אזעלכע נאָטירונגענ: „אונ

* „פּיסצאָווע" ביכער האָבנ געהייסנ די ווירטשאפטלעכע אקטנ וועגנ די גיטער, וואָס עס פלעגט צוזאמענשטעלנ די רעגירונג.

געפעלט ניט קיינ קעז — איז פאר קעז 2 רענגעס", אדער: „געפעלט ניט קיינ ברויט — איז נעמענ פאר ברויט 4 דענגעס" * (פארשטייט זיכ, וועגנ דעמ, אז דער נאטורעלער טשינש זאָל האָבנ אינגאנצנ פארשוווּנדנ, קאָנ קיינ רייד ניט זײַנ).

נאָכ מער וויכטיק איז געווענ אנ אנדער ענדערונג. דער וואקסנדיקער נאָכפרעג אפ פראָדוקטנ פונ דער לאנדווירטשאפט האָט געשטויסנ דעמ ערד-באזיצער צו פארגרעסערנ זײַנ אייגנ אקער-פעלד. ווי עס איז פריִער געווענ אָנגעוויזנ, איז דער שטעטנ פריצישער אקער-פעלד אינ XV יאָרהונדערט געוויינלעכ געווענ גאנצ אומבאדײַטנדיק, אָבער אינ XVI יאָרהונדערט איז ער שטארק אויסגעוואָקסנ. דער שטעטנ פריצישע פאראקערטע ערד באטרעפט איצט גאנצ אָפט ביז 50 פראָצ. פונ דעמ גאנצנ שטעטנ אקער-ערד. פריִער פונ אנדערע ערדבאזיצער הייבנ אָנ צו פארגרעסערנ דעמ שטעטנ פאראקערטע ערד די מאָנאסטירנ. שטרעבנדיק צו פארברייטערנ זייער אקער-שטעטנ, נעמענ אָפ די פריצימ אונ די מאָנאסטירנ בא די פויערימ א סאכ ערד. וועגנ דעמ, ווי ס'פלעגט פאָרקומענ דאָס פארכאפנ די פויערשע ערד, קאָנ מענ אורטיילנ, צומבײַשפיל, לויט דער אָנקלאָגע פונ די פויערימ פונ איינער א מאָנאסטירישער וואָלאָסט. אינ דער דאָזיקער אָנקלאָגע ווײַזנ די פויערימ אָנ, אז די מאָנאסטירישע מאכט האָט „אָפגענומענ די בעסטע אקער-ערד אונ היי-לאָנקעס אונ האָט זיי באהעפט צו זייער מאָנאסטירישער ערד, אונ בא אייניקע פויערימ האָט מענ אָפגענומענ די דערפער מיטנ ברויט אונ מיטנ היי, א סאכ הויפנ האָט מענ צעבראָכנ אונ ארויסגעפירט פונ די דערפער. איבער אָט דער איהומענישער גוואלדטאט וואָגלענ ארומ צווישנ די הויפנ די פויערימ מיט זייערע פרויענ אונ קינדער".

פראגעס:

פארוואָס ווערט אינ XVI יאָרהונדערט פארשטארקט די געזעלשאפטלעכע ארבעט-צעטיילונג?

מיט וואָס קאָנ מענ דערווײַזנ, אז אינ רוסלאַנד האָט זיכ אינ XVI יאָרהונדערט געשאפנ א נאציִאָנאלער מארק?

מיט וועלכע לענדער האָט מאָסקווע געפירט א האנדל אינ XVI יאָרהונדערט?

ווײַזט אָנ די וויכטיקסטע האנדל-וועגנ.

פארוואָס ווערנ די האנטווערקער אָפהענגיק פונ די אויפקויפער?

פארוואָס וואקסט אינ XVI יאָרהונדערט די פאנשטשינע?

פארוואָס האָט דער נאטורעלער טשינש אָנגעהויבנ אינ XVI יאָרהונדערט פארביטנ ווערנ אפ לײַבגעלט?

אפ וואָס פאר אנ אויפנ פלעגט דער ערדבאזיצ פארגרעסערנ דעמ שטעטנ פריצישע אקערערד?

* ד.ה. אויב דער ערד-אייגנטימער וויל, קאָנ ער פארבײַטנ דעמ נאטורעלנ טשינש (ברויט אָדער קעז) אפ א געלטיקנ.

44. נײַע דעראָבערונגענ. דאָס אײַננעמענ סיביר

דאָס פאַרכאַפּנ מיטל- אונ נידער-וואָלגע

די אינטערעסנ פונ די ערבאזיצער האָבנ געשטויסנ די מאָסקווער מעלוכע צו ווײַטערדיקע דעראָבערונגענ אונ צו קאָלאָניאַלנ רויב. די דעראָבערונגענ פונ די פעאָדאַלנ זײַנענ אויכ אונטערשטיצט געוואָרנ מיצאַד דעמ אופקומענדיקנ סאָכרימטום.

צו זייער גרויסע דערפאָלגנ האָט זיכ מאָסקווע דערשלאָגנ אינ מיזרעכ. די רוסישע פּריצימ טרוימענ וועגנ פאַרכאַפּנ די וואָלגע-געגנטנ (די „גאַניידנדיקע", ווי עס דריקט זיכ אויס איינער א רוסישער פּאָעט פונ XVI יאָרהונדערט). דער האַנדל, וואָס האָט זיכ אַנטוויקלט מיט מיזרעכ, האָט נאָכ מער פאַרשטאַרקט די באַדײַטונג פונ וואָלגע אַלס האַנדל-וועג.

נאָכ לאַנגדויערנדיקע מילכאָמעס איז אײַנגענומענ געוואָרנ קאַזאַנ (1552), אונ אינ פיר יאָר אַרומ — אַסטראַכאַנ. דערנאָכ האָט זיכ אָנגעהויבנ אַנ אָנראַכמאָנעסדיקער קאַמפּ פאַר ענדגילטיק אונטערדריקנ די בײַוואָלגער פעלקערשאַפטנ, די טאָטערנ, די מאַרי, די טשוואַשנ. באַזונדערס אַקשאָנעסדיק האָבנ געקעמפּט קעגנ די רוסנ די מאַרי, וואָס זײַנענ אינ פאַרלויפ פונ 40 יאָר פיל מאָל אופגעשטאַנענ קעגנ דער מאָסקווער רויבערײַ. אָבער די קראַפט איז געווענ אופ דער זײַט פונ די מאָסקווער פעאָדאַלנ. אַכוץ דעמ האָט זיכ די מאָסקווער פאַרכאַפּער אײַנגעגעבנ אויסצונוצנ די רײַסערײַענ צווישנ די „לאָנקעדיקע" אונ „באַרגיקע" מאַרי. דעריבער איז זייער ווידערשטאַנד געבראָכנ געוואָרנ טיילווײַז מיט דער הילפ פונ די אָרטיקע סטאַרשינעס, וואָס מאָסקווע האָט זיי אונטערגעקויפט.

דורכשלאָגנדיק זיכ א וועג צומ קאַספּישנ יאַמ, האָבנ די מאָסקווער פעאָדאַלנ זיכ געפּרוווט א רוק טאָנ אויכ אופ מײַרעוו צומ באַלטישנ יאַמ, קעדיי צו פאַרכאַפּנ די באַלטישע האַפנס. דאָ אָבער האָבנ זיי זיכ אָנגעשטויסנ אופ אַנ אַקשאָנעסדיקנ ווידערשטאַנד מיצאַד די פּוילישע אונ שוועדישע פעאָדאַלנ. עס איז אויסגעקומענ אָפּצוטרעטנ אונ באַנוגענענ זיכ פאַרנ האַנדל מיט מײַרעוו מיט דעמ ווייניקער באַקוועמענ וועג דורכנ ווײַסנ יאַמ, דערפאַר אָבער האָבנ די פאַרכאַפּונגענ געהאַט מער דערפאָלג אופנ מיזרעכ. סאָפ XVI יאָרהונדערט האָבנ זיכ די רוסישע דעראָבערער אַריבערגעוואָרפנ אַפילע אופ יענער זײַט אוראַל, אינ סיביר.

די סטראָגאַנאָווס אופנ אוראַל

פּוטערוואַרג, זילבער אונ אַנדערע נאַטור-רײַכטימער האָבנ געצויגנ צו זיכ די זשעדנע מאָסקווער דעראָבערער, אונ די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט זיי ניט געקאָנט געבנ קיינ ווידערשטאַנד.

די גרעסטע פונ די דאָזיקע אונטערנעמער פונ XVI יאָרהונדערט זײַנענ געווענ די סאָכרימ סטראָגאַנאָווס, וואָס האָבנ פאַרכאַפּט אופנ אוראַל קאָלאָסאַלע ערד-שטעטכנ. איוואַנ דער גרויזאַמער האָט דורכ א גראַמעטע „באַשאָנקענ" גריגאָרי סטראָגאַנאָוונ מיט קאָלאָסאַלע שוואַכבאַפעלקערטע שטיקער לאַנד אופ דער קאַמע. אופ אָט דער ערד האָבנ די סטראָגאַנאָווס אויסגעבויט שטעטלעכ אונ האָבנ גענומענ מיט פאַרשיידענע מיטלענ צוציִענ צו זיכ איבערוואַנדערער, וואָס האָבנ געהאַרפּט אויסהאַקנ דעמ וואַלד, צעאַקערנ פעלדער אאַוו. אָבער מער פונ אַלצ האָבנ זיי זיכ פאַרנומענ מיט אַרויסבאַקומענ זאַלצ פונ די זאַלצ-קוואַלנ. מע

פלעגט ארויסכאפּן דעם וואַלד־ליאַק פונ די ברוגעמס אונ אינ גרויסע קעסלענ אויסקאָכנ דאָס זאַלצ.

די סטראָגאנאָווס האָבנ געהאַט נאָכ א פּאָר באַרעכערונג־קוואַלנ. אינ די בײַקאַ־



דאָס הויז פונ די סטראָגאנאָווס אינ סאָלוויטשעגאָדסק

מער וועלדער האָבנ געוווינט יעגער־שוואָטימ. האָבנ די סטראָגאנאָווס אָנגעהויבנ ארויסצובאקומענ בא זיי קאָסטבארנ פוטערוואַרג.

קעדיי צו האַלטנ די אונטערדריקטע פעלקערשאַפטנ אינ אונטערטעניקייט, האָבנ די סטראָגאנאָווס זיכ אײַנגעשאַפנ מיליטער־אָטריאַדנ, אויסגעבויט פעסטונגען מיט האַרמאַטנ אונ ביקסנ (פישטשאַלנ). *

דאָס אײַנעמענ סיביר

נאָכ פוטערוואַרג פלעגט מענ אָנשפּאַרנ אויכ ביז אפ יענער זײַט אוראַל. קעדיי צו באַהערשנ די סיבירער אָרטנגעבירטיקע באַפעלקערונג, האָבנ די סטראָגאנאָווס אינ 1581 יאָר צונויפגעקליבנ מיליטער־אָטריאַדנ פונ קאָזאַקנ (אונטער י ע ר מ א ק ס קאָמאַנדע). האָבנ זיי געגעבנ פולווער אונ בלײַ, עטלעכע שווערע פישטשאַלנ אונ שפּײַז אפנ גאַנצנ וועג: מעל, גרויפּנ, געשטויסענעמ האָבער, סוכאַרעס.

דער דאָזיקער אָטריאַד איז איבער די שטורמישע אוראַלער טײַכנ אריבערגעגאַנגענ דעם אוראַל. ווײַטער האָט ער צופוס דורכגעמאַכט דעם וועג ביז די בײַטײַכנ פונ אָב אונ האָט דאָ אָנגעהויבנ א קאַמפ מיט דער סיבירער טאָטערישער מעלוכע.

דער ניצאָכנ פונ די קאָזאַקנ (זייער אָטריאַד איז באַשטאַנענ בלויז פונ 800 מאַנ) איבער דעמ צאָלרײַכנ מיליטער פונ דעמ סיבירער כאַנ (ק ו ט ש ו מ) דערקלערט זיכ מיט די זעלבע סיבעס, מיט וואָס עס דערקלערנ זיכ די לײַכטע ניצ־

* פײַער־געווער איז ארײַנגעדרונגענ קיינ מאָסקווע אינ XV יאָרהונדערט.

כוינעם פונ די אייראָפּייער אינ אמעריקע אָנהייב XVI יאָרהונדערט. די קאָזאַקנ, באַוואָפנטע מיט פייער־געווער, פלעגנ צעטרייבנ די גרויסע אָטריאַדנ טאָטערישע פיילשיסער.

אָט אזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ דאָס איינעמענ סיביר.

די קאָלאָניאַלע רויב אינ סיביר

נאָכ דעמ ערשטנ מאַרש איז געקומענ א ריי אנדערע מאַרשנ. אינ XVI יאָרהונדערט האָבנ די אָטריאַדנ אונ באַזונדערע קאָזאַקישע באַנדעס, וואָס זיינענ צוגעשיקט געוואָרנ פונ מאָסקווע, באַהערשט גאַנצ סיביר. מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג פלעגט מענ זיכ באַגיינ אָנ ראַכמאָנעס. טאָמער פלעגט זיכ די אָרטיקע באַפעלקערונג פרוווּנ קעגנשטעלנ, פלעגט מענ זי אויסהאַרגענענ, הענגענ פאַר די פיס, צווינגענ צו קושנ דעמ פאַרבלוטיקטנ שווערד.

די באַזיגטע האָט מענ געצווּנגענ צו צאָלנ „יאַסאַק“ (צינז) מיט פוטערוואַרג: מיט סויבלענ, מאַרדערס, פוקסנ שוואַרצע אונ ווייסע, הערמעלינענ, ביבערס. דער דורכשניטלעכער באַטרעפ פונ דעמ יאַסאַק איז געווענ אזא: 10 סויבלענ פונ א באַווייבטנ אונ 5 פונ א באָכער (סויבלענ זיינענ אינ סיביר געוואָרנ געלט). אכוצ טשינש דעמ צאַר איז נאָכ אויסגעקומענ צו צאָלנ דעמ גאַלעכ פאַר פאַרשיידענע רעליגיעזע צערעמאָניעס (פאַר טויפנ — 10 אָדער 15 וועווערקעס, פאַר א כאַסענע — 2 סויבלענ). די אָרטיקע באַפעלקערונג פלעגט זיכ טאַקע אויסדריקנ: „מיר צאָלנ צוויי יאַסאַקנ — איינעמ דעמ וואָיעוואָדע, דעמ צווייטנ — דעמ פאָפ“.

די סאָכרימ, וואָס זיינענ געקומענ אינ סיביר באַלד נאָכ די דעראָבערער, האָבנ דאָרט געפירט א רויבערישנ האַנדל. גאַנצ אָפט פלעגנ די רויבער פאַרכאַפּנ ניט בלויז דאָס פאַרמעגנ, נאָר אויכ די מענטשנ גופע אונ פלעגנ זיי פאַרוואַנדלענ אינ שקלאַפנ. אינ יאַקוטסק האָט זיכ אפילע געשאַפנ א שטענדיקער שקלאַפנ־מאַרק. דער באַוווּסטער דעראָבערער פונ מיזרעכ־סיביר כ א ב א ר א ו (מיט זיינ נאָמענ איז אָנגערופנ די שטאָט כאַבאַראָווסק) האָט בייס זיינ אָנפאַל אפ די טונגוסנ מיטגענומענ פונ דאָרטנ עטלעכע הונדערט שקלאַפנ.

סיביר איז פאַר מאָסקווע געוואָרנ א קוואַל פונ באַרייכערונג. אינ סיביר פלעגט מענ מאַכנ קאָלאָסאַלע פאַרמעגנס מיט א לעגענדאַרער שנעלקייט. איינער א מאָסקווער באַאַמטער, אָפּפאָרנדיק אינ אַנ אמטלעכער רייזע קיינ סיביר, האָט מיטגענומענ אינ וועג 4 פאַס וויינ אונ א בראָנפנ־אַפּאַראַט (קעדיי צו פאַרשיקערנ די באַפעלקערונג), אונ אינ מאָסקווע האָט ער זיכ אומגעקערט מיט פוטערוואַרג אפ א סומע אַנערעכ פונ 50 טויזנט רובל.

פראַגעס:

פאַר וועלכע קלאַסנ פונ דער מאָסקווער באַפעלקערונג איז נייטיק געווענ די דעראָבערונג פונ נייע לענדער?

ווי איז דעראָבערט געוואָרנ מיטל־אונ נידער־וואָלגע?

ווי האָבנ די סטראָגאַנאָווס געפירט זייער ווירטשאַפט אפנ אוראַל?

פאַרוואָס האָט זיכ איינגעגעבנ אזוי שנעל איינצונעמענ סיביר?

45. דער קאמפ פאר ערד אונ פאר מאכט צווישנ די אדעליקע אונ באָיארנ

דער מאָנאסטירישער ערד־באזיץ

די אנטוויקלונג פונ דער סכוירעדיקער ווירטשאפט האָט זיכ אָפּגערופנ אפ דער לאגע פונ פארשיידענע גרופּעס רוסישע פעאָדאלנ. בעסער פונ אלעמענ האָבנ זיכ צו די נײַע באדינגונגענ צוגעפּאסט די מאָנאסטירנ.

די מאָנאסטירנ האָבנ פריִער פונ אנדערע ערדבאזיצער אָנגעהויבנ ברייט אָנ־צווענדנ בא זיכ פּאנשטשינע. די מאָנאסטירנ האָבנ גענומענ א טעטיקנ אָנ־



קירילאָ־בעלאָזערער מאָנאסטיר

טייל אינ האנדל. ווי אויסלענדער רופנ זיכ אָפּ, זײַנענ „די מאָנאכנ די סאמע פלינקע סאָחרימ אינ דער גאנצער מעלוכע אונ זייִ האנדלענ מיט קאָלערליי סכוי־רעס". דער טראָיִצע־סערגיִעווער מאָנאסטיר פלעגט אָפּשיקנ קייִנ מאָסקווע גאנצע אָבאָזנ ברויט. דער סאָלאָוועצער מאָנאסטיר פלעגט יערלעכ פארקויפנ ביז 130 טויזנט פוד זאלצ. מיטנ זאלצ־האנדל האָט זיכ שטארק פארנומענ נאָכ אייִנער א גרויסער מאָנאסטיר — דער קיריל־בעלאָזערער. ער האָט געפירט א האנדל מיט זאלצ „אי אפ דער דווינע אי אפ טווער אי אפ טאָרזשאָק אי אפ אוגליטש אי אפ קימרי אי אפ ראָסטאָוו אי אפ קינעשמע, אי אפ וואָלאָגדע אי אפ בעלאָזע־רע מיט די פאָרשטעט: ווו זאלצ איז טײַערער, דאָרטנ פארקויפט מענ עס".

ענדלעכ, זײַנענ די מאָנאסטירנ אינ XVI יאָרהונדערט געוואָרנ די גרעסטע

„באנקירנ“, פונ דער לאנדווירטשאפט אונ פונעמ האנדל פלעגנ זיי באקומענ קאָלאָ־סאלע האכנאָסעס. אחוץ דעמ פלעגנ זיי זייער פיל מיטלענ ארויסבאקומענ פונעמ עקספּלואטירנ דעמ אָבערגלויבנ אונ די פינצטערקייט פונ דער באפעלקערונג. די פארשיידענע געלט-געשאנקענ אפ „האזקארעס-נעשאָמעס“ אונ קאָלערליי אנדערע מאטאָנעס פלעגנ רייכ מאכנ די מאָנאכנ. די אנגעזאמלטע מיטלענ פלעגנ די מאָנאכנ אָפּגעבנ אפ פראָצענט. צווישנ די מאָנאסטירישע באלכויועס טרעפנ מיר



דינסטלייט

ניט נאָר פויערימ: אפילע די אלטע מאָסקווער אריסטאָקראטיע איז געווענ פארפענ־טעט אינ דער כויוועס-נעץ פונ די „באשיידענע מאָנאכנ“.

פארבליבנדיק א גרויסע פעאָדאלע ערדבאזיצערנ, איז די קירכע אינ דער זעלבער צייט אויכ געווענ א גרויסע הענדלערנ אונ פראָצענטניצע, א „זילבער-פרע־סערנ“, ווי מע פלעגט זי דאנ אויסדריקנ.

די „פאראָרעמונג“ פונ די באָיארנ

דער באָיארישער ערדבאזיץ האָט זיכ צוגעפאסט צו די נייע באַ־דינגונגענ ניט מיט אזא דערפאָלג. די הויצאָעס אפ אויס־האלטנ די גרויסע הויפ-דינערשאפט, דער רוינירנדיקער דינסט באמ הויפ פונ צאר, דער וווּקס פונ די באדערפענישנ אינ צוזאמענהאנג מיט דער אנטוויקלונג פונעמ האנדל, — דאָס אלץ האָט געפאָדערט גרויסע מיטלענ. דער באָ־יארינ האָט זיכ געניייטיקט אינ א סאכ געלט, אונ די ווירטשאפט פלעגט געבנ ווייניק. אחוץ דעמ איז דער באָיארינ געווענ געבונדנ מיט זיינ דינסט באמ צארס הויפ אונ פלעגט זיינ א זעלטענער גאסט אפילע אינ זיינע ביימאָסקווער גיטער, אונ אינ די וויטע גיטער פלעגט ער ביכלאל קיינמאָל ניט אריינקוקנ.

דעריבער זיינענ א סאכ באָיארנ רוינירט געוואָרנ אונ געוואָרנ באלכויועס (בא די מאָנאסטירנ אונ בא אנדערע פראָצענטניקעס).

דינסטלייט
גוטבאַזיצער

אינ ביז גאָר א שווערער לאַגע איז אַרײַנגעפאַלנ דער ערד=באַזיצ פונ די דינסט־לײַט אונ פריצים, וואָס איז וואָסאַל אונטערגעוואָרפנ צו די גרויסע פעאָדאַלנ. די צאָל פריצים איז אינ XVI יאָרהונדערט שטאַרק אויסגעוואַקסנ. פאַר די גרויסע מילכאָמעס, וואָס מאָסקווע האָט געפירט, האָט זיכ געפאָדערט א צאָלרײַכ מיליטער. אונ די וויכטיקסטע מיליטער־קראַפט זײַנען געווענ די דינסטלײַט, וואָס פלעגנ באַקומענ פאַר זייער דינסט גיטער אונ געהאַלט. לויטנ באַפעל פונ די מעלוכישע מאַכט־אָרגאַנענ פלעגט דער פאָרעצ מוזנ קומענ צו זײַנ דינסט=אָרט צוזאַמענ מיט 2—3 מענטשנ פונ זײַנע קנעכט, מיט א פערד, באַוואָפענונג אונ זאַפאַסנ.

אינ זײַנ גוט (געוויינלעכ, א דעסיאַטינעס 150—200) האָט דער פאָרעצ געפירט א רויבערישעווירטשאַפט אונ עקספּלואַטירט די קנעכט (כאָלאָפּנ) אונ די פויערים. צום פאַרברייטערנ זײַנ ווירטשאַפט האָט זיכ דער פאָרעצ שטענדיק געניטיקט אינ ערד אונ אינ אַרבעטהענט. ערד האָט מענ געקאָנט קריגנ פריִער פונ אַלצ דורכ מילכאָמעס, אונ דעריבער האָבנ די פריצים, ווי מיר ווייסנ, געשטויסנ די רעגירונג צו פאַרכאַפּנ נײַע לענדער. באַזונדערס האָבנ די פריצים געוואָרפנ אַנ אויג אַפנ שוואַרצבאָדנדיקנ דאָרעמ אונ האָרעמ־מיזרעכ (וואָלגער קאַנט). מע האָט אָבער געקאָנט קריגנ ערד אויכ אַפ אַנ אַנדער אויפנ, אָפּנעמענ זי בא די באַיאַרנ אונ בא די מאָנאַסטירנ. דער פאָרעצ האָט מיט קינע געקוקט אַפ די באַזיצנ פונ די באַיאַרנ, וועלכע האָבנ פאַרכאַפּט די בעסטע ערדנ אינ צענטער פונעמ לאַנד. די פריצים האָט געשטויסנ קעגנ די באַיאַרנ אויכ די פראַגע וועגנ אַרבעטהענט. דער באַיאַרישער באַזיצ, די „וואָטשינע”, פלעגט אַריבערשלעפּנ צו זיכ די פויערים פונ די פריצים. אַזויאַרום האָט די באַיאַרישע וואָטשינע געשטערט דער אַנטוויקלונג פונ דער פריצישער ווירטשאַפט. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א קאַמפּ פאַר ערד אונ פויערים צווישנ די באַיאַרנ אונ די פריצים. די פאַרטיידיקער פונ די פריצישע אינטערעסנ אינ דער ליטעראַטור פונ XVI יאָרהונדערט פלעגנ שטאַרק אָנפאַלנ אַפ די „פויליאַקעס די גווירימ”, ווי זיי פלעגנ רופנ דאָס אַלטע באַיאַרנטום.

אונטערגאַנג פונ דער פּאָליטישער ראָליע פונ די באַיאַרנ

די פאַרייניקטע מאָסקווער מעלוכע האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט א פעאָדאַלע מאָנאַרכיע. די פירשטנ אונ די באַיאַרנ פונ די פאַרייניקטע געגנטנ פלעגנ געוויינלעכ בלײַבנ אַפ זייערע אַלטע ערטער, אַלס באַזיצער פונ זייער ערד. דער פירשט קורבסקי, אָדער שויסקי איז, ווי פריִער, געווענ דער הערשער בא זיכ אינ קורביצע אָדער אינ שויע, זײַנ לאַגע האָט זיכ בלויז געענדערט דערמיט, וואָס ער איז געוואָרנ א וואָסאַל בא דעמ מאָסקווער פירשט, אונ איז מעכויעוו לויטנ פירשטס רופ שטעלנ זיכ דינענ מיט „שווערד אונ מיט ראַט”. דער מאָסקווער פירשט האָט רעגירט איבערנ פאַרייניקטנ לאַנד מיט דער הילפ פונ די באַיאַרנ. אינ זייערע הענט האָט זיכ געפונענ אי די אָרטיקע מאַכט אי די צענטראַלע.

וועגנ דעמ פעאָדאַלנ כאַראַקטער פונ דער מאָסקווער מעלוכע זאָגט אוידעס דער ראַנג־מינהעג („מעסטניטשעסטוואָ”). די באַיאַרישע מישפּאָכעס פלעגנ פאַרטיילט ווערנ לויט א באַשטימטער סיסטעמ: איינע האָבנ זיכ גערעכנט זיכעסדיקער פונ די אַנדערע. יעדע מישפּאָכע האָט שטאַרק אָכטונג געגעבנ דערויפ, אַז באַמ באַשטימענ אַפ דער אָדער יענער שטעלע זאָל מענ זיכ רעכענענ מיט איר זיכעס. דער זיכעס („פּאָראָדאָ”) איז געשטאַנענ העכער ווי די דינסט=אויסצייכענונג („זאַסלוגי”).

דאָס באָיאַרנטומ האָט זיכ פעסט געהאַלטנ פאַר דעמ ראַנג-מינהגע. אויב די באַשטימונג אַפ אַ געוויסער שטעלע האָט ניט אַנטשפּראָכנ דעמ ייִחוס פונ דער מישפּאָכע, אויב מע פלעגט, צומבײַשפּיל, אַוועלכנ-ניט-איז באָיאַרינ באַשטימענ אַפ אַ שטעלע, וווּ ער האָט געדאַרפט זײַנ אונטערגעוואָרפנ אַ צווייטנ באָיאַרינ מיט אַ קלענערנ ייִכעס, פלעגט ער זיכ אָפּזאָגנ פונ דער האָזיקער שטעלע, קעדיי ניט צו „פאַרשעמענ די מישפּאָכע“.

דער דאָזיקער מינהגע האָט זיכ אויכ אָפּגעשפּיגלט אינ דעמ באָיאַרישנ שטייגער. אַפ די צאַרישע מאָלצײַטנ, ווי אויכ אינ דער באָיאַרישער דומע, פלעגנ זיכ די באָיאַרנ אויסזעצנ לויטנ ייִכעס. אויב מע פלעגט עמעצנ אויסטיילנ אַנ אָרט, וואָס אַנטשפּרעכט ניט זײַנ ייִכעס, איז ער גרייט געווענ אַרונטערקריכנ אונטערנ טיש, אַבי ניט אַוועקזעצנ זיכ ניידעריקער, ווי דאָס קומט אימ לויטנ קאָמפּליצירטנ ייִכעס-כעזשבנ.

שוינ פונ XV יאָרהונדערט אָנ האָבנ די מאָסקווער הערשער אָנגעהויבנ צו באַגרענעצנ דאָס רעכט פונ דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע. מע האָט אָנגעהויבנ נעמענ בײַ די באָיאַרנ שריפטלעכע פאַרפליכטונגענ ווענג ניט אָפּפאָרנ. פאַר דער טרײַהײַט פונ דעמ באָיאַרינ האָבנ געדאַרפט גאַראַנטירנ מיט געלט זײַנע קרויווימ אונ פרײַנט. אַשטייגער, דער פירשט איוואַנ III, דער דעראָבערער פונ נאָווגאָראָד, האָט גענומענ פונ דעמ פירשט ב אָ ל מ ס ק י אַנ אונטערשריפט ווענג ניט אָפּפאָרנ, דערבײַ האָבנ פאַר באָלמסקענ גאַראַנטירט 7 באָיאַרנ אַפ אַ סומע פונ 8 טויזנט רובל. שוינ פאַר איוואַנ III זונ, פאַר וואַסילי, האָבנ זיכ די באָיאַרנ געקלאָגט אַפ דעמ, אַז דער הערשער האַלט זיכ מיט זיי קיינ אייצע ניט אונ באַשליסט וויכטיקע אינייאַנימ, פאַרשפּאַרנדיק זיכ צוזאַמענ מיט זײַנ הויפמײַסטער אונ מיטנ דיאַק. אינ דער צענטראַלער רעגירונג־מאַכט האָבנ אַלצ אַ גרעסערע אונ גרעסערע באַדײַטונג אָנגעהויבנ צו באַקומענ די ניט-ייִכעסדיקע באַאַמטע (די דיאַקנ). אויכ אינ דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג איז די ראָליע פונ די באָיאַרנ באַגרענעצט געוואָרנ.

אינ XVI יאָרהונדערט האָט זיכ שוינ אינ רוסלאַנד גענומענ אויסבילדנ די זעלבסטהערשערישע אָרדענונג.

צווישנ דעמ מאָסקווער „זעלבסטהערשער“, וואָס האָט פונ מיטנ XVI יאָרהונדערט אָנגענומענ דעמ טיטל „צאַר“,* אונ זײַנע אַריסטאָקראַטישע פעאָדאַלע דינער ווערנ די באַציִונגענ אַלצ ערגער. אינ זייער קאַמפ קעגנ דעמ ווילקיר פונ דער אַריסטאָקראַטיע האָבנ זיכ די צאַרנ געשטיצט אַפ דעמ נײַעמ אַדעליקנ ערד-באַזיצ אונ אַפ דעמ אויפשטײַגנדיקנ סאָכרימטומ (ווי דאָס איז געווענ אויכ אינ מײַרעוו-אייראָפּע), ווי אויכ אַפ יענעמ טייל פונעמ גרויסנ באָיאַרנטומ, וואָס איז געווענ פעסט פאַרבונדנ מיטנ מאַרק. דער פאָרעצ (דער אַדל) אונ דער סויכער זײַנענ, פונ זייער זײַט, געווענ פאַראינטערעסירט אינ פאַרשטאַרקנ די זעלבסטהערשונג. בלויז אַ שטאַרקע מאַכט האָט געקאָנט זיכערנ דעמ פּאָרעצ די הערשאַפט איבער די פויערימ אונ די פאַרברייטערונג פונ זײַנ באַזיצ. בלויז אַ צענטראַליזירטע מעלוכע האָט געקאָנט פאַרפעסטיקנ פאַרנ סאָכרימטומ (אונ אויכ פאַר די פאָרגעשריטענע פעאָדאַלנ) דעמ נאַציאָנאַלנ מאַרק, אינ וועלכנ זיי האָבנ זיכ גענייטיקט.

די אָפּריטשניקעס

אַנ אַנטשיידענער צוזאַמענשטויס צווישנ די פריצימ אונ די באָיאַרנ איז פאָרגעקומענ אינ דער צווייטער העלפט XVI יאָרהונדערט, די דירעקטע סיבעס דערצו זײַנענ געווענ די מאַפּאָלעס פונ מאָסקווע

* דאָס וואָרט „צאַר“ נעמט זיכ פונעמ נאָמענ פונ דעמ רוימישנ אימפּעראַטער— צעזאַר. עס באַטײַט דאָס זעלבע, וואָס „אימפּעראַטער“ אינ מײַרעוו-אייראָפּע.

אינ דער מילכאָמע מיט ליוואָניע. די מילכאָמע מיט ליוואָניע האָט זיכ אָנגעהויבנ גלײַכ נאָכ דעמ, ווי ס'איז אײַנגענומענ געוואָרנ וואָלגער קאַנט אונ האָט געהאַט דעמ ציל צו פאַרכאַפנ די באַלטישע פּאָרטנ (נאַרווע, רעוועל, ריגע) אונ נײַע ערדנ אָפ צו צעטיילנ די פּריצימ.

אָנגעהויבנ האָט זיכ די מילכאָמע מיט דערפאָלג פאַר מאָסקווע, אָבער באַלד נאָכ די ערשטע דערפאָלגנ זײַנענ געקומענ מאַפּאָלעס. אינ מאָסקווע האָט מענ די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר די דאָזיקע מאַפּאָלעס אַרופגעלייגט אַפ די באָיאַרנ. מע האָט אָנגעהויבנ ריידנ וועגנ דעמ, אַז די באָיאַרנ האָבנ פאַראַטנ. אונ דערצו איז געווענ אַ געוויסער גרונט: איינער פונ די גרעסטע רוסישע מיליטער-אָנפירער, דער פירשט קורבסקי, האָט פאַראַטנ מאָסקווע אונ איז אַנטלאָפנ אינ ליטע, פאַרווירקלעכנדיק אַזוי אַרומ אינ דער צײַט פונ מילכאָמע דאָס „רעכט פונ אָפצופאָרנ".

דאַנ האָט דער צאַר אינ ווינטער פונ 1565 י. געמאַכט אַנ עמעסע מעלוכע-איבערקערעניש. אַ באַדײַטנדיקער טייל ערד איז אַרויסגענומענ געוואָרנ פונ דער באָיאַרישער דומע, אונ אַפ אָנצופירנ מיט איר איז געשאַפנ געוואָרנ אַ „ספּעציעלער הויפ", די „אָפּריטשינע",* אינ דער אָפּריטשינע זײַנענ אַרײַנגענומענ יענע געגנטנ, וווּ ס'איז געווענ אַ סאַכ באָיאַרישע אונ פירשטלעכע וואָטשינעס, דערהויפט דער צענטער לאַנד. אינ דער אָפּריטשינע זײַנענ אויכ פאַררעכנט געוואָרנ די גרעסטע האַנדל-שטעט. די באָיאַרישע פעאָדאַלע דרוזשינעס זײַנענ פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרנ.

פונ די געגנטנ, וואָס זײַנענ אײַנגעשלאָסנ געוואָרנ אינ דער אָפּריטשינע פלעגט מענ די באָיאַרנ אַרויסזעצנ, אונ די ערדנ זייערע פלעגט מענ צעטיילנ די דינסטלײַט (די אָפּריטשניקעס"). די וואָטשינע-שטעט (ד.ה. די שטעט, וואָס האָבנ געהערט צו די באָיאַרנ) זײַנענ באַפרײַט געוואָרנ פונ אונטער דער מאַכט פונ די פעאָדאַלנ אונ זײַנענ אונטערגעוואָרפנ געוואָרנ דירעקט דעמ צאַר. דער קאַמפ פונ דעמ אַדל קעגנ דעמ באָיאַרנטומ איז אינ טאָכ געווענ אַ קאַמפ פאַר באַקומענ די אויבערהאַנט אינעמ עקספּלואַטירנ דאָס פויערטומ. אַזוי אַרומ האָט די אָפּריטשינע דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבער דעמ באָיאַרישנ ערדבאַזיץ אונ איבער דער מאַכט פונ די באָיאַרנ אַפ די ערטער. מע האָט אָנגעהויבנ אַראָפּצוטרײַבנ די באָיאַרנ פונ די אַלטגעזעסענע נעסטנ, וווּ זיי זײַנענ פריִער געווענ הערשער, אונ מע פלעגט זיי געבנ ערד ערגעץ-ווו אינ די ווײַטע געגנטנ פונ דער מעלוכע.

די אָפּריטשינע, וואָס איז געווענ געווענדעט קעגנ די אַלטע פעאָדאַלע גרופּעס פונ דער מאָסקווער געזעלשאַפט, האָט געקראָגנ שטיצע מיצאַד דעמ גרויסנ סאָכרימטומ. דאָס סאָכרימטומ איז געווענ פאַראינטערעסירט אינ דעמ, אַז עס זאָלנ פאַרניכטעט ווערנ די אָפּגעזונדערטע פעאָדאַלע גוטבאַזיצנ, וואָס האָבנ טאָרמאָזירט די אויסבילדונג פונ אַ איינהײַטלעכנ נאַציאָנאַלנ מאַרק. דעריבער איז דאָס סאָכרימטומ געשטאַנענ פאַר זעלבסטהערשונג. אַפ דער זײַט פונ דער אָפּריטשינע האָט זיכ אויכ געשטעלט אַ טייל פונ דעמ גרויסנ באָיאַרנטומ. דערהויפט יענע, וואָס זייערווירטשאַפט איז געווענ פאַרבונדנ מיטנ מאַרק (צו אַזעלכע באָיאַרנ אָפּריטשניקעס האָט אויכ געהערט דער שפּעטערדיקער צאַר — באָריס גאָדונאָוו).

---

* אָפּריטשינע פלעגט מענ דאַנ רופנ אַ ספּעציעלנ פעאָדאַלנ באַזיץ („אודעל"), וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרנ פונ דער מעלוכע פאַר וועמענ-ניט-איז, צומבײַשפּיל, פאַר דעמ צאַרס אַלמאָנע.

דערפאַר אָבער זײנענ די פּנײ פונ דער פעאָדאַלער קירכע ארויסגעטראָטנ סאָלידאַר פאַר דעמ באַיאַרנטומ.

דאָס באַיאַרנטומ האָט זיכ געפּרוווט קעגנשטעלנ דער אָפּריטשינע, פלעגט מאַכנ פאַרשווערונגענ קעגנ דעמ אַדעליקנ (גוטבאַזיצערישנ) צאַר. דער צאַר פלעגט זיכ אָפּרעכענענ אָנ ראַכמאָנעס מיט די „באַיאַרנ-פאַרעטער“ אונ מיט זײערע פאַרבינדעטע. מע פלעגט בא זײ אָפּנעמענ די ערד אונ דאָס פאַרמעגנ, אונ זײ אַלײנ פלעגט מענ קעפּנ נאָכ גרויזאַמע פײניקונגענ.

דער פעריאָד פונ אָפּריטשינע איז געווענ א פעריאָד פונ טעראָר, אונ דעריבער האָט דער צאַר איוואַנ IV באַקומענ דעמ צונאָמענ *גרויזאַמער*. די אָפּריטשניקעס זײנענ צומ קאַמפ קעגנ פאַראַט געווענ אָרגאַניזירט אינ א ספּעציעלנ אָטריאַד, וואָס האָט געהאַט אויסשליסלעכע פולמאַכטנ. מע האָט לאַנג געהאַט צו געדענקענ די אָנפירער פונ דער אָפּריטשינע, באַזונדערס *מאַליוטע סקוראַטאָוונ*.

די אָפּריטשינע האָט באַטײט דאָס אײנשטעלנ די אַבסאָליוטע מאָנאַרכיע אינ די אינטערעסנ פונ דעמ אַדעליקנ (דעמ פאָרעצ) — דעמ לײביגנטימער אונ דעמ *גרויסנ הענדלער*.

די מאָסקווער זעלבסטהערשונג איז נאָר געווענ אנ אויספיר־קאָמיטעט בא די פריצימ לײביגנטימער אינענ פאַרקנעכטנ די פויערשע מאַסנ אונ א קלאַסנ־געווער אינעמ פאַרשקלאַפנ די קאָלאָניאַלע פעלקערשאַפטנ.

פראַגעס:

ווי האָט זיכ דער קירכלעכער ערדבאַזיצ צוגעפּאַסט צו די סכוירע־אונ געלט־פאַרהעלטענישנ?

מיט וואָס דערקלערט זיכ דער אונטערגאַנג פונ דער באַיאַרישער ווירטשאַפט אינ XVI יאָרהונדערט?

פאַרוואָס פאַרשאַרפט זיכ דער קאַמפ צווישנ די פריצימ אונ דעמ באַיאַרנטומ?

פאַרוואָס האָט דאָס באַיאַרנטומ זיכ אַקשאָנעסדיק געהאַלטנ פאַרנ „מינהעג פונ מעסטניטשעסטוואָ“?

אינ וואָס איז באַשטאַנענ דער קלאַסנ־טאַכ פונ דער רוסישער זעלבסטהערשונג?

אינ וועמעס אינטערעסנ איז געשאַפנ געוואָרנ די אָפּריטשינע?

46. דאָס נײַע לײַביגנטומ־רעכט

א נײַער דרוק אפ די פויערימ

דאָס אויסבילדנ די דיקטאַטור פונעמ אַדל האָט זיכ זײער שווער אָפּגערופנ אפנ גוירל פונעמ פויערטומ. דער XVI יאָרהונדערט, באַזונדערס די צווייטע העלפט זײנע, איז געווענ א צײט, ווענ עס האָט זיכ שטאַרק פאַרערגערט די לאַגע פונ די פויערימ אינ די צענטראַלע געגנטנ פונ לאַנד. קעדײ צו פאַרגרעסערנ דעמ פריצישנ אַקער־שעטעכ, פלעגט מענ בא די פויערימ אָפּנעמענ זײער ערד.

קעדײ צו פאַרשטײנ גוט דעמ טאַכ פונ די ענדערונגענ, וואָס זײנענ פאָרגעקומענ אינ דער לאַגע פונעמ פויערטומ אינ XVI יאָרהונדערט, וועלנ מיר פאַרגלײכנ די גיטער־גראַמעטעס פאַר די פריצימ אינ אָנהײב אונ אינ סאָפ XVI יאָרהונדערט.

אינ אָנהײב XVI יאָרהונדערט פלעגנ די פליכטנ פונ די פויערימ באַשריבנ ווערנ אינ די דאָזיקע געשאַנק־גראַמעטעס אַזוי: „אונ איר, פויערימ, וואָלט געגעבנ

דעמ פּאָרעצ ברוימט און געלט און אַלע אָפּצאָלנ ווי אַמאָל, און ער (דער פּאָרעצ) וועט איבער מישפּעטנ און רעגירנ אין אַלצ".

סאָפ XVI יאָרהונדערט פלעגט מענ שרייבנ אינ די ראַזיקע געשאַנק־גראַמעטעס אַזוי אַנדערש: „און איר, פּויערימ און באָבילנ, זאָלט אייער פּאָרעצ געאַכטעט און געהאָרכט אינ אַלצ, און וואָלט פאַר אימ זיינ אַקערנ אַקערפעלד אַקערנ, און וואָלט אימ לייבגעלט באַרשיידענע צאָלנ, וואָס ער וועט אויפ אייכ אַרופּליינ, און ער וועט מיט אייכ רעגירנ און וועט אייכ מישפּעטנ".* דער וווּקס פונ דער פּאַנשטשינע אינ XVI יאָרהונדערט האָט ווייט ניט געבראַכט צו דעמ, אַז עס זאָל פאַרניכטעט אָדער פאַרקלענערט ווערנ דאָס לייב־געלט. פאַרקערט, עס איז אויכ געוואַקסנ דאָס לייבגעלט. אָט אַזוי האָט די אַנטוויקלונג פונ דער געלט־ווירטשאַפט געבראַכט צומ וווּקס פונ די פּויערשע פליכטנ (לייב־געלט און פּאַנשטשינע).

די אַנטוויקלונג פונ דער געלט־ווירטשאַפט אינ רוסלאַנד האָט געבראַכט ניט בלויז צו דער פאַרגרעסערונג פונ די פּויערשע פליכטנ, נאָר אויכ צו אַנ אַבזאָריעמ־דיקער פאַרשקלאַפונג פונ די פּויערימ. אינ דער הינזיכט אונטערשיידט זיכ די אַנטוויקלונג פונ רוסלאַנד פונ דער אַנטוויקלונג פונ ענגלאַנד און פראַנקרייכ, און זי איז מער ענלעכ צו דער געשיכטע פונ מיזרעכ־דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער פונ מיזרעכ־אייראָפּע, ווו עס האָט זיכ לאַנגזאַמ אַנטוויקלט דאָס שטאָטישע לעבנ און די האַנטווערקערײַ. דער רוסישער ערד־באַזיצער פונ סאָפ XVI יה. האָט זיכ דערשלאָגנ דערצו, אַז די פּויערימ זיינענ „צוגעפעסטיקט" געוואָרנ צומ האַר.

די פאַרקנעכטונג פונ פרייע מענטשנ

סעדויי צוציענ צו זיכ אויפ דער ערד מענטשנ, פלעגנ די פרוי־צימ פרווונ פאַרגרעסערנ די צאָל כאָלאָפּנ (דהי. שקלאַפנ) — סיי דורכ אויפקויפנ, סיי דורכ פאַרקנעכטנ פרייע מענטשנ. מע פלעגט אַנ אומאָפּהענגיקנ מענטשנ אַרויסגעבנ געלט אַלס האַלוואָע מיטנ באַדינג, אַז טאָמער קערט ער דאָס ניט אומ, ווערט ער אַ שקלאַפ (דער דאָזיקער אָפּמאַכ האָט געהייסנ „קאַבאַלאַ").

עס פלעגט אויכ טרעפנ, אַז מע פלעגט צווינגענ אונטערצושרייבנ די קאַבאַלאַ מיט „קראַפט און מיט פייניקונג" אָדער מע פלעגט אָנשיקנ אַ פרייענ מענטשנ און „נאָכ אַ דרײַ־פיר קיסעלעכ" פלעגט ער שיקערהייט אונטערשרייבנ די קאַ־באַלאַ, וואָס מע פלעגט אימ אונטערוקנ.

דאָס אַרויספירנ פויערימ אינ XVI יאָרהונדערט

די ערד־באַזיצער האָבנ זיכ ניט באַנוגנט מיטנ פאַרקנעכטנ די כאָלאָפּנ און זיי האָבנ אָנגעהויבנ מיט אַלע מיטלענ פאַר־כאַפּנ צו זיכ אויפ דער ערד אויכ די פּויערימ. צוליב דעמ פלעגנ זיי באַגיינ אָפּענעמ גוואַלדטאַט, אָדער זיי פלעגנ אויס־נוצנ דעמ געזעצ וועגנ „אָפּזאָג" און אַרויספירנ צו זיכ פּויערימ אויפ געזעצלעכע יעסוידעס. איבער אָט דעמ אַרויספירנ פּויערימ פלעגט זיכ צעפלאַקערנ אַ פאַר־ביסענער קאַמפ צווישנ פאַרשיידענע גרופּעס ערד־באַזיצער.

האַרבסטצייט, אַרומ דעמ יורי־טאָג, פלעגנ די גרויסע באַזיצער (די באָיאַרנ און די מאָנאַסטירנ) אַרויסשיקנ זייערע אַגענטנ („אָפּריידער"), זיי זאָלנ איינ־ריידנ און איבערשלעפּנ פּויערימ פונ אַנדערע ערד־באַזיצער, אָפּצאָלנדיק פאַר זיי „אָפּלעב־געלט" און אַריבערפירנדיק זיי צו זיכ. דער געוויינער באַלעבאָס פלעגט

* פונ די געשאַנק־גראַמעטעס פאַר די נאָוגאָראָדער פּריצימ אינ XVI יאָרהונדערט.

ניט וועלן ארויסלאָזן דעם פויער און פלעגט באַגעגענען מיט געווער אין האַנט די דאָזיקע אגענטן („אַפּריידער"). אין איינער א ביטשריפט פון יענער צייט שטייט געשריבן, אז די פריצים „שלאָגן די אַפּריידער" און שמידן זיי אין אייזן, און די פויערים לאָזן זיי פון זיך ניט אָפּ, און, פּאַקנדיק זיי, פּייניקט מען; מע רויבט און מע שמידט אין אייזן".

דאָס פאַרקנעכטן די פויערים דורך האַלוואָעס

קעדיי פעסטער צובינדן דעם עקספּלואַטירטן פויער, פלעגן די ערדבאַזיצער אויסנוצן געלט-און נאַטור-האַלוואָעס. אזעלכע מינע האַלוואָעס זיינען געווען פריִער אויך, דערהויפּט אפ פירשטלעכער און מאָנאַסטירישער ערד. איצט אָבער איז דאָס געוואָרן אַן אָפּטערע דערשיינונג. ווען דער פויער פלעגט זיך באַזעצן אפ דער ערד פון אוועלכן-ניט-איז ערדבאַזיצער פלעגט ער אָפט ניט פאַרמאָגן ניט קיין פי, ניט קיין לאַנדווירטשאַפטלעכן אינווענטאַר. ער פלעגט אויך ניט האָבן מיט וואָס אויס-צובויען זיך א הויז און א שפּייכלער. גאַנץ אָפט פלעגט ער אפילע קיין ברויט ניט האָבן, ניט צום זייען און ניט צום עסן. נאָך אלצדינג פלעגט ער מוזן אַנקו-מען צום פּאַרעץ. דער פּאַרעץ פלעגט שליסן מיטן פויער אַן אָפּמאַך. אין דעם דאָזיקן אָפּמאַך פלעגט אויסגערעכנט ווערן, וואָס האָט דער פויער באַקומען פון דעם פּאַרעץ. צום ביישפּיל: „גענומען הילף א פערד, א בעהיימע, א כאַזער און 2 שעפּסן, און ברויט, קאָרן און האָבער". און דערנאָך פלעגט אַנגעוויזן ווערן דעם פויערס פליכטן: צאָלן לייב-געלט און גיין אפ פּאַנשטשיזנע. עס פלעגט אויך

פויערים פון XVI—XVII יה.

טרעפן, אז דער פּאַרעץ פלעגט געבן דעם פויער א געלט-האַלוואָע און, אויב דער פויער פלעגט וועלן אוועקגיין פון פּאַרעץ, פלעגט ער אים מוזן אומקערן די האַלוואָע מיט וווכערישע פּראָצענטן. אכוץ דער האַלוואָע האָט ער געדאַרפט צאָלן א באַשטימטע סומע „אָפּלעב"-געלט. דער דאָזיקער אָפּצאָל האָט לויטן געזעץ באַטראָפן א היפּשע סומע, און אין דער פּראַקטיק נאָך א גרעסערע, ווייל א סאַך פריצים פלעגן מאָנען דעם דאָזיקן אָפּצאָל איבער דער געזעצלעכער נאָרמע.

דער קאַמפ צווישנ די פריצימ אונ די באַזיצער פונ די יערושע־גיטער („וואָטשיניקעס")

אָט די אַלע קאַמפ־מיטלען פאַר פויערשע הענט — די „קאַ-באַל־אָפּמאַכנ, דאָס אָפּריידנ יענעמס פויערימ, האַלוואַעס — דאָס אַלצ האָבנ זיכ געקאָנט דערלויבנ די גרויסע באַיאַרנ אונ די רייכע מאָנאַסטירנ. זיי האָבנ געהאַט די מעגלעכקייט אי פאַנאַנדערשיקנ אַגענטנ, אומ אָפּריידנ צו זיכ פויערימ, אונ געלט האָבנ זיי אויכ פאַרמאָגט (דערהויפּט די מאָנאַסטירנ) אומ צו פאַרגינסטיקנ בײַ זיכ די פויערימ דורכ האַלוואַעס, זיי האָבנ אויכ געקאָנט געבנ לגאָטעס די ניי־אָנגעקומענע פויערימ. דערצו נאָכ זיינענ די מאָנאַסטירישע פויערימ ביזנ סאָפ XVI יאָרהונדערט געווענ פריי פונ מעלוכע־שטייערנ. דעריבער זיינענ אינ דעמ



א פארוויסטעט דאָרפ

קאַמפ פאַר פויערימ די קליינע אונ מיטעלע פריצימ געווענ אינ אַ סאַכ אַנ ערגע־רער לאַגע, ווי די גרויסע באַזיצער פונ יערושע־גיטער.

ביימ דער אָפּריטשינע האָבנ די פריצימ אויסגענוצט זייער דיקטאַטור אומ צו פאַרכאַפּנ פילצאָליקע באַיאַרישע יערושע־גיטער, צוזאַמענ מיט די פויערימ, וואָס זיינענ אויפ זיי געזעסנ. סאָפ XVI יאָרהונדערט זיינענ אויכ באַגרענעצט געוואָרנ די מאָנאַסטירישע פריווילעגיעס. דער מאָנאַסטירישער פויער האָט שוינ איצט אויכ געמוזט, צוגלייכ מיט די פריצישע פויערימ, צאָלנ שטייערנ דער מעלוכע.

אַזוי אַרומ האָט דער פאָרעצ אָפּגעהאַלטנ ניצחוינעס איבער זיינע קעגנער. אינ צענטער פונ לאַנד האָט דאָס אָרט פונעמ גרויסנ באַזיצער פונ יערושע־גיטער פאַר־נומענ אַ נייער רויבערישער באַלעבאָס.

דאָס אַריבערגייענ פונ די ערדנ צו די פריצימ איז באַגלייט געוואָרנ מיט אַ מאַסנ־באַרויבונג פונעמ פויערטומ: די נייע הערנ פלעגנ אָפּנעמענ בײַ די פויערימ אי די ערד אי דאָס פאַרמעגנ, זיי פלעגנ פאַרגרעסערנ די אָפּצאָלנ אונ די פאַנשטשינע.

רויִנירונג פונ די פויערימ

דער אָנגראַבמאָנעסדיקער רויב מיצאַד די פריצימ פלעגט ברענ-גענ די פויערימ צו רויִנירונג. דאָרט, וווּ די דערפלעכ זיינענ אינמיטנ XVI יאָרהונדערט, ווי טשענסלער דריקט זיכ אויס, געווענ איבערגעפולט מיט מענטשנ, ווערט איצט וויסט. דער ענגלענדער פלעטשער

האָט סאָפ XVI יאָרהונדערט אפנ וועג צווישנ וואָלאָגדע און מאָסקווע גע־טראָפנ גרויסע ישובֿימ אָנ איינ איינציקנ איינוווינער.

די רעגיסטראַציע־ביכער פונ דער באַפעלקערונג פונ XVI יאָרהונדערט זיינענ פול מיט אזעלכע נאָטירונגענ: „אנטלאָפנ געוואָרנ פונ די צארישע טשינושנ"; „די וואָטשינע, וואָס איז געווענ דעמ פירשט אָבאָלענסקיס, ליגט איצטער פארוויסט", „דעמ הויפ האָבנ פארברענט די אָפריטשנע" (אָפריטשניקעס) אאַוו. ערטערווייז איז פארוויסטעט געוואָרנ ביז 90 פראָצענט ערד. אינ דעמ רויִנירטנ פארוויסטעטנ דאָרפ האָט מענ זיכ ווידער גענומענ אומקערנ פונ דער דרייפעלדערסיסטעמ צו דער פארלאָזיסיסטעמ. פאר א בעסערער ווירטשאפט פלעגט קיינ הענט ניט קלעקנ.

פארבאָט־יאָרנ

אָנ דער הילפ פונ זייער מעלוכע האָבנ די פריצימ ניט געקאָנט איינהאלטנ בא זיכ די פויערימ, וואָס פלעגנ זיכ צעלויפנ פונ זיי אָדער אוועקגיינ אינ די גרויסע וואָטשינעס. קעדיי ניט צו דערלאָזנ דאָס ארויסקפירנ פויערימ פונ די פריצימ, האָט די מאָסקווער מעלוכע ביסלעכווייז גענומענ פארבאָטנ דעמ פויערשנ „אָפזאָג". לעכאָטכילע זיינענ ארויסגעגעבנ געוואָרנ באפעלנ, מע זאָל די פויערימ ניט ארויספירנ אינ באשטימטע טערמינענ. די יאָרנ, ווענ דער פויערימ־ארויספיר איז געווענ פארווערט, האָבנ געהייסנ „פארבאָט"־יאָרנ. דאָס ערשטע יאָר אזא איז געווענ דאָס יאָר 1581. דערנאָכ איז געקומענ א רייִ אנדערע פארבאָט־יאָרנ. די פויערימ, וואָס פלעגנ אוועקגיינ פונ זייערע פריצימ אינ די פארבאָט־יאָרנ פלעגט מענ פארעכענענ פאר פארברעכער, פלייטימ. מע פלעגט זיי אויסזוכנ און מיט גוואלד אומקערנ צוריק די באלעבאטימ.

איצט האָט שוינ דער פויער פארלאָרנ אפילע דאָס רעכט צו בייטנ דעמ פאָ־רעצ. דאָס דאָזיקע רעכט איז נאָכ דערווייל ענדגילטיק ניט אָפגעשאפט געוואָרנ, אָבער פאקטיש איז געגאנגענ איינ פארבאָט־יאָר נאָכנ צווייטנ. דער יורי־טאָג קומט אָנ, און אוועקגיינ פונ דעמ פאָרעצ טאָר מענ ניט און דאנ טאקע איז אויפגעקומענ דאָס שפריכווערטל: Вот тебе, бабушка, и Юрьев день (אָט איז דיר, באָבע, דער יורי־טאָג).

דאָס פויערישע אנטלויפנ אלס באזונדער מינ קלאסנקאמפ

פונ דעמ פאָרעצס רויבעריִשנ באלעבאטעווענ האָט דער פויער און דער כאָלאָפ געקאָנט פּאָטער ווערנ נאָר אפ איינ אויפנ — אנטלויפנ. אָט דאָס אנטלויפנ ווערט זייער אָנ אָפטע דערשיי־נונג סאָפ XVI יאָרהונדערט. די פויערימ פלעגנ לויפנ אינ יענע קאנטנ, ווו דער פאָרעצ איז נאָכ ניט געווענ, ווו דאָס לעבנ איז געווענ שווער, אָפטמאָל געפערלעכ, אָבער ווו ס'איז דערפאר ניט געווענ קיינ פאנשטשינע. באזונדערס אָפט פלעגט מענ לויפנ אפ דאָרעמ און אפ מיזרעכ, אפנ דניעפער, דאָנ, וואָלגע, אוראל. דאָ, אינ די ראנד-געגנטנ („אוקראינעס", ווי מע פלעגט דאנ זאָגנ) איז דאָס לעבנ געווענ גאָר אנדערש. אינ די נייע ערטער איז דער איבערוואנדערער געווענ ארומגערינגלט מיט א סאכ געפארנ: אימ האָבנ געדראָעט ווילדע כייעס, וואָס זיינענ נאָכ פארבליבנ אינ די ניט־גערירטע דאָרעמ־סטעפעס. נאָכ א גרעסערע געפאר זיינענ פאר אימ געווענ די קרימער טאָטערנ, וואָס פלעגנ מאכנ אָנפאלנ אפ די סטעפעס און פלעגנ דאָרט פארכאפנ געפאנגענע, קעדיי פאר־קויפנ זיי פאר שקלאפנ. דעריבער פלעגט זיכ דער דאָרעמ-איבערוואנדערער ניט צע־שיידנ מיטנ געווער.

קאזאקנ

מיט וואָס האָבנ זיכ באַשעפטיקט די דאָזיקע איבערוואַנדערער, די „קאַזאַקנ", ווי מע פלעגט זיי האנ רופנ? די גרונט־באַשעפטיקונג פונ די קאַזאַקנ אינ XVI יאָרהונדערט איז געווענ יאַגד, פישפאַנג אונ בינענצוכט. די קאַזאַקנ האָבנ געאַרבעט אַרטעלווײַז באַם נידער־דניעפּער אונ באַם דאָנ, האָבנ געפירט אַ האַלב־נאָמאַדיש, האַלב־אײַנגעזעסנ לעבנ. אָט די באַוואָפנטע פישפאַנגער אונ יעגער פלעגנ זיכ צומאָל פאַרנעמענ אויכ מיט רויב. דאָס פאַרכאַפּנ

קאזאקנ־אָנפאַל

טאַטערישע משערעדעס איז ניט געווענ קיינ זעלטנהייט באַ די קאַזאַקנ אינ XVI יאָרהונדערט. אַמאָל פלעגנ די קאַזאַקישע אָטריאַדנ אָנשפאַרנ אויכ ווײַטער. זיי פלעגנ אָפ שיפלעכ אַראָפּנידערנ אינ שוואַרצנ יאַם אונ פלעגנ רויבנ די טערקישע ברעגנ.

דער קאזאקישער אויבערשיכט

דאָס קאַזאַקנטום אינ XVI יאָרהונדערט האָט מיט זיכ ניט פאָרגעשטעלט קיינ אַבסאָליוט איינאַרטיקע מאַסע. עס האָט זיכ שוינ דאָ געלאָזט אָנמערקנ אַנ אויבערשיכט—די עלטסטע („סטאַרשינאַ"), די „באַלעבאַטישע" קאַזאַקנ. די פאַרמעגלעכע קאַזאַקנ האָבנ פאַרכאַפּט צו זיכ אינ די הענט די בעסטע געווערנ אונ פלעגנ אַרויסגעבנ דער „האַליטבאַ" (דער אָרעמשאַפט) פישפאַנג־מאַכשירים. אויכ אינ די מיליטער־אונטערנעמונגענ פונ דעם קאַזאַקנטום פלעגט געוויינלעכ די אָנפירונג געהערנ צו זיי. דערפאַר פלעגנ זיי צונעמענ אויכ דעם גרעסטנ ביילעק רויב. ערטערווײַז האָבנ זיכ די דאָזיקע עלטסטע באַזעצט אָפ ערד, פאַרכאַפּנדיק גרויסע לאַנקעס פאַר זייערע טאַבונעס. נייטיקנדיק זיכ אינ אַרבעט־הענט, פלעגנ די עלטסטע צוציענ צו זיכ פּליטים, מיט זייערע קרעפטנ פלעגנ זיי פירנ די ווירטשאַפט, פלעגנ זיי שיקנ קאָסענ די לאַנקעס. אייגנטלעכ, זײַנענ דאָס שוינ געווענ פריצים. אָבער דער דאָזיקער ראַנד־פאַרעצ האָט זיכ, צום אונטערשייד פונ צענטראַלנ, נאָכ ניט באַנוצט מיט לײַבייגענער אַרבעט. די מערהייט אַנטלאָפענע האָט זיכ קאָנצענטרירט אינ די שטעטלעכ.

ווענ אינ דער מאָסקווער מעלוכע (אָדער אינ דער שכײַנישער — אינ פוילנ) פלעגט זיך די לאַגע פונ די מאַסנ פאַרערגערנ, פלעגט זיך פאַרשטאַרקנ די אויס־וואַנדערונג אינ די ראַנד־געגנטנ. אינעמ לעצטנ יאָרצענדליק פונ XVI יאָרהונדערט איז אוקראַינע געווענ פול מיט פליטימ פונ צאָפנ. אָט דער גאַנצער אומצופרידענער האַמוינ איז געווענ גרייט אָפנ ערשטנ באַפעל אויפהייבנ זיך קעגנ דער „פאַרהאַס־טער מאָסקווע".

פראַגעס:

ווי האָבנ זיך געענדערט די פליכטנ פונ די פויערימ אינ XVI יאָרהונדערט?

מיט וואָס פאַר א מיטלענ פלעגנ די ערדבאַזיצער זיך באַמיִענ צו באַזאָרגנ אַר־בעטס־קראַפט?

דערמאָנט זיך, ווענ אונ פאַרוואָס איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ דער געזעץ וועגנ דעמ פויערישנ „אָפזאָג".

וואָס האָט ארויסגערופנ די פאַרוויסטונג פונ דעמ בײַמאָסקווער קאַנט?

וואָס זײַנענ אַזוינס די פאַרבאָט־יאָרנ?

דערקלערט די באַדײַטונג פונעמ רוסישנ פאָלק־ווערטל: «Вот тебе, бабушка, и Юрьев день».

מיט וואָס פלעגנ די פויערימ ענטפערנ אָפ דער פאַרקנעכטונג?

ווי האָבנ זיך פונ דעמ קאַזאַקנטומ אויסגעטיילט די „עלטסטע"?

47. די פויערימ־מילכאָמע אינ אָנהייב XVII יאָרהונדערט („די מעהומע")

פאַרשאַרפונג פונ די קלאַסנ־ווידער־שפרוכנ אינ דער מאָסקווער מעלוכע

דאָס באַרויבנ אונ פאַרקנעכטנ די אונטערשטע מאַסנ פונ דער באַפעלקערונג האָט זיי געשטויסנ צומ קאַמפ קעגנ די עקספלואַטאַטערס, קעגנ דער פעאָדאַלער לײַבאייגנטימערישער אָרדענונג. די ארויסטרעטונג פונ די מאַסנ איז פאַרגרינגערט געוואָרנ נאָכ דערמיט, וואָס צווישנ די ערדבאַזיצער גופע — צווישנ די באָיאַרנ אונ די פריצימ — איז פאָרגעקומענ א קאַמפ. מיר ווייסנ שוינ וועגנ דעמ קאַמפ פאַר ערד, וואָס איז פאָרגעקומענ צווישנ די באָיאַרנ — די באַזיצער פונ די יערושע־גיטער, אונ די אַדעליקע — די פריצימ.

סאָפ XVI יאָרהונדערט ווערט דער קאַמפ צווישנ זיי נאָכ מער פאַר־שאַרפט. דער קריזיס פונ דער פריצישער ווירטשאַפט, די פאַרוויסטונג פונעמ צענטער, די נויט אינ ארבעט־הענט דערקלערנ אונדז די דאָזיקע פאַרשאַרפונג. נאָכ אינ סאָפ XVI יה. האָט דער קלאַסנקאַמפ אָנגעהויבנ באַקומענ די פאָרמ פונ בירגערקריג.

די רעגירונג האָט אינ אָנהייב XVII יאָרהונדערט פאָרגעזעצט די אַדל־פאָלי־טיק פונ איוואַנ דעמ גרויזאַמענ. דאָס אומצופרידענע באָיאַרנטומ האָט זיך גע־פרווט אומקערנ זײַנ פאַרלאָרנגעגאַנגענע מאַכט, אָרגאַניזירנדיק הויפ־פאַרשווערונ־גענ. דער ווידערשפרוכ צווישנ אַלע ערדבאַזיצער אונ דעמ פאַרקנעכטיקטנ פויערטומ איז נאָכ מער פאַרוויקלט געוואָרנ מאַכמעס די ווידערשפרוכנ צווישנ די ערדבאַ־זיצער גופע.

דער גרויסער הונגער פונ 1602—1604 האָט נאָכ מער פאַרשאַרפט די לאַגע

אינ דער מאָסקווער מעלוכע. דער דאָזיקער הונגער איז געווענ א פּאָרוויקלטער רע-זולטאט פונ די ספּעקוליאַציעס פונ די אדעליקע מיט ברויט, פונ דער פּארוויסטונג אינ די געגנטנ, וואָס ליגנ נאָענט צו דער הויפּט-שטאָט, אונ פונ די רעגנס, וואָס האָבנ אומגעבראַכט די טווע. דריי יאָר נאָכאנאַנד האָט געדויערט די אומגערעטע-ניש. ברויט איז געשטיגנ אינ פּרייז. פיל באָיארנ אונ פּריצימ האָבנ פּארטריבנ פונ זיכ זייערע קנעכט, קעדיי זיי זאָלנ ניט דארפנ דערנערנ זיי מיט טייערנ ברויט. די קנעכט פלעגנ אוועקגיינ אפּ דאָרעמ, אָדער זיי פלעגנ שאפנ אינ די וועלדער באוואָ-פנטע אָטריאדנ, וואָס פלעגנ צייטנווייז צוקומענ אפילע צו מאָסקווע.

אָט אזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ די דויערנדיקע פּויערימ-מילכאָמע אינ דער מאָס-קווער מעלוכע (די לייבייגנטימער האָבנ אָנגערופנ די דאָזיקע פּויערימ-מילכאָמע „מעהומע“, „מעהומע-צייט“. («Смутное время», «Смута»).

די ערשטע גרויסע באוועגונג האָט זיכ אופגעהויבנ אינ 1604 יאָר אינ דאָרעמ-מייַרעוו פונ דער מעלוכע. דער פירער פונ דעמ אופשטאנד האָט אויסגענוצט דעמ קלאנג, וואָס איז אומגעגאנגענ צווישנ דעמ קאזאקנטומ אונ דעמ פּויערטומ, אז אינ פּאָלק, קלוימערשט, וואָגלט ארומ דעמ צאַרס זונ ד מ י ט ר י — דער געזעצלעכער יורעש פונ דעמ מאָסקווער טראָנ, וואָס האָט זיכ אפּ א וואונדערבארנ אופנ געראַ-טעוועט פונ די מערדער,* וועלכע באָרים גאָדונאָוו האָט אונטערגעשיקט. דער דאָזי-קער פירער האָט זיכ דערקלערט פאַר דמיטרי.

דמיטריענ האָבנ געהאָלפנ די פּוילישע אונ ליטווישע פּריצימ, וועלכע האָבנ גע-וואָלט אויסנוצנ זיינ באוועגונג אפּ צו פארכאפּנ די אויבערדניעפּערישע געגנט, וואָס צוליב איר האָבנ זיי שוינ לאנג געהאט געפירט א קאמפּ מיט דער מאָסקווער מע-לוכע. מיט ניט קיינ גרויסנ אָטריאד (פונ 4000 מאנ) פּאָליאַקנ, קאזאַקנ אונ קליינע ראנד-פּריצימ איז דמיטרי אריבער די מאָסקווער גרענעצ.

די געשיכטע פונ דמיטריס מארש האָט זייער בוילעט אנטפּלעקט, וויפל אומ-צופרידענע מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג עס איז געווענ אינ דער מאָסקווער מעלוכע. דמיטריס נעבעכדיקער אָטריאד האָט אליינ פאַר זיכ ניט פאָרגעשטעלט קיינ ערנסטע מיליטער-קראַפט. די מאָסקווער מיליטער-פירער האָבנ אימ גאנצ גיכ צעקלאפּט. אָבער דעמ צעקלאפּטנ דמיטרי האָט געשטיצט די שטייגנדיקע כוואַליע פונ דער פּויערישער באוועגונג. דמיטריס ארמיי איז פארפּולט געוואָרנ מיט נייע אָטריאדנ פּויערימ אופשטענדלער. דאָס קאזאַקנטומ איז אינ טויזנטער געגאנגענ פונ דאָנ אונ פונ דניעפּער. דמיטריענ האָבנ אויכ אונטערגעהאלטנ די דינסטלייט פונ די ראנד-געגנטנ. באַ קראָמי האָט די גאנצע מאָסקווער ארמיי פאראטנ די רעגירונג אונ איז אריבער אפּ דמיטריס זייט. נאָכ דעמ האָט זיכ דמיטריס באוועגונג פארוואנ-דלט אינ א טריומפ-מארש. אינ מאָסקווע האָבנ די אונטערשטע מאסנ פונ דער באַ-

* באָמ צאַר פ י אָ ד אָ ר (איוואנ דעמ גרויזאמענס זונ) איז נאָכ זיינ טויט ניט געבליבנ קיינ קינדער. זיינ יינגערער ברודער איז 7 יאָר פאַר דעמ אומגעקומענ נאָכ יינ-גליייז אפּ א געהיימניספולנ אופנ אינ דער שטאָט אוגליטש: אָדער מע האָט אימ געשטאָכנ, אָדער ער האָט זיכ אליינ דערשטאָכנ בייס א קראנקייט-אטאקע. די אלטע צאַרישע דינאַס-טיע פונ די רוריקס איז איבערגעריסנ געוואָרנ. דעמ טראָנ האָט פארנומענ דער גרויסער באָיארינ באָרים גאָדונאָוו, וואָס האָט זיכ באזונדערס ארויסגערוקט אינ דער צייט פונ דער אָפּריטשינע.

פעלקערונג נאָכ ביז דמיטריס קומענ געמאַכט אנ איבערקערעניש: זיי האָבנ אראָפּ-געוואָרפנ באָריס זונ, פיאָדאָרנ (באָריס אַליינ איז געשטאָרבנ ביים דער מיל-כאָמע מיט דמיטריענ) אונ האָבנ ארויסגעשיקט שליכים צו באַגעגענענ דעם נייעם צאַר.

דער נייער צאַר איז אָבער געזעסנ אינ מאָסקווע בלויז 11 כאַדאָשים. זיינ פּאָליטיק האָט אויפגעשטעלט קעגנ אים דאָס באָיאַרנטום אונ סאָכרימטום. איינער פונ דמיטריס געזעצנ האָט פאַרווערט די ערדבאַזיצער צו פאָדערנ צוריק יענע פּויערים אונ כאָלאָפּנ, וואָס זיי האָבנ אַליינ אָפּגעלאָזנ בייסנ הונגער: „האָסטו ניט געקאָנט דעמ פּויער דערנערנ אינ די הונגער-יאָרנ, איז זוכ אים איצט ניט". דאָס דאָזיקע מאָסמיטל, וואָס האָט שטאַרק ניט געלייגט דעם גרויסנ ערדבאַזיצער פונ צענטער, האָט אונטערגעבראָכנ די אינטערעסנ סיי פונ דעם אויפשטענדלערישנ פּויער-טום סיי אויכ פונ די קלענערע דינסטלייט פונ די דאָרעמ-ראַנדנ פונ לאַנד. אָפּ דאָרעמ זיינענ די פּליטימ געווענ די אַרבעט-קראַפט, אינ וועלכער מע האָט זיכ דאָרט געניטיקט. די ערד-כאַלאַקים אונ געלט, וואָס דמיטרי פלעגט צעטיילנ אינ א גרויסער צאָל די „אָרעמע קריגער", האָבנ אָפּגעשטויסנ פונ דמיטריענ די רייכע מאָסקווער הענדלערישע גרופּעס. קעגנ דמיטריענ האָבנ געפירט א העצע אויכ די מאָסקווער גייסטלעכע, ווייל דמיטרי האָט פאַרכאַפּט א טייל מאָנאַסטירישנ פאַר-מעגנ. דורכ אנ אויפשטאַנד האָט זיכ די פאַרשווערער איינגעגעבנ צו פאַרכאַפּנ די מאַכט אינ מאָסקווע. דמיטריענ האָט מענ דערמאָרדעט, אונ אַלס צאַר האָט מענ „אויסגערופנ" דעם אָרגאַניזאַטער פונ דער פאַרשווערונג, דעם באָיאַרינ וואַסילי שויסקי (17-טער מיי 1606 יאָר). די באָיאַרישע רעגירונג האָט טייקעפּ ארויסגעלאָזנ א פאַראָרדענונג וועגנ אומקערנ צו די באַלעבאַטימ אַלע פּויערימ, וואָס זיינענ אַנ-טלאָפנ אינ די יאָרנ 1602—1603, אונ האָט דורכגעפירט א געזעץ, וואָס איז גע-ווענדט קעגנ די פאַרקנעכטעטע מענטשנ, וועגנ פאַרפאָלגנ אונ אויסזוכנ די אַוועק-געלאָפענע.

די נייע באָיאַרישע מאַכט האָט באַלד ארויסגערופנ קעגנ זיכ א פאַר-שטאַרקונג פונ דער באַוועגונג פונ די אונטערשטע מאַסנ באַפעלקערונג.

באָלאָטניקאָווס אופשטאַנד

„עס האָבנ זיכ אויפגעקליבנ באָיאַרישע מענטשנ, פּויערימ, צו זיי זיינענ צוגעשטאַנענ אוקראַיִנישע שטאָט-לייט, שיסער אונ קאָזאַקנ אונ האָבנ אָנגעהויבנ אינ די שטעט אריינצוזעצנ די וואָיעוואָדעס אינ די טפּיסעס, די הייזער פונ די באָיאַרנ כאַרעוו מאַכנ אונ דאָס פאַרמעגנ זייערס צעראַבירנ". אזוי באַשרייבט דער כראָניק-שרייבער די נייע באַוועגונג, וואָס האָט זיכ ווידער אויפגעהויבנ אינ אוקראַיִנע. די באַזע פונ דער באַוועגונג זיינענ געווענ די פּויערימ אונ די באָיאַרישע כאָלאָפּנ, אונ אויסגעדריקט האָט זיכ די דאָזיקע באַוועגונג פרייער פונ אַלצ אינ גראָמירנ די באָיאַרישע הויפנ. דער פירער פונ דער דאָזיקער באַוועגונג איז געוואָרנ איוואַנ באָלאָטניקאָוו. א כאָלאָפּ, וואָס איז אַנטלאָפנ פונ זיינ פּאָרעצ אינ סטעפּ צו די קאָזאַקנ. ער איז גע-ווענ אריינגעפאַלנ אינ געפאַנגענשאַפט צו די טאָטערנ, אונ האָט געאַרבעט אינ טער-קיי אויפ די גאַלערנ. דערנאָכ אַנטלאָפנ פונ געפאַנגענשאַפט אינ ווענעציע, פונ דאָרט האָט ער זיכ אריבערגעקליבנ קיינ פּוילנ, אונ פונ פּוילנ קיינ אוקראַיִנע. אונטער באָלאָטניקאָווס אָנפירונג האָבנ זיכ פאַראייניקט אַלע ניט-צופרידענע מיט שויסקיס

באַיאַריש־סאָכרישער רעגירונג צו באָלאָטניקאָוון זיינען אַפילע צוגעשטאַנען אייניקע שיכטן פונעם אַדל: דער קליינבאַזיצערישער אַדל פונ די דאָרעם־געגנטן (אונטער פּאַשקאָווס קאָמאַנדע), אונ אויך דער ריאַזאַנער אַדל (אַ גרויסן אָטריאַד ריאַזאַנער אַדעליקע האָבן געבראַכט פונ דאָרט די ברידער ליאַפּונאָווס). עס האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, וואָס איז עטוואָס ענלעך געווען צו דער לאַגע אינ דייטשלאַנד אינ דער צייט פונ דער גרויסער פויערים־מילכאָמע, ווען באַזונדערע גרופּעס פונעם פאַראָרעמטן ריטערטום האָבן צייטנווייז געשטיצט דעם פויערים־אופשטאַנד. באָלאָטניקאָווס שנעל אויסגעוואַקסענע אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן אַ ריי ניצכוינעס, ווינטער 1606 י. איז זי צוגעקומען צו מאָסקווע אונ האָט זי באַלאַגערט. עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט ווערט שויסקיס רעגירונג אַראָפּגעוואָרפן. אַרויס־געהאָלפן האָט שויסקין פונ דער דאָזיקער שווערער לאַגע די שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די אופשטענדלער.

די שפּאַלטונג אינ לאַגער פונ די אופגעשטאַנענע

דער בונד פונ דעם קנעכט, פויער, קאָזאַק אונ אַדעליקן האָט ניט געקאָנט זיין קיין פעסטער. די אַדעליקע האָבן זיך דערשראָקן פאַרן וווּקס פונ דער פויערים־מילכאָמע אונ האָבן ביסלעכווייז גענומען אַריבערגיין אַפ שויסקיס זייט. פריער פונ אַלע האָבן פאַראַטן די פויערים די „ריאַזאַנער גריגאָרי סונבולאָוו אונ פּראָקאָפּי ליאַפּונאָוו, אונ צוזאַמען מיט זיי אַ סאַך ריאַזאַנער אַדעליקע אונ קינדער באָיאַרישע“. באַלד האָט זיך נאָכן גרויסן אַדל אַ ציגעטאָן אויך דער קליינער. אינ צוויי וואָכן אַרום האָט ביים שלאַכט פאַראַטן פּאַשקאָוו, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן דעם צאַר וואַסילי צוזאַמען מיט 500 „קינדער באָיאַרישע“, אונ דער צעקלאַפּטער באָלאָטניקאָוו האָט געמוזט אָפּטרעטן פונ מאָסקווע.

די מאַפּאַלע פונ די פויערים אונ דעם צאַרס אָפּרעכענונג

נאָך דעם ווי דער אַדל איז אַריבער אַפ דער זייט פונעם פיינט, איז באָלאָטניקאָווס באַוועגונג געוואָרן אַ פויעריש־כאָלאָפּישע. דער קאַמף איז פאַרהעכערט געוואָרן מיט נאָך מער אַקשאָנעס אונ פאַרביסנקייט. נאָך דעם ניצאָכן איבער באָלאָטניקאָוון אונטער מאָסקווע זיינען צו שויסקין אַריינגעפאַלן אַ סאַך געפאַנגענע (ביז 6 טויזנט מאַן). „אינ מאָסקווע זיינען מיט זיי אַלע טורמעס געווען איבערפולט, — דערציילט איינער אַ האָלענדער, וואָס האָט געלעבט אינ יענער צייט, — די געפאַנגענע פלעגט מען ניט אויסקומען צו [illegible]. יעדע נאַכט פלעגט מען זיי אינ מאָסקווע אַרויספירן הונדערטערווייז, ווי שעפעלעך צום שעכטן, מע פלעגט זיי אויסשטעלן אינ אַ ריי אונ דערהאַרגענען, ווי אָקסן, דערלאַנגענדיק מיט אַ דראָנג איבערן קאָפּ, אונ די קערפּערס פלעגט מען אַרונטערלאָזן אונטערן אייז אינ דער טייך „יאַוזע“.

די אופגעשטאַנענע האָבן אַרויסגעוויזן אַ פעסטן ווידערשטאַנד.

די רעשטלעך פונ באָלאָטניקאָווס מיליטער האָבן זיך לעכאַטשילע באַפעסטיקט אינ קאַלוגע, דערנאָך, ווען דאָס צאַרישע מיליטער האָט זיי פונ דאָרטן אַרויסגעשטויסן, זיינען זיי אַוועק אינ טולע אונ האָבן זיך דאָרט לאַנג געהאַלטן קעגן די סאָנים אַדאַנק די נייע קרעפטן, וואָס זיי האָבן באַקומען פונ די קאָזאַקן. אינ ערשט דאַן, ווען דאָס צאַרישע מיליטער האָט אויסגעבויט אַ דאַמבע אַפן טייך

אופּא און האָט פֿאַרפֿלייצט טולע, האָט זיכ זיי אײַנגעגעבנ צו פֿאַרכאַפּנ די שטאָט. באָלאָטניקאָוונ האָט מענ פֿאַרשיקט אפ צאָפּנ. דאָרט האָט מענ אימ בלינד געמאַכט אונ דערטרונקענ. די געפֿאַנגענע כאָלאָפּנ אונ די פּויערימ האָט מענ א טייל דער־טרונקענ, אונ א טייל פֿונ זיי אומגעקערט צו די אַלטע באַלעבאַטימ, וועמ עס האָט זיי געוואָלט נעמענ.

דער טושינער צאַר

אָבער מיטנ דערגראָמירנ באָלאָטניקאָוונ האָט זיכ דער בירגער־קריג ווײַט נאָכ ניט געענדיקט. די אָטריאַדנ פֿונ די קאָזאַקנ, וואָס האָבנ געהאַט אָפּגעטראָטנ, האָבנ זיכ ווידער אומגעקערט צו מאָסקווע מיט דער הילפֿ פֿונ די פּאָליאַקנ. זייער אָנפֿירער איז געווענ א נײַער אוזורפּאַטאָר, וואָס האָט זיכ אַרויסגעגעבנ פֿאַר דמיטרי, וועלכער האָט זיכ ווידער־אַמאָל געראַטעוועט. די קאָזאַקישע אונ פּוילישע אָטריאַדנ זײַנענ צוגעקומענ האַרט צו מאָסקווע אונ האָבנ לעבנ מאָסקווע (17 קילאָמעטער פֿונ שטאָט), אינעמ דאָרף טושינאָ אײַנגעאָרדנט זייער הויפּט־לאַגער, וואָס האָט זיכ געהאַלטנ בא 2 יאָר. אינ לאַנד האָט זיכ באַקומענ צוויי צאַרנ: א קאָזאַקיש־פּויערישער אינ טושינאָ אונ א באָיאַריש־סאָכרישער אינ מאָסקווע. דעמ טושינער צאַר (אָדער דעמ „טושינער מוי־דער", ווי די קלאַסנ־סאָנאימ אינ מאָסקווע האָבנ אימ גערופֿנ) האָבנ געשטיצט אינ לאַנד די פּויערימ, די קאָזאַקנ אונ דער שטאָטישער „האַמויִנ". עס זײַנענ צו אימ צוגעשטאַנענ אייניקע באָיאַרנ אונ אַדעליקע. די „בעסטע לײַט" אינ מאָסקווע (ד. ה. די רײַכע) האָבנ געהאַלטנ מיט שויסקיס רעגירונג. אינ די רײַכע האַנדל־שטעט האָט זיכ אָנגעהויבנ א פֿאַרביסענער קאַמפּ צווישנ די „גרעסערע" אונ „קלענערע" מענטשנ. דעמ סאַמע שאַרפֿנ כאַראַקטער האָט דער קאַמפּ אָנגענומענ אינ פּסקאָוו, וו די „קלענערע" מענטשנ האָבנ האַרבסט 1608 יאָר פֿאַרכאַפּט די מאַכט אינ זייערע הענט, אַרײַנגעזעצט אינ טורמע די גווירימ, פֿאַרכאַפּט זייער פֿאַרמעגנ אונ האָבנ עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געהאַלטנ פּסקאָוו אינ זייערע הענט.

אָנגעשראָקנ פֿונ דער אַרויסטרעטונג פֿונ די אונטערשטע געזעלשאַפֿטלעכע שיכטנ, האָבנ דאָס באָיאַרנטומ אונ דער אַדל געפּרוווט געפֿינענ א רעטונג אינ אַנ אויסלענדישער אינטערווענץ.

וועגנ א אינטערווענץ האָט מענ אָנגעהויבנ שמועסנ אי אינ מאָסקווע אי אינ טושינער לאַגער. שויסקי ווענדט זיכ נאָכ הילפֿ צו די שוועדנ, וואָס שיקנ אַרויס א 12־טויזנטיקנ אָטריאַד. דאָס אַרײַנקומענ פֿונ די שוועדנ אפ דער טעריטאָריע פֿונ מאָסקווער מלוכע האָט געצוווּנגענ אַרויסצוטרעטנ אויכ אַנדערע אינטער־ווענטנ — די פּאָליאַקנ, וואָס האָבנ באַלאַגערט סמאָלענסק (1609 יאָר). עס איז פֿאָרגעקומענ א פֿאַרשטענדיקונג צווישנ די איבערלויפֿער — די באָיאַרנ אונ די אַדעליקע — פֿונעמ טושינער לאַגער אונ דער באָיאַרישער רעגירונג פֿונ מאָסקווע. שויסקינ האָט מענ אינ 1610 יאָר אַראָפּגעזעצט פֿונ טראָנ אונ אײַנגעלאַדנ אפֿנ רוסישנ טראָנ דעמ זונ פֿונעמ פּוילישנ קיניג. „בעסער דינענ דעמ פּוילישנ קיניג, איידער כאַפּנ מאַפּאָלעס פֿונ די אייגענע קנעכט אונ מאַטערנ זיכ בא זיי אינ אייביקער אַרבעט", האָט גאַנצ אָפֿנ דערקלערט איינער פֿונ די שרײַבער פֿונ יענער צײַט *. פֿאַרוואָס עס זײַנענ אײַנגעלאַדנ געוואָרנ קיינ מאָסקווע פּוילישע מיליטער־

* דער קעלאַר (קאַסיר) פֿונ טראָיִצע־סערגיִעווער לאַווראַ אַווראַמי פּאַליצינ.

קרעפטן. די מורע פאַר קלאַסנסוינע האָט געצוווּנגען די רוסישע עקספּלואַטאַטאָרן צו פאַרגעסן דעם אַלטן האַס צום פּוילישן קיניג און צו די פּאַנעס. אָבער אויך די פּוילישע שווערדן זיינען ניט איינגעשטאַנען געווען אויפצושטעלן די „אָרדענונג". אַפילו אין מאָסקווע, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט פּוילישע אָטריאַדן, האָבן זיי ניט געקאָנט שטערן דעם פאָלקאויפשטאַנד. עס האָט וויינציק־וואָס געהאָלפן אויך דאָס אַריינמישן זיך פון די שוועדן, וואָס האָבן פאַרנומען נאָווגאָראָד.

א סך האָט געקומען צו דעם בירגערקריג דאָן, ווען עס האָבן זיך אָרגאַניזירט אַלע אינערלעכע קרעפטן פון דער קאָנטררעוואָלוציע, ווען אַלע פאַרמעגלעכע שיכטן האָבן זיך פאַראייניקט צום קאַמף קעגן דעם קאָזאַקנטום און פּויערטום. אַחוץ דעם אָדל האָט דאָ א גרויסע ראָליע געשפּילט די קירכע און דאָס סאַכרימטום פון די גרויסע האַנדל־שטעט פון צאָפן און פון וואָלגער קאַנט. לינדערדיק דערפון, וואָס עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער האַנדל, אָנגעשראָקן פון דער באַוועגונג פון די שטאָטישע און דאָרפישע מאַסן, זיינענדיק אומצופרידן מיט די קאָזאַקישע און פּוילישע רויבערייען, אָרגאַניזירט די שטאָטישע בורזשואַזיע א ריי אָטריאַדן אָפּצודערשטיקן די אויפגעשטאַנענע מאַסן. איינער פון די קאָנטררעוואָלוציאָנערע טיילן, דער ניזשני־נאָווגאָראָדער, מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט דער פירשט פּאָזשאַרסקי און דער גרויסער סוחר מינין, האָט אין 1612 יאָר פאַרנומען מאָסקווע. דער ניצחון פון דעם ניזשני־נאָווגאָראָדער מיליטער איז געווען פאַרגרינגערט דערמיט, וואָס צווישן דעם קאָזאַקנטום איז פאָרגעקומען א שפּאַלטונג. א באַדייטנדיקער טייל קאָזאַקנטום („קאַנדידאַטן אָפּ פּריצים") איז אַריבער אָפּ דער זייט פון דער קאָנטררעוואָלוציע, א טייל איז מיטן אַטאַמאַן זארוצקי אין דער שפּיץ אוועק אָפּ דאָרעם און האָט געפּרוווט שאַפן אָפּ נידערוואָלגע א קאָזאַקישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

די אָדעליקע מיט דער הילף פונעם רייכן פּויערטום האָבן באַוויזן איינצושטעלן „רו צווישן אַלע מענטשן", דאָס הייסט, דערשטיקן די לעצטע רעוואָלוציאָנערע אויסברוכן.

א נייע דינאַסטיע

קעדיי צו אָרגאַניזירן א נייע מאַכט, איז אין מאָסקווע צונויפגערופן געוואָרן דער „זעמסקי סאָבאָר".* נאָך לאַנגע שטרייטן האָט דער סאָבאָר אין 1613 יאָר אויסגעוויילט דעם יונגן באָיאַרין מיכאַיל ראָמאַנאָוו. באַרשטייט זיך, אַז ניט די פּעריזעלעכע מאַרדיגסטן פון דעם נאַרישעוואַטן 16־יאָריקן ראָמאַנאָוו האָבן געלייזט די פראַגע. דאָ האָט געשפּילט א גרויסע ראָליע די טעטיקייט פון זיין פאָטער, א גרויסן רייכן באָיאַרין, וואָס איז פאַר באַריסן פאַרשפּאַרט געוואָרן אין א מאָנאַסטיר און איז פאַר שויסקין געוואָרן אין טושינאָ פּאַטריאַרך. שפּעטער איז ער אוועקגעפאָרן אַלס געזאַנדטער קיין פּוילן. דאָס איז געווען איינער פון די מאַמע געשיקטע געשעפט־מאַכער פון זיין צייט. אים האָט מען געהאַלטן פאַר אן אייגענעם מענטשן אי צווישן די פירער פון

---

* אזוי האָבן געהייסן די פאַרזאַמלונגען פון די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע „ראַנגען" פון דער מאָסקווער מעלוכע, וואָס זיינען געווען ענלעך צו די פראַנצויזישע גענעראַל־שטאַטן. דאָס ערשטע מאָל איז דער זעמסקי סאָבאָר אויפגערופן געוואָרן אין 1566 יאָר ביים דער אָפּריטשינע.

דעם קאזאקנטום, אי אינ די קלײנבאַזיצערישע אַדל־קרײזנ אינ צװישנ דעם רײַכנ גרויסנ אַדל.

די נײַע דינאַסטיע, װאָס איז אַרופגעזעצט געװאָרנ אַפנ טראָנ אינ רעזולטאַט פונ דעם ניצאָכנ פונ דער קאָנטררעװאָליוציע, האָט אַפ זיך גענומענ די אופגאַבע אופצושטעלנ אונ פאַרפעסטיקנ די לײַביגנשאַפטלעכע אָרדענונג, װאָס איז צעטרײסלט געװאָרנ אינעם בירגערקריג.

די קלאַסנ פונ דער מאָסקװער געזעלשאַפט אינ דער ערשטער פויערימ־מילכאָמע

אַזוי אַרום איז דער בירגערקריג אינ דער מאָסקװער מעלוכע אָנגעהייב XVII יאָרהונדערט (1605—1613 יאָרנ) געװענ, אינ גרונט, אַ באַװעגונג פונ די פויערש־כאָלאָפישע מאַסנ קעגנ דער לײַביגנשאַפטלעכער מעלוכע. צוגלײַך מיט דעם גרונטיקנ עקספלואַטירטנ קלאַס האָבנ אינ דעם קאַמפ אויכ גענומענ אָנטייל די „אונטערשטע שיכטנ“ — די שטאָטישע באַפעלקערונג, װאָס איז אַרויסגעטראָטנ אַלס פאַרבינדעטער פונעם פויערטום.

דאָס קאָזאַקנטום, װאָס האָט געשפּילט אַ גאַנצ אָנגעזעענע ראָליע אינ דער פויערימ־מילכאָמע, האָט, זײַענדיק פאַרשיידנאַרטיק לויטנ סאָציאַלנ באַשטאַנד, פאַרנומענ אַ צװישנדיקע אָרט צװישנ דעם פויערטום אונ פריצים. אונ ס'איז גאָר ניט קײנ צופעליקײט, װאָס דאָס גרויסע קאָזאַקישע מיליטער, װאָס איז געשטאַנענ בײַ מאָסקװע, האָט זיך צעשפּאָלטנ, װענ עס האָבנ זיך דערנענטערט די ניזשני־נאָװגאָראָדער: אַ טייל פונ אים (דער זיבערשיכט) האָט זיך געלאָזט אונטערקויפנ מיט ערד־צוזאָגעכצנ, אונ אַ טייל איז אַװעק אַפ דאָרעמ, פאַרזעצנדיק דעם קאַמפ קעגנ דער לײַביגנשאַפטלעכער מעלוכע.

ענדלעכ, האָט מענ צײַטנװײַז אַפ דער זײַט פונעם קעמפנדיקנ פויערטום געקאָנט טרעפנ באַזונדערע גרופּעס אַדל, דערהויפּט קלײנבאַזיצעריש. נאָר דאָס זײַנענ געװענ צופעליקע מיטלויפער; זיי האָבנ געפירט אַ קאַמפ ניט קעגנ דער לײַביגנשאַפטלעכער אָרדענונג, נאָר קעגנ דער שמאָלער באָיאַרישער פּאָליטיק; זיי האָבנ זיך געװאָלט דערשלאָגנ ניט פרײַהײַט פארנ פויערטום, נאָר צו פאַרגרעסערנ זייערע גיטער אונ זייער געהאַלט. דעריבער פלעגנ זיי גיכ פאַראַטנ די באַװעגונג אונ פלעגנ זיך לײַכט צונויפרייד'נ מיט די הערשנדיקע גרופּעס. דעריבער זײַנענ זיי, סאָפקאָלסאָפ, אַריבער אינעם לאַגער פונ דער קאָנטררעװאָליוציע צוזאַמענ מיט יענע קרעפטנ, װאָס זײַנענ געװענ די באַזע פונ דער קאָנטררעװאָליוציע: צוזאַמענ מיט די גרויסע ערדבאַזיצער אונ מיטנ סאָחרישנ קאַפּיטאַל.

פראַגעס:

אינ װאָס זײַנענ באַשטאַנענ די װיכטיקסטע קלאַסנ־װידערשפּרוכנ אינ דער מאָסקװער מעלוכע אָנהייב XVII יאָרהונדערט?

װאָסערע קרעפטנ האָבנ געשטיצט העמ, װאָס האָט זיך אָנגערופנ דמיטרי?

אַפ װעמענ האָט זיך געשטיצט שויסקיס רעגירונג?

פונ װעמענ איז באַשטאַנענ באָלאָטניקאָװס מיליטער?

די אינטערעסנ פונ װעלכע גרופּעס באַפעלקערונג האָט באַשיצט די טושינער רעגירונג?

פאַרװאָס זײַנענ די פאַרמעגלעכע קלאַסנ אײַנגעגאַנגענ אַפ אַ בונד מיט פּוילנ?

װעלכע קלאַסנ האָבנ געשפּילט די הויפּט־ראָליע אינ דער קאָנטררעװאָליוציע?

קאַפּיטל XVII

דער וווּקס פונ די קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ אינ דער מאָסקווער מעלוכע אונ דער קאַמפּ פונ די פויערימ אינ XVII יאָרהונדערט

48. דאָס דאָרפ אינ XVII יאָרהונדערט

דאָס ענדגילטיקע צופעסטיקנ די פויערימ

די צענטראַליזירונג פונ דער פויערימ־באַוועגונג אינ אָנהייב XVII יאָרהונדערט האָט געבראַכט דערצו, אַז אינ רוסלאַנד האָט זיכ אײַנגעשטעלט נאָכ אַ האַרבערער ליבייגנטומ־רעזשימ. די זיגער — די ליבייגנטימער האָבנ שוינ מער ניט געגעבנ די פויערימ קיינ „אַרויסגאַנג“: אַלע יאָרנ זײַנענ איצט געוואָרנ „פאַרבאָט“־יאָרנ אונ דער פויער האָט שוינ ניט געקאָנט מער בײַטנ דעמ פּאָרעץ זײַנעמ.

אוועקגיינ פונ דעמ פּאָרעץ האָט דער פויער געקאָנט נאָר אַנטלויפנדיק פונ אימ. דעמ אַנטלאָפענעמ פלעגט מענ אויסשפּירנ, אונ אויב מע פלעגט אימ געפינענ אינ פאַרלויפ פונ אַ באַשטימטער צײַט, פלעגט מענ אימ אומקערנ צוריק צומ פּאָרעץ. דער אויסשפּיר־טערמינ איז לעכאַטכילע געווענ אײַנגעשטעלט אויפ 5 יאָר. אָבער אַזאַ קורצער טערמינ איז ניט געפעלנ געווענ די פּריצימ. ניט שטענדיק פלעגט זיכ דעמ פּאָרעץ אײַנגעבנ צו געפינענ דעמ אַנטלאָפענעמ פויער אינ פאַרלויפ פונ 5 יאָר. דער גרעסערער ערד־באַזיצער איז געווענ אינ אַ בעסערער לאַגע. ער האָט זיכ געקאָנט אײַנשאַפנ ספּעציעלע אַגענטנ, וואָס פלעגנ אַרומזוכנ די אַנטלאָפענע פויערימ. באַזונדערס מוסטערהאַפט האָט אָוועקגעשטעלט דאָס אויסשפּירנ די אַנטלאָפענע דער רײַכסטער טראָיִצער־סערגיִעווער מאָנאַסטיר. דער קליינער ערד־באַזיצער אָבער איז דאָס ניט געווענ אימשטאַנד צו טאָנ, אַנטלויפנ אָבער פלעגנ די פויערימ פונ די קליינע פּריצימ ניט ווייניקער ווי פונ די גרויסע.

אָט פאַרוואָס די פּריצימ פלעגנ פאַרוואַרפנ די רעגירונג מיט ביטעס וועגנ פאַרלענגערנ, דערנאָכ וועגנ אינגאַנצנ אָפּשאַפנ דעמ טערמינ פונ זוכנ דעמ אַנטלאָפענעמ. זיי האָט זיכ, סאָפקאָלסאָפ, אײַנגעגעבנ צו דערשלאָגנ זיכ דאָס אינ 1649 יאָר. אינ „סאָבאָרנאָיע אולאָזשעניע“ (די זאַמלונג געזעצנ, וואָס דער זעמסקי סאָבאָר האָט אַרויסגעגעבנ אינ 1649 יאָר) איז באַפוילנ געוואָרנ אומצוקערנ די פויערימ צוריק צומ פּאָרעץ, „אומאָפּהענגיק פונעמ טערמינ“. פונ דעמאָלט אָנ, קאָנ מענ רעכענענ, האָט זיכ דאָס ליבייגנטומ־רעכט ענדגילטיק פאַרפעסטיקט.

ענדגילטיק אַ צוגעפעסטיקטער צומ פּאָרעץ, האָט דער פויער אינ XVII יאָרהונדערט געטראָגנ אויפ זיכ נאָכ גרעסערע פליכטנ פאַרנ פּאָרעץ, ווי אינ XVI יאָרהונדערט).

די פּאַנשטשינע

אינ אַ סאַכ ערטער איז געוואַקסנ די פעלד־פּאַנשטשינע, זי פלעגט אָפט דערגרייכנ ביז 3 טעג אַ וואָכ. דאָס הייסט, אַז אַ העלפט פונ זײַנ צײַט פלעגט דער ליבייגענער פויער אַרבעטנ ניט פאַר זיכ, נאָר

פארנ פּאָרעצ. צומאָל פלעגט די פאנשטשינע באטרעפנ אפילע 4 טעג א וואָכ. אינ סאמע ברענ פונ דער ארבעט (בייסנ אקערנ, זייענ אָדער ארײַנגעמענ פונ פעלד) פלעגט אָפּטמאָל דער פּאָרעצ צעטרײַבנ די פויערים אפ ארבעט אונ פארהאלטנ זיי די גאנצע צײַט, ביז די ארבעט וועט נית פארענדיקט ווערנ אינגאנצנ. ערשט נאָכדעם האָט דער פויער געמעגט זיכ אומקערנ אפ זײַנ שטיקל פעלד.

אכוצ דער ארבעט אינ פעלד פלעגנ די פויערים אויספילנ נאָכ א רײ אנדערע ארבעטנ פארנ פּאָרעצ: סאזשלקעס מאכנ, מילנ שטעלנ, סעדער ארומצוימענ, האָלצ האקנ, וואלד טעסענ. באזונדערס שווער זײַנענ געווענ די פליכטנ אפנ וואסער אונ בא בוידגנגענ. אכוצ דעם פלעגט נאָכ די פויערים אויסקומענ פירנ היי, האָלצ אונ פארשיידענע בוימאטעריאלנ אפנ פּאָרעצס הויפ.

נית באנוגענענדיק זיכ מיט פאנשטשינע אפנ אָרט, פלעגט דער פּאָרעצ אָפּטמאָל ארויסרופנ די פויערים — די האנטווערקער (צומבײַשפיל, די טעסלער, ציגלמאכער) צו זיכ קיינ מאָסקווע אָדער אינ אורעלבנ-גיטאיז וויטנ גוט זײַנעמ, זיי זאָלנ דאָרט ארבעטנ פארנ פּאָרעצ.

דער אָנהייב פונ דער וואָטשינע-פאבריק

נאָכ ערגער פלעגט זײַנ די פויערים, ווענ אנ אונטערנעמערישער פּאָרעצ פלעגט ארגאניזירנ אורעלבע-ניטאיז אינדוסטריעלע אונטערנעמונג. לעמאָשל, ב אָ ר י ס מ אָ ר אָ ז אָ ו, א גרויסער באָיארינ, וואָס איז געשטאנענ נאָענט צומ צאר אלעקסיי מיכײַלאָוויטש, האָט אָנגעהויבנ אויסארבעטנ אינ זײַנע גיטער (ער האָט פארמאָגט בא 300 דערפער מיט 8000 הויפנ) פּאָטאש.* דעמ פּאָטאש פלעגט מענ פארקויפנ קיינ אויסלאנד. געארבעט האָבנ דערבײַ מאָראָזאָווס פויערימ. מע פלעגט זיי צווינגענ האקנ אונ פירנ האָלצ, ברענענ דעמ אש, אריבערפירנ דעמ פּאָטאש קיינ ניזשני-נאָווגאָראָד אונ וואָלאָגדע אפ אָפּצושיקנ קיינ אויסלאנד.

פארנ מינדסטנ פארזענ פלעגט מענ די ארבעטער שלאָגנ. אפ דער ארבעט פלעגט מענ ארויסטרײַבנ באגינענ אונ אָפּלאָזנ שפעט באנאכט. מאָראָזאָווס פויערימ זײַנענ גרייט געווענ צו גיינ אפ וואָס פאר אנ ארבעט ס'זאָל נית זײַנ, אבי נית ארײַנפאלנ אפ די פּאָטאש-זאוואָדנ.

דעריבער ווערט פארשטענדלעכ, פארוואָס עס זײַנענ צווישנ מאָראָזאָווס פויערימ אזוי אָפט געווענ אומרוענ. זיי פלעגנ שיקנ אָנקלאָגנ אי צו מאָראָזאָוונ אי צומ צאר. אָבער דערשלאָגנ זיכ האָבנ זיי גאָרנית געקאָנט. איינעמ א פויער, דערפאר, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט אנ אָנקלאָגע, האָט מענ אויסגעשניטנ די צונג אונ פארשיקט קיינ סיביר. דעריבער טאקע, ווענ עס איז אויסגעבראָכנ ראזינס אופשטאנד, זײַנענ, ווי איינער אנ אויסלענדער דריקט זיכ אויס, „די סאמע דרייסטע אונ אומדערשראָקענע בונטארנ" ארויסגעקומענ פונ די גרויסע מאָראָזאָווישע דערפער.

ליב-אָפּצאָל

די פויערשע פליכטנ האָבנ זיכ נית באגרענעצט מיט די פילצאָליקע מינימ פאנשטשינע. אינ פיל ערטער האָבנ די פויערים אויכ געצאָלט ליב-אָפּצאָל, געוויינלעכ אינ נאטור. אהער איז ארײַנ פלייש, מיל-

---

* פּ אָ ט א ש ווערט ארויסבאקומענ פונ בוי-מאטעריאל, ווערט באנוצט בא דער פּראָדוקציע פונ זייפ, באמ פארבנ שטאָפנ אונ בא אנדערע ארבעטנ.

ביקס, לייַב און וואָל, לאַפּטיעס און ראָגוזשעס, לייצעס און כאָמוטנ, שוועמלעכ און יאַגדעס אאַזוו.

איינס פונ די דערפער, וואָס האָט געהערט צו דעם „ערשטנ לייַבייגנטימער“, — צו דעם רוסישנ צאַר — האָט געדאַרפט צאָלנ אינ פאַרלויפ פונ א יאָר 1833 פוד „באַזער-פליושנ“, 50 פוד באַזער־אינגעווייט, 305 פוד באַזערשמאַלצ, 1700 גענדז, 800 קאַטשקעס, 2444 הינער און 500 שעפּסנ. די פּויערים פונ א צווייטנ צאַרישנ דאָרפ האָבנ געדאַרפט צאָלנ לייַב-אָפּצאָל מיט געהילצ-אַרטיקלענ: 400 ברעטער ליפּאָווע, 100 קלעצער ליפּאָווע, 200 ברעטער דעמבענע, 200 ברעטער סאָסנאָווע, 400 ברעטער פונ נוסבוימער, קליאָנענע און פונ באַרנבוימער, 400 קלעצער פונ די זעלבע מינימ, 500 צעבערס, 600 פעסלעכ, 1000 מולטערס.

די פויערים אפ די מאָנאַסטירישע ערדנ

און נאָכ מער ווי די וועלטלעכע ערדבאַזיצער האָבנ עקספּלואַטירט זייערע פּויערים די מאָנאַסטירנ. אפ דער מאָנאַסטירישער ערד איז די פאַנשטשינע קעסיידער געוואַקסנ. קעדיי צו פאַרגרעסערנ זייער שעטעכ אַקער־ערד, פלעגנ די מאָנאַכנ פאַרכאַפּנ פּויערשע ערד. דער מאָנאַסטיר פלעגט פאַרכאַפּנ לאָנקעס, וועלדער, די פיש־פאַנג־פּלעצער.

דורכ זייַנע אַגענטנ פלעגט דער מאָנאַסטיר אויפקויפנ טווע און איבערפאַרקויפנ עס פאַר טייַערע פּרייַזנ. די מאָנאַסטירנ האָבנ זיכ שטאַרק פאַרנומענ מיט וווּכערייַ. זיי פלעגנ אויסלייַענ די פּויערים אפ גרויסע פּראָצענטנ געלט און ברויט, אויפמאָנענדיק פאַר דער האַלוואָע גאַנצ אָפּט מער פונ 50 פּראָצענט.

אינ פיל ערטער האָבנ די מאָנאַסטירנ געהאַלטנ אינ זייערע הענט דעם האַנדל. לעמאָשל, איינער פונ די גרעסטע יאַרידנ אפ מיטלוואָלגע פלעגט פאָרקומענ בא די ווענט פונעמ מאַקאַריעווער מאָנאַסטיר. דער האָזיקער יאַריד איז פאַר די מאָנאַכנ געווענ א קוואַל פונ האַכנאָסע. פונ די הענדלער, וואָס פלעגנ זיכ אַהער צונויפקומענ, פלעגט מענ נעמענ אָפּצאָל. די מאָנאַכנ האָבנ פאַרכאַפּט אינ זייערע הענט דעם דורכפאָר איבער דער וואָלגע, און אויכ דערפונ פלעגנ זיי באַקומענ גרויסע סומעס געלט.

די לייַבייגנטימער פאַרכאַפּנ נייַע ערד

קעדיי צו פאַרגרעסערנ זייערע האַכנאָסעס, פלעגנ די לייַבייגנטימער זיכ ניט באַנוגענענ דערמיט, וואָס זיי פלעגנ פאַרשטאַרקנ די עקספּלואַטאַציע פונ די פּויערים אינ יענע ראַיאָנענ, ווו דאָס לייַבייגנטומרעכט איז שוינ געווענ פאַרפעסטיקט. זיי פלעגנ אויכ פאַרכאַפּנ נייַע ערד אינ מיזרעכ און, דערהויפּט, אינ דאָרעמ. דער שוואַרצבאָדניקער דאָרעמ (די דאָרעמ-טיילנ פונ דער איצטיקער צענטראַלער שוואַרצערדישער געגנט) האָט צוגעזאָגט א סאַכ מער האַכנאָסע, ווי דער צענטער, וואָס איז שוינ געווענ אויסגעצערט דורכנ רייַבערישנ באַלעבאַטעווענ פונ די פּריצימ.

אויב די פאַרכאַפּטע ערד פלעגט נאָכ ניט זייַנ באַזעצט, פלעגנ די אייַנפלוס־רייַכע לייַבייגנטימער איבערפירנ אַהינ פּויערימ, אָדער זיי פלעגנ אפילע מיט געוואַלד אָפּנעמענ מענטשנ בא די שוואַכערע ערדבאַזיצער. דער גרויסער באָיאַרינ א. י. ראָמאַנאָוו, וואָס האָט זיכ באַפעסטיקט אינ דער ערשטער העלפט XVII יאָרהונדערט אינ ליעבעדיאַנסקער און יעלעצקער אויעזדנ, פלעגט, לעמאָשל, אָפּנעמענ מיט געוואַלד פּויערים בא די קליינבאַזיצערישע אַדעליקע, קעדיי צו באַזעצנ

זײַנע נײַע גיטער, צעטנויווײַז פלעגנ די ערדבאזיצער אריבערווארפנ די פויערים פונ זייערע צאפנ-גיטער, קעדיי צו באזעצנ זייערע הארעמדיקע מאיאנטקעס.

אויב אפ דער פארכאפטער ערד זײַנענ שוינ געזעסנ פויערים, פלעגנ די נײַע באלעבאטימ זיי פארוואנדלענ אינ לײַבייגענע, אפהענגיקע בא זיי די בעסטע ערד-פלעצער. אינ XVII יארהונדערט איז אזויארום צעריבנ געווארנ די ערד פונ דער מאכנאווא אפנ טײַכ סורא. דעם סאמע טעטיקנ אנטייל אינ דער לײַבייגנטימערישער קאלאניזאציע האבנ גענומענ די מאנאסטירנ.

הייסט דאס, אז דאס **לײַבייגנטומ איז אינ XVII יארהונדערט געוואקסנ** ווי אינ דער טיפ אזוי אינ דער ברייט.

דאס אנטלויפנ פונ די פויערים אונ זייערע אופשטאנדנ

אפ דער פארשטארקונג פונ דער עקספלואטאציע פלעגט האב פויערטומ ענטפערנ מער פונ אלצ מיט אנטלויפנ. געלאפנ איז מענ אפנ דאנ, יאיק (אוראל), צו די קאזאקנ. פיל פויערימ האבנ געבונטעוועט קעגנ די פריצימ, באזונדערס האבנ זיכ פארשטארקט די פויערימ-אומרוענ אינ די 50-ער אונ 60-ער יארנ פונ XVII יארהונדערט. אינ דעמ צארישנ באפעל פונ 1658 יאר ווערט געזאגט: „ס'איז אונדז באוווסט געווארנ, אז די מענטשנ (כאלאפנ) אונ די פויערימ רויבנ די אדעליקע אונ די פארשיידענע דינסטלײַט, רויבנ זייער פארמעגנ, פארברענענ זייערע הײַזער, אונ אייניקע פונ זיי אונ די פרויענ אונ קינדער זייערע שלאגנ זיי ביז צומ טויט; רויבנדיק די פריצימ זייערע, אנטלויפנ זיי אונ לעבנ אנטלאפענע.

ניט געקוקט אפ דעמ, וואס מע פלעגט זיכ מיט די פויערימ אכזאריעסדיק אפ-רעכענענ, האבנ די פויערשע באוועגונגענ ניט אופגעהערט. ביז 1670 יאר האבנ זיי געטראגנ אנ ארטיקנ כאראקטער. אינ 1670 יאר האט זיכ צעפלאקערט א נײַע פוי-ערימ-מילכאמע.

פראגעס:

וועלכע גרופעס ערדבאזיצער האט באזונדערס געשטרעבט צו דערשלאגנ זיכ, מע זאל אפשאפנ דעמ אויסשפיר-טערמינ בענעגייע די אנטלאפענע פויערימ? פארוואס?

ווי האט זיכ אינ XVII יארהונדערט געענדערט די פאנשטשינע אונ דער לײַב-אפצאל?

פארוואס זײַנענ געוואקסנ די פויערשע פליכטנ?

פארגלײַכט די פויערשע פליכטנ פונ XVII יארהונדערט מיט דער לאגע פונ די פויערימ אינ XIII—XIV יה.

ווי איז געוואקסנ דאס לײַבייגנטומ אינ דער ברייט?

דערווײַזט, אז די ווירטשאפט פונ די פריצימ, אפילע פונ די גרויסע, האט גע-טראגנ דערהויפט א נאטורעלנ כאראקטער.

49. די שטעט אונ די שטאטישע אופשטאנדנ אינ XVII יארהונדערט

דאס לײַבייגנטומ אלס טארמאז פאר דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג

די פארטיפערונג פונ דער לײַבייגנטימערישער עקספלואטאציע האט טארמאזירט די אנטוויקלונג פונ דער פויערשער ווירט-שאפט. די פויערטימ-מאסע איז געווענ געצווונגענ אפצוגעבנ דעמ גאנצנ מער-פראדוקט (אונ אמאל אויכ א טייל פונ דעמ נויטווענדיקנ) דעמ פארעצ. אויב דער פארארעמטער פויער

פלעגט וועג־עס־איז יאָ ארויסטראָגנ זײַנע פראָדוקטנ אפנ מארק, פלעגט ער דאָס טאָנ ניט דערפאַר, ווײַל ער האָט געהאַט צופיל פראָדוקטנ, נאָר דערפאַר, ווײַל ער האָט געדאַרפט צאָלנ לײַב־אָפּצאָל אונ טשינש דער מעלוכע. אלײנ האָט דער פויער געלעבט אינ הונגער, אָבער ער פלעגט פארקויפנ ברויט אונ שמאַלצ.

קויפנ עפּעס־וואָס אפנ מארק האָט דער פויער ניט געהאַט קײנ מעגלעכקײט. אכוצ זאַלצ אונ אײַזנ־ארטיקלענ פלעגנ די פויערים גאָרניט ניט קויפנ. די ווירט־שאַפט איז אלצ געבליבנ א נאַטורעלע.

די אָרעמקײט פונ דעם בארויבטנ פויערטום האָט פארמאַזירט די אנטוויקלונג פונ דער האַנטווערקערײַ, וואָס האָט ניט געקאָנט געפינענ אינ לאַנד גופע קײנ באַ־דײַטנדיקנ אָפּזאַצ־מארק פאַר איר פראָדוקציע.

„ניט פארגינענדיק זיכ אלײנ כאָטש דאָס מינדסטע, — האָט געשריבנ אײנער אַנ אויסלענדישער באַאָבאַכטער וועגנ די רוסישע פויערים פונ סאָפ XVI יאָרהונ־



מאָסקווער האַנטווערקער

דערט, — פארקויפנ זײ די פראָדוקטנ פונ זײער ווירטשאַפט די שכײנישע שטאָט־בירגער אונ אלײנ באַנוגענענ זײ זיכ, צוזאַמענ מיט זײערע פרויענ אונ קינדער, מיט שוואַרצ ברויט, טוענ זיכ אָנ אינ גראָבנ געוואַנט אונ מאַכנ זיכ אלײנ שוכ־וואַרג פונ האָלצ־קאָרע, קעדײַ ניט אָנקומענ צו דער א ר ב ע ט פ ו נ ע ם ש ו ס ט ע ר". די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק קאָנ מענ פולשטענדיק אָנ־ווענדנ אויכ צו די פויערים פונ XVII יאָרהונדערט.

די דיפערענציאַציע פונעמ פויערטומ אינ XVII יאָהונדערט

אויב די פויערטומ־מאַסע איז אַלצ מער פאַראָרעמט געוואָרנ און האָט געלעבט אַ האַלב הונגעריק לעבנ, פלעגט זיכ אייניצלנע פויערימ אײַנגעבנ, דורכ עקספּלואַטירנ די אָרעמשאַפט, אויפצוהייבנ זייער ווירטשאַפט. אינ XVII יאָרהונדערט לאָזט זיכ שוינ מערקנ אַ דיפערענציאַציע פונעמ פויערטומ אפילע אינ די ריינ לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַיאָנענ. בײַ איינעמ פונ די פריצימ פונ דער צענטראַלער געגנט געפינענ מיר שוינ אַזעלכע פויערימ, וואָס פאַרמאָגנ אינ זייער הויפווירטשאַפט: „4 פערד, אַ יונג פערד, 5 קי, 3 קעלבלעכ, 12 שעפסנ, איינ כאַזער; אָדער 9 פערד, 5 קי, 2 קעלבלעכ, 20 שעפסנ אונ 10 כאַזיירימ; אונ דאָ דערנעבנ



מאָסקווע אינ XVII יה. (אָלעאַריוסעס פּלאַנ), *A*—דער קרעמל, *B*— קיטײַגאָראָד

זײַנענ פאַראַנ פויערשע הויפנ, וו ס'איז פאַראַנ אײַנגאַנצנ איינ כאַזערל, אונ מער קיינ בעהיימעס זײַנענ ניטאָ". אָדער „קיינ פי איז ניטאָ אַכוצ אַ 4—5 הינדלעכ".

נאָכ שטאַרקער איז געגאַנגענ די דיפערענציאַציע אינ די געווערב־ראַיאָנענ. דער הויפט־קוואַל פונ באַרײַכערונג פאַרנ אויבערשיכט פונעמ פויערטומ איז געווענ, דערהויפט, ניט די ערדאַרבעט. די רײַכע פויערימ פלעגנ האַלטנ מילנ, זיי פלעגנ אָפדינגענ דעמ מײַרעוו־אַריבערפיר, די שענקענ אונ, דערהויפט, פלעגנ זיי האַנדלענ מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטנ. אינ דעמ געזעצבוכ פונ 1649 יאָר איז דאָ אפילע

א ספּעציעלער ארטיקל וועגנ פארבאָטנ די פויערימ צו האָבנ אינ די שטעט קלייטנ אונ קעלערס (ווײַזט אויס, אז אזעלכע זײַנענ געווענ).

אָבער דעמ וווקס פונ דער אופקומענדיקער דאָרפישער בורזשואַזיע האָט געשטערט דער לײַבייגנטומ-שטייגער. אינ א בעסערער לאַגע האָט זיכ געפונענ דאָס פויערטומ פונ יענע געגנטנ, ווו ס'איז ניט געווענ קיינ אדעליקער ערדבאַזיצ (צומ בײַשפּיל, אינ צאָפנ-רוסלאַנד).

דער וווקס פונ דער האנטווערקערײַ אינ דאָרפ

צווישנ די דאָרפישע סכוירעס, וואָס גייענ סײַ פארנ איגער-לעבנ, סײַ פארנ אויסערלעכנ מארק, הייבט אָנ אינ XVII יאָרהונדערט פארנעמענ אלצ א גרעסערנ אָרט די פּראָדוקציע פונ דער דאָרפישער האנטווערקערײַ. אפנ מאקאַריעווער יאריד פלעגט מענ צוזאמענ מיט לאנדווירטשאפטלעכע סכוירעס ברענגענ ליסקעווער לײַוונט, קערזשענעצער הילצערנ געפעס, טראנסוואָלגער היט אונ וואַליקעס, מוראַשקינער הענטשקעס אונ פעלצנ.* אינ א רײַ דערפער פונ דער צענטראַלער געגנט האָט זיכ אנטוויקלט די האנטווערקערײַ. אייניקע דערפער האָבנ באקומענ דעמ כאראקטער פונ אינדוסטריעלע צענטערס, וואָס פלעגנ אויסארבעטנ סכוירעס פארנ ווײַטנ מארק. אינעמ דאָרפ פאַוולאָווע (ניזשני-נאָווגאָראָדער קאנט) איז אינ אָנהייב XVII יאָרהונדערט געווענ 64 קלייטנ. „ניט-אקער"-הויפנ איז אינ פאַוולאָווע געווענ העכער א העלפט פונ דער גאנצער צאָל הויפנ פונ דאָרפ (56 פּראָצענט).

אינ XVII יאָרהונדערט האָבנ זיכ אויסגעבילדעט גרויסע ראַיאָנענ פונ דער קוסטארישער אינדוסטריע, וואָס האָבנ אײַנגעהיט זייער באדײַטונג ביזנ XX יאָרהונדערט. די וועבערײַ אינ שויער ראַיאָנ, שוסטערײַ אינ קימרי, שלעסער-אונ מעסערס-אויסארבעטונג אינ פאַוולאָווע, האָלצבאארבעטונג אינ וולאדימירער ראַיאָנ, די פּראָדוקציע פונ איקאָנעס בא די סוזדאַלער מאָלער אונ א רײַ אנדערע צווייגנ פונ דער קוסטארישער אינדוסטריע האָבנ באקומענ א גרויסע באדײַטונג אינ דער מאָסקווער ווירטשאפט.

די האנטווערקערײַ אינ שטאָט

לאנגזאמער האָט זיכ אנטוויקלט די האנטווערקערײַ אינ שטאָט. אינ דער מערהײַט שטעט פלעגנ די אָרטיקע האנטווערקער ארבעטנ פארנ שמאָלנ מארק, גאנצ אָפט אפילע דירעקט פארנ באשטעלער. כאראקטעריסטיש, אז צווישנ די שטאָטישע האנטווערקער איז די סאמע באדײַטנדיקע גרופּע געווענ די, וואָס פלעגנ זיכ באשעפטיקנ מיט אויסארבעטנ דערנערונג-ארטיקלענ (ברויט-בעקער, געבעקס-בעקער, קוואס-מאַכער, קאצאָווימ אונ אנד.).

אינ די שטאָטישע קלייטנ זײַנענ די מערסטע פּראָדוקטנ געווענ ניט פונ דער שטאָטישער נאָר פונ דער דאָרפישער פּראָדוקציע.

בלויז אינ אייניקע שטעט האָט זיכ אינ XVII יאָרהונדערט ברייט פאנאנדערגעוויקלט די האנטווערקערײַ פארנ ברייטנ מארק. די פּראָדוקטנ פונ די טולער שמידנ, פונ די קאָסטראָמער אונ יאראָסלאווער לעדערני-

* ליסקאָוואָ אונ מוראשקינאָ — גרויסע דערפער אינ מיטל-וואָלגע. קערזשענעצ — א בײַטײַכ פונ וואָלגע.

קעמ, פונ די קאזאנער זייפמאכער פלעגנ אפגעזעצט ווערנ וויט פונעמ אָרט, ווו מע פלעגט זיי פראָדוצירנ.

די ערשטע שריט פונ דער גרויס־אינדוסטריע

וו-ניט־ווו האָט אָנגעהויבנ אופקומענ אויכ א גרויס־אינדוסטריע. לעבנ טולע האָט דער אויסלענדער ווינוס אויסגעבויט אינ 1632 יאָר א זאוואָד „אפ צו מאכנ פונ אײַזנ-ערצ טשוהונ אונ אײַזנ, גיסנ הארמאטנ, הארמאטנ־קוילנ, קעסלענ, שמידנ ברעטער אונ פרענטעס“.
אינ 1651 יאָר האָט דער באוווסטער באָיארינ מאָראָזאָוו געשריבנ: „פונ יענער זײַט גרענעצ איז א מײַסטער פונ ערצ-ווענז געקומענ צו פאָרנ, וואָס שמידט מיט וואסער אײַזנ אינ א מיל, אונ איצט אָרדנט ער אײַנ בא מיר אפנ מיל אינ פאוולאָווסק אנ ארצערײַ“.

אינ דעמ צארישנ דאָרפ איזמײַלאָווא איז אויסגעבויט געוואָרנ א גלאָז-זאוואָד. עס איז אויסגעבויט געוואָרנ א פאפיר־„מיל“, א סאמעט-פאבריק, א געוואַנט-פאבריק. גרויסע אונטערנעמונגענ זײַנענ אויכ געווענ די זאלצ-גריבער אפנ ווײַטנ צאָפנ אונ אפ די פאָרבערג פונ אוראל און די שוינ דערמאָנטע פאָטאש-זאוואָדנ.

אָבער די אלע אונטערנעמונגענ פלעגנ ארבעטנ דער'הויפט ניט פארנ מארק, נאָר פאר דער מעלוכע אונ פארנ צאר (דער איזמײַלאָווער זאוואָד, למשל, פלעגט אויסארבעטנ געפעס בלויז פארנ קייסערלעכנ הויפ), געארבעט אינ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ האָבנ דער'הויפט לײַביגענע פויערימ.

וווקס פונעמ האנדל אינ XVII יאָרהונדערט

די אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע האָט געבראכט צו א ספעציאַליזאציע פונ באזונדערע ראיאָנענ פונ דער מאָסקווער מעלוכע. ס'האָט זיכ פארשטארקט די „געאָגראפישע ארבעט-צעטיילונג צווישנ באזונדערע געגנטנ. די דאָזיקע געאָגראפישע צעטיילונג האָט זיכ געלאָזט מערקנ נאָכ אינ XVI יאָרהונדערט. איצט ווערנ שוינ באדײַטנדיקע מאסנ סכוירעס אריבערגעשיקט פונ אײנ ראיאָנ פונ דער מעלוכע אינעמ אנדערנ, אָפטמאָל פאר 1000 קילאָמעטער ווײַט.

אינ רעזולטאט פונ דער אנטוויקלונג פונעמ האנדל האָט זיכ פארשטארקט דער סאָכרישער קאפיטאל. דער קלײנער אופקויפער האָט אָנגעהויבנ ארײַנדרינגענ אינ דאָרפ, ער פלעגט צונעמענ די סכוירעס באמ קוסטאר, וועלכער פלעגט ארײַנפאלנ אינ אָפהענגיקייט צומ הענדלער. אָבער דער קלײנער אופקויפער איז אלײנ אויכ געווענ אָפהענגיק פונ דעמ גרויסנ הענדלער.

דער הורט־האנדל האָט זיכ געפונענ אינ די הענט פונ רײַכע סאָכרימ — „געסט“. אינ דעמ האנדל האָט גענומענ א גרויסנ אָנטייל דער צאר אלײנ אונ אויכ די מאגנאטנ, וואָס זײַנענ געווענ נאָענט צו אימ. דער צאר איז געווענ ניט נאָר דער ערשטער לײַביגנטימער, נאָר אויכ דער ערשטער סוחער אינ זײַנ מעלוכע. זײַנע אגענטנ זײַנענ געווענ די גרעסטע סאָכרימ.

די סאָכרימ האָבנ געהאלטנ אינ די הענט אויכ דעמ אויסגעוואָקסענעמ אויסער־לעכנ האנדל.

אינ XVII יאָרהונדערט האָט זיכ באזונדערס פארשטארקט דער האנדל דורכנ ווײַסנ יאמ מיט די צוויי פאָרגעשריטענע לענדער פונ מײַרעוו־אייראָפע — מיט ענגלאנד אונ האָלאנד. דעמ האנדל האָט מענ געפירט קימאט אויסשליסלעכ מיט פראָדוקטנ פונ פויערשער ארבעט. רוסלאנד פלעגט ארויספירנ יוכט, שמאלצ, אײַזנ — טוווע,* פוטערוואַרג, לײַנ אונ לײַוונט, וואלד, פעכ, האנפ, ראָגוזשע, פאָ־

* אינ מײַרעוו־אייראָפע, א רויִנירטע פונ די לאנגדויערנדיקע מילכאָמעס פונ דער ערשטער העלפט XVII יהי (די אַג. 30-יאָריקע מילכאָמע), האָט זיכ באוויזנ א נאָכפרעג אפ טוווע.

טאַש. אַנשטאָט די דאָזיקע האַרפּישע סכוירעס פֿלעגט רוסלאַנד צוריק באַקומענ געוואַנטנ, סאַמעט, אײדעלע לײַוונטנ, ווײַנענ, קאָלאָניאַלע סכוירעס אונ אַנדערע לוקסוס־זאַכנ (צו באַפֿרידיקנ די באַדערפֿעניש בלויז פֿונ דעמ אויבערשיכט פֿונ דער געזעלשאַפֿט).

דער האַנדל מיט אַ סאַך זאַכנ איז געווענ אַ מאָנאָפּאָל (אויסשליסלעכ רעכט דערויף) פֿונ דעמ צאַר אונ זײַנע „געסט”. עס איז, לעמאָשל, מאָנאָפּאָליזירט געוואָרנ דער האַנדל מיט פּערסישנ זײַד. דער צאַר, ווי אײנער אַנ אויסלענדער דערצײלט, „בײַט אויס דורכ זײַנ אויפֿקויפֿער זײַד פֿונ דער פּערסישער מעלוכע אויפֿ געוואַנטנ, קופּער, סויבלענ אונ גאָלד, אונ קעדײ צו באַקומענ פֿונ דעמ נאָכ מער רעווע, איז אַלע סאָכרימ פֿאַרבאָטנ געוואָרנ צו האַנדלענ אינ פּערסיע מיט די דאָזיקע סכוירעס”. מיטנ זעלבנ צוועק איז אויכ מאָנאָפּאָליזירט געוואָרנ דער האַנדל מיט טווע אונ מיט קאַוויאַר („איקראַ”). דער מאָנאָפּאָל־האַנדל איז געווענ פֿאַר די סאָכרימ אײנער פֿונ די גרעסטע קוואַלנ פֿאַר באַרײַכערונג. אײניקע „געסט” האָבנ געמאַכט קאָלאָסאַל גרויסע פֿאַרמעגנס (אַפֿ אונדזער געלט ביז אַ מיליאָנ רובל).

דער „גאַסט” גוריעוו האָט אַפֿ די אוראַלער פֿישפֿאַנגערײַענ געמאַכט אַזאַ פֿאַרמעגנ, אַז ער האָט געהאַט די מעגלעכקײט אויסצובויענ אַ „געמויערטע שטאָט” אַפֿ אוראַל, וואָס האָט איממ אָפּגעקאָסט העכער 200 טויזנט זילבערנע רובל. פֿאַר 27 יאָר האָט ער אַרײַנגעטראָגנ אינ דער מעלוכישער קאַסע שטײַערנ אַפֿ אַ סומע פֿונ 500 טויזנט רובל.

די באַדײַטונג פֿונעמ סאָכרישנ קאַפּיטאַל

דער סאָכרישער קאַפּיטאַל פֿלעגט אַרויסטרעטנ אַלס דירעקטער עקספּלואַטאַטער פֿונ די באַפֿעלקערונגס־מאַסנ, דערהויפּט אינ די צאָפֿנדיקע אונ מיזרעכדיקע ראַנד־געגנטנ פֿונ דער מעלוכע, וווּ עס איז ניט געווענ אַנטוויקלט דער אַדעליקער ערדבאַזיץ. ער האָט באַראַבעוועט דאָס „שוואַרצע” פּויערטומ פֿונ צאָפֿנ־אײראָפּעיִשנ רוסלאַנד אונ די פּיציכטלערישע אונ יעגערישע פֿעלקערשאַפֿטנ פֿונ טראַנסוואָלגע אונ סיביר.

די ראָליע פֿונעמ סאָכרישנ קאַפּיטאַל האָט זיכ אָבער ניט באַגרענעצט בלויז מיטנ ראַבעווענ די קאָלאָניעס; ער האָט געהאַט אַ גרויסע באַדײַטונג אויכ אינ צענטער. ער פֿלעגט עקספּלואַטירנ די פּויערימ, ווענ זײ פֿלעגנ אַרויסטראָגנ אַפֿנ מאַרק די פּראָדוקטנ פֿונ זײער לאַנדווירטשאַפֿט אונ האַנטווערקערײַ; ער האָט גע־הערשט איבער די שטאָטישע האַנטווערקער, ווענ זײ פֿלעגנ אַרבעטנ פֿאַרנ ברײטנ מאַרק.

באַקומענדיק אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג אינ דער ווירטשאַפֿט פֿונ לאַנד, האָט דער האַנדל־קאַפּיטאַל אינ דער מאָסקווער מעלוכע פֿונ XVII יאָרהונדערט ניט געשאַפֿנ קײנ נײַעמ פּראָדוקציע־אויפֿנ. ער פֿלעגט זיכ באַנוגענענ דער־מיט, וואָס ער פֿלעגט עקספּלואַטירנ די קלײנע פּראָדוצירער. דעריבער פֿלעגט זיכ דער סאָכרישער קאַפּיטאַל זײער גוט אײַנלעבנ מיטנ לײַביגנטומ־שטײגער. ער איז געווענ אַ טרײַער פֿאַרבינדעטער פֿונ דעמ פֿאָרעץ — דעמ לײַב־אײגנטימער. ער פֿלעגט העלפֿנ דעמ פּאָרעץ עקספּלואַטירנ די אַרבעטנדיקע אונ קאָנסערווירנ די פֿעאָדאַל־לײַבאײגנטימערי־שע פֿאַרהעלטענישנ.

אָט אַזוי האָט זיכ צוגלײַכ מיט דעמ אַלטנ עקספּלואַטאַטער—

דעמ לײַבייגנטימער — ארויסגערוקט א נײַער — דער סוי־כער — ד'ער מאנאפאליסט.

מאסקווע אינ XVII יארהונדערט

דער גרעסטער האנדל-צענטער פונ דער מאסקווער מעלוכע איז געווענ די שטאט מאסקווע, וואס האט קאנצענטרירט בא זיכ אומגעפער א דריטל פונ דעמ גאנצנ אומזאצ אינ לאנד. די מאסקווער „געסט" האבנ געהאלטנ אינ זייערע הענט דעמ האנדל מיט די וויכטיקסטע סכוירעס אינ גאנצנ לאנד. אינ צוזאמענהאנג מיט דער אנטוויקלונג פונעמ האנדל איז מאסקווע געווארנ א גרויסע שטאט.

אינ צענטער שטאט האט זיכ געפונענ דער קרעמל, ארומגערינגלט מיט א הויכער געמויערטער וואנט מיט טורעמס. די קרעמל-פעסטונג איז אויסגעשטאט געווארנ פונ אויסלענדישע (דערהויפט איטאליענישע) מײַסטערס. אינעמ קרעמל געפינענ זיכ די געמויערטע געבײַדעס פונ פאלעצ, קלויסטערס, רעגירונג-אנשטאלטנ.

ארומ דעמ קרעמל האט זיכ רינגנווײַז אויסגעשפרייט א הילצערנע שטאט.

די פארשטעט (סלאבאדעס) פונ די האנטווערקער — שמידנ, טעפער, יוועלירנ —

מאסקווער גאסנ אינ XVII יה. (לויט אלעאריוסנ)

זײַנענ געווענ אײנע פונ דער אנדערער אפגעטײלט מיט גרויסע גערטנער-פלעצער אונ פאשע-ערד. די באיארישע הויפנ מיט זייערע סעדער האבנ פארנומענ א באדײַטנדיקנ טייל פונ דער שטאט.

אינעמ צענטער פונ מאסקווע האט געקאכט א האנדל-לעבנ. דער צענטראלער פונקט פונעמ דאזיקנ האנדל איז געווענ דער רויטער פלאצ, וואס געפינט זיכ בא די סאמע ווענט פונ קרעמל. דא האבנ זיכ אויסגעשפרייט לאנגע רייענ קלייטנ, פאר יעטווידער סכוירע איר ריי.

דער האנדל אפנ רויטנ פלאצ פלעגט פארקומענ אינ קליינינקע קלייטנ, אדער אפילע אפ טישלעכ אונ אינ קוישנ. אייגער אנ אויסלענדער באמערקט, אז „פונ אײנ אמסטערדאמער קלייט קאנ ארויסקומענ 10 אונ נאכ מער מאסקווער". אונ אמאל פלעגנ זיכ נאכ אינ אזא קלייט געפינענ צוויי זעלבשטענדיקע הענדלער. מערסטנטייל אבער זײַנענ די סאכרימ, וואס האבנ געהאנדלט אינ די דאזיקע קלייטנ, „האלבקלייטנ", „בײַדלעכ" אונ „טישלעכ", געווענ אגענטנ פונ די גרויסע הורט-סאכרימ.

זיי זײַנענ געווענ אפהענגיק פונ די מאסקווער „געסט" אדער פונ די מאנאס-טירנ, וואס פלעגנ ברענגענ זייערע גאסט-הייזער („פאדוואריע") פארשיידענע סכוי-רעס פונ זייערע גיטער אפ צו פארקויפנ אינ מאסקווע. אפילע דער צאר האט געהאט זײַנע „בײַדלעכ" אינ „גאסטיני דוואר" (גאסט-הויז).

פאַרשאַרפונג פון די קלאַסן־ווידער־שפּרוכן אין שטאָט

דער גרויסער סאָכרישער קאַפּיטאַל האָט גרויזאַם עקספּלואַטירט דעם קליינעם פּראָדוצירער און דעם קליינעם הענדלער. די „געסט" פלעגן אויסנוצן זייער מאָנאָפּאָל־לאַגע און איינשטעלן די פּרייזן אויף עקספּאָרט־סכוירעס. זיי פלעגן זיך פאַרנעמען מיט טוווע־ספּעקוליאַציע, אויפהייבנדיק די פּרייזן. די „געסט" פלעגן אויסנוצן זייער רעכט צו קויפן די ערשטע און פלעגן אָפּקלייבן פאַר ביליקע פּרייזן די נייטיקע סכוירעס, אָפּשטויסנדיק די קליינהענדלער.

דעריבער האָט מען אין די שטעט געטראָגן א גרויסע סינע אויף די „געסט". א אינפאָרמירטער אויסלענדער האָט געשריבן: „ס'איז דאָ א גרונט מוירע צו האָבן, אַז אויב עס וועט וועגן פאָרקומען א בונט, וועט דער שוואַרצער האַמוין אַראָפּדרייען די העלדזער אַלע „געסט".

די שטייערן און אָפּצאָלונגען

דער מאָנאָפּאָל־האַנדל איז אָבער געווען ניט דאָס איינציקע מיטל צו באַרויבן די שטאָטישע באַפעלקערונג. איינע פון די וויכטיקסטע סיבעס פון דער פאַראָרעמונג פונעם שטאָטישן יִשעוו איז געווען די אומגעהייער שווערע לאַסט פון די שטייערן — סיי פון די דירעקטע, סיי פון די אומדירעקטע. די שטייערן פלעגן פאַרטיילן די פּניי פון שטאָט און פאַלן פלעגן די שטייערן מיט דער גאַנצער לאַסט אויף די אונטערשטע מאַסן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. דעם ניט־צאָלער פלעגט דראָען אַן אַכזאָריעסדיקע שטראָף — מע פלעגט אים אַזוי לאַנג שלאָגן מיט שטעקנס, ביז ער פלעגט אָפּצאָלן.

די שטאָטישע באַפעלקערונג פלעגט רויִנירט ווערן אויך אַראַנק די מילצאָליקע שענקען. קעדיי צו פאַרגרעסערן אירע מיטלען, פלעגט די רעגירונג האַנדלען מיט בראָנפן. אין די „צאַרישע שענקעס" פלעגט מען איינשיקערן דעם עוילעם. און לויט א באַפעל פלעגט מען די שיקורים „פון די שענקען ניט אָפּטרייבן". די שטייערן פלעגן אָפּגעגעבן ווערן אין אַרענדע די מאָסקווער גווירים, וואָס פלעגן דערפון האָבן קאָלאָסאַלע רעוואָכים.

צו דער שטייערן־לאַסט איז נאָך צוגעקומען דער רויב מיצאַד די מאַכט־אָרגאַנען. „מיר זיינען ביז גאָר פאַראָרעמט געוואָרן איבער דיינע צאַרישע וואָיעוואָדעס", פלעגן זיך קלאָגן פאַרן צאַר די האַנדל־לייט. דעם וואָיעוואָדע, וואָס פלעגט צוגעשיקט ווערן אויף רעגירן, האָט מען געדאַרפט „קאָרמענען".

און וואָס עס הייסט „קאָרמענען", דאָס דערקלערט גוט פאָלגנדיקער פראַגמענט פונעם הויצאָע־בוך פון איינעם א סטאַרעסטע: „געגאַנגען צום וואָיעוואָדע, געטראָגן א ברויט און קאַלאַטש פאַר 2 אַלטין, און פלייש א זאַדעק א רינדערנעם פאַר 26 אַלטין 4 דענגעס, און א כאַזער פאַר א רובל, און א באַראַן פאַר 13 אַלטין, געלט 3 רובל; דעם פּלימעניק זיינעם א רובל, דעם צווייטן פּלימעניק 10 אַלטין; דער באַיאַרינע (דעם וואָיעוואָדעס ווייב) א רובל, דעם הויפּט־פּראַוואַלטער — 21 אַלטין, אַלע הויפּ־מענטשן — 21 אַלטין, דעם געשעפט־פירער א ברויט און א קאַלאַטש, מיט געלט 2 א האַלבן רובל, דער ווייב זיינער 16 אַלטין, צוויי פּלימעניקעס — 1 רובל". (ווייטער גייען אויסגערעכנט אַלע דינער, וואָס זיי אַלעמען האָט מען געגעבן געלט). אָט די זשעדנע באַנדע האָט דורשטיק געקוקט אין האַנט אַריין יעדערן, וואָס עס האָט זיך געווענדט צו איר.

אויך אין די מאָסקווער „פּריקאַזן" (אַזוי האָבן געהייסן די העכסטע רעגירונג־אַנשטאַלטן פון דער מאָסקווער מעלוכע) האָט מען קיין זאַך ניט געקאָנט מאַכן

אַנ כּאַבאַר. עמעס, די רעגירונג האָט געדראָעט מיט האַרבע שטראָף פאַר כּאַבאַר נעמענ, אָבער דערשלאָגנ האָט זי זיכ בלויז, אַז מע האָט אופגעהערט נעמענ כּאַבאַר אינ אַנשטאַלט גופע אונ מע פלעגט נעמענ „דורכ דער הינטערטיר, דורכנ ווײַב אָדער דורכ אַ טאָכטער, אָדער דורכ אַ זונ, דורכנ ברודער אָדער דורכ אַ מענטשנ".

די שטאָטישע אופשטאַנדנ פונ XVII יאָרהונדערט

די שטאָטישע באַפעלקערונג, וואָס איז געווענ עקספּלואַטירט פונ די מאָנאָפּאָליסטנ, אונטערדריקט אונ באַרויבט פונ די מאַכט־אָרגאַנענ, האָט ניט איינמאָל געפּרווט אופהייבנ אַנ אופשטאַנד. אינ 1648—1650 יאָר האָט זיכ דורכגעקײַקלט אַ כוואַליע אומרוענ אינ אַ רײ שטעט (מאָסקווע, קאָזלאָוו, וואָראָנעזש, קורסק, אוסטיוג, וועליקי, סאָלאָוויטשעגאָדסק, פּסקאָוו, נאָווגאָראָד, טאָמסק אונ אַנד.). די דאָזיקע באַוועגונג איז אַרויסגערופנ געוואָרנ הויפּטזאַכלעכ דורכ דעמ, וואָס מע האָט אײַנגעפירט אַ שווערנ זאַלצ־שטײַער, אינ 4 מאָל אַ גרעסערנ, ווי פריער. מע האָט זיכ אופגעהויבנ קעגנ די באָיאַרנ, קעגנ די באַאַמטע אונ די גרויסע סאָחרימ. באַזונדערס שטאַרק איז די באַוועגונג געווענ אינ מאָסקווע. דאָ האָבנ די אופגעשטאַנענע דערהאַרגעט עטלעכע פאַרהאַסטע באַאַמטע. די מאָסקווער האָבנ זיכ אויכ געוואָלט אָפּרעכענענ מיטנ הויפּט פונ דער רעגירונג, מיטנ באָיאַרינ מאָראָזאָוו, וואָס האָט רעגירט אינ נאָמענ פונ דעמ יונגנ צאַר (אַלעקסיי). עס האָט זיכ קוימ אײַנגעגעבנ צו ראַטעווענ דעמ צאַר, אַרויסשיקנדיק אימ פונ מאָסקווע אינ אַ ווײַטנ מאָנאַסטיר.

אינ פּסקאָוו האָבנ די אופגעשטאַנענע אונטערשטע שטאָטישע מאַסנ אינ 1650 יאָר פאַרכאַפּט די מאַכט אינ זייערע הענט אונ האָבנ עטלעכע כאָדאָשימ אָנגעפירט מיט דער שטאָט. די פּסקאָווער רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנענ הויפּטזאַכלעכ פונ שטאָטישנ קליינבירגערטומ, האָט קאָנפיסקירט די ברויט־רעזערוונ בא די אָרעמליקע. אינ פאַרלויפ פונ 3 כאָדאָשימ האָבנ זיכ די פּסקאָווער פאַרטיידיקט קעגנ דעמ צוגעשיקטנ מאָסקווער מיליטער.

נאָכ אַ גרעסערער אופשטאַנד האָט זיכ צעפלאַקערט אינ מאָסקווע אינ די 60־ער יאָרנ פונ XVII יאָרהונדערט. דער דאָזיקער אופשטאַנד איז פאַרבונדנ מיט דער מילכאָמע מיט פוילנ (פאַר אוקראַינע), וואָס האָט זיכ פאַרצויגנ. קעדיי אַרויסצובאַקומענ געלט פאַר דער נײַער מילכאָמע, האָט די רעגירונג פאַרגרעסערט די אַלטע שטײַערנ אונ אײַנגעפירט נײַע. די רעגירונג האָט אויכ אָנגעהויבנ אַרויסצולאָזנ קופּער־געלט אַנשטאָט זילבער־געלט (דאָס הייסט, זי האָט אָנגעהויבנ קאָליע מאַכנ מאַטבייעס). ס'איז אַרויסגעלאָזנ געוואָרנ אַזויפיל קופּער־געלט, אַז דער פרײַז פונעמ געלט האָט אָנגעהויבנ פאַלנ. פאַר אַ רובל זילבער פלעגט מענ געבנ 15 רובל קופּער. די רעגירונג פלעגט נעמענ בא דער באַפעלקערונג נאָר זילבער־געלט, אונ אַלײנ פלעגט זי צאָלנ נאָר מיט קופּער. עס זײַנענ געשטיגנ די פרײַזנ אַפ אַלע סכוירעס. באַזונדערס האָבנ דערפונ שטאַרק געליטנ די אונטערשטע שטאָטישע מאַסנ, אונ רײַכ געוואָרנ זײַנענ דערפונ די, וואָס האָבנ זיכ געדרייט באַמ שיסל: דעמ צאַרס שווער, עטלעכע גרויסע באָיאַרנ אונ „געסט" האָבנ געשלעפּט אַפנ מינצ־הויפ זייער קופּער אונ פלעגנ דאָרט איבערשמעלצנ זייערע לײַכטער, קעסלענ אונ סקאָווראָדעס אינ געלט.

זומער 1662 יאָר איז אינ מאָסקווע אויסגעבראָכנ אַנ אופשטאַנד. אינ פיל

ערטער פונ שטאָט זײַנענ אױסגעהאַנגענ געװאָרנ אױפרופנ, װאָס האָבנ גערופנ צו אַנ אַרױסטרעטונג קעגנ די גרױסע באָיאַרנ און די „געסט". א האַמױנ קלײנע שטאָטבירגער האָט זיכ אַװעקגעלאָזנ צום צאַר קײנ קאָלאָמענסקאָיע (א בײַשטאָטיש צאַריש דאָרפ לעבנ מאָסקװע). לעכאַטכילע האָט דער איבערגעשראָקענער צאַר צוגעזאָגט באַטראַכטנ דעמ איניענ, און דער האַמױנ האָט זיכ געלאָזט צוריק קײנ מאָסקװע. אױפנ װעג האָט ער באַגעגנט א נײַעמ האַמױנ, װאָס איז געגאַנגענ קײנ קאָלאָמענסקאָיע. אומקערנדיק זיכ צוריק קײנ קאָלאָמענסקאָיע, האָבנ זײ מיט אימ גערעדט, װי אײנער פונ זײער צײַט דערצײלט, „בײז און גראָב, מיט דראָונגענ". װײַטער, זאָגט פאָר דער זעלביקער כראָניק-שרײַבער „האָט דער צאַר, דערװיסנדיק זיכ, אַז די שיסער* זײַנענ געקומענ אינ יִישעװ אימ צו הילפ, אָנגעהױבנ שרײַענ און האָט געהײסנ שלאָגנ און האַקנ ביזנ טױט די מענטשנ, און כאַפנ זײ לעבעדיקערהײט. דער אומבאַװאָפנטער האַמױנ איז זיכ ניט צעלאָפנ, עס זײַנענ דערהאַרגעט און פאַרהאַלטנ געװאָרנ 7 טױזנט מאַנ. דעמ זעלבנ טאָג האָט מענ אױפגעהאַנגענ 100 מאַנ, אַנדערע האָט מענ באַנאַכט דערטרונקענ אינ דעמ טײַכ מאָסקװע, פיל פונ זײ האָט מענ פאַרשיקט אינ פאַרשײדענע שטעט.

די פילצאָליקע שטאָטישע אױפשטאַנדנ פונ XVII יאָרהונדערט זײַנענ א באַװײַז, אַז עס האָבנ זיכ פאַרשטאַרקט די קלאַסנ-װידערשפרוכנ אינ שטאָט. אָבער די מאַסנ שטאָטישע אױפשטענדלער זײַנענ ניט געװענ אימשטאַנד צו פאַרבינדנ זיכ מיט אַנדערע שטעט. די דאָזיקע באַװעגונג איז אױכ ניט אונטערגעהאַלטנ געװאָרנ מיצאַד דעמ פױערטומ. דעריבער האָבנ די לײַבײגנטימער און די גרױסע סאָכרימ באַװיזנ אָנ באַזונדערער מי צו דערשטיקנ די אױפשטאַנדנ.

א סאַכ געפערלעכער פאַר דער לײַבײגנטימערישער מעלוכע זײַנענ געװענ די פױערימ-מילכאָמעס.

פ ר א ג ע ס:

אינ װאָס האָט זיכ אױסגעדריקט דער נאַטורעלער כאַראַקטער פונ דער מאָסקװער װירטשאַפט אינ XVII יאָרהונדערט?

װי האָט זיכ אַנטװיקלט דער אױסערלעכער האַנדל אינ XVII יאָרהונדערט?

פאַרװאָס האָט זיכ אינ רוסלאַנד לאַנגזאַמ אַנטװיקלט די שטאָטישע האַנטװערקערײַ?

פאַרװאָס װאַקסט אינ רוסלאַנד אינ XVII יאָרהונדערט דער אינערלעכער האַנדל?

אינ װעמעס הענט האָט זיכ געפונענ דער גרױס-האַנדל אינ דער מאָסקװער מעלוכע?

פאַרװאָס פלעגנ זיכ פאַרשאַרפנ די קלאַסנ-װידערשפרוכנ אינ די שטעט?

װאָס האָט אַרױסגערופנ דעמ אױפשטאַנד פונ 1648 יאָר? קעגנ װעמענ איז ער געװענ געצילט?

װאָסערע גרופעס באַפעלקערונג האָבנ אָנטײלגענומענ אינ דעמ אױפשטאַנד פונ 1662 יאָר?

---

* ש י ס ע ר האָבנ געהײסנ די מיליטער-אָטריאַדנ, װאָס פלעגנ געשאַפנ װערנ פונ שטאָטבירגער. די שיסער פלעגנ זיכ פאַרנעמענ מיט קלײנ-האַנדל און מיט האַנטװערקערײַ. און אינ דער זעלביקער צײַט זײַנענ זײ געװענ פאַרפליכטעט צו מיליטער-דינסט, װאָס פאַר דעמ פלעגנ זײ באַקומענ געהאַלט.

50. די פויערימ-מילכאָמע אינ אוקראַיִנע (1648—1654 יי.)

דער גוירל פונ אוקראַיִנע אינ XIV—XV יה.

נאָכ דער יערידע פונעמ קיִעווער פירשטנטומ האָבנ זיכ די אוקראַיִנישע געגנטנ געפונענ אונטער דער מאַכט פונ די רוסישע פירשטנ (די גאַליציער אונ די וואָלינער) אונ זייערע וואַסאַלנ — די פירשטנ אונ באָיאַרנ.

אינ XIV יאָרהונדערט זיינענ די אוקראַאינישע געגנטנ אַרונטערגעפאַלנ טיילווייז אונטער דער מאַכט פונ פוילנ (די מייערעוודיקע) אונ טיילווייז אונטער דער מאַכט פונ ליטע (די מיזרעכדיקע). שפּעטער האָבנ זיכ ליטע אונ פוילנ פאַראייניקט אינ איינ גרויסער, כאָטש ניט פעסטער, פעאָדאַלער מעלוכע. פונ דעמאָלט אָנ זיינענ אַלע אוקראַיִנישע געגנטנ אַרייַנ אינ באַשטאַנד פונ דער פויליש-ליטווישער מעלוכע.

די אַנטוויקלונג פונעמ לייבאייגנטומ אינ אוקראַיִנע

די אָרדענונג, וואָס האָט זיכ אויסגעבילדעט אינ דער פויליש-ליטווישער מעלוכע אינ XVI יאָרהונדערט, איז געווענ שטאַרק ענלעכ צו דער אָרדענונג פונ דער מאָסקווער מעלוכע פונ XVI יאָרהונדערט. די פויליש-ליטווישע מעלוכע איז געווענ אַ פאַראייניקטע פעאָדאַלע מאָנאַרכיע. דער הערשנדיקער קלאַס האָט געלעבט פונ עקספּלואַטירנ די פויערימ. פונ XVI יאָרהונדערט הייבט זיכ דאָ אָנ אַנטוויקלענ דער האַנדל מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטנ. גרויסע הורטנ אָקסנ פלעגט מענ טרייבנ אפ מייערעוו (אינ דייטשלאַנד). איבער די טייכנ פלעגט מענ פירנ טווע צו די פּאָרטנ פונ באַלטישנ יאַמ, אונ פונ דאָרט פלעגט די טווע אַריבערגעשיקט ווערנ אינ די ווייטע לענדער — אינ ענגלאַנד, אינ נידערלאַנדנ אונ אפילע אינ שפּאַניע. עס איז אויפגעקומענ אַ נאָכפרעג אפילע אפ געהילצ: מע האָט אָנגעהויבנ טרייבנ וואַלד מיט די טייכנ אָדער ברענענ אפ פּאָטאַש אונ אַרויספירנ דעמ פּאָטאַש קיינ אויסלאַנד.

די אַנטוויקלונג פונ דעמ אויסערלעכנ אונ אינערלעכנ האַנדל האָט אינ פוילנ אונ אינ ליטע, פּונקט ווי אינ דער מאָסקווער מעלוכע, געבראַכט דערצו, אַז די פּריצימ האָבנ אָנגעהויבנ פאַרברייטערנ דעמ שעטעכ פונ זייער אַקער-ערד אונ פאַרכאַפּנ די פויערשע ערד. די פּאַנשטשינע האָט דאָ אָנגעהויבנ וואַקסנ נאָכ פריִער אונ שנעלער, ווי אינ דער מאָסקווער מעלוכע. אינ XV יאָרהונדערט זיינענ דאָ געווענ אַזעלכע ערטער, ווּ די פויערימ פלעגנ שוינ אַרבעטנ פּאַנשטשינע טעגלעכ. דעמ „כלאָפּס" (פויער) אָפּהענגיקייט פונ דעמ „פּאַנ" (פּאָרעצ) איז דאָ געווענ אַ שטאַרקערע, ווי אינ דער מאָסקווער מעלוכע אינ XVI יאָרהונדערט. דער פויער איז שוינ צוגעשמידט געוואָרנ צו דעמ פּריצישנ מאַיאָנטעק. דער פּאָרעצ איז געוואָרנ אַ פולשטענדיקער הערשער איבערנ פויערס לעבנ אונ פאַרמעגנ.

די קאָלאָניזירונג פונ דאָרעמ-מיזרעכ-אוקראַיִנע

פונ דער אומגעהייער שווערער פּאַנשטשינע אונ פונ דעמ פּאָרעצס מאַכט פלעגנ די פויערימ אַנטלויפנ אפ דאָרעמ-מיזרעכ, אינ די סטעפּ-קאַנטנ. אינ XVI יאָרהונדערט האָבנ אָנגעהויבנ שנעל באַזעצט ווערנ די ביידניעפּערישע סטעפּעס. צוערשט זיינענ דאָ אויפגעקומענ קאָזאַקישע געמיינדעס, וואָס פלעגנ זיכ פאַרנעמענ מיט פישפאַנג אונ מיט יאַגד.

דער קאזאקישער געווערב-ארטעל איז גלײַכצײַטיק געווענ א מיליטער-אַטריאַד. דאָס קאָנ מענ גוט זענ אפנ בײַשפּיל פונעם גרעסטנ צענטער פונעם דניעפּרישנ קאזאקנטום — „זאפּאָראָזשיע“. אופגעקומענ איז דער זאפּאָראָזשיער קאזאקישער לאגער („סיטש“) פונ א גרויסנ קאזאקישנ ארטעל אפנ נידער-דניעפּער אפ יענער זײַט שוועלנ. אפ אײנעם פונ די אינדזלענ איז בא די קאזאקנ אופגעקומענ א מיליטער-צענטער — א לאגער, ארומגערינגלט מיט א הילצערנעם צאמ. דער קאזאקישער לאגער האָט געהאט אינ זײַנ רעשוס א ביסל ארטילעריע, וואָס ער האָט געהאט אָפּגענומענ בא די טאָטערנ אונ בא די טערקנ. געלעבט האָבנ די קאזאקנ אינ לאגער אינ בײַדלעכ פונ צווײַגנ, באדעקט מיט פערד-פעל. לויט דער באשעפטיקונג זײַנענ דאָ געווענ פארשײדענע קאזאקנ: אײניקע פלעגנ לעבנ דערהויפּט פונ מיליטער-רויב, אנדערע פלעגנ זיכ מער באשעפטיקנ מיט פישפאנג אונ מיט כײַעס-פאנג, צושטענדיק פאר די ערשטע פראָדוקטנ.

שפּעטער האָבנ זיכ אהער אָנגעהויבנ צונויפקומענ אויכ ערדארבעטער, וואָס פלעגנ דאָ צעאקערנ די ערד, אײַנאָרדענענ בינשטאָקנ אונ גערטנער. אפ די טאָטערישע וועגנ האָבנ אָנגעהויבנ אופקומענ נײַע שטעטלעכ אונ אופלעבנ די אלטע — קיעוו, לעמבערג, לוצק.

הערב פונעם זאפאָ־אָזשיער מיליטער

אָבער נאָכ דער פּויערישער קאָלאָניזאציע האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ אינ די נײַע קאנטנ אויכ די פּאנעס, וואָס האָבנ אויסגעבעטנ בא דעמ קיניג גראמעטעס אפ קאָלאָסאלע ערדבאזיצנ. פונ בײדע זײַטנ דניעפּער זײַנענ אופגעקומענ קאָלאָסאלע מאיאָנטקעס פונ די פירשטנ ווישניעוועצקיס, פּאָטאָצקיס אונ פונ אנדערע פּריצימ. דאָרט, ווו ניט לאנג האָבנ זיכ נאָכ געפּאשעט ווילדע פערד אונ עס האָט זיכ געטראָגנ דער גערויש פונעם סטעפּישנ גראָז, האָבנ זיכ איצט אָנגערוקט די פּוילישע פּאָראָנדקעס. די פרײַע באלעבאטימ פונ די כוטערס, בינשטאָקנ, פישפאנגענ האָבנ איצט באקומענ הארנ איבער זיכ. צווישנ די פּריצימ אונ די פּויערימ האָט זיכ באלד צעפלאקערט אנ אקשאָנעסדיקער קלאסנקאמפּ. דער דאָזיקער קאמפּ איז פארקאָמפּליצירט געוואָרנ מיטנ קאמפּ פונעמ אוקראינישנ קאזאקנטום אונ קלײנבירגערטומ קעגנ די פּוילישע פּריצימ.

די אוקראינישע קאזאקנ

דאָס אוקראינישע קאזאקנטומ האָט צומ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט פאָרגעשטעלט מיט זיכ א גרויסע מיליטער-קראפט. די אָנופהערלעכע מילכאָמעס מיט די טאָטערנ אונ טערקנ האָבנ אויסגעשמידט פונ די קאזאקנ א גוט אָרגאניזירט מיליטער. די באציונגענ צווישנ דעמ קאזאקנטומ אונ דער פּוילישער רעגירונג זײַנענ געווענ זייער פארפּלאָנטערטע. די רעגירונג פלעגט זיכ אָפט נייטיקנ אינ די קאזאקנ אלס מיליטער-קראפט צומ קאמפּ קעגנ קרימ אונ מאָסקווע. פונ דער צווייטער זײַט, האָט די פּריצישע רעגירונג פונ פּוילנ מוירע געהאט, אז דאָס קאזאקנטומ זאָל זיכ ניט פארשטארקנ. באשטענדיק מיט געשאנקענ די קאזאקישע „סטארשינעס“, פלעגט די רעגירונג גלײַכצײַטיק אָננעמענ מיטלענ צו באגרענעצנ דעמ פארנעמ פונ דעמ קאזאקישנ מיליטער.

א טייל קאַזאַקנטומ איז אײַנגעשלאָסנ געוואָרנ אינ ספּעציעלע רעשימעס (רייסטערס) אונ האָט זיכ גערעכנט אַפ דינסט בא דער פּוילישער רעגירונג. די פּאַרמעגלעכע רייסטער־קאַזאַקנ זײַנענ געווענ דער אויבערשטער שיכט פונעמ קאַזאַקנטומ, אונ בא זיי אינ אָפּהענגיקײַט האָבנ זיכ געפונענ די אונטערשטע שיכטנ פונעמ קאַזאַקנטומ אונ פּויערטומ. זיי זײַנענ געוואָרנ פּריצימ. אָבער די דאָזיקע אוקראַיִנישע פּריצימ האָבנ געקוקט אַפ די פּוילישע פּאַנעס, וואָס פלעגנ אַרײַנדרינגענ אינ אוקראַיִנע, ווי אַפ קאָנקורענטנ אינ עקספּלואַטירנ דאָס פּויערטומ.

די פּוילישע פּאַנעס אינ אוקראַיִנע באַראַבעווענ ניט נאָר די פּויערשע מאַסנ; זיי פלעגנ מיט קראַפט אָפּנעמענ אויכ בא די פּאַרמעגלעכע קאַזאַקנ די פעלדער, לאָנקעס אונ מילנ.

באַזונדערס אָפט פלעגנ פּאָרקומענ קאַזאַקישע אויפשטאַנדנ אינ XVI יאָרהונדערט נאָכ דעמ, ווי די פּוילישע רעגירונג האָט אויסגעבויט אַפנ דניעפּער לעבנ זאַפּאָראָזשיע א פעסטונג אונ האָט פאַרשטאַרקט די פּוילישע גאַרניזאָנענ אינ אוקראַיִנע (פאַר 8 יאָר — פונ 1630 ביז 1638 — זײַנענ פאָרגעקומענ 5 אויפשטאַנדנ). די קאַזאַקנ זײַנענ צעגראָמירט געוואָרנ, אונ זייערע פירער זײַנענ אַפ אַנ אַכזאָריעסדיקנ אויפנ געקעפּט געוואָרנ. דאָס קאַזאַקישע מיליטער איז פאַרקלענערט געוואָרנ ביז 6000 מאַנ. דאָס רעכט אויסצוווײלנ „סטאַרשינעס" איז אָפּגעשאַפנ געוואָרנ. די העכסטע „סטאַרשינע" פלעגט באַשטימט ווערנ פונ די פּאָליאַקנ. א טייל קאַזאַקנטומ איז געווענ גרייט צו גיינ אַפ א פּשרה מיט דער רעגירונג. די סאַמע פאַרביסענע האָבנ זיכ קאָנצענטרירט בא זאַפּאָראָזשיע, אונ דאָ טאַקע האָט זיכ אָנגעהויבנ דער נײַער אויפשטאַנד.

כמעלניצקיס באַוועגונג

דער אָנפירער פונ דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווענ באָגדאַנ כמעלניצקי, א פאַרמעגלעכער כוטער־באַזיצער. א קאַזאַקישער הונדערט־עלטסטער, איז ער באַאַוולט געוואָרנ פונ א פּוילישנ מאַגנאַט, וואָס האָט בא אימ אָפּגענומענ זײַנ מאַיאָנטעק, אונ ער איז אַנטלאָפנ אינ זאַפּאָראָזשיע. שליסנדיק אַנ אָפּמאַכ מיטנ קרימער כאַנ, האָט ער אינ 1648 יאָר אויפגעהויבנ אַנ אויפשטאַנד, פאָדערנדיק אויפצושטעלנ די קאַזאַקישע פרײַהײַטנ. באַקומענדיק די שטיצע פונעמ גאַנצנ קאַזאַקנטומ, האָט כמעלניצקי צוויי מאָל צעקלאַפּט דאָס פּוילישע מיליטער.

כמעלניצקיס ניצחונעס האָבנ זיכ פאַרענדיקט מיט א מאַסנ־אויפשטאַנד פונ די פּויערימ. איבער גאַנצ אוקראַיִנע האָבנ זיכ א הייב געטאָנ די פּויערימ, האָבנ געראַבעוועט די פּריצישע מאַיאָנטקעס אונ געשלאָגנ די פּריצימ. גאַנצ זאַדניעפּראָוויע אונ קיִעווער געגנט זײַנענ אינ פאַרלויפ פונ עטלעכע וואָכנ אַריבער אינ די הענט פונ די פּויערשע „זאַהאָנעס" (אָטריאַדנ).

די אוקראַיִנישע שטעט פלעגנ מערסטנטייל אַליינ צעעפענענ די טויערנ פאַר אָט די אָטריאַדנ. די אונטערשטע שיכטנ פונעמ שטאָטישנ קליינבירגערטומ פלעגנ אויסגעפינענ אונ שלאָגנ די אַדעליקע, וואָס האָבנ זיכ אויסבאַהאַלטנ אינ שטאָט, אונ צוזאַמענ מיט די פּויערימ האָבנ זיי געצונדנ די פּריצישע שלעסער אונ די קאַטוילישע מאָנאַסטירנ.

צווישנ די אָנפירער פונ די דאָזיקע אָטריאַדנ האָט זיכ באַזונדערס אַרויסגערוקט מאַקסימ קריוואָנאָס, וואָס פלעגט זיכ אָנ ראַכמאָנעס אָפּרעכענענ

מיטן פוילישן אדל. כמעלניצקיס ארמיי איז פארפולט געווארן מיט פויערים־אטריאדן און האט שוין אנגעציילט 100 טויזנט מאן.

די באוועגונג האבן אויך געשטיצט די בירגער פון די אוקראינישע שטעט.

אבער דער פארנעם פון דער פויערים־באוועגונג און איר אנטיליבייגנטיסוערי־שער כאראקטער האט אנגעהויבן אפשרעקן דעם קאזאקישן אויבערשיכט. די צילן

באגדאן כמעלניצקי

בא דער פויערים־מאסע און בא דעם קאזאקישן אויבערשיכט זיינען געווען פארשיידענע.

אין דער צייט, ווען דאס פויערטום האט זיך געוואלט באפרייען פון אלערליי באלעבאטים, האט זיך בא די קאזאקישע פניי געהאנדלט בלויז אין דעם, אז זיי, און ניט די פוילישע פאנעס, זאלן עקספלואטירן די אוקראינישע פויערים.

דעריבער האט דער פירער פונעם קאזאקישן אויבערשיכט, כמעלניצקי, אנשטאט פאנאנדערצוּוויקלען די פויערים־מילכאמע, געוויילט קומען צו א פארשטענדיקונג מיט פוילן. נאך איינעם א ניצאכן איבערן פוילישן אדל אין הארבסט 1649 יאר איז געשלאסן געווארן אן אפמאך (דער זבאראווער), לויט וועלכן דאס קאזאקישע מיליטער איז פארגרעסערט געווארן ביז 40 טויזנט מאן. די קאזאקן, וואס זיינען געווען פארשריבן אין די רייכסטערס, האבן זיך ניט געדארפט אונטערוואַרפן ניט די פריצים, ניט די פוילישע באאמטע. דער קאזאקישער העטמאן האט באקומען א גרויסע מאכט אין אוקראינע, ער איז געווארן קימאט אן אומאפהענגיקער קייסער.

אָבער דער זבאָראָווער אָפּמאַכ האָט אינגאַנצנ פאַרזענ די אינטערעסנ פונ דער מאַסע פּויערימ. די פּויערימ האָבנ, ווי פריער, געמוזט זיכ אומקערנ צו זייערע באַ-לעבאַטימ.

דער זבאָראָווער אָפּמאַכ איז געווענ אַ בולט אויסגעדריק-טער קלאַסנ־אויסגלײַכ צווישנ דעמ קאָזאַקישנ אויבערשיכט מיט די פּוילישע פּאַנעס אויפ כעזשבנ פונ דער פּויערישער מאַסע. אינ אוקראַינע האָבנ אָנגעהויבנ צוריק אומצופאָרנ זיכ אינ זייערע גיטער די פּוילישע פּריצימ. כמעלניצקי, צוזאַמענ מיט דעמ קאָזאַקישנ אויבערשיכט, האָבנ



די קאַרטע פונ דער פּויערשער מילכאָמע אינ אוקראַינע 1648—1654

צוגעזאָגט שטיצע די פּריצימ, וואָס וועלנ זיכ אומקערנ. כמעלניצקיס אַטריאַדנ האָבנ אַפילע מיטגעהאָלפנ דערשטיקנ די באַוועגונג פונ די פּויערימ. פאַראַטנדיק דעמ קאַמפ פונ די פּויערימ, האָט דער קאָזאַקישער אויבערשיכט אָנגעהויבנ קעפנ, אַרופזעצנ אויפ אַ פּלאָקנ די פּויערימ, וואָס האָבנ פאָרגעזעצט זייער קאַמפ. דאָכ האָבנ די פּוי-ערימ זייער קאַמפ פאָרגעזעצט. איינעמ פונ די פּויערשע פירער (נעטשײַ) איז גע-לונגענ צו דערשלאָגנ זיכ גרויסע דערפאָלגנ אינ פּאָדאָלער געגנט.

די פאַרשטענדיקונג פונעמ קאָזאַקישנ אויבערשיכט מיט מאָסקווע

דער זבאָראָווער אָפּמאַכ האָט זיכ געהאַלטנ ניט לאַנג. פּוילנ, וואָס איז אײַנגעגאַנגענ אויפ דעמ דאָזיקנ אָפּמאַכ בלויז אונטער דער ווירקונג פונ זײַנע מאַפּאָלעס, האָט אימ ניט געוואָלט אויספּילנ.

די נײַע מילכאָמע צווישנ כמעלניצקינ אונ פּוילנ, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ 1651 יאָר, האָט געצוווּנגענ דעמ קאָזאַקישנ אויבערשיכט ווידער זוכנ אַ דער-נעענטערונג מיטנ פּויערטומ. אָבער דער דאָזיקער בונד איז אויכ דאָס מאָל געווענ ניט אויפ לאַנג. בײַ איינער אַ גרויסער שלאַכט (בײַ בערעסטעטשקע) איז דער קאָ-זאַקישער אויבערשיכט צוזאַמענ מיט כמעלניצקינ אַנטלאָפנ פונ שלאַכט־פעלד. דאָס פּוילישע מיליטער האָט נאָכ דעמ אויסגעראָטנ פיל טויזנטער פּויערימ.

די נײַע פאַרשטענדיקונג, וואָס כמעלניצקי האָט געשלאָסנ מיט די פּאַנעס נאָכ דער שלאַכט בײַ בערעסטעטשקע, האָט אָפּגעשאַפט כימעט אַלע האַנאָכעס, וואָס

זײַנענ געװענ פֿאַרױסגעזענ לױטנ זבאַראָװער אָפּמאַכ. אַפֿילע דער אױבערשיכט איז געװענ אומצופֿרידנ מיט דער געשאַפֿענער לאַגע.

דאַנ האָט א טײל פֿונ קאָזאַקישנ אױבערשיכט, װאָס האָט ניט געװאָלט אונטערװאַרפֿנ זיכ פּױלנ אונ װאָס האָט אינ דער זעלבער צײַט מורע געהאַט פֿאַר דער פֿױערימ-באַװעגונג, גענומענ זוכנ הילפֿ בא די אױסלענדישע הערשער (אינ קרימ, מאָלדאַװיע אונ מאָסקװע). אינ 1654 יאָר האָט די קאָזאַקישע „סטאַרשינאַ" מיט כמעלניצקינ בעראָש באַשלאָסנ איבערגעבנ זיכ צו מאָסקװע. די באַדינגונגענ פֿונעמ אױסגלײַכ זײַנענ געװענ אַזעלכע: דאָס קאָזאַקישע מיליטער װערט פֿאַרגרעסערט ביז 60 טױזנט מאַנ, אוקראַינע װערט אָנגעפֿירט דורכ אױסגעװײלטע העטמאַנס אונ שטעלט מיט זיכ פֿאָר א האַלב-זעלבשטענדיקע מעלוכע אונטער דער אױבערמאַכט פֿונ מאָסקװע.

דאָכ האָט זיכ אוקראַינע ניט אײַנגעגעבנ אײַנצוהיטנ איר אומאָפּהענגיקײַט. אינ איר האָבנ זיכ שנעל באַװיזנ מאָסקװער װאָיעװאָדעס אונ מאָסקװער מיליטער.

די פּױלישע פּריצימ האָבנ ניט געװאָלט אָפּגעבנ אוקראַינע דער מאָסקװער מעלוכע. די קאָזאַקישע „סטאַרשינאַ" האָט זיכ צעשפּאָלטנ אַפֿ צװײ גרונט-גרופּעס: א טײל איז אײַנשטימיק געװענ איבערצובלײַבנ אונטער דער מאַכט פֿונ די פּױלישע פּריצימ, א טײל האָט געצױגנ צו מאָסקװע. די מילכאָמע צװישנ מאָסקװע אונ אוקראַינע, װאָס האָט זיכ פֿאַרצױגנ אַפֿ לאַנג, האָט זיכ געענדיקט דערמיט, װאָס די לינקבערגיקע אוקראַינע איז אַריבער צו מאָסקװע. די רעכטבערגיקע אוקראַינע איז פֿאַרבליבנ אונטער דער הערשאַפֿט פֿונ פּױלנ.

דער קאָזאַקישער אױבערשיכט האָט זיכ ביסלעכװײַז גענומענ פֿאַרװאַנדלענ אינ א הערשנדיקנ קלאַס אינ אוקראַינע, פֿאַרכאַפּנדיק די ערד אונ אונטערדריקנדיק דאָס אוקראַינישע פֿױערטומ, עס האָט זיכ אַהער א לאָז געטאָנ אױכ דער רוסישער פּאָרעץ — דער לײַבײגנטימער, װעמענ די מאָסקװער רעגירונג פֿלעגט שענקענ ערד אינ אוקראַינע.

אַזױ איז דאָס אוקראַינער פֿױערטומ, נאָכ דער מאַפּאָלע אינ דער פֿױערימ-מילכאָמע, אַנשטאָט דער שקלאַפֿערײַ בא די פּױלישע פּריצימ אַרײַנגעפֿאַלנ אינ שקלאַפֿערײַ צו די רוסישע לײַבײגנטימער אונ צו דער קאָזאַקישער „סטאַרשינאַ".

פֿ ר אַ ג ע ס:

װאָס האָט אַרױסגערופֿנ די אַנטװיקלונג פֿונ לײַבײגנטומ אינ פּױלנ אונ אינ ליטע?

װעלכע סיבעס האָבנ אַרױסגערופֿנ די קאָזאַקישע אױפֿשטאַנדנ אינ XVI—XVII יאָרהונדערטער?

פֿאַרװאָס האָט כמעלניצקיס באַװעגונג באַקומענ אַזא שטורמישנ פֿאַרנעמ?

פֿאַרװאָס האָט די פֿױערימ-מילכאָמע געליטנ א מאַפּאָלע?

װאָס פֿאַר אַנ אָרדענונג האָט זיכ געשאַפֿנ אינ אוקראַינע נאָכ דעמ, װי זי איז אַריבער אונטער דער מאַכט פֿונ מאָסקװע?

51. די פויערים=מילכאָמע אינ וואָלגער געגנט אינ 1670—1671 י.
(די ראזינישע באוועגונג)

די סיבעס פונ דער פויערים-מילכאָמע אינ דער וואָלגער געגנט (1670—1671 יי.)

די מילכאָמעס מיט פוילנ איבער אוקראינע, וואָס האָבנ זיכ לאנג פארצויגנ, האָבנ נאָכ מער פארשארפט די לאגע אינ לאנד. די אומדערטרעגלעכע שטײַערנ און די אנטווערטונג פונעם רובל (איבער דעמ, וואָס ס'איז ארויסגעלאָזט געוואָרנ קופּער-געלט) האָבנ צערויִנירט די שטאָטישע באפעלקערונג. ס'איז אויכ שטארק געפאלנ דער אויסערנ-האנדל.

די קלאסנ=ווידערשפּרוכנ פונ דער מאָסקווער מעלוכע האָבנ זיכ אנטפּלעקט מיט זייער גאנצער קראפט אינ דער גרויסער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פונ דער צווייטער העלפט XVII יאָרהונדערט — אינ דער ראזינישער באוועגונג.

ראזינס באוועגונג האָט ארומגעכאפּט הויפּטזאכלעכ מיטל=און נידער-וואָלגע, דה. די געגנטנ, וואָס זײַנענ אינ XVII יאָרהונדערט שטארק באראבעוועט געוואָרנ פונ די מאָסקווער לײַבייגנטימער. דאָס באראבעווענ דאָס וואָלגער פויערטומ דורכ די רוסישע פּריציִמ און באאמטע איז געווענ די גרונט=סיבע פונ דעמ פויערימ=אופשטאנד. די פינישע און טאָטערישע פעלקערשאפטנ, וואָס זײַנענ דאָ געווענ די מערהײַט, האָבנ זיכ געפונענ אינ דער לאגע פונ עכטע קאָלאָניאַלע שקלאפנ. די רוסישע קאָלאָניזאטערס פלעגנ אָפּנעמענ די ערד בא די טשוואשנ און בא דער מאָרדווא, פלעגנ זיי צווינגענ צו שווערער ארבעט באמ בויענ און באוואכנ שטעט, פלעגנ פונ זיי מאָנענ „קלאָצ-געלט", „וואלד-געלט", פלעגנ זיי צופּעסטיקנ צו זייערע פּאָטאש-זאוואָדנ.

די צווייטע סיבע פונעמ אופשטאנד איז געווענ די פארשטארקונג פונעמ יאָכ פונעמ סאָכרישנ קאפּיטאל אינ די וואָלגער שטעט. וואָלגע איז פארנ מאָסקווער סאָכרימטומ געווענ א גרויסער האנדל=וועג, מיט וועלכנ עס איז געגאנגענ דער האנדל מיט מיזרעכ (פּערסיע). דאָ האָט אנטוויקלט זײַנ טעטיקײַט דער גרויסער סאָכרישער קאפּיטאל, וואָס האָט שטארק געדריקט די שטאָטישע מענטשנ און די פויערימ — די הענדלער. דעריבער איז פאר דעמ דאָזיקנ אופשטאנד געווענ געזיכערט די שטיצע אויכ מיצאד די אונטערשטע שיכטנ פונ דער שטאָטישער באפעלקערונג; אכוץ דעמ איז אפ דער וואָלגע אויכ געווענ א סאכ לוינ-ארבעטער (מאסע-טרעגער, בורלאקעס).

אלס שטויס צו דער פויערימ-מילכאָמע האָט געדינט די ארויסטרעטונג פונ די אונטערשטע שיכטנ פונעמ דאָנער קאזאקנטומ. פונ די דאָנער קאזאקנ האָט אויכ געשטאמט דער פירער פונעמ אופשטאנד — סטעפּאנ ראזינ.

„ב..לעבאטישע" און „ארומגערי-סענע" קאזאקנ אפנ דאָנ

די דאָנער קאזאקנ האָבנ, פונקט ווי די בײַדניעפּרישע, געלעבט אינ XVII יאָרהונדערט דערהויפּט פונ פישפאנג, יאגד אינ בינענצוכט. ווענ-ניט-ווענ פלעגנ זיי מאכנ אָנפאלנ אפ די טערקנ און די טאָטערנ, ארויפלאָזנדיק זיכ אפ שיפלעכ צומ שווארצנ יאמ. די מאָסקווער מעלוכע האָט געהאָלפנ די דאָנער קאזאקנ אינ זייער קאמפ קעגנ די טערקנ און די טאָטערנ. און דער אויבערשיכט פונעמ דאָנער קאזא-

קענטומ האָט, פונ זײַנ זײַט, געזוכט צו לעבנ בעשאָלעמ מיט מאָסקווע, פונ װעמענ דאָנ איז געווענ אָפּהענגיק עקאָנאָמיש. אָנ מאָסקווער בלײַ און פולווער און, דערהויפּט, אָנ מאָסקווער טוווע האָט מענ אפנ דאָנ ניט געקענט דורכלעבנ זיכ. די קאָזאַקנ אַלײנ האָבנ קײנ טוווע ניט געזײט. דעריבער פלעגט דער „פרײַער דאָנ" שיקנ אַפילע זײַנע קאַזאַקנ אפ דינסט קײנ מאָסקווע.

אָבער װײַט ניט דאָס גאַנצע קאַזאַקנטומ איז געווענ באַפרײַנדעט מיט מאָסקווע. אינמיטנ XVII יאָרהונדערט מערקט זיכ אַלצ שאַרפער אָנ די צעטײלונג פונעמ דאָנער קאַזאַקנטומ אפ צוויי שיכטנ: פאַרמעגלעכע — „דאָמאָוויטע" („באַלעבאַטישע") און ניט־פאַרמעגלעכע — „האָלוטווענע" (אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע). די „באַלעבאַטישע" האָבנ פאַרמאָגט פישפאַנג־געווערבנ, לאָנקעס און פי, די „האָליטבא" האָט געאַרבעט פאַר זײ. אפ אָנפליענ פלעגט מענ געווײנלעכ שיקנ די אָרעמשאַפט. אָבער דערצו האָט מענ באַדאַרפט שיפנ, געווער, פּראָוויאַנט. דאָס אַלצ פלעגט מענ באַקומענ בא די „באַלעבאַטישע". דערפאַר אָבער, ווענ מע פלעגט זיכ אומקערנ צוריק, פלעגט א באַדײַטנדיקער טײל רויב אַרײַנפאַלנ טאַקע צו די „באַלעבאַטישע".

סטעפאַנ ראַזינ (אַנ אַלט בילד)

אינ די 60־ער יאָרנ פונ XVII יאָרהונדערט איז די צאָל אָרעמשאַפט שטאַרק אויסגעוואַקסנ. אפנ דאָנ האָבנ זיכ אָנגעזאַמלט א סאַכ פליטימ, דערהויפּט אינ די אויבערשטעטלעכ (אפנ אויבערשטראָמ פונ דאָנ). דאָס זײַנענ געווענ פויערימ און שטאָט־בירגער, אַנטלאָפענע פונ דעמ פאַרשטאַרקטנ לײַבאײגנטימערישנ יאָכ, פונ די געשטײַגענע שטײַערנ, פונ די פריצישע און וואָיעוואָדישע שטעקנס און ריטער. אַהער זײַנענ אויכ אַנטלאָפנ א סאַכ אוקראַיִנישע פויערימ, וואָס זײַנענ צעקלאַפּט געוואָרנ אינ קאַמפּ מיט די פּויליִשע פּריצימ. מיטנ אָנקומ פונ דעמ אַנטלאָפענעמ האַמויִנ האָבנ די אָרעמע קאַזאַקנ אָנגעהויבנ באַקומענ אַנ איבערוואָג איבער די טאָקופע. די קאַזאַקישע אָרעמשאַפט איז, צומ אונטערשייד פונ די פאַרמעגלעכע קאַזאַקנ, װײַט ניט געווענ גענײגט צו לעבנ בעשאָלעמ מיט מאָסקווע, וועלכע האָט שוינ אָנגעהויבנ איר אָנגריפ אפ די געגנטנ פונ אויבערדאָנ, אַרויסשיקנדיק פאָרויס, ווי טאַפּפינגער, די מאָנאַסטירנ. די אָרעמשאַפט האָט מוירע געהאַט, אַז מיטנ פאַרכאַפּנ דאָנ וועט מענ זײ אַרויסגעבנ צו די פריִערדיקע באַלעבאַטימ — די פּעאָדאַלנ. די אָרעמשאַפט פלעגט אַרויסרוקנ אירע אײגענע פירער אינ קעגנזאַץ צו דעמ אַטאַמאַנ, דעמ פאַרשטײער פונ די „באַלעבאַטישע".

דער גרעסטער פירער פונ דער אָרעמשאַפט איז טאַקע געווענ דער קאַזאַק ס ט ע פ אַ נ ט י מ אָ פ ײ ע װ י ט ש ר אַ ז י נ. ער האָט אָנגעהויבנ זאַמלענ די אָרעמ-

שאפט צו א מארש. די טאקעפע קאזאקנ האבנ ניט געשטערט דער צוגרייטונג צומ מארש. זיי האבנ געוואלט פאטער ווערנ פונ דער ארעמשאפט, וואס האט פארפלייצט דעמ דאנ אונ וואס האט זיכ געקאנט א קער טאנ קעגנ זיי.

ראזינס ערשטער רויב-מארש

געוויינלעכ פלעגט זיכ די דאנער קאזאקישע ארעמשאפט אוועקלאזנ אינ מארש אפ דארעמ. אבער פונ די 50-ער יארנ פונ XVII יארהונדערט איז דער דאזיקער באקאנטער פאר די קאזאקנ וועג פארמאכט געווארנ. די גרויסע פעסטונג אזאוו, וואס די טערקנ האבנ אויסגעבויט, האט פארצאמט פאר די קאזאקישע שיפנ דעמ וועג אינ יאמ ארײַנ. דעריבער האט ראזינ אויסגעקליבנ אנ אנדער וועג — אפ מיזרעכ. ס'איז דא א גרונט צו מיינענ, אז שוינ דאנ איז בא ראזינענ אופגעקומענ דער פלאנ אנצוהייבנ א קאמפ קעגנ מאסקווע. אבער אנהייבנ גלײַכ פונ א מארש אפ מאסקווע האט ער געהאלטנ פאר אומעגלעכ.

לעכאטכילע האט זיכ ראזינ אוועקגעלאזנ מיט זײַנ אטריאד אינ א רויב-מארש אפ דער וואלגע, אפ דעמ גרעסטנ האנדל-וועג אינ יענער צײַט. דא האבנ די ראזינער אנגעהויבנ זייער טעטיקײַט פונ דעמ, וואס זיי זײַנענ אנגעפאלנ אפ א גרויסנ קאראוואנ האנדל-שיפנ, וועלכע האבנ געהערט דעמ צאר, דעמ פאטריארכ * אונ איינעמ פונ די גרעסטע מאסקווער „געסט" (ש א ר י נ). די קאזאקנ האבנ פארכאפט די סכוירעס. די האנדל-דינערשאפט האבנ זיי אויסגעהארגעט, אונ די שיפ-ארבעטער צוזאמענ מיט די שיסער זײַנענ אריבער צו די קאזאקנ. צעקלאפדיק די קליינע אטריאדנ, וואס זײַנענ ארויסגעשיקט געווארנ קעגנ אימ פונ אסטראכאנ, האט זיכ ראזינ ארויסגעלאזט צומ יאמ אונ האט פונ דארט מארשירט ווײַטער אפ יאיק.

אינ צווייטנ יאר (אינ 1668) האבנ די באזינער זייער רויב-מארש פארגעזעצט. דאס מאל האבנ זיי זיכ אוועקגעלאזנ צו די פערסישע ברעגנ. צוריק האבנ די ראזינער זיכ אומגעקערט מיט א סאכ רויב. די אסטראכאנער מאכט האט ניט געוואלט פארפירנ קיינ קאמפ מיטנ אטאמאנ: אי דערפאר, ווײַל זי איז ניט זיכער געווענ אינ אירע אייגענע קויכעס, אי דערפאר, ווײַל די רייכטימער, וואס ראזינ האט מיטגעבראכט, האט איר פארבלענדט די אויגנ. די ראזינער האבנ אונטער אסטראכאנ אנגעהויבנ א לעבהאפטנ האנדל. ארטיקע אונ אנגעפארענע סאכרימ האבנ זיכ געײַלט אויסכאפנ בא די קאזאקנ פאר ביליקע פרײַזנ די פערסישע סכוירעס.

פאר ראזינס ווײַטערדיקער טעטיקײַט האט דער פערסישער מארש געהאט א גרויסע באַדײַטונג. ראזינס ניצכוינעס האבנ פארשטארקט זײַנ אײַנפלוס אפנ קאזאקנטומ. די גרויסע מיטלענ ווידער, וואס ער האט פארכאפט, האבנ אימ איצט דערלויבט אנהייבנ גרייטנ זיכ צו א גרעסערער אונטערנעמונג.

דער מארש אפ מאסקווע

אינ קאנאלניק, א דאנער שטעטל, וואס ראזינ האט געמאכט פאר זײַנ „רעזידענצ-שטאט", האט זיכ אופגעקליבנ א גרויסער אוילעמ, וואס איז גרייט געווענ נאכצוגיינ דעמ בארימטנ אטאמאנ. דאס „באלעבאטישע" קאזאקנטומ האט ניט געהאט די דרייסטקײַט ארויסצוטרעטנ קעגנ דעמ פירער פונ דער ארעמשאפט. אונ ראזינ האט זיכ שוינ איצט אפנ געגרייט צו אנ אנטשיידעגעמ קאמפ קעגנ די מאסקווער לײַבייגנטימער. די ראזינער האבנ דערהארגעט דעמ מאסקווער געזאנדטנ, וואס איז צוגעשיקט געווארנ אפנ

---

* פ א ט ר י א ר כ איז דער הויפט פונ דער גאנצער רוסישער קירכע. ער האט, פונקט ווי דער צאר, געפירט א גרויסנ האנדל.

־אָנ, אונ האָבנ אפ א קאזאקישנ קרײַז* באשלאָסנ ארויסצוטרעטנ קעגנ די באָיארנ.

דער צווייטער מאַרש ראזינס האָט זיכ אָנגעהויבנ פרילינג 1670 יאָר. אָבער פאַר זייער מאַרש אפ מאָסקווע האָבנ די ראזינער ארויסגעקליבנ ניט דעמ קירצסטנ וועג גלײַכ אפ צאָפנ (דורכ קורסק אונ טולע): זיי האָבנ באשלאָסנ גײנ מיט א ארומיקנ וועג איבער דער וואָלגע אונ אָקא. דאָ אינ דער גוט באקאנטער געגנט האָבנ זיי געהאָפט צו באקומענ שטיצע פונ דער באפעלקערונג, וואָס איז גרייט געווענ לויטנ ערשטנ רופ אופצושטײנ קעגנ די הערשער. בעראָש פונ א טויזנטיקנ מיליטער איז ראזינ צוגעטראָטנ צו צאריצינ (איצט סטאלינגראד). די צאריצינער אײַנוווינער האָבנ פאַר אימ געעפנט די טויערנ. בלויז דער וואָיעוואָדע האָט מיט א קליינעמ אָטריאד געפרווט ארויסווײַזנ א ווידערשטאנד, אָבער די קאזאקנ האָבנ זיכ מיט אימ גיכ ספראווענ. פונ צאריצינ האָט זיכ ראזינ געלאָזט אראָפ צו אסטראכאנ. אפנ וועג האָט ער געטראָפנ צוויי אָטריאדנ שיסער. דעמ ערשטנ אָטריאד האָט ער אָנ באזונדערער מי צעקלאפט, און דער צווייטער, טרעפנדיק זיכ מיט ראזינענ, האָט אליינ ארויסגעהארגעט זײַנע קאָמאנדירנ אונ איז אריבער צו די קאזאקנ.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומענ אויכ בא אסטראכאנ. ראזינ וואָלט בעשומויפנ ניט געקאָנט אײַנעמענ די האַזיקע גוט־פארפעסטיקטע שטאָט, ווענ ער וואָלט ניט געהאט קיינ גרויסע צאָל אָנהענגער אינ אסטראכאנ גופע. ווענ די ראזינער האָבנ זיכ געלאָזט שטורעמענ די שטאָט, האָבנ די אסטראכאנער שיסער באגאָסנ זיי פונ די שטאָט־ווענט ניט מיט זודיקנ וואסער, נאָר מיט לעבלעכע. אויכ דאָ, ווי אינ צאריצינ, האָט ארויסגעוויזנ א ווידערשטאנד בלויז דער וואָיעוואָדע מיט ניט קיינ גרויסנ אָטריאד אדעליקע אונ די אויסלענדישע סאָלדאטנ. די אלטע מאכט איז אויסגעהארגעט געוואָרנ. די פארכאפטע מעלוכע־קאסע אונ דעמ פארמעגנ פונ די אויסגעהארגעטע האָט מענ צעטיילט צווישנ די קאזאקנ אונ דער אָרעמשאפט. די באפעלקערונג איז, לויטנ קאזאקישנ מוסטער, פארטיילט געוואָרנ אפ טויזנטער, הונדערטער אונ צענדליקער בעראָש מיט אויסגעווײלטע אטאמאנענ, הונדערט־עלטסטע אונ צענדליק־עלטסטע. בעראָש פונ דער שטאָט איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ איינער פונ ראזינס נאָענטסטע מיטהעלפער — וו א ס י ל י א ו ס.

דער אופשטאנד אפ דער וואָלגע

זיכערנדיק פאַר זיכ דערמיט, וואָס ער האָט גענומענ אסטראכאנ, דעמ הינטערלאנד, האָט זיכ ראזינ אינ יול געלאָזט ארופ מיט דער וואָלגע. די ברייטע מאסנ פויערימ האָבנ געשטיצט די ראזינישע באוועגונג. ראזינס שליכימ מיט „הערלעכע בריוו" (אופרופנ) פלעגנ אופהייבנ די פויערימ קעגנ די באָיארנ אונ די וואָיעוואָדעס. אינ פיל ערטער פלעגט דער אופשטאנד אופפלאקערנ נאָכ ביז ראזינס קומענ. די פויערימ האָבנ געצונדנ די פריצישע הויפנ, אויסגעהארגעט די פריצימ. ווי איינער פונ די אויסלענדער דערציילט, „האָט מענ אפ די וועגנ קעסיידער געקאָנט טרעפנ גאנצע האמוינימ קנעכט אונ פויערימ, וואָס זײַנענ געגאנגענ צו אימ (ד.ה. צו ראזינענ). מע האָט געהאלטנ אינ אײנ רײדנ וועגנ אויסראָטנ די אדעליקע; יעדער פויער, יעדער קנעכט פלעגט דערהארגענענ זײַנ האר אונ פלעגט ברענגענ דעמ קאָפ זײַנעמ צו ראזינענ,

* ק ר ײַ ז — א קאזאקישע פארזאמלונג.

וועלכער פלעגט זיי לויבנ אונ באלוינענ, קעדיי אופצומונטערנ, מע זאל אפרייניקנ די ערד פונ אזעלכע באשעפענישנ (ווי ער פלעגט רופנ די אדעליקע). אזויארום זיי=נענ פיל מאיאנטקעס פארוויסטעט געווארנ. קעדיי צו ראטעווענ זיכ דאס לעבנ,



קארטע פונ דער ראזינישער באוועגונג

האבנ די אדעליקע געמוזט אנטלויפנ אינ די שטעט, איבערטוענדיק זיכ אינ פויערשע קליידער".

מעטיק האבנ אנטיילגענומענ אינ דער באוועגונג די פילצאליקע אונטערדריקטע פעלקערשאפטנ פונ דער וואלגע (די טאטערנ, די מארדווא, די טשוּוואשנ). ציִיטגענאָסן פלעגנ צושטיינ צומ אופשטאנד אפילע איינציקע קליינע ניט=רוסישע אדע=

ליקע (די „טאַטערישע מורזעס", די דינסטלײַט, די „נאָוואָקרעשטשענצעס" — ערשט געטויפטע).

צולעצט, האָט די באַוועגונג באַקומענ גרויס שטיצע אויכ מיצאד די אונטערשטע שיכטנ פונ דער שטאָטישער באַפעלקערונג. די האַנטווערקער און די קלײנהענדלער, די פּילצאַליקע וואָלגער בורלאַקעס, טרעגער און אַפילע שיסער פלעגנ אופשטיינ קעגנ זייערע אונטערדריקער (די סאָכרים, די פּראָצענטניקעס און די וואָיעוואָדעס) און פלעגנ אַרײַנטרעטנ אינ די רייענ פונ דער ראַזינישער אַרמיי.

די דערפאָלגנ פונ דער ראַזינישער באַוועגונג

סאַראַטאָוו און סאַמאַרע האָבנ זיכ אונטערגעגעבנ ראַזינענ אָנ שלאַכטנ. אָנהייב סענטיאַבער איז שוינ ראַזינ געווענ אונטער סימבירסק, האָבנדיק פאַרכאַפּט פאַר אַנדערהאַלבנ כאָדאָשימ צײַט גאַנצ נידערוואָלגע — פונ אַסטראַכאַנ ביז סימבירסק. הינטער סימבירסק איז צוערשט פאָרגעקומענ דאָס זעלבע, וואָס בײַ צאַריצינ און אַסטראַכאַנ. די אײַנוווינער פונ סימבירסק האָבנ געהאָלפנ די קאָזאַקנ פאַרכאַפּנ די שטאָט און האָבנ צוזאַמענ מיט זיי זיכ געוואָרפנ שלאָגנ אַלע אָנהענגער פונ דער רעגירונג. אָבער דעמ סימבירסקער וואָיעוואָדע האָט זיכ אײַנגעגעבנ אײַנהאַלטנ דאָס אינערלעכע „קליינע שטעטל" (דעמ קרעמל) און זיכ דאָרט באַפעסטיקנ. די ראַזינער זײַנענ געווענ געצוווּנגענ פאַרהאַלטנ זיכ, קעדיי צו באַלאַגערנ דעמ קרעמל.

קאָלזמאַנ די הויפּט־קרעפטנ ראַזינס זײַנענ געווענ פאַרנומענ מיט באַלאַגערנ סימבירסק, האָבנ זיכ איינצלנע פויערשע אָטריאַדנ אַוועקגעלאָזט ווײַט פאָרויס אָפ מײַרעוו און צאָפנ.

די פענזער שטעט האָבנ די ראַזינער פאַרכאַפּט איינע נאָכ דער אַנדערער. אינ מײַרעוו האָט זיכ דער אופשטאַנד אָנגעהויבנ אַריבערוואַרפנ אָפ טאַמבאָווער און בײַאָקער קאַנט.

אָפ צאָפנ אינ ניזשני־נאָווגאָראָדער קאַנט האָט זיכ אַ גרויסער אָטריאַד אופגעזאַמלט בײַ די צוויי האַנדלדערפער — ליסקאָוואָ און מוראַשקינאָ. אינ דעמ דאָזיקנ אָטריאַד האָבנ צוגלײַכ מיט דער מאָרדווא און טשוּוואַשנ גענומענ אַנ אַקטיוונ אָנטייל אויכ די „בורלאַקעס" (די פויערימ, וואָס האָבנ געאַרבעט אָפ די פּאָטאַש־זאַוואָדנ).

די אופגעשטאַנענע זײַנענ אָנגעפאַלנ אָפנ מאַקאַריעווער מאָנאַסטיר. לעכאַטכילע זײַנענ זיי אָפּגעשלײַדערט געוואָרנ פונ די ווענט פונ מאַקאַריעווער מאָנאַסטיר. אָבער אַ צווייטער ראַזינער אָטריאַד האָט פאַרכאַפּט און צערויבט אָט דעמ גרעסטנ אינ ראַיאָנ צענטער פונ האַנדל און עקספּלואַטאַציע.

ראַזינס אָטריאַדנ האָבנ זיכ אויכ אַריבערגעוואָרפנ אָפ יענער זײַט וואָלגע צו די מאַרי. אָפ שיפלעכ האָבנ זיי זיכ אופגעהויבנ איבער די צאָפנדיקע וואָלגער בײַטײַכנ — וועטלוגע און אונזשע, — דאָ האָבנ זיי אײַנגענומענ שטעט און באַרויבט די אַדעליקע און באָיאַרישע הויפנ. איינצלנע ראַזינישע אַגיטאַטערס האָבנ זיכ פאַרקליבנ נאָכ ווײַטער אָפ צאָפנ — אינ וויאַטקע, אוסאָליע, אַפילע אינ וועליקי אוסטיוג. אינ האַרבסט 1670 יאָר איז שוינ אַ באַדײַטנדיקער טייל לאַנד געווענ אינ די הענט פונ די אופשטענדלער. די צאַרישע רעגירונג האָט אָנגעהויבנ מוירע צו האָבנ פאַרנ גוירל פונ מאָסקווע.

די מאפּאָלע פונ דער ראזינישער באוועגונג

די דערפאָלגנ פונעמ פויערימ=אופשטאנד האָבנ געצוווּנגענ די לײבײגנטימערישע רעגירונג אָנצושטרענגענ אלע אירע קרעפטנ, אלע דינסט=פארפליכטעטע האָבנ באקומענ א באפעל פונ דעמ צאר, אז זײ זאָלנ זיכ מעלדנ אינ זײערע פאָלקנ. די, וואָס וועלנ זיכ ניט מעלדנ, האָט מענ געדראָעט מיט טויט=שטראָפ אונ מיט קאָנפיסקירנ דעמ

די קעפונג פונ סטעפאנ ראזינ

פארמעגנ. פונעמ 30=טנ סענטיאבער אָנ האָט דער צאר אלעקסײ אינ פארלויפ פונ 3 טעג דורכגעפירט א דורכקוק פונ די 60 טויזנט אדעליקע, וואָס האָבנ זיכ אופגעקליבנ הינטער מאָסקווע. קעגנ ראזינענ זײנענ אויכ ארויסגעשטעלט געוואָרנ די מיליטער־פאָלקנ פונ „אויסלענדישער מושטירונג", דער בעסטער טײל פונ דער רוסישער ארמײ, וואָס איז געשולט געוואָרנ פונ מערעוו=אײראָפּײִשע אינסטרוקטערס.

איצט זײנענ שוינ די מיליטער=קרעפטנ, וואָס ראזינ האָט געהאט קעגנ זיכ,

גאָרניט ענלעך געווען צו יענע אַטריאַדן שיסער, וואָס פלעגן לעבט אריבערגיין אַף זייער זייט. דאָס מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פונעם פירשט באַריאַטינסקי, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו הילף סימבירסק, איז באַשטאַנען, הויפטזאַכלעך, פון פריצים, וואָס האָבן געקוקט אַף די ראַזינער, ווי אַף די ערגסטע קלאַסן־סאָניים זייערע. אין שלאַכטן דורכשלאָגנדיק זיך דעם וועג צו סימבירסק, האָט זיך באַריאַטינסקי געטראָפן אין אַקטיאַבער מיט ראַזינס הויפטקרעפטן.

די צארישע אַרמיי איז געווען אַ סך בעסער געשולט און באַוואָפנט, ווי די ראַזינער. די ראַזינער האָבן געהאַט ווייניק ביקסן און האַרמאַטן. אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיי איז געווען באַוואָפנט מיט „קיסטענעס", קאָסעס און הייגאָפּלען. אין שלאַכט מיט באַריאַטינסקין האָבן די ראַזינער געליטן אַ מאַפּאָלע. פון סימבירסק איז ראַזין אַ פאַרוווּנדעטער אַוועק מיט די קאָזאַקן צוריק צום דאָן. אומזיסט האָט ער געפרוּווט פאַרזעצן דעם קאַמף, אָנזאַמלענדיק נייע קויכעס. אין פרילינג 1671 יאָר האָט די „באַלעבאַטישע" קאָזאַקן איינגענומען קאַנאַלייק און פאַרכאַפּט אין געפאַנגענשאַפט ראַזינען. זיי האָבן אים געשמידט אין קייטן און אָפּגעפירט קיין מאָסקווע. נאָך שווידערלעכע פייניקונגען האָט מען דעם פירער פונעם פויערים־אויפשטאַנד געקעפט. ווי איינער אַן אויסלענדער דערציילט, איז דער קעפּונג־פּלאַץ געווען אַרומגערינגלט מיט אַ „דרייפאַכער ריי איבערגעגעבנסטע סאָלדאַטן און נאָר אויסלענדער זיינען דערלאָזן געוואָרן אינווייניק אין דעם אָפּגעצאַמטן פּלאַץ. אַף די קרייצונגען פון די גאַסן זיינען איבער דער גאַנצער שטאָט געווען אויסגעשטעלט אַטריאַדן מיליטער". געטאָן האָט מען דאָס, קעדיי ניט „דערלאָזן צו אומרוען, וואָס דער צאַר האָט דערוואַרט מיצאַד די גאַנץ געבליבענע פאַרשווערער". ראַזינען האָט מען אומגעבראַכט מיט אַן אכזאָריעסדיקן טויט.

די צארישע נעקאָמע

נאָך דער מאַפּאָלע הינטער סימבירסק האָבן די פויערים ניט געוואָרפן דאָס געווער; באַזונדערס פעסט האָבן זיך געהאַלטן די מאָרדווא און די טאָטערן. אָבער מיט די איינצלנע פויערשע אַטריאַדן האָבן זיך שוין די אַטריאַדן פונעם רעגירונג־מיליטער געקאָנט סּראַווען אָן מי. די ניט־אָרגאַניזירטקייט פון דער באַוועגונג און די צעשפּליטערטקייט אירע האָבן פאַרגרינגערט דאָס צעגראָמירן זי. לענגער פון אַנדערע (ביז סאָף 1671 יאָר) האָט זיך געהאַלטן אַסטראַכאַן.

די שטראָף־אַטריאַדן האָבן געווילדעוועט איבער גאַנץ וואָלגע. מיט די אויפשטענדלער האָט מען זיך גרויזאַם אָפּגערעכנט. די פויערים האָט מען געברענט, געהאַנגען, געשמיסן מיט בייטשן, געקאַליעטשעט (אָפּגעהאַקט די הענט, די פינגער אַף די הענט און פיס, אַרויסגעריסן די צינגער). מע האָט פאַרברענט גאַנצע דערפער, אָפּגענומען דאָס פאַרמעגן. דער צענטער פון אָט די גרויזאַמע נעקאָמע־אַקטן איז געווען די שטאָט אַרזאַמאַס. דאָ האָט געאַרבעט דעם צאַרס הויפּט־טאַליען, דער פירשט י ו ר י ד אָ ל ג אָ ר ו ק י. „ס'איז אַ שרעק געווען צו קוקן אַף אַרזאַמאַס, — זאָגט איינער פון די בייגעוועזענע אויסלענדער, — די פאָרשטעט זיינען האָבן אויסגעזען ווי אַן עמעסער גענעם. אומעטום זיינען געשטאַנען טליִעס. און אַף יעדער טליִע זיינען געהאַנגען ביז 40—50 טויטע קערפּערס. עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט צעוואָרפענע קעפּ און ס'האָט געדאַמפט מיט פרישן בלוט. עס זיינען געשטאַנען דראָנגען, אַף וועלכע עס האָבן זיך געמאַטערט די אויפשטענדלער, וואָס פלעגן אָפט לעבן צו 3 טעג אין שרעקלעכע אומגעהייערע ליידן". אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער צווייטער ערנסטער פּרוּוו פונעם רוסישן פויערטום אַראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון ליבייגנטום.

די כאראקטעריסטי־שע שטריכנ פונ דער ראזינישער באוועגונג אלס א פויערימ־מילכאָמע

דער יעסאָד פונ דער ראזינישער באוועגונג, פונקט ווי פונ דער ערשטער רוסישער פויערימ־מילכאָמע (1605—1613 י.) איז געווענ דער קאמפ פונעמ פויערטומ, וואָס איז פארקנעכטעט אונ ווערט פארקנעכטעט, קעגנ דעמ לײַביגנטימערישנ יאָכ, דער קאמפ פארנ וועג פונ א פרײַענ פראָדוצירער אפ א פרײַער ערד. אינ דער ראזינישער באוועגונג האָט גענומענ זייער א גרויסנ אָנטייל דאָס פויערטומ פונ די אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטנ.

די אָנפירונג אינ דער ראזינישער באוועגונג האָט געהערט דער קאזאקישער אָרעמשאפט, ד. ה. די אנטלאָפענע פויערימ, די היימלאָזע פישערס, די איבערגעלאָפענע שיסער, די געפאנגענע שקלאפנ פונ דער „סטארשינא“. צוזאמענ מיט די אונטערשטע שיכטנ פונ דער שטאָטישער באפעלקערונג, מיט די וואָלגער בורלאקעס, מיט די שיפ־ארבעטער, מיט די ערדלאָזע פויערימ אונ מיט די „בודניקעס“ (די לײַביגענע פאָטאש־ארבעטער) האָבנ זיי געבילדעט דעמ רעוואָליוציאָנערנ קערנ פונ דער באוועגונג, וואָס איז פייִיק געווענ צוצוגעבנ איר אזא ברייטנ פארנעמ.

ניט געקוקט אפנ רויבערישנ כאראקטער פונ דער באוועגונג, האָבנ די פירער אירע געהאט א באשטימטנ פלאנ, אנ אויסגעארבעטע טאקטיק. ריכטיק אָנצייכענענדיק דעמ ציל־פונקט פונעמ קאמפ, האָבנ די ראזינער ארויסגעוויזנ גרויס ענערגיע אינ אופהייבנ די ברייטע מאסנ באפעלקערונג. גרויס אופמערקזאמקייט האָבנ זיי אָפגעגעבנ דער אגיטאציע — סײַ דער מינדלעכער סײַ דער שריפטלעכער (די „הערלעכע בריוו“). אלס אגיטאטערס פלעגנ זיי אויסנוצנ פויערימ, אנטלאָפענע גאלאָכימ, שטאָטבירגער; די דאָזיקע אגיטאטערס פלעגנ פירנ זייער ארבעט אונטער דער מאסקע פונ הענדלער אָדער גאלאָכימ. צווישנ די אגיטאטערס זײַנענ אויכ געווענ פרויענ. מע האָט, לעמאָשל, געכאפט איינע א פויערטע פונ ארזאמאס אָלינא מיט „גנייווישע בריוו“: מע האָט זי געפײַניקט אפ א לאנגזאמענ פײַער אונ דערנאָכ פארברענט.

דער שטאב פונ דעמ אופשטאנד האָט ארויסגעוויזנ א באדײַטנדיקע געניטקײַט אונ בייגעוודיקײַט אויכ אינ דער אָנפירונג מיט די קריג־אָפעראציעס. מע האָט שטארק געזאָרגט וועגנ דער באוואָפענונג, באזונדערס וועגנ דער ארטילעריע. אזוי־ווי פײַער־געווער האָט פאר אלע אופשטענדלער ניט געקלעקט, האָט מענ זיכ אײַנליק פארנומענ מיט אויסארבעטנ כאָטש קאלטנ געווער. אונטער סימבירסק, טיילנ מיט אינ זייערע ראפאָרטנ די וואָיעוואָדעס, מאכנ „טאָג אונ נאכט אָנ אופהער פאר סטענקעס בערדישנ * מענטשנ פונ פארשיידענעמ ראנג“. קעדיי פארהאלטנ דעמ אָנגריפ פונ רעגירונג־מיליטער, פלעגט מענ בויענ אינ די דערפער באריקאדעס פונ וועגענער אונ קלעצער. מע פלעגט ארויסשיקנ פאָרויס אויסשפיר־אָטריאדנ.

די סיבעס פונ דער מאפאָלע פונ דער פויערימ־מילכאָמע פונ 1670—1671 יי.

די מאפאָלע פונ דער ראזינישער באוועגונג דערקלערט זיכ מיט דער גרונט־סיבע, וואָס אינ רוסלאנד איז אינ XVII יאָרהונדערט נאָכ ניט געווענ יענער קלאס, וואָס זאָל זײַנ אימשטאנד אָנצופירנ מיטנ פויערשנ קאמפ (דאָס הייסט, דער פראָלעטאריאט).

* בערדיש — א קאלט געווער, א צונויפפאָרונג פונ א האק מיט א שפיז.

די קאזאקישע אָרעמשאפט איז ניט געווענ בעקויעכ צו אָרגאניזירנ די פויערימ־באוועגונג. יערעמ דאָרפ האָט זיכ געשלאָגנ קעגנ זײַנע אונטערדריקער, האָט זיכ געשלאָגנ העלדיש, אָבער ווײַטער פונעמ אייגענעמ דאָרפ איז דער קאמפ ניט געגאנגענ. דעריבער האָט די רעגירונג איינציקווייז צעקלאפט די אופשטענדלער־אָטריאדנ.

א גרויסע באַדײַטונג האָט אויכ געהאט דאָס, וואָס טעכניש איז די אָדל־ארמיי געשטאַנענ העכער פונ די פויערשע אָטריאדנ.

דער מאַפּאָלע האָבנ אויכ מיטגעהאָלפנ א ריי פעלערנ, וואָס עס זײַנענ באַגאַנגענ די אָנפירער פונ דער ראַזינישער באוועגונג און פונ דער קאזאקישער אָרעמשאפט. דער וויכטיקסטער פעלער איז געווענ דאָס, וואָס די הויפּטקרעפטנ האָבנ זיכ פארהאַלטנ בא סימבירסק, אַנשטאָט פאָרצוזעצנ דעמ אָנגריפ אפ מאָסקווע.

צולעצט, איז אינ די נאציאָנאַלע ראַיאָנענ דער דערפאָלג פונ דער באוועגונג געווענ אָפּגעשוואַכט דורכ דער ניט גענוג קאָנסעקווענטער פּאָליטיק בענוגע צו די אָרטיקע פּריצימ. קעמפנדיק אָנ ראַכמאָנעס קעגנ די מאָסקווער לײַבייגנטימער, זײַנענ די ראַזינער לעכאַטכילע געווענ גרייט צו גיינ אפ א פּשאָרע מיט די אָרטיקע עקספּלואַטאַטערס. און בלויז דער סטיכייִשער וווּקס פונ דער אַנטי־לײַבייגנטימערישער באוועגונג צווישנ די ניט־רוסישע פעלקער האָט געצוווּנגענ ראַזינענ אונטער סימבירסק ארויסצושטעלנ דעמ לאָזונג: „אויסשעכטנ די מוכזעמ און די טאַטערנ, וואָס פאַרמאָגנ פויערימ״.

פראגעס:

וואָס איז די גרונט־סיבע פונ דער פויערימ־מילכאָמע פונ 1670—1671 י.?

פאַרוואָס האָט זיכ אינ די 60־ער יאָרנ פונ XVII יאָרהונדערט פאַרשטאַרקט דער צופלוס פונ אַנטלאָפענע אפ דאָנ?

וועלכע גרופּעס באַפעלקערונג האָבנ אָנטיילגענומענ אינ דער ראַזינישער באַוועגונג?

וואָס פאַר א נאציאָנאַלנ באַשטאַנד האָט געהאט ראַזינס אַרמיי?

וואָס האָבנ געוואָלט די ראַזינער? וואָס פאַר אַנ אָרדענונג פלעגנ זיי אײַנשטעלנ אינ די אײַנגענומענע שטעט?

פאַרוואָס איז די ראַזינישע באַוועגונג באַזיגט געוואָרנ?

קאפּיטל XVIII

די אויסבילדונג פונ דער רוסלענדישער אימפּעריע און די פויערימ־מילכאָמעס אינ XVIII יאָרהונדערט

52. די רוסלענדישע אימפּעריע אינ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט

די מילכאָמעס און דעראָבערונגענ אינ XVIII יאָרהונדערט

די צעגראָמירונג פונ דער פויערימ־מילכאָמע אפ דער וואָלגע האָט אָפּגעראַמט פאַר די מאָסקווער לײַבייגנטימער דעמ וועג אפ דאָרעמ און אפ מיזרעכ, צו די שוואַרציאַמישע סטעפּעס, צו טראַנסוואָלגע, אפ דאָרעמ־אוראַל. די מאָסקווער מעלוכע האָט פאַר זיכ פאַרפעסטיקט די געגנטנ פונ די דאָנער קאַזאַקנ, די קאַלמיקישע און באַשקירישע געגנטנ.

עס זײַנענ פאַרברייטערט געוואָרנ די אָקופּאַציעס אויכ ווײַטער אפ מיזרעכ,

אינ סיביר. דאָ האָבנ זיכ די רוסישע אָקופּאַנטנ אינמיטנ יאָרהונדערט פאַרקליבנ ביזנ אמור (ביז די סאַמע גרענעצנ פונ כינע). די טעריטאָריע פונ דער מאָסקווער מעלוכע האָט פאַר איינ יאָרהונדערט זיכ פאַרגרעסערט מער ווי אינ צוויי מאָל.

דער ווּקס פונ דער טעריטאָריע פונ רוסלאַנד
אינ XVI—XVIII יה.

יאָרנ	טעריטאָריע אינ קוו. מײַל
1590	130.132
1682	268.078
1726	282.454
1796	352.472

די דערפאָלגרייכע פאַרכאַפּונגענ האָבנ געהאָלפנ צו פאַרפעסטיקנ זיכ דער לײַבאייגנטום-מעלוכע אונ פאַרהיטנ אינ איר די לײַבאייגנטימערישע פאַרהעלטענישנ. אינ די דאָזיקע פאַרכאַפּונגענ האָט די לײַבאייגנטום-מעלוכע געפונענ אַנ אויסוועג פונעמ שווערנ קריזיס אינ דער צווייטער העלפט XVII יאָרהונדערט.

דער ווּקס פונ דער טעריטאָריע איז פאָרגעקומענ, הויפּטזאַכלעכ, אָפּנ כעזשבנ פונ דעראָבערונגענ אינ מיזרעכ. אינ מײַרעוו האָבנ זיכ די מאָסקווער לײַבאייגנטימער דערשלאָגנ קלענערע דערפאָלגנ, כאָטש אהער זײַנענ געשיקט געוואָרנ קאָלאָסאַלע קרעפטנ.

שוינ פונ XVI יאָרהונדערט האָט די מאָסקווער מעלוכע אָנגעהויבנ א קאַמפּ פאַרנ ארויסגאַנג צומ באַלטישנ יאַמ. דער דאָזיקער יאַמ איז געווענ נייטיק פאַר די רוסישע אדעליקע אונ סאָכרימ, קעדיי אײַנצושטעלנ גרינגערע אונ זעלבשטענדיקע (אָנ פאַרמיטלער) פאַרבינדונגענ מיט מײַרעוו-אייראָפּע, אָנשטאָט דעמ אומבאַקוועמענ ווײַסנ יאַמ.

דער קאַמפּ איז פאָרגעזעצט געוואָרנ אינ פאַרלויפ פונ דעמ גאַנצנ XVII יאָרהונדערט, אריבערוואַרפנדיק זיכ אַמאָל אָפּ דאָרעמ, ווו די רוסנ האָבנ באַקומענ א ווידערשטאַנד מיצאַד די טערקנ אונ די פּאָליאַקנ, אונ אַמאָל אָפּ צאָפנ-מײַרעוו. ווו די הויפּט-קעגנער רוסלאַנדס זײַנענ געווענ די שוועדנ. די מילכאָמעס מיט פּוילנ אונ מיט שוועדנ זײַנענ אינ אַלגעמיינ ניט געלונגענ. פּוילנ אונ שוועדנ זײַנענ אינ אָנהייב XVII יאָרהונדערט אינ עקאָנאָמישער אונ טעכנישער הינזיכט געשטאַנענ העכער פונ דער מאָסקווער מעלוכע, אונ דעריבער האָבנ זיי געשלאָגנ דאָס אָפּגעשטאַנענע רוסלאַנד. אָנהייב XVII יאָרהונדערט, בייסנ בירגערקריג אינ רוסלאַנד, האָבנ די פּוילישע אונ שוועדישע פעאָדאַלנ זיכ געפּרוווט געניסנ אָפּנ כעזשבנ פונ דער אָפּגעשוואַכטער מאָסקווע. די פּאָליאַקנ האָבנ פאַרכאַפּט סמאָלענסק (איינ צײַט האָבנ זיי פאַרנומענ אפילע מאָסקווע), אונ די שוועדנ האָבנ אָפּגעשטויסנ די רוסנ פונ דעמ פינישנ אײַנגוס.

אינמיטנ XVII יאָרהונדערט גייט מאָסקווע אריבער אינ א קאָנטראָנגריפ קעגנ פּוילנ, וואָס איז געווענ אָפּגעשוואַכט דורכ דער פּויערימ-מילכאָמע. די מילכאָמע, וואָס האָט זיכ פאַרצויגנ, האָט זיכ פאַרענדיקט מיטנ ניצאָכנ פונ מאָסקווע איבער פּוילנ.

די גרויסע צאָפנ-דיקע מילכאָמע

פונ דעמאָלט אָנ איז דער סאַמע געפערלעכער קאָנקורענט פונ מאָסקווע געוואָרנ שוועדנ; שוועדנ איז אינ יענער צײַט געווענ איינס פונ די גרעסטע לענדער לויטנ ארויסבאַקומ פונ אײַזנ אונ לויט דער קריג-אינדוסטריע. אינ XVII יאָרהונדערט האָט שוועדנ געהערשט

איבער נאָרוועגיע און פינלאַנד. אין אָנהייב XVII יאָרהונדערט האָט שוועדן באַוויזן אָפשטויסנ די רוסלענדער פונ דעמ פינישנ אײַנגוס, האָט זיך באַפעסטיקט אינ דעמ איצטיקנ עסטלאַנד און לעטלאַנד (ביז ריגע), האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט א פעסטנ פוס אפנ האָרעמדיקנ ברעגלאַנד פונעמ באַלטישנ יאַמ (בײַמ דער גרויסער 30-יאָריקער מילכאָמע).

אַלע אַנדערע פרעטענדענטנ אפנ באַלטישנ ברעגלאַנד (די מאָסקווער מעלוכע, פוילנ און דענעמאַרק), מוירע האָבנדיק פאַר דעמ, אז שוועדנ זאָל זיך ניט פאַרשטאַרקנ, האָבנ סאָפ XVII יאָרהונדערט געשלאָסנ א בונד און זײַנענ אַרײַנגעטראָטנ אינ קאַמפ מיט די שוועדנ.

די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבנ פאַר די רוסנ מיט א גרויסער מאַפּאָלע: אינ 1700 יאָר, אונטער נאַרווע, האָט די ניט גרויסע, אָבער גוט אָרגאַניזירטע שוועדישע אַרמיי צעקלאַפט דאָס ניט-ריררעוודיקע מאָסקווער מיליטער. פונ פולשטענדיקער



54-האַרמאַטנדיקע שיפ „פּאָלטאַווע“ (געבויט אינ XII יה)

צעגראָמירונג האָט זיך רוסלאַנד געראַטעוועט בלויז דערמיט, וואָס די שוועדנ, האַלטנדיק, אז זייערע פּאָזיציעס אינ מיזרעכ זײַנענ געזיכערט, האָבנ אַריבערגעוואָרפנ די הויפּט-קרעפטנ קיינ פוילנ. די מאָסקווער רעגירונג (בעראָש מיטנ צאַר פּ י אָ ט ע ר) האָט באַוויזנ אויסצונוצנ דעמ אָטעמ-איבערכאַפּ, וואָס די שוועדנ האָבנ איר געגעבנ. שוינ אינ XVII יאָרהונדערט זײַנענ אינ מאָסקווע געווענ אָרגאַניזירט פּאָלקנ פונ „אויסלענדישער מושטירונג“. איצט האָט מענ די הויפּט-מאַסע פונ דער אַרמיי איבערבאַוואָפנט און איבערגעבויט אפנ אויסלענדישנ שטייגער. מע האָט זיך גענומענ מיט א שנעלנ טעמפּ אויסבויענ א פלאָט.

אָנשטרענגענדיק אַלע קרעפטנ פונ לאַנד, דורכ אַנ אומגעהייערנ דרוק אפ דער באַפעלקערונג, איז פּיאָטערס רעגירונג אַרויס א זיגערנ פונ דער מילכאָמע, וואָס האָט זיך פאַרצויגנ אפ 20 יאָר (א באַזונדערס גרויסנ ניצאָכנ האָבנ די רוסלענדער אָפגעהאַלטנ איבער די שוועדנ בא פּאָלטאַווע). אינ 1721 יאָר איז געשלאָסנ גע-

וואָרנ מיט די שוועדנ א שאָלעמ־אָפּמאַכ, לויט וועלכנ די רוסלענדער האָבנ באַקומענ פונ די שוועדנ דאָס ברעגלאַנד פונ באַלטישנ יאַמ און פונ זײַנע אײַנגוסנ — פונ וויבאָרג ביז ריגע.

דער ניצאָכנ אינ דער צאָפנדיקער מילכאָמע האָט געהאַט א גרויסע באַדײַטונג פאַר דער ווײַטערדיקער געשיכטע פונ דער רוסלענדישער אימפּעריע (אזוי האָט מענ איצט אָנגעהויבנ רופנ די מאָסקווער מעלוכע). ביידע אירע אַלטע קעגנער — שוועדנ און פוילנ — פאַרלירנ אינ XVIII יאָרהונדערט זייער אַמאָליקע מאַכט. סאָפ XVIII יאָרהונדערט ווערט פוילנ, א צעפּרעסנס פונ אינערלעכע קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ, א רויב־אָביעקט פאַר די מער גליקלעכע רויבער (רוסלאַנד, פּרײַסנ און עסטרײַכ), וואָס האָבנ עס צעטיילט צווישנ זיכ; שוועדנ ווערט מיט דער צײַט פאַרוואַנדלט אינ א צווייטראַנגיקער מעלוכע.

דער קאמפ פארנ קאספישנ יאמ

אינ XVII און אָנהייב XVIII יאָרהונדערט האָט די רוסישע רעגירונג געפירט אַז אקשאָנעסדיקנ קאַמפּ אויכ פאַרנ ברעגלאַנד פונ דעמ שוואַרצנ יאַמ. אָבער די מאַרשנ אָפּ קרימ און צו אזאָוו אינ סאָפ XVII יאָרהונדערט און אויכ דער מאַרש אָפּ פּרוט אינ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט האָבנ ניט געהאַט קיינ דערפאָלג, ניט געקוקט אָפּ די קאָלאָסאַלע מיטלענ, וואָס זײַנענ דערויפ אויסגעבראַכט געוואָרנ. ערשט א סאַכ שפּעטער, אינעמ לעצטנ דריטל XVIII יאָרהונדערט, האָבנ די רוסנ פאַרכאַפּט דאָס צאָפנדיקע ברעגלאַנד פונעמ שוואַרצנ יאַמ.

עס האָט זיכ געפירט א קאַמפּ אויכ באַמ קאַספּישנ יאַמ. שוינ אינ דער צווייטער העלפט XVI יאָרהונדערט האָבנ זיכ די רוסישע באַזיצנ פאַרשפּרייט ביזנ טערעק, דאָס הייסט, ביזנ פאָרבאַרג פונ קאַווקאַז. עס זײַנענ אײַנגעשטעלט געוואָרנ ענגע פאַרבינדונג'ענ מיט די פעאָדאַלנ פונ קאַבאַרדע. פונ יענער צײַט אָנ הייבנ זיכ אָנ פאַרבינדונגענ אויכ צווישנ דער מאָסקווער מעלוכע און גרוזיע. האָבנדיק קעגנ זיכ טערקײַ און פּערסיע, האָבנ די גרוזינישע פעאָדאַלנ געזוכט אינ דער מאָסקווער מעלוכע א פאַרבינדעטנ, און די מאָסקווער מעלוכע, פונ איר זײַט, האָט געוואָלט באַ דער מיטהילפ פונ די גרוזינישע פעאָדאַלנ פאַרפעסטיקנ זיכ אָפּ קאַווקאַז. אינ פאַרלויפ פונ דעמ גאַנצנ XVII יאָרהונדערט האָט די מאָסקווער מעלוכע אָפּגעגעבנ פיל אויפמערקזאַמקײַט די קאַווקאַזער איניאָנימ, אָבער פונ מיליטערישע דעראָבערונגענ האָט זי זיכ דערווײַל נאָכ אָפּגעהאַלטנ, באַמיִענדיק זיכ אָפּ א פרידלעכנ אויפנ צו שפּילנ די ראָליע פונ א פאַרמיטלער אינעמ האַנדל פונ פּערסיע מיט אייראָפּע (א באַזונדערס גרויסע באַדײַטונג האָט אינ יענער צײַט געהאַט דער האַנדל מיט פּערסישע זײַדנס).

אינ XVIII יאָרהונדערט איז שוינ רוסלאַנד אריבער צו דער פּאָליטיק פונ אָפענע פאַרכאַפּונגענ. באַלד, ווי עס האָט זיכ געענדיקט די צאָפנ־מילכאָמע (1722 יאָר), האָט זיכ אָנגעהויבנ א מילכאָמע מיט פּערסיע. דאָס רוסישע מיליטער האָט פאַרכאַפּט דערבענט, באַקו, און דעמ דאָרעמדיקנ ברעג פונ קאַספּישנ יאַמ. פּערסיע איז געווענ געצוווּנגענ אָפּצוטרעטנ די דאָזיקע געגנטנ. די דערפאָלגנ פונ די רוסנ זײַנענ אָבער געווענ ניט קיינ פעסטע: אינ 10 יאָר ארומ זײַנענ די דאָזיקע געגנטנ ווידער אָפּגעפאַלנ פונ רוסלאַנד.

אָט די אַלע מילכאָמעס, וואָס זײַנענ געפירט געוואָרנ אינ די אינטערעסנ פונ

די רוסישע לײַבאײגנטימער אונ פונ דעם וואקסנדיקנ סאכרישנ קאפיטאל, האבנ גע־האט א גרויסע ווירקונג אפ דער אנטוויקלונג פונ דער רוסישער זעלבסטהערשונג.

די רוסישע זעלבסט־הערשונג אינ XVII יארהונדערט

ווי מיר האבנ שוינ געזאגט, האט זיכ די רוסישע זעלבסטהערשונג אנגעהויבנ אויסבילדנ אינ XVI יארהונדערט. די לײַבאײגנטימער האבנ זיכ גענייטיקט אינ א שטארקער צענטראליזירטער מאכט, קעדיי צו דערשטיקנ די באוועגונג פונ די אונטערדריקטע מאסנ אונ פארכאפנ נײַע לענדער.

אינ XVII יארהונדערט האט זיכ די רוסישע זעלבסטהערשונג פארשטארקט, שאפנדיק א קאלאסאלע מאשינ צום אנפירנ מיטנ לאנד. די שטענדיקע ארמײ, די באאמטע (די ביוראקראטיע) אונ די קירכע זײַנענ געווארנ די וויכטיקסטע געצײַג פונ דער רוסישער זעלבסטהערשונג.

די ארמײ ווערט אינ XVII יארהונדערט ביסלעכווײַז איבערגעבויט: עס הייבנ אינ איר אנ שפילנ אלצ א קלענערע ראליע די אטריאדנ, וואס עס ברענגענ באזונדערע פעאדאלנ, אונ עס באקומט אלצ א גרעסערע באדײַטונג דאס שטענדיקע מיליטער — די שיסער אונ די פאלקנ פונ „אויסלענדישער מושטרירונג“. אינעם דערשטיקנ די ראזינישע באוועגונג האבנ די פאלקנ פונ „אויסלענדישער מושטירונג“ געשפילט זייער א וויכטיקע אונ גרויסע ראליע.

עס איז אויסגעוואקסנ אונ קאמפליצירט געווארנ אויכ די ביוראקראטישע מאשינ פונ דער מאסקווער זעלבסטהערשונג. געקרוינט די האזיקע מאשינ האבנ 50 „פריקאזנ“ (צענטראלע אנשטאלטנ). די „פריקאזנ“ האבנ זיכ אינ פארלויפ פונ יארנ אויסגעבילדעט צופעליק, אנ א פריער דורכגעטראכטנ פלאנ. צווישנ זיי איז ניט געווענ קיינ שטרענגע פארטיילונג פונ די פליכטנ. איינ טייל פריקאזנ (דער דיפלאמאטישער, גוטבאזיצערישער, דער שיסער־פריקאז, פארנ באוואפענונג־וועזנ, דער סאכרישער, פארנ ארצ־וועזנ, דער רויבערישער, פאר די קנעכט־איניאנימ אאוו.) האבנ אנגעפירט מיט א באשטימטנ ספעציעלנ געביט אינ דער גאנצער מעלוכע. אנדערע ווידער (דער פריקאז פונ דעם קאזאנער פאלעצ, דער סיבירער פריקאז) האבנ אנגעפירט מיט באשטימטע געגנטנ. עס איז געווענ א גאנצע ריי פריקאזנ, וואס פלעגנ באדינענ די באדערפענישנ פונעמ צארישנ הויפ: צווישנ זיי זײַנענ געווענ גרויסע (צומבײַשפּיל, דער פריקאז פונעמ גרויסנ פאלעצ, וואס האט אנגעפירט מיט די הויפ־גיטער) אונ קליינע, אשטייגער, דער אפטייקער־פריקאז. יעטווידער פריקאז האט זיכ געהאט זײַנע אופגאבעס.

בעראש פונ די פריקאזנ זײַנענ געווײנלעכ געשטאנענ באיארנ. פאקטיש אבער האבנ מיט זיי אנגעפירט ניט די אריסטאקראטישע פעאדאלנ, נאר די באאמטע — די דיאקנ אונ פאדיאטשע. אונ אינ איינעמ פונ די וויכטיקסטע פריקאזנ — אינ דעמ פריקאז פאר געהיימע איניאנימ — זײַנענ געזעסנ בלויז דיאקנ.

אויכ די אנפירונג אפ די ערטער איז ביסלעכווײַז אריבער אינ די הענט פונ די באאמטע. אנשטאט די אלטע פעאדאלע מאכט־ארגאנענ אונ די אויסגעוויילטע ארטיקע אנשטאלטנ זײַנענ איצט געקומענ די וואיעוואדעס מיט באאמטע, וואס פלעגנ צוגעשיקט ווערנ פונ מאסקווע. דער אונטערגאנג פונ דער פאליטישער באדײַטונג פונ דער אלטער אריסטאקראטיע האט זיכ אויכ ארויסגעוויזנ דערינ, וואס סאפ XVII יארהונדערט איז אפגעשאפט געווארנ די „מעסטניטשעסטווא“.

די פּילצאָליקע אַרמיי באַאַמטע איז געוואָרנ פולשטענדיקער באַלעבאָס איבער דער באַפעלקערונג, זי פּלעגט זאַמלענ שטייערנ, אַרויסקלאַפּנ די שטײַערנ מיט שטעקנס, זי פּלעגט פּײַניקנ די באַפעלקערונג אינ די קאַזעמאַטנ אונ פאַרזעצנ אינ די טורמעס.

אינ XVII יאָרהונדערט איז די מאָסקווער מעלוכע געוואָרנ א ביוראָקראַטישע זעלבסטהערשערישע מאָנאַרכיע, וואָס האָט זיכ געשטיצט אַפּ אַ גרויסער אַרמיי.

א גרויסע שטיצע פאַרנ אַבסאָליוטיזמ איז געווענ די קירכע. די קירכע איז געווענ דער גרעסטער ערדבאַזיצער, וואָס האָט אַכזאָריעסדיק עקספּלואַטירט דאָס לײַבייגענע פּויערטומ. עס איז גענוג אָנצווײַזנ, צומבײַשפּיל, דערויפ, אַז דער טראָיצע־סערגיעווער מאָנאַסטיר האָט דער ערשטער פאַרוואַנדלט זײַנע פּויערימ אינ לײַבייגענע. די מאָנאַסטירנ זײַנענ ניט אָפּגעשטאַנענ אינ אַכזאָריעס פונ די פעאָדאַלנ די פּריצימ אינ פּראַט פונ פאַרקנעכטנ אונ עקספּלואַטירנ די אונטערדריקטע פעלקער. די קירכע האָט אַזויאַרומ געהייליקט אַלע מעשימ פונ דער אַבסאָליוטער מאָנאַרכיע אינ עקספּלואַטירנ דאָס לײַבייגענע פּויערטומ אונ די אונטערדריקטע פעלקער. דערמיט גופע האָט די קירכע פאַרפעסטיקט די אַבסאָליוטע מאָנאַרכיע.

די רעפאָרמעס פונ דער לײַבייגנ־טימערישער מעלוכע אינ אָנהייב XVIII יאָרהונדערטס

די פּויערימ־מילכאָמע פונ 1670—1671 י., די אָנופּהערלעכע אויפשטאַנדנ אינ די שטעט, פונ אײנ זײַט, די קעסיידערדיקע מילכאָמעס אינ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט — פונ דער צווייטער זײַט, האָבנ געצוווּנגענ די רעגירונג אַרײַנצוברענגענ אינ דער רעגירונג־סיסטעמ א ריי גרויסע ענדערונגענ, קעדיי צו פאַרפעסטיקנ די דיקטאַטור פונ די פּריצימ. די רעפאָרמעס האָבנ אָנגערירט אַלע זײַטנ פונ דער מעלוכע־פאַרוואַלטונג. ביימ דער צאָפנדיקער מילכאָמע איז דורכגעפירט געוואָרנ אַנ איבערבויונג פונ דער אַרמיי. זי איז איבערבאַוואָפנט געוואָרנ אַפּ אַנ אייראָפּייִשנ שניט אונ איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ א שטענדיקער.

דאָס שיסער־מיליטער, וואָס האָט באַוויזנ ביימ דער ראַזינישער באַוועגונג אונ די שטאָטישע אויפשטאַנדנ אינ XVII יאָרהונדערט, אַז מע קאָנ זיכ אַפּ אימ ניט פאַרלאָזנ, איז אינ פּעטער I צײַטנ ליקווידירט געוואָרנ.

אויסגעהאַלטנ די נײַע אַרמיי האָט די צענטראַלע מאַכט, וואָס האָט זי געשפּײַזט, געקליידט אונ באַוואָפנט אַפּ איר כעזשבנ. קאָמפּלעקטירט האָט מענ די אַרמיי פונ „רעקרוטנ”, וועלכע מע פּלעגט נעמענ בא די פּויערימ. אַרײַנפאַלנדיק אינ דער אַרמיי, פּלעגט דער רעקרוט אינ איר פאַרבלײַבנ ביזנ סאַמע טויט. אָפיצערנ אינ דער אַרמיי זײַנענ געווענ די אַדעליקע. א באַזונדערס גרויסע באַדײַטונג האָבנ אינ דער אַרמיי באַקומענ די פּאָלקנ פונ דער הויפּטשטאָט, וואָס מע פּלעגט קאָמפּלעקטירנ הויפּטזאַכלעכ פונ אַדל־יוגנט (די אַזוי־גערופענע גוואַרדיע).

עס איז אויכ איבערגעבויט געוואָרנ די סיסטעמ פונ רעגירנ מיטנ לאַנד. אַנשטאָט די פילצאָליקע פּריקאַזנ זײַנענ איצט געגרינדעט געוואָרנ לויטנ שוועדישנ מוסטער 10 „קאָלעגיעס”. צווישנ די קאָלעגיעס זײַנענ פאַרטיילט געוואָרנ די פאַרשיידענע געביטנ פונ מעלוכע־פאַרוואַלטונג. מיטנ מיליטער־וועזנ האָבנ אָנגעפירט א מיליטער־קאָלעגיע אונ אַנ אַדמיראַליטעט־קאָלעגיע, מיט דער אויסערלעכער פּאָליטיק, — אַנ אויסערנ־קאָלעגיע. דער געריכט אונ די פּאָליציי זײַנענ איצט פונ

די פּילצאָליקע פּריקאַזנ אריבער אינ די הענט פונ איינ יוסטיצ-קאָלעגיע. די מעלו־כישע האכנאָסעס אונ הויצאָעס אונ דער קאָנטראָל איבער זיי זײַנענ איבערגעגעבנ געוואָרנ אינ רעשוס פונ דרײַ קאָלעגיעס. צולעצט איז אויכ אָרגאַניזירט געוואָרנ א קאָלעגיע אפּ אָנצופירנ מיט די בארג-זאַוואָדנ („בארג-קאָלעגיע"), מיט די פאבריקנ („מאַנופאַקטור־קאָלעגיע"). א באַזונדערע קאָלעגיע אפּ צו פאַרוואַלטנ מיטנ האנדל („קאָמערצ־קאָלעגיע"). עס איז אויכ געשאפנ געוואָרנ א באַזונדערע קאָלעגיע אפּ אָנצופירנ מיט דער קירכע (דער „סינאָד"). דאָס פּאַטריאַרכנטומ איז אָפּגעשאפט געוואָרנ. צוזאַמענ מיט דער קירכלעכער מאכט איז אינ סינאָד ארײַנגעפירט געוואָרנ אויכ א צארישער באַאַמטער, וואָס פלעגט אכטונג געבנ אפּ זײַנ טעטיקײַט. אזוי איז די קירכע ענדגילטיק אונטערגעוואָרפנ געוואָרנ דער מעלוכע.

דער העכסטער רעגירונג־אַנשטאַלט איז געוואָרנ דער „סענאַט", וואָס האָט פאַרביטנ די באָיארישע דומע. דער סענאַט איז אויכ געוועננ א פאַרזאַמלונג פונ די צארישע „פּריקאַזטשיקעס" — באַאַמטע, וואָס זײַנענ געוועננ פאַרפליכטעט געהאָרכ־זאַמ אויסצופילנ דעמ צארס באַפעלנ. בלויז א קלייִנער טייל פונ דעמ אלטנ פעאָדאַלנ באָיאַרנטומ איז איצט פאַרבליבנ אפּ העכערע מעלוכע־שטעלעס. די מער־הײַט זייערע אָבער איז ארויסגעשטויסנ געוואָרנ דורכ די פלינקע אונ בייגעוודיקע קאַריעריסטנ, וואָס האָבנ געשטאַמט פונ פאַרשיידענע שיכטנ פונ דער באַפעלקערונג. דער סאַמע נאָענטער געהילפ פּיאָטערס איז געוואָרנ „אַלעקסאַשקאַ" מ ע נ ש י ק א װ, א זונ פונ א קלייִנעמ האַנטווערקער, וואָס איז פונ פּיאָטערס א דינער פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ א „ליכטיקסטנ פירשט". מענשיקאָוו איז א טיפּישער פאָרשטייער פונ דער „נײַער אַריסטאָקראַטיע", וואָס האָט רעגירט מיט דער אימפּעריע אינ XVIII יאָרהונדערט, אונ האָט צונויפגעפּאָרט אינ זײַנ פּערזאָנ גלײַכצײַטיק א גרויסנ ערדבאַ־זיצער, א מאָנאָפּאָליסט א סויכער אונ א רויבערישנ באַאַמטנ.

די רעפאָרמעס פונ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט האָבנ רעגולירט די מעלוכע־מאַשינ, אָבער דעמ קלאַסנ־טאָכ פונ דער מעלוכע האָבנ זיי ניט געענדערט. אינ דער ארמיי, וואָס איז רעאָרגאַניזירט געוואָרנ אפּנ אייראָפּייִשנ שניט, אינ דער נײַער מער האַרמאָנישער אונ בייגעוודיקער פאַרוואַלטונג־סיסטעמ האָט די זעלבסט־הערשונג באַקומענ נײַע מיטלענ צו אונטערהאַלטנ די מאַסנ אונ פאַרכאַפּנ נײַע קאָ־לאָניעס.

די אַרעליקע האָבנ געליבנ ביז אינ הימל ארײַנ די רעפאָרמעס פונ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט, אונ דעמ צאַר פּיאָטער, וואָס פאַר זײַנ צײַט זײַנענ די דאָזיקע רעפאָרמעס דורכגעפירט געוואָרנ, האָבנ זיי אָנגערופנ פּיאָטער דער גרויסער.

די באַרויבונג פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ דורכ דער מעלוכע

אָבער די דערפאָלגנ פונ דער נײַער אימפּעריע זײַנענ געקויפט געוואָרנ פאַרנ פּרײַז פונ רויִנירנ די אַרבעטנדיקע מאַסנ. אינ דער נײַער ארמיי האָט מענ צוגענומענ בא 200 טויזנט פּוי־ערימ: א העלפט פונ זיי איז אומגעקומענ אינ די שלאַכטנ אונ פונ קראַנקײַטנ. זייער פיל מענטשנ זײַנענ אומגעקומענ בא די צוזאַנגאַרבעטנ באַמ בויענ וועגנ, ווערפנ, די נײַע הויפּטשטאָט. די קעסיידערדיקע מילכאָמעס האָבנ געפאָדערט קאָלאָסאַלע סומעס געלט.

„געלט זאָל מענ מיט אלע מיטלענ זאַמלענ, וואָרעמ געלט—דאָס זײַנענ די אַר־טעריעס פונ מילכאָמע", — פלעגט דער צאַר באַפוילנ דעמ סענאַט. געלט פלעגט

די מעלוכע אויסזוכנ דורכ פארשיידענע מיטלענ: זי פלעגט איבערמאכנ מאטבייעס, צומישנדיק צום זילבער מער קופער (זי פלעגט, הייסט עס, אייגנטלעכ פעלשנ מאטבייעס). מע פלעגט אויכ אײַנפירנ נײַע שטײַערנ, דערבײַ פלעגט די רעגירונג ארויסווײַזנ אויסערגעוויינלעכע דערפינדערישקײַט אינעם אויסזוכנ באשטײַערונג־אביעקטנ (מע האט אפילע אײַנגעפירט א שטײַער אפ דעמבענע טרונעס).

ווענ אט די אלע מאסמיטלענ האבנ זיכ ארויסגעוויזנ פאר ניט גענוג, האט מענ באשלאסנ אײַנצופירנ, לויטנ פראנצויזישנ מוסטער, א קאפשטײַער. מע האט דורכגעפירט אנ איבערעגיסטראציע („א רעוויזיע") פונ דער גאנצער באפעלקערונג, אכוץ די אדעליקע אונ די גײַסטלעכע, אונ פונ יעטווידער „מאנצביל־נעפעש", פונ אנ ערשט געבוירענעם ביז גאר אלטע, האט מענ אנגעהויבנ נעמענ קאפשטײַער. אינ די רעוויזיע־צעטלענ האט מענ אויכ ארײַנגעשריבנ די פריצישע קנעכט (כאלאפעס), אויסגלײַכנדיק זיי אינ דער האזיקער הינזיכט מיט די לײַבייגענע. אינ די האזיקע צעטלענ זײַנענ אויכ ארײַנגעפאלנ א סאכ „פרײַ ארומוואנדערנדיקע מענטשנ". די סומע פונ אלע הויצאעס אפ דער ארמיי האט מענ צעטיילט אפ דער צאל נעפאשעס, אונ אזויארום האט מענ פעסטגעשטעלט די גרייס פונ דעם טשינש. דער נײַער שטײַער איז געווענ זייער א שווערע לאסט פארנ פאראָרעמטנ פויערטום. די שטײַער־זאמלער פלעגנ אופמאנענ די שטײַערנ אפנ סאמע אכזאריעסדיקנ אויפנ. אונ דאכ פלעגט מענ גאנצ אפט מיטיילנ דער רעגירונג, אז דעם „קאפשטײַער, ווי ס'איז אײַנגעשטעלט, איז אוממעגלעכ אופצוזאמלענ אינגאנצנ איבער דער מוירעדיקער נויט פונ דעם פויערטום".



פאשלינע פונ בערד

אזוי איז די רוסישע זעלבסטהערשונג פונ XVIII יארהונדערט נאכ דער רעפארמע געבליבנ א דיקטאטור פונ לײַבייגנטימער, וואס האבנ רעגירט מיטנ לאנד אינ אנ ענגנ בונד מיטנ סאכרימטום.

די נײַע הויפט־שטאט

אינ סאמע ברענ פונ דער מילכאמע מיט די שוועדנ, דאנ, ווענ זיי האבנ געהאט אריבערגעווארפנ זייערע הויפט־קרעפטנ קיינ פוילנ, האט דאס רוסישע מיליטער פארכאפט דאס ברעגלאנד פונ דעם טײַכ נעווא. דא (אינ 1703 יאר) האט מענ אינעם נידער־לאנד, בא דער לעפצונג פונ דעם טײַכ נעווא פארלייגט דעם פונדאמענט פונ א נײַער שטאט. אפ אויסצובויענ די שטאט האט מענ צונויפגעטריבנ פיל טויזנטער ארבעטער פונ אלע עקנ לאנד. זיי האבנ געגראבנ קאנאלנ, ארײַנגעשלאגנ סווײַעס, געבויט א פעסטונג, גרויסע הײַזער פארנ צאר (פיאטער) אונ פאר זײַנע הויפלײַט. דער שלעכטער קלימאט, דער הונגער אונ די אומדערטרעגלעכע הארעוואניע האט

געמאכט פעטערבורג * פאר א בעסוילעמ פאר פיל טויזנטער ארבעטער. אנשטאט די אומגעקומענע פלעגט מענ ברענגענ צו טרײַבנ נײַע ארבעטער. אפ אויסצובויענ די שטאט האט מענ ניט געזשאלעוועט ניט קיינ געלט אונ ניט קיינ מענטשנ.

נאכנ ניצאכנ איבער די שוועדנ איז די נײַע שטאט געווארנ די הויפטשטאט פונ דער אימפעריע. פעטערבורג איז שנעל געווארנ דער גרעסטער רוסישער האנדל-פארט. דאס איז געווענ א „פענצטער קיינ אייראפע“.

דער נײַער שטייגער

אפ אנ אייראפײַישנ שניט איז איבערגעבויט געווארנ ניט בלויז די ארמיי, די פינאנצנ, די פארוואלטונג-סיסטעמ. אינעמ גאנצנ שטייגער האט זיכ פארשטארקט די ווירקונג פונ אייראפע (באזונדערס פונ האלאנד אונ פראנקרײַכ). די רוסלענדער האבנ אנגעהויבנ אפטער צו באזוכנ אויסלאנד, דער צאר אליינ האט עטלעכע מאל געדויערט פארבראכט אינ האלאנד.

אינ רוסלאנד האט זיכ א לאז געטאנ א היפש ביסל אויסלענדישע סאכרימ, מיליטערישע אינסטרוקטערס אונ טעכניקער.

דער רוסישער אדל, דער רוסישער הויפ האבנ גאנצ גערנ איבערגענומענ די אדל-קולטור פונ די מערעוו-אייראפײַישע לענדער: מע האט אנגעהויבנ טראגנ אייראפײַישע קליידער, די מענער האבנ אנגעהויבנ גאלנ די בערד אונ טראגנ פאריקנ, מע האט אנגעהויבנ אפ אנ אייראפײַישנ שניט אײַנצוארדענענ די וווינונגענ.

פראגעס:

שפירט נאכ לויט דער קארטע די געשיכטע פונעמ וווקס פונ דער מאסקווער מעלוכע אינ מיזרעכ אונ אינ מערעוו אינ XVI—XVII יה.

מיט וואס דערקלערט זיכ רוסלאנדס ניצאכנ אינ דער גרויסער צאפנדיקער מילכאמע?

אינ וואס באשטייט די באדײַטונג פונ דער גרויסער צאפנדיקער מילכאמע?
ווי איז געגאנגענ דער קאמפ פארנ ברעגלאנד פונעמ שווארצנ אונ קאספישנ יאמענ?
ווי האט זיכ געענדערט די פארוואלטונג-סיסטעמ אינ אנהייב XVIII יה.?
וויאזוי פלעגט די אדל-מעלוכע אויפזאמלענ מיטלענ פונ דער באפעלקערונג?

53. די אנטוויקלונג פונ דער לאנדווירטשאפט אונ דאס לײַבייגנטימערישע דארפ אינ XVIII יארהונדערט

וווקס פונעמ האנדל אינ XVIII יארהונדערט

אינ XVIII יארהונדערט איז שטארק געוואקסנ דער נאכפרעג אפ פראדוקטנ פונ דער לאנדווירטשאפט סײַ מיצאד דעמ אינערלעכנ סײַ אויכ מיצאד די אויסלענדישע מערק. דורכ די פארכאפטע פארטנ האט זיכ אנגעהויבנ אײַנשטעלנ א מער לעבהאפטער ווי פריִער האנדל מיט מערעוו-אייראפע. איצט איז שוינ געווענ מעגלעכ צו פירנ א האנדל מיט גרויסע מאסנ לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטנ, וואס זײַנענ אומבאקוועמ צו טראנספארטירנ אונ וואס איבער דעמ פלעגט זײַנ שווער ארויסצופירנ זיי צוליב דער ווײַטקײַט פונ ווײַסנ יאמ.

באזונדערס האט זיכ אלס האנדל-פארט ארויסגערוקט פעטערבורג. פעטערבורג האט שנעל אריבערגעיאגט ארכאנגעלסק. אינ 1726 יאר איז שוינ דא געווענ 242 שיפנ, אונ אינ ארכאנגעלסק — 12. עס איז געוואקסנ דער האנדל אויכ דורכ אנ-

* פעטערבורג אדער סאנקט-פעטערבורג, ווי מע האט זי פריִער גערופנ, באטײַט: די שטאט פונעמ הייליקנ פיאטער.

דערע פארטנ, וואס די רוסנ האבנ פארכאפט אפנ באלטישנ יאמ (נארווע, רעוועל, וויבארג, ריגע). וועגנ דעמ וווקס פונעמ אויסערלעכנ האנדל אינ פארלויפ פונ XVIII יארהונדערט קאנ מענ אורטיילנ לויט פאלגנדיקער טאבעלע:

וווקס פונעמ אויסערלעכנ האנדל אינ XVIII יארהונדערט
(אינ מיליאנענ רובל) *

יארנ	ארויספיר	אריינפיר
1727	4,2	2,2
1762	12,8	5,2
1796	67,7	41,9

פונ וואס איז באשטאנענ דער רוסישער ארויספיר אינ XVIII יארהונדערט

(אינ טויזנטער רובל)

	1749 יאר	1792—1790 יארנ
האנפ	1377	5882
לײַנ	1071	335
שמאלצ	347	2959
װאלד	202	1297
אײַזנ אונ טשוהונ	418	3338
קארנ	2	413
ווייצ	—	294

עס איז אויכ געוואקסנ דער איגערלעכער האנדל מיט טווע, פלייש אונ אנ= דערע פראדוקטנ. דערופ איז אנ אײדעס דער וווקס פונ דער צאל יארידנ (אינ 1744 י. איז אינ גרויסרוסלאנד געווענ 24 יארידנ, אונ אינמיטנ די 70־ער יארנ פונ XVIII יארהונדערט — שוינ העכער 700 יארידנ). דער אופלעבונג פונעמ אינערלעכנ האנדל האט מיטגעהאלפנ דאס, וואס עס זײַנענ אפגעשאפט געווארנ די אינערלעכע גרענעצ=אפצאלנ (1753 יאר).

וווקס פונ דער דיפערענציאציע פונעמ פויערטום

לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטנ פלעגט ארויסווארפנ אפנ מארק אי דער פארעצ אי דער פויער. דער פארעצ פלעגט מיט אלע מעגלעכקײַטנ זענ פארוואנדלענ די פראדוקטנ פונ דער פויערשער מי אינ געלט, קעדיי אזויארומ צו באפרידיקנ דעמ אויפגעוואקסענעמ באדארפ אינ אריינגעפירטע סכוירעס. די פויערשע בורזשואזיע האט ניט בלויז פארכאפט צו זיכ אינ די הענט דעמ האנדל מיט לאנדווירטשאפטלע= כע פראדוקטנ, זי האט אויכ באהערשט די דארפישע געווערבנ, שוינ אינמיטנ XVIII יה. איז אינ די דערפער צו באמערקנ די אנטוויקלונג פונ דער שטוביקער קאפיטאליסטישער אינדוסטריע. דער באלעגופ — דער אופקויפער פלעגט צעגעבנ רוישטאפ אונ צונעמענ די סכוירעס בא די דארפישע קוסטארנ. בלויז דער פויער איז געווענ געצוווּנגענ צו פארקויפנ ניט דעמ איבערפלוס, נאר דעמ נייטיקנ פאר אימ פראדוקט, „קעדיי צו באצאלנ קאפשטײַער אונ פארשיידענע אנדערע טשינשנ". א

* א רובל אינ אנהייב XVIII יארהונדערט קאנ מענ פארגלײַכנ אומגעפער מיט 8—9 גאלד־רובל אינ XX יארהונדערט. אינ פארלויפ פונעמ XVIII יארהונדערט איז דער רובל שטארק געפאלנ, אונ ער האט צומ סאפ יארהונדערט באטראפנ 2—3 רובל פונעמ XX יה.

גרויסע ראָליע אינעם האַנדל הויבט אָנ צו שפּילנ דער אויבערשיכט פונעם פויערטום, וואָס האָט שוינ אָנגעהויבנ אַרויסטראָגנ אופנ מאַרק די מויסרעס פונ זײַנ פּראָדוקציע.

די אַנטוויקלונג פונעם האַנדל האָט אינ א רײ ראַיאָנענ געבראַכט צום אופקומ פונ א פויערשער בורזשואַזיע (באַלעגופנטום), וואָס פלעגט פאַרקנעכטנ די פויערשע

די פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, געזענ פונ זומער־גאָרטנ (פונ א גראַוויור פונ 1727 י.)

אָרעמשאַפט. אזוי, צומבײַשפּיל, דערציילט אײנער פונ די טווערער פּריצימ, אז „די אײַנגעפונדעוועטע אונ טאַקעפע פויערימ פאַרמאָגנ א סאַך פי, אונ ניט נאָר זיי פאַרקויפנ דאָס, נאָר זיי האַנדלענ מיט פי, וואָס זיי קויפנ אופ בא אַנדערע. אַנ־דערע פירנ מיטנ ערשטנ וועג געקוילעטע רינדער קיינ פעטערבורג, אָדער זיי פאַרקויפנ עס די סאָכרימ, וואָס האַנדלענ מיט פלייש פונ רעוועל וועגנ. ניט פאַר־מאָגנדיק קיינ גענוגע צאָל אייגענעמ פיטער פאַר די פי, דינגענ זיי (די פאַרמעגלעכע פויערימ) לאָנקעס אָדער אַקער־פעלדער פאַר טווע, קעדיי די איבעריקע צאָל דער־מיט אויספיטערנ".

די אויסטיילונג פונ א פויערשער בורזשואַזיע, א הענדלערישער אָדער אונטער־נעמערישער, איז א סימנ, אז עס האָט זיך אָנגעהויבנ די צעפאַלונג פונ דער נאַטוראַלער פויערישער ווירטשאַפט.

די אַנטוויקלונג פונ די אויסער־דאָרפישע געווערבנ

נאָכ א צײַט, אז די נאַטוראַלע ווירטשאַפט האָט זיך אָנגע־הויבנ צעפאַלנ, איז די אַנטוויקלונג פונ די פויערשע געווערבנ אויסערנ דאָרפ. די אָרעמסטע שיכטנ פונעם פויערטום האָבנ גע־זוכט פאַרדינסטנ אופ דורכצולעבנ זיך, זיי פלעגנ זיך פאַרדינ־גענ פאַר אַרבעטער אופ שיפנ, אופ זאַוואָדנ, אָדער זיי פלעגנ זיך אַוועקלאָזנ קיינ

מאָסקווע אונ אינ אנדערע שטעט, אונ פאַרנעמענ זיכ דאָרט מיט טעסלערײַ, מולערײַ, מיר טרעפנ שוינ אינ XVIII יאָרהונדערט אפילע, אז די פויערימ פאַר=דינגענ זיכ אפ לאַנדווירטשאַפטלעכער ארבעט אינ דער פרעמד אינ די דאָרעמ־דיקע שוואַכ באַפעלקערטע גובערניעס. וועגנ דעמ פאַרנעמ פונ די זײַטיקע פאַרנאָ־סעס קאָנ מענ אורטיילנ אפילע לויט דעמ, וואָס אינ יאַראָסלאַווער גובערניע האָבנ די פויערימ, וועלכע האָבנ זיכ אוועקגעלאָזנ ארבעטנ אינ דער פרעמד, ארויסגענו־מענ אינ 1778 יאָר 53 טויזנט פאַספאָרטנ.

די אנטוויקלונג פונ די זײַטיקע פאַרנאָסעס איז באַדײַטנדיק אונטערגעטריבנ גע־וואָרנ דורכ דעמ וווּקס פונ די מעלוכע־טשינשנ אונ פונעמ פריצישנ לײַב=אָפצאָל. מיט א הויכנ לײַב־אָפצאָל פלעגט דער פאָרעץ טרײַבנ דעמ אָרעמענ פויער גיינ זוכנ פאַרנאָסעס אינ דער פרעמד.

די אנטוויקלונג פונ דער פריצישער ווירטשאַפט אינ XVIII יאָרהונדערט

די פריצישע ווירטשאַפט פלעגט זיכ צופאַסנ צו די נײַע באַ=דינגונגענ אפ צוויי־ערליי אופאַנימ. זי פלעגט פאַרגרעסערנ די פויערשע לײַב=אָפצאָלג, דערהויפט מיט געלט. אויב אינמיטנ XVIII יאָרהונדערט פלעגט דאָמינירנ א לײַב־אָפצאָל אינ דער גרייס פונ 1 רובל אפ א נעפעש, האָט ער זיכ אינ 1770 יאָר אופגעהויבנ ביז 2 רובל 50 קאָפ., אונ אינ 1780 יאָר — ביז 4 רובל. אינ אייניקע גיטער איז דער לײַב=אָפצאָל דערגאַנגענ ביז 20 רובל.

אָבער אינ דער צווייטער העלפט יאָרהונדערט, ווענ עס האָבנ אָנגעהויבנ שטײַגנ די פרײַזנ אפ ברויט אונ אנדערע פראָדוקטנ פונ דער לאַנדווירטשאַפט, באַנוצט מער דער פאָרעץ א צווייטנ אופנ פונ צופאַסנ זיכ צו די נײַע באַדינגונ־גענ — פאַרברייטערנ זײַנ פריצישנ אַקערפעלד אונ צוזאַמענ דערמיט פאַרגרעסערנ די פאַנשטשינע. דאָס אריבערגיינ פונ לײַב־אָפצאָל אפ פאַנ-שטשינע, דאָס פאַרכאַפנ א טייל פויערשע ערד איז זייער א כאַראַקטעריסטישע דערשײַנונג פאַר דער לײַביגנטימערישער ווירטשאַפט פונ סאָפ XVIII יאָר-הונדערט.

בײַ ראַדישטשעווג * איז דאָ אזא דערציילונג:

„עטלעכע טריט פונ וועג האָב איכ דערזענ א פויער, וואָס האָט געאַקערט. דער טאָג איז געווענ א הייסער. איכ האָב א קוק געטאָנ אפנ זייגער. 40 מינוט אפ איינס. איכ בינ ארויסגעפאָרנ שאַבעס. דער פויער, וואָס אַקערט, געהערט, פאַרשטייט זיכ, צו א פאָרעץ, וואָס נעמט פונ אימ ניט קיינ לײַב=אָפצאָל. דער פויער אַקערט מיט גרויס פלײַס. דאָס פעלד איז, פאַרשטייט זיכ, ניט קיינ פריצישע. „גאָט העלפ“ — זאָג איכ, צוגייענדיק צומ פויער, וואָס האָט, ניט אָפשטעלנדיק זיכ, פאַרגעזעצט דעמ אָנגעהויבענעמ פאַס. — „ניט שוינ־זשע האָסטו ניט א גאַנצע וואָכ קיינ צײַט צו אַקערנ, וואָס דו לאָזט אפילע ניט דורכ דעמ זונטיק, דערצו נאָכ אינ אזא היץ?“ — „א וואָכ, פאָרעץ, האָט 6 טעג, אונ מיר גייענ 6 מאָל אינ וואָכ אפ פאַנשטשינע, אונ אָונטצײַט פירנ מיר דאָס איבערגעבליבענע היי פונ וואַלד צומ פאָרעץ אפנ הויפ, אויב דער וועטער איז א גוטער, אונ די ווײַבער מיט די מיידלעכ מאַכנ יאַנ=

---

* ראַדישטשעוו — א רעוואָלוציאָנערער שרײַבער פונ סאָפ XVIII יאָר-הונדערט. אינ זײַנ בוכ „א רײַזע פונ פעטערבורג קיינ מאָסקווע“ שילדערט ער אָנ גוזמעס די לאַגע פונ דעמ לײַביגנטימערישנ פויערטומ. פאַר דעמ דאָזיקנ בוכ האָט מענ אימ פאַר-שיקט קיינ סיביר.

404—21

מעוו-צײַט א שפּאַציר אינ וואלד ארײַנ נאָכ שוואָמענ אונ יאַגעדעס". — „ווי-זשע באַווײַזטו ארויסקריגנ ברויט, אז בא דיר איז נאָר דער יאָנטעוו פרײַ?" — „ניט נאָר דער יאָנטעוו, נאָר אויכ די נאַכט איז אונדזערע. זאָל אונדזער איינער זיכ ניט פוילנ, וועט ער פונ הונגער ניט אוועקשטאַרבנ. זעסט דאָנ, איינ פערד רוט אָפּ, אונ באַלד ווי דער פערד וועט מיד ווערנ, וועל איכ זיכ נעמענ פאַרנ אַנדערנ. אזוי גייט די ארבעט שפּאָרעוודיקער". — „צי ארבעטסטו אָבער אזוי אויכ פאר דײַנ פּאָרעצ?" — „ניינ, פּאָרעצ, ס'וואָלט געווענ אַנ אַזוינע אזוי צו ארבעטנ. בא אימ אפנ פעלד איז 100 הענט פאר איינ מויל, אונ בא מיר איז נאָר דאָ צוויי הענט פאר זיבנ מײַלער, פאַרשטייסט אליינ א כעזשבנ. אונ מעגסט זיכ אפילע אויסצײַענ ארבעטנ אפנ פּאָרעצ, וועט מענ דיר קיינ דאנק ניט זאָגנ. דעה פּאָרעצ צאָלט ניט קיינ קאָפּשטײַער, ניט קיינ שעפּס, ניט קיינ שטיקל לײַוונט, ניט קיינ הונ, ניט קיינ פוטער וועט ער ניט אָפּטרעטנ".

אינ אנדערע ערטער האָבנ די פריצימ געמאַכט א ווײַטערדיקנ שריט, פאַרוואַנדלענדיק דעמ פויער אינ א לאַנדווירטשאַפטלעכנ לײַבייגענעמ באטראַק, וועמענ דער באַלעבאָס צאָלט פאר זײַנ ארבעט. „עס זײַנענ אויכ דאָ אַזעלכע פריצימ, — דערציילט אינ די 60=ער יאָרנ פונ XVIII יאָרהונדערט אנ אָריענבורגער אַגראַנאָמ, — וואָס שיקנ זיי (די פויערימ) טעגלעכ ארויס אפ זייער (פּריצישער) ארבעט, אונ צומ דערנערנ זיכ גיבנ זיי ארויס די פויערימ מער ניט כוידעש-ברויט". אזא „פּלאַנטאַציע"=* סיסטעמ האָט אינ איר ריינער פאָרמ ניט באַקומענ קיינ ברייטע אָנווענדונג, ווײַל דעמ פּאָרעצ האָט מער געלוינט איבערצולאָזנ דעמ פויער כאָטשבי אַנ אילוזיע פונ „זײַנער אַנ אייגענער" ווירטשאַפט. אָבער פיל פּאַנשטשינע=גיטער אינ סאָפ XVIII יאָרהונדערט דערנעענטערנ זיכ צו א פּלאַנטאַציע. נאָכ מער פאַרגרעסערנ די פּאַנשטשינע איז שוינ געווענ אוממעגלעכ.

די פויערשע רעכטלאָזיקייט

צוזאַמענ מיט דער פאַרשטאַרקונג פונ דער עקספּלואַטאַציע פונ די פויערימ איז אויכ געוואַקסנ די פויערשע רעכטלאָזיקייט. די אַדל-מעלוכע אינ XVIII יאָרהונדערט האָט פאַרברייטערט די מאַכט פונ די פריצימ איבער זייערע לײַבייגענע. דער געזעצ פונ 1760 יאָר האָט געגעבנ דעמ פּאָרעצ דאָס רעכט צו פאַרשיקנ א פויער אינ סיביר אָדער אפ קאַטאָרגע-ארבעט. דער געזעצ פונ 1767 יאָר האָט באַפוילנ די פויערימ זײַנ געהאָרכזאַמ אונ פאָלגנ די פריצימ, אונ יענע פויערימ, וואָס וועלנ זיכ קלאָגנ פארנ צאַר אפ די פריצימ, האָט מענ געדראָעט מיטנ קאַנטשיק אונ מיט אייביקער קאַטאָרגע.

דער פויער איז געוואָרנ א שקלאַפ, א זאַכ. די פויערימ פלעגט מענ פאַרשפּילנ אינ קאָרטנ, אויסבײַטנ אפ הינט. אפ די יאַרידנ פלעגט מענ פאַרקויפנ פויערימ, ווי פי. אינ פעטערבורג פלעגט מענ ברענגענ צו פירנ גאַנצע באַרזשעס פויערימ צומ פאַרקויפנ. די פּרײַזנ פלעגנ זײַנ פאַרשיידענע: א ספּעציעל געשולטנ לײַבייגענעמ פלעגט מענ אָפּט פאַרקויפנ פאר עטלעכע הונדערט רובל. ניט קיינ געשולטע זײַנענ געווענ ביליקער. קינדער פלעגט מענ פאַרקויפנ פאר גראָשנס. אינ א באַשרײַבונג פונ א גוט, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרנ פאר כויוועס, ווערט, לעמאָשל, אזוי פאַרצייכנט: „דער פויער לעאָנטי ניקיפאָראָוו, 40 יאָר, — אָפּגעשאַצט אינ 20 רובל, די פרוי זײַנע מאַרינע, 25 יאָר, — אָפּגעשאַצט אינ 10 רובל, די קינדער זייערע: 1 יאָר — 50 קאָפּ., 2 יאָר — 1 רובל 50 קאָפּ".

---

* פּלאַנטאַציע — א גוט, וווּ די ארבעט ווערט געפירט מיט דער הילפ פונ שקלאַפנ=ארבעט.

די ווילדע אכזאָריעס פונ די פריצים

די הויפּט־מיטלענ אפ אײַנצוהאַלטנ די פּויערים אינ געהאָרכ־זאַמקײַט זײַנענ געווענ דער קאַנטשיק און די רוט. פאַר יעדער קלײניקײַט פלעגט מענ די פּויערים אכזאָריעסדיק באַשטראָפנ.

א חוצ דעם קאַנטשיק און די ריטער פלעגנ די דערפינדערישע פּײַניקער אָנווענדנ אויכ א רײ אַנדערע שטראָפ־מיטלענ. אינ סאַראַטאָווער גובערניע פלעגט מענ לעמאָשל, אָנווענדנ פאַלגנדיקע שטראָפ־מיטלענ: ריטער, שטעקנס, אָפּגאָלנ א האַלבנ קאָפּ, א האַלבע באָרד, אָנטאָנ קייטנ, אַרופשלאָגנ הילצערנע קלעצלעכ אפנ האַלדז אָדער אנ אײַזערנעמ האַלדזבאַנד מיט טשוועקעס און שמײַסנ מיט א קאַנטשיק פונ אָקסענע אָדערנ. אינ ריאַזאַנער גובערניע פלעגט מענ באַנוצנ א „באַקנ־פּאַטשער" — א הילצערנ געצײַג אפ צו שלאָגנ מיידלעכ און פרויענ איבער די באַקנ, כדי „ניט אײַנריכטנ די אָרעליקע הענט אָנ די באַמישע צורעס". די קייזערנ אַלײנ (יעקאַטערינע II) האָט אַנערקענט אינ איר טאָגבוכ: „עס איז דאָכ ניטאָ קיינ שטוב, ווו עס זאָלנ ניט זײַנ קיינ אײַזערנע האַלדזבענדער, קיינ קייטנ און קאָלערליי אַנדערע אינ־סטרומענטנ פאַר פּײַניקונג".

עס זײַנענ געווענ אַזעלכע פריצים, וואָס האָבנ פאַרמאָגט עמעסע טורמעס מיט פאַרפולקומטנ געצײַג צום פּײַניקנ און מיט א גאַנצנ שטאַט הענקער.

די פריצטע סאַלטיקאָווע האָט מיט אכזאָריעסדיקע פּײַניקונגענ אומגעבראַכט 75 לײַביגענע.

פאַרשפּרייטונג פונעם לײַבאײגנטום־רעכט

דאָס לײַבאײגנטום־רעכט האָט געהאַלטנ אינ וואַקסנ אויכ אינ דער ברייט: דאָס לײַבאײגנטום־רעכט איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ אינ א סאַכ נײַע קאַנטנ, וואָס רוסלאַנד האָט פאַרכאַפּט.

סאָפ XVIII יאָרהונדערט איז די לײַבאײגנטום־אָרדענונג ענדגילטיק אײַנגעשטעלט געוואָרנ אינ אוקראַינע, ווו דאָס פּויערטום איז ביז אהער נאָכ ניט געווענ אינ גאַנצנ פאַרקנעכטעט. דאָס לײַבאײגנטום־רעכט איז אויכ אַרײַנגעדרונגענ אינ די טראַנסוואָלגע־קאַנטנ. און אַפילע אינ רוסלאַנד גופע זײַנענ נאָכ געווענ א סאַכ פּויערים, וואָס האָבנ געלעבט אפ מעלוכישער ערד (דאָס הייסט, אפ אַזעלכער, וואָס די פריצים האָבנ נאָכ ניט געהאַט פאַרכאַפּט), וועלכע זײַנענ איצט פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ פריצישע פּויערים. פּויערים פלעגט מענ אויסשענקענ די אָדעליקע אַלס צייכנ פונ באַזונדערנ צאַרישנ גנאָד.

פאַר דער קייזערנ יעקאַטערינע II (1762—1796 י.) זײַנענ צעטיילט געוואָרנ בא 800 טויזנט פּויערים. א באַדײַטנדיקער טייל פונ זיי איז אָנגעקומענ יעקאַטערינעס פילצאָליקע פאַוואָריטנ (דער קייזערנס געליבטע).

פראגעס:

ווי האָט זיכ אנטוויקלט דער אינערלעכער און אויסערלעכער האַנדל אינ רוסלאַנד?

ווי האָבנ זיכ געענדערט די פליכטנ פונ די פּויערים אינ XVIII יאָרהונדערט?

מיט וואָס איז אַרויסגערופנ געוואָרנ די אנטוויקלונג פונ דער פאַנשטשינע־ווירטשאַפט?

אינ וועלכע נײַע געגנטנ איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ דאָס לײַבאײגנטום־רעכט?

54. די אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע אינ XVIII יאָרהונדערט

וווּקס פונ דער אינדוסטריע אינ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט

ווי מיר האָבנ שוינ געזאָגט, האָט זיכ אינ דער מאָסקווער מע-לוכע אינ XVII יאָרהונדערט אנטוויקלט די האַנטווערקערײַ (דערהויפּט אינ דאָרפ) אונ עס זײַנענ שוינ געווענ אָנטאַנגלעכע עלעמענטנ פונ גרויס-אינדוסטריע. אינ XVIII יאָרהונדערט איז די אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע געגאַנגענ מיט א שנעלנ טעמפּ. די אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע איז אונטערגעטריבנ געוואָרנ דורכנ וווּקס פונעמ נאָכפרעג אפ אינדוסטריעלע פּראָדוקטנ סײַ אפנ אינערלעכנ סײַ אפנ אויסערלעכנ מאַרק. דער אויסערלעכער מאַרק האָט זיכ געניי-טיקט אינ דעמ רוסישנ האַלב-רוויוואַרג: לײַוונט פאר זעגלענ, קאַנאַטנ פאר שיפנ, האַלב-באַארבעטע פעל — יוכט. אינ א גרויסנ סכומ אינדוסטריעלע פאבריקאַטנ האָט זיכ געניייטיקט אויכ די מעלוכע, צומבײַשפּיל, אינ געוואַנט פאר דער ארמיי. די אדל-מעלוכע האָט פּראָטעזשירט דער אנטוויקלונג פונ דער גרויס-אינדוסטריע (אזוי, ווי דאָס האָבנ אויכ געטאָנ די מערעווראָפּייִשע רעגירונגענ). זי האָט אײַנגעפירט הויכע פּאָשלינעס אפ אויסלענדישע אינדוסטריע-סכוירעס, האָט געגעבנ להאָטעס די אינדוסטריעלער, האָט אליינ געבויט זאַוואָדנ, אויסגעשריבנ אויסלענ-דישע מײַסטערס, צוגעצויגנ אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטנ. באַזונדערס האָט די רעגי-רונג שטאַרק געזאָרגט וועגנ יענע אינדוסטריע-צווײַגנ, וואָס זײַנענ פארבונדנ מיטנ קריג-וועזנ (די פּראָדוקציע פונ האַרמאַטנ, פּולווער, קאַנאַטנ, זעגלענ, גראָבנ סאָלדאַ-טישנ געוואַנט). מע האָט געבויט זאַוואָדנ אינ מאָסקווע, אינ דער נײַער הויפּט-שטאָט — אינ פּעטערבורג, הינטער טולע, אינ אָלאָנעצער קאַנט. מע האָט אָנ-געהויבנ באַארבעטנ די קאָלאָסאַלע רײַכטימער פונ אוראַל. דער עלטסטער אוראַלער זאַוואָד (אפנ טײַכ ניעווא) איז אנטשטאַנענ אינ 1699 יאָר. אונ אינ 1723 יאָר איז געגרינדעט געוואָרנ די שטאָט יעקאַטערינבורג (איצט סווערדלאָווסק), וואָס איז גע-וואָרנ א צענטער פונ דער אוראַלער בארג-אינדוסטריע.

אויב אינ XVII יאָרהונדערט האָט מענ אינ דער מאָסקווער מעלוכע די „פאב-ריקנ" געקאָנט ציילנ אפ די פינגער, זײַנענ שוינ אינ 1725 יאָר געווענ 233 פאב-ריקנ. צווישנ זיי זײַנענ פאר יענער צײַט געווענ גאַנצ גרויסע אונטערנעמונגענ. אפ דער מאָסקווער מעלוכישער זעגל-פאבריק האָבנ געארבעט 1162 ארבעטער, בא דעמ אויסלענדער טאַמעס אינ זײַנ מאָסקווער לײַוונט-פאבריק האָבנ געארבעט 841 מאַנ אאַוו.

די גרויסע מאַנו-פאַקטור פונ XVIII יאָרהונדערט אינ שטאָט

וואָס-זשע האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט די רוסישע פאבריק אינ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט?

אָט וויאַזוי עס באַשרײַבט איינע פונ די גרעסטע פאבריקנ פונ פּיאָטערס עפּאָכע איינער אנ אָנגעפאָרענער אויסלענדער:

„מיר האָבנ זיכ ארײַנגעזעצט אינ א שליטנ אונ זײַנענ אוועקגעפאָרנ אינ שטאָט צו דער גרויסער פאבריק, וואָס געפינט זיכ אינ א גרויסנ מויער. קומענדיק אהינ, האָבנ מיר באַ-טראַכט אלצ לויט דער אָרדענונג, אונ איכ דארפ אָנערקענענ, אז איכ האָב גאָר ניט דערוואַרט, אז דער באַלעבאָס פונ דער פאבריק (טאַמעס) זאָל קאָנענ דאָ אײַנאָרדענענ אזא אונטערנע-מונג אונ ברענגענ זי אינ אזא בליִענדיקנ צושטאַנד. די אונטערנעמונג פארמאָגט 150 וועב-

שטולנ, בא וועלכע עס ארבעטנ קימאט אויסשליסלעכ רוסישע, אונ זיי פראָדוצירנ אלצ, וואָס מע קאָנ נאָר פאָדערנ פונ א לײַוונט־פאבריק, דהי. אלע סאָרטנ לײַוונט פונ גראָבנ ביזנ סאמע דינעמ, אויסגעצייכנטנ שטאָפ פאר טישטעכער אונ סערוועטקעס, דינעמ אונ דיקנ טיק, לײַלעכער — סײַ שמאָלע סײַ אויסערגעוויינלעכ ברייטע, דינעמ געשטרייפטנ לײַוונט פאר קאמזוילנ, קאָלירטע נאָזטיכלעכ אונ פיל אנדערע זאכנ.

נאָכ וואָרמעס האָט אונדז טאָמעס אָוועקגעפירט אפריער אינ דער פרויענ-אָפּטיילונג, ווו עס ארבעטנ מיידלעכ, וואָס זײַנענ אָפּגעגעבנ געוואָרנ אינ דער שפּינערײַ אפ 10 יאָר אונ מער, אונ אייניקע אפ שטענדיק, אלס שטראָפ; צווישנ זיי זײַנענ דאָ געווענ עטלעכע מיט אויסגעריסענע נאָזלעכער. אינ ערשטנ צימער, ווו עס זײַנענ געזעסנ ביז 30 מיידלעכ, פונ די סאמע יונגע, איז געווענ אויסערגעוויינלעכ ריינ. אלע פרויענ, וואָס האָבנ זיכ דאָרט געפונענ אונ וואָס האָבנ געוועבט איינע לעבנ דער אנדערער לענגויס די ווענט, זײַנענ אָנגעטאָנ אינ איינע אונ די זעלבע קליידער.

נאָכדעמ זײַנענ מיר אוועק אינ די איבעריקע וואַרשטאַטנ, ווו עס איז שוינ אָבער ניט געווענ אזוי ריינ. פארקערט, ס'האָט געיִפּעשט, אז מע האָט ניט געקאָנט אויסהאלטנ. צולעצט, האָט אונדז טאָמעס ארײַנגעפירט אינ א צימער, ווו עס זײַנענ געזעסנ א מאנ 20—30 פרײַע ארבעטער, וואָס האָבנ געוועבט פאר געלט, אָבער זייער ארבעטלויג איז קימאט ניט געווענ העכער פאר דעמ, וואָס עס דארפ קאָסטנ אויסצוהאלטנ אנ ארעסטאנט“.

די מאנופאקטור אינ דער צווייטער העלפט XVIII יאָרהונדערט האָט אינ זיכ געוויינלעכ צונויפגעפאָרט א וואַרשטאַט אפ אויסצופארטיקנ אונ דאָס פאנאנדערטיילנ ארבעט אהיימ אונ אײַנקויפנ האלבפאבריקאטנ בא די קוסטארנ.

פּאָסעסיע־ארבעטער

ארבעטער פאר זייערע מאנופאקטורנ פלעגנ די באלעבאטימ אָנעמענ אפ פארשיידענע אופאנימ. מע פלעגט זיי נעמענ פונ פארורטיילטע, וואָס מע פלעגט אלס שטראָפ אוועקשיקנ אפ דער מאנופאקטור. נאָכמער פלעגט מענ אָבער אָנעמענ אפ ארבעט „קראנקע אונ מינדעריאָריקע, וואָס גייענ איבער די הײַזער אונ בעטנ נעדאָוועס“. אזעלכע „בעטלער“, „שלעפּער“ איז אינ רוסלאנד אינ XVIII יאָרהונדערט געווענ גאָר היפש, פונקט ווי ניט ווייניק אזעלכע איז געווענ אינ ענגלאנד אינ XVI—XVII יאָרהונדערטער. וועגנ דעמ, אז בעטלערײַ איז אינ רוסלאנד אינ יענער צײַט געווענ שטארק פארשפּרייט, זאָגנ אײדעס די פּילצאָליקע באפעלנ וועגנ אנטלאָפענע, בעטלער אונ שלעפּער, וואָס זײַנענ ארויסגעגעבנ געוואָרנ אינ XVIII יאָרהונדערט. דאָכ פלעגנ זיכ די פאבריקאנטנ דערמיט ניט באנוגענענ. זיי האָבנ געוואָלט באקומענ פאר זייערע אונטערנעמונגענ לײַבייגענע. אינ 1721 יאָר איז די רעגירונג אײַנגעגאנגענ אפ די ביטעס פונ די פאבריקאנטנ אונ האָט ארויסגעלאָזנ א געזעצ, וואָס האָט דערלויבט די סאָכרימ צו קויפנ פאר די פאבריקנ דערפער. די געקויפטע פויערימ האָט מענ לויטנ געזעצ פונ 1721 יאָר געמעגט אויסנוצנ בלויז פאר פאבריק־ארבעט אונ מע האָט זיי ניט געטאָרט פארקויפנ באזונדער פונ דער פאבריק. אזוי ארומ זײַנענ די דאָזיקע פויערימ געווענ צוגעפעסטיקט צו דער פאבריק, אונ ניט צו דעמ אייגנטימער. אזעלכע צוגעפעסטיקטע צו דער פאבריק פויערימ האָט מענ אָנגעהויבנ רופנ פּ אָ ס ע ס י ע־פויערימ. אזוי ארומ האָט זיכ אינעמ לײַבייגנטימערישנ רוסלאנד אײַנגעשטעלט די לײַבייגנטימערישע ארבעט אפ דער סאָכרישער פאבריק.

דער קאמפ צווישנ דער אדל-מאנופאקטור און דער סאַכרים-מאנופאקטור

אינמיטנ XVIII יאָרהונדערט האָט זיכ די סאַכרישע מאנופאקטור צוזאַמענגעשטויסנ מיט א שטאַרקנ קאָנקורענט — מיט דער וואקסנדיקער אדל-מאנופאקטור. קעדיי צו פאַרגרעסערנ זייערע האכנאָסעס, פלעגנ די אדעליקע ניט נאָר פאַרברייטערנ זייערע פריצישע אקער-פעלדער און טרײַבנ די פויערים אפ אויסער-דאָרפ-ארבעט. אינ פיל ערטער האָבנ זיי אָנגעהויבנ אײַנצואָרדענענ פאבריקנ. אפ די האָזיקע פאבריקנ פלעגט מענ באארבעטנ די פּראָדוקטנ פונ דער לאנדווירטשאפט: טרײַבנ ספּירט פונ ברויט, מאכנ לײַוונט און געוואנט. אלס ארבעטער פלעגנ די באלעבאטים אויסנוצנ זייערע לײַביגענע. אנשטאָט פאַנשטשינע זײַנענ די פויערים געווענ פאַרפליכטעט צו ארבעטנ באַם פּאָרעצ אינ פאבריק.

אויב אינ XVII יאָרהונדערט איז א פּאָרעצ אנ אונטערנעמער (אשטייגער ווי מאָראָזאָוו מיט זײַנע פּאָטאשזאוואָדנ) געווענ א זעלטענע דערשײַנונג, זײַנענ שוינ איצט געווענ א סאַכ אדעליקע, וואָס זײַנענ געוואָרנ פאבריקאנטנ.

קעדיי זיכ צו פאַרטיידיקנ קעגנ דער קאָנקורענצ פונ דער סאַכרישער מאנופאקטור, האָבנ זיכ די אדעליקע דערשלאָגנ, אז די רעגירונג זאָל פאַרבאָטנ די סאַכרימ צו קויפנ פויערים פאר די זאוואָדנ (אינ 1726 יאָר). די אדעליקע פלעגנ אופווײַזנ, אז דאָס רעכט צו האָבנ לײַבייגענע דארפ זײַנ א פּריווילעגיע בלויז פונ די אדעליקע. סאָפ XVIII יאָרהונדערט האָט די אדעליקע לײַבייגענע פאבריק ארויסגעשטויסנ די סאַכרישע.

די אוראלער זאוואָדנ

באזונדערס פיל פּאָסעסיע-פאבריקנ זײַנענ אופגעקומענ אינ XVIII יאָרהונדערט אפ אוראל. דער וואקסנדיקער נאָכפרעג אפ מעטאל (אײַזנ, קופּער) האָט צוגעצויגנ אפ אוראל א ריי גרויסע אונטערנעמער. פונ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט האָבנ דאָ אָנגעהויבנ אופקומענ די זאוואָדנ פונ דעמ גרויסנ אוראלער אינדוסטריעלער דעמידאָוו. אינמיטנ XVIII יאָרהונדערט האָט מענ דאָ געהאלטנ אינ אייננ בויענ זאוואָדנ — אי די מעלוכע, אי פּריוואטע אונטערנעמער.

וווּקס פונ דער צאָל זאוואָדנ אפ אוראל

פונ	1701	ביז	1723	יאָר	איז	געעפנט	געוואָרנ	11	פריוואטע	זאוואָדנ
"	1724	"	1733	"	"	"	"	19	"	"
"	1734	"	1743	"	"	"	"	11	"	"
"	1744	"	1753	"	"	"	"	27	"	"
"	1754	"	1763	"	"	"	"	68	"	"

אינ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט האָט דער דורכשניטלעכער ארויסבאקומ פונ טשוהונ באטראָפנ בא 2 מיליאָנ פוד, און צומ סאָפ יאָרהונדערט האָט ער זיכ שוינ אופגעהויבנ ביז 7 מיליאָנ.

אינ פאַרלויפ פונ א פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צײַט איז דער גאנצער מיטלשטייל פונ די אוראלער בערג, וואָס איז רײַכ מיט אײַזנ-און קופּער-ערצ, באדעקט געוואָרנ מיט א נעצ זאוואָדנ. די אייגנטימער זייערע זײַנענ צומאָל געווענ גרויסע מאגנאטנ. אזוי, האָבנ דער איזשעווסקער און וואָטקינסקער זאוואָדנ גע-

הערט צומ גראפ ש ו ו א ל אָ ו, וואָס איז געווענ נאָענט צומ צארס הויפ. די אײַנפלוסרײַכע לײַבייגנטימער פלעגנ פארכאפנ פאר זייערע זאוואָדנ קאָלאָסאלע ערד־שעטעכנ. קעדיי צו באזאָרגנ די זאוואָדנ מיט ארבעט־קראפט, פלעגט מענ צו זיי צושרײַבנ טויזנטער מעלוכישע פויערימ (שוואלאָוו האָט זיכ דערשלאָגנ, מע זאָל צושרײַבנ צו זײַנע זאוואָדנ 25 טויזנט פויערימ).

די אנטוויקלונג פונ דער אוראלער בארג־אינדוסטריע האָט געמאכט רוסלאנד אינ XVIII יאָרהונדערט פאר איינס פונ די ערשטע לענדער לויטנ ארויסבאקומ פונ מעטאל. רוסלאנד פלעגט אינ XVIII יאָרהונדערט ניט ארײַנפירנ, נאָר ארויס־פירנ אײַזנ. אָבער דער אויפבלי פונ דער אוראלער אינדוסטריע דערקלערט זיכ ניט מיט דער הייכ פונ דער טעכניק, נאָר מיט דער אכזאָריעסדיקער עקספּלואטאציע אונ מיט דער ביליקייט פונ דער פּראָדוקציע (ביליקע האָלצ־הייצווארג, הויכע קוואַ־ליטעט פונעמ ארצ).

די בארג־זאוואָדישע טעכניק אינ XVIII יאָרהונדערט

די ביליקע לײַבייגענע ארבעט האָט געגעבנ די זאוואָד־אייגנ־טימער א מעגלעכקייט צו באגיינ זיכ אָנ קאָמפּליצירטע מאשי־נעס. בלויז אינ זעלטענע פאלנ פלעגט מענ באנוצנ „וואסער־פונקציאָנירנדיקע אײַנריכטונגענ“.

די טעכנישע פארפולקומונגענ, וואָס פלעגנ געמאכט ווערנ דורכ טאלאנטפולע דערפינ־דער, האָבנ ניט געפונענ קיינ אָנווענדונג. דער מעכאניקער פּ אָ ל ז ו נ אָ ו האָט דערפונדנ א דאמפמאשינ, א מער פולקומע, ווי נ י ו ק אָ מ ע נ ס דאמפמאשינ, וואָס מע האָט אינ יענער צײַט אָנגעווענדט אינ ענגלאנד אפ ארויספּאָמפּענ וואסער פונ די שאכטעס. אָבער פּאָל־זונאָווס דערפינדונג איז ניט אויסגענוצט געוואָרנ. זי איז באשעט געווענ ניט נויטיק דער לײַבייגענער רוסישער פאבריק.

אינ גרעסטנ טייל פלעגט די ארבעט אינ די זאוואָדנ געטאָנ ווערנ מיט דער האנט. באמ באארבעטנ ארצ פלעגט מענ אָנווענדנ האָלצקוילנ, אונ ניט קיינ שטיינ־קוילנ. צוליב דעמ זײַנענ בא די מעטאל־זאוואָדנ אינ די טיפע אוראלער וועלדער גע־ווענ ספּעציעלע פויערימ „קוילנ־ברענער“, וואָס פלעגנ אָנוואלגערנ קופּעס שטאמענ פונ אוראלער ביימער, ארומלייגנ זיי מיט גראָז אונ ערד אונ אונטערצינדנ. אפ דער דאָזיקער ארבעט, ווי אויכ באמ צושטעלנ די קוילנ אונ ארצ, פלעגט אויסגע־נוצט ווערנ די הויפּט־מאסע לײַבייגענע פויערימ.

די לאגע פונ די בארג־זאוואָדישע ארבעטער

ווי האָט זיכ געלעבט די בארג־זאוואָדישע ארבעטער? א טייל פונ זיי, די מער קוואליפיצירטע ארבעטער, פלעגט באקומענ א פארהעלטניסמעסיק הויכנ ארבעטלוינ: געשולטע ארבעטער איז האָב געווענ ווייניק, אונ מע האָט זיי געדארפט אָפּהיטנ. אָבער אזעלכע איז געווענ בלויז א קליינער טייל צווישנ די זאוואָדישע ארבעטער (אינ וואָטקינסקער זאוואָד איז פונ דער צאָל 15 474 מאנ געווענ בלויז 586 קוואליפי־צירטע ארבעטער). די גאנצע איבעריקע מאסע האָט זיכ אָבער געפונענ אינ א שווער־דערלעכער לאגע. מע פלעגט צושרײַבנ צו די זאוואָדנ פויערימ פונ אזעלכע דער־פער, וואָס האָבנ זיכ געפונענ פונ זאוואָד אפ א מעהאלעכ פונ עטלעכע קילאָמעטער. די זאוואָד־פּאנשטשינע צוזאמענ מיטנ וועג פלעגט אָפּנעמענ העכער 200 טעג א יאָר. די פויערשע ווירטשאפט פלעגט רויִנירט ווערנ. צומאָל פלעגט מענ די פויערימ אינגאנצנ אָפּרײַסנ פונ זייער ווירטשאפט אונ אריבערפירנ אפ דער פאבריק. די

אַרבעט־באַדינגונגענ אינ די זאַוואָדנ זיינענ געווענ זייער שווערע. אינ דער באַרג־זאַוואָדישער אינדוסטריע פלעגט מענ אָנווענדנ ארבעט פונ פרויענ אונ קינדער.

פאַרנ מינדסטנ פאַרזענ פלעגט מענ די אַרבעטער אַכזאָריעסדיק באַשטראָפנ. די רוט אונ דער קאַנטשיק האָבנ אינ דער לײַביגענטימערישער פאַבריק געפײַפט פונקט אַזוי אָפט, ווי אינ דעמ לײַביגענטימערישנ גוט. פאַר אַ פּרוּוו צו אַנטלויפנ פונ פאַבריק פלעגט מענ שמידנ אינ קייטנ אונ אָנטאָנ אָפנ האַלדז אײַזערנע הער־נער, וואָס האָבנ ניט געלאָזנ דעמ געשמידטנ שלאָפנ. בא איינעמ פונ די גרעסטע פאַבריקאַנטנ (דעמידאָוו) זיינענ געווענ אונטערערדישע טורמעס, ווו מע פלעגט האַלטנ די פויערימ, וואָס האָבנ זיכ מיט עפּעס פאַרשולדיקט. אינ פיל יאָרנ אַרומ האָט מענ דאָרט געפונענ סקעלעטנ, צוגעשמידטע מיט קייטנ צו דער וואַנט.

דער קאַמפ פונ די זאַוואָדישע פויערימ אינ XVIII יאָרהונדערט

די פויערימ פלעגנ ציטערנ פאַר זאַוואָד־אַרבעט, ווי פאַר קאַטאָרגע; פונ דער מוירעדיקער אַרבעט־לאַסט, פונ דער אַכזאָ־ריעס פונ די באַלעבאַטימ פלעגנ זיכ די פויערימ פּרוּוונ ראַטע־ווענ דורכ אַנטלויפנ. צומאָל פלעגנ זיי אַנטלויפנ גאַנצע פּאַר־טיעסווײַז. אינ 1763 יאָר זיינענ, לעמאָשל, אַנטלאָפנ 200 פוי־ערימ פונ וואָזנעסענסקער זאַוואָד. ניט זעלטנ פלעגנ פּאָרקו־מענ אויכ אופשטאַנדנ. די אַלגעמיינע אַרבעט אינ זאַוואָד פלעגט אָרגאַניזירנ די פוי־ערימ, וואָס האָבנ דאָרט געאַרבעט, צוגעוווינט זיי צו קעמפנ געמיינזאַמ. אינ 1760 יאָר האָבנ די דעמידאָווער צוגעשריבענע פויערימ פונ צוויי זאַוואָדנ פאַרכאַפּט די זאַוואָד־פאַרפעסטיקונגענ (די אוראַלער זאַוואָדנ זיינענ אינ דער זעלבער צײַט געווענ אויכ פעסטונגענ). דאָרט האָבנ זיי אַרויסגעוויזנ אַנ אַקשאָנעסדיקנ ווידערשטאַנד דעמ צוגעשיקטנ מיליטער. די באַלאַגערער האָבנ געלאָזנ אינ גאַנג האַרמאַטנ אונ גראַ־נאַטנ, אונ נאָר אָפּ אַזאַ אויפנ האָבנ זיי געבראָכנ דעמ ווידערשטאַנד פונ די אופּ־שטענדלער. אַזעלכע פאַלנ זיינענ געווענ ניט קיינ איינצלנע. דער רעגירונג פלעגט גאַנצ אָפט אויסקומענ אַרויסצושיקנ אָפּ אוראַל שטראָפ־עקספּעדי־ציעס, כדי צו ברענגענ די פויערימ „צו געהעריקער שקלאַפּערישער געהאָרכ־זאַמקײַט".

פראַגעס:

פאַרוואָס האָט זיכ אינ XVIII יאָרהונדערט די רוסישע אינדוסטריע אַנטוויקלט שנעלער, ווי אינ XVII יאָרהונדערט?

מיט וואָס פאַר אַ מיטלענ האָט די מעלוכע געשטיצט די גרויס־אינדוסטריע?

ווי פלעגנ די גרויסע אונטערנעמונגענ באַזאָרגנ אַרבעט־קראַפט פאַר זיכ?

פאַרוואָס ווערט די סאָכרישע פאַבריק אינ XVIII יאָרהונדערט אַרויסגעשטויסנ דורכ דער אַהעליקער פאַבריק?

וואָס האָט אַרויסגערופנ דעמ וווּקס פונ דער אוראַלער אינדוסטריע?

פאַרוואָס האָט די טעכניק פונ דער רוסישער באַרג־זאַוואָדישער אינדוסטריע זיכ אַנטוויקלט אַזוי לאַנגזאַמ?

ווּהינ פלעגט גיינ דאָס אוראַלער אײַזנ אונ קופּער?

באַשרײַבט די לאַגע פונ די באַרג־זאַוואָדישע אַרבעטער.

55. די פויערים־אופשטאנדנ פונ XVIII יאָרהונדערט ביז פוגאטשאָווס באוועגונג

דאָס אנטלויפנ פונ די פויערים אונ די פויערשע אופ־שטאנדנ

דער פארשטארקטער לײַבייגנטימערישער יאָכ, די שווערע פאנ־שטשינע, די קאטערגע־ארבעט אינ דער פאבריק, די אומגעהײַ־ערע שטײַערנ האָבנ געבראכט דערצו, אז דאָס אנטלויפנ פונ פויערימ האָט באקומענ א ריזיקנ פארנעמ. דאָס פויערטומ האָט געפירט דעמ קלאסנקאמפ מיט צוויי מיטלענ — מיט אנטלויפנ אונ מאכנ אופשטאנדנ — אונ פלעגט אָנווענדנ אינ XVIII יאָרהונדערט ביידע מיטלענ.

עס זײַנענ אלצ אָפטער געוואָרנ אינ XVIII יאָרהונדערט די פויערשע אופ־שטאנדנ. אפ דעמ גאנצנ גרויסנ שטעכ פונ דער קאָלאָסאלער אימפעריע, ביז דער ווײַטער קאמטשאטקע, פלעגנ די פויערימ אמאָל דאָ, אמאָל דאָרטנ זיכ נעמענ צומ געווער. פונ די דאָזיקע פויערימ־אופשטאנדנ קאָנ מענ באזונדערס אויסטיילנ, לויטנ פארנעמ, די גרויסע באוועגונג פונ די פויערימ אונ פונ דער קאזאקישער אָרעמ־שאפט אונטער בולאווינס אָנפירונג אינ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט אונ א ריי באשקירישע אופשטאנדנ.

אָנהייב XVIII יאָרהונדערט איז דער גרעסטער צענטער פונ דער פויערימ־באוועגונג געווענ דאָנ.

בולאווינס אופשטאנד

די אומרוענ אפנ דאָנ האָבנ ניט אופגעהערט אויכ נאָכ דער ראזינישער באוועגונג. דער אויבערהאָנ אונ זײַנע בײַטײַכנ (כאָפיאָר אונ מעדוועדיצע) פלעגנ סאָפ XVII יאָרהונדערט נאָכ אלצ באזעצט ווערנ מיט פליטימ פונ די צענטראלע געגנטנ. אינ די 80־ער יאָרנ פונ XVII יאָרהונדערט זײַנענ אפנ דאָנ אויסגעבראָכנ עטלעכע אופשטאנדנ, וואָס די מאָס־קווער רעגירונג האָט דערשטיקט מיט דער הילפ פונ די „נידער"־קאזאקנ. די מיל־כאָמעס אָנהייב XVIII יאָרהונדערט, די רעקרוטשינע, שטײַערנ אונ דער ווײַטערדי־קער וווּקס פונ דער לײַבייגנטימערישער עקספּלואטאציע, פונ די שטײַערנ אונ פונ אנדערע פליכטנ האָבנ נאָכ מער פארשטארקט דעמ צופלוס פונ די אנטלאָפענע אפנ דאָנ.

אָנהייב XVIII יאָרהונדערט איז די רעגירונג פונ פּיאָטער I אריבער־אינ אָנגריפ קעגנ דאָנ, ארויסשטעלנדיק די פאָדערונג וועגנ ארויסזעצנ צוריק פונ דאָנ אלע אנטלאָפענע פויערימ. דער אָטריאד (אונטער דער קאָמאנדע פונעמ פירשט יורי דאָלגאָרוקי), וואָס איז ארויסגעשיקט געוואָרנ אפנ דאָנ צו כאפנ די אנטלאָ־פענע פויערימ, האָט זיכ אָנגעהויבנ אכזאָריעסדיק אפרעכענענ מיט די קאזאקנ. די קאזאקישע סטאניצעס פלעגנ זיי פארברענענ, די קאזאקנ — שמײַסנ ביז טויט, אָפ־שנײַדנ די ליפנ אונ די נעזער.

יורי דאָלגאָרוקיס רעציכעס האָבנ ארויסגערופנ אנ אופשטאנד פונ די געוועזענע פויערימ אינ די שטעטלעכ אפנ אויבערשטנ דאָנ אונטער דער אָנפירונג פונ דעמ באכמוטער אטאמאנ קאָנדראטי בולאווינ. די אופגעשטאנענע האָבנ צעקלאפט דאָל־גאָרוקיס מיליטער אונ דערהארגעט יורי דאָלגאָרוקינ אליינ (1707 יאָר). איבער־ווינטערנדיק אינ זאפּאָראָזשיע, באוויזט זיכ בולאווינ ווידער מיט זײַנע אָנהענגער

אין פֿעברואַל 1708 יאָר אין די שטעטלעך בײַ דעם אויבערשטראָם פֿון דאָן. דער צענטער פֿון די אויפֿשטענדלער איז געוואָרן פּריסטאַנסקי גאָראָדאָק, וווּ עס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן טויזנטער אַנטלאָפֿענע פּויערים און אָרעמע שטאָט־לײַט. דער אויפֿשטאַנד האָט זיך צעוויקלט מיט דערפֿאָלג. בולאַווין האָט פֿאַרכאַפּט דעם צענטער פֿון דעם „נידער“־קאַזאַקנטום — טשערקאַסק. דעם אַטאַמאַן און די סטאַרשינעס האָט מען אַראָפּגעהאַקט די קעפּ. די מאַכט אויפֿן דאָן איז איבער צו דער קאָזאַקישער אָרעמשאַפֿט.

קעגן די בולאַווינער האָט מען אַרויסגעשיקט אַ קאָלאָסאַלע 32-טויזנטיקע אַרמיי בעראָש מיט וואַסילי דאָלגאָרוקי, דעם ברודער פֿון דעם דערהאַרגעטן יורי דאָלגאָרוקי.

די אויפֿשטענדלער האָבן געפֿונען שטיצע בײַ די זאַפּאָראָזשיער קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך אָוועקגעלאָזט מיט אַ גרויסן אָטריאַד צו הילף בולאַווינען. אַחוץ די זאַפּאָראָזשיער האָבן זיך די בולאַווינער באַמיט אַרײַנצוציִען אין קאַמף קעגן מאָסקווע די קובאַנער קאָזאַקן און די קרימער טאָטערן.

די באַוועגונג פֿון דער דאָנער „האָליטבאַ“ (אָרעמשאַפֿט) האָט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג צווישן דעם פּויערטום פֿון די שכניִשע געגנטן. פֿון טאַמבאָווער, קאָזלאָווער און באָריסאָגלעבסקער אויעזדן זײַנען „טאָג און נאַכט“ געלאָפֿן אויפֿן דאָן באַוואָפֿנטע אָטריאַדן פּויערים. אין די אויפֿשטענדלערישע דערפֿער פֿלעגט מען אײַנפֿירן קאָזאַקישע זעלבסטפֿאַרוואַלטונגען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אומרוען אויך צווישן די אונטערדריקטע פֿעלקערשאַפֿטן: צווישן די קאַלמיקן, באַשקירן, טאָטערן, מאָרדווע, וואָטיאַקן און אַנדערע.

די בולאַווינער האָבן געהאַט אַ פֿאַרבינדונג מיט די אויפֿשטענדלערישע קאָלאָניאַלע פֿעלקער. בולאַווין האָט געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער קובאַנער האָרדע און מיטן טערקישן סולטאַן. בולאַווינס אויפֿשטאַנד האָט בעמעס, ווי די אויפֿשטענדלער פֿלעגן זאָגן, „אויפֿגעטרייסלט די גאַנצע מלוכה“. די בולאַווינער, פֿלעגן אַרײַנדרינגען אין אַלע אויעזדן פֿון אוקראַינע און דאָן. פֿון דער שטאָט יאַמפּאָל האָבן זיך אַלע אײַנוווינער אָנגעשלאָסן אָן די אויפֿשטענדלער. אין דער בײַדאָן־געגנט האָבן זיי פֿאַרכאַפּט אַ רײ שטעט (באָריסאָגלעבסק, ביטיוג און אַנדערע).

אויף דער וואָלגע פֿלעגט מען די בולאַווינער באַגעגענען, ווי באַפֿרײַער. די בולאַווינער האָבן מיט דער הילף פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג פֿאַרכאַפּט קאַמישין און צאַריצין. דער אָנגריף פֿון די בולאַווינער אויף סאַראַטאָוו האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ דורכפֿאַל. פֿאַרייניקן זיך מיט די אויפֿגעשטאַנענע טראַנסוואָלגער פֿעלקערשאַפֿטן האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן. בולאַווין אַליין, וואָס האָט פֿאַרגעזעצט דעם קאַמף, האָט געליטן אַ מפּלה אונטער אַזאָוו (אין יולי 1708 יאָר) און האָט זיך געשאָסן, ניט וועלנדיק זיך אָפּגעבן אַ לעבעדיקער אין די הענט פֿון די שׂונאים.

נאָך בולאַווינען האָבן געליטן אַ מפּלה אויך אַנדערע אַטאַמאַנען — גאָלי און דראַני.* בלויז נעקראַסאָוו האָט באַוויזן אַרויסצופֿירן אַ טייל פֿון זײַן אָטריאַד אין קובאַן.

* כאַראַקטעריסטישע נעמען (גאָלי — אַ הולער, דראַני — אַן אָפּגעריסענער), וואָס זאָגט אייִדעס וועגן דעם באַשטאַנד אַנטיילנעמער פֿון דער בולאַווינער באַוועגונג.

אין דער מעטראָפּאָליע האָט זיך אין דער מערהייט אויעזדן, באַזונדערס אויף דער וואָלגע און אָקא, באַמערקט א מאסעווע פּויערים־באַוועגונג (מע פלעגט אויסהארגע־נען די פּריצים, אונטערצינדן די פּריצישע הויפן, אָפּקאָסען און פאַראַקערן די פּרי־צישע פעלדער).



די בולאַווינער באַוועגונג אין 1707—1708 יי. (א סכעמאַטישע קאַרטע)

די פּריצים לײַבייגנטימער האָבן אָן ראַכמאָנעס דערשטיקט דעם אופשטאַנד. איבערן דאָן, איבער דער וואָלגע און אַנדערע טײַכן האָבן אָנגעהויבן שווימען פּליטן מיט טליִעס.

די שטעטלעך פון אויבערשטן דאָן — דער צענטער פון דער באַוועגונג — זײַנען צעגראָמירט געוואָרן דורך די מאָביליזירטע אדעליקע און סאָלדאַטן. דאָן האָט פאַרלאָרן זײַן אומאָפּהענגיקייט. אפן דאָן האָט זיך שנעל אָנגעהויבן אַנט־וויקלען די לײַבייגנטימערישע פאַראָרדקעס. בולאַווינס באַוועגונג איז געווען א מעכ־טיקע פּויערים־מילכאָמע, אין וועלכער עס האָבן א גרויסע ראָליע געשפּילט די פעלד־בײַיִשע עלעמענטן (האַרעפּאַשנע מענטשן, בורלאַקעס, יאַריזשקעס *).

* יאַריזשקעס — באַטראַקן.

נאָכנ צעגראָמירנ די בולאַווינישע באַוועגונג האָט זיכ דער צענטער פונ די פּוי-ערים־אומרוען אריבערגערוקט אפנ מיזרעכ.

באַרויבונג פונ די ניט־רוסישע פעלקער פונ טראַנסוואָלגע און אוראַל אינ XVIII יה.

אינ טראַנסוואָלגע און אפנ אוראַל האָבנ די פּריצישע און סאָכרישע פאַרכאַפּונגען ביז גאָר פאַרערגערט די לאַגע פונ די פעלקער, וואָס האָבנ געוווינט אינ די דאָזיקע געגנטנ (קירגיזנ, באַשקירנ, קאַלמיקנ און אנד.). די רוסישע באַאַמטע פלעגנ זיי באַראַבעוועג דורכ פאַרשיידענע שטייערנ. מענ האָט אפ זיי ארופגעלייגט א קאָפּשטייער, מע פלעגט זיי צווינגענ אויספילנ שווערע מיליטער־דינסט. ענדלעכ, פלעגנ די רוסישע גאַלאָכימ מיט גוואַלד פאַרשפּרייטנ דעמ פּראַוואָסלאַווישנ גלויבנ. אָט וואָס עס דערציילט א ניט־לאַנג געפונענער דאָקומענט וועגנ דער טעטיקייט פונ די רוסישע גאַלאָכימ אינ XVIII יאָרהונדערט צווישנ די פעלקערשאַפטנ פונ וואָלגער קאַנט: „זיי (די פּריי-דיקער) און זייערע געהילפנ פלעגנ ניט מיטנ פרייוויליקנ גאָטס וואָרט ברענגענ צומ געזעצ, נאָר מיט דעמ, וואָס זיי פלעגנ אבסאָליוט רויִנירנ, נעמלעכ: זיי פלעגנ אויס-האַקנ טיר און פענצטער, שלאָגנ מיט קאַנטשיקעס אָנ ראַכמאָנעס און נאָכ ענלעכע דערצו זאַכנ פלעגנ זיי טאָנ". די „געטויפטע" פלעגט מענ באַראַבעווענ פונ קאָפּ ביז די פיס, אָנווענדנדיק דערצו פאַרשיידענע מיטלענ. דער גאַלעכ פלעגט, אשטייגער, קו-מענ צו א געטויפטנ אינ צייט פונ טאָנעס, ווענ עס איז „פאַרבאָטנ" צו עסנ פלייש און מילכ־פּראָדוקטנ, פלעגט נעמענ ארומזוכנ, „גייענדיק איבער די אַלקערלעכ", „און אויב מע פלעגט בא עמעצנ געפינענ אַ אָנגעהויבענעמ טעפּל פּוטער, שינקע, געקאָכט פלייש פונ נעכטנ פאַרבליבענע, פלעגט ער האָס אַלצ און אַלצ, וואָס ער האָט געפונענ אכוצ דעמ, אָפּנעמענ".

צעראַבירונג פונ די באַשקירישע ערדנ

די גוואַלדטאַטנ פונ די פּריצימ, סאָכרימ, פונ די באַאַמטע און פונ די גאַלאָכימ האָבנ ניט איינ מאָל ארויסגערופנ דעמ צאָרנ פונ די אונטערדריקטע פעלקערשאַפטנ. באַזונדערס אָפט פלעגנ זיכ נעמענ צומ געווער די באַשקירנ.

בא די באַשקירנ, וואָס האָבנ זיכ פאַרנומענ דערהויפּט מיט פיצוכט, איז די קלאַסנ־דיפערענציאַציע גאַנצ ווייט אוועק: עס האָט זיכ אויסגעטיילט א גרופּע פאַר-מעגלעכע, וואָס האָט געהאַט גרויסע טשערעדעס פי, אָבער קיינ עכטע לייבאייגנט-מערישע אָרדענונג האָט זיכ בא זיי נאָכ ניט אויסגעבילדעט.

די סאַמע פרוכטבאַרע און ארצרייכע ערדנ פונ די באַשקירנ (בא די טייכנ בעלאַיאַ און אופאַ) האָבנ צו זיכ צוגעצויגנ די אויפמערקזאַמקייט פונ די רוסישע פאַרכאַפּער.

באַזונדערס שטאַרק האָבנ די באַשקירנ געליטנ פונ דער זאַוואָד־בוי-ונג. די זאַוואָד־איינגטימער פלעגנ אָפּנעמענ די באַשקירישע ערד און רויבעריש אויסהאַקנ דעמ וואַלד. די ערד פלעגנ זיי גאַנצ אָפט פאַרכאַפּנ מיט ברוטאַלער קראַפט, אָדער קויפנ פאַר א קלייניקייט. צומביישפּיל, דער אווזיאַנאָ־פּעטראָווס-קער זאַוואָד האָט „אַרענדירט" פאַר 20 רובל א יאָר 180 טויזנט דעסיאַטינ ערד. איינער א רוסישער סוחער האָט „געקויפט" 200 טויזנט דעסיאַטינ פאַר 400 רובל.

דער קאמפ פונ די באשקירנ אינ דער ערשטער העלפט XVIII יאָרהונדערט

צווישנ די פארכאפער אונ די באשקירנ פלעגנ אָפט פאָרקומענ באוואָפנטע צוזאמענשטויסנ, וואָס פלעגנ זיכ צייטנווייז צעוואקסנ אינ גרויסע אופשטאנדנ. אינ פארלויפ פונ 100 יאָר (פונ מיטנ XVII יאָרהונדערט ביז מיטנ XVIII יאָרהונדערט) זיינענ דאָ פאָרגעקומענ 10 אופשטאנדנ. באזונדערס אקשאָנעסדיק איז געווענ דער אופשטאנד אינ 1735 יאָר, וואָס איז ארויסגערופנ געוואָרנ דורכנ פארשטארקטנ צעראבירנ די באשקירישע געגנטנ. 5 יאָר האָבנ די באשקירנ געפירט א קאמפ מיטנ רוסישנ מיליטער. די באשקירנ, די נאָמאדנ, זיינענ געווענ גוטע קריגער. דערצו האָט דער קאמפ קעגנ די רוסנ אפ א געוויסער צייט פאראייניקט די באשקירישע אָרעמשאפט אונ זייערע רייכע עלטסטע. ערשט אינ 1747 יאָר האָט זיכ דער רעגירונג איינגעגעבנ צו „בארויקנ" באשקיריע.

דער אופשטאנד איז דערשטיקט געוואָרנ מיט אויסערגעוויינלעכער אכזאָריעס. א טייל באשקירישע ערד האָט מענ אָפּגענומענ אונ איבערגעגעבנ צו אנ אנדער פאָלק (די מעשטשעריאקעס), קעדיי צו שאפנ פונ זיי זיכערע פארבינדעטע אינ קאמפ קעגנ די באשקירנ. מע האָט אויסגעבויט אינ באשקיריע א ריי פעסטונגענ. מע האָט פארווערט די באשקירנ צו שמעלצנ מעטאל אונ צו האלטנ פייער־געווער.

די אופשטאנדנ פונ באשקיריע אינ 1755

ניט געקוקט אפנ אנראכמאָנעסדיקנ אָפּרעכענענ זיכ מיט זיי, האָבנ זיכ די באשקירנ אינ 15 יאָר ארום ווידער אופגעהויבנ (אינ 1755 יאָר). דער פירער פונ דעם אופשטאנד, דער מולע באטירשא האָט, דערקלערנדיק די סיבעס פונ דעם אופשטאנד, אָנגעוויזנ אפ דריי נייע „געשווירנ" אפ דער פלייצע פונ באשקירישנ פאָלק. דער ערשטער „געשוויר" איז דאָס, וואָס מע פלעגט דעם באשקיר מיט געוואלד צווינגענ אָנצונעמענ דעמ פראוואָסלאווישנ גלויבנ. דער צווייטער — די נייע שטייער־לאסטנ; מע האָט פארגרעסערט דעם יאסאק (צינז), מע נעמט צו אינ מיליטער־מארשנ, מע צווינגט פירנ געהילצ אפ בויענ שטעט, געבנ פערד צום פאָרנ (פאר באאמטע). דער דריטער „געשוויר" איז דאָס, וואָס מע האָט פארווערט די באשקירנ אליינ ארויסצובאקומענ זאלצ אונ מע האָט זיי פארפליכטעט צו קויפנ זאלצ בא דער רעגירונג (צו 25 קאָפּ. א פוד). דער דריטער „געשוויר" איז טאקע געווענ דער שטויס צום אופשטאנד, ווייל דאָס איז געווענ א נייער שווערער געלט־שטייער. דער אופשטאנד האָט זיכ שנעל פארשפרייט. די באשקירנ זיינענ לעבאָטכילע געשטיצט געוואָרנ פונ די קירגיזנ. באטירשא האָט געוואָלט פאראייניקנ צום קאמפ אלע אוראלער מאכמעדאנער. אינ זיינ אופרופ האָט ער אזוי געשריבנ: „אלע גלייביקע (הה. די מאכמעדאנער) דארפנ ניט לעבנ בעשאָלעמ מיט די אומגלייביקע ראָסיאנער, ניט בויענ קיינ שטעט פאר זיי, ניט פירנ זיי אפ אונדזערע פורנ, קיינ יאסאק (צינז), קיינ פוראזש ניט געבנ, קיינ פעסטונגענ, קיינ זאוואָדנ ניט לאָזנ בויענ אונ אפ קיינ שום אנדער דינסט ניט גיינ".

דעמ אָרענבורגער גובערנאטער (אָרענבורג איז געווענ דער גרעסטער מיליטער־צענטער פונ אוראל) האָט זיכ איינגעגעבנ שפאלטנ די אופשטענדלער. ער האָט אָנגערייצט די קירגיזנ אפ די באשקירנ, אויסנוצנדיק די אלטע רייסעריי צווישנ די קירגיזנ אונ באשקירנ פאר די וואנדער־פלעצער. ווענ דער מער שטאנדהאפטיקער

טייל באשקירנ, וואס האט ניט געוואלט אונטערגעבנ זיכ מיט שאנד די רוסנ, איז אנטלאפנ אפ יענער זייט אוראל, האט די רוסישע מאכט ארויסגעשיקט די קירגיזער באנדע א גראמעטע, וועלכע האט צוגעזאגט אפצוגעבנ זיי פאר שקלאפנ די ווייבער און די קינדער פונ די אנטלאפענע באשקירנ. און בארויבנדיק די באשקירנ פונ קאפ ביז די פיס, האבנ די קירגיזנ זיי פארטריבנ אפ זייערע אלטע ערטער. דעמאלט האבנ די באשקירנ מיט דער דערלויבעניש פונ די רוסישע מאכט-ארגאנענ פארגענומענ אנ ענטפער-מארש קעגנ די קירגיזנ און האבנ אויסגעקוילעט טויזנטער קירגיזנ. אט אזוי, העצנדיק איינ פאלק קעגנ דעם אנדערנ, האט זיכ דער רוסישער רעגירונג איינגעגעבנ צו ספראווענ זיכ מיט דעם דאזיקנ אופשטאנד. אבער אויכ נאכ באטירשאס אופשטאנד זיינענ די אונטערדריקטע מאסנ פונ באשקיריע ווידער געווענ גרייט נעמענ זיכ צום געווער, ווי נאר עס וועט זיינ א געלעגנהייט דערצו. בלויז די רייכע בייענ (די עלטסטע), וואס האבנ באקומענ פונ דער רוסישער רעגירונג א ריי להאטעס זיינענ געווענ גרייט צו לעבנ מיט איר בעשאלעמ.

פראגעס:

מיט וואס דערקלערט זיכ די פארשטארקונג פונ די פויערימ-אומרוענ אינ XVIII יארהונדערט?

ווער האט זיכ באטייליקט אינ בולאווינס אופשטאנד?

וועלכע קרעפטנ זיינענ ארויסגעטראטנ קעגנ די אופגעשטאנענע?

וואס פאר א באדייטונג פאר דאנ האט געהאט די צעגראמירונג פונ דעם אופשטאנד?

פארוואס האט זיכ פארערגערט די לאגע פונ די ניט-רוסישע פעלקערשאפטנ אפנ אוראל אינ XVIII יארהונדערט?

וואס פאר א ראליע אינעמ אונטערדריקנ די ניט-רוסישע פעלקערשאפטנ האט געשפילט די קירכע?

וואס האט ארויסגערופנ דעמ אופשטאנד פונ די באשקירנ אינ XVIII יארהונדערט? פארוואס איז ער דורכגעפאלנ?

56. די פוגאטשאָווישע באוועגונג אפנ אוראל

די אלגעמיינע סיבעס פונ דער פוגאטשאָווישער באוועגונג

דער וווּקס פונ די פויערימ-אופשטאנדנ אינ די צענטראלע גובערניעס (בלויז אינ פארלויפ פונ איינ יארצענדליק, פונ 1762 ביזנ 1772 יאר, איז פארגעקומענ בא 40 אפענע אופשטאנדנ), דער אקשאנעסדיקער קאמפ פונעמ פויערטומ פונ די ראנדגעגנטנ, פונ די באשקירנ און פונ אנדערע פעלקערשאפטנ, די קעסיידערדיקע ארויסטרעטונגענ פונ די בארגזאוואדישע פויערימ, וואס זיינענ געווארנ אלצ אפטער אינמיטנ יארהונדערט, — דאס אלצ זיינענ געווענ די אנזאגער פונ דער נייער פויערימ-מילכאמע, דער גרעסטער פונ די רוסישע פויערימ-מילכאמעס. די דאזיקע מילכאמע איז געווענ א נאטירלעכער ענטפער פונ די אונטערדריקטע מאסנ קעגנ דער פאליטיק פונ פארטיפערנ און פארברייטערנ די לייבייגנטימערישע עקספלואטאציע, וואס עס האבנ געפירט די רוסישע לייבייגנטימער אינ XVIII יארהונדערט.

די מילכאמעס מיט טערקיי (1769—1774 י.) און מיט פוילנ, וואס מיט זייער הילפ האט זיכ די רעגירונג געפרווט געפינענ א וועג פארנ ווייטערדיקנ וווּקס פונ

דער לײביגנטימערישער װירטשאפט, האָבנ נאָכ מער פארשארפט די קלאסנ־װידער־שפרוכנ אינ דער אימפעריע. די פאָלגנ פונ דער מילכאָמע זײַנענ געװענ — די פארשטארקטע מאָביליזאציע פונ רעקרוטנ, דער װוּקס פונ די שטײַערנ, די פאר־קירצונג פונעמ אױסערלעכנ ארױספיר אונ פונ אינערלעכנ האנדל.

די יאיקער קאזאקנ

אפנ אוראל האָט זיכ אָנגעקליבנ זײער א סאכ אומצופרידענע. „דער פראָצעס פונ פארקנעכטיקונג, װאָס האָט זיכ אינעמ ערדארבעטערישנ רוסלאנד געצױגנ פונ פארצײַטנס, האָט זיכ דאָ אָנגעהױבנ אונ פארענדיקט פאר אײנ דאָר; צו דער צײַט פונ פוגאטשאָװס באװעגונג האָט מענ דאָ נאָכ געקאָנט טרעפנ לעבעדיקע מענטשנ, װאָס זײַנענ ניט נאָר געבױרנ געװאָרנ, נאָר װאָס זײַנענ אױסגעװאָקסנ אלס פרײַע שװארצסאָכעדיקע* פױערימ" (פּאָקראָװס־קי). קעדײַ די פּײַערנ פונ די באזונדערע אופשטאנדנ זאָלנ זיכ צוזאמענגיסנ אינ אײנ גרױסנ פלאמ, האָט מענ געדארפט האָבנ א קראפט, װאָס זאָל קאָנענ אָרגאניזירנ די אומצופרידענע. אונ אלס אָרגאניזאטערס פונ דער באװעגונג איז דאָ, פונקט װי אינ ראזינס צײַטנ, ארױסגעטראָטנ די קאזאקישע „האָליטבא", אָבער ניט פונ דאָנ, נאָר פונ יאיק (יאיק האָט געהײסנ דאנ דער טײַכ אוראל).

די יאיקער קאזאקנ האָבנ אינ XVIII יאָרהונדערט געלעבט אנערעכ אזױ, װי די דאָנער קאזאקנ אינ XVII יה. דער טײַכ איז פאר זײ געװענ דער הױפּט־קװאל פונ זײער עקזיסטענצ. אינ די קאזאקישע ארבעט־ארטעלנ אפנ יאיק האָט זיכ אינ XVIII יאָרהונדערט שױנ געלאָזט מערקנ א דיפערענציאציע. דער פאר־מעגלעכער אױבערשיכט — „דער סטארשינישער צאד" — פלעגט פארכאפּנ די פישפאנג־אונ זאלצ־געװערבנ. די „סטארשינא" (עלטסטע) פלעגט מיט אלע מיטלענ שטיצנ די רעגירונג. די רעגירונג האָט געװאָלט פארװאנדלענ די קאזאקנ אינ א גע־האָרכזאמער מיליטערישער קראפט, װאָס מע זאָל זײ קאָנענ אױסנוצנ צומ קאמפ קעגנ די נאָמאדנ פונ די בײַקאספישע סטעפּעס. מיט דעמ האָזיקנ צװעק פלעגט זי מיט פארשײדענע מאטאָנעס, ראנגענ אונ געהאלטנ צוציִענ צו זיכ די „סטארשינא". אָנשטאָט די פריִערדיקע אױסגעװײלטע אטאמאנענ האָט מענ אינמיטנ XVII יאָר־הונדערט אָנגעהױבנ באשטימענ אטאמאנענ. די אטאמאנענ האָבנ שטארק עקספּלו־אטירט די מאסע קאזאקנ מיט דער מיטהילפ פונ די עלטסטע.

די קאזאקישע מאסע, װאָס איז געװענ שטארק אומצופרידנ מיטנ יאָכ פונ די עלטסטע אונ מיט די װאקסנדיקע פאָדערונגענ פונ דער רעגירונג האָט אָנגעהױבנ בונטעװענ. דעמ גענעראל, װאָס איז געקומענ זײ בארויִקנ, האָט מענ דערהארגעט צוזאמענ מיטנ אטאמאנ. קעדײַ צו דערשטיקנ דעמ אופשטאנד, האָט מענ ארױסגע־שיקט נײַ מיליטער. די איניציִאטערס פונעמ אופשטאנד האָט מענ געכאפּט. מע האָט אָנגעפילט די טורמעס פונ אָרענבורג מיט ארעסטירטע קאזאקנ. א טײל קאזאקנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ אױסצובאהאלטנ זיכ אינ די װײַטע כוטערס פונעמ פארװאָרפענעמ סטעפּ, אונ דאָ האָט זיכ טאקע אָנגעהױבנ די צו־גרײטונג צו דעמ נײַעמ אופשטאנד.

פוגאטשאָװ

דער פירער פונ דעמ אופשטאנד איז געװאָרנ דער דאָנער קאזאק יעמעליאנ פוגאטשאָװ. דאָס איז געװענ א מענטש א װײניק־גראמעטנער, אָבער א קלוגער, אנ אנטשלאָסענער אונ א דורכגעטריבענער. אינ פאר־

* מעלוכישע.

לויפ פונ א רוי יאָרנ האָט ער געוואנדערעוועט איבער רוסלאַנד (ער איז אפילע געווענ אפ קאווקאז און אינ פוילנ). ער האָט געזענ אומעטום די רויִנירונג, די אונטערדריקונג פונעם פאָלק. נית איינ מאָל איז ער אויכ געזעסנ אפ א קייט אינ טורמע.

יעמעליאַנ פוגאטשאָוו

קעדיי לייכטער אופצוהייבנ דאָס פאָלק אפ אנ אופשטאנד, האָט פוגאטשאָוו באַשלאָסנ דערקלערנ, אז ער איז דער קייסער פיאָטער פיאָדאָראָוויטש, וואָס האָט זיכ געראַטעוועט אפ א וואונדערבארנ אויפנ. אינ יענער צייט האָט רעגירט איבער רוסלאַנד די קייסערנ יעקאַטערינע II, די באשיצערנ פונ די אדל-פריווילעגיעס. זי האָט זיכ ארופגעזעצט אפנ צארישנ טראָנ, אראָפווארפנדיק פונ אים מיט דער הילפ פונ די אדעליקע — די אָפיצערנ — איר מאנ, דעמ וואנזיניקנ פיאָטער פיאָדאָראָוויטש (1761—1762 יאָרנ), וואָס האָט מיט זיינ פאָליטיק ניט צופרידנגעשטעלט דעמ אדל. דעמ אראָפגעוואָרפענעמ פיאָטער האָט מענ פארשיקט אינ איינעמ פונ די גיטער לעבנ פעטערבורג, אונ דאָרט האָבנ אים יעקאטערינעס אָנהענגער דערמאָרדעט. אינעמ פאָלק, וואָס האָט געוואַרט אפ אנ אויסלייזונג פונ זיינ שווערנ לעבנ, האָבנ זיכ אָבער אונגיכנ אָנגעהויבנ צו פארשפרייטנ קלאנגענ, אז פיאָטער לעבט. מע פלעגט דערציילנ וועגנ פיאָטערנ, אז ער איז געווענ אפ דער זייט פונ די פויערימ, אונ דעריבער האָבנ אים די אדעליקע אראָפגעוואָרפנ.

די דאָזיקע קלאנגענ האָט פוגאטשאָוו באַשלאָסנ אויסנוצנ, פונקט ווי די סאָלדאטנ קרעמענ אונ טשערנישאָוו, וואָס זיינענ נית לאנג ביז דעמ פארשמיסנ געוואָרנ ביז צומ טויט דערפאר, וואָס זיי האָבנ זיכ ארויסגעגעבנ פארנ צאר. אונ פוגאטשאָוונ וואָלט געווים אויכ דערוואַרט דער זעלבער גורל, אימ האָט זיכ אָבער איינגעגעבנ צו אנטלויפנ פונ דער קאזאנער טורמע, וווּהינ מע האָט אים געהאַט פארזעצט פארנ אָנרופנ זיכ צאר.

דער אָנהייב פונעם אופשטאנד

אפנ יאַיִק, אפ איינעמ פונ די כוטערס, ווו די קאזאקנ האָבנ זיכ געגרייט צומ אופשטאנד, האָט ער פאר א היפל קאזאקנ „דערציילט", אז ער איז דער צאר. ער האָט זיי דערציילט, אז אים האָט זיכ איינגעגעבנ צו ראַטעווענ זיכ פונ דער קייסערנ אונ פונ די פריצימ, וואָס האָבנ אים געוואָלט אומברענגענ. ער האָט זיכ א לאנגע צייט אויסבאהאלטנ. אָבער איצט האָט ער באַשלאָסנ זיכ צו אנטפלעקנ פארנ פאָלק אונ אופהייבנ אים קעגנ יעקאטערינען. נית אלע קאזאקנ האָבנ געגלייבט אלץ, וואָס ער האָט זיי געזאָגט, אָבער זיי האָבנ גערנ אנערקענט פוגאטשאָוונ פאר א פירער פונעם אופשטאנד.

אינ הארבסט 1773 יאָר האָט זיכ אָנגעהויבנ דער אופשטאנד. אינ זיינ מאניפעסט פונעם 17-טנ סעפטיאַבער האָט פוגאטשאָוו געשריבנ: „פונ דעמ אימפעראטער אונדזערנ, דעמ גרויסנ קייסער פיאָטער פיאָדאָראָוויטש, דעמ אלרוסלענדישנ. פונקט אזוי, פרייַנט מייַנע, ווי עס האָבנ די פריִערדיקע צארנ געדינט ביזנ לעצטנ טראָפנ בלוט זייערנ די זיידעס אונ די פאָטערס אייַערע, פונקט אזוי זאָלט איר אָפדינענ פאר אייַער פאָטערלאנד מיר, דעמ גרויסנ קייסער אימפעראטער פיאָטער פיאָדאָראָוויטש. איר וועט זיינ דורכ מיר דורכ דעמ

גרויסנ צאר, באשאַנקענ, איר — קאזאקנ, קאלמיקנ אונ טאַטערנ. איכ באשענק איַיכ מיט טײַכ פונ זײַנ אָנהייב ביז דער לעפצונג, אונ מיט ערד, אונ מיט גראָז, אונ מיט געלט, אונ מיט בלײַ, אונ מיט פולווער, אונ מיט ברויט-פראָוויאנט".

פוגאטשאָווס קרעפטנ

דער אופשטאנד האָט זיכ צעוואָקסנ זייער שנעל אונ האָט שוינ מער ניט געהאט דעמ כאראקטער פונ אַנ ענג-קאזאקישער באוועגונג. צו דעמ אופשטאנד האָבנ זיכ פאראייניקט די קירגיזנ אונ באשקירנ. אונ אַזוי ווי מיט דער צארישער רעגירונג איז געווענ ניט צופרידנ ניט בלויז דאָס באשקירישע פויערטומ, נײַנענ אינ אָנהייב צוגעשטאנענ צומ אופשטאנד אויכ די באשקירישע סטארשינעס אונ אפילע די מולאס. דאָס אָנשליסנ זיכ פונ די באשקירנ אונ קירגיזנ האָט באדײַטנדיק פארגרעסערט פוגאטשאָווס קרעפטנ. נאָכ א גרעסערע באדײַטונג פארנ אָופשטאנד האָט געהאט דאָס, וואָס עס האָבנ זיכ צו אימ פאראייניקט די מאסנ בארג-זאָוואָדישע ארבעטער. די גרעסטע אוראַלער זאָוואָדנ זײַנענ אופגעשטאנענ, ניט ווארטנדיק אפילע ביז פוגאטשאָוו וועט צו זיי קומענ. מאסנ ארבעטער פלעגנ זיכ גערנ באהעפטנ צומ אופשטאנד. די צוגעשריבענע פויערימ פלעגנ זיכ צעלויפנ איבער די דערפער. א טייל ארבעטער איז געוואָרנ קאזאקנ אונ איז אוועק צו פוגאטשאָוונ. אנדערע האָבנ מיטגעהאָלפנ דעמ אופשטאנד אַפ אַנ אנדער אויפנ. אינ זײַנ פאראָרדענונג צו איינעמ פונ די זאָוואָדנ (צו אווזיאנאָפעט-ראָווסקער) אינ אָקטיאבער 1773 יאָר האָט פוגאטשאָוו געשריבנ: „פונקט ווי די זיידעס אונ די טאטעס אײַערע האָבנ געדינט די אורעלטערנ מײַנע, אַזוי זאָלט איר אויכ דינענ מיר, דעמ גרויסנ קייסער, געטרײַ אונ קעסיידער ביזנ לעצטנ טראָפנ בלוט אונ זאָלט אויספילנ מײַנ באפעל. פארטיקט מיר אויס, דעמ גרויסנ קייסער, צוויי מאַרטירעס אונ מיט באָמבעס, אונ אינ גרויס איַיליקײַט זאָלט איר מיר דאָס צושיקנ". אויכ אַפ אנדערע זאָוואָדנ (צומבײַשפּיל אפנ בעלאָרעצקער) האָט מענ אָנגעהויבנ אויסארבעטנ הארמאטנ פאר די אופשטענדלער. אינ רעזולטאט פונ דער הילפ, וואָס עס האָבנ געגעבנ די בארג-זאָוואָדישע פויערימ, איז בא די אופשטענדלער געווענ ניט קיינ ערגערע ארטילעריע, ווי בא דער רעגירונג. אונ באנוצט האָבנ זיכ מיט איר די פוגאטשאָווער געניט. באמ באלאגערנ אָרענבורג האָבנ זיי באשאָסנ די שטאָט מיט א „געצילעוועטנ פײַער" (דאָס האָט מענ נאָכ אינ יענער צײַט ניט אָנגעווענדט).

די פירער פונ דער באוועגונג

די באוועגונג האָט ארויסגערוקט א גאנצע ריי ענערגישע אָנ-פירער. אכוצ פוגאטשאָוונ אליינ האָבנ זיכ אויסגעצייכנט דער קאזאק טשיקא-זארובינ, דער יונגער באשקיר סאלאַוואט-יולײַעוו אונ דערהויפט די זאָוואָדישע ארבעטער בעלאָבאָראָדאָוו אונ כלאָפושא. בעלאָבאָראָדאָוו, א לײַבקנעכט-ארבעטער, האָט זעלבשטענדיק נאָכ ביז פוגאטשאָווס קומענ פארכאפט א ריי זאָוואָדנ אונ האָט געבראכט צו פירנ צו פוגאטשאָוונ א גרויסנ אָטריאד ארבעטער. אויכ דער בארימטער כלאָפושא איז געווענ אַנ אוראַלער ארבעטער. ער האָט איבערגעטראָגנ אלע שווערעלעכקײַטנ אי פונ דער לײַביגנטימערישער פאבריק אי פונ קאטערגע. פאר זײַנע פילמאָליקע פרוונ צו אנטלויפנ פונ די זאָוואָדנ האָט מענ אימ ארויסגעריסנ די נאָזלעכער. ער האָט געשפּילט א קאָלאָסאלע ראָליע אלס אָנפירער מיט די ארבעטער אינ פוגאַ-טשאָווס באוועגונג. ער איז געווענ „איבער די זאָוואָדישע פויערימ א פאָלקאָווניק".

פאר דער אלגעמיינער אנפירונג מיט דער באוועגונג האבנ די פוגאטשאָווער באלד פונ אנהייב אופשטאנד אָרגאניזירט א „קריגס=קאָלעגיע“. די קריגס-קאָלעגיע האָט געהאט אינ איר רעשומ אי די קריג=איניאנימ אי די דערנערונג-פראגעס אי דעמ געריכט אי די אָרגאניזאציע פונ דער פארוואלטונג אינ די פארכאפטע געגנטנ. דאָס איז געווענ דער הויפט-שטאב פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. פונ פיל דאָקומענטנ, וואָס זײַנענ פארבליבנ פונ פוגאטשאָווס צײַטנ, איז צו זענ, ווי ענערגיש אונ געניט עס האָט געארבעט די קריגס=קאָלעגיע.

די פראָגראמ פונ די פוגאטשאָווער

צוזאמענ דערמיט, ווי די באוועגונג האָט געהאלטנ אינ וואקסנ, האָט זיכ אויכ פארברייטערט איר פראָגראמ. די מאניפעסטנ אונ פאראָרדענונגענ, וואָס פוגאטשאָוו שטאב פלעגט ארויסלאָזנ איינס נאָכנ אנדערנ, האָבנ צוגעזאָגט די ניט=רוסישע פעלקערשאפטנ „ערד, וואסער, וואלד, פישפאנג, לאָנקעס, זייער אייגענעמ גלויבנ, זייער אייגענעמ געזעצ“. די פויערימ האָבנ זיי צוגעזאָגט פרײַהײַט אונ באפרײַונג פונ די פליכטנ. די באוועגונג איז אָפנ געצילט געווענ קעגנ די פריצימ. דער מאניפעסט פונעמ 1=טנ דעקאבער האָט פאָרגעלייגט, מע זאָל בא די „פריצימ, די עכטע פארברעכער קעגנ געזעצ אונ אלגעמיינער רויִקײַט, די אויסוואָרפנ אונ קעגנער פונעמ אימפעראטארישנ ווילנ, אָפנעמענ דאָס לעבנ, דה. שטראָפנ מיט טויט, אונ די הײַזער זייערע, אונ דאָס גאנצע פארמעגנ זייערס צונעמענ זיכ אלס באלוינונג“. דער אופשטאנד האָט אָנגענומענ א כאראקטער פונ א ברייטער מאסנ-באוועגונג קעגנ דעמ הערשנדיקנ קלאס (דעמ אדל).

פוגאטשאָווס דערפאָלגנ

מיט דער שטיצע פונ די מאסנ, האָט פוגאטשאָוו לעבאטכילע געהאט דערשלאָגנ זיכ גרויסע דערפאָלגנ. די אופגעשטאנענע האָבנ גאנצ שנעל פארכאפט א ריי פעסטונגענ אפנ טײַכ אוראל. דער גענעראל (קאר), וואָס איז ארויסגעשיקט געוואָרנ קעגנ זיי אונ וואָס האָט זיכ לײַכטזיניק פארלאָזנ אפ א גרינגנ ניצאָכנ אונ האָט אלצ מוירע געהאט, דער סוינע זאָל „כאַ=לילע“, ניט אנטלויפנ, האָט אליינ געכאפט פונ די פוגאטשאָווער א מאפּאָלע אונ איז געווענ געצוווּנגענ צו אנטלויפנ.

דער אופשטאנד האָט זיכ ברייט צעשפרייט איבער גאנצ טראנסוואָלגע. ער האָט זיכ אריבערגעוואָרפנ פונעמ טײַכ אוראל אפנ טײַכ בעלאיא, אופא אונ קאמע. די הויפט-קרעפטנ האָבנ אונטער פוגאטשאָווס דירעקטער אנפירונג באלאגערט דעמ פארהאסטנ אָרענבורג, ווו עס זײַנענ געזעסנ אינ די טורמעס א סאכ אָנטייל=נעמער פונעמ אופשטאנד. אינ דער זעלבער צײַט האָט א גרויסער אָטריאד פונ די אופשטענדלער אונטער דער קאָמאנדע פונ טשיקא=זארובינ באלאגערט אופא.

די מאפּאָלע פונ די פוגאטשאָווער אינ פרילינג 1774 י.

אָרענבורג אונ אופא האָבנ די פוגאטשאָווער באלאגערט א גאנצנ ווינטער, דאָכ האָט זיכ זיי ניט אײַנגעגעבנ צו פארכאפנ קיינ איינע פונ די שטעט. אונ די אדל=רעגירונג האָט אויסגענוצט די עטלעכע כאדאָשימ אונ האָט אריבערגעוואָרפנ אפ אוראל באדײַטנדיקע מיליטער-קרעפטנ. דאָס רעגירונגס=מיליטער האָט דערלאנגט א ריי קלעפּ די באזונדערע אָטריאדנ פונ די אופשטענדלער.

אינ מארט איז צעקלאפט אונ פארכאפט געוואָרנ אינ געפאנגענשאפט טשיקא-זארובינ. דעמ 22=טנ מארט האָט בא טאטישטשעוואָ געליטנ א גרויסע מא-


פוגאטשאָוו'ס
באוועגונג אין 1773-1774
פערם
וויאטקא
קאסטראמא
יאראסלאוול
וואלאגדע
נ. נאווגאראד
וולאדימיר
קאזאן
אופא
סימבירסק
סאמארע
פענזע
טאמבאוו
סאראטאוו
צאריצין
אסטראכאן
קורסק
אריאל
קיעוו
סמאלענסק
מינסק
טולע
ריאזאן
כארקאוו
קאטערינאסלאוו
טשערניגאוו

פאָלע אויכ די הויפּט־אַרמיי פוגאַטשאָווס (וואָס איז באַשטאַנענ צו יענער צײַט פונ 8000 מאַנ מיט 36 שווערע האַרמאַטנ). עס זײַנענ געפאַנגענ געוואָרנ פיל אָנפירער פונ דער באַוועגונג, דערינ אויכ כלאָפּושא. דער קאָמאַנדיר פונ דעמ רעגירונג־מיליטער האָט געהאַלטנ, אַז די בונטאַרנ זײַנענ ענדגילטיק צעקלאַפּט. וואָס איז שײַעכ פוגאַטשאָוונ, האָט ער צוגעגעבנ: „מע דאַרפ האָפנ, אַז אויכ דעמ אויסוואורפ וועט מענ אײַנגיכנ פאַקנ". אָבער די האָפענונג האָט זיכ ניט באַרעכטיקט.

פראַגעס:

פאַרוואָס איז אוראַל געוואָרנ דער צענטער פונ דער נײַער פויערימ־מילכאָמע?
וואָס האָט אַרויסגערופנ די אופשטאַנדנ פונ די יאַיִקער קאַזאַקנ?
צוליב וואָס האָט זיכ פוגאַטשאָוו אַרויסגעגעבנ פאַרנ צאַר פּיאָטער?
וועלכע צילנ האָבנ זיכ געשטעלט די פוגאַטשאָווער אינ אָנהייב אופשטאַנד?
פאַרוואָס האָבנ פוגאַטשאָוונ געשטיצט די באַשקירנ?
ווי האָט מענ זיכ באַצויגנ צו פוגאַטשאָווס באַוועגונג אינ די זאַוואָדנ?
וואָס פאַר אַ באַדײַטונג האָט געהאַט פאַר פוגאַטשאָוונ די שטיצע פונ די אַרבעטער?
וואָכ פאַר אַ ראַיאָנ האָט די באַוועגונג אַרומגעכאַפּט סאָפ 1773 יאָר?
וואָס פאַר אַ פּראָגראַמ האָבנ די פוגאַטשאָווער אַרויסגערוקט סאָפ 1773 יאָר?

57. די פויערימ־מילכאָמע אפ דער וואָלגע

דאָס אײַנעמענ קאַזאַנ

צעקלאַפּט אפ אוראַל, איז פוגאַטשאָוו אַנטלאָפנ אינ באַשקיריע אונ פונ דאָרט איז ער אַוועק אפ צאָפנ, האָפנדיק אפ דער שטיצע פונ די אופגעשטאַנענע פויערימ אונ אַרבעטער. אימ האָט זיכ אײַנגעגעבנ אָרגאַניזירנ אַ נײַע אַרמיי. ניט געקוקט אפ אַ ריי מאַפּאָלעס, האָבנ די פוגאַטשאָווער שנעל זיכ באַוועגט איבערנ קאַמע־קאַנט (זע די קאַרטע). זיי האָבנ פאַרכאַפּט אַ ריי שטעט, אײַנגענומענ וואָטקינסקער אונ איזשעווסקער זאַוואָדנ. אינ יול 1774 יאָר האָבנ זיכ די פוגאַטשאָווער אַוועקגעלאָזנ צו קאַזאַנ, וואָס איז אינ יענער צײַט געווענ דער גרעסטער אַדמיניסטראַטיווער צענטער אפ דער וואָלגע. די שטאָט קאַזאַנ איז אײַנגענומענ געוואָרנ מיט דער הילפ פונ דער שטאָטישער אָרעמשאַפט אונ פונ די סאָלדאַטנ. אַ קליינ הײַפל אַדעליקע האָט זיכ געראַטעוועט הינטער די ווענט פונ דעמ קאַזאַנער קרעמל.

אונטערנ דרוק פונעמ רעגירונג־מיליטער איז פוגאַטשאָוו געווענ געצווונגענ אינ עטלעכע טעג אַרומ צו פאַרלאָזנ קאַזאַנ. דעמ 17 יול איז ער מיט 400—500 אָנהענגער אַריבער די וואָלגע.

די פוגאַטשאָווישע באַוועגונג אינעמ פּריצישנ רוסלאַנד

דער קאַנט, אינ וועלכנ פוגאַטשאָוו איז איצט אַרײַנגעטראָטנ, האָט זיכ אונטערשיידט פונ טראַנסוואָלגע. דאָ האָט זיכ דאָס לײַביגנטומ באַפעסטיקט שוינ פונ לאַנג. דאָ איז ניט געווענ ניט קיינ קאַזאַקנטומ, ניט קיינ נאָמאַדנ באַשקירנ, ניט קיינ באַרג־זאַוואָדנ. אָבער די אָרטיקע לײַביגענע פויערימ האָבנ געהאַט אויסצושטיינ פונ דער לײַביגנטימערישער אָרדענונג ניט ווייניקער, ווי די אײַנוווינער פונ טראַנסוואָלגע. דאָ איז אויכ געווענ אַ סאַכ אונטערדריקטע פעלקערשאַפטנ (טאָטערנ, מאָרדווע, מאַרי). אַלע אומצופרידענע האָבנ מיט אָנגע־

שפּיצטע אויערנ זיכ צוגעהערט צו די קאמפּ־רופנ, וואָס זײַנעו געגאנגענע פונ פּוגאטשאָוום שטאב. אינ דעמ מאניפעסט צו די וואָלגער פּויערימ, וואָס פּוגאטשאָוו האָט ארויסגעלאָזנ סאָפ יול, איז געווענ אָנגעמערקט פּאָלגנדיקע קאמפּ־פּראָגראם:

„מיט גאָטס גנאָד, מיר, פּיאָטער III, דער אלרוסלענדישער אימפּעראטאָר אונ זעלבסט־הערשער, שענקענ מיט אונדזער נאָמענטלעכנ באפעל, מיט דער מאָנארכישער אונ פּאָטערלעכער בארעמהארציקייט אונדזערע, אלע, וואָס האָבנ זיכ פריִער געפונענ אינ פּויערשאפט אונ אינ אונטערטעניקייט בא די פּריצימ, זאָלנ ווערנ טרײַע אונטערטעניקע קנעכט פונ אונדזער קרוינ אונ מיר באלוינענ מיט אומאָפּהענגיקייט אונ פרײַהייט, אייביקע קאזאקנ, ניט פּאָדערנדיק קיינ רעקרוטנ, קיינ קאָפּשטײַער אונ קיינ אנדערע געלט־שטײַערנ, נאָר באזיצנ די ערד, די וואלד־אונ הייזשניט־פעלצער, פישפאנגענ, זאלצ־אָזערעס אָנ אויס־קויפ אונ אָנ לײַב־געלט אונ מיר באפרײַענ פונ אלע טשינשנ אונ שווערִיקייטנ, וואָס די רויבער די אדעליקע, די שטאָטישע באבארניקעס אונ די ריכטער פלעגנ ארופלייגנ אפנ פּויערטומ אונ אפנ גאנצנ פאָלק. מיר ווינטשנ אײַכ א רעטונג פאר דער נעשאָמע אונ א רויִק לעבנ אפ דער וועלט, וואָס פאר דעמ האָבנ מיר פארזוכט אונ געליטנ פונ די אָנגעוויזענע רויבער די אדעליקע וואָגלעניש אונ גענוג צאָרעס.

אונ אזוי ווי איצט איז אונדזער נאָמענ אינ רוסלאנד דערהייבנ, דעריבער טוענ מיר באפוילנ מיט אונדזער נאָמענטלעכנ באפעל: די אדעליקע, וואָס געפינענ זיכ נאָכ אינ זייערע גיטער אונ וואָטשינעס, זאָל מענ די דאָזיקע קעגנער פונ אונדזער מאכט, די אופרעגער פונ דער אימפּעריע אונ די אומברענגער פונ די פּויערימ כאפּנ, שטראָפּנ אונ הענגענ, אונ טאָנ מיט זיי אלציינס, ווי זיי זײַנענ זיכ באגאנגענ מיט זייערע פּויערימ, אונ ווענ מע וועט אויסטראָטנ די סאָנימ אונ די רויבער די אדעליקע, וועט יעדער קאָנענ דערווערבנ זיכ א רויִק לעבנ, וואָס וועט דויערנ דויר־דוירעס“.

פּוגאטשאָווס פּראָגראם האָט פולשטענדיק אָנטשפּראָכנ די שטרעבונגענ פונעמ לײַבייגענעמ פּויערטומ. ס'איז גענוג געווענ, מע זאָל דערהערנ די פּסורע, אז פּוגאטשאָוו דערנענטערט זיכ, אז די פּויערימ זאָלנ זיכ אופהייבנ קעגנ זייערע פּריצימ, גראָמירנ אונ ציגדנ די פּריצישע מאיאָנטקעס, אונ די פּריצימ אליינ דערהארגענענ אָדער אָפּפירנ צו פּוגאטשאָוונ. מאכנעסווײַז פלעגנ זיכ די פּויערימ אוועקלאָזנ צו פּוגאטשאָוונ. זײַנ ארמיי איז געוואָקסנ מיט אנ אומגעהייערער שנעלקייט. אינ עטלעכע טעג ארומ נאָכ דעמ, ווי פּוגאטשאָוו האָט פארלאָזנ קאזאנ, האָט שוינ די ארמיי געציילט העכער 15 טויזנט מאנ. די, וועמענ ס'פלעגט ניט געלינגענ דורכשלאָגנ זיכ צו פּוגאטשאָוונ, פלעגנ זיכ אָרגאניזירנ אינ אייגענע אָטריאַדנ מיט אייגענע פּויערשע פירער. אינ איינעמ אזא אָטריאד (איוואנאָווס) איז געווענ ביז 3 טויזנט מאנ מיט 13 האַרמאַטנ.

די פּוגאטשאָווישע באוועגונג איז געוואָרנ באזונדערס געפערלעכ פאר דער אדעליקער מעלוכע. די קלאנגענ וועגנ דעמ פּויערשנ צאר האָבנ זיכ שנעל פארשפּרייט איבערנ גאנצנ לאנד. זיי האָבנ זיכ דערקײַקלט אפילו ביז מאָסקווע. אינ גרוים שרעק פלעגנ זיכ די אדעליקע צוהערנ צו די שמועסנ וועגנ „פּיאָטער פּיאָדאָראָוויטשנ", וועלכע עס פלעגנ פירנ זייערע דינער אונ דער מאָסקווער „האמוינ".

פּוגאטשאָווס מאַפּאָלע

די אָנגעשראָקענע אדעליקע רעגירונג האָט אָנגעשטרענגט אלע קרעפטנ, כדי צו ספראווענ זיכ מיט דער פּוגאטשאָווישער באוועגונג אונ ניט דערלאָזנ, זי זאָל זיכ ארײַבערוואַרפנ אינ צענטער. מע האָט זיכ צוגעײַלט שליסנ שאָלעמ מיט טערקײַ, מיט וועמענ רוסלאנד האָט מילכאָמע גע־

האַלטנ 4 יאָר נאָכאַנאַנד. צום קאַמפ קעגנ פוגאַטשאָווונ האָט מענ אַרויסגעשטעלט קאָלאָסאַלע מיליטער־קרעפטנ אונ די בעסטע גענעראַלנ. אונ עס האָט זיכ זיי אײַנגעגעבנ פאַרצאַמענ פוגאַטשאָווונ דעמ וועג צו מאָסקווע. צוקומענדיק צו קורמיש (אַפנ וועג פונ קאַזאַנ צו ניזשני־נאָווגאָראָד), האָט ער זיכ אַ קער געטאָנ אַפ דאָרעמ, פאַרפאָלגט פונעמ רעגירונג־מיליטער. אַפטרעטנדיק, פלעגט פוגאַטשאָוו אָנ קיינ שום ווידערשטאַנד פאַרנעמענ איינע נאָכ דער אַנדערער די וואָלגע־שטעט. די שטאָטישע מאַסנ פלעגנ פוגאַטשאָוונ אומעטום מיט פרייד אופנעמענ, פלעגנ אימ אַנטקעגנקומענ מיט ברויט אונ זאַלצ אונ פלעגנ אַנטוואָפענענ די שטאָטישע מאַכט. פוגאַטשאָוו האָט אָבער קיינ צײַט ניט געהאַט צו אָרגאַניזירנ די דאָזיקע קרעפטנ צום קאַמפ. די רעגירונג־אַרמיי האָט אימ אַקשאָנעסדיק פאַרפאָלגט. דעמ 24־טנ אויגוסט איז ער צעקלאַפט געוואָרנ בײַ טשאָרני יאַר. מיט אַ קליינ הײַפל אָנהענגער איז ער אַנטלאָפנ אַפ יענער זײַט וואָלגע. דאָ האָבנ אימ געכאַפט זײַנע אייגענע מענטשנ, וואָס האָבנ מיטנ פרײַז פונ פאַראַט געוואָלט זיכ ראַטעווענ דאָס לעבנ, אונ האָבנ אימ אַרויסגעגעבנ דער רעגירונג.

פוגאַטשאָוו אינ שטײַג

די נעקאָמע איבער די פוגאַטשאָווער

מע האָט אָנגעהויבנ אַכזאָריעסדיק אָפצורעכענענ זיכ מיט די אָנטיילנעמער פונ דעמ אופשטאַנד. אומעטום, וווּ עס זײַנענ געווענ אופשטאַנדנ, זײַנענ צעשיקט געוואָרנ שטראָפ־אָטריאַדנ. גראַפ פ י אָ ט ע ר פ אַ נ י נ, וואָס איז געווענ דער אָנפירער מיטנ דערשטיקנ די באַוועגונג, פלעגט געבנ אַזעלכע אָנווײַזונגענ די שטראָפ־אָטריאַדנ:

„אינ די אַלע שטעט אונ יישובים, וווּ די אײַנוווינער האָבנ אופגעהויבנ די הענט אַפ צו דערמאָרדנ זייערע וואָיעוואָדעס, די פאַרשיידענע שעפנ, וואָס איר מאַיעסטעט האָט באַשטימט, די אייגענע פריציםמ אונ די גאַלאָכימ, זאָל מענ כאַפּ די מערדער אַליינ טוי אויב די פאַרעטער, שטראָפנ מיט טויט, אָפהאַקנדיק זיי פריער אַ האַנט אונ אַ פוס, אונ דערנאָכ דעמ קאָפ אונ דעמ גופ אַרופלייגנ אַפ רעדער בײַ די דורכפאָר־וועגנ. אַלע אָנ אויסנאַמ אָנהענגער פונ די דאָזיקע בונטאָווששיקעס שמײַסנ אָנ ראַכמאָנעס בײַ דער טליע מיט ריטער. צוליב דער דאָזיקער שטראָפ אוועקשטעלנ, אונ ביז אַ באַפעל ניט אַראָפנעמענ, אינ אַלע יענע יישובימ, וואָס האָבנ געבונטעוועט, צו אײַנ טליע, צו אײַנ ראָד אונ צו אײַנ האַקנ אַפ צו הענגענ פאַרנ ריפ".

מע האָט זיכ אַכזאָריעסדיק אָפגערעכנט אויכ מיט די פירער פונעמ אופשטאַנד. בעלאָבאָראָדאָוונ האָט מענ געקעפט אינ מאָסקווע. סאַלאַוואַטנ אונ זײַנ פאָטער יולײַ האָט מענ אַרומגעפירט איבער די זאַוואָדנ אונ די באַשקירישע דערפער אונ אומעטום זיי געשלאָגנ מיט אַ בײַטש. נאָכדעמ האָט מענ זיי בײדנ אויסגעשניטנ די נאָזלעכער אונ פאַרשיקט אַפ קאַטערגע.

פּוגאַטשאָוון אַלײנ האָט מענ אינ א שטײג אָפּגעפירט קײנ מאָסקווע.

מע האָט אים פאַרמישפּעט צו אנ אכזאָריעסדיקנ טויט — דורכ „פערטלענ". 10 יאַנוואַר 1775 יאָר איז פּוגאַטשאָוו געקעפּט געוואָרנ אָפּ דער באָלאָטע (א פּלאַצ אינ מאָסקווע). א סאַכ אַדעליקע האָבנ זיכ צונויפגעזאַמלט קלײבנ נאַכעס באַ דער קעפּונג פונ דעמ „שרעקלעכנ" פּוגאַטשאָוונ. אײנע א פּריצטע האָט, דערמאָ־נענדיק זיכ דעמ טאָג, ווענ מע האָט געקעפּט פּוגאַטשאָוונ, אַזוי דערצײלט: „מיר זײַנענ געווענ גליקלעכ, וואָס אונדזער קאַרעטע איז געשטאַנענ פּונקט קעגניבער דעמ קעפּונג־אָרט, אונ מיר האָבנ אַלצ גענוי געזענ".

די פּוגאַטשאָווישע באַוועגונג אַלס די גרעסטע פונ די רוסישע פּויערימ־מילכאָמעס

ווי אינ דער ראַזינישער באַוועגונג, אינ סמעלנ'יצקיס, בולאַ־ווינס, אַזוי איז אויכ אינ דער פּוגאַטשאָווישער באַוועגונג די באַזע געווענ דער קאַמפּ קעגנ לײַבײגנשאַפט פונ די מאַסנ, וואָס זײַנענ געווענ פאַרקנעכטעט, דער קאַמפּ פאַרנ באַפרײַענ דעמ פּראָ־דוצירער. די ספּעציפישקײַט פונ דער פּוגאַטשאָווישער באַוועגונג איז פריִער פונ אַלצ דער נאָכ ברײטערער אָנטײל פונ די קאָלאָ־ניאַלע פעלקער אינ דער פּויערימ־מילכאָמע.

נאָכ וויכטיקער איז דאָ נאָכ אײנ שטריכ — דאָס, וואָס אינ דער באַוועגונג האָבנ אָנטײלגענומענ זאַוואָדישע אַרבעטער. רוסלאַנד איז אינ XVIII יאָרהונדערט געווענ א לאַנד מיט א באַדײַטנדיק אויסגעוואַקסענער, אינ פאַרגלײַכ מיטנ XVII יאָרהונדערט, גרויס־אינדוסטריע. דער אָנטײל פונ די זאַוואָדישע אַרבעטער האָט ניט נאָר געהאָלפנ די פּוגאַטשאָווער צו באַוואָפענענ די אַרמײ. די אַרבעטער־מאַסע האָט אויסגעטײלט פונ אירע רײענ אויכ גרויסע אָרגאַניזאַטערס פונ דער באַוועגונג (צומבײַשפּיל, בעלאָבאָראָדאָוונ).

די שטאַרקע רײַפקײַט פונ דער פּוגאַטשאָווישער באַוועגונג האָט זיכ געלאָזט פילנ אינ איר גרויסער אָרגאַניזירטקײַט. די פּוגאַטשאָווישע פּראָגראַמ איז געווענ אויסגעאַרבעט קלאָרער, ווי די ראַזינישע. ס'איז גענוג צו פאַרגלײַכנ די ראַזינישע „הערלעכע" בריוו מיט די פּילצאָליקע מאַניפעסטנ, וואָס עס פלעגט אַרויסלאָזנ די פּוגאַטשאָווישע קאָלעגיע.

אויכ אינ קריג־היטזיכט איז די אַרמײ פונ די אויפגעשטאַנענע געווענ אָרגאַני־זירט בעסער, ווי אינ די פּויערימ־מילכאָמעס פונ XVII יאָרהונדערט (מאָביליזאַ־ציע, באַזאָרגונג פונ דער אַרמײ מיט דערנערונג אאַזװ).

די סיבעס פונ דער מאַפּאָלע פונ דער פּוגאַטשאָווישער באַוועגונג

דאָכ איז די פּוגאַטשאָווישע באַוועגונג צעבראָכ...

וואָס זײַנענ געווענ די סיבעס דערפונ?

צוקוקנדיק זיכ צו דעמ גאַנג פונ דער פּוגאַטשאָווישער באַוועגונג, דאַרפנ מיר פאַרצײכענענ אינ איר די זעלבּיקע צעשפּליטערטקײַט, וואָס איז אײגנטימלעכ פאַר די פריִערדיקע פּויערימ־מילכאָמעס, וועלכע מיר האָבנ דערלערנט. די מאַסנ אָנטײלנע־מער פונעמ אויפשטאַנד האָבנ זיכ באַגרענעצט מיטנ קאַמפּ קעגנ זײערע נאָענטסטע סאָנימ. די קאָזאַקנ איז געלעגנ אינ קאָפּ מער פונ אַלצ דער קאַמפּ קעגנ זײערע אָרענבורגער סאָנימ. די באַשקירנ האָבנ געוואָלט אַרויסטרײַבנ פונ זײער ערד די רוסישע אינדוסטריִעלער אונ ווײַטער עפּעס גרעסערס האָבנ זײ אַפילע ניט געטראַכט: זײ האָבנ, צומבײַשפּיל, ניט אָנטײלגענומענ אינ דעמ מאַרש אָפּ דער וואָלגע. די

וואָלגער פויערים האָבנ נעקעמפט קעגנ זייערע פּריצים אונ זעלטנ ווענ זיי פּלעגנ זיכ אָוועקלאָזנ ווײַטער פונ זייער ראַיאָנ.

מיט דער פויערשער באַגרענעצטקײַט איז פאַרבונדנ אויכ אַ צווייטע סיבע, וואָס האָט אונטערגעריסנ די קרעפטנ פונ דער פוגאַטשאָווישער באַוועגונג, — דאָס זײַנענ די מיינונג־פאַרשיידנהײַטנ אינ לאַגער פונ די אויפשטענדלער צווישנ די פאַרשיידענע גרופּעס אַנטיילנעמער פונ דער פוגאַטשאָווישער באַוועגונג. דער אַלגע־מיינער ציל — דאָס אַראָפּוואַרפנ די לײַביגנטימערישע אָרדענונג — פלעגט פאַר־געסנ ווערנ אונ עס פלעגנ אַרויסגערוקט ווערנ די פּריוואַטע אינטערעסנ פונ באַזונ־דערע גרופּעס. גראַמירנדיק די זאַוואָד־אייגנטימער, די פּריצים אונ די גאַלאַכים, האָבנ די באַשקירנ אינ דער זעלבער צײַט געשלאָגנ אויכ די רוסישע אַרבעטער אונ פּוי־ערים. דעריבער איז דער בונד צווישנ די באַשקירנ אונ די באַרג־זאַוואָדישע אַרבע־טער געווענ ניט קיינ פעסטער. צווישנ די קירגיזנ אונ באַשקירנ, צווישנ די באַש־קירנ אונ קאַלמיקנ איז, ווײַטער, געגאַנגענ אַ קאַמפּ פאַר די פּאַשע־פּלעצער, אונ אַפילע צווישנ די באַשקירנ, קירגיזנ אונ אַנדערע פעלקערשאַפטנ גופע האָט ניט געקאָנט זײַנ קיינ אייניהײַטלעכער פראָנט אינ קאַמפּ קעגנ די לײַביגנטימער. די רײַ־כע קאָזאַקישע סטאַרשינעס זײַנענ געווענ בלויז צײַטווײַליקע מיטלויפער פונ דער באַ־וועגונג, וואָס זײַנענ גרייט געווענ מאַכנ אַ פּשאָרע מיט די רוסישע לײַביגנטימער. אַזוי אַרום האָבנ די אינערלעכע ווידערשפּרוכנ צעריסנ די פוגאַטשאָווישע באַוועגונג.

ענדלעכ, דאַרפ מענ אויכ נעמענ אינ אַכט, אַז, ניט געקוקט אפ דער שטיצע פונ די אוראַלער אַרבעטער, איז פוגאַטשאָווס אַרמיי דאָכ געווענ ערגער באַוואָפנט אונ ערגער געשולט, ווי די רעגירונג־אַרמיי. באַזונדערס האָט זיכ דאָס אַרויסגעוויזנ אינעם לעצטנ פּעריאָד פונ דער באַוועגונג (אפ דער וואָלגע). דער וואָלגער פּויער האָט געהאַסט די לײַביגנטימערישע אָרדענונג ניט ווייניקער, ווי דער אוראַלער לײַביגענער אַרבעטער אָדער דער באַשקיר, ער האָט אָבער ניט געקאָנט אַזוי גוט באַגיינ זיכ מיט געווער, ווי דער באַשקיר, אונ האָט אויכ ניט געקאָנט גיסנ קיינ האַרמאַטנ. ער האָט זיכ געשלאָגנ מיטנ דראָנג, מיטנ דרעש־שטעקנ, מיט דער האַק.

בײַקומענ די פויערשע באַגרענעצטקײַט פונ דער באַוועגונג האָבנ אויכ ניט געקאָנט די אוראַלער אַרבעטער. מע דאַרפ ניט פאַרגעסנ, אַז דער אַרבעטער פונ XVIII יאָרהונדערט איז ניט געווענ קיינ עכטער פּראָלעטאַריער. אַלס קלאַל האָט ער זיכ נאָכ ניט אָפּגעריסנ פונ דער פויערשער ווירטשאַפט. נאָכמער, אַפילע דאַנ, ווענ ער פלעגט ווערנ אַ שטענדיקער אַרבעטער, פלעגט ער אויכ ניט זײַנ קיינ באַ־וווסטזיניקער פּראָלעטאַריער, ווײַל ער האָט געשטרעבט אומקערנ זיכ צו דער ערד.

די באַגרענעצטקײַט פונ דער פויערים־באַוועגונג האָט זיכ אויכ אַרויסגעוויזנ אינ דער פּאָליטישער פּראָגראַם. דער לײַביגנטום־מעלוכע האָט זי קעגנגעשטעלט די אי־דיי פונ אַ פויערשנ קייסער, אונ ניט דעם לאָזונג אַראָפּצוואַרפנ די מאָנאַרכיע.

ניט האָבנדיק קיינ עכטע פּראָלעטאַרישע אָנפירונג האָט די פוגאַטשאָווישע באַ־וועגונג ניט געקאָנט אַראָפּוואַרפנ די לײַביגנטימערישע אָרדענונג. *זיגנדיק צײַטווײַליק אינ באַזונדערע ערטער, האָט די פוגאַטשאָווישע באַוועגונג אינגאַנצנ גענומענ געליטנ מאַפּאָלעס.*

די מאַפּאָלע פונ דער פוגאַטשאָווישער באַוועגונג באַשטעטיקט ווידעראַמאָל די טיפע ריכטיקײַט פונ דעם געדאַנק, וועלכנ עס האָבנ ניט איינ מאָל אונטערגע־

שטראַבנ די גרעסטע לערער פונ מאַרקסיזמ, אז ס'איז אומעגלעכ, אז דאָס פויערטומ זאָל זיכ דערשלאָגנ א ניצאָכנ אָנ דער פּראָלעטאַרישער אָנפירונג.

„באַזונדערע פויערשע אופשטאַנדנ, אפילע אינ דעמ פאַל, אויב זיי זײַנענ ניט אַזעלכע רויבערישע אונ ניט־אָרגאַניזירטע, ווי בא סטענקע ראַזינענ, קאָנענ צו קיינ שומ ערנסטעס ניט ברענגענ. פויערימ־אופשטאַנדנ קאָנענ ברענגענ צו דער־פאָלג נאָר אינ דעמ פאַל, אויב זיי פאַרנ זיכ צונויפ מיט ארבעטער־אופשטאַנדנ, אונ אויב די ארבעטער פירנ אָנ מיט די פויערימ־אופשטאַנדנ. נאָר א קאָמבי־נירטער אופשטאַנד בעראָש מיטנ ארבעטער־קלאַס קאָנ ברענגענ צומ ציל" (סטאַלינ, א שמועס מיטנ דייטשישנ שרײַבער עמיל לודוויק).

פראַגעס:

אָפּ וועלכע קרעפטנ האָט זיכ געשטיצט די פוגאַטשאָווישע באַוועגונג אָפּ דער וואָלגע?

וועלכע אופגאַבעס האָט זי פאַר זיכ געשטעלט?

פאַרוואָס איז זי געוואָרנ אַזוי שטאַרק געפערלעכ פאַר דער אדעליקער רעגירונג?

וויאַזוי האָט די רעגירונג זיכ צערעכנט מיטנ אופשטאַנד?

פאַרוואָס האָט די פוגאַטשאָווישע באַוועגונג געליטנ א מאַפּאָלע?

וואָס פאַר א ראָליע האָבנ אינ דער פוגאַטשאָווישער באַוועגונג געשפילט די ארבעטער?

פאַרגלײַכט די פוגאַטשאָווישע באַוועגונג מיט דער ראַזינישער (ווער האָט אָנ־געפירט דעמ אופשטאַנד, וועלכע אופגאַבעס האָבנ זיכ די דאָזיקע באַוועגונגענ געשטעלט, פאַרוואָס האָבנ זיי געליטנ מאַפּאָלעס).

58. די אדל־מאָנאַרכיע אינ דער צווייטער העלפט XVIII יאָרהונדערט

די רעפאָרמעס אינ דעמ רעגירונגס־אויפנ נאָכ דער פוגאַטשאָווישער באַוועגונג

דער מעלוכישער מיליטעריש־ביוראָקראַטישער אפּאַראַט, וואָס האָט זיכ אויסגעבילדעט אינ XVII אונ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט, איז געוואָרנ עטוואָס אופגעטרייסלט דורכ דעמ קאַמפּ פונ פאַרשיידענע גרופּעס אינעמ אדל אינ דער צווייטער העלפט XVIII יאָרהונדערט. פאַרנ פעריאָד צײַט פונעמ 1725 יאָר ביזנ 1762 יאָר זײַנענ אָפּנ רוסישנ טראָנ געזעסנ 7 קייסאָרימ, פונ זיי זײַנענ פיר ארופגעזעצט געוואָרנ אָפּנ טראָנ מיט דער דירעקטער אַרײַנמישונג פונ די גוואַרדייִשע פאָלקנ, אונ 2 האָבנ די גוואַרדייער אראָפּגעזעצט.

אינ דער עפּאָכע פונ אדעליקע איבערקערענישנ האָבנ באַזונדערע גרופּעס אדעליקע עטלעכע מאָל געפּרוּווט פאַרפעסטיקנ די מאַכט אינ זייערע הענט, באַגרענעצנדיק די צארישע זעלבסטהערשונג לטובֿת די אדעליקע. די פוגאַטשאָווישע באַוועגונג האָט געצוווּנגענ דעמ אדל אָפּזאָגנ זיכ פונ די טרוימענ וועגנ אַנ אדעליקער קאָנסטיטוציע. צומ קאַמפּ קעגנ דעמ „אינערלעכנ סוינע" האָט מענ באַדאַרפט האָבנ א פעסטע מאַכט. אונ די רעפאָרמעס פונ יעקאַטערינע II, וואָס זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ באַלד נאָכ דער פוגאַטשאָווישער באַוועגונג, האָבנ טאַקע געהאַט דעמ ציל צו פאַרשטאַרקנ דעמ מעלוכישנ אפּאַראַט צומ קאַמפּ קעגנ פויערטומ.

דער „סטאַטוט וועגנ די גובערניעס“, וואָס איז אַרויסגעגעבנ געוואָרנ אינעם יאָר, ווענ ס'איז דערשטיקט געוואָרנ די פּוגאַטשאָווישע באַוועגונג (1775 יאָר), האָט צעטיילט דאָס לאַנד, אַנשטאָט די פריִערדיקע גרויסע גובערניעס (וואָס זײַנענ באַשטימט געוואָרנ פאַר פּיאָטער I) אפ 50 גובערניעס. אינ יעדער גובערניע „אפּ־אופּצוהאַלטנ די אָרדענונג אונ רו“ האָט זיכ געפונענ אַנ אָטריאַד פוסגייער־אונ רײַטער־מיליטער. מיטנ פאַרקלענערנ די גובערניעס איז געזיכערט געוואָרנ אַ שנעלע הילפ פונ דער רעגירונג פאַרנ פּאָרעצ אינ פאַל פונ פּויערים־אומרוענ. עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרנ אויכ די פּאָליציי אינ די גובערניעס אונ אויעזדנ (די גובערניעס זײַנענ געווענ צעטיילט אפ אויעזדנ).

קרוינענ דעמ מיליטעריש־פּאָליצייִשנ אַפּאַראַט פלעגט דער אַלרוסלענדישער זעלבסטהערשער אָדער זײַנ פאַוואָריט. נאָכ דער פּוגאַטשאָווישער באַוועגונג איז דער הערשער געוואָרנ יעקאַטערינעס פאַוואָריט פּ אָ ט י אָ מ ק י נ. פאַר דעמ פאַוואָריט פלעגט קריכנ אפ אַלע פיר אפילע די העכסטע אַריסטאָקראַטיע.

צומ פרימאָרגנ־אופנעמ פונעמ פאַוואָריט פלעגט זיכ אופזאַמלענ אַ גרויסער האַמוינ קלײַנטנ אונ הויפלײַט פונ אַלע מינימ, וואָס פלעגנ וועלנ עפּעס אַרויסקריגנ פונ זײַנ האַנט. „די סאַמע אַריסטאָקראַטישע לײַט, דערינ גובערנאַטערס אונ שטאַטהאַלטערס, פלעגנ אינ דער גאַנצער פּאַראַד־אוניפאָרמ אונ אינ אַלע זייערע אָרדענס זיכ צוזאַמענפאָרנ פאַר הונדערטער ווערסטנ ווײַט באַגעגענענ דעמ פאַרבײַפאָרנדיקנ פּאָטיאָמקינ, — אונ ער פלעגט גאַנצ אָפּט אפילע ניט אַרויסגיינ פונ זײַנ פאַרמאַכטנ עקיפּאַזש, ווו ער פלעגט שלאָפנ אָדער ליִענענ אַזוי, אַז דעמ אָנגעקומענעמ הויכגעשטעלטנ פּובליקומ פלעגט בלויז איבערבלײַבנ צו גריסנ זיכ מיט די לאַקייענ אונ מיט די פערד פונעמ פירשט“. (פּ אָ ק ר אָ ו ס ק י).

די פריווילעגיעס פונ די אַדעליקע

די אַלמעכטיקע אימפּעראַטערנ האָט געדינט דעמ אַדל אונ זײַנ פאַרבינדעטנ — דעמ גרויסנ סאָכרימטום. דער אַדל האָט זיכ געניייטיקט אינ אַ שטאַרקער מאַכט אונ האָט זיכ פאַרוייניקט אַרומ דעמ טראָנ. די רוסישע קייסאָרימ פונ XVIII יאָרהונדערט פלעגנ אפילע ניט אויסבאַהאַלטנ דעמ אַדעליקנ אינהאַלט פונ זייער פּאָליטיק. אינ סאַמע ברענ פונ דער פּוגאַטשאָווישער באַוועגונג האָט יעקאַטערינע זיכ דערקלערט פאַר אַ „קאַזאַנער גוטסבאַזיצערנ“ אונ האָט אָנטיילגענומענ אינעמ אָרגאַניזירנ פונ דעמ קאַזאַנער אַדל מיליטער־קרעפטנ צומ דערשטיקנ די פּויערים־מילכאָמע. אַ ריי געזעצנ, וואָס זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ אינ פאַרלויפ פונ XVIII יאָרהונדערט, האָבנ פאַרגרעסערט די פריווילעגיעס פונ די אַדעליקע. אינ 10 יאָר אַרומ נאָכ דער פּוגאַטשאָווישער באַוועגונג האָט יעקאַטערינע אַרויסגעגעבנ אַ „געשאַנק־גראַמאָטע דעמ אַדל“, ווו עס זײַנענ געווענ אויסגערעכנט אַלע פריווילעגיעס פונעמ אַדל.

אָט זײַנענ די וויכטיקסטע פונקטנ פונעמ דאָזיקנ „בריוו“:

„דער אַדעליקער גיט איבער זײַנ ייִכעסדיקע אַדל־ווירדע בעירושע זײַנע קינדער.
אָנ אַ געריכט טאָר ניט אָפּגענומענ ווערנ באַמ אַדעליקנ זײַנ אַדל־ווירדע.
אָנ אַ געריכט טאָר ניט אָפּגענומענ ווערנ באַמ אַדעליקנ זײַנ לעבנ.
אָנ אַ געריכט טאָר ניט אָפּגענומענ ווערנ בא דעמ אַדעליקנ זײַנ גוט.
דער אַדעליקער דאַרפ זיכ ניט מישפּעטנ, אַכוצ מיט זײַנ גלײַכנ.
לײַב־שטראָפ זאָל ניט אָנרירנ דעמ אַדעליקנ.
מיר באַשטעטיקנ אָפ אייביקע יאָרנ אונ אָפ דור־דוירעס דעמ רוסלענדישנ ייִכעסדיקנ אַדל אומאָפּהענגיקײַט אונ פרײַהײַט.
פאַר די אַדל־לײַט ווערט באַשטעטיקט דאָס רעכט צו קויפנ דערפער.

די אדל־לײַט איז דערלויבט צו האָבנ פאבריקנ אונ זאוואָדנ אינ די דערפער.

די אדל־לײַט איז דערלויבט אײַנצואָרדענענ אינ זײערע וואָטשינעס מערק אונ יארידנ.

די אדל־לײַט איז דערלויבט צו פארקויפנ אינ הורט אָדער פונ די אָנגעוויזענע האפנס אפ יענער זײַט יאמענ אָפּשיקנ סכוירע. וואָס וועט בא זײ אויסוואקסנ אָדער אויסגעארבעט ווערנ.

דער אדלמאנ אליינ ווערט באפרײַט פונ פערזענלעכע טשינשנ.

אונדזערע טרײַ־אונטערטעניקע אדל־לײַט איז דערלויבט אופצוזאמלענ זיכ אינ יעדער גובערניע, ווו זײ האָבנ זײער וווינאָרט, אונ בילדנ אנ אדעליקע געזעלשאפט".

דער הערשנדיקער אדל־שטאנד איז אויכ שטייגעריש געווענ אויסגעטיילט פונ דער גאנצער איבעריקער באפעלקערונג. דער אדעליקער פלעגט זיכ קליידנ אנדערש, ווי אלע איבעריקע, פלעגט טראָגנ א שפּאגע. נאָר אנ אדעליקער האָט געהאט דאָס רעכט ארויסצופאָרנ אינ א קארעטע. די אדל־קינדער האָבנ זיכ געלערנט אינ ספּעציעלע פאר זײער שטאנד לערנאנשטאלטנ (קאדעטישע קאָרפּוסנ אונ אינסטיטוטנ „פאר אדעליקע מיידלעכ").

בילדנדיק אינ XVIII יה. א פּריווילעגירטנ שטאנד, איז דער אדל געווענ דער עמעסער באלעבאָס פונעם לאנד.

די אויסערלעכע פּאָליטיק פונ דער אדל־מאָנארכיע פונ XVIII יאָרהונדערט

פאָרזעצנדיק דירעקט די אינערלעכע פּאָליטיק פונ דער פּאָריקער עפּאָכע, איז די אדעליקע זעלבסטהערשונג אויכ אינ די פראגעס פונ דער אויסערלעכער פּאָליטיק געגאנגענ מיטנ זעלביקנ וועג.

דאָס פארכאפּנ נײַע לענדער אונ האנדל־וועגנ, וואָס פארלײַכטערנ דעמ סכוירע־ארויספיר, איז געבליבנ די גרונט־אופגאבע פונ דער דאָזיקער פּאָליטיק. א קאָלאָסאלער דערפאָלג פאר די רוסישע לײַבייגנטימער אינ סאָפ XVIII יאָרהונדערט איז געווענ דאָס פארכאפּנ דעמ גרעסטנ טייל פוילנ. נאָכ א גרעסערע באדײַטונג האָט געהאט דאָס פארכאפּנ דאָס ברעגלאנד פונעמ שווארצנ יאמ נאָכ א ריי דויערדיקע מילכאָמעס מיט די טערקנ. דורכ די שווארציאמישע פּאָרטנ האָט זיכ אופגעעפנט א וועג אפנ אויסלענדישנ מארק פארנ רוסישנ ווייצ, וועלכער ווערט סאָפ XVIII יאָרהונדערט דער וויכטיקסטער פּראָדוקט פונ דעמ רוסישנ עקספּאָרט־האנדל.

פארכאפּט פונ די ניצכוינעס איבער די טערקנ, האָט יעקאטערינע II אָנגעהויבנ צו טרוימענ וועגנ פארכאפּנ טערקײַ אינגאנצנ. קאָנסטאנטינאָפּאָל ווערט פונ סאָפ XVIII יה. דער טרוימ פונ די רוסישע פּריציעמ, וואָס פלעגנ ארויספירנ ווייצ.

די אומפארמײַדלעכקײַט פונ דער צעפאלונג פונעמ לײַבייגנטומ

די דערפאָלגנ פונ דער אויסערלעכער פּאָליטיק, די דעראָבערונגענ אינ מײַרעוו, דאָרעמ אונ מיזרעכ האָבנ טאָרמאָזירט דעמ צעפאלונג־פּראָצעס פונ דער לײַבייגענערווירטשאפט, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ. פונדעסטוועגנ קומט פאר אָט דער פּראָצעס נאָכ דער פוגאטשאָווישער באוועגונג מיט אלצ א שנעלערנ טעמפּ. סאָפ XVIII יאָרהונדערט אונ אָנהייב XIX יאָרהונדערט ווערנ אינ די טיפענישנ פונעמ רוסישנ לײַבייגנטומ פארשטארקט די שפּראָצונגענ פונ קאפּיטאליזמ.

די צעפאלונג פונעמ פעאָדאליזמ אינ רוסלאנד איז אויכ פארשנעלערט געוואָרנ אונטער דער ווירקונג פונ די גרויסע איבערקערענישנ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ אינ מײַרעוו־אייראָפּע סאָפ XVIII יאָרהונדערט. אינ דער צײַט פונ דער פוגאטשאָ־

ווישער באוועגונג האָט זיכ אינ ענגלאנד אָנגעהויבנ די אינדוסטריעלע איבערקערע-
ניש. אונ עטוואָס שפּעטער האָט זיכ אינ פראנקרייכ צעפלאקערט א גראנדיעזע
בורזשואזע רעוואָליוציע.

אינ דער זעלבער צייט, ווענ דער רוסישער אדל האָט צעגראַמירט די פויערים
אונ פארפעסטיקט זיינ הערשנדיקע לאגע, האָט שוינ אינ פראנקרייכ די רעוואָליוציע
געבראָכנ די קיניגלעכע פּאלאצנ אונ פארניכטעט די פריווילעגיעס פונ דעם פראנ-
צויזישנ אדל.

פ ר א ג ע ס :

וואָס פאר א פארבינדונג איז פאראנ צווישנ די רעפאָרמעס פונ יעקאטערינע II
אונ דער פוגאטשאָווישער באוועגונג?

פארוואָס פארשטארקט זיכ צום סאָפ XVIII יאָרהונדערט דער קאמפּ פאר-
שווארצנ יאמ?

פארוואָס האָט דאָס ליטביגנטום פאַרמאָזירט די אנטוויקלונג פונ רוסלאנד?

וואָס פאר א סימאָנימ פונ צעפאלונג פונעמ פעאָדאליזמ זיינענ שוינ געווענ אינ
רוסלאנד אינ XVIII יאָרהונדערט?

אינהאלט

קאפיטל I. די אפשטאמונג פונעם פעאדאליזם אינ מערעוו-אייראפע: 1. די צעפאלונג פונ דער שקלאפנ=באזיצערישער ארדענונג פונ דער רוימישער אימפעריע (ז. 3); 2. די צעפאלונג פונ דער שטאמ=ארדענונג אונ די אנטשטייונג פונעם פעאדאליזם בא די גערמאנער (ז. 8).

קאפיטל II. די פעאדאלע ארדענונג אינ מערעוו-אייראפע (IX—XI יה.). 3. די פעאדאלע ווירטשאפט אונ די לאגע פונ די פויערים (17); 4. די פעאדאלע מעלוכע (26); 5. די פעאדאלע קירכע אונ די אידעאלאגיע (35).

קאפיטל III. די פעאדאלע שטאט. 6. די אנטוויקלונג פונ דעמ שטאטישנ לעבנ (43); 7. די ארגאניזאציע פונ דער שטאטישער באפעלקערונג (48); 8. דער קאמפ פונ די שטעט קעגנ די פעאדאלנ (53).

קאפיטל IV. די אנטוויקלונג פונעם פעאדאלנ האנדל. 9. ביזאנצ אונ די אראבער (58); 10. דער מיטללענדיש-יאמישער האנדל אונ די קרייצ-צוגנ (63); 11. דער האנדל אינ צאפנ=מערעוודיקער אייראפע (68).

קאפיטל V. די פויערים-אופשטאנדנ פונ XIV יה. 12. דאס פויערטום אונ די צעפאלונג פונ דער נאטורעלער ווירטשאפט אינ XIII—XIV יה. (75); 13. דער פויערים-אופשטאנד אינ פראנקרייכ (80); 14. דער פויערים=אופשטאנד אינ ענגלאנד (85).

קאפיטל VI. דער קלאסנקאמפ אינ די שטעט. 15. די איטאליענישע שטאטישע רעפובליקנ (90); 16. די שטאטישע אופשטאנדנ (97); 17. די אנטשטייונג פונ דער בורזשואזער קולטור אינ איטאליע (102).

קאפיטל VII. די אויסבילדונג פונ שטאנד-מאנארכיעס. 18. די קלאסנ פונ דער מערעוו=אייראפעישער געזעלשאפט אינ XIV—XV יה. אונ די פארשטארקונג פונ דער קיניגלעכער מאכט (106); 19. די שטאנד-מאנארכיע אינ ענגלאנד (110); 20. די אויסבילדונג פונ דער שטאנד=מאנארכיע אינ פראנקרייכ (112).

קאפיטל VIII. די אנטשטייונג פונ דער פעאדאלער ארדענונג אינ מיזרעכ-אייראפע. 21. די צעפאלונג פונ דער פאטריארכאלער שטאמ-ארדענונג בא די מיזרעכ=סלאוואנ אונ בא די פינענ (115); 22. די קיעווער מעלוכע (122).

קאפיטל IX. דער פעאדאליזם אינ מיזרעכ-אייראפע אינ XIII—XV יה. 23. די טאטערנ אונ די גאלדענע הארדע (131); 24. די פעאדאלנ אונ די פויערים אינ XIII—XIV יה. אינ דער צאפנ-מיזרעכדיקער רוס (135); 25. דער גרויסער נאווגאראד (143); 26. די אנטשטייונג פונ דער מאסקווער מעלוכע (149).

קאפיטל X. די אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער לאנדווירטשאפט אינ XVI—XVII יה. אינ די לענדער פונ מערעוו=אייראפע. 27. די צעפאלונג פונ דער צעכעווער האנטווערקעריי (158); 28. די הויז=אינדוסטריע אונ די מאנופאקטור (162); 29. די לאגע פונעם פויערטום אינ XVI—XVII יה. (170).

קאפיטל XI. דער טראנסאקעאנישער האנדל אונ די בארויבונג פונ די קאלאניעס. 30. די גרויסע געאגראפישע אנטדעקונגענ (174); 31.

די באַרויבונג פונ די קאָלאָניעס (179); 32. די אנטוויקלונג פונ געלט-צירקוליאַציע (185).

קאַפּיטל XII. דער קלאַסנקאַמפּ אינ דײַטשלאַנד אונ אינ נידערלאַנדנ אינ XVI יה. 33. די רעפאָרמאַציע אינ דײַטשלאַנד (189); 34. די גרויסע פּויערים-מילכאָמע (195); 35. די קאָנטר-רעפאָרמאַציע (204); 36. די רעוואָליוציע אינ נידערלאַנדנ (206).

קאַפּיטל XIII. די אַבסאָליוטע מאָנאַרכיע אינ פראַנקרײַכ אינ XVI—XVII יה. 37. די אנטוויקלונג פונ אבסאָליוטיזמ (214); 38. דער אופבלי פונעמ אבסאָליוטיזמ (217).

קאַפּיטל XIV. די אנטוויקלונג פונ דער וויסנשאַפט אינ XVI—XVII יה. 39. די בורזשואַזיע אונ די אנטוויקלונג פונ דער וויסנשאַפט (226).

קאַפּיטל XV. די ענגלישע רעוואָליוציע פונ XVII יה. 40. די אנטוויקלונג פונ די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישנ אינ ענגלאַנד אינ XVII יה. (234); 41. דער בירגערקריג (243); 42. די בורזשואַזע דיקטאַטור (250).

קאַפּיטל XVI. דער אופקומ פונ לײַבייגנטומ אונ די מאָסקווער זעלבסטהערשונג אינ XVI יה. 43. דער וווקס פונ דער סכווירעדיקער ווירטשאַפט אינ XVI יה. (257); 44. נײַע דעראָבערונגענ. דאָס אײַננעמענ סיביר (261); 45. דער קאַמפּ פאַר ערד אונ פאַר מאַכט צווישנ די אדעליקע אונ באָיאַרנ (262); 46. דאָס נײַע לײַבייגנטומ-רעכט (269); 47. די פּויערים-מילכאָמע אינ אָנהייב XVII יה. („די מעהומע") (275).

קאַפּיטל XVII. דער וווקס פונ די קלאַסנ-ווידערשפּרוכנ אינ דער מאָסקווער מעלוכע אונ דער קאַמפּ פונ די פּויערימ אינ XVII יה. 48. דאָס דאָרף אינ XVII יה. (282); 49. די שטעט אונ די שטאָטישע אופשטאַנדנ אינ XVII יה. (285); 50. די פּויערים-מילכאָמע אינ אוקראַינע (1648—1654 יו.) (295); 51. די פּויערים-מילכאָמע אינ וואָלגער געגנט אינ 1670—1671 י. (די ראַזינישע באַוועגונג) (301).

קאַפּיטל XVIII. די אויסבילדונג פונ דער רוסלענדישער אימפּעריע אונ די פּויערים-מילכאָמעס אינ XVIII יה. 52. די רוסלענדישע אימפּעריע אינ אָנהייב XVIII יה. (310); 53. די אנטוויקלונג פונ דער לאַנדווירטשאַפט אונ דאָס לײַבייגנטימערישע דאָרף אינ XVIII יה. (318); 54. די אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע אינ XVIII יה. (324); 55. די פּויערים-אופשטאַנדנ פונ XVIII יה. ביז פּוגאַטשאָווס באַוועגונג (329); 56. די פּוגאַטשאָווישע באַוועגונג אפנ אוראַל (334); 57. די פּויערים-מילכאָמע אפ דער וואָלגע (340); 58. די אדל-מאָנאַרכיע אינ דער צווייטער העלפט XVIII יה. (345).

Редактор Канаткин. Техред. С. Абрам. Корректор М. Иткович.
Сдано в производство 3/V—34 г. Подписано к печати 3/VII—34 г.
Бумага 62 X 94$^1/_{16}$. 22 п. л. 52 000 зн. в п. л. «Эмес» 23—а.
Уп. Главлита В—83648. Тираж 10.000.

Тип. изд-ва „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9. Зак. № 404